STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09817

YIDN OYFN SHEYDVEG

Yitshak Korn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק קאָרן

יידן אויפֿן שיידוועג

אַרטיקלען און עסייען

פֿאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ישׂראל

תשל"ח — 1978

Itzhak Korn
JEWS AT THE CROSSROAD

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv, Israel

יצחק קאָרן
ייִדן אויפן שיידוועג

י. ל. פרץ־פאַרלאַג, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©

Printed in Israel 1978

דפוס „להב״ בע״מ, תל־אביב, רח׳ המסגר 60, טל. 36564

קלאַרצן

* *
*

אין דאָזיקן בוך גייען אַריין אַרטיקלען, עסייען, פאַרצייכענונגען וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרשיידענע זשורנאַלן אין משך פון די לעצטע פינף יאָר. זיי נעמען אַרום אין אַלגעמיינע שטריכן די אַקטועלע יידישע פּראָבלעמען פון וועלכע ס׳האָט געפיבערט אונדזער געזעלשאַפט.

מיטן נאָמען „יידן אויפן שיידוועג״, בין איך אויסן אונטערצושטרייכן דעם קלעם אויף פאַרשיידענע שטחים פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. מיין כוונה — נישט פאַרטיפן דעם יאוש און די אָפּהענטיקייט, נאָר פאַרקערט: אַנטפּלעקנדיק פאַרשיידענע פיינלעכע דערשיינונגען, אָנמערקן די וועגן און מיטלען ווי זיי גובר צו זיין און אָנצינדן די האָפענונג און דעם גלויבן אין אַ בעסערער צוקונפט. גלויבן — דאָס איז דאָך אין אַ גרויסער מאָס אַ טייל פון דער יידישער וועלטאַנשויונג.

איך האָב געפּרוווט שטעלן די פראַגע פון דעם שווער געטראָפענעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום און צי וועט איר אַמאָליקע גרויסע השפּעה האָבן אַ המשך אין אונדזער פאָלקסלעבן.

— „יידן אָן יידישקייט״ איז אַן אַלאַרם און וואָרענונג וועגן דער אַסי־מילאַציע־כוואַליע וואָס האָט אין די 70ער יאָרן הויך אַ שלאָג געטאָן און זי באַדראָט אויך דעם ציוניזם און וועט פאָלגלעך רעפלעקטירן אויך אויף דער אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל.

— איך האָב אויך געהאַלטן פאַר נייטיק איינצוזאַמלען צווישן די טאָוולען פון דעם בוך — מיינע מיינונגען און אַרויסטרעטונגען וועגן יידיש און דער וויכטיקער ראָל וואָס די יידיש־קולטור האָט אויצופילן אין אונדזער פאָלקסלעבן.

מיין אויפריכטיקסטן דאַנק מיינע גוטע פריינד, די שרייבערס יצחק יאַנאַסאָוויטש און שלמה שווייצער פאַר זייער הילף ביים צוגרייטן דאָס בוך.

י. ק.

תל־אביב, יולי 1978

א.

ייִדישע פּראָבלעמען

— צי ענדיקט זיך די השפּעה פון מזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום?

— ייִדן אָן ייִדישקייט

— תּשעה־באב קען נישט פאַרבייטן דעם אָנדענק־טאָג פון דער נאַצי־שחיטה

— דער געראַנגל פון סאָוויעטישן ייִדנטום:

א. נאָך דער ערשטער בריסעלער קאָנפערענץ

ב. מדינת ישׂראל און דאָס סאָוועטישע ייִדנטום

ג. ייִדן פון סאָוויעט־רוסלאַנד אין ישׂראל

ד. עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד שטעלן פראַגן

ה. פאַר אַן אידעאָלאָגישער קליטה פון די עולים פון ראַטנפאַרבאַנד

ו. מיט שותּפותדיקע כּוחות אָפּראַטעווען די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד

ז. אין קאַמף מיט גליתן האָט ווידער געזיגט דער קליינער דוד

ח. פאַר אַ דיאַלאָג מיט די ייִדישע אַקאַדעמיקער פון סאָוויעט־רוסלאַנד

ט. מיר זענען מיט אייך אין אייער קאַמף (נאָך דער צווייטער בריסעלער קאָנפערענץ)

י. אונדזער באַציִונג צו די „נושרים"

— די גורל־שותּפות צווישן ישׂראל און דעם וועלט־ייִדנטום

— ישׂראל און די תּפוצות

— אַ דין־תּורה מיט דער פרייער וועלט

— פאַר דער אייניקייט פון ייִדישן פאָלק

— אַ ווענדפּונקט אינעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס

— אויפגאַבן פאַר דער צוקונפט (40 יאָר ייִדישער וועלט־קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן)

— מאַניפעסטאַציע און עיקר (דער ראַט פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן)

— בית לוחמי הגיטאות — אַ הויז וואָס יעדער דאַרף באַזוכן

צי ענדיקט זיך די השפּעה פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום?

א

מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט חיים גרינבערג ז״ל געשריבן אין זיין אַרטיקל „גלות ייִד״: „...דער גלות־ייִד האָט געשפּאַנט איבער דער וועלט פון פינצטערניש (יעדנפאַלס האָט ער אַזוי געזען די וועלט) מיט אַ לאָמטערן אין דער האַנט. דער לאָמטערן איז געבליבן אין דער האַנט, אָבער דער בוימל האַלט ביים אויסרינען. דער ייִד הייבט אָן צו לעבן אין דרויסן מיט אַן אויסגעלאָשענעם לאָמטערן, פון דאַנען דער קריזיס, די פרעמדקייט צו זיך אַליין, די אויסגעוואָרצלטקייט און דאָס לעכצן נאָך וואָרצלען״.

אין זעלבן יאָר האָט אברהם יהושע העשל פאַרעפנטלעכט זיין וווּנדערלעכן עסיי „דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִד״ אין וועלכן ער האָט געשריבן: „ס׳וועט קומען אַ טאָג אין וועלכן מ׳וועט דערזען דאָס פאַרבאָרגענע ליכט פון דער מזרח־אייראָפּעיִשער תּקופה. די דאָזיקע עפּאָפּעע איז געווען דער שיר־השירים אין דער געשיכטע פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר״.

ביידע אויבנדערמאָנטע ציטאַטעס קענען אונדז העלפן באַגרייפן די גרויסע ראָל וואָס דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום האָט געשפּילט אין אונדזער גלות־געשיכטע.

ווען מען באַטראַכט, אין רעטראָספּעקט, דעם גאַנג פון דער ייִדישער געשיכטע פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, זעט מען אַז דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום האָט זיך אויסגעפורעמט ווי אַ רעזולטאַט פון די ייִדישע וואַנדערונגען, וואָס האָבן אין לויף פון די יאָרהונדערטער כּסדר קאַרדינאַל געענדערט די ייִדישע געאָגראַפיע און דעמאָגראַפיע. געגוג צו דערמאָנען, אַז נאָכן חורבן בית שני ביזן 11טן יאָרהונדערט האָבן זיך 80 פּראָצענט פון אַלע ייִדן אין דער וועלט געפונען אין נאָענטן מזרח. ערשט שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן די אויסוואַנדערונגען קיין שפּאַניע, דייטשלאַנד, פראַנקרייך ווו ס׳זענען געשאַפן געוואָרן גרויסע ייִדישע יישובים. דאָס ייִדישע פאָלק הייבט זיך אָן צו באַזעצן אין מערב־אייראָפּע און דאָס פאָלט זיך צונויף מיט אַן ערנסטן צוזאַמענשטויס צווישן קריסטנטום און ייִדנטום. אָט דער ערנסטער צוזאַמענשטויס צווישן דער קריסט־לעכער וועלט מיט די ייִדן האָט אין אַ געוויסער מאָס גורם געווען דערצו אַז צווישן דעם סוף 13טן און סוף 15טן יאָרהונדערט זאָלן די מערסטע מערב־אייראָפּעיִשע ייִדישע קהילות: אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך און צום סוף שפּאַניע צעשטערט ווערן און אין אַ סך פאַלן אַפילו אויפהערן צו עקזיסטירן.

אין דער דאָזיקער שטורמישער תּקופה זענען די ווichטיקסטע ייִדישע גלות־צענטערס איבערגעפּירט געוואָרן אין אַנדערע לענדער און דעמאָלט האָבן זיך ווי אַ פּועל יוצא פון די וואַנדערונגען אויסקריסטאַליזירט די צוויי וויכטיקסטע שטראָמען אין ייִדישן פאָלק: די ספרדים און די אַשכּנזים. די אַנטלאָפענע פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל זענען געלאָפן בעיקר אין די לענדער פון דער גרויסער טערקישער אימפּעריע (אָבער אויך אין האָלאַנד, פראַנקרייך און אין ענגלאַנד). די אַנטלאָפענע פון דייטשלאַנד און פון פראַנקרייך האָבן זיך באַזעצט אין פּוילן און דאָ איז פאַרלייגט געוואָרן דער יסוד פונעם מזרח־אייראָפּעיִשן אַשכּנזישן צווייג.

אויך אין פּוילן האָבן ייִדן געהאַט אויסצושטיין גזירות און פאַרפאָלגונגען מצד דער מאַכט און דער אַרומיקער באַפעלקערונג. געווען צייטן ווען די שׂינאה האָט אַנגענומען די אַכזירותדיקסטע פאָרמען און האָט געבראַכט צום אומקום פון הונדערטער טויזנטער ייִדן (למשל גזירת ת״ח ות״ט). און דאָך זענען דווקא דאָ געשאַפן געוואָרן די יסודות פונעם ייִדישן מזרח־אייראָפּעיִשן שבט, וועלכער האָט אַ חוץ פּוילן, ליטע, רייסן און וואָלין מיט דער צייט אויך אַרומגענומען אונגאַרן און רומעניע. דאָ האָבן ייִדן אין משך פון דער צייט געלעבט אַ מער־ווייניקער סטאַביל לעבן. דאָ האָבן זיך געפונען די באַדינגונגען ס׳זאָל אויפקומען און זיך אַנטוויקלען אַן אייגנאַרטיקע און גייסטיקע ייִדישע יצירה; ס׳זאָל זיך שאַפן אַ פאַרזיכיק ייִדיש־נאַציאָנאַל לעבן מיט אַן אייגענעם פּרצוף און מיט אַ באַזונדער פאַר המשך. מיט איין וואָרט: דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום וועמען ס׳איז שפּעטער אויך באַשערט געווען צו זיין דאָס וויגעלע פון די מאָדערנע נאַציאָנאַלע באַפרייונג־שטרעבונגען פון ייִדישן פאָלק. איינע פון די סיבות פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג איז געווען די ייִדישע מאַסן־קאָנצענטראַציע אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 16טן יאָרהונדערט און איז דערגאַנגען צו איר הויכפּונקט אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט (1880) ווען די ייִדישע באַפעלקערונג האָט דאָ באַטראָפן 75% פון דער אַלגעמיינער צאָל ייִדן אין דער וועלט.

זינט 1880, ווי אַ רעזולטאַט פון דער שטאַרקער פאַרערגערונג פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע פון די ייִדישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע, ספּעציעל אין דער גרויסער צאַרישער אימפּעריע, הייבט זיך אָן די תּקופה פון מאַסן־אויסוואַנדערונגען פון די ייִדן פון מזרח־אייראָפּע קיין מערב, בעיקר קיין אַמעריקע. דאָס ברענגט צו קאַרדינאַלע ענדערונגען אין דער פאַרטיילונג פון די ייִדן אין דער וועלט. פאַר די עפּעס מער ווי פופציק יאָר זינט דעם אָנהייב פון דעם גרויסן עמיגראַציע־שטראָם אין 1881, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן אַן ערך 5 מיליאָן ייִדן פאַרלאָזן זייערע לענדער אין מזרח־אייראָפּע און אויפגעשטעלט גרויסע ייִדישע קיבוצים מעבר לים (צפון־אַמעריקע, דרום־אַמעריקע, דרום־אַפריקע) און אויך פאַרגרעסערט דעם ייִדישן ייִשוב אין

ארץ ישׂראל. אין די ניי־אויפֿגעשטעלטע ייִשובֿים האָבן די ייִדן מיטגעבראַכט זייער מיזרח־אייראָפּעיִש שטייגער־לעבן און די נאַציאָנאַלע ווערטן זייערע וואָס וועלן נאָך לאַנגע יאָרן משפּיע זיין אויף די נייע ייִדישע קיבוצים.

ביים אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז שוין די ייִדישע וועלט־מאַפּע לגמרי אַן אַנדערע ווי זי איז געווען מיט קאַרגע 60 יאָר פֿריִער. ביים אַנהייב פֿון די מאַסן־וואַנדערונגען. אַנשטאָט 75% זענען אין מיזרח־אייראָפּע שוין קאָנצענטרירט נישט מער ווי 46% פֿון אַלע ייִדן אין דער וועלט, אין מערבֿ־אייראָפּע 14%, אין די אַמעריקעס, דרום־אַפֿריקע און אויסטראַליע — 32% און אין נאָענטן מיזרח 8%.

אין דער תּקופֿה ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אויך אָנגעהויבן וואַקסן דער ייִדישער ייִשובֿ אין ארץ ישׂראל, אַ דאַנק דער עליה וואָס איז נישט געווען קיין סתּם אימיגראַציע, נאָר האָט געהאַט פֿאַר אַ בפֿירושן ציל צו בויען אין אַלט־נייעם פֿאָטערלאַנד אַ ניי לעבן און אין דער לעצטער שורה צו באַנייען די ייִדישע שטאַטלעכקייט. אויך אין דעם דאָזיקן פּראָצעס האָבן די מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָל. אין אַ גרויסער מאָס זענען אַ דאַנק זיי פֿאַרלייגט געוואָרן די יסודות פֿון דער שפּעטער אויפֿגעקומענער ייִדי־שער מדינה. נישט אַרייַנגייענדיק אין פּרטים זאָל דאָ אָבער באַמערקט ווערן, אַז די מיזרח־אייראָפּעיִשע פּיאָנערישע עלעמענטן האָבן אין דער געזעלשאַפֿטלעכער און קולטורעלער סטרוקטור פֿון דער נייער געזעלשאַפֿט וואָס האָט זיך דאָ געהאַלטן אין שאַפֿן אַרייַנגעבראַכט ספּעציפֿישקייט. נאָכן אויפֿקום פֿון דער מדינה זענען אין לאַנד אַרייַנגעקומען דער ווייט גרעסטער טייל פֿון די ייִדן וואָס האָבן זיך געפֿונען אין נאָענטן מיזרח, וואָס זייער צאָל האָט שוין איבער־געשטיגן די 50% פֿון דער גאַנצער ישׂראל־באַפֿעלקערונג. ס׳איז דאָ פֿאָרגעקו־מען דער צוזאַמענטרעף צווישן צוויי קולטורן און לעבנס־נוסחאות: פֿון איין זייט דאָס אייגנאַרטיקע פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום און פֿון דער צווייטער זייט — דאָס ספּעציפֿישע פֿון דעם ספֿרדישן און פֿון די מוסולמענישע לענדער־אָפּשטאַמיקע, אָריענטאַלישן ייִדנטום. ישׂראל באַמיט זיך צו געפֿינען דעם סינטעז צווישן ביידע, צו שאַפֿן דעם אייגנטלעכן נייעם ישׂראל־נוסח, נישט נעגירנדיק די אייגנאַרטיקע ווערטן פֿון קיין איינער פֿון די עדות־קאָמפּאָנענטן פֿון דער נייער ישׂראל־געזעלשאַפֿט.

ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דאָס מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום נאָך אויסגעפֿירט אַ דינאַמישע נאַציאָנאַלע ראָלע, נישט געקוקט דערויף וואָס ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז דערפֿון אָפּגע־ריסן געוואָרן דער מער ווי 2־מיליאָניקער זאַפֿטיקער רוסישער קיבוץ וואָס איז פּאַקטיש איזאָלירט געוואָרן פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער מחנה. דאָס רוסישע ייִדנטום איז מיט די יאָרן ביסלעכווייז אָפּגעטיילט און נאַציאָנאַל אַטראָפֿירט געוואָרן. אַזוי האָט עס, לכל הפּחות, אויסגעזען. די סאָוויעטישע ייִדן האָבן נישט געהאַט

קיין מעגלעכקייט צו ברענגען צום אויסדרוק זייערע נאַציאָנאַלע געפילן און פאַראינטערעסירונגען אויף וויפל אַזעלכע האָבן נאָך געטליעט אין זייערע טיפעניש.

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט מיט זיך די גרעסטע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע וואָס איז אונדז ווען עס איז געשען; דאָס אויסראָטן דורך די נאַצישע רוצחים זעקס מיליאָן ייִדן, אַ דריטל פון גאַנצן פאָלק, דעם ווייט גרעסטן טייל פון די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, כמעט דאָס גאַנצע פוילישע ייִדנטום.

ווען מיר רעדן היינט אין דער צווייטער העלפט פון די 70ער יאָרן וועגן דער השפעה פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, איז פאַרשטענדלעך אַז מיר רעדן נישט וועגן די ייִדן וואָס געפינען זיך נאָך היינט געאָגראַפיש אין מזרח־אייראָפּע. ווי געזאָגט איז דער ווייט גרעסטער חלק פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום אַוועק מיטן רויך פון די היטלער־קרעמאַטאָריעס. אין פוילן זענען פאַרבליבן בלויז אַ פּאָר טויזנט ייִדן, מערסטנס אַלטע לייט, וואָס שפּילן קיין שום ראָל נישט אין גלאָבאַלן ייִדישן לעבן. אויך די סאָוויעטישע ייִדן פירן, ליידער, נישט קיין דינאַמיש נאַציאָנאַל ייִדיש לעבן.

בלייבט צו זען וואָס איז מיט דער השפעה פון דעם טייל פון מזרח־אייראָ־פּעיִשן ייִדנטום וואָס איז פאַר די לעצטע 80—90 יאָר דורך די פאַרשידענע וואַנדערונגען צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן איבער די פאַרשידענע לענדער אין דער וועלט, געשאַפן דאָרט ייִדישע קהילות, אָדער צוגעטראָגן זייער קאָנסטרוק־טיוון חלק צו די שוין עקזיסטירנדיקע ייִדישע קהילות.

ב

אין וואָס איז באַשטאַנען דאָס אייגנאַרטיקע פונעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן שבט? פאַר וואָס געפינען מיר ביי אים און נאָר ביי אים באַשטימטע ווערטן און דערשיינונגען וועלכע ס'איז נישט צו געפינען ביי אַנדערע טיילן פון ייִדישן פאָלק? צי און ווי אַזוי האָבן זיך די ווערטן פון די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן אויסגעווירקט אויף די פאַרשידענע אַנדערע טיילן פון פאָלק?

ווער עס וויל דערגרונטעווען די פונדאַמענטאַלע סיבות וואָס האָבן גורם געווען אַז דער אַשכנזישער שבט און בעיקר די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן זאָלן אַנטוויקלען זייערע ספּעציפישע אייגנשאַפטן און אויספורעמען אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע איינהייט, מוז קומען צו דער מסקנה, אַז שוין ביים אָנהייב פון זייער באַזעצן זיך אין די געגנטן פון מזרח־אייראָפּע האָבן זיך די אַשכנזישע ייִדן גע־פונען אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע לגבי דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלכע איז קולטורעל און גייסטיק געשטאַנען פיל נידעריקער ווי זיי. דאָס האָט געפירט דערצו אַז דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִד האָט זיך געפילט פיל פרייער און זעלבסט־שטענדיקער אין זיין באַנעמונג. ער האָט בולטער אַרויסגעוויזן זיין ייִדישקייט, זיין אויפפירונג איז נישט געווען קיין באַהאַלטענע, ער איז נישט געשטאַנען

פֿאַר דער געפֿאַר אַסימילירט צו ווערן דורך דער סבֿיבֿה. אַזעלכע זענען געווען די באַדינגונגען בעת די ערשטע אַנטוויקלונג־עטאַפּן פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

וואָס שייך דעם ספֿרדישן ייִדנטום איז עס שוין פֿון די ערשטע שריט אָן געווען באַאײַנפֿלוסט פֿון די אַראַבישע, מוסולמענישע און שפּאַנישע סבֿיבֿות און האָט איבערגענומען נישט ווייניק פֿון זייערע נוסחאות. עס האָט זיך אָפֿט געפֿונען אין אַ לאַגע, ווו עס האָט צוליב זײַנע קאָנטאַקטן מיט די שכנים געדאַרפֿט זיך פֿאַרענטפֿערן און פֿאַלעמיזירן מיט זיי און צומאָל נישט ווייניק אויפֿן חשבון פֿון דער זעלבסט־אײַנצוימונג. דאַקעגן דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִד פֿלעגט מיט שטאָלץ מאַניפֿעסטירן כּלפּי חוץ דעם ייִדישן לעבנס־נוסח און האָט זײַן נאַציאָ־נאַלע ענערגיע געריכט דער עיקר כּדי אַרויסצוברענגען זײַן ספּעציפֿישקייט אויף אַלע לעבנסגעביטן. פֿילנדיק זיך פֿרײַער לגבי דער אַרומיקער גייסטיקער סבֿיבֿה, האָט דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִד געבויט זײַן אייגן נאַציאָנאַל שטייגער־לעבן. עס זענען געווען די היסטאָריקערס וועלכע באַמערקן אַז דער מזרח־אייראָ־פּעיִשער ייִד האָט אין זײַן תּחום ווייניקער געפֿילט דעם גלות (אַוודאי נישט דאַן ווען ס׳פֿלעגן אויף אים פֿון דרויסן דריקן שווערע גזירות), און אין זײַן אינער־לעכן לעבן אין די ד׳ אמות פֿון זײַן קהילה־לעבן האָט ער אויפֿגעהאַלטן זײַן ייִדישן שטייגער. די גאַס ווו ייִדן האָבן געלעבט איז געווען ייִדיש, כאָטש ייִדן האָבן די גאַס זייערע אָפּגעפֿילט ווי אַ געטאָ. דאָס שטעטל ווו ייִדן אין מזרח־אייראָפּע האָבן געלעבט האָט פֿאַרמאָגט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו זייער זעלבסטשטענדיקער פֿירונג אויף אַלע געביטן. דאָס האָט געשאַפֿן און אַנטוויקלט אַן אייגענע לעבנס־פֿאָרעם, מנהגים, אַנפֿיר־אינסטיטוציעס, אַן אייגענע פֿאָלקס־שפּראַך, וועלכע האָט געדינט אַלס פֿאַרבינדונגס־מיטל צווישן אַלע טיילן פֿון דעם אַשכּנזישן ייִדנטום. דאָ אין מזרח־אייראָפּע זענען רייף געוואָרן די באַדינ־גונגען צו שאַפֿן די ערשטע פֿאָרמען פֿון ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכער זעלבסט־שטענדיקייט.

פּוילן, דער וויכטיקסטער פֿאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פֿונעם מזרח־איי־ראָפּעיִשן ייִדנטום, האָט געדינט ווי די הויפּט־לאַבאָראַטאָריע פֿאַרן אויסבילדן דעם אייגנאַרטיקן ייִדיש נאַציאָנאַלן שטייגער. דאָרט האָט דער מזרח־אייראָפּעיִ־שער ייִד געטראָגן נישט נאָר דעם עול פֿון מלכות, נאָר אויך די דיסציפּלין פֿון די רבנים און פֿון די ראשי הקהל, וועלכע האָבן באַשטימט די כּללים און התנהגותן צו פֿאַרזיכערן דעם קיום און המשך פֿון די ייִדן אויף די ערטער. זייער שטייגער, זייער קהילה־לעבן איז נישט געווען קיין אויפֿגעצוווּנגענס. פֿרייוויליק איז געווען דאָס אונטערוואַרפֿן זיך פֿון די ייִדן דעם מרות פֿון די רבנים, די באַשלוסן פֿון דער קהילה־לייטונג און שפּעטער די באַשלוסן פֿון די בתּי־דין פֿון ועד ארבע ארצות. אין טיפּישן זין איז דאָ פֿאַרלייגט געוואָרן דער יסוד פֿון ייִדישער זעלבסט־אָנפֿירונג, וואָס האָט שפּעטער אין אַ ווייטערדיקער אַנטוויק־

לונג, געדינט ווי אַ וויכטיקער פונדאַמענט פאַר אַ ברייטערן קאָנצעפּט פון ייִדישער זעלבסטשטענדיקייט.

דער קלימאַט פון ייִדישער אַליין־אָנפירונג האָט פיל געהאָלפן נישט נאָר אין דער שטרענג־רעליגיעזער תּקופה, נאָר אויך דעמאָלט ווען נאַציאָנאַלע מאָטיוון האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען אין קאַמף קעגן אַסימילאַציע.

דער הויפּט־שטריך פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדן איז געווען זיין פּאָלקסטימ־לעכקייט. די אַשכּנזישע תּלמידי חכמים האָבן זייער תּורה געבראַכט אין אַזאַ פאָרעם אַז יעדער פּשוטער פּאָלקסמענטש זאָל זי קענען פאַרשטיין און באַנעמען. נישט ווי ביים רוב ספרדישע תּלמידי חכמים ביי וועלכע די פילאָזאָפישע באַ־גרינדונג האָט דאָמינירט אין זייער גייסטיקער שאַפונג האָבן די אַשכּנזישע חכמים געפּרעדיקט אַ תּורה פון לעבן און נישט קיין אַבסטראַקטע הלכה. זיי האָבן תּמיד געהאַט אין אויג דעם ייִדישן יחיד, ער זאָל מקיים זיין די מצוות און זיך נישט באַגרענעצן צו דעם אויסטייטשן די מצוות. ווי אַן אילוסטראַציע פון דעם אונטערשייד צווישן דעם צוגאַנג פון די ספרדים און פון די אַשכּנזים דערמאָנט מען אָפט מאָל דעם פאַקט וואָס דער רמב״ם, דער גאון פון די ספרדישע ייִדן, האָט געשריבן זיין מאָנומענטאַל ווערק „מורה נבוכים״ (וועגווייזער פאַר צעטומלטע). פאַר די אַשכּנזישע און מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן איז אַזאַ וועגווייזער געווען איבעריק, זיי זענען נישט געווען צעטומלט, זיי האָבן געוווסט גענוי וואָס פאַר אַ קאָנקרעטע מצוות זיי דאַרפן מקיים זיין. דער טראַדיציאָנעלער שטייגער ביים אַשכּנזישן ייִדן איז געווען דער אינהאַלט פון זיין לעבן, אין אים האָט ער זיך אויסגעלעבט.

אויב מען זאָל וועלן כאַראַקטעריזירן די הויפּט־שטריכן פוןביידע צווייגן: ספרדים און אַשכּנזים, קען מען זאָגן, אַז ביי די ערשטע איז געווען מער טרו־קענער מוח, מער שטרענגע דיסציפּלין, מער וויסנשאַפט, מער אַריסטאָקראַטיש־קייט; ביי די צווייטע — האָט דאָמינירט דאָס האַרץ, די אימפּולסיווקייט. דער מענטש מיט זיינע פאָלקסטימלעכע באַדערפענישן איז ביי זיי געשטאַנען אין צענטער. מ׳דאַרף אויך צוגעבן אַז ביים מזרח־אייראָפּעיִשן שבט איז די קדושה אַריינגעדרונגען אין יעדן וואָכעדיקן ווינקל, גשמיות האָט זיך געמישט מיט רוחניות. און פאַרקערט, דער פּשוטער ייִד, דער ייִד פון אַ גאַנץ יאָר האָט געקענט זיין די גאַנצע וואָך אַ פאַרשקלאַפּטער פאַר זיין בידנער פּרנסה, אָבער שבת איז ער געווען אַ מלך און האָט זיך אויפגעפירט מלכותדיק.

דאָס אַלץ האָט פאַרלאַנגט ס׳זאָל עקזיסטירן אַן אייגענע שפּראַך וואָס זאָל פאַרבינדן דעם תּלמיד חכם מיטן פּשוטן האַרעפּאַשנעם ייִדן, און די פּשוטע ייִדן צווישן זיך. אמת, העברעיִש איז געווען פיל מער פאַרשפּרייט צווישן די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן ווי צווישן די ספרדישע. פיל ספרדישע חכמים באַמערקן אין זייערע גרויסע ווערק, אַז ס׳זענען פאַראַן ווייניק ייִדן וועלכע קענען העברעיִש, דאָס האָט באַווירקט אייניקע פון זיי צו שרייבן אין אַראַביש, כּדי די לייענערס

זאָלן זיי לייכט פֿאַרשטיין. אָבער דאָס האָט נישט געלייזט די הויפּט־פֿראַגע ווי אַזוי שפּראַכלעך און פֿאָלקסטימלעך צו שאַפֿן דעם קאָנטאַקט צווישן אַלע טיילן פֿון די ייִדישע מאַסן. דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִד האָט דעריבער געפּלעגט די שאַפֿונג פֿון ייִדיש וואָס איז פֿאַר אים געוועזן אַ נאַציאָנאַלע נויטווענדיקייט. די ערשטע שפּורן פֿון ייִדיש געפֿינען מיר ביי די דייטשע ייִדן אין 13טן יאָרהונדערט וואָס איז דעריבער אַ וויכטיקע היסטאָרישע דאַטע וואָס שייך דעם אַנטשטיין פֿון אונדזער מאַמע־לשון. אָבער ערשט אין מיטן פֿון 17טן יאָרהונדערט איז ייִדיש געוואָרן די אומגאַנגס־שפּראַך אויף וועלכער מ׳האָט זיך געקענט אויסדריקן גענוי און דייטלעך, און מ׳האָט אָנגעהויבן זיך צו באַנוצן מיט איר אין שריפֿט. אין יענער תּקופֿה האָט דער אַשכּנזישער שבט אין מזרח־ און מערב־אייראָפּע אַדאַפּטירט פֿאַר זיך די ייִדישע שפּראַך. ייִדיש איז אין איר אור־שפּרינגלעכער אַנטוויקלונג נישט דערשינען ווי אַ קאָנקורענט צו העברעיִש, געווען פֿיל אַשכּנזישע ייִדן וועלכע האָבן באַנוצט ביידע שפּראַכן. העברעיִש (לשון הקודש) איז אָבער געווען די אַריסטאָקראַטישע, די יום־טובדיקע, די תּפֿילה־שפּראַך, דאַקעגן האָט ייִדיש אַריינגעבראַכט דעם אימפּעט און די טאָג־טעגלעכקייט פֿונעם לויפֿנדיקן לעבן. די ייִדישע פֿאָלקס־שפּראַך, וואָס גייט נאַטירלעך אַרויס פֿון די מיילער פֿון די פֿאָלקס־מענטשן אויף וועלכער עס רעדט זיך לייכט און גלאַטיק, וואָס פֿאַרמאָגט אַלע ניואַנסן פֿון געפֿיל און מחשבה. די ייִדישע שפּראַך האָט אין יענער תּקופֿה צעמענטירט דעם מזרח־אייראָפּעיִשן שבט. מיט דער צייט האָט ייִדיש זיך צעצווייגט און פֿאַרשפּרייט צוזאַמען מיט די ייִדישע וואַנדערער איבער אַלע טיילן פֿון דער וועלט.

דער פֿאָלקסטימלעכער כאַראַקטער פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, דאָס אויסבילדן אַן אייגענע שפּראַך האָט אויך געפֿירט צום דעמאָקראַטיזירן דאָס לעבן און אַריינברענגען פּשטות און קלאָרקייט אין זיינע גייסטיקע אויסדרוקן.

אינעם אויבן דערמאָנטן עסיי האָט אַברהם יהושע העשל ז״ל דער דאָזיקער אייגנשאַפֿט געגעבן אַ טרעפֿלעכע פֿאָרמולירונג, זאָגנדיק: „...פּונקט ווי רש״י האָט דעמאָקראַטיזירט די ייִדישע בילדונג, אַזוי האָט ר׳ יהודה החסיד אין זיין קרייז אין צוועלפֿטן און דרייצנטן יאָרהונדערט דעמאָקראַטיזירט די אידעאַלן פֿון מיסטישער פֿרומקייט. כּדי זי צו דערגרייכן באַדאַרף מען נישט פֿאַרמאָגן קיין הויכע טעאָרעטישע השגות, דער עיקר איז — אמונה, האַרץ, פּנימיות. חסידות איז וויכטיקער ווי חכמה, תּמימות שטייט העכער ווי חקירה, אַ ייִרא־שמים איז חשובער ווי אַ תּלמיד־חכם. דורך זייער אַפּאַטעאָז פֿון פּשטות און האַרציקער אמונה, פֿון מענטשלעכקייט און כּלערליי מידות־טובות האָבן זיי אויסגעטראָטן אַ וועג צו גאָט פֿאַר אַ פּראָסטן בשׂר ודם״.

נאָך דעם ווי די שרעקלעכסטע פּורעניותן האָבן געטראָפֿן די קהילות אין פּוילן אין די יאָרן ת״ח—ת״ט זענען די על פּי נס לעבן־געבליבענע ייִדן נישט אַריינגעפֿאַלן אין פֿולשטענדיקן ייִאוש. זיי האָבן געזוכט אַ תּיקון. מען האָט זיך

גענומען צוטוליען צו אַ מיסטישן וועג, צום וועג פון האר״י ז״ל, וועלכער האָט געפּרעדיקט אַז די גאולה קען קומען אויב אַלע ייִדן וועלן עס וועלן מיטן גאַנצן האַרצן. דער באַדן איז געווען צוגעגרייט פאַרן דערשיינען פון אַ נייעם משיחיזם, וועלכער האָט טאַקע טיילווייז פאַרכאַפּט דעם פאָלקסטימלעכן מזרח־אייראָפּעיִשן ייִד, דאָס איז אויך געווען אַ באָדן פאַר פאַלשע משיחים.

אין יענע טעג איז אַנטשטאַנען דאָס חסידות, וואָס האָט געפּרעדיקט, אַז מ׳דאַרף דינען גאָט נישט מיט עצבות נאָר מיט שמחה. די חסידות־באַוועגונג האָט געקענט אַנטשטיין נאָר אין מזרח־אייראָפּע, ווו פאָלקסטימלעכקייט און פשטות האָבן דאָמינירט. ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב, דער גרינדער פון חסידיזם האָט געפונען זיין וועג צום יחיד, צום פּשוטן ייִדן. דאָס חסידות האָט זיך צעפלאַקערט ווי אַ העליש פייער און אַריינגעבראַכט אַ טיפן אָפּטימיזם און האָפענונג. עס האָט אין אַ גרויסער מאָס געראַטעוועט דעם צעבראָכענעם און פאַרטרויערטן פאָלקס־מענטש. דאָס איז געווען אַ באַוועגונג, וועלכע האָט געוואַגט צו גיין קעגן דעם שטראָם, וואָס איז געווען אַ רבנישער. קעגן דער באַוועגונג פון חסידיזם האָט זיך אויפגעהויבן די שטאַרקע האַנט פון ווילנער גאָון, וועלכער האָט געפאָדערט זיך קאָנצענטרירן נאָר אַרום דעם לימוד התורה און געזען דעם כלל און נישט דעם יחיד, וואָס האָט זיך געפונען אויפן שיידוועג. דער ווילנער גאָון האָט זיך נישט באַגרענעצט מיט זיין קעגנערשאַפט צו דער חסידישער פאָלקס־באַוועגונג, ער האָט אויך גורם געווען אַז ס׳זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ נעץ פון גרויסע ישיבות, וואָס זייער הויפּטציל איז געווען לערנען תורה.

די חסידישע באַוועגונג, וואָס איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע באַוועגונ־גען אין אונדזער גלות־געשיכטע האָט צוגעגרייט די גייסטיקע באַדינגונגען פאַר דער שפּעטערדיקער אַנטשטייונג פון געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען ביי ייִדן. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אין אַ געוויסער מאָס געירשנט דעם נאַציאָנאַלן ענטוזיאַזם פון די פלאַמיקע חסידישע קרייזן און אויך די סאָציאַלע באַפרייונג־באַוועגונגען, וואָס האָבן געצויגן זייער יניקה פון דער פאָלקסטימלעכקייט, פונעם געפיל פאַר יושר און גלייכהייט האָבן טיף געשטעקט אין חסידיזם.

דער טרוקענער חשבון, אַז נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (1789) זענען אויטאָמאַטיש צוגעגרייט געוואָרן די באַדינגונגען פאַר נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען אויף דער ייִדישער גאַס, איז ווייט צו זיין אַ ריכטיקער. וואָלט נישט געווען די אייגנאַרטיקייט פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, וואָלט די דרויסנדיקע השפעה אויף דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס און אויף דער באַפרייונג זיכער פאַרבליבן נאָך אַ לענגערע תקופה אָן שום אָפּקלאַנג.

אַלע אַטריבוטן פון אַן אַנטוויקלט נאַציאָנאַל לעבן האָבן געפונען אַ פולן אַנשפּאַר ביים מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן שבט, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן צו שאַפן און צו קולטיווירן גרויסע נאַציאָנאַלע ייִדישע ווערטן. מיט

אָט די אַלע אייגנשאַפֿטן איז דער ייִד פֿון מזרח־אייראָפּע געווען באַוואָפֿנט, ווען ער האָט סוף פּאַריקן יאָרהונדערט אָנגעהויבן זיין וואַנדער־וועג איבער יבשות און אָקעאַנען און די ווערטן זיינע האָט ער אַריינגעבראַכט אין די לענדער וווהין ער איז דערגאַנגען.

ג

נאָך אַלע וואַנדערונג־עטאַפּן פֿון די מזרח־אייראָפּעיִש ייִדן אין משך פֿון 90 יאָר ווייזט זיך אַרויס אַז אין די געזעלשאַפֿטלעכע און סאָציאַלע באַדינגונגען פֿון די נייע קהילות, בעיקר אין די פּאַראייניקטע שטאַטן (אויך אין רוב דרום־אַמעריקאַנער לענדער) האַלט זיך די נאַציאָנאַלע ענערגיע ביים אויסשעפּן. די דאָרטיקן ייִדן מאַכן דורך אַ פּראָצעס פֿון אַסימילאַציע אין דער אַרומיקער סביבה. נאָך צוויי־דריי דורות האָט זיך דעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדן נישט איינגעגעבן אויפֿצוהאַלטן זיין אייגנאַרטיקייט. דאָס האַנדלט זיך נישט נאָר אין דער טראַגעדיע פֿון ייִדיש, וואָס איז אַ געוואַלדיקער אינסטרומענט צו באַקעמפֿן די פֿאַרפֿרעמדונג און אויפֿצוהאַלטן אין אַ געוויסער מאָס די ייִדישע אייגנאַרט. ס'ווייזט זיך אַרויס אַז אַ גרויסער טייל פֿון די איינגעוואַנדערטע ייִדישע מאַסן פֿון מזרח־אייראָפּע האָבן געשטרעבט זיך צו „נאָרמאַליזירן" ד.ה. שנעל צו ווערן אַמעריקאַנער, זיך אַריינצופּאַסן אין דער נייער קולטור פֿון דער סביבה. דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִד האָט נישט באַוויזן צו שאַפֿן אין משך פֿון די 90 יאָר אין די פּאַראייניקטע שטאַטן זיין אייגענעם לעבנס־נוסח, כּדי צו קענען פֿאַרזעצן אין דער פֿרייער וועלט זיין ייִדישע אייגנאַרטיקייט. גערעכט איז דעריבער געווען חיים גרינבערג, ווען ער האָט געשריבן אַז דער גלות־ייִד (און די כּוונה איז בעיקר אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און אין פֿאַרשידענע ייִדישע קהילות אין דער פֿרייער וועלט) דרייט זיך אַרום מיט אַ פֿאַרלאָשענעם לאַמטערן... נאָך קיין מאָל איז דער דאָזיקער זאָג נישט געווען אַזוי אַקטועל ווי היינט.

דער פּועל יוצא פֿון דעם קאָנטאַקט פֿון די איבערגעוואַנדערטע מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן מיט דער פֿרייער מערב־וועלט איז פֿון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט אַ דראַמאַטישער. אויב אין מזרח־אייראָפּע, ווו ער האָט געהאַט אויסצושטיין דיסקרימינאַציעס און פֿאַרפֿאָלגונגען איז דעם ייִדנס קערפּער געווען אין געפֿאַר איז אין דער פֿרייער וועלט, בעיקר אין צפֿון־אַמעריקע, געשטעלט געוואָרן אין געפֿאַר די ייִדישע נשמה. יעקב לעשטשינסקי ז"ל האָט אין זיין ווונדערבאַרן בוך „הדמות הלאומית של יהדות בגולה" געגעבן אַן אויסשעפּנדיק בילד פֿון דער לאַגע פֿון די ייִדן אויף דער וועלט אין די 50ער יאָרן. דאָס איז אַ בוך אַ שווערער פּסק־דין און צוגלייך אַ וואָרענונג. מען קען עס כאַראַקטעריזירן מיט לעשטשינסקיס אַ זאָג: „מאַקסימום פֿרייהייט — מינימום ייִדישקייט"... „וואָס מער ס'וועט וואַקסן די פֿריינדשאַפֿט פֿון דער סביבה, אַלץ מער וועט פֿאַרקלענערט ווערן די פֿאַרבינדונג צווישן די זין פֿון פֿאָלק אין די תּפֿוצות".

מ׳קען נישט בלייבן גלייכגילטיק צו דער היסטאָרישער וואָרענונג פון איינעם פון די גרעסטע ייִדישע סאָציאָלאָגן פון אונדזער תּקופֿה. מ׳דאַרף קוקן דעם ביטערן אמת אין די אויגן, אָבער בשום אופן נישט משלים זיין מיט דער גזירה פון גייסטיקן אונטערגאַנג.

וואָס שייך דער מערכה פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום אין די נייע היימען אויסער אייראָפּע — איז זייער כאַראַקטעריסטיש די שטעלונג פון יודל מאַרק וועלכער האָט נאָך פֿריִער מיט 25 יאָר געשריבן אין דער אויסגאַבע „קולטור און דערציִונג״ וועגן דער פֿראַגע פון ייִדישן חינוך, דעם וויכטיקסטן פּראָבלעם פון די אַמעריקאַנער ייִדן: „דאָ אין צפֿון־אַמעריקע, אויפֿן געביט פון ייִדישן חינוך זענען געוועזן פיל אָנהייבן און זייער ווייניק המשך... נישט ריכטיק, אַז אונדזער ייִדישער קיבוץ איז נישט באַזאָרגט פאַרן המשך און אַז ער האָט נישט קיין באַציונג צום ייִדישן חינוך... אַלעס קומט דאָ מיט שיפן, אַלעס ווערט אימפּאָרטירט פון דרויסן. וואָס ווערט דאָ אָבסאָרבירט? וויפל פון די פּאַרזייעטע קערנדלעך האָבן געגעבן פּירות אויפֿן היגן באָדן? ווער איז דאָ שולדיק: דער באָדן אָדער די פּאַרזייערס?״

דאָ ליגט די עיקר פראַגע פון דעם גורל און השפּעה פון דעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִד, וועלכער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַן אייגענעם און רייכן לעבנס־נוסח אויף אַלע געביטן, אַ נוסח וואָס איז אָבער אין משך פון 2—3 דורות אויסגעשעפּט געוואָרן, אָדער האַלט ביי אויסגעשעפּט ווערן. לעצטנס איז דערשינען אַ וויכטיקע אַרבעט פון אירווינג האַו: „די וועלט פון אונדזערע עלטערן״ (1976). דאָס איז אַן אַרומנעמענדיקע אַרבעט וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין צפֿון־אַמעריקע זינט 1880, מיט דעם אָנהייב פון דער גרויסער וואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע ביז היינט־צו־טאָג. ביי די ערשטע 2—3 דורות האָט פּולסירט אַ מזרח־אייראָפּעיִש לעבן. דאָס דאָזיקע לעבן האָט זיך אָבער נישט איינגעוואָרצלט. דער באָדן דאָ האָט דאָס אַלץ נישט אָבסאָרבירט. „מען קען צוגלייכן דאָס ייִדישע אַמעריקאַנער בליִענדיקע לעבן צו אַ שיינעם בוים, וואָס צוליבן מאַנגל זיינעם אין וואָרצלען, הייבן אָן די בלעטער און פּרוכטן זיינע פּוילן״. אין זיין סך־הכּל שרייבט אירווינג האַו, אַז די סיבה פון דעם טיפן קריזיס פון דער נעכטיקער ייִדישער וועלט אין צפֿון־אַמעריקע, באַשטייט אין דעם, וואָס די ערשטע דורות האָבן אַלץ געטאָן כּדי צו נאָרמאַליזירן זיך, כּדי זיך איינצוגלידערן אין דעם אַמעריקאַנער לעבנס־נוסח, זיי האָבן געטרוימט וועגן פּטור ווערן פון דעם נעכטן, וועגן ווערן אַן עכטער אַמעריקאַנער. פאַר אָט דער נאָרמאַליזירונג האָט אַמעריקע געפּאָדערט אַ הויכן פּרייז. דער פּרייז איז נישט געווען קיין אויפגעצוווּנגענער, נאָר אַ פּרייוויליקער און ער האָט געהייסן — אָפּזאָגן זיך פון ייִדישן נאַציאָנאַלן אינהאַלט. די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט האָט געמאַכט כּמעט אוממעגלעך אַז דער ייִדישער אימיגראַנט זאָל אויף דער אַמעריקאַנער ערד קענען ממשיך זיין דעם מזרח־אייראָפּעיִשן לעבנס־נוסח, ווייטער פלעגן זיין אייגענע קולטור

און איינהאַלטן זיין קאָלעקטיווע אייגנאַרט. האָבן די ייִדן אויף דעם אַלעם פּאַ־מעלעך מוותּר געווען אָן באַזונדערע דראַמאַטישע קאָנוולסיעס, זיי האָבן זיך נישט נאָר צוגעפּאַסט צו אַמעריקע, נאָר אויך זיך אַריינגעפּאַסט אין איר, פאַר־ביטן זייער אייגענעם נוסח אויף נוסח אַמעריקע וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אויספורעמען אין קאָלאָמבוסעס מדינה. די ייִדישע קולטור האָט מיטגעמאַכט דעם זעלבן לעבנס־שליאַך ווי די ייִדן. די ציוניסטן וועלכע האָבן געפּרוווט אַ ביסל גיין קעגן דעם שטראָם, האָבן נישט פאַרצייכנט קיין באַזונדערע דערפאָלגן.

מ׳קען וואָס אָן אמת נישט אַפּלייקענען אַז עפּעס פון דער אימפּאָרטירטער ייִדיש־קולטור האָט זיך דאָ יאָ אָנגעזאַמלט ביי די ברעגעס פונעם נייעם לעבן אין אַמעריקע, אָבער דאָס איז פאַרבליבן מאַרגינאַל, נישט צענטראַל און איז נוגע אַ קליינעם פּראָצענט פון די דאָרטיקע ייִדן, דער עיקר די וואָס האָבן פאַרן אויפֿ־האַלטן די דאָזיקע ווערטן אָוועקגעגעבן אַ סך ענערגיע און אָנגעשטרענגט זייער נאַציאָנאַלן ווילן.

דערביי דאַרף מען צוגעבן, אַז כּמעט דער זעלבער גורל איז באַשערט געווען דער ייִדישער קולטור אין רוב ייִדישע קהילות אין מערב־אייראָפּע, דרום־אַמעריקע, דרום־אַפריקע און אויסטראַליע. פאַרשטענדלעך, אַז אַ טייל פון די דאָזיקע ייִדישע קיבוצים זענען ייִנגער ווי די צפון־אַמעריקאַנער ווהין די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן זענען אַריינגעקומען שוין מיט קרוב צו 100 יאָר צוריק, די נייע קהילות זענען טיילווייז אַלט בלויז 50—60 יאָר און אַנדערע בלויז 30—40 יאָר, אָבער די דיאַגנאָזע איז די זעלבע.

ד

ווען מען באַטראַכט די גייסטיק־נאַציאָנאַלע לאַגע פון די פון מזרח־אייראָפּע אָפּשטאַמיקע ייִדן אין זייער צעשפּרייטונג אין אַלע עקן פון ייִדישן גלות און מ׳זעט ווי גרויס ס׳איז די געפאַר אַז די אַקומולירטע נאַציאָנאַלע ענערגיע פון דעם דאָזיקן ייִדנטום מיט זיינע גרויסע דערגרייכונגען אויפֿן קולטור געביט זאָל פאַר־שווינדן, שווימט אַרויף אויפֿן געדאַנק די טרויעריקע תּקופה פון גירוש שפּאַניע (1492) ווען אַ שטאַרק איינגעפונדעוועטער ייִדישער קיבוץ מיט קאָלאָסאַלע גייסטיקע אוצרות, איז צעשפּרייט געוואָרן איבער עטלעכע לענדער פון דער דעמאָלדיקער אָטאָמאַנישער אימפּעריע ווי: טערקיי, גריכנלאַנד, איטאַליע, צפון־אַפריקע. וואָס איז פאַרבליבן פון דער דאָזיקער גאָלדענער תּקופה פון שפּאַנישן ייִדנטום? די רעשטלעך זיינע זענען פאַרשטיינערט, זיי האָבן פאַרלוירן זייער אייגנאַרטיקייט. צי שטייען מיר היינט מיטן מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום פאַר אַ פּראָצעס וואָס וועט מיט דער צייט פירן צו די רעזולטאַטן פון גירוש־שפּאַניע? אויב מיר ווילן אַז דאָס זאָל נישט געשען מוזן מיר כּל זמן ס׳איז נאָך נישט צו שפּעט קומען צו אייניקע מסקנות פון גרויסער באַדייטונג:

א) די געפאַר פון פאַרניכטונג און אונטערגאַנג פון ייִדישן פאָלק לויערט פון איין זייט — פיזיש, דורך פאָגראָמען און גאַז־קאַמערן; פון דער אַנדערער זייט — דורך קאָלעקטיווער אַסימילאַציע, דורכן פאַרלירן דעם אייגענעם פּרצוף און אינהאַלט. אין דער מאָדערנער תּקופה איז נאָך דער ציוניזם געווען אַ תּרופה, ער האָט געפירט צו נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. ס׳איז נישט געשטאַנען קיין געזעל־שאַפטלעכע באַוועגונג וועלכע זאָל אין פּרט פון זיכערן דעם נאַציאָנאַלן ייִדישן קיום קענען קאָנקורירן מיט דער ציוניסטישער וועלט־אַנשויונג. ס׳ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דער פּראָצעס פון פולשטענדיקער ציוניסטישער לייזונג וועט דויערן אייניקע דורות און דאָס לייגט אַוועק אויף אונדזער דור גרויס אַחריות פאַר דער איבערגאַנגס תּקופה.

ב) אויב מיר וועלן נישט זאָרגן אַז ס׳זאָלן געפונען ווערן וועגן ווי אָפּצו־היטן דאָס פאָלק אין דער איבערגאַנגס־תּקופה פון פולער אַסימילאַציע אין גלות, שטייען מיר פאַר אַ געפאַר, אַז געוויינענדיק פאַר דער ייִדישער מדינה אַ 3—4 מיליאָן ייִדן, וועלן מיר פאַרלירן דורך אָפּגעפרעמדטקייט און אַסימילאַציע דאָס גאַנצע איבעריקע ייִדישע פאָלק. אַזאַ טראַגישער אויסגאַנג וואָלט געווען שרעקלעך פאַרן ייִדישן פאָלק, דאָס וואָלט אויך געווען אַ גאָר שווערער קלאַפּ פאַר דער נייער ייִדישער מדינה. מען דאַרף נישט אויפהערן אויף קיין איין מינוט דעם דרוק פאַרצוזעצן אונדזער באַפרייונגס־באַוועגונג אָבער גלייכצייטיק שטאַרקן דעם ייִדישן אינהאַלט ביים פאָלק אין די תּפוצות.

דער סוד פון קיום פון ייִדישן פאָלק אין גלות האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער אייגנאַרטיקייט פון די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע ווערטן און די טיפע פאָלקסטימלעכקייט אין אייגענעם לעבנס־נוסח. דאָס אַלץ דאַרף אָנגעהאַלטן ווערן און דאָס הייסט אויך גיין קעגן שטראָם, ווייל אויב נישט, וועלן מיר האָבן דעם זעלבן סוף וואָס די אַלע גרויסע מינדערהייטן אין צפון־אַמעריקע: די האָלענדער, איטאַליענער, דייטשן א.אַ. וועלכע זענען שוין לאַנג אָפּגעריסן פון זייער נאַציאָ־נאַלן פאָלקס־קערפּער און זענען געוואָרן אַן איטעגראַלער טייל פון אַמעריקאַ־נער פאָלק. ווילן מיר אויך דערגרייכן אַזאַ גורל?

אייגנאַרטיקייט און פאָלקסטימלעכקייט — מוז ווערן די לאָזונג פון אונדזער זאָרג פאַר די ייִדן אין גלות. ס׳איז נישט קיין לייכטע און איינפאַכע אַרבעט, נאָר אויב מיר וועלן וויסן, אַז דער סטאַטוס־קוואָ אין ייִדישן גלות, בעיקר פון די פרייע לענדער, פאַראורטיילט דאָס ייִדישע פאָלק צו אַ פאַמעלעכן אונטערגאַנג ווי אַ נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו, דאַן וועלן מיר ערנסטער זוכן די נייטיקע מיטלען זיך צו ראַטעווען.

ישׂראל און דער גלות מוזן וואָס שטאַרקער צונויפגעקניפּט ווערן צווישן זיך אין זין פון נאַציאָנאַלן המשך. ישׂראל איז דער צענטער פון נאַציאָנאַלן קאָלעק־טיוו, זי איז די עיקר גאַראַנטיע פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום, דעריבער מוז זי אַריינעמען אין זיך אַלע נאַציאָנאַלע ווערטן און אַרויסשטראַלן די אייגנאַרטיקייט

אויפן גלות, אויך ווען זי לעבט איבער קריזיסן פאַרבלייבט ישׂראל דער חוט השדרה פון אונדזער פאָלק, לכל הפחות פון דעם טייל פון פאָלק, וועלכער וויל זיך נאַציאָנאַל אויסלעבן און בלייבן לעבן.

ס׳מוז קומען צו אַן ערנסטער רעוויזיע לגבי דעם אינהאַלט פונעם יידישן חינוך אין די גלות לענדער, די נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע ווערטן פון יידנ־טום. איינפלאַנצן אין אַ פאָלקסטימלעכער פאָרעם די יידישע טראַדיציעס און געבן זיי אַ ברייטן מאַסן־כאַראַקטער. אונדזערע יום־טובים און פאַרשיידענע אַנדע־רע טראַדיציעס אַנטהאַלטן אין זיך פיל פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט. מען מוז געפינען פאָרמען כדי די דאָזיקע טראַדיציעס זאָלן אַריינדרינגען אינעם לויפנ־דיקן לעבן פון די קיבוצים אין דער וועלט. עברית און יידיש זענען צוויי וויכטיקע מיטלען צו פלעגן און פאַרטיפן יידישן באַוווסטזיין און אָנגעהעריקייט צום פאָלק. יידיש נישט ווייניקער ווי העברעיִש קען אויסגענוצט ווערן אין די תפוצות ווי אַ קוואַל פון גרויסן עמאָציאָנעלן אויפברויז פון יידישן מענטש. עברית און יידיש דאַרף מען נישט איזאָלירן און אַריינשטעלן אין אַ געטאָ־ווינקל, ווייט פונעם פולסירנדיקן לעבן. מען דאַרף געפינען פאָלקס־פאָרמען ווי אַזוי איינצו־גלידערן די צוויי שפּראַכן, וואָס ביידע היטן זיי אָפּ די ספּעציפישקייט פון פאָלק.

ביים סוף פון די 70ער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט וויברירן נאָך אין די יידישע מאַסן אין גלות געוויסע עלעמענטן פון טיפער נאַציאָנאַלער באַדייטונג:

1) יידישע ווערטן און טראַדיציעס (וואָס ווערן אַלץ מער און מער אָפּ־געשוואַכט);

2) דער חורבן וואָס האָט פאַרטיליקט 6 מיליאָן יידן איז געוועז אַ נאַציאָ־נאַלע ערדציטערניש וואָס האָט געדאַרפט באַאיינפלוסן דעם גאַנג פון אונדזער געשיכטע אין משך פון דורות, דער אָפּקלאַנג זיינער ווערט ליידער וואָס אַ מאָל שטילער און זיין אויסווירקונג שוואַכער.

3) די פאַרבינדונג מיט ישׂראל וואָס דאַרף טיפער אַרומנעמען די פאָלקס־מאַסן, נישט נאָר וואָס שייך די הילף וואָס זיי דאַרפן צוטראָגן דער מדינה און וואָס שייך דעם ווילן אָנצוהאַלטן דעם לעבנס־קיום פון גאַנצן פאָלק. אמת, דאָס פאַרפליכט נישט ווייניקער ישׂראל זי זאָל, טראָץ אַלע אינערלעכע און דרויסנ־דיקע שוועריקייטן, אָפּגעבן צייט און מיטלען צו פאַרטיפן אומעטום דעם יידישן נאַציאָנאַלן אינהאַלט.

מיר לעבן דורך אַ שטורמישע תקופה אין דער וועלט ווען ברוטאַליטעט און געוואַלדטאַטן זענען אַזוי פאַרשפּרייט, ווען דער שוואַכער ווערט כסדר געבראַכט פאַר אַ קרבן אויפן מזבח פון עגאָיִסטישע אינטערעסן פון מדינות און יחידים וואָס לעבן נאָר מיטן היינט און טראַכטן נישט וועגן מאָרגן. אין אַזאַ צעטומלטער, ברוטאַלער וועלט קומט אויס אַ מאָל אויסטערליש, וואָס מיר יידן הייבן אויף דאָס קול צו זיך און צו דער וועלט און שרייען אַז מיר ווילן נישט אונטערגיין נאַ־ציאָנאַל, אַז מיר ווילן נישט פאַרשווינדן ווי אַ קאָלעקטיוו, וועלכער קען דורך

זיין געניוס העלפן דער וועלט, אַז מיר ווילן נישט פאַרקויפן אונדזער נאַציאָנאַלן קיום פאַר אַ ביסל מער לינדזן, וואָס דער ייִדישער יחיד קען אויף דער וועלט באַקומען.

דאָס קען זיין אַן איינדרוקספולער דיאַלאָג מיט דער וועלט, אָבער זייער אַ טעאַרעטישער, אָן אַן אָפּקלאַנג. אָבער אין לעצטן סך הכל איז דאָס אָפּהענגיק פון אונדז אַליין, נאָר פון אונדז איז אָפּהענגיק צי מיר ווילן פאַרענדיקן דעם דור מיט אַ טיילווייזער לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע, מיט אַ קליינער ייִדישער מדינה און מאַסן־צעשפּרייטע ייִדן איבער דער ברייטער וועלט, ייִדן אָן ייִדישקייט. דאָס איז אַ געפערלעכער וועג. זאָלן מיר זיך היטן פאַר אַ מיתה בנשיקה פונקט ווי פון אַ פיזישער פאַרניכטונג. אויף אונדזער גאַנג איבער אונדזער לאַנגער גלות־געשיכטע האָבן מיר אין אַלע טיילן פון דער וועלט געלאָזן בתּי קברות פון מיליאָנען ייִדן וואָס מיר האָבן אויפן וועג פאַרלוירן. היינט איז אַ סך ערגער, מחמת דער נאַציאָנאַלער ייִדישער קערפער הייבט אָן צו ווערן אַטראָפּירט און פילט גאָרנישט ווי די ברוטאַלע געשיכטע שניידט פון אים לעבעדיקע טיילן.

מיר זענען דער לעצטער דור פון מזרח־אייראָפּעיִשן שבט. אומעטום, אַזוי אין ישראל ווי אין די גלות לענדער מוזן מיר טראַכטן וועגן גורלדיקע אַנט־וויקלונגען — ברוטאַלע פּאָמעלעכע, נאַטירלעכע וואָס קענען פאַרטיליקן דעם נאַציאָנאַלן ייִד.

מיינע שורות זענען נישט קיין אויסדרוק פון ייִאוש, זיי זענען מער אַן אויס־דרוק פון טיפער סאָלידאַריטעט מיטן גורל פון ייִדישן פאָלק, פון נישט וועלן משלים זיין מיטן פּראָצעס, וועלכן די געשיכטע גרייט אונדז צו און דער אויס־פיר איז אַז — מ׳דאַרף גיין קעגן דעם שטראָם.

יולי, 1976.

ייִדן און ייִדישקייט

א

אין דער צווייטער העלפט פון די 70ער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, 25 יאָר נאָך דער שרעקלעכער נאַצי־שחיטה און 28 יאָר זינט דער אַנטשטייונג פון מדינת ישׂראל, איז אוממעגלעך נישט מודה צו זיין אַז מיר שטייען פאַר אַ שרעקלעכן גייסטיקן און נאַציאָנאַלן קריזיס אין לעבן פון ייִדישן פאָלק. און אויב מען וויל נישט זיין קיין אומהיילבאַרער אָפּטימיסט און אַ שמח בחלקו מיט אַ קלייגער מינדערהייט פון ייִדישן פאָלק, מוז מען אָפן האַלטן די אויגן און זען די ריזן אַסימילאַציע און אָפּפרעמדונג וואָס באַהערשט איצט די גרעסטע טיילן פונעם פאָלק, בעיקר דעם ייִנגערן דור.

ווען מען קוקט זיך צו צו דעם וואָס ס׳קומט פאָר אין דער פרייער, אָדער האַלב־פרייער וועלט, ווו ס׳געפינט זיך נאָך דער רוב מנין ורוב בנין פון ייִדישן פאָלק, מוז מען קומען צו אַ טרויעריקער מסקנה: די טעאָריע וועגן אויפהאַלט פון ייִדן אַלס אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, מיט זייערע ספּעציפישע ווערטן, האָט כמעט באַנקראָטירט אויף אַלע פראָנטן. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר האָבן נישט דערפינדן די פּאַסיקע מיטלען זיך אויסצולעבן אין דער פרייער וועלט, וואָס איז באַהערשט פון טעכנאָלאָגיע און סעקולאַריזאַציע און מיר האָבן נישט אַנטדעקט די אופנים ווי אַזוי זיך נישט צו אַסימילירן אין אַזאַ קאַטאַסטראָפאַלן פאַרנעם.

דאָס אַמאָליקע אַנטלויפן פון געטאָ און דאָס שטרעבן צו דערגרייכן צו די ברעגעס פון אַ פרייער וועלט, האָט אונדז אַנטבלויזט און מיר זענען געבליבן כמעט אָן מיטלען פון נאַציאָנאַלער אַליין־פאַרטיידיקונג. אמת, ס׳זענען געווען צוויי גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען וועלכע האָבן געפּרווט זיך פאַרמעסטן צו לייזן די ייִדן־פראַגע נאָך איידער מען האָט טיף אַריינגעדרונגען אין דעם פּרדס פון פרייהייט. דאָס זענען, ווי באַוווּסט, געווען: דער ציוניזם און דער בונדיזם, יעדער איינער אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן.

דער בונדיזם, מיט זיין דאָיִקייט־אידעאָלאָגיע און מיט זיין נישט זען דעם גלאָבאַלן היסטאָרישן פאַרנעם פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער פראַגע — איז דורכגעפאַלן. עס זענען וואָס, אָן אמת, נאָך געבליבן האַרטע דאָגמאַטישע בונדיסטן וואָס האַלטן זיך ביים טויטן אות, אָבער גרויסע טיילן פון דער בונדישער מחנה זענען געוואָרן מער עלאַסטיש צו דער עקזיסטענץ פון מדינת ישׂראל.

דער ציוניזם, ווי דער הויפּט־שטראָם פון ייִדישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסן אויפשטאַנד קעגן אונדזער געשאַפענער

לאַגע אינעם גלות און האָט געשטרעבט צו פאַרזאָרגן די ייִדן מיט אַ המשך פון זייער היסטאָריע — דורך שאַפן אַ מדינה. אין ערשטן עטאַפּ האָט דער ציוניזם צו פאַררעגיסטרירן אַ זייער גרויסן דערפאָלג, דאָס איז די אַנטשטייונג פון מדינת ישׂראל.

מדינת ישׂראל אין עלטער פון 28 יאָר האָט טאַקע זייער פיל אויפגעטאָן און זייער פיל דערגרייכט. זי האָט אָבער אויך פעלערן, וועלכע מען דאַרף פאַרריכטן. דאָס איז וויכטיק נישט נאָר פאַר דער מדינה, נאָר גאָר אַנטשיידנדיק וויכטיק פאַר די באַציונגען מיטן גלות־ייִדנטום. אָבער אין אַט דעם צווייטן עטאַפּ לעבט דער ציוניזם איבער אַ קריזיס, סיי אין דער סטרוקטור און סיי אין אינהאַלט. טראָץ דעם איז נישט דערשינען אויף דער ייִדישער גאַס קיין אַנדער נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, וועלכע זאָל קענען קאָנקורירן אָדער פאַרטרעטן אונדזער נאַציאָנאַלע רענעסאַנס־באַוועגונג — דעם ציוניזם.

דאָ דאַרף געזאָגט ווערן אַ האַרבער אמת: מיט אונדזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס איז פאַרשטאַנען געוואָרן אַז די אַנטשטייונג פון אַ ייִדיש היימלאַנד וועט האָבן אַ טיפע און בולטע ווירקונג אויף דעם נאַציאָנאַלן גייסטיקן לעבן פון גלות. אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס אָבער נישט געשען. די וואָס האָבן געגלייבט, אַז מיט דער אַנטשטייונג פון אַ ייִדישער מדינה וועט דאָס פאַרטיפערן דעם נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין אין די גלות־לענדער ווערן דער געבאָט פאַר דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון ייִדישן פאָלק, האָבן געהאַט אַ טעות. אין דער אמתן זענען נאָר די 3 מיליאָן (אַ 20% פון פאָלק) וואָס געפינען זיך אין ישׂראל גייסטיק און נאַציאָנאַל געראַטעוועט. פאַר די פאַרבליבענע 80% אין גלות (פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע — 6 און אַ האַלב מיליאָן; סאָוו. רוסלאַנד — 3 מיליאָן; לאַטיין־אַמעריקע — 750 טויזנט; אייראָפּע — 1 מיליאָן 200 טויזנט; אַפריקע — 180 טויזנט און אויסטראַליע — 75 טויזנט) — פאַר אַט דער גרויסער מערהייט שטייט דער פראַגע־צייכן: צי וועלן די דאָרטיקע ייִדישע מאַסן אויסהאַלטן נאַציאָנאַל? צי וועלן זיי אין די מערסטע פרייע לענדער קענען בלייבן ווי שטאָלצע ייִדן מיט זייערע גייסטיקע ווערטן? ווייל ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן איז דער נאַציאָנאַלער אינהאַלט פון ייִדישן לעבן שוואַכער געוואָרן און דער גייסטיקער ווידערשטאַנד האָט פאַרלוירן זיין קראַפט אין דער מאָס ווי ס'איז געוואַקסן די יחידישע פרייהייט פון די ייִדן אין די גלות־לענדער. אין דער פרייער און טעכנאָלאָגיש אַנטוויקלטער געזעלשאַפט ווערט דער ייִדישער יחיד זייער לייכט אָפּגעריסן פון זיין קאָלעקטיוו און פאַרשווינדט אין דער שטייגנדיקער אַסימילאַציע כוואַליע.

מען דאַרף נישט צוגעבן קיין נאָך שוואַרצערע פאַרבן צו דעם בילד וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס ייִדישע פאָלק אין די תפוצות. גענוג אָנצוצייכענען עטלעכע קאָנקרעטע דערשיינונגען: אַ וואַקסנדיקע כוואַליע פון געמישטע חתונות; אַ קליינער פּראָצענט ייִדישע קינדער וואָס באַקומען אַ ייִדישע דערציונג; דער

נוסח פֿון ייִדיש לעבן מיט זיין טראַדיציע איז פֿאַרשוווּנדן; אַ גרויסע שפּראַכן־אַסימילאַציע; נישט ייִדיש און נישט עבֿרית פֿאַרנעמען היינט דעם צענטראַלן פּלאַץ ביי די ייִדישע מאַסן אין אַלע גלות־לענדער, שוין אָפּגערעדט פֿון קענען די ייִדישע געשיכטע, ייִדישע טראַדיציע, ייִדישע ווערטן. עם הארצות אין ייִדישן לעבן וואַקסט אומעטום. ס'וועט זיין אינטערעסאַנט דאָ צו דערמאָנען אַן איבער־ראַשנדיקע סטאַטיסטיק, וואָס אַ ייִדישער געלערנטער האָט לעצטנס פֿאַרעפֿנטלעכט אין צפֿון אַמעריקע, אין וועלכער ער ווייזט אָן, אַז היות ווי דער פּראָצענט פֿון געמישטע חתונות דערגרייכט שוין היינט מער ווי 4% און די צאָל ייִדישע גע־בורטן ווערן אַלץ פֿאַרקלענערט, איז צו דערוואַרטן, אַז פֿונעם גרויסן פֿינף־מיליאָניקן אַמעריקאַנער ייִשובֿ, וועט אין משך פֿון אַ 30—40 יאָר בלייבן איין אָדער 1⅓ מיליאָן ייִדן. אַ טרוקענע סטאַטיסטיק — אָבער אַ שוידערלעכער פּראָגנאָז.

אמת. מען דאַרף צוגעבן אַז ס'זענען פֿאַראַן אַ 10—15 פּראָצענט ייִדן אין די תּפֿוצות וועלכע טוליען זיך נאָך צו ייִדישקייט, צו טראַדיציע און רעליגיעזן שטייגער; זיי זוכן צו זיין פֿאַרבונדן מיט מדינת ישׂראל וואָס וועקט ביי זיי דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ און זיי זענען וואַך צו יעדער נאַציאָנאַלער דערשיינונג, ווי למשל, דער קאַמף פֿאַר די ייִדן פֿון סאָוועט־רוסלאַנד וועלכע זענען אין זייערע אויגן, און מיט רעכט, אַ גרויס נאַציאָנאַל ייִדיש פּראָבלעם. אָבער ווי פּאָזיטיוו מען זאָל נישט אָפּשאַצן די דאָזיקע ייִדישע מינדערהייט, טאָר מען אָבער אויף קיין איין מאָמענט נישט פֿאַרגעסן אין דער אַלץ וואַקסנדיקער אַסימילירטער מערהייט. ס'איז נישט אָנגענעם דאָס אונטערצושטרייכן, אָבער ס'איז אַ פֿאַקט אַז אין אונדזער תּקופֿה פֿאַרנעמט די אַסימילירטע מאַסע דעם הויפּט־אָרט אין אַ סך ייִשובֿים פֿון די גלות־לענדער. זייער פֿיל ייִדן באַפֿרייען זיך זייער שנעל פֿון זייער ספּעציפֿיש ייִדישן אינהאַלט און מען לעבט אין אַ גרויסן נאַציאָנאַלן און גייסטיקן וואַקוּאום. דאָס זענען ייִדן וועלכע האָבן פֿאַרלוירן זייער ייִדישקייט אין אַ פֿרעמדער סבֿיבֿה און האָבן אַפֿילו נישט קיין מאָטיוואַציע זיך צו פֿילן נישט אָנגענעם.

אין די 70ער יאָרן פֿון אונדזער יאָרהונדערט דראָעט אַ גרויסן טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק צו ווערן אַן ענלעכע עטנישע מינדערהייט, אָפּגעריסן פֿון פֿאָלק, ווי די אַלע עטנישע מינדערהייטן, וועלכע האָבן אין אָנהייב פֿון דעם יאָרהונדערט עמיגרירט פֿון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער קיין אַמעריקע און שפּעטער זיך אויך פֿאַרשפּרייט אויף אַנדערע קאָנטינענטן. די דאָזיקע עטנישע מינדערהייטן האָבן גאָר שנעל פֿאַרלוירן זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט און צוגעבונדנקייט, זיך אַסימילירט און אויסגעמישט מיט דעם מערהייטס־פֿאָלק. צום בולטסטן זעען מיר עס אין צפֿון־אַמעריקע, אָבער אויך אין אַנדערע לענדער. נאָר די ייִדישע מאַסן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ גרויסן גייסטיקן און טראַדיציאָנעל־נאַציאָ־נאַלן פֿאַרמעגן, זענען געווען שטאָלץ מיט זייערע ווערטן, וואָס האָבן זיי אָפּגעהיט פֿון אַ שנעלער אַסימילאַציע. איצט, נאָך 80—90 יאָר פֿילט זיך אַ דראַמאַטישע

װענדונג בײַ דער ייִדישער מאַסע אין די פּרײַע לענדער. די גרויסע מערהײט האָט פֿאַרלוירן דעם ספּעציפֿישן אינהאַלט פֿון מזרח־אייראָפּע און קיין נייער ייִדיש־גײַסטיקער נוסח איז נישט געשאַפֿן געוואָרן. אַ גרויסער טייל פֿון די ייִדישע מאַסן אין די גלות־לענדער האָט זיך אָפּגעריסן פֿונעם נאַציאָנאַלן קערפּער און איז פֿאַרשװינדן אין דעם קאָך־קעסל פֿון דעם מערהײטס־פֿאָלק, װי אַלע אַנדערע מינדערהײטן, װעלכע האָבן זיך אַסימילירט. אוודאי איז נאָך געבליבן אַ טייל פֿון דער דאָזיקער מינדערהײט װאָס קעמפֿט קעגן דער גײַסטיקער און נאַציאָנאַלער פֿאַרשװינדונג, אָבער די כּוחות־פֿאַרהעלטענישן זענען, צום באַדויערן, נישט אויף דער זײַט פֿון די קעמפֿנדיקע.

נאָך דער פֿאַרניכטונג פֿון 6 מיליאָן ייִדן אין דער שואה, איז געקומען צו אַ פֿאַרשנעלערונג פֿון דעם אַנטשטײן פֿון מדינת ישׂראל, װי אַ רעטונגס־גאַרטל פֿאַר דער װײַטערדיקער עקזיסטענץ פֿון ייִדישן פֿאָלק. לײדער פֿילט מען נישט אַז די דראָענדיקע געפֿאַר פֿון נאַציאָנאַל־גײַסטיקן אויסראָט, װאָס רוקט זיך אָן אויף דער עקזיסטענץ פֿון ייִדישן פֿאָלק — זאָל ברענגען מיט זיך אַן אַלאַרמירנדיקע זאָרג.

ייִדן אָן ייִדישקייט, ייִדן אָפּגעריסן פֿון נאַציאָנאַלן שטאַם — דאָס איז די סכּנה פֿאַר װעלכער מיר שטײען אין אונדזער תּקופֿה. פֿאַר אונדזערע אויגן קומט פֿאָר אין די תּפֿוצות אַ נאַציאָנאַלער זעלבסטמאָרד און מיר זעען, װײסן און... שװײַגן.

נאָך אײדער איך װעל מאַכן אײניקע באַמערקונגען װי אַזוי צו באַקעמפֿן דעם דאָזיקן פֿאַרשװינד־פּראָצעס װאָס איז פֿאַטאַל פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק, מוז איך צוגעבן, אַז אַ סך לײענער װעלן זיכער נישט מסכּים זײַן מיט מײַן פּעסימיסטישן דיאַגנאָז. די אײביקע אָפּטימיסטן װעלן טענהן, אַז מען דאַרף זיך באַנוגענען מיט דער האַלב־פֿולער גלאָז און נישט דווקא זען די לײדיקע האַלבע גלאָז. װײַל איך, ערשטנס באַמערקן, אַז װען מען רעדט װעגן אַסימילאַציע אין אונדזער תּקופֿה, קאָן מען שוין הײַנט נישט רעדן װעגן אַ האַלב גלאָז, נאָר קוים װעגן אַ פֿערטל גלאָז, װאָס האָט נאָך עפּעס אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן אינהאַלט. און ס'איז קלאָר אַז אַ פֿערטל (25%) איז אַ ציפֿער װאָס רעדט מיט דראָונג װעגן דער צוקונפֿט פֿון ייִדישן פֿאָלק.

װאָלט יעקב קלאַצקין, דער באַקאַנטער ציוניסטישער דענקער און עסעיִסט, געלעבט מיט אונדז הײַנט, װאָלט ער זיכער טריִומפֿירט, װײַל זײַן שלילת הגולה־טעאָריע, זײַן שטעלונג אַז ס'איז נישטאָ קיין קיום פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק אין גלות (װאָס דאָס איז דער צענטער פֿון זײַן ציוניסטישער פֿילאָסאָפֿיע), באַשטעטיקט זיך איצט נאָך האַרבער און אַכזריותדיקער לגבי דער דעקאַדענץ פֿון גלות לעבן װאָס האָט נישט קיין שום אויסזיכט.

די אַלע װאָס האָבן אַ פֿאַטאַליסטישן צוגאַנג צו דעם װאָס עס קומט פֿאָר אין גלות און זוכן נישט קיין װעגן װי אַזוי אויסצומײַדן די קאַטאַסטראָפֿע — זענען, אײגנטלעך, מסכּים און משלים מיטן סוף פֿון ייִדישן לעבן אין גלות און דערמיט

פֿאַרשנעלערן זיי, נישט ווילנדיק, דעם דאָזיקן סוף. איך וויל אָבער צוגעבן, אַז טראָץ דעם אָביעקטיוון אַנאַליז, וואָס ווייזט אַז די נאַציאָנאַלע לאַגע פֿון די ייִדישע מאַסן אין די גלות־לענדער איז זייער באַדראָט, בין איך אָבער נישט מסכּים מיט דעם דאָזיקן פֿאַטאַליזם. אין ייִדישן לעבן איז דער אַנטי־פֿאַטאַליזם איינער פֿון די הויפּט־שטריכן וואָס באַוועגט אונדזער לעבנס־קאַמף. די ייִדישע־קיום־פֿילאָסאָפֿיע איז נישט מסכּים מיט אונטערגאַנג, און פֿון דעם שטאַמט טאָקע די אָפּטימיסטישע אויפֿפֿאַסונג, אַז עס קען נישט זיין קיין ענדגילטיקע אַסימי־לאַציע פֿון די ייִדן; אַז די דרויסנדיקע וועלט וועט אונדז נישט אויפֿנעמען אין דער פֿולער מאָס ביז מיר זאָלן קאָנען אין איר פֿאַרשווינדן; און אַז דעריבער וועלן מיר צוריק אַרויפֿשווימען אויף דער אייבערפֿלאַך. דאָס ברענגט טאָקע פֿיל צו אָפּטימיסטישע אויספֿירן ביים באַהאַנדלען דעם היינטיקן צד פֿון ייִדישן פֿאָלק. לויט מיין מיינונג איז טאָקע אָט דער היפּער־אָפּטימיזם נישט קיין ריכטיקער, און איז איבערגעטריבן: אין אונדזער צייט זעט מען ווי גרויסע טיילן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק שטייען ביים אָפּגרונט פֿון פֿאַרשווינדן גייסטיק און נאַציאָנאַל, און דאָ דאַרף מען זאָגן אַז אויב מען זאָל זיך פֿאַרלאָזן בלויז אויף דעם אָפּטימיסטישן נצח ישׂראל, איז נישט שווער פֿאָרויסצוזען וואָס עס קאָן געשען מיטן ייִדישן פֿאָלק אין די נאָענטסטע 30—40 יאָר. מיר וועלן ראַטעווען אַ 4—5 מיליאָן ייִדן אין מדינת ישׂראל, אָבער די מערהייט פֿון די ייִדן אויסער דער מדינה, אַלס נאַציאָנאַ־לער קאָלעקטיוו, וועט זיין באַדראָט...

ב

ווען מען רעדט וועגן ייִדן און ייִדישקייט אין אונדזער דור, בעיקר אין די גלות־לענדער, שטעלט זיך די פֿראַגע: וואָס פֿאַרשטייט מען אונטער דעם באַ־גריף ייִדישקייט״?

אין אַלע דורות האָבן די וויכטיקסטע ייִדישע דענקערס און תּלמידי חכמים זיך געגריבלט און געפֿאָרשט דעם מהות פֿון ייִדישקייט־באַגריף. ס׳איז נישט קיין לייכטער ענין צו דעפֿינירן ייִדישקייט, אָבער איינס איז זיכער, אַז ייִדישקייט איז אַ צונויפֿגוס פֿון פֿאַרשידענע רעליגיעזע, גייסטיקע און נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס אַלע צוזאַמען שאַפֿן זיי אַ באַשטימטע אייגנאַרטיקייט. אויפֿהאַלטן ייִדישקייט איז אַן עובֿדה פֿון וויסן ווי אַזוי עס האָט זיך פֿאָרמירט דאָס ייִדישע פֿאָלק אין משך פֿון זיין לאַנגיאָריקער געשיכטע, דאָס הייסט די קענטעניש פֿון אַ לאַנגער פֿאַר־גאַנגענהייט. לויט דער גלענצנדיקער פֿאָרמולירונג פֿון מאַרטין בובער קומט אויס אַז אַ גרויסער טייל פֿון ייִדישקייט ליגט אין דעם שטאַרקן זכּרון, וואָס באַגלייט דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון דור צו דור, דער המשך און די באַקאַנאַנדיקייט פֿון דער ייִדישער היסטאָריע. אין דעם קענען זיך, געדענקען וועגן זענען מיר — ליגט אַ גרויסער טייל פֿון ייִדישקייט און ייִד־זיין. דאָס איז מחייב נישט אָפּצוטרייסלען זיך פֿון די ווערטן פֿון נעכטן.

אין פאַרלויף פון די טויזנטער יאָר וואָס דאָס ייִדישע פאָלק עקזיסטירט האָבן זײַנע גײַסטיקע פירערס פעסטגעשטעלט נאָרמעס אָפּצוהיטן דאָס פאָלק און נישט מותּר זײַן אויף זײַן עקזיסטענץ. די גרויסע ייִדישע גײַסטער האָבן שטענדיק געזוכט פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי אײַנצוהאַלטן דעם ייִד אין די ראַמען פון זײַן פאָלק. טראָץ די שטרענגע הלכות און דינים האָבן זיי גלײַכצײַטיק געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט דעם ייִדן אויך ווען ער האָט זיך דערווײַטערט פון ייִדישן לעבן. אין דער אויפפּאַסונג איז געקומען צום אויסדרוק די וויטאַליטעט פון אַ פאָלק, וואָס וויל נישט פאַרשווינדן. וואָרום שוין אין די ערשטע עטאַפּן פון אונדזער עקזיסטענץ האָט מען פאַרויסגעזען, אַז כאָטש די אַרומיקע סביבה קען גורם זײַן, אַז דער ייִד זאָל זינדיקן און זיך דערווײַטערן פון זײַן אייגענעם ייִדישן וועג, זאָל מען דאָך נישט לײַכט אויף אים מותּר זײַן, ווײַל עס זענען שטענדיק פאַראַן אויסזיכטן, אַז דער וואָס איז אַראָפּ פון ייִדישן דרך קען תּשובה טאָן און צוריק קומען צו אים. נאָך אַ העכערע שטופּע פון אָט דער אָנשויונג קען מען זען אין דעם צוגאַנג פון חז״ל צום ענין פון תּשובה אין יום־כּיפּור. ס׳ווערט געזאָגט, אַז חטאים וואָס האָבן אַ שײַכות בין אָדם למקום — קענען פאַרגעבן ווערן, ווײַל די ייִדישע רעליגיע וויל נישט פירן קיין פּערמאַנענטע בוכהאַלטעריע פון זינד צווישן יחיד און דער געטלעכקייט. דאַקעגן די חטאים בין אָדם לחבֿרו, קען יום־כּיפּור נישט מכפּר זײַן. דאָס וויל זאָגן, אַז די גײַסטיקע פירערס פון פאָלק און די שטרענגע הלכה־געזעצן האָבן געזוכט צוריקצוברענגען דעם ייִדן אין דעם גדר פון ייִדישן פאָלק, ראַטעווען אים נאַציאָנאַל און מאָראַליש ווי ווײַט מעגלעך.

כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם זין אויך דער צוגאַנג פון רמב״ם צו דער פראַגע פון די אַנוסים פון צפֿון־אַפריקע. מיט אַן 800 יאָר צוריק (אין 12טן יאָר־הונדערט) האָבן די הערשערס פון צפֿון־אַפריקע אָנגעהויבן רודפן און טעראָריזירן די ייִדן און געפאָדערט פון זיי אָנצונעמען דעם מוסולמענישן גלויבן, אויב נישט וועט מען זיי אויסהרגענען. פיל האָבן בלית ברירה אָנגענומען כּלפּי חוץ דעם מוסולמענישן גלויבן, אָבער אינערלעך, אין דער נשמה און אין דער היים, האָבן זיי זיך געהאַלטן בײַם ייִדישן גלויבן, ד״ה, געוואָרן אַנוסים. די דאָזיקע אַנוסים האָבן אָנגעהויבן נאָכצופרעגן בײַ די פאַרשידענע רבנים און מנהיגי הדור אין דער וועלט, ווי אַזוי זיי זאָלן האַנדלען אין דער גזירה, ווען די הערשער דראָען זיי אויסצומאָרדן אויב זיי וועלן נישט אָננעמען דעם מוסולמענישן גלויבן. טייל פון די דעמאָלטדיקע רבנים האָבן זיי געגעבן אַ זייער שטרענגן ענטפער, אַז זיי זאָלן גיין אויפן וועג פון קידוש השם און נישט אָננעמען דעם מוסולמענישן גלויבן, וואָס דאָס הייסט דינען עבֿודה זרה. די ענטפערס האָבן דאַן אין דער אַנוסים־מחנה אַרײַנגעבראַכט אַ גרויס צעטומלעניש, וואָס האָט ממש געגרענעצט מיט ייִאוש. אייניקע אַנוסים האָבן זיך געווענדט צום רמב״ם און געבעטן זײַן שטעלונג אין דער פראַגע. זײַן ענטפער איז געווען אַ געוואַלדיקע איבעראַשונג און אויך נחמה פאַר די אַנוסים. די „אגרת השמד״ (יאָר 1162) האָט אויסגעדריקט

א קעגנערשאַפט צום פּסק־דין פון די רבנים. ער האָט אויסגעדריקט פאַרשטענ־דעניש פאַר דער לאַגע פון די יידן וואָס זענען געצוווּנגען געוואָרן זיך צו שמדן, פאַרשטאַנען אַז נישט אַלע קענען גיין אויף קידוש השם און אַז די אַנוסים דאַרפן טראָגן אין זיך זייער יידישן גלויבן עד יעבור הזעם.

אין אָט דער פילאָסאָפיע פון רמב״ם איז פאַראַן דער ווילן אויפצוהיטן די פאַרבינדונג מיטן יידישן שטאַם, די יידישע אַנגעהעריקייט, און אויך דער אָנווייז, אַז די יידישע רעליגיע קען נישט זיין בלינד און טויב צו די פאַרשידענע גרויי־זאַמקייטן וואָס דער ייד מוז איבערטראָגן אין גלות. אין דעם צוגאַנג פון רמב״ם קומט צום אויסדרוק דער רעיון, אַז אַפילו אין די שווערסטע מאָמענטן מוז מען געפינען מיטלען אַז יידן זאָלן קענען אָנהאַלטן זייער פאַרבינדונג מיטן פאָלק. אַפילו אַנוסים טאָר מען נישט מפקיר זיין און אָפּשטויסן פון זיך.

אין אָט דער אויפפאַסונג ליגט אויך די אייגנאַרטיקייט פון דער יידישער רעליגיע. די יידישע אמונה קען מען נישט אָפּטיילן פון דער יידישער נאַציע, ווייל צווישן זיי ביידע איז פאַראַן אַ גרויסע שותפות, וואָס איז נישט פאַראַן ביי קיין שום אַנדערע רעליגיעס, ביי וועלכע דאָס נאַציאָנאַלע מיטן רעליגיעזן איז נישט אַזוי ענג געבונדן ווי ביי די יידן. ביי אַנדערע פעלקער קענען די מיט־גלידער פון דעם פאָלק זיין אָנהענגערס פון פאַרשיידענע רעליגיעס: קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן, פּראַוואָסלאַווע א״אַנד׳ ביי יידן איז עס אוממעגלעך. אַ ייד אויב ער ווערט אַ קאַטאָליק — טרעט ער אַרויס פונעם יידישן קאָלעקטיוו. איז עס אַ בולטע אָנווייזונג, אַז צווישן יידישן פאָלק און יידישן דת זענען פאַראַן נישט נאָר בשותּפותדיקע צווייגן, נאָר אויך בשותּפותדיקע וואָרצלען.

ג.

ווען מען וויל נישט שלום מאַכן מיט דעם פאַטאַליסטישן פּראָגנאָז וועגן די יידן אין די תּפוצות, דאַן מוזן אָנגענומען ווערן שריט וואָס זענען טיילווייז ביכולת איינצוהאַלטן דעם האַסטיקן אַסימילאַציע־שטראָם וואָס באַהערשט דאָס רוב יידן.

כּדי אונטערצונעמען די דאָזיקע שריט, מוזן מיר זיך געבן אַ תּשובה אויף דריי הויפּט־פראַגן:

א) וואָס איז די ראָל פון מדינת ישׂראל פאַרן יידישן פאָלק?

ב) ווי האַלטן מיר מיט דער יידיש וועלטלעכער קולטור?

ג) ווי אַזוי שטאַרקט מען דעם אינהאַלט פון דער יידישער דערציִונג?

א) אויב דער ציוניזם איז געווען דער אויפשטאַנד קעגן דער לאַגע פון די יידן אין גלות, און ער האָט, בעיקר מיט וועלטלעכע מיטלען, גורם געווען דאָס שאַפן די ישׂראל־מדינה, איז עס געווען דירעקט, אָדער אומדירעקט, מעג־לעך אַ דאַנק דעם וואָס ארץ־ישׂראל איז געווען אַ וועזנטלעכער טייל פון דער טראַדיציע און פון דער נאַציאָנאַל־ עמאָציאָנעלער ספערע פון די יידן אין משך

פון דורות; אָן אַקט וואָס האָט פאַרזיכערט דעם המשך און די אייגנאַרטיקייט פון ייִדישן פאָלק. דער ציוניסטישער רענעסאַנס איז געווען דער אידעאַל פון אַ גרויסן טייל פונעם פאָלק, וואָס האָט געטרוימט וועגן דעם ווידערגעבורט פון אַ ייִדישן שטאַט און פון אַ ייִדיש־מלוכהש לעבן. די מדינה קען און דאַרף דערי־בער אויספירן אַ גרויסע מיסיע אין ייִדישן פאָלק דורך ווערן דער צענטער פון גייסטיקן נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלן לעבן. ווען מען רעדט וועגן צענטראַליטעט פון ישׂראל אין ייִדישן פאָלק — איז די באַדייטונג אַ דאָפּלטע: ערשטנס — אָן ישׂראל קען מען היינט, אין דער תּקופה פון טעכנאָלאָגיע און סעקולאַריזאַציע נישט אויפהאַלטן קיין אחדות ישׂראל און צווייטנס — דאַרפן אין ישׂראל געשאַפן ווערן די גייסטיקע ווערטן וועלכע זאָלן זיין אַ צוציענדיקע קראַפט פאַר די ייִדישע מאַסן אין גלות, הן דורכן משתּף זיין זיי אין בויען דעם ייִדישן שטאַט, והן דורך אויפהאַלטן די ייִדישע ווערטן ווי אַ באַריער קעגן דער אַסימילאַציע און צעשפּליטערונג פון ייִדישן קאָלעקטיוו.

מדינת ישׂראל האָט כּמעט אויפגעהערט צו זיין אַ ריין־ציוניסטישע דער־שיינונג. די מדינה איז טאַקע געגרינדעט געוואָרן דורכן ציוניזם, אָבער זי איז געוואָרן דאָס אייגנטום פון גאַנצן ייִדישן פאָלק. פון אָט דער פּערספּעקטיוו דאַרף מען זען די ראָל פון מדינת ישׂראל אין אונדזער תּקופה. אַלע טיילן פון ייִדישן פאָלק, ציוניסטן און נישט ציוניסטן, דאַרפן האָבן מוט צו זען מדינת ישׂראל אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו אַפילו אויך דעמאָלט ווען ישׂראל האָט נאָך נישט די אַלע קוואַליפיקאַציעס, אַפילו ווען זי איז נאָך טיף אַריינגעטאָן אין די גרויסע פּראָבלעמען פון בויען, אויפהאַלטן און פאַרזיכערן די מדינה. פון דעם איז קלאָר, אַז צווישן די אַלע מיטלען, מיט וועלכע מ׳זוכט צו באַקעמפן דעם גייסטיקן אויס־ראָט פון ייִדישן פאָלק אין גלות, דאַרף מדינת ישׂראל שפּילן, אַזוי צו זאָגן, די ערשטע פידל.

ב) ס׳איז באַקאַנט, אַז אויסער די שטרענג־ייִדישע רעליגיעזע גרופּן אין גלות, האָבן אויך ייִדיש־געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן געוואָרגט זיך צו פאַרטיידיקן קעגן דער אָנגרייפנדיקער אַסימילאַציע. ציוניסטן און פאַרשידענע נאַציאָנאַלע קרייזן האָבן געגלויבט אַז אַ וועלטלעכע ייִדישע קולטור־טעטיקייט וועט דינען ווי אַ פאַנצער קעגן דער פאַרשווינדונג. מען האָט דערהויבן ביז גאָר די באַדייטונג פון דער וועלטלעכער ייִדישער קולטור און געגלויבט אַז זי אַליין איז בכּוח צו פאַרזיכערן אונדזער גייסטיקן קיום. ווען מען מאַכט אָבער איצט אַן אָביעקטיוון סך הכּל פון דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור און איר דערגרייכונג, כאָטש מען טאָר נישט אָפּלייקענען די גרויסע אָנשטרענגונגען וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אויף דעם געביט, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז מיר שטייען פאַר אַ שרעק־לעכן דורכפאַל. מחוץ אין קליינע סעלעקטיווע גרופּעס ווירקט נישט די וועלט־לעכע ייִדישע קולטור אויף די ברייטע ייִדישע מאַסן אין דער פרייער וועלט, די אַסימילאַציע איז זי לייכט גובר און ס׳מאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ פאַרפלייצונג

וואָלט צעשטערט קליינע צוימען. כּדי צו שטאַרקן דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין קעגן דער אַסימילאַציע־פּאַרפּלייצונג אין גלות, מוז מען האָבן אַ קולטור וואָס זאָל זיין פעסט און שטאַרק ווי אַ מויער...

מיר מוזן האָבן מוט און אָנערקענען, אַז אַ ייִדיש־וועלטלעכע קולטור אָן אַ באַדייטנדיקן טייל פון טראַדיציאָנעלן אינהאַלט, וואָס זאָל רעדן צו דער עמאָציע פון יחיד און אים האַלטן אין קרייז פון אָנגעהעריקייט צום ייִדישן פאָלק — איז פון פאָרויס אַ באַנקראָטירטער ענין. איך וויל גלייך באַמערקן, אַז איך וויל לחלו־טין נישט צוריק ברענגען די שטרענגע דאָגמעס פון אַ קלעריקאַלן לעבן אין גלות. ערשטנס — איז דאָס נישט צום דערגרייכן ביים רוב פון די ייִדישע מאַסן אין די תּפוצות און דאָס קען אויך נישט דערגרייכט ווערן ביי די בירגער אין מדינת ישׂראל. עס איז אָבער יאָ פאַראַן אַ מיטן־וועג וועלכן מיר דאַרפן אָננעמען, אויב מיר ווילן עפּעס טאָן אַז דער ייִדישער יחיד זאָל וועלן אָנהאַלטן זיין ייִדישע צוגעהעריקייט. די דאָזיקע צוגעהעריקייט וועט דער יחיד אָנהאַלטן אויב מען וועט אים גיבן דאָס געפיל, אַז ער איז אַ טייל פון אַ גרויס פאָלק, מיט גרויסע טראַדיציעס, מיט אַ רייכער היסטאָריע. אויב מיר וועלן נישט מצליח זיין אַרויס־צורופן ביים ייִדישן יחיד די עמאָציע און דעם ווילן אָנצוהאַלטן די דאָזיקע אָנגעהעריקייט — איז דער פּראָצעס פון אָפּרייסן זיך פונעם ייִדישן קאָלעקטיוו אַ זייער שנעלער און לייכטער. ווען די גייסטיקע שפּייז פון דעם ייִדן אין די תּפוצות באַשטייט נאָר פון אַ סעקולערער ייִדישער קולטור, אויסגעליידיקט פון יעטוועדער ייִדישער טראַדיציע, איז ער אַ קרבן פון דעם מעכטיקן שטראָם פון דער אַסימילאַציע און ער בלייבט אָן אַ נאַציאָנאַלער ייִדישער אָנגעהעריקייט.

אָט די לאַגע מוז פירן צו אַ וועזנטלעכער רעוויזיע וואָס שייך דער ייִדיש וועלטלעכער קולטור און איר השפּעה אויף די ייִדישע מאַסן אין די תּפוצות. מיר געפינען זיך איצט אין די סאַמע קריטישסטע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק. מען קען נישט לעבן און ממשיך זיין מיט די ביז איצטיקע מיטלען. מען מוז האָבן מוט צו אָנערקענען די פעלערן און זוכן נייע וועגן.

ג) דער סאַמע אָנגעווייטיקסטער ענין איז, וואָס גראַד אין אָט די טעג פון דער מאַסן־אַסימילאַציע אין די תּפוצות, פאַרמאָגן מיר אַ שוואַכע, קליינע און פיל מאָל אויך נישט ווירקזאַמע נעץ פון ייִדישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן. די ייִדישע דערציאונג קען, דאַרף און מוז פאַרנעמען דעם הויפּט־פּלאַץ אינעם ראַטעווען גייסטיק און נאַציאָנאַל, די ייִדן אין גלות. אמת ס׳ווערט זייער פיל גערעדט און געשריבן וועגן דעם, אָבער ווען מען קוקט אַריין טיפער אין דעם וואָס עס קומט פאָר אויף דעם געביט. מוז מען זיך זאָגן, אַז די ראשי הקהל אין די פאַרשידענע לענדער לייגן גאָר אַ קנאַפּן געוויכט אויף דער דאָזיקער פראַגע. פון 10 ייִדישע קינדער אין שול־עלטער באַקומען 8 נישט קיין שום ייִדישע דערציאונג און דאָס וואָס ס׳באַקומען די רעשט 20% איז אויך אויפן שפּיץ מעסער. דאָס איז ממש אַ נאַציאָנאַלער פאַרברעכן! וואָלטן מיר געהאַט מיטלען צו צווינגען וואָלט מען

געדאַרפט פאַרפּליכטן די ייִדישע קהילות אויף צוויי געביטן, וועלכע זענען פון גרעסטער וויכטיקייט: דאָס איז ייִדישער חינוך און פאַרבינדונג און שטיצע פאַר מדינת ישראל. אַלע אַנדערע טעטיקייטן פון לאָקאַלן פּאַרנעם דאַרפן אָפּגעשטעלט ווערן. ווייל אויף דעם געוויסן פון די קהילות וועט זיין דער גייסטיקער אויסראָט פון אונדזערע קינדער אין די תפוצות. פּריאָריטעט פאַר ייִדישן חינוך מוז ווערן די פאָדערונג פון אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן.

מיר מוזן אויך זאָרגן, און דאָס זייער ערנסט, פאַרן אינהאַלט פון ייִדישן חינוך. מען דאַרף נישט מיינען אַז מיט די פּאָר שעה אין די זונטיק־שולן, אָדער אַנדערע צוגאָב־שולן, קען מען יוצא זיין און מיט דעם דערציען דעם ייִדישן יוגנטלעכן, נאָר מען מוז אים צוגרייטן אַזוי, אַז ער זאָל נישט פאַלן אַ קרבן פון דער צעבושעוועטער אַסימילאַציע. דער ייִדישער חינוך דאַרף אין זיך אַריינגעמען ייִדישע טראַדיציע, ייִדישע געשיכטע, אייגנאַרטיקע ייִדישע ווערטן, קענטעניש פון און פאַרבינדונג מיט מדינת ישראל. דער ייִדישער חינוך דאַרף אָפּגעבן אַ סך מער אָרט פאַר עברית און פאַר ייִדיש און נישט משלים זיין מיט דער שפּראַך־אַסימילאַציע, וועלכע איז אַריינגעדרונגען אין אַלע שפּאַרונעס פון שולוועזן (איך האָב געהערט, אַז אַ גרויסער תּלמיד חכם און אָנגעזעענער גייסטיקער פירער אין צפון־אַמעריקע, וועלכער פלעגט פריער לערנען מיט זיינע ישיבה־תּלמידים די שעורים פון תלמוד אין אַ ייִדישער פאַרטייטשונג איז איצט אַריבער אויף אַ פאַרטייטש אין ענגליש. די ידיעה האָט מיר דערציילט, מיט גרויס באַדויערן, אַן אָרטאָדאָקסישער ייִד פון ניו־יאָרק. אַזוי גיט מען זיך לייכט אונטער די שפּראַכן־אַסימילאַציע).

כ'האָב דאָ געפּרוווט אָנמערקן אייניקע שריט כּדי צו באַקעמפן די דראָענדיקע ייִדישע אָנשטאַלטן מוזן אויספירן אַ באַדייטנדיקע ראָל אינעם געראַנגל קעגן דער אַסימילאַציע אין די תפוצות און זיך נישט איזאָלירן פון כּלל ישראל.

*

ווען מיר קוקן זיך צו דעם וואָס קומט פאָר אין תּוך פון ייִדישן פאָלק אין די תפוצות, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז אויב דער סטאַטוס קוואָ וועט נישט געענדערט ווערן, אויב דער אַסימילאַציע פּראָצעס וועט פאַרגעזעצט ווערן אין דעם טעמפּאָ וואָס איצט, איז פאַרויס צו זען אַ נאַציאָנאַלע גייסטיקע קאַטאַס־טראָפע. אַן ערנסטע מיטלען פון ווידערשטאַנד, וועלן מיר נאַציאָנאַל פאַרשפּילן מער ווי 6 מיליאָן ייִדן.

כ'האָב דאָ געפּרוווט אָנמערקן אייניקע שריט כּדי צו באַקעמפן די דראָענדיקע כוואַליע וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף אונדז. מען קען און מען דאַרף צוגעבן נאָך אַנדערע שריט. דאָס אַלץ מיט דעם ציל נישט משלים צו זיין מיט דעם פּראָצעס וואָס באַדראָט גייסטיק דאָס ייִדישע פאָלק.

תשעה־באב קען נישט פאַרבייטן דעם אָנדענק־טאָג פון דער נאַצי־שחיטה

דער דור, וועלכער האָט איבערגעלעבט די נאַצי־שחיטה, דער דור, וועלכער איז געשטאַנען ביים אָפּגרונט פון דער גרעסטער יידישער נאַציאָנאַלער קאַטאַס־טראָפע, אָט דער דור האָט נאָך נישט באַוויזן אין משך פון די 358 יאָר צו פאַר־אייביקן דעם אָנדענק פון דעם נאַציאָנאַלן אומגליק אין אַזאַ פאָרם, וואָס זאָל דינען אַלס וואָרענונגס־צייכן, אַלס טיפע דערשיטערונג און דערמאָנונג פאַר דורות. די איינציקע דערגרייכונג איז, אָן ספק, דאָס פעסטשטעלן אַז כ״ז ניסן איז דער אָנדענק־טאָג פאַר דער שואה און גבורה, אַז דער טאָג סימבאָליזירט ביידע טיילן: דעם אומגליק און גרויסן חורבן, און אויך דעם רעוואָלט פון די געפּיי־ניקטע קעגן דער שוידערלעכער טויטמאַשין פון די נאַציס. די דאַטע איז אויך נאָענט צום יום העצמאות פון מדינת ישראל. דערמיט ווערט אונטערגעשטראָכן די נאָענטע פאַרבינדונג צווישן דער שואה און דער גאולה, צווישן דער גרויזאַמער טראַגעדיע פון אויסגעהרגעטן פאָלק און דעם אויפקום פון מדינת ישראל.

מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז טראָץ דער באַשטימטער דאַטע, פעלט דעם אָנדענקטאָג אַ מער סימבאָלישע באַדייטונג, וואָס זאָל ווערן אַ טראַדיציע פאַרן פאָלק. די נויטיקייט פון דעם פילט זיך אין ישראל און נאָך מער אין די גלות־לענדער, ווו דער אָנדענקטאָג איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרבלאַסט געוואָרן. מוז מען זוכן צו פאַרטיפן דעם אָנדענק אינעם געפיל און געמיט פונעם גאַנצן פאָלק, ווייל אַנדערש וועט אין גלות פאַרשנעלערט ווערן דער פּראָצעס פון פאַרגעסן די תקופה פון דער נאַצי־שחיטה און דאָס וועט זיין אַ גרויסער נאַציאָנאַלער פאַרלוסט.

אין אָט די באַדינגונגען איז געקומען דער ראש הממשלה מנחם בעגין מיט אַ פאָרשלאָג, אַז כ״ז ניסן, דער אָנדענקטאָג פון שואה און גבורה ,זאָל אָפּגעשאַפט ווערן און אָנשטאָט דעם זאָל דער שואה־אָנדענק פאַראייניקט ווערן מיט תשעה באָב און די גבורה פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און פון אַלע אַנדערע אויפשטאַנדן זאָל פאַראייניקט ווערן מיט דעם אָנדענקטאָג פאַר די קרבנות פון צה״ל.

אויפן ערשטן בליק קען זיך דאַכטן, אַז אפשר וועט דאָס טאַקע קענען דינען אַלס אַ מיטל צו פאַרטיפן דעם אָנדענק פון דער נאַצי־שחיטה, ווייל תשעה באב איז אַן אַלגעמיין אָנערקענטער און אָנגענומענער טרויערטאָג. עס איז אָבער גענוג אַ ביסל זיך צו פאַרטיפן אין דעם פאָרשלאָג, כדי צו באַנעמען די שווערע קאָנ־סעקווענצן וואָס זיין פאַרווירקלעכונג קען מיט זיך ברענגען. מען מוז קומען צום

אויספיר, אַז דאָס אָננעמען דעם פאָרשלאָג וועט פירן צו אַ נאָך גרעסערער פאַר־בלאָסונג און פאַרגעסונג פון גרויסן ייִדישן אומגליק.

דער טאָג פון תשעה באב האָט דורות לאַנג געדינט אַלס אָן אָנדענק בעיקר פון חורבן בית המקדש, ווייל לויט אונדזערע חכמים פון די פריסטע דורות אָן, איז תשעה באב דער פּאַסנדיקסטער טאָג פאַר באַצייכענען אונדזער טרויער. האָט מען אין משך פון דורות מצרף געווען צום תשעה באב־טרויערטאָג נישט נאָר דעם חורבן פון ערשטן און צווייטן בית המקדש, נאָך אויך די קרבנות פון אויפ־שטאַנד אין ביתר אין דער תקופה פון בר־כוכבא, די קרבנות פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע גירוש און אויך אַנדערע פּאַלן. מיר קענען מיט דער פולסטער זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז די איבערוועגנדיקסטע צאָל ייִדן, וועלכע האָבן אַ באַציונג צום טאָג פון תשעה באב, האָבן נישט קיין שום אָנונג, אַז אַ חוץ דעם חורבן בית המקדש סימבאָליזירט אויך דער טאָג אַנדערע אָנדענקטעג פון שווערע קרבנות און אומגליקן. ס'איז אויך נאַטירלעך, ווייל דער חורבן פון בית־המקדש, דאָס פאַרלירן אונדזער נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט האָט אַרויסגערופן די טיפסטע עמאָציע און די באַציונג איז אַזוי פאַרבליבן. דעריבער דאַרפן מיר זייער ניכטער און אָביעקטיוו באַטראַכטן וואָס ס'וועט געשען אויב מיר וועלן פאַר־אייניקן דעם יום השואה מיט תשעה באב. דער סימבאָל פון תשעה באב וועט נאָך מער פאַרבלאַסן דעם אָנדענק פון דער פאַרניכטונג פונעם אייראָפּעישן ייִדנטום און מיט דער צייט מאַכן אים פאַרגעסן אין גאַנצן.

דאָס פאַרגעסן אָדער פאַרשווייגן פון דער שואה אין אונדזער תקופה איז אַן אַנטי־נאַציאָנאַלער אַקט, וועלכער וועט זיך נוקם זיין אין אונדז אַליין, ווייל די נאַצי־שחיטה האָט זיך נישט נאָר באַגרענעצט מיט פאַרניכטן 6 מיליאָן ייִדן, נאָר האָט אויך געהאַט ווייטגייענדיקע שוידערלעכע אויסווירקונגען אויף די פּראָ־צעסן אינעם ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן (כאָטש זי האָט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס משפּיע געווען אויף דער פאַרשנעלערונג פון די גאולה־שריט, אויף דער אַנט־שטייונג פון מדינת ישראל). מוזן מיר כסדר שטאַרקן דעם זכרון פון פאָלק, עס זאָל תמיד געדענקען וואָס ס'האָט אים אָפּגעטאָן דער עמלק פון דער הייַנטיקער צייט. דער שואה־אָנדענק, פּאַראַלעל מיט דער ייִדישער מדינה, ביידע צוזאַמען קענען האָבן די דעצידירנדיקע השפעה ביים דערציען אונדזער יונגן דור, צו פאַרשטיין די ייִדישע געשיכטע, אַרויסצורופן טיפע עמאָציעס און אידענטיפיצירונג מיטן ייִדישן פאָלק. פאַרגעסן, אָדער מאַכן פאַרגעסן די שואה הייסט אין הייַנטיקן דור אָפּשוואַכן דעם וואָפן פון אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שוידערלעכן אַסימילאַציע־פּראָצעס, וואָס בושעוועט אין די לעצטע יאָרן אין די גרויסע און קליינע ייִדישע קהילות אין דער וועלט.

דער פאַרשלאָג פון אָפּשאַפן דעם זכרון־טאָג פון דער שואה און גבורה וועט זיין אַ לעסטערונג פונעם אָנדענק פון די 6 מיליאָן קרבנות. מיר דאַרפן נאָך דורות לאַנג לערנען און אַרייַנדרינגען אין געדאַנק פון אונדזער פאָלק, וואָס מיט אונדז

איז געשען. גראָד אין דער צייט, ווען ערנסטע ייִדישע דענקערס און פּעדאַגאָגן טראַכטן ווי אַזוי אַרייַנצובריינגען אָט דעם אָנדענקטאָג אין באַוווּסטזיין פֿונעם יונגן דור, ווי אַזוי אַרויסצורופֿן ביי אים מער פּערזענלעכע באַרירונג מיט דער תּקופֿה פֿון דער שואה, קומט איצט דער פֿאָרשלאָג, און דערצו נאָך פֿון די העכסטע מדינה־אינסטאַנצן אין ישׂראל, מען זאָל דעם טאָג אָפּשאַפֿן. דאָס וועט זיין אַ געוואַלדיקער פֿעלער, אַ פֿעלער וועלכן מ׳וועט נישט קענען פֿאַרריכטן.

פּונקט ווי עס איז נישט ריכטיק דאָס אָפּשאַפֿן פֿונעם אָנדענק־טאָג פֿאַר דער שואה און פֿאַראייניקן אים מיט תּשעה באָב, אַזוי איז אויך נישט ריכטיק דאָס פֿונאַנדערטיילן און אָפּגרענעצן דעם גבֿורה־אָנדענק אין דער תּקופֿה פֿון דער שואה און פֿאַראייניקן אים מיט תּשעה באָב, אַזוי איז אויך נישט ריכטיק מטבע מיטביידע זייטן. דאָס זענען נישט נאָר העראָישע טאָטן אין וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד, ווי אויך אַנדערע גבֿורה־טאָטן. דאָס איז אויך אַ געוואַלדיקע דערציִערישע לעקציע פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק און ספּעציעל פֿאַרן יונגן דור אין דער היינטיקער תּקופֿה: נישט אונטערגעבן זיך דעם ייִאוש אַפֿילו אין די שרעק־לעכסטע מאָמענטן פֿון לעבן און ספּעציעל — אינעם נאַציאָנאַלן לעבן. מען קען נישט און מען טאָר נישט אָפּשאַפֿן און צעטיילן אָט די ביידע אַספּעקטן אין דער נאַצי־שחיטה. איינס דערגענצט דאָס צווייטע. דעריבער האַלטן מיר, אַז יעדער נאַציאָנאַלער ייִד דאַרף אָפּוואַרפֿן דעם פֿאָרשלאָג, וואָס עס ברענגט דער ראש הממשלה מנחם בעגין, מחמת דאָס וועט ברענגען גרויסע שאָדנס דעם נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין און דאָס גראָד אין אונדזער תּקופֿה. מען קען נישט און מען טאָר נישט משלים זיין מיט אָט דעם פֿאָרשלאָג און די ייִדישע עפֿנטלעכקייט אין דער וועלט דאַרף נישט מסכּים זיין דערצו.

אָבער גלייכצייטיק מיט דער שטעלונג, מאָטיווירונג און ברייטער אויפֿקלערונג וועגן דער שעדלעכקייט פֿון אָפּשאַפֿן דעם אָנדענק־טאָג פֿון שואה און גבֿורה פֿון כ״ז ניסן, מוז מען נעמען אויך ערנסטער באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם ווי אַזוי צו פֿאַרפֿעסטיקן, פֿאַרטיפֿן און אַריינגעבן מער אינהאַלט אין דעם טאָג פֿון שואה און גבֿורה, וואָס זאָל העלפֿן אַרויסרופֿן אומעטום אין ייִדישן פֿאָלק דאָס געפֿיל פֿון דער גרויזאַמקייט און גרויסקייט פֿון אָט דער תּקופֿה.

מען דאַרף אַוועקזעצן אַ קליינע גרופּע פֿון תּלמידי חכמים פֿון ישׂראל און פֿון די גלות־לענדער, וועלכע זאָלן זוכן וועגן ווי אַזוי צו פֿאַרטיפֿן דעם דאָזיקן אָנדענקטאָג אין ייִדישן פֿאָלק. ס׳איז לעבנסוויכטיק פֿאַר אונדז. מען טאָר עס נישט אָפּלייגן.

אויגוסט־סעפּטעמבער 1977

דער גערַאנגל פון סאָוויעטישן ייִדנטום

א

נאָך דער ערשטער בריסעלער קאָנפערענץ

די בריסעלער קאָנפערענץ, וואָס האָט אויסגעדריקט דאָס אידענטיפיצירן זיך פונעם וועלט־ייִדנטום מיטן גערעכטן קאַמף פון די סאָוויעטישע ייִדן פאַר זייערע רעכט, איז אָן שום ספק אַ וויכטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק.

כ'וועל גאָרנישט באַנייען אויב כ'וועל באַמערקן, אַז צווישן די יאָרן 1960 און 1967 זענען אין דער ייִדישער וועלט־עפנטלעכקייט געטיילט געווען די מיינונגען וואָס שייך די קאַמף־מעטאָדן, וועלכע דאַרפן אָנגעווענדט ווערן אין אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט הילף פונעם וועלט־ייִדנטום פאַר די ייִדן אין ראַטנ־פאַרבאַנד. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף אָננעמען פאָרזיכטיקע מיטלען, וואָס גייען נישט אַרויס פונעם תּחום פון אַ רוטין־טעטיקייט פאַרן פאַר־בעסערן דעם מצב פון די סאָוויעטישע ייִדן. אַנדערע, אַקעגן, וואָס זענען אין יענער תּקופה געווען די מינדערהייט, האָבן פאָרגעצויגן אַ פעסטערע און האַרבערע ליניע אין דעם דאָזיקן קאַמף. אָבער אויך זיי זענען געווען אָנהענגער פון אַ פאָרזיכטיקער טעטיקייט און האָבן געוואָלט אויסמיידן, אַז דער קאַמף פאַר די רעכט פון די ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד זאָל איינגעגלידערט ווערן אינעם קאַלטן קריג קעגן דעם סאָוויעטישן רעזשים. זיי זענען אויך געווען קעגן דעם באַנוצן זיך מיט געוואַלט־מיטלען.

אין משך פון דער צייט איז פאָרגעקומען אַ קער, וואָס האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַ כּסדר וואַקסנדיקער כוואַליע פּראָטעסטן, וואָס נישט געקוקט אויף דער פאַרשיידנקייט אין וועלכער זיי זענען געקומען צום אויסדרוק, זענען זיי אָבער אַלע אייניק געווען אין דער פאָדערונג: „שלח את עמי" (שיק אַוועק מיין פאָלק). אינעם דאָזיקן קאַמף איז בולט געקומען צום אויסדרוק די פאָדערונג צו דערמעגלעכן אַן עליה קיין ישׂראל און זי האָט געשטעלט אין שאָטן די פאַראַ־לעלע פאָדערונגען צו געבן קולטורעלע און רעליגיעזע רעכט דער מינדערהייט פון דריי מיליאָן ייִדישע בירגער אין ראַטנפאַרבאַנד.

די דאָזיקע לעגיטימע פאָדערונג איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן נישט נאָר דורך ייִדישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס נאָר אויך דורך הונדערטער און טויזנטער ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד גופא, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַן אינטענסיוון קאַמף פאַרן דערגרייכן זייערע רעכט, אַרויסווייזנדיק דערביי דערשטוינענדיקן מוט און העזה.

דער דאָזיקער הערא‌ִישער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן אין יוני 1967 און איז דערגאַנגען צו זיין דראַמאַטישן הויכפּונקט אין אָנהויב 1971.

דער באַגריף „די ייִדן פון שטילשווייגן" האָט פּלוצעם פאַרלאָרן זיין משמעות, די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן אָנגעהויבן הויך און אַנטשיידן פאַרלאַנגען דאָס רעכט אויף עליה. זיי האָבן אַרויסגעשטעלט די דאָזיקע פאָדערונג אויף אַן אינדיווידועלן און קאָלעקטיוון אופן פאַר די מאָסקווער מושלים און האָבן זיך אַפילו נישט אָפּגעשראָקן פון צו שיקן הונדערטער בריוו צו די פאַרשיידענע מאַכט-אָרגאַנען מיט דער פאָדערונג מען זאָל זיי דערלויבן עולה צו זיין קיין ישׂראל. דערביי האָבן זיי זיך נישט אָפּגעהאַלטן אָנצוגעבן זייערע גענויע נעמען און אַדרעסן נישט געקוקט אויף די גרויסע סכנות וואָס זענען דערמיט פאַרבונדן.

דאָס דאָזיקע אַנטקעגנשטעלן זיך די קאָנווענציאָנעלע דרכים פון דעם סאָוויעטישן רעזשים האָט ביי די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד צוגענומען די באַצייכענונג „ייִדן פון שטילשווייגן" און האָט זיי באַקרוינט מיטן טיטל „ייִדנטום פון געשריי". אָט דער דאָזיקער געשריי זייערער האָט עס מיטגעריסן און אויפגעוועקט דאָס ייִדנטום פון דער וועלט זיך טאָטאַל צו אידענטיפיצירן מיט זייער קאַמף.

די ערשטע וואָס האָט זיך איינגעשפּאַנט צו דער דאָזיקער טעטיקייט איז געווען די ישׂראל-רעגירונג מיט אַלע אירע אינסטאַנצן, פּערזענלעכקייטן און פּירערס. צום רוף זיך צו אידענטיפיצירן מיט די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד און צו פּראָטעסטירן קעגן דעם וואָס ס'ווערט ביי זיי צוגענומען דאָס רעכט עולה צו זיין איז צוגעשטאַנען דאָס פאָלק אין ישׂראל ווי אויך דאָס ייִדישע פאָלק אין די תפוצות.

צום שבת פונעם ייִדישן וועלט-קאָנגרעס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט אין די לעצטע יאָרן אָנגענומען די מער געוואָגטע שטעלונג אין פאַרגלייך צו זיינע טעטיקייט-מעטאָדן לגבי דעם פּראָבלעם פאַר די פריערדיקע יאָרן. און ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין, האָבן זיך, נישט געקוקט דערויף, נאָך געוויסע קרייזן אָפּגעגרענעצט פון דער שטעלונג פונעם ייִדישן וועלט-קאָנגרעס אין דער פראַגע פון די וועגן פונעם קאַמף לטובת די סאָוויעטישע ייִדן. איך שטרייך אונטער דעם דאָזיקן פאַקט היות ווי די אָנפירונג פונעם קאָנגרעס האָט אויף דער סעסיע פון איר עקזעקוטיוו אין ניצע (אין יאַנואַר 1971) באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אין דעם וועלט-צוזאַמענפאַר פאַר די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד און ענטפערנדיק פּאָזיטיוו אויף דער איינלאַדונג זיך אין אים צו באַטייליקן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע מאָס פון נאַציאָנאַלער אחריות. דער דאָזיקער ענטפער איז געשטאַנען אין קעגנזאַץ צו די מיינונגען פון אַ טייל פון אירע מיטגלידער, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מיט דעם ענין דאַרף זיך פאַרנעמען אויסשליסלעך דער ייִדישער וועלט-קאָנגרעס.

די איניציאַטיוו צו רופן אין בריסל אַ קאָנפערענץ פון וועלט-ייִדנטום וואָס זאָל אויסדריקן די טיפע אידענטיפיצירונג מיט די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד איז געווען דער אויסדרוק פון אַ נויטווענדיקייט פונעם געגעבענעם מאָמענט. די

בריסעלער קאָנפערענץ וואָס איז פאָרגעקומען צווישן דעם 24־טן און 26־טן פעברואַר 1971 האָט אויסגעדריקט אַ היסטאָרישע לעבנס־באַדערפעניש פון דעם ייִדנטום אין דער וועלט.

כ׳וועל נישט אַריינגיין אין די פּרטים פון דער קאָנפערענץ און ווי זי איז געפירט געוואָרן און וועל זיך בלויז באַנוגענען מיט דריי באַמערקונגען וואָס שפּיגלען לויט מיין מיינונג אָפּ דעם עיקר:

1. יעדער איינציקער וואָס איז אויפריכטיק און האָט נישט קיין פאָראורטיילן מוז קומען צום אויספיר, אַז די בריסעלער קאָנפערענץ איז געווען אַ מעכטיקע מאַניפעסטאַציע פון ייִדישער סאָלידאַריטעט. די קאָנפערענץ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסער צוציִונג־קראַפט און האָט אַרויסגערופן ברייטע אָפּקלאַנגען אין דער גאָרער וועלט. ס׳האָבן אין איר אָנטיילגענומען צאָלרייכע פערזענלעכקייטן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען באַקאַנט דורך זייערע פאַרשיידנאַרטיקע מיינונגען און וואָס האָבן געוואָלט צוהעלפן צו דעם דאָזיקן גערעכטן קאַמף.

צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען אַ סך ייִדישע פערזענלעכקייטן, דענקערס, פּאָלקס און אַרבעט־מענטשן, געזעלשאַפטלעכע פירערס און מנהיגים פון פאַרשידענע ייִדישע קהילות אין דער וועלט. דער גרעסטער טייל זייערע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זייער באַשיידנקייט און אַפילו געשטאַנען די גרויסקייט פונעם געשעעניש.

נישט געקוקט אויף די פעלערן וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן ביי דער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי בשום אופן נישט פאַרמינערט דאָס מעכטיקע געפיל פון אהבת ישׂראל און פון טיפער סימפּאַטיע צום פאָלק וואָס האָט אַזוי כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע קאָנפערענץ.

דער ציל וואָס די קאָנפערענץ האָט זיך געשטעלט איז געווען צו ברענגען צו די ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד די פולע אידענטיפיצירונג מיט זיי און אַרויסצווייזן זי פאַר די אויגן פון דער ברייטער וועלט־עפנטלעכקייט. דער דאָזיקער ציל איז דערגרייכט געוואָרן.

2. זינט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און זינט דעם ווי די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד זענען אָפּגעשניטן געוואָרן פונעם ייִדישן נאַציאָנאַלן קערפּער, איז צום ערשטן מאָל דערשינען אַ רעפּרעזענטאַטיווע גרופּע עולים פון דעם דאָזיקן לאַנד. זיי האָבן שטאַרק באַאיינדרוקט די אָנטיילנעמערס פון דער קאָנפערענץ מיט זייערע דראַמאַטישע שילדערונגען פון זייער קאַמף פאַרן דערגרייכן דאָס רעכט עולה צו זיין קיין ישׂראל. אויך פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט האָט די בריסעלער קאָנפערענץ באַקומען אַ גאָר אָנגעזעענע ייִדיש־נאַציאָנאַלע וואָג. זענען דאָך איצט ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד נישט מער ווי בלויז אַן אָביעקט, נאָר זענען געוואָרן אַ סוביעקט אינעם קאַמף פאַר זייערע רעכט.

3. צום זכות פֿון דער קאָנפֿערענץ דאַרף געזאָגט ווערן, אַז נישט געקוקט דערויף וואָס זי האָט נישט באַוויזן אויסצוקריסטאַליזירן צענטראַלע פּראָבלעמען און אָננעמען וועגן זיי אַנטשיידנדיקע באַשלוסן, איז אירע אָנטיילנעמער געלונגען אויסצומיידן שטרויכלונגען, וואָס זענען עלול געווען צו פֿאַרשווערן דעם קאַמף פֿאַר די ייִדן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד.

כ׳וועל זיך באַנוגענען דערמיט וואָס כ׳וועל באַצייכענען דעם פֿאַקט, אַז אין די דיסקוסיעס האָט זיך נישט אַרויסגעפֿילט די נייגונג צו פֿאַרוואַנדלען די קאָנפֿערענץ אין נאָך אַ רינגעלע אין דעם קאַלטן קריג קעגן דעם סאָוויעטישן רעזשים.

דער גרעסטער טייל פֿון די רעדנערס, וואָס האָבן אויסגעדריקט די מיינונגען פֿון די אָנפֿירערס פֿון די ייִדישע געמיינדעס אין דער ברייטער וועלט האָבן זיך שטרענג אָפּגעהאַלטן אָנצונעמען אַ ליניע וואָס וואָלט געקענט אויסגעטייטשט ווערן ווי דאָס צושטיין צו איין צד אין דעם קאַלטן קריג. פֿאַרקערט — אַ סך פֿון די אָנטיילנעמערס האָבן אין זייערע רייד אונטערגעשטראָכן, אַז דער הויפּט־ציל איז צו פֿאָדערן פֿון דער ראַטנמאַכט זי זאָל בפֿועל ממש צוטיילן דאָס עלע־מענטאַרע רעכט אויף עליה יעדן איינציקן פֿון די וואָס פֿאַרלאַנגען עס, ווי אויך צו פֿאַרזיכערן די קולטורעלע און רעליגיעזע רעכט דער ייִדישער מינדערהייט אין ראַטנפֿאַרבאַנד. דאָסגלייכן אין דער פֿראַגע פֿון אויסקלייבן די פּאַסיקע מיטלען אינעם קאַמף פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון די פֿאָדערונגען פֿון די סאָוויעטישע ייִדן. זאָל דאָ באַצייכנט ווערן, אַז דער איבערוויגנדיקער טייל פֿון די אָנטייל־נעמערס אין דער קאָנפֿערענץ האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפֿן דאָס באַנוצן זיך מיט געוואַלט־מיטלען.

די הערשנדיקע מיינונג איז געווען, אַז געוואַלט־מיטלען זענען עלול צו שטעלן אין געפֿאַר דעם גערעכטן קאַמף און צו פֿאַרטושן דעם פּאָזיטיוון רושם, וואָס ער שאַפֿט אין דער וועלט־עפֿנטלעכקייט.

לויט מיין מיינונג איז אויך דער אינצידענט אַרום דעם דערשיינען פֿונעם רב כהנא וואָס איז אַן אָנהענגער פֿון געוואַלט־מעטאָדן געוואָרן איבערגעטריבן און האָט בלויז אויסגעדריקט דאָס אָפּגרענעצן זיך פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿון זיינע טעטיקייט־וועגן.

און צום סוף — דער פֿאַקט, וואָס וועלט־אָרגאַניזאַציעס זענען דערגאַנגען צו דער איבערצייגונג, אַז מ׳דאַרף, צוליב פֿאַרשידענע סיבות, זיך אָפּהאַלטן פֿון צו שאַפֿן אַ שטענדיקע אינסטאַנץ וואָס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט די פּראָב־לעמען פֿון די סאָוויעטישע ייִדן, באַווייזט אַז פֿאַר דער מערהייט פֿון די אָנטייל־נעמערס איז געשטאַנען דאָס פּראָבלעם ווי אַזוי צו פֿאַרזיכערן די שטרעבונג פֿונעם רוב אויסצודריקן סאָלידאַריטעט מיט די ייִדן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און אין דער זעלבער צייט אויסמיידן אָנצונעמען באַשלוסן וואָס קענען שפּאַלטן און צעפּיצלען דעם אָרגאַניזירטן ייִדישן ציבור אין דער וועלט.

פון דעם אויבן געזאָגטן דרינגט אַרויס, אַז מיר זענען אויף דער בריסעלער קאָנפערענץ געווען עדות פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער רייפקייט, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דעם גורל פון די סאָוויעטישע יידן איבער יעטוועדן פּראַקטיאָנעלן אָדער אָרגאַניזאַציאָנעלן חשבון.

די בריסעלער קאָנפערענץ איז געווען אַ געשריי וואָס איז אַרויס פון די טיפענישן פונעם יידישן פאָלק אין דער וועלט ווי אויך אַ וואָרענונג אויפן אַדרעס פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין דער וועלט נישט מפקיר צו זיין די דריי מיליאָן יידן אין ראַטנפאַרבאַנד.

די יידישע נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן זענען אויפגערופן געוואָרן צו בלייבן וואַך פאַר דער פראַגע פון די סאָוויעטישע יידן און טעטיק צו זיין פאַר זיי מיט אַ ברייטן פאַרמעסט, נישט מיד ווערנדיק אויף קיין איין מינוט.

און צוריקקומענדיק צום יידישן וועלט־קאָנגרעס וויל איך נאָך אַמאָל אונטערשטרייכן, אַז ער האָט געהאַנדלט ריכטיק און קלוג דערמיט וואָס ער האָט באַשלאָסן צוצושטיין צו די וואָס האָבן צוגעזאָגט צו פאַרשטאַרקן די בריסעלער קאָנפערענץ, און נישט פאַרלאַנגט דערביי פאַר זיך קיין אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרעסטיזש. און פונקט אַזוי ווי די חברים פון קאָנגרעס האָבן בעת דער קאָנפערענץ אין בריסעל צוגעהאָלפן צו איר דערפאָלג, אַזוי מוזן זיי אויך נאָך דער קאָנפערענץ צולייגן אַ האַנט צו אַלע טעטיקייטן וואָס זענען פאַרבונדן מיטן גערעכטן קאַמף פאַר די סאָוויעטישע יידן.

אַפּריל—מאַי 1971

ב

מדינת ישׂראל און דאָס סאָוויעטישע יידנטום

מיר שטייען לעצטנס פאַר אַן אינטענסיווער אַקציע אַרויפצוברענגען אויפן סדר היום פון אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן, אַלס פּערמאַנענטע פראַגע, די לאַגע פון די יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. דאָ, אין מדינת ישׂראל און אין אַלע יידישע קהילות אויף דער וועלט ווי אויך אין אַלע אינטערנאַציאָנאַלע אינסטאַנצן דאַרף געפאָדערט ווערן פאַרן דאָזיקן פּראָבלעם אַ דרינגענדיקע לייזונג.

אין משך פון לאַנגע יאָרן האָבן מיר באַגלייט מיט אַ סך אינטערעס און מיטגעלעבט מיט דעם גורל פון דעם 3 מיליאָנענדיקן יידישן ישוב אין סאָוויעט־רוסלאַנד. דאָס וועלטיידנטום האָט פאַר די לעצטע 20 יאָר כּסדר געפילט — מיט פאַרשידענע ניואַנסן און אָפּהענגיק פון די אומשטענדן — אַז דאָס פּראָבלעם פון

ייִדישן ייִשוב אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז נישט נאָר אַן ענין פֿאַרן ייִשוב דאָרט, נאָר איז אַ פֿראַגע פֿאַרן גאַנצן ייִדישן פֿאָלק. ס'איז ביי אים וואָך געוואָרן די זאָרג אָפּצוראַטעווען אַ טייל פֿון דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן ייִדישן אָרגאַניזם און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין צענדליקער פֿאַרזאַמלונגען, פּראָטעסט־אַקטן, אינטערווענצן. דערביי האָט דאָס וועלט־ייִדנטום געשפּילט די ראָל פֿון אַ דרויסנ־דיקן פֿאַקטאָר וואָס אַלאַרמירט, אָבער די סאָוויעטישע ייִדן אַליין זענען געבליבן שטום, נישט אָנטיילגענומען אין קאַמף און כּמעט ווי נישט אויסגעפּילט קיין שום ראָל. פֿאַרשטענדלעך, אַז די באַדינגונגען אין וועלכע זיי האָבן געלעבט האָבן זיי נישט דערלויבט צו שפּילן אַ מער אַקטיווע ראָל און דערפֿאַר האָט מען זיי גערופֿן: „דאָס שטומע ייִדנטום", "דאָס ייִדנטום פֿון שווייגן".

אין דער זעלבער תּקופֿה איז אויך געשטאַנען אַ קאָנטראָווערסאַלע פֿראַגע: וואָס דאַרף זיין די ראָל פֿון מדינת ישׂראל לגבי דעם קאַמף צו פֿאַרלייכטערן די לאַגע פֿון די ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד. געווען אַ מיינונג, אַז מדינת ישׂראל קען זיך נישט צוריקהאַלטן פֿון אָנטייל־נעמען אין דאָזיקן קאַמף און דאַרף ברענגען צום אויסדרוק איר זאָרג. אַן אַנדער מיינונג איז געווען, אַז יעדער שריט לטובת די ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד מצד מדינת ישׂראל דאַרף געטאָן ווערן מיט אַ סך טאַקט, כּדי נישט גורם צו זיין שווערִיקייטן דעם דאָרטיקן ייִדישן ישוב. די דאָזיקע שטעלונג איז געווען אַ פּועל יוצא פֿון דעם פֿאַקט וואָס פֿון יענעם ישוב איז נישט געקומען קיין שום סימן ווי אַזוי אונדזער האַלטונג דאַרף זיין. דעריבער איז אין אונדזער האַלטונג געווען אפֿשר אַ ביסל אַן איבערגעטריבענע פֿאָרזיכט. אויפֿן געוויסן פֿון מדינת ישׂראל, אַלס צענטער פֿון ייִדישן לעבן אין דער וועלט, איז געשטאַנען די פֿראַגע אין איר גאַנצער שאַרפֿקייט: ווי קען מען מוותּר זיין אויף 3 מיליאָן שוועסטער און ברידער? און מיר האָבן זיך כּסדר אַליין געראַנגלט מיט זיך ווי אַזוי די פֿראַגע צו פֿאַרענטפֿערן.

די לעצטע 2 יאָר זענען מיר עדות פֿון אַן ערנסטער ענדערונג אין אונדזער באַציונג צום ייִדישן ישוב אין סאָוויעט־רוסלאַנד. בייע שטימען און בייע שטע־לונגען זענען געקומען צום אויסדרוק מצד יחידים און גרופּעס, וועלכע פֿאָדערן אַ קלאָרע שטעלונג פֿון דער ראַטנמאַכט לגבי דעם רעכט פֿון די סאָוויעטישע ייִדן צו קענען באַשטימען זייער גורל, דאָס רעכט צו עולה צו זיין קיין ישׂראל און זיך צו פֿאַראייניקן מיט זייערע משפּחות. אָט דאָס עלעמענטאַרע רעכט קען נישט אָפּגעלייקנט ווערן לגבי דער ייִדישער מינדערהייט. ייִדישע בירגער ווענדן זיך דורך אָפּיציעלע בריוו, אָנגעבנדיק זייער נאָמען און אַדרעס און פּראָטעסטירן קעגן דעם וואָס מען וויל זיי נישט געבן קיין דערלויבעניש צו קומען קיין ישׂראל. נאָך מער, מיר זענען עדות פֿון דער אינטערעסאַנטער דערשיינונג, אַז די סאָוויעטישע ייִדישע יוגנט וועלכע האָט נישט באַקומען קיין ייִדישע דערציונג, נישט אין היגזיכט פֿון קולטור, און נישט אין היגזיכט פֿון טראַדיציע, האָט פּלוצעם

אַנגעהויבן אַרויסווייזן אַ טיפן באַגער זיך צו דערנעענטערן צו איר ייִדישן אָפּשטאַם. היינט קענען מיר נאָך נישט אָפּשאַצן דעם טיפן נאַציאָנאַלן זין פון אָט דער גרויסער דערשיינונג. מער ווי 50 יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיך אין ראַטנפאַרבאַנד צווישן דער ייִדישער יוגנט צעפלאַקערט אַ שטרעבן זיך אומ־צוקערן צו ייִדישקייט. זי וויל לעבן צוזאַמען מיט ייִדן אויף דער אייגענער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע, אין מדינת ישׂראל.

אָט די דאָזיקע מערקווירדיקע נאַציאָנאַלע דערשיינונג, וואָס נעמט אַרום פאַרשידענע ייִדישע קרייזן אין ראַטנפאַרבאַנד, קען בלויז דערקלערט ווערן ווי אַ קלאַסישע ציוניסטישע אַנטוויקלונג.

גאָר לעצטנס זענען מיר עדות פון אַ געוואַלדיקן, מוטיקן שריט וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך די 18 משפחות פון גרוזיע. זיי האָבן זיך געווענדט צום ראש הממשלה גאָלדע מאיר און געבעטן, אַז מדינת ישׂראל זאָל אינטערווענירן ביי די פאַראייניקטע נאַציעס כּדי זיי זאָלן באַקומען דאָס רעכט עולה צו זיין, ווייל טראָץ זייערע אַלע ווענדונגען האָט די סאָוויעטישע רעגירונג נישט דערלויבט זייער עליה. אינטערעסאַנט צו לייענען אין זייער בריוו די מאָטיווירונג וואָס זיי גיבן אָן און מיט וועלכער זיי באַגרינדן זייער פאָדערונג. זיי ווילן זיך אייג־גלידערן אין זייער נאַציע, זיין צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק, דאָס איז זייער אייג־ציקער ווונטש. אין בריוו איז נישטאָ קיין איין באַמערקונג אָדער פּרוּוו צו קריטיקירן דעם סאָוויעטישן רעזשים. זיי מאָנען בלויז זייערע עלעמענטאַרע רעכט פריי צו לעבן מיט די מיט וועלכע זיי פילן זיך איינס.

אַלע ווייסן מיר, אַז ס׳זענען פאַראַן גרופּעס וואָס ווען מען רירט אָן די פראַגע פון עליה פון סאָוויעט־רוסלאַנד, מיינען זיי אַז די כּוונה איז צו אַטאַקירן דעם רעזשים. דעריבער דאַרף געזאָגט ווערן קלאָר און דייטלעך, אַז מיר האָבן נישט בדעה זיך אַריינצומישן אין די ענינים פון סאָוויעטישן רעזשים. אונדזער איינציקע כּוונה איז צו דערגרייכן עס זאָל דערלויבט ווערן די סאָוויעטישע ייִדן עולה צו זיין, מחמת מיר קענען בשום אופן נישט מוותר זיין אויפן 3 מיליאָ־נענדיקן ייִדישן ישוב פון ראַטנפאַרבאַנד.

די שטאָלצע, מוטיקע האַלטונג פון די רוסישע ייִדן שטעלט אויף פאַר די סאָוויעטישע הערשערס אַוועק די האַרבע פראַגע, צי קען מען און צי לוינט זיך צו פאַרגוואַלדיקן 3 מיליאָן ייִדן, וואָס ווילן נישט מסכּים זיין אָפּצוּווישן זייער נאַציאָנאַלן אינהאַלט און וואָס ווילן געהערן צו דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע אין מדינת ישׂראל.

נישט געקוקט אויף די ערנסטע פּאָליטישע קאָנפליקטן וואָס קומען פאָר סוף 1969 אין נאָענטן מזרח און אויף דער ראָל וואָס סאָוויעט־רוסלאַנד שפּילט אין דעם קאָנפליקט, קען דאָס פּראָבלעם פון 3 מיליאָניקן ייִדישן ישוב נישט פאַר־

בלייבן קיין ווינקל־פֿראַגע און מיר קענען איבער אים נישט אַריבערגיין צום סדר היום. וואָס אויסגעהאַלטענער און פּערמאַנענטער אונדזער קאַמף וועט זיין, אַלץ דרינגענדיקער וועט מען אויך מוזן געפֿינען אַ פּאָזיטיווע לייזונג פֿאַר אָט דעם פּראָבלעם.

נאָך דעם פּראָבלעם פֿון דעם עצם עקזיסטענץ און פֿאַרזיכערונג פֿון מדינת ישׂראל, איז דער גורל פֿון ייִדישן ישוב אין סאָוויעט־רוסלאַנד דער צווייטער וויכטיקער פּראָבלעם. דעריבער דאַרף מען אָנווענדן אונדזער גאַנצע אויפֿמערק־זאַמקייט און אָנשטרענגונג פֿאַר זיין לייזונג.

ווען אונדזער פּרעמיער־מיניסטער גאָלדע מאיר האָט אַרויפֿגעבראַכט אויף דער בינע פֿון דער כּנסת דאָס פּראָבלעם וועגן דער לאַגע פֿון סאָוויעטישן ייִדנטום, איבערלייענדיק פֿאַר דער געזעצגעבערישער אינסטאַנץ פֿון דער מדינה די ווענדונג פֿון די משפּחות פֿון גרוזיע, האָט זי געבראַכט צום אויסדרוק די וואָגיקע תּשובה וואָס איז געגעבן געוואָרן פֿון מדינת ישׂראל צו די מוטיקע ייִדן אין גרוזיע און דורך זיי צו די איבעריקע ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד. זי האָט געזאָגט, אַז מדינת ישׂראל באַרעכטיקט זייער קאַמף און אַז זי וועט זיך אָנשטרענגען צו העלפֿן די ייִדן אין זייער גערעכטער פֿאָדערונג. דער קול פֿון ציון האָט דורך איר מויל אויסגעדריקט דעם שטאַרקן ווילן פֿון דער גאַנצער מדינה צו זיין דער מוטיקער און פּאַסיקער אַדרעס פֿאַר די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס ווילן עולה זיין קיין ישׂראל.

מיר איז אויסגעקומען צו נעמען אַ וואָרט אין דער דעבאַטע אין דער כּנסת און איך מוז זאָגן, אַז איך האָב אין יענע מאָמענטן געפֿילט אַ געוואַלדיקע נאַציאָ־נאַלע אחריות און געבראַכט צום אויסדרוק, אַז דאָס מוז אויך זיין די שטעלונג פֿון מדינת ישׂראל. דורך דער דעבאַטע אין דער כּנסת מוז אויך קומען צום אויסדרוק דער ווילן פֿון וועלט־ייִדנטום צו רעווידירן די מעטאָדן פֿון קאַמף פֿאַר די ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד. אַוודאי דאַרפֿן מיר נישט אויסמישן דעם קאַמף פֿאַר די סאָוויעטישע ייִדן מיט אַ קעגנערשאַפֿט צום סאָוויעטישן רעזשים. יעדע גרויסע וועלט־אָרגאַניזאַציע, צווישן זיי דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס, דאַרף אין ליכט פֿון דער דאָזיקער ווענדונג ערנסט און טיף באַטראַכטן די מעטאָדן און מיטלען ווי אַזוי צוצולייגן אַ האַנט אין דעם דאָזיקן גערעכטן קאַמף.

מדינת־ישׂראל, וואָס וועט איצט דאַרפֿן אויסשפּילן אַ צענטראַלן פּלאַץ אין קאַמף פֿאַר די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, זי דאַרף אויך נעמען די איניציאַטיוו צו קאָאָרדינירן די שטעלונג פֿון אַלע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט פֿאַר די צעזייטע און צעשפּרייטע ייִדן איבערן ראַטנפֿאַרבאַנד.

יאַנואַר, 1970

ג

ייִדן פון סאָוויעט־רוסלאַנד אין ישׂראל

מיר לעבן איבער גרויסע טעג אין שייכות מיט דעם רירנדיקן קאַפּיטל פון די ייִדן פון סאָוויעט־רוסלאַנד. אַ גרויסע דראַמע שפּילט זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן. די דראַמע האַלט אין איין שטייגן, בעיקר זינט 1969, און דאָס וואָרט איז צו בלייך כּדי זי צו שילדערן. מיר, די עדות אירע, זעען די זאַך מיט אַן עמאָציאָנעלער אויפרודערונג, מיט אַ ציטער פון אוהבֿי ישׂראל, מיט אַ טיפער נאָסטאַלגיע צוריק זיך צו פאַרבינדן מיטן אָפּגעריסענעם שבט פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן פאָלקס־גוף. דאָס ייִדישע פאָלק אין דער איצטיקער תּקופֿה דריקט אויס זיין טיפע סאָלידאַריטעט מיטן גערעכטן קאַמף און געראַנגל פון די דערדריקטע ייִדן, וועלכע ווילן זיך אָנשליסן צו אונדז דאָ, אין מדינת ישׂראל; וועלכע ווילן ווערן מיטבויערס פון אַן אייגענער, אמתער היים. מדינת ישׂראל, מיט איר באַפעלקערונג, מיט אַלע שבֿטים אירע פילן זיך אידענטיפיצירט מיט דעם וואָס קומט פאָר אויפן ברויזנדיקן פראָנט פון די סאָוויעטישע ייִדן.

ס'איז שווער דאָס אַלץ צו באַנעמען. מען רופט עס אַן מיטן נאָמען פון קלאַסישן ציוניזם, פון גרויסן אויפרייס פון ייִדישן ניצוץ. עס איז געקומען דער טיפער אויפברויז ביי די סאָוויעטישע ייִדן. דאָס וואָס קומט פאָר מיט די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז מער ווי בלויז אַ תּשובֿה אויף זייער לאַגע פון דערדריקטע ייִדן. ביז היינט האָבן מיר נאָך נישט גענוג פאַרשטאַנען די טיפע גייסטיקע און נאַציאָנאַלע פּראָצעסן וואָס זענען דאָרט פאַרגעקומען און וואָס האָבן דערגרייכט צו דעם פון וואָס מיר זענען היינט עדות.

פאַראַן פיל מליצה און ווערטער, כּדי צו פאַרטייטשן דאָס וואָס קומט פאָר דאָרטן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. דאָ אין ישׂראל, האָבן מיר זיך געגעבן און גיבן ווייטער אַ סך מי צו העלפן און צו שטיצן די פיזישע באַפרייאונג פון די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. ס'איז אָבער ווייניק געטאָן געוואָרן מיר זאָלן ריכטיק פאַרשטיין דעם פאַרלויף פון דעם גייסטיקן שטורעם ביי די דאָזיקע ייִדן און אַנטפּלעקן זיינע מקורות. ס'קען זיין, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל ס'פעלט אונדז נאָך די פּערספּעקטיוו, די דיסטאַנץ זיך ווי געהעריק צו פאַרטיפן אין דער פּרשה יציאת סאָוויעט־רוסלאַנד אין די 70קער יאָרן.

ווען מען זעט די קרבנות־גרייטקייט ביי די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, שטוינט מען און מען פרעגט זיך: ווו האָבן זיי גענומען דעם גרויסן מאָראַלישן און גייסטיקן כּוח אָנצוהויבן צו שטורעמען זייערע פאַרשלאָסענע טויערן, פון וואַנען קומט צו זיי די יחידישע און קאָלעקטיווע גבֿורה, די עקשנות, דער אויסדויער דעם דאָזיקן שטורעם זייערן פאַרצווזעצן, נישט געקוקט אויף אַלע שווערקייטן, רדיפֿות און געפאַרן?

די סאָוויעטישע ייִדן האָבן נישט נאָר אַרויסגעבראַכט פֿון זיך אַ געוואַלדיקן מאָראַלישן כּוח פֿאַר זייער אייגענעם באַפֿרייאונג־קאַמף. מיט זייער קאַמף, מיט זייער האַלטן זיך האָבן זיי אויך אויפֿגעוועקט אַ גרויסן כּוח ביי אַלע ייִדן אין דער וועלט, וואָס האָבן דערפֿילט זייער נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט מיט די ברידער אין ראַטנפֿאַרבאַנד און זענען געוואָרן אַ וויכטיקער נאַציאָנאַלער פֿאַקטאָר כּדי צו צעמענטירן די ייִדישע נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט און אחדות.

דער סאָוויעטיש־ייִדישער שבט האָט אַריינגעטראָגן ייִדישן נאַציאָנאַלן דינאַמיזם, כּדי צו קעמפֿן קעגן אַ שטאַרקן קעגנער, וואָס האָט אונטערן דרוק פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג אין דער וועלט אָנגעהויבן אַ ביסל צו עפֿענען די טויערן, אמת דערווייל נאָך זייער ווייניק. אָבער דאָס זאָגט עדות, אַז דער קליינער דוד קען זיך פֿאַרמעסטן מיטן גרויסן גלית.

דער קאַמף פֿון די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט אינגאַנצן געענדערט אונדזער אויסרעכענונג וועגן דעם גורל פֿון די דאָזיקע ייִדן. זייער קאַמף רופֿט אַרויס אַ האָפֿענונג. די נביאות וואָס מיר האָבן אַזוי פֿיל מאָל געהערט, אַז מיר האַלטן ביים אונטערגאַנג פֿון דעם ייִדישן שבט אין רוסלאַנד, ווייזט זיך אַרויס ווי אַ פֿאַלשע.

די לאַנגע קייט פֿון פּראָצעסן קעגן ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, וועמענס הויפּט־שולד ס׳איז זייער אייזערנער ווילן עולה צו זיין קיין ישׂראל, די פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן זיי און די יאָרן פֿון תּפֿיסה, האָבן זיי דאָך נישט איינגעבראָכן. מיר לייענען די רייד פֿון רייזע פּאַלאַטניק פֿאַר אירע שופֿטים, אויף איר פּראָצעס פֿון יוני 1971 אין אָדעס און מיר בלייבן פֿאַרגאַפֿט פֿון איר ייִדישן שטאָלץ און מוט. זי דריקט אויס אין אַ גרויסער מאָס דאָס געפֿיל און באַגער פֿון די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, וועלכע שטרעבט זיך צו באַפֿרייען, ווען זי זאָגט: „כ׳פֿאַרשטיי אַז אפֿשר דערוואַרטן מיך יאָרן פֿון געפֿענגעניש, אָבער איין זאַך ווייס איך מיט זיכערקייט: מיין גורל ליגט אינגאַנצן אין מדינת ישׂראל און קיין שום אַרעסט וועט מיך נישט אָפּטיילן פֿון דיר מיין ייִדיש פֿאָלק!״

אין די דאָזיקע רייד האָט רייזע פּאַלאַטניק אויסגעדריקט דעם אינערלעכן שטורעם פֿון די יעניקע ייִדן וועלכע שטרעבן צו קומען קיין ישׂראל. דאָס זענען ייִדן, מוטיקע קעמפֿערס פֿאַר דער נאַציאָנאַלער זאַך, וועלכע צאָלן אַ שווערן און גרויסן פּרייז פֿאַר זייערע אידעאַלן און שטרעבונגען.

*

דער קאַמף פֿון די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט אָנגעהויבן צו געבן פּרוכטן. ביסלעכווייז קומען זיי קיין מדינת ישׂראל. ווי נאָר זיי באַטרעטן די ערד פֿון ישׂראל, זאָגן זיי, אַז זייערע ברידער אין רוסלאַנד מוזן פֿאַרזעצן דעם קאַמף אויפֿן אָרט, און דאָס זעלבע מוזן טאָן אַלע אַנדערע טיילן פֿון ייִדישן פֿאָלק אין גלות, כּדי צו דערגרייכן אַז סאָוויעטישע ייִדן זאָלן קומען אין גרויסע צאָלן.

דאָס איז ממש אַ פֿאָדערונג פֿון די מאַסן ייִדן וואָס לעבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד און וואָס האָבן נאָך נישט זוכה געווען צו קומען קיין ישׂראל.

אָבער פֿאַרזעצנדיק אונדזער קאַמף לטובת די סאָוויעטישע ייִדן און פֿאַר זייער רעכט עולה צו זיין, טאָרן מיר נישט פֿאַרזען דאָס גרויסע פּראָבלעם וואָס שאַפֿט זיך אין ישׂראל מיט דער עליה פֿון די סאָוויעטישע ייִדן וואָס האָבן שוין צו איר זוכה געווען.

מיר קומט אויס זיך צו טרעפֿן מיט פֿיל ייִדן וועלכע זענען די לעצטע פּאָר יאָר געקומען פֿון רוסלאַנד קיין ישׂראל. דורכשניטלעך זענען אַ סך פֿון זיי מענטשן מיט הויכער בילדונג, אין די מיטעלע יאָרן. מען פֿילט ביי זיי, אַז זיי געהערן צו אַ באַזונדערן שבט, וואָס קומט פֿון אַ פּראָנט. זיי באַפֿרידיקן זיך נישט מיט דעם וואָס מ׳האָט זיי פֿאַרזאָרגט מיט אַ שטוב און פּרנסה, עפּעס פֿעלט זיי. זיי זוכן אַ וועג, און אין דער מאָס וואָס זיי האָבן שוין מצליח געווען אין זייערע ערשטע שריט צו פֿאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ, שטעלן זיי זיך די האַרבע פֿראַגע: וואָס פֿאַראַ אויפֿגאַבע דאַרפֿן זיי אויספֿילן אין מדינת ישׂראל? דער גרעסטער טייל פֿון די דאָזיקע עולים זענען געקומען די לעצטע צוויי אָדער דריי יאָר.

אָט שאַפֿט זיך אַ גרויס געזעלשאַפֿטלעך פּראָבלעם מיט די עולים פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד. טראָץ דעם וואָס די פֿירנדיקע קרייזן אין מדינת ישׂראל זענען פֿאַרנומען ביז איבערן קאָפּ מיט די גרויסע פּאָליטישע, מיליטערישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, מוז מען דאָך זיך נעמען צייט און זוכן וועגן צו לייזן באַצייטנס די ספּעציפֿישע פּראָבלעמען פֿון די עולים פֿון רוסלאַנד. איך שטרייך אונטער, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט בעיקר אינעם פֿינאַנציעל־עקאָנאָמישן אַספּעקט, נאָר אין דער געזעלשאַפֿטלעכער איינגלידערונג פֿון די עולים אין דער ישׂראל־דיקער געזעלשאַפֿט. אויף דעם געביט זענען מיר נאָך גאָר ביים אָנהויב.

מען מוז אויך פֿאַרשטיין, אַז דאָ האַנדלט זיך אין עולים וועלכע האָבן יאָרן לאַנג געקעמפֿט צו דערגרייכן זייער אידעאַל און פּלוצעם געפֿינען זיי זיך ווי פּאַסיווע בירגער אין דער מדינה פֿון וועלכער זיי האָבן געחלומט און וווהין זיי האָבן געשטרעבט צו קומען.

די טעג האָט מיך באַזוכט אין דער כּנסת אַן עולה פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד. ער איז שוין 18 חדשים אין לאַנד, אַן אינזשעניער, אַ דאַרינקער, מיט קלוגע אויגן. ער אַרבעט אין ירושלים און האָט געבעטן אַ שמועס מיט מיר. מוז איך זאָגן, אַז איך בין געווען דערשטוינט פֿון זיינע רואיקע און איינפֿאַכע רייד, אָבער זיי האָבן ביי מיר אַרויסגערופֿן פֿיל זאָרג איבער דעם וועג פֿון די דאָזיקע עולים אין דער מדינה. עפּעס פֿון זיינע באַמערקונגען וויל איך דאָ איבערגעבן אין קורצן:

„ערשטנס וויל איך אונטערשטרייכן — זאָגט ער געמיטלעך — אַז איך האָב נישט קיין פֿאָדערונגען פֿון קיין דירה, אַרבעט. כ׳בין צופֿרידן מיט מיין אַרבעט, כ׳האָב נישט קיין פֿינאַנציעלע פּראָבלעמען. אויב איך בין געקומען צו אייך איז

עס דערפֿאַר, ווייל איך האַלט אַז מען גיט נישט אָפּ די געהעריקע אויפֿמערק־זאַמקייט די סאָוויעטישע עולים אין זייער וועג אין מדינת ישׂראל. ס׳שאַפֿט זיך דער איינדרוק, אַז מען לאָזט זיי אַליין שווימען און זוכן די ברעגעס. אַזאַ האַנדלונג וועט זיין אַ פֿאַטאַלע. זיי נויטיקן זיך אין אַן ערנסטער געזעלשאַפֿטלעכער אָריענ־טירונג. מען מוז זיי העלפֿן לערנען און פֿאַרשטיין די אמתע אַספּעקטן פֿון ישׂראל און פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק אין דער וועלט. פֿאַראַן איין איינדרוק, און אפֿשר טיילווייז אַ באַרעכטיקער, אַז אייניקע פֿון די עולים ווייזן אַרויס אַן אינטערעס פֿאַר עקסטרעמע גרופּירונגען, אָבער ס׳איז פֿאַלש צו מאַכן אַזאַ מסקנה, אַז אַזעלכע זענען די דאָזיקע עולים. אויב מען וועט זיך אָפּגעבן מיט דער גרויסער מערהייט וועלכע טראָגן אין זיך גרויס אחריות און שיקול הדעת, וועט מען זיי קענען איינגלידערן ווי אַ וויכטיקן און קאָנסטרוקטיוון פֿאַקטאָר אין דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפֿט. ס׳וועט זיין אַן אומגליק, אַז צוליב דער פּאַסיווקייט צו זיי וועלן זיי זוכן אַ פּלאַץ אין עקסטרעמע ריכטונגען. מען טאָר זיי נישט פֿאַרלאָזן. ס׳איז נישט גענוג וואָס מען האָט זיי באַזאָרגט מיט אַ שטוב און אַן אַרבעט־פּלאַץ, זיי ווילן זיין אַקטיוו אין לעבן פֿון מדינת ישׂראל. מען דאַרף פֿון זיי צוגרייטן פֿירנדיקע קאַדרען, וועלכע קענען זיין אַ ברכה פֿאַר דער מדינה. זאָלן זיי נישט אָנהויבן טראַכטן אַז מען באַהאַנדלט זיי ווי צווייטראַנגיקע בירגער. דאָס איז נישט גוט פֿאַר זיי, דאָס איז נישט גוט פֿאַר דער מדינה, דאָס איז נישט גוט פֿאַרן המשך פֿון דער דאָזיקער עליה. בין איך געקומען נאָר כּדי אייך צו מאַכן די דאָזיקע באַמערקונגען. פֿאַרטראַכט זיך און זוכט מיט אייערע חברים אַ פּאָזי־טיוון ענטפֿער״.

די דאָזיקע באַמערקונגען זענען געמאַכט געוואָרן מיט זויבערע כּוונות. געווען אין זיי אַ פֿאָדערונג און אויך אַ וואָרענונג. עפּעס מוז געענדערט ווערן לגבי דעם אופֿן ווי צו האַנדלען מיט אָט דער וווּנדערלעכער עליה, וואָס מער זי וועט וואַקסן (און מיר שטרעבן אַלע אַז די צאָל זאָל זיין אַ וואָס גרעסערע), אַלץ מער וועט זי ווערן איינע פֿון די שאַרפֿסטע פּראָבלעמען אין דער ישׂראל־דיקער געזעלשאַפֿט, אויב מיר וועלן פֿאַרנאַכלעסיקן איר געזעלשאַפֿטלעכן אַספּעקט.

כ׳וויל נישט ביי דער געלעגנהייט נעמען אָנצייכענען אַן אויספֿירלעכן פּלאַן ווי אַזוי די זאַך צו באַהאַנדלען און זוכן אַ לייזונג. כ׳האָב בלויז געהאַלטן פֿאַר נויטיק אָנוועקצושטעלן די האַרבקייט פֿון דער פֿראַגע. פּונקט ווי מיר מוזן אין ישׂראל און אין די תּפֿוצות פֿאַרזעצן דעם קאַמף פֿאַר די רעכט פֿון די סאָוויע־טישע ייִדן עולה צו זיין, אַזוי דאַרפֿן מיר אויך מיט גרויס ערנסטקייט זיך פֿאַר־מעסטן איינצוגלידערן זיי אין ישׂראל־לעבן. דער ענין איז אַ דרינגנדיקער און לעבנסוויכטיקער.

נאָוועמבער 1971

ד

עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד שטעלן פראַגן

די טעג איז פאָרגעקומען אין „בית ברל" אַ קורצער סעמינאַר פאַר 150 עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד, דער גרעסטער טייל פון זיי — פּראָפעסיאָנאַלן, דורכשניטלעך יונגע מענטשן פון 30—40 יאָר, אַ קלענערער טייל — עלטערע קולטור־מענטשן. די אַטמאָספער איז געווען אַ געמיטלעכע, דער איינדרוק, אין אַלגעמיין, פון באַוווסטזיניקע מענטשן, וואָס זענען געקומען עפּעס לערנען און עפּעס אויפקלערן.

מיין טעמע איז געווען „דאָס וועלט־יידנטום און מדינת ישראל". דער גאַנצער סעמינאַר האָט זיך געפירט אין רוסיש. איך האָב אָנגעהויבן מיינע באַמערקונגען אין רוסיש. נאָך אַ האַלבער שעה האָב איך זיך געווענדעט צו די פאַרזאַמלטע מיט דער פראַגע, צי ס'איז נישט כדאַי טיילווייז צו רעדן יידיש, וועלנדיק וויסן צי זיי פאַרשטייען יידיש. האָב איך מיט מיין פראַגע גורם געווען צו אַן אויפרודערונג. אייניקע האָבן געשריען, אַז מ'וויל הערן יידיש, אַנדערע, אין אַ ברוגזן טאָן, אַז זיי פאַרשטייען נישט און פאַרלאַנגען מ'זאָל פאַרזעצן אין רוסיש. אומגעפער אַ דריטל ביז 40 פּראָצענט פון די אָנוועזנדיקע האָבן געזאָגט, אַז זיי פאַרשטייען לחלוטין נישט קיין יידיש. דער איינדרוק איז געווען, אַז אויב מען וויל פאַרזעצן די פאַרזאַמלונג, מוז מען ממשיך זיין אין רוסיש.

עפּעס האָט מען געקענט לערנען פון די 5 מינוט אויפרעגונג און דאָס איז, אַז דער יונגער דור אין די 40ער פאַרשטייט נישט קיין יידיש, און פון אייניקע אויפגערעגטע באַמערקונגען האָט מען געקענט הערן: מיר דאַרפן לערנען עברית און ביז דאַן רעדן רוסיש. אַן עלטערער יידישער פאַרדינסטפולער אַקטיאָר, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געקומען קיין ישראל, האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אויסגעשריגן: „די מערהייט פאַרשטייט יידיש, מען דאַרף דאָ הערן יידישע פאַרטראַגן". די באַמערקונג איז אָבער געבליבן הענגען אין דער לופטן און די דיסקוסיע איז אָנגעגאַנגען אין רוסיש.

אין מיין רעפעראַט האָב איך נישט אויסבאַהאַלטן פאַר די נייע עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד אויך די שאַטנזייטן אינעם וועלט־יידנטום, בעיקר אין דער פרייער וועלט, ווו מיר זענען עדות פון אַ גרויסן פּראָצעס פון אַסימילאַציע און געמישטע חתונות און ווו אונדזערע אויפגאַבן זענען צו שטאַרקן יידישקייט, פאַרטיפן יידישע דערציונג, פאַראינטערעסירן דעם יונגן דור מיט דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע, מער פאַרבינדן אים מיט מדינת ישראל און אויך שאַפן אַ שטאַרקע בריק צווישן דער מדינה און דעם גלות. דאָס וווּנדערבאַרע און העראָישע קאַפּיטל פון דער עליה פון די סאָוויעטישע יידן קען זיין נישט נאָר

אַ וויכטיקער צושטייער פאַר מדינת ישׂראל, נאָר קען אויך פאַרשטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן און ציוניסטישן באַוווסטזיין אין אַלע טיילן פון וועלט־ייִדנטום.

איך מוז מודה זיין, אַז פון דעם שטראָם פראַגן און באַמערקונגען האָט זיך געשאַפן דער בולטסטער איינדרוק, אַז דער גרויסער עולם איז רייף און שטייט אויף אַ הויכן ניוואָ. געווען אויך יוצא־דופנדיקע פראַגן, אָבער די מערסטע פראַגן זענען געווען ענג געבונדן מיט דער טעמע.

ס׳איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס איינער האָט געוואָלט מען זאָל ברייטער רעדן וועגן דעם, וואָס הייסט היינט צו זיין אַ ייִד, וואָס זאָלן זיין די שריט צו פאַרשטאַרקן דעם ייִדישן באַוווסטזיין. די פראַגע איז געווען געבונדן מיט אַן אַנדערער פראַגע, וואָס באַווייזט, אַז כאָטש די מערסטע עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד קומען אָן אַ טיפערן גייסטיקן ייִדישן באַגאַזש, טליעט ביי זיי אָפּטמאָל מערער ענטוזיאַזם פאַר מדינת ישׂראל ווי ביי אַ טייל עולים פון די פרייע לענדער. די פראַגע איז געווען: פאַרוואָס איז אַ גרויסער טייל ייִדישע יוגנט אין די דעמאָקראַטישע לענדער אַזוי געניוגט זיך צו אַסימילירן?

אין דער דיסקוסיע איז ביי די עולים בולט געווען אַן אַלגעמיינע טענדענץ צו זוכן תשובות וועגן דער אינערלעכער לאַגע אין מדינת ישׂראל און וועגן דער טיילווייזער נעגאַטיווער באַציונג פון פאַרשידענע ישׂראל־קרייזן צו די סאָוויע־טישע עולים. זיי טענהן, אַז אויב מען וועט נישט אונטערנעמען אַן ערנסטע קאָנטער־אַטאַקע קעגן די טענדענצן, וועלן אָט די נעגאַטיווע טענדענצן האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויך אויף עולים פון אַנדערע לענדער. זיי האַלטן, אַז די פירנדיקע קרייזן פון ישׂראל באַגייען אַ פעלער דערמיט, וואָס זיי דולדן אַזאַ אויפפירונג. אין סאָוויעט־רוסלאַנד וואָלט מען נישט געדולדעט אַזאַ באַציונג.

איך האָב דערויף געענטפערט, אַז איך טאַדל שאַרף אַזעלכע אַרויסטרעטונגען קעגן עולים, ווייל עליה איז דער לעבנס־נערוו פון דער מדינה און נאָר נאַראָנים און אַמעראַצים רעדן שלעכט וועגן עולים און אַז פאַקטיש האַנדלט זיך דאָ אין אַ קליינער גרופּע בירגער, וועלכע רעפּרעזענטירן נישט מער פון אַ 5% פון דער באַפעלקערונג, בעת די איבערוויגנדיקע מערהייט פון 95% פאַרשטייט די לעבנס־וויכטיקייט פון דער עליה. כ׳האָב אויך צוגעגעבן, אַז מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אין דער געשיכטע פון אונדזער גרויסן אויפבויווערק אין ארץ־ישׂראל זענען געווען פון צייט צו צייט קליינע גרופּעס, וועלכע זענען נישט געווען גליקלעך מיט די נייע עולים. ס׳איז למשל, באַקאַנט די תקופה פון מיט 40 יאָר צוריק, ווען פּריוואַטע באַלעבאַטים פון פּרדסים האָבן נישט געוואָלט אַריינלאָזן ייִדישע אַרבעטער צו דער אַרבעט, אין דער צייט ווען ייִדישע אַרבעט איז געווען דער הויפּט־ציל פון אונדזער התישבות אינעם באַנייטן היימלאַנד. דער קאַמף צווישן די ייִדישע קולאַקעס און די ייִדישע אַרבעטער האָט אָפּטמאָל אָנגענומען שאַרפע פאָרמען, אָבער געוווּנען האָבן די לעצטע. היינט איז צום גליק אַזאַ שאַרפער

קאַמף נישט פאַראַן. ס׳איז בלויז אַ קליינע פאַרביטערטע מינדערהייט, וואָס רעדט קעגן, אָבער אויך דאָס וועט אַריבערגיין.

„איר עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד מוזט זיך פילן גלייכבאַרעכטיקט מיט אונדז, שוין לענגער איינגעזעסענע אין ישׂראל. נאָר מיט אַזאַ געפיל וועט איר צוטראָגן אַ סך אי פאַר זיך אַליין, אי פאַר דער ישׂראל־געזעלשאַפט״. — אויף מיינע רייד האָבן די עולים רעאַגירט זייער פּאָזיטיוו. געווען אַ באַמערקונג, אַז זיי זענען צופרידן, ווען מען האַלט זיי אויף אַ ניוואָ פון גלייכע מיט אַלעמען. מען דאַרף אין זיי איינפלאַנצן דאָס געפיל וואָס פעלט זיי, אַז מען וויל זיי דאָ האָבן נישט נאָר פיזיש, דאָס הייסט, אַז מען דאַרף נישט נאָר מאַכן באַמיונגען צו זייער עליה און מאַטעריעלן איינאָרדענען זיך, נאָר אויך זאָרגן, אַז זיי זאָלן ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד. זיי האָבן וואָס צו געבן מדינת ישׂראל און דעם יידישן פאָלק.

מיין מסקנה פון דער טרעפונג מיט אַ גרויסער צאָל עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד אין וואַרעמען חודש יולי אין „בית ברל״ איז, אַז מ׳מוז ערנסט אָנהייבן „בית ברל״ פילט זיך אַ פּראָגרעסיווע רייפקייט. מען הויבט אָן זען נישט נאָר אינדיווידועלע פראַגן, פיל מאָל זייער באַרעכטיקטע, נאָר אויך די פּראָבלעמען פון כּלל, פון וועלן וויסן, אָבער אויך דעם ווילן צו ווערן אַן אַקטיווער גורם אין דער פּירונג פון די ענינים. פאַראַן צווישן די נייע עולים וווּנדערבאַרע אינטעלעקטועלע עלעמענטן וואָס מוזן ווערן אויסגענוצט פאַר אונדזער געזעלשאַפט. דאָס זענען אונדזערע אייגענע ברידער און שוועסטער, וועלכע ווילן מיט גרויס ענטוזיאַזם זיך דאָ איינגלידערן. מען מוז זיי אויף אַ סך געביטן מדריך זיין, מחמת נישט פאַר אַלע זענען די וועגן קלאָרע. אויב מיר וועלן זיי פאַרנאַכלעסיקן, וועט די שולד זיין אונדזערע.

מיין מסקנה פון דער טרעפונג מיט אַ גרויסער צאָל עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד אין וואַרעמען חודש יולי אין „בית ברל״ איז, אַז מ׳מוז ערנסט אָנהייבן טראַכטן וועגן אַריינגעמען אין פיל אינסטאַנצן און טעטיקייטן, סיי לאָקאַלע און סיי נאַציאָנאַלע, אַ גרויסע צאָל פאַרשטייער פון די דאָזיקע עולים, כּדי זיי זאָלן זיך פילן גלייכע מיט אונדז אין דער פּירונג און אַנטשיידונג פון די ענינים, וואָס גייען אונדז אַלעמען אָן. דאָס וועט זיין איינע פון די וויכטיקסטע שריט אין דעם גרויסן קאַפּיטל פון אַבסאָרבירן די עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד אין ישׂראל.

איך מוז צוגעבן, אַז אויב מיר ווילן נישט אַרויסרופן קיין קנאה־געפילן און רייסערייען דאַרף מען אויך צוציען צו געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער טעטיקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט ערנסטע קאַדרען פון די עולים פון די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער, פון דרום־אַמעריקע, פון רומעניע, פון מערב־אייראָפּע און, פאַרשטייט זיך, פון די מזרח־עדות.

אַן דעם איינפלעכטן די עולים אינעם אַנפירן מיט אונדזער געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן וועלן מיר נישט קענען דערגרייכן צו אַן אמתער געזעל־שאַפטלעכער קליטה.

יולי, 1972.

ה

פּאַר אַן אידעאָלאָגישער קליטה פון די עולים פון ראַטנפאַרבאַנד

דאָס איז שוין מער נישט קיין ענין פון האָפענונג, פון פעסטן ווילן, פון חלום. דער נס אין וועלכן מיר האָבן אַזוי שטאַרק געגלויבט איז געוואָרן לעבעדיקע ווירקלעכקייט. סאָוויעטישע יידן קומען אין לאַנד אַריין. פריער זענען עס געווען טראָפּנס, שפּעטער איז געקומען דער שטראָם. כאָטש נאָך נישט קיין שטאַרקער, אָבער מער נישט קיין טראָפּנס.

פּאַר די לעצטע צוויי יאָר איז זייער צאָל דערגאַנגען צו אַ צוואַנציק טויזנט און באַקומען אַזוי אַרום אַ משמעות. דער כמות איז אויך געוואָרן אַן איכות. אָט די עולים פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן אויפגעהערט צו זיין אַ פּאַסיווער אָביעקט, זיי הויבן אָן ווערן טעטיק און זענען אויך דינאַמיש. דעריבער דאַרף מען אויף די פּראָצעסן וואָס קומען פאַר צווישן זיי נישט קוקן בלויז דורך שטאַטלעכע ברילן, ווי מיר האָבן עס ביז איצט געטאָן, נאָר אויך מיט אידעאָלאָגיש־פּאַרטיי־אישע. ס׳איז אַ פאַרדריסלעכער פאַקט, אַז אַ באַדייטנדיקע צאָל פון אָט די עולים איז נוטה צו די רעכטע פּאַרטייען, ווערט פאַרכאַפּט דורך די לאָזונגען פון „חרות״. פאַר וואָס? ווייל די רעכטע פּאַרטייען האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט דער שטאַטלעכער קליטה, זיי זענען דערשינען ווי אַן איינציקער פּאָליטישער פאַקטאָר וואָס קלערט אויף און פּראָפּאַגירט זיין וועלט־אַנשויאונג: דערפון די איינזע־טיקייט אויף דעם געביט. ווייל די גאַנצע קריטיק וואָס שייך די מאַטעריעלע קליטה־שוועריקייטן ווערט געמאַכט אויפן חשבון פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי און ס׳איז לייכט צו וועקן פאַרביטערונג ווייל די עולים פון ראַטנפאַרבאַנד היטן זיך פון יעדן איינפלוס מצד אַ סאָציאַליסטישן רעזשים, וואָס דערמאָנט זיי דעם קאָמוניסטישן ביישפּיל. ווייל די ישׂראלדיקע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט אַ פאַלשן צוגאַנג וואָס שייך דעם פאַרנעמען זיך מיט די עולים און האָט שלום געמאַכט מיטן פאַקט אַז זיי גרענעצן זיך אָפּ פון פּאַרטייען.

ווי אַ פּאָליטישע באַוועגונג וואָס זאָרגט פאַרן ווויל פון דער מדינה און פון פאָלק קענען מיר מיט דעם נישט מסכּים זיין.

ס'פעלט אויפקלערונג

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מיר איינער פון אָט די עולים געזאָגט: איר פאַרשטייט נישט, אַז די סאָוויעטישע עולים, ספּעציעל די דינאַמישסטע צווישן זיי, זענען דאָרט געשטאַנען אין פראָנט פונעם יידישן־נאַציאָנאַלן קאַמף. אַזעלכע מענטשן קענען זיך נישט באַנוגענען דערמיט וואָס זיי האָבן דאָ באַקומען אַ דירה און אַרבעט. זיי פאַרמאָגן אַ געזעלשאַפטלעך באַוווסטזיין און ווילן פאַרזעצן זייער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין אַלגעמיין און ספּעציעל פאַר די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס אָפיציעלע ישׂראל האָט טאַקע געהאָלפן זיי ברענגען אין לאַנד אַריין, געגעבן זיי די ערשטע נייטיקע מיטלען איינצוגלידערן זיך אין לאַנד — אַ דירה, אַרבעט, — אָבער ס'געלינגט איר נישט זיי איינצו־גלידערן געזעלשאַפטלעך, פּאָליטיש, אידעאָלאָגיש.

אין די רייד פון דעם דאָזיקן עולה איז טאַקע דאָ אַ סך אמת. נישט געקוקט אויף זייער נאַציאָנאַלער גבורה און נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פאַרמאָגן אָבער נישט די מערסטע עולים פון ראַטנפאַרבאַנד קיין וואָרצלען אין דער יידישער געשיכטע און אין ציוניזם. זיי זענען ציוניסטן, קענען אָבער נישט די געשיכטע פון ציוניזם. זיי האָבן אַ פּאָליטיש באַוווסטזיין, קענען אָבער נישט די אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע שטרעמונגען אין פאָלק און אין דער מדינה. און ווען „חרות" קומט און פּרוּווט זיך פאַר זיי אָנוועקשטעלן ווי די איינציקע באַוועגונג וואָס רעדט אין נאָמען פון ציוניזם און גיט זיי נאָך די מעגלעכקייט פּאָליטיש טעטיק צו זיין, איז פאַרשטענדלעך, אַז נישט פאַרמאָגנדיק קיין אידעאָלאָגישן אונטערגרונט, נעמען זיי אויף מיט פאַרגעניגן די אויסגעשטרעקטע האַנט.

די רעגירונג־אינסטיטוציעס אין דער מדינה און די אַרבעט־פּאַרטיי וואָס פירט מיט זיי אָן, האָבן זיך געקווענקלט אָנצוגיין מיט אַן אידעאָלאָגישער אויפ־קלערונג צווישן די עולים. מיר האָבן נאַאיווערהייט געמיינט, אַז ס'איז בעסער זיי זאָלן נישט אַריין אינעם פּאַרטייאישן געפּלאָנטער אין לאַנד. דאָס איז געווען אַ טעות. דער רעכטער לאַגער טראַכט נישט אַזוי און ער איז טעטיק. און דער רעזולטאַט איז, אַז די עולים פאַרבלייבן נישט פּאָליטיש נייטראַל — זיי גייען צום רעכטן לאַגער.

ס'וואָלט געווען שטאַרק איבערטריבן צו דערקלערן זייערע נייגונגען צום רעכטס מיטן פּאָליטישן פּאַן פון דער מדינה פון וועלכער זיי קומען. ס'קען אויסזען, אַז די עולים שטויסן זיך אָן דאָ אין לאַנד אויף באַגריפן און פּרינציפּן וועלכע זיי האָבן געקענט אין ראַטנפאַרבאַנד — דאָ אַזוי ווי דאָרט שטרעבט מען צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, ס'איז דאָך אָבער שטאַרק איבערפלעכלעך צו זאָגן אַז דאָס איז דער זעלביקער סאָציאַליזם און מ'דאַרף גאָרנישט קיין סך זיך מיען כדי צו באַווייזן ווי גרונטיק אַנדערש ס'זענען די רעזשימען פון די

ביידע לענדער. דער ישׂראלדיקער דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם איז דער פול־שטענדיקסטער היפּוך פון אַלץ וואָס די עולים האָבן געזען אין ראַטנפאַרבאַנד. ס׳איז דאָך אַ פאַקט, אַז אָט די פאָרמען פון דער ישׂראלדיקער דעמאָקראַטיע זענען געווען איינע פון די שטרעבונגען פאַר וועלכע די אָ עולים האָבן דאָרט געקעמפט. דאָ, אין ישׂראל איז אָט דער פאָרשריטלעכער דעמאָקראַטישער רעזשים געשאַפן געוואָרן דורך דער אַרבעט־באַוועגונג און ס׳איז דאָך אומ־מעגלעך, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון די עולים זאָלן זיך פון די דאָזיקע אמתע דעמאָקראַטישע יסודות אָפּקערן. דעם רוב פון אָט די עולים פעלט פּשוט די וו־טיקע אינפאָרמאַציע וואָס שייך דעם כאַראַקטער פונעם פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכן רעזשים אין ישׂראל און דער גורלדיקער אויפגאַבע פון דער אַרבעט־פּאַרטיי. זיי נויטיקן זיך אין אַ גרונטיקער אויפקלערונג אין דעם פּרט.

דער נויטיקער קער

איינס פון די ביידע: אָדער די ישׂראלדיקע אַרבעטס־פּאַרטיי וועט פאַרבלייבן פּאַסיוו ווי ביז איצט און וועט לאָזן דער פּראָצעס זאָל זיך פאָרזעצן, אָדער זי וועט זיך דעם פּראָצעס קעגנשטעלן און אָוועקשטעלן פאַר די סאָוויעטישע עולים דאָס ריכטיקע בילד פון דער מדינה, אַזוי ווי זי איז אויסגעבויט געוואָרן דורך דער אַרבעט־באַוועגונג, אַ מדינה וואָס שטרעבט צו אַ גערעכטער געזעלשאַפט און צום איינפלאַנצן אין איר די ווערטן פון דער אַרבעט־באַוועגונג.

אַזאַ אויפקלערונג איז דרינגענדיק נויטיק אי פאַר דער צוקונפט פון די־סאָוויעטישע עולים גופא, אָבער אויך נישט ווייניקער פאַרן ווייטערדיקן גורל פון דער מדינה און פון דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפט. מחמת אין דער מאָס וואָס די דאָזיקע עליה וועט ווייטער זיין געזעלשאַפטלעך אַקטיוו וועט זי באַ־ווירקן די פּאָליטישע ריכטונג פונעם לאַנד און דאָס איז נישט פון די קלענסטע זאַכן.

פּאָליטישע אויפקלערונג פון די עולים איז נישט באַר אַן ענין וואָס גייט אָן בלויז די עולים פון ראַטנפאַרבאַנד, פון מיין אייגענער דערפאַרונג ווייס איך, אַז אויך עולים פון אַנדערע לענדער פון מזרח־אייראָפּע ווי למשל פון רומעניע נייטיקן זיך אין איר. נישט ווייניק נייטקן זיך אין אַזאַ אויפקלערנוג עולים פון צפון־אַפריקע און פון ביידע אַמעריקעס. אָבער צוליב די ספּעציפישע באַדינגונגען פון די עולים פון ראַטנפאַרבאַנד און די קלאָרע פּאָליטישע טענדענצן וואָס ווערן לגבי זיי אָנגעווענדט, איז נויטיק אַז דער טראָפּ זאָל אויף זיי געלייגט ווערן.

דעריבער דאַרפן מיר גרינטלעך רעווידירן די מעטאָדן פון אונדזער אויפ־קלערונג־אַרבעט צווישן די עולים פון ראַטנפאַרבאַנד, מ׳דאַרף, פאַרשטייט זיך,

פאַרזעצן די אַלגעמיינע מלוכהשע קליטה אַזוי ווי ביז איצט און זיך אָפּהיטן אַריינצושמוגלען וועלכע נישט איז פּאַרטייאיש־סעקטאַנטישע אַקטיוויטעט אינעם פּראָצעס פון דער מלוכהשער קליטה. אָבער ביי דער זייט פון דעם אַלגעמיינעם פאַרנעמען זיך דאַרף מען אַנטוויקלען אויך אַן אידעאָלאָגישע און אַ פּאָליטישע קליטה.

מ׳דאַרף אויפשטעלן קרייזן פאַר נייע עולים און שאַפן אידעאָלאָגישע אויפ־קלערונג־ראַמען אין די עולים־צענטערס, כדי די עולים זאָלן באַקומען אינפאָר־מאַציע און ידיעות וועגן דעמאָקראַטיע, דער ציוניסטישער באַוועגונג און דעם ישׂראלדיקן סאָציאַליזם. מ׳דאַרף זיך אויסהיטן זיך צו באַציען צו די עולים ווי צו פּאַסיווע אָביעקטן. מ׳דאַרף זיי אַקטיוויזירן און דערמעגלעכן זיי זאָלן אַליין אַנטוויקלען פון זייער זייט און פון זייער אייגענער איניציאַטיוו אַ דינאַמישע און זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט. און ווען זיי וועלן שוין האָבן אַדורכגעמאַכט די ערשטע עטאַפּן און וועלן פון זיך גופא שאַפן געהעריקע קאַדערס, וועט מען זיי דאַרפן איינגלידערן אין דער טעטיקייט פון דער פּאַרטיי, אַריינציען זיי און די אַנטשיידנדיקע אינסטאַנצן און זיי דערמעגלעכן צו האָבן זייער חלק אינעם אָננעמען באַשלוסן אינעם לעבן פון דער פּאַרטיי און פון דער מדינה.

ביים פאַרנעמען זיך מיט די עולים דאַרף מען אַרויסווייזן געדאַנק און פאַר־שטענדעניש. אַזוי למשל איז קלאָר, אַז היות ווי די מערסטע פון די עולים רעדן נישט קיין ייִדיש און דאָס לערנען עברית איז אַ לאַנגער פּראָצעס, דאַרף מען פאַר זיי צוגרייטן דעם געהעריקן אינפאָרמאַציע־מאַטעריאַל אין רוסיש און אויך אַרויסגעבן אַ צוגעפּאַסטע צייטשריפט אין דער שפּראַך. די פּאַרטיי וועט דאַרפן דעם דאָזיקן ענין ווידמען אַ גאַר ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, זי וועט דאַרפן מאָביליזירן פאַר דער זאַך פעיִקע צוגעפּאַסטע מענטשן און געבן זיי אין האַנט אַריין די נויטיקע מיטלען פאַר דער אַרבעט. דער ענין טאָר נישט זיין קיין זייטי־קער. ער מוז ווערן אַ צענטראַלער ענין אינעם לעבן פון דער באַוועגונג.

ווען כ׳האָב מיט אַ צייט צוריק פאַרגעלייגט עולים פון ראַטנפאַרבאַנד אויפ־צושטעלן אַ קרייז פאַר ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַקטיוויסטן, איז די תשובה זייערע געווען אַ באַגייסטערטע. זיי אַליין האָבן געזאָגט אַז ס׳איז וויכטיק אַזאַ קרייז זאָל געשאַפן ווערן און וואָס שנעלער. די פּאַרטיי דאַרף זיך אין דעם ענין איינשפּאַנען און מאַכן אים פאַר אַ צענטראַלע אויפגאַבע אין איר טעטיקייט. ס׳איז נישט גענוג אַז די עולים פון ראַטנפאַרבאַנד זאָלן אַבסאָרבירט ווערן אין מאַטעריעלן זין. מ׳דאַרף זאָרגן אַז זיי זאָלן אַבסאָרבירט ווערן געזעלשאַפטלעך, אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש אין דער טיף און אויף אַ לאַנגער מעטע.

פעברואַר, 1972.

ו

מיט שותּפותדיקע כּוחות אָפּראַטעווען די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד

אין קאַמף פאַר דער עליה פון ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד געפינען מיר זיך אַציַנד אין אַן עטאַפּ וואָס איז מחייב אַ שיקול הדעת און אַ באַהאַנדלונג וועגן המשך פון וועג. עס איז קיין סוד נישט, אַז אַ סך גוטע מענטשן פרעגן צי עס האָט אַ זין און אַ באַרעכטיקונג צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף איצט, אין 1973, אין אַ צייט ווען עס קומען קיין ישראל 3.000—2 עולים פון ראַטנפאַרבאַנד יעדן חודש. מיין ענטפער איז: יאָ! אויך איצט דאַרף מען ממשיך זיין אַן וואַקלענישן דעם קאַמף פאַר די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד.

די דערפאַרונג פון די לעצטע צוויי יאָר האָט דערוויזן, אַז אויך אין דער צייט פון אַ גרויסער עליה פון ראַטנפאַרבאַנד האָט די סאָוויעטישע מאַכט נישט אויפגעהערט פּרווון זי מכשיל צו זיין און אָפּשוואַכן. אַן עליה פון 40—30 טויזנט עולים אַ יאָר איז אַ רעזולטאַט פון אַ דרוק, ווייל דער ייִדישער וועלט און מדינת ישׂראל איז געלונגען אויפצוועקן אַ קענטיקע צאָל פרייע לענדער און צו שאַפן אַ געפיל ביי די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען, אַז די פרייע וועלט וועט נישט משלים זיין מיטן צעשטערן איינס פון די עלעמענטאַרסטע מענטשן־רעכט — דאָס רעכט פון אַ מענטשן אויסצוואַנדערן פון זיין לאַנד. און ווייל דער קרעמל וויל זיך צוזאַמענרעדן און פאַרבעסערן זיינע באַציונגען מיטן מערב, זעען מיר עדות, אַז די סאָוויעטישע אַנפירונג רעכנט זיך מיט דער ענערגישער פאָדערונג, וואָס הערט זיך אין ישראל און אין דער גאַנצער וועלט צו דערמעגלעכן די ייִדן עולה צו זיין קיין ישׂראל.

עס וועט אָבער זיין אַ טעות צו מיינען, אַז די דאָזיקע דערגרייכונג וואָס שייך דער עליה איז אַ פאַרזיכערטע און ענדגילטיקע. די סכּנה צו באַגרענעצן די עליה, אָדער חס ושלום זי איבעררייסן, וועט שטיין פאַר אונדז אין מאָמענט, ווען עס וועט קלענער ווערן דער דרוק אויפן ראַטנפאַרבאַנד מצד דער פרייער וועלט. דאָס איז אויך דער ענטפער צו די אַלע, וועלכע צווייפלען אין דער עליה פון ראַטנפאַרבאַנד. דער דאָזיקער פּונקט טאָר בשום אופן נישט אַראָפּגיין פון אונדזער סדר היום.

בדרך כּלל איז די מערהייט פון אונדזערע אָנשטרענגונגען געווידמעט אויפצוקלערן און פאַרשטאַרקן דעם קאַמף. ווייניקער אויפמערקזאַמקייט ווערט געווידמעט אויף צו פאַרשטיין די אָפּרופן און די אינערלעכע אַנטוויקלונגען אין ראַטנפאַרבאַנד גופא. דער, וואָס פאָלגט נאָך די פאַרשידענע אָפּרופן פון דער סאָוויעטישער מאַכט אין זייער קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג פון די ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד און קעגן דער גרויסער עליה־באַוועגונג, מוז קומען צום

אויספיר, אַז אין גרונט פון זייער פּאָליטיק ליגט אַן אַלגעמיינע קעגנערשאַפט צו דער עליה. די פּשרות צו וועלכע זיי זענען דערגאַנגען זענען, ווי געזאָגט, געשאַפן געוואָרן נאָר אונטער אַ דרוק און ווי אַ רעזולטאַט פון פּאָליטישע אויס־רעכענונגען. אָבער דאָס קען נישט פאַרדעקן דעם עצם פאַקט, אַז די פּשרה איז דערגרייכט געוואָרן קעגן זייער ווילן, צוליב אַ באַשטימטער פּאָליטישער לאַגע, וועלכע האָט זיי דיקטירט זייער האַנדלונג.

אין קאַמף פון דער עליה, קענען מיר זען צוויי יסודותדיקע דערשיינונגען:

א) זייער פּרוּוו צו באַגרענעצן די עליה אין אַ קליינעם און באַשרענקטן דעמאָגראַפישן תּחום אין ראַטנפאַרבאַנד. ווער עס פּרוּווט נאָכפאָלגן פון וואַנען עס זענען אַרויסגעפאָרן די 30,000 עולים, וועלכע זענען לעצטנס אָנגעקומען, וועט זיך איבערצייגן, אַז די דאָזיקע עליה איז נישט קיין צופעליקע. די מערהייט איז געקומען פון ראַיאָנען, וועלכע זענען אנעקסירט געוואָרן דורכן ראַטנפאַרבאַנד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה: פון די באַלטישע לענדער, מאָלדאַוויע א. אַ.וו. די דאָזיקע ראַיאָנען און באַזונדערס זייערע ייִדישע איינוווינער האָבן זיך קיינמאָל נישט גערעכנט פאַר אַן אומאָפּטיילבאַרן טייל פון דער סאָוויעטישע באַפעלקערונג. די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען זענען אויך נוטה צו באַפרייען זיך פון די ייִדן פון גרוזיע און פון בוכאַרע, ווי עס ווייזט אויס צוליבן פאַקט, אַז אויך די דאָזיקע ייִדן שמעלצן זיך נישט צונויף מיט זייערע שכנים.

ב) נאָך אַ קאַטעגאָריע עולים שטעלן מיט זיך פאָר די איינצלנע גרופּעס פון צענטראַל־רוסלאַנד, רעוואָלטירנדיקע גרופּעס, וואָס שטייען בראש פונעם קאַמף פאַר דערלויבן די עליה קיין ישראל. די דאָזיקע גרופּעס זענען אַ שטערונג פאַרן רעזשים, באַזונדערס אין אָנבליק פון די פאַרשידענע פּראָצעסן וואָס גייען אָן אין דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט גופא, און וואָס קענען באַווירקט ווערן פון דער דאָזיקער אויפוואַכונג. די פילבאַרקייט פונעם סאָוויעטישן רעזשים צו די ליבעראַלע קרייזן איז אַזוי גרויס, אַז יעדע באַלעסטיקונג וואָס קומט פון די אַקטיווע קרייזן פאַר עליה איז אַ פאַקטאָר וואָס דער סאָוויעטישער רעזשים וויל זיך באַפרייען פון אים וואָס פריער און אויף יעדן מעגלעכן וועג.

לעצטנס זענען מיר עדות פון אַן אַנדער באַציונג מצד דער סאָוויעטישער מאַכט כלפּי דער עליה. פון איין זייט איז אין די פריער דערמאָנטע ראַיאָנען פאַראַן עפּעס אַ פאַרלייכטערונג אין איר קעגנערשאַפט צו דער עליה. די ווענדונג פון אַ יחיד אָדער פון אַ גרופּע צו באַקומען אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש איז מער נישט באַגלייט, אַזוי ווי פריער, מיט אַרעסט און מיט אַ האַרטער באַציִונג. פון דער אַנדערער זייט איז אין די גרויסע ראַיאָנען אין צענטער פון ראַטנפאַרבאַנד, ווו דער רעזשים דערלויבט די עליה פון איינצלנע פון צווישן די אַקטיוויסטן פאַר עליה, די שטעלונג פון דער מאַכט כסדר פאַרשטייפט געוואָרן. די מאַכט האַלט אין איין מאַכן שוועריקייטן און שאַפן שטרויכלונגען אויף די וועגן פון די, וואָס ווילן עולה זיין.

עס זעט אויס, אַז די סאָוויעטן שאַפֿן פֿונדאַסניי דעם „תּחום המושבֿ“ פֿון וועלכן די עליה איז דערלויבט. דער ראַיאָן נעמט אַרום בערך אַ 250—200 טויזנט ייִדן. אָבער דאָס וועלט־ייִדנטום און מדינת ישׂראל מוזן זיין וואַכזאַם צו דעם וואָס קומט דאָרט פֿאָר, מחמת אויך די פֿאַרלייכטערונגען פֿאַר עולים פֿונעם „תּחום המושבֿ“ הענגען אויף אַ האָר.

צום זכות פֿון די ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד דאַרף געזאָגט ווערן, אַז נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, איז די דערוואַכונג פֿון די רוסישע ייִדן צו עליה און זייער אידענטיפֿיצירן זיך מיט מדינת ישׂראל אַ דראַמאַטישע דערשיינונג, וועלכע דערמאָנט אונדז דעם קלאַסישן ציוניזם. דאָס באַווייזט נאָך אַמאָל דעם דורכפֿאַל פֿון סאָוויעטישן רעזשים, וועמען ס'איז נאָך 50 יאָר נישט געלונגען צו געבן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אַ געפֿיל פֿון אַ פֿאָטערלאַנד און אַן אָנגעהעריקייט.

נישט אַריינגייענדיק אין תּוך פֿון דער שרייענדיקער עוולה און פֿון דעם שעדיקן די עלעמענטאַרע רעכט פֿון מענטשן, וואָס שטעקט אין דער גזירה פֿון אויסקויף־געלט, וואָס איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויף די סאָוויעטישע ייִדן אַקאַ־דעמיקער וועלכע ווילן עולה זיין, דאַרף מען באַמערקן, אַז די דאָזיקע גזירה האָט אויך צווישן אַנדערן פֿאַר אַ צוועק אָפּצושרעקן די מאַסן ייִדן מיט אַקאַדעמישע דיפּלאָמען, וואָס מאַכן אויס אַן אָנגעזעענעם פּראָצענט צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. אָבער די ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן. זייער ענטפֿער איז געווען דאָס פֿאַרזעצן דעם קאַמף מיט נאָך מער כּוח. דאָס באַווייזט ווי טיף איינגעוואָרצלט ס'איז זייער ווילן עולה צו זיין. זיי שרעקן זיך נישט אָפּ אַפֿילו פֿאַר דער שווערער גזירה און קעמפֿן, כּדי צו צערייסן די קייטן פֿון אויסלייז־געלט. זייער דרייסט האַלטן זיך ביים גובר זיין די גזירה איז כאַראַק־טעריסטיש. די שותּפֿות צווישן דעם גערעכטן און פֿאַרשטענדלעכן קאַמף פֿונעם וועלט־ייִדנטום און מדינת ישׂראל און די דרייסטע און אַזוי כאַראַקטעריסטישע שטעלונג פֿון די ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז אַ גאַראַנטיע פֿאַר דעם דערפֿאָלג פֿון דעם געראַנגל. ס'איז קיין ספֿק נישט, אַז אָן דער דאָזיקער שותּפֿות פֿון כּוחות וואָלטן מיר נישט מצליח געווען אַזוי ווי מיר האָבן מצליח געווען ביז איצט. ס'איז אויך זיכער אַז אויב איין צד ווערט אָפּגעשוואַכט, ווערט געשעדיקט דער קאַמף.

לעצטנס האָבן מיר געהערט וועגן דער וויכטיקער פּרינציפּיעלער מעלדונג פֿון סאָוויעטישן וויצע־אינערן מיניסטער שומילין, אַז יעדער, וועלכער פֿאַרלאַנגט עולה צו זיין, האַנדלט נישט קעגן דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע. די דאָזיקע דערקלערונג שטאַרקט דעם גערעכטן קאַמף פֿאַר דער עליה און באַקרעפֿטיקט דאָס געפֿיל ביי די ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אַז טראָץ די שוועריקייטן און די ליידן וואָס זיי טראָגן אויס וועלן זיי זיגן און דערגרייכן זייער שטרעבונג — די עליה.

אַרום דעם קאַמף פאַר דער עליה פון די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד קיין ישׂראל האָט זיך אויפגעוועקט אַ מחלוקת, וועלכע מען דאַרף אויפקלערן. עס זענען דאָ קרייזן, וועלכע מיינען, אַז אין קאַמף פאַר דער עליה איז אויך נויטיק אונטער־צושטרייכן די נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און רעליגיעזע רעכט פון די ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד. אַקעגן טענהן אַנדערע, אַז יעדע צעברעקלונג, אין קאַמף, וועט אָפּשוואַכן די עליה. דאָס דאָזיקע קאָנטראָווערסאַלע פּראָבלעם דאַרף נישט קאַליע מאַכן די באַציונגען אין בשותּפותדיקן פראָנט פון מדינת ישׂראל און דעם וועלט־ייִדנטום, ווייל דאָ ווערט אייגנטלעך נישט גערעדט וועגן מוותּר זיין אויף די עלעמענטאַרע רעכט פון דער ייִדישער מינדערהייט אויף איר קולטורעל און ייִדיש לעבן. דאָס איז בלויז אַ פראַגע פון צייט־צופּאַסונג און פון דעם וואָס איז בילכער. אין דער איצטיקער לאַגע מוז דער טראָפּ געלייגט ווערן אויף דער פראַגע פון עליה. מען טאָר נישט מאַכן דערפון דעם צענטער פון מחלוקת אין די ייִדישע קהילות כּאילו ווער עס איז וואָלט געפּרווּוט אָפּצופרעגן די רעכט, וואָס יעדע נאַציאָנאַלע מינדערהייט דאַרף פון זיי געניסן. ווער עס הערט זיך צו צו דעם ווי אַזוי עס דריקן זיך אויס די עולים, וואָס קומען אָן קיין ישׂראל, וועט קומען צום אויספיר, אַז די עליה איז בילכער און שטייט בראש פונעם קאַמף און אַז יעדע ענדערונג וועט שעדיקן דער קאַמפּאַניע און וועט חלילה דערפירן צו אַן אָפּשוואַכונג פון דער עליה.

אין דאָזיקן גורלדיקן קאַמף דאַרפן מיר קאָנסאָלידירן די שורות און קעמפן מיט בשותּפותדיקע כּוחות. דערביי דאַרף, ווי געזאָגט. דער צענטער פון קאַמף זיין — די עליה.

פעברואַר 1973

ז

אין קאַמף מיט גליתן האָט ווידער געזיגט דער קליינער דוד

ס'איז שווער זיך פאַרצושטעלן דאָס וואָס ס'איז פאַרגעקומען מיט די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד אין די לעצטע 25 יאָר. דאָס זענען געווען שווערע יאָרן, יאָרן פון רדיפות, ווען אויף די ייִדישע הימלען האָבן געהאַנגען דראָאונגען און געפאַרן. דאָס איז אַ קאַפּיטל וואָס מיר דאַרפן ערנסט לערנען כּדי צו פאַרשטיין אין וועלכע באַדינגונגען ס'איז אויסגעקומען די דאָרטיקע ייִדן צו קעמפן. כּדי אַביסל צו באַלייכטן די דאָזיקע תּקופה האָט דער ירושלימער אוניווערסיטעט און דער דאָקומענטאַציע־צענטער פאַר מזרח־אייראָפּע אָנגעהויבן צו דרוקן

אַ סעריע בענד מיט דאָקומענטן וועגן דער לאַגע פֿון די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. די כּוונה איז אַרויסצוברענגען פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט — אָן שום קאָמענטאַרן — די פֿאַקטן און דאָקומענטן פֿון צווישן די יאָרן 1948 ביז 1973. די דאָקומענטן פֿון 25 יאָר וואָס זענען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען שפּיגלען אָפּ דעם ייִדישן געראַנגל, פּראָטעסט און אומדערמידלעכן קאַמף צו דערגרייכן זייער ציל.

אַט ליגן פֿאַר מיר 14 בענד פֿון דעם דערמאָנטן דאָקומענטאַציע־צענטער. די בענד זענען אין גרעסטן טייל פּאָטאָסטאַטן פֿון דעם אַלעמען וואָס איז דער־שינען וועגן די סאָוויעטישע ייִדן און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו זיי. די ערשטע זיבן בענד נעמען אַרום די תּקופֿה פֿון 1948 ביז 1953: פֿאָטאָסטאַטן פֿון זשורנאַלן, צייטונגען און ביכער, וואָס שפּיגלען אָפּ די לעצטע סטאַדיע פֿון סטאַלינס דעספּאָ־טישע הערשאַפֿט. די בענד זענען רעדאַגירט דורך ב. פּינקוס און אין דער הקדמה שרייבט ער: „...די יאָרן 1948—1953 זענען אַריין אין דער געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק ווי שוואַרצע יאָרן, יאָרן פֿון טונקלקייט, יאָרן פֿון פּחד".

אַט אין די יאָרן האָט מען אָנגעהויבן צו רודפֿן די ייִדישע קולטור־אינסטי־טוציעס עד חרמה, רודפֿן די ייִדישע שרייבערס און קולטור־טרעגערס, באַשולדיקן ייִדישע קרייזן אין פֿאַרראַט, זען אין דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט אַ דערשיינונג וואָס שטייט אין קעגנזאַץ צו די יסודות פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין טייוולאָנישן מוח פֿון סטאַלינען האָט זיך געוועבט דער פּלאַן צו פֿאַרניכטן די ייִדן פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד. די גרויסע אויסראָטונג פֿון דער ייִדישער קולטור האָט באַקומען איר הויפּט־סיגנאַל מיטן דערמאָרדן דעם רומפֿולן ייִדישן שוי־שפּילער און רעזשיסער שלמה מיכאָעלס, דעם 13טן יאַנואַר 1948.

דער שאָס קעגן מיכאָעלסן איז געווען דער אָנזאָג קעגן דער גאַנצער ייִדישער קולטורנעץ, וועלכע איז אין אַ קורצער צייט פֿאַרניכטעט געוואָרן מיט דעם שוידערלעכן פֿינאַל פֿון אויסהרגענען די פּראָמינענטע ייִדישע שרייבערס. אין דער תּקופֿה זענען נישט נאָר פֿאָרגעקומען פּילצאָליקע פּראָצעסן קעגן פֿאַרשידענע ייִדישע פֿאָרשטייערס פֿון פּיל קרייזן, ס'איז אויך געוואָרפֿן געוואָרן דער פֿאַרדאַכט אויף די ייִדישע דאָקטוירים וועלכע האָבן זיך כּלומרשט געשטעלט פֿאַר אַ ציל צו דערמאָרדן די סאָוויעטישע פֿירערשאַפֿט. אַזאַ בייזוויליקע באַרבאַרישע באַשול־דיקונג האָט געקענט אַרויסרופֿן נישט נאָר צאָרן קעגן די ייִדישע דאָקטוירים נאָר אויך קעגן דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג. דאָס איז געווען אַן איינלאַדונג צו פּאָגראָמען אויף ייִדן. אַ גליק איז געשען וואָס קורץ נאָך דעם פּראָצעס איז סטאַלין געשטאָרבן אין חודש אַפּריל 1953, זענען די דאָקטוירים אָפֿיציעל רע־האַביליטירט געוואָרן.

די תּקופֿה איז נישט נאָר אַ תּקופֿה פֿון שוואַרצע יאָרן פֿאַרן ראַטנפֿאַרבאַנד בכלל, זי איז אַ תּקופֿה ווו ס'איז בולט געוואָרן אַז סטאַלינס הערשאַפֿט האָט געצילט אויסצוראָטן אַלע ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

די אַנדערע צוויי בענד פון דער סעריע זענען געווידמעט די ווענדונגען, בריוו און מעמאָראַנדומס פון סאָוויעטישע ייִדן אין וועלכע זיי פאָדערן דאָס רעכט אויף עליה קיין מדינת ישׂראל. דער מאַטעריאַל איז געזאַמלט און רעדאַ־גירט געוואָרן דורך שמעון רעזליק און נעמט אַרום די תּקופה פון 1968 ביז 1970. די בריוו זענען געשריבן צו צענדליקער אויטאָריטעטן פון דער סאָוויעטישער מאַכט, צו מדינת ישׂראל, צו די אינטערנאַציאָנאַלע אינסטאַנצן פאַר מענטשנרעכט און צום סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע נאַציעס. נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה אין 1967 איז פאַרטיפט געוואָרן דער ייִדישער באַוווסטזיין פון די סאָוויעטישע ייִדן און ס׳איז געשטיגן זייער ווילן עולה צו זיין. אין אָט די צוויי בענד שפּרודלט אַ רעוואָלט דאָס רוב פון אַנאָנימע שטאָלצע ייִדן, וועלכע פאָדערן מען זאָל זיי דערלויבן אַרויספאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד און זיך באַזעצן אין ישׂראל. דאָס זענען דאָקומענטן וואָס קענען דינען ווי אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל צו לערנען און צו פאַרשטיין די לאַגע פון די סאָוויעטישע ייִדן אין יענע שווערע טעג.

די לעצטע פינף בענד פון דעם דאָקומענטאַציע־צענטער זענען געווידמעט בעיקר די אויסגאַבעס פון דעם ייִדישן „סאַמאיזדאַט" (אונטער דער רעדאַקציע פון א. בן־אריה). די אויסגאַבעס זענען געווען אומלעגאַלע. די סאָוויעטישע ייִדן האָבן נישט געהאַט קיין צייטונג אָדער זשורנאַל ווו מען זאָל קענען אַרויסברענגען די ייִדיש־נאַציאָנאַלע אַספּעקטן, דערציילן וויכטיקע קאַפּיטלען פון דער ייִדישער געשיכטע, אינפאָרמירן וועגן מדינת ישׂראל, וועגן ציוניזם. דאָס אַלץ האָט באַוויזן צו זוכן אַ וועג, אַן אומלעגאַלן, ווי צו פאַרעפנטלעכן אַזאַ מאַטעריאַל. האָט מען באַשלאָסן אַרויסצוגעבן „סאַמאיזדאַט". אין ערשטן באַנד גייען אַריין די פולשטענדיקע צוויי נומערן פון די אויסגאַבעס „עתון" א׳ פון חודש פעברואַר 1970, אין ריגע און „עתון" ב׳ מאַי 1970, ריגע (אַגב, דער דריטער נומער „עתון" ג׳ איז קאָנפיסקירט געוואָרן און די רעדאַקטאָרן זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר אַנטי־סאָוויעטישער און ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע).

דער רעדאַקציע־אַרטיקל פון „עתון" א׳ (פעברואַר 1970) איז געווידמעט דער פראַגע פון אַסימילאַציע פון די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, ווו עס ווערט צווישן אַנדערע באַטאָנט, אַז די ייִדישע מאַסן אין ראַטנפאַרבאַנד שטייען פאַר אַ גרויסער געפאַר פון אַסימילאַציע אַלס אַ נאַציאָנאַלע איינהייט. אין די 20סטע און 30סטע יאָרן האָט מען חרוב געמאַכט אַלע פאָרמען און אויסדרוקן פון ייִדישער קולטור און איצט, ווען דער יונגער דור איז אויסגעוואַקסן, איז נישט פאַראַן קיין שום אויסזיכט אַז מיט און דורך ייִדיש זאָל מען קענען צוריק־ברענגען דעם נאַציאָנאַלן ייִדישן אינהאַלט. די רעליגיע האָט פיל פאַרלוירן פון איר השפּעה און פלאַץ אין ייִדישן לעבן, אָבער די סינאַגאָגע — שרייבט די רעדאַקציע — איז געבליבן די איינציקע פאָרם פון נאַציאָנאַלן ייִדישן אויסדרוק. טייל פון די, וואָס זוכן כאָטש עפּעס אַ ייִדישן אינהאַלט, קומען דעריבער אין

שול אַריין אויך דאַן ווען זיי קענען נישט די שפּראַך, פֿאַרשטייען נישט וואָס עס קומט פֿאָר און פֿילן אַ פֿרעמדקייט לגבי דער אָפּיציעלער לייטונג פֿון דער סינאַגאָגע. דאָס שטעלט אַוועק מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט די פֿראַגע, צי קען מען אין די דאָזיקע אומשטאַנדן לייזן די ייִדן־פֿראַגע אין רוסלאַנד.

דער צווייטער און דריטער באַנד פֿון ייִדישן „סאַמיזדאַט" זענען געווידמעט אויסשליסלעך די פֿראַגן פֿון עליה פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד. דער נאָמען פֿון די העפֿטן איז „איסכאָד" (וואָס דערמאָנט יציאת מצרים). אין די בענד ווערן בעיקר פֿאַרעפֿנטלעכט דאָקומענטן פֿון בריוו און מעמאָראַנדומס פֿון גרופּעס אָדער איינצלנע ייִדן צו פֿאַרשידענע אינסטאַנצן ווו מען פֿאָדערט צו דערלויבן די ייִדן עולה צו זיין קיין ישׂראל, וואָס איז די איינציקע היים פֿון ייִדישן פֿאָלק. דער באַנד „איסכאָד" אַנטהאַלט פֿיר העפֿטן דאָקומענטן און יעדעס העפֿט הייבט זיך אָן מיטן פּסוק פֿון תּהילים קל״ז: אם אשכּחך ירושלים תּשכּח ימיני; הדבק לשוני לחכּי אם לא אזכּרך, אם לא אעלה את ירושלים על ראש שׂמחתי. ס'איז רירנדיק צו לייענען דעם אויסדרוק פֿון טיפֿן גלויבן פֿון יעדן מחבר פֿון בריוו, אַז ער מוז און וועט דערגרייכן זיין ציל.

דער פֿערטער באַנד פֿון ייִדישן „סאַמאיזדאַט" איז געווידמעט דער פֿראַגע „ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד" און אַנטהאַלט צוויי העפֿטן וועלכע זענען דערשינען: דער ערשטער — אין אָקטאָבער 1972 און דער צווייטער — דעצעמבער 1972. אין דעם באַנד געפֿינען מיר אייניקע אַרטיקלען וואָס קלערן אויף די סיבות פֿון דער אויפֿלעבונג פֿון דער שטרעבונג פֿון די סאָוויעטישע ייִדן נאָך ישׂראל. דאָס מאָל זענען די העפֿטן דערשינען מיט דער חתימה פֿון די מחברים אונטער דער רעדאַקציע פֿון אַ. וואָראָנעל און וו. יאַהאָט, ביידע פֿון מאָסקווע.

דער לעצטער באַנד פֿון ייִדישן „סאַמאיזדאַט" אַנטהאַלט פּאָטאָסטאַטן פֿון צוויי העפֿטן וואָס זענען דערשינען אונטערן נאָמען: „דאָס ווייסבוך פֿון איסכאָד", אין וועלכע עס איז פֿאַראַן מאַטעריאַל וועגן עליה־פֿראַגן, דאָקומענטן און אויך אַ סעריע ווענדונגען פֿון סאָוויעטישע ייִדן צו ריטשאַרד ניקסאָן בשעת זיין באַזוך אין מאָסקווע, סוף 1972.

ווען מען בלעטערט און מען לייענט דעם אַזוי שפּרודלדיקן מאַטעריאַל וואָס איז געזאַמלט אין די 14 בענד, ווערט אַביסל קלאָרער די גרויסקייט פֿון דער שטורמישער באַוועגונג פֿון די סאָוויעטישע ייִדן.

*

וואָס האָט געבראַכט דערצו אַז ס'זאָל אַנטשטיין אַזאַ שטורמישע באַוועגונג צווישן די סאָוויעטישע ייִדן דווקא אין די יאָרן פֿון נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה 1967? וואָס האָט מיטגעווירקט אַז די ייִדן זאָלן זיך אָננעמען מיט מוט און אַזוי דרייסט זיך ווענדן צו די סאָוויעטישע אַנשטאַלטן ווי אויך צו די אינטערנאַ־ציאָנאַלע אינסטאַנצן?

מ׳קען פעסטשטעלן, אַז די ייִדישע פּראָטעסט־באַוועגונג, אין אירע ערשטע שריט, איז געווען אינספּירירט פון דער „דעמאָקראַטישער באַוועגונג" אין רוס־לאַנד, וואָס האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט אין אָנהייב פון די 60ער יאָרן. כּדאַי צו דערמאָנען דעם שטורעם וואָס עס האָט אַרויסגערופן דער משפּט קעגן די באַקאַנטע שרייבערס יולי דניאל און אַנדריי סיניאַווסקי אָנהייב 1966. צוויי יאָר שפּעטער, אָנהייב 1968, האָט דער פּראָצעס קעגן אַלעקסאַנדער גינצבורג, יורי גאַלאַנסקאָוו, אַלעקסיי דאָבראָוואָלסקי, ווערא לאַשקאָווא, אַרויסגערופן צווישן די דעמאָקראַטישע קרייזן אין רוסלאַנד אַ גרויסע פּראָטעסט אַקציע וואָס אין איר שפּיץ זענען געשטאַנען פּאַוועל ליטווינאָוו און לאַריסאַ דניאל, וועלכע האָבן געשטרעבט אַז זייער פּראָטעסט זאָל נישט פאַרבלייבן אין די ראַמען פון ראַטנ־פאַרבאַנד און האָבן דורך די מערב־זשורנאַליסטן אין מאָסקווע אים באַקאַנט געמאַכט אין אַלע טיילן פון דער וועלט. דאָס אַליין איז שוין אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט פאַר די לעצטע יאָרן. דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז די ייִדישע און ציוניסטישע אַקטיוויסטן פאַר עליה זענען נישט ווייניק געוואָרן אינספּירירט פון די סאָוועטישע דעמאָקראַטישע קרייזן אין די יאָרן 1965—1970. דער באַקאַנטער אָריענטאַליסט ד״ר מיכל זאַנד, האָט זומער 1971, אַ שטיק צייט נאָך זיין עליה מיטגעטיילט, אין אַן אינטערוויו אין „מערב", אַז די „דעמאָקראַטישע באַוועגונג" האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקע השפּעה אויף די ייִדישע קרייזן וואָס האָבן געקעמפט פאַר עליה. אָנגעהויבן האָבן די דאָזיקע אַקטיווע ייִדן מיט אינדיווידועלע פּעטיציעס און שפּעטער זענען זיי אַריבער אויף קאָלעקטיווע פּעטיציעס. ווען יאַשאַ קאַזאַקאָוו, אַלס יחיד, האָט דעם 20סטן מערץ 1968 געשיקט זיין ווענדונג צום העכסטן סאָוועט, אָנגעבנדיק זיין גענויעם אַדרעס, האָט זיין טאַט געווירקט ווי צינד־מאַטעריאַל אויף פאַרשידענע ייִדישע יחידים און קרייזן. קאַזאַקאָוו שרייבט צווישן אַנדערן: „כ׳בין אַ ייִד, געבוירן אַ ייִד. כ׳וויל לעבן ווי אַ ייִד. מיט מיין גאַנצן רעספּעקט צום רוסישן פאָלק, האַלט איך נישט ווייניקער וויכטיק מיין ייִדיש פאָלק און כ׳וויל נישט ווערן אַסימילירט דורך קיין שום אַנדער פאָלק". „דאָס ייִדישע פאָלק האָט רעכט אויף זיין אייגענער זעלבסטשטענדיקער מדינה און יעדער ייִד, ווו ער זאָל נישט זיין, האָט דאָס רעכט צו לעבן אין דער ייִדישער מדינה. כ׳וויל נישט לעבן אין אַ מדינה אין וועלכער ס׳עקזיסטירט צוואַנגס־אַסימילאַציע". נאָך דעם דאָזיקן מוטיקן אַרויסטריט, וואָס איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן דורך פיל פיל אַנדערע יחידים האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פון קאָלעקטיווע פּעטיציעס און ווענדונגען. גאַנץ באַזונדערס דאַרף דערמאָנט ווערן די קאָלעקטיווע ווענדונג פון די 18 גרוזינער ייִדן דער רוב פון דער שטאָט קוטאַסי, צו דער קאָמיסיע פאַר מענטשנרעכט ביי די פאַראייניקטע נאַציעס. אָט דער ייִדישער שבט וואָס איז געווען אַזוי ווייניק באַקאַנט, האָט אויפ־געשטורעמט מיט זיין דרייסטקייט און זיינע פאָדערונגען פאַר די רעכט פון ייִדן עולה צו זיין קיין ישׂראל. אין דער פּעטיציע פון די גרוזינער ייִדן ווערט געזאָגט

אַז קיין שום שוועריקייטן וועט זיי נישט אָפּהאַלטן צו דערגרייכן זייער נאַציאָ־נאַלע שטרעבונג. קאָפּיעס פֿון דער דאָזיקער ווענדונג זענען אָנגעקומען אויך צום פּרעמיער־מיניסטער גאָלדע מאיר, און ווען זי האָט געבראַכט און פֿאַרגעלייענט די פּעטיציע פֿון די 18 ייִדן פֿון גרוזיע אין דער כּנסת, איז עס געווען אַן אָפּי־ציעלער אויסדרוק פֿון סאָלידאַריטעט פֿון מדינת ישׂראל מיט דער באַוועגונג פֿון די ייִדן אין רוסלאַנד פֿאַר עליה. נאָך דער פּעטיציע פֿון די גרוזינער ייִדן, איז געקומען אַ זייער רירנדיקע קאָלעקטיווע ווענדונג פֿון אַ גרופּע ייִדן פֿון מאָסקווע. און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן דאָס שיקן קאָלעקטיווע ווענדונגען, וועלכע האָבן פֿאַרכאַפּט ברייטע ייִדישע קרייזן אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

דאָס מאָביליזירן זיך פֿונעם וועלט־ייִדנטום צו שטיצן די באַוועגונג פֿון די סאָוויעטישע ייִדן, די הילף פֿון מדינת ישׂראל האָבן געהאָלפֿן ברענגען די פֿראַגע פֿאַר דער עפֿנטלעכער מיינונג אין דער וועלט, מיט וועלכער די סאָוועטישע מאַכט האָט זיך גענדאַרפֿט רעכענען. דאָס האָט נאָך מער דערמוטיקט די ייִדישע באַוועגונג אין רוסלאַנד צו קעמפֿן פֿאַר די רעכט עולה צו זיין און צו ווערן שותּפֿים צום אויפֿבוי פֿון דער ייִדישער מדינה.

די פֿאַרשיידענע רעפּרעסיעס, וואָס די סאָוויעטישע מאַכט האָט אָנגענומען קעגן די עליה־מאַנערס, האָט די לעצטע נישט אָפּגעשראָקן. זיי זענען גרייט געווען צו צאָלן פֿאַר זייער פֿרייהייט. אין רוסלאַנד איז מאָביליזירט געוואָרן אַ גרופּע „קאַזיאָנע ייִדן" (אפשר פּאָליטישע מאַראַנען) און מען האָט זיי אינסטרו־אירט צו באַקעמפֿן די ציוניסטישע טענדענצן צווישן די סאָוויעטישע ייִדן. די אַקטיוויסטן זענען נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפֿער. זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער חוצפּה פֿון אָט דער גרופּע ייִדן וואָס וואַגן זיך אַריינצומישן אין די וועגן און צילן פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער מחנה. מען האָט זיי לעכערלעך געמאַכט און געשטעמפּלט ווי פֿאַרקויפֿטע נשמות. דער שטראָם פֿון פֿאָדערונגען איז כּסדר געוואַקסן.

אינטערעסאַנט צו באַמערקן די אויספֿירונגען צו וועלכע ס׳קומט ד״ר שמעון רעזליק אין זיין אינטערעסאַנטן אַרטיקל אין „בחינות", דער וויכטיקער פּובלי־קאַציע פֿון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין ישׂראל, ווו ער מאַכט אַ סך הכּל פֿון דער גרויסער פּעטיציע־באַוועגונג צווישן די ייִדן אין רוסלאַנד און באַטאָנט צווישן אַנדערן, אַז דער רוב ווענדונגען און פּעטיציעס זענען געקומען אין די יאָרן 1968—1970 : פֿון גרוזיע 36% פֿון אַלע געחתמעטע פּעטיציעס, לאַטוויע 28%, אויפֿן דריטן פּלאַץ ר.ס.פֿ.ס.ר. (דריי שטעט : קולאַשי, ריגע און מאָסקווע זענען אין יענע יאָרן געווען דער צענטער פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער טעטיקייט) ; אין די יאָרן 1971—1972 קומען אויף אַנדערע וויכטיקע צענטערס פֿון ייִדישער דערוואַכונג וואָס קומט צום אויסדרוק דורך פֿאָדערונגען און קאָלעקטיווע פּעטי־ציעס, דאָס זענען : ליטע, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און מאָלדאַוויע און ווילנע,

קיעוו, אָדעס און קעשענעוו הייבן אָן צו פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער ייִדיש־ציוניסטישער פּראָטעסט־באַוועגונג.

נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן און רדיפות וואָס זי האָט אויסצושטיין, זעצט די ייִדישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין רוסלאַנד פאָר איר מוטיקן קאַמף ביז היינט, אָקטאָבער 1974. נישט אַלץ קען מען שוין איצט דערציילן און אָפּר־עפנטלעכן וועגן איר. ס'איז אָבער אויסער יעדן צווייפל, אַז די דאָזיקע באַוועגונג האָט פאַרשריבן איינעם פון די הערלעכסטע קאַפּיטלען אין אונדזער מאָדערנער געשיכטע.

*

זי האָט אויך צו פאַרצייכענען אַ גאַנצע ריי דערפאָלגן. ביז איצט זענען דאָך עולה געווען פון רוסלאַנד קרוב צו הונדערט טויזנט ייִדן — און איצט איז געקומען דער הסכם וועגן עליה וואָס איז, אין אַ גרויסער מאָס, אַ דאַנק איר דערגרייכט געוואָרן, צווישן דער אַמעריקאַנער רעגירונג און דער ראַטנמאַכט, נאָך דעם לאַנגן קאַמף וואָס עס האָט געפירט דער סענאַטאָר דזשעקסאָן מיט דער הילף פון נאָך צוויי סענאַטאָרן: יאַוועץ און ריביקאָוו ווי אויך מיטגלידער פון אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנטן־הויז.

כדי דער ראַטנפאַרבאַנד זאָל אין זיינע האַנדלס־באַציונגען מיט אַמעריקע קענען געניסטן פון סטאַטוס פון אַ פּריווילעגירטער מדינה, וואָס דאָס באַדייט אַ גאַנצע ריי פאַרלייכטערונגען אויפן געביט פון האַנדלס־אויסטויש (אימפּאָרט און עקספּאָרט) מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, איז מאָסקווע איינגעגאַנגען אויף אַ ריי קאָנצעסיעס אין ענין פון דער עליה פון די סאָוויעטישע ייִדן הן וואָס שייך דער צאָל געגעבענע אַרויספאָר־דערלויבענישן אַ יאָר, הן וואָס שייך דער באַציונג פון דער מאַכט צו די ייִדן וואָס גיבן אָן בקשות עולה צו זיין, לגבי וועלכע ס'וועלן מער נישט אָנגעווענדט ווערן די שיקאַנעס און רדיפות אַזוי ווי ביז איצט, נישט אָפּזאָגן מער פון אַרבעט־פּלאַץ, נישט אַרעסטירן, און בכלל נישט שאַפן קיין קינסטלעכע שוועריקייטן פאַר זיי.

דער דאָזיקער פּונקט איז אָפּמאַך איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק, ווייל די ביז איצטיקע פּראַקטיק אָפּצושרעקן די ייִדן וואָס ווילן עולה זיין, דאָס פּערמאַנענטע רודפן זיי האָט געשאַפן צווישן דעם סאָוויעטישן ייִדנטום אַ מצב פון דערשלאָגנ־קייט, נישט געקוקט אויף די אַלע מאַניפעסטאַציעס פון העלדישקייט וואָס נישט וויניקע האָבן אַרויסגעוויזן. אויב דער דאָזיקער מצב וועט אויפהערן, וועט זיך שאַפן אַ קלימאַט פון מער זיכערקייט צווישן די ייִדן אַליין.

די דאָזיקע דערגרייכונג איז אַן ערנסטער ווענדפּונקט פאַר דער עליה פון די ייִדן פון סאָוויעט־רוסלאַנד. זי שטעלט אָבער אויך אַוועק אַ גרויסע אויפגאַבע פאַר מדינת ישׂראל אויפצונעמען און איינצואָרדענען די דאָזיקע עליה און קודם כל שאַפן אַן אויספירלעכן אויפנאַמס־פּלאַן פאַר די סאָוויעטישע עולים. ישׂראל

ווערט איצט געשטעלט פֿאַר אַ ריזיקן פֿאַרמעסט. זי מוז באַווייזן אַז זי איז בכּוח די זאַך צו רעאַליזירן. מיר טאָרן נישט פֿאַרגעסן אַז ווען די קליטה פֿון די עולים איז אַן אומגינסטיקע, דאַן דראָט אַ שטראָם פֿון ירידה. ישׂראל האָט נישט קיין פֿאַרזיגלטע טירן, מיר לעבן אין אַ דעמאָקראַטישן רעזשים, ווו יעדער איינער קען באַשטימען זיין פּלאַץ און לעבנסוועג.

*

דער העראָישער געראַנגל פֿון די נאַציאָנאַל געשטימטע יִידן אין ראַטנפֿאַרבאַנד מיט דער ריזיקער גרויסמאַכט און איר מעכטיקן אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט, וואָס האָט געפּרעסט צו דערשטיקן די עליה־באַוועגונג און אויסצוואָרצלען ביי די יִידן דעם דראַנג צו עליה, קאָן איצט פֿאַרצייכענען אַ גרויסן דערפֿאָלג. דער אומבאַוואָפֿנטער ייִד מיט זיין ריזיקן ווילן דערגרייכט זיין ציל. אין קאַמף צווישן דוד און גלית האָט ווידעראַמאָל געזיגט דער קליינער, שוואַכער דוד.

אָקטאָבער 1974

ח

פֿאַר אַ דיאַלאָג מיט די ייִדישע אַקאַדעמיקער פֿון סאָוועט־רוסלאַנד

אין אַן ענגן קרייז פֿון ייִדישע אינטעלעקטואַלן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד האָט זיך אַנטוויקלט אַן אייגנאַרטיקע דיסקוסיע וועגן דער סאָוועטישער עליה און וועגן די קליטה־פּראָבלעמען אין ישׂראל. די דיסקוסיע האָט זיך געפֿירט אין אַ זייער רואיקן טאָן. זי האָט זיך אָבער געפֿירט אַרום זייער ערנסטע ענינים.

ווען מען מאַכט אַ סך הכּל פֿון דער עליה פֿון די סאָוועטישע יִידן מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג, אַז איצט, אין יאָר 1975, איז פֿאַראַן אַן ענדערונג אין איר סטרוקטור און אין אירע קוואַלן. ווען מען באַטראַכט דעם צוזאַמענשטעל פֿון די קרוב 100 טויזנט עולים וועלכע זענען געקומען קיין ישׂראל, זעט מען, אַז 85% שטאַמען פֿון דער פּעריפֿעריע פֿון רוסישן יִידנטום, אַ טייל פֿון די באַלטישע און מאָלדאַווישע געגנטן, אַ טייל (ביז 40%) פֿון גרוזיע און בוכאַראַ, פֿאַרשטענדלעך, אַז ס'איז אויך פֿאַראַן אַ צאָל עולים פֿון צענטראַל־רוסלאַנד, בעיקר צווישן די אַקטיוויסטן פֿאַר עליה, די פֿון וועלכע די סאָוועטישע מאַכט האָט געוואָלט פּטור ווערן. ווייל זיי האָבן איר אָנגעמאַכט צרות. ווייזט זיך אַרויס, אַז אין די גרענעץ־קאַנטן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד זענען נאָך פֿאַראַן רעזערוון ייִדן אָבער נישט קיין גרויסע. אַ ברייטערע עליה אין דער צוקונפֿט וועט בכּן

דאַרפֿן קומען, בעיקר, פֿון די ייִדן פֿון צענטראַל־רוסלאַנד. ווערט טאַקע דער ענין זייער קאָמפּליצירט, ווייל לויט דער מיינונג פֿון עולים וועלכע זענען לעצטנס געקומען, איז צווישן די דאָזיקע ייִדן כּמעט נישטאָ קיין קלימאַט פֿון ייִדישקייט. עס פֿעלט זיי דער ווילן אָנגעהעריק צו זיין צום ייִדישן פֿאָלק. די צאָל באַוווסטזיניקע ייִדן צווישן זיי איז אַ נישטיקע.

שטייט איצט די האַרבע פֿראַגע: ווי אַזוי העלפֿט מען די סאָוויעטישע ייִדן שטאַרקן זייער ייִדישן באַוווסטזיין?

פֿאַראַן אין ראַטנפֿאַרבאַנד אַן ערנסטע באַוועגונג פֿאַר עליה, אָבער זי נעמט נישט אַרום די גרויסע מאַסן גלייכגילטיקע. אויסער דעם שטייט די דאָזיקע באַוועגונג היינט פֿאַר נייע שוועריקייטן. אויב נעכטן זענען די הויפּט־שטערונגען געווען די גזירות פֿון דער סאָוויעטישער מאַכט, קומען היינט צו די וואַקלענישן צוליב די ידיעות וואָס דערגייען פֿון מדינת ישׂראל דורך בריוו, וועלכע מאָלן אין נישט קיין ראָזע פֿאַרבן די קליטה־פּראָבלעמען פֿון די סאָוויעטישע עולים. אויב מען דאַרף נישט איבערטרייבן די שעדלעכקייט פֿון אַזעלכע בריוו, דאַרף מען זיי אָבער אויך נישט אונטערשעצן. מיר שטייען פֿאַר אַ פּסיכאָז וואָס האָט לעצטנס פֿאַרכאַפּט אַ גרויסן טייל פֿון די ייִדן וואָס פֿאַרלאָזן סאָוויעט־רוסלאַנד, אַז ס׳פֿעלט אין ישׂראל די געהעריקע גינציקע אַטמאָספֿער, אַז די ותיקים האָבן נישט גערן די נייע עולים און האַלטן אַז מען נייטיקט זיך נישט אין זיי. דאָס גיט אַ גוטן תּירוץ פֿאַר די נישט ווייניקע וואָס פֿאַלן אָפּ און אָנשטאָט אָנצוקומען קיין ישׂראל פֿאַרבלייבן זיי אין דרויסן. די אַלגעמיינע לאַגע אין לאַנד, די זיכער־קייטלעכע, די פּאָליטישע, פֿאַרגרעסערט נאָך די וואַקלענישן ביי די קאַנדידאַטן אויף עליה און האַלט זיי אָפּטמאָל איינגאַנצן אָפּ, ווען מען גיט נאָך צו דערצו די גזירות פֿון דער סאָוויעטישער מאַכט, וואָס זייער ציל איז „אָפּצוקילן" דעם עליה־דראַנג ביי די סאָוויעטישע ייִדן, קען מען פֿאַרשטיין די סיבות פֿון דער פֿאַרקלענערונג פֿון דער עליה פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד.

*

זאָגט אַן אינזשעניער, וואָס איז שוין אַ יאָר צייט אין לאַנד: מען מוז אָנערקענען די אָנשטרענגונגען וואָס ווערן געמאַכט אין ישׂראל אויפֿצונעמען די סאָוויעטישע עולים. ס׳איז, וואָס אַן אמת, פֿאַראַן ביוראָקראַטיע, און מען קען פֿיל זאַכן פֿאַרלייכטערן. אָבער ס׳איז אַן אַבסורד צו זאָגן אַז מדינת ישׂראל וויל נישט די עולים. ס׳איז נישט ערנסט ווען מען הערט זיך צו צו די נאַרישע רייד פֿון איינצלנע ישׂראלים וועלכע פּלאַפּלען קעגן עולים. דאָס איז נישט דער גרונט־מאָטיוו פֿון דער קליטה־פּאָליטיק אין ישׂראל. ער גיט צו: מען דאַרף יאָ האָבן די דרייסטקייט אין מדינת ישׂראל צו ענדערן עטלעכע מעטאָדן, וועלכע וואָלטן צווישן די סאָוויעטישע עולים אַריינגעבראַכט מער צוטרוי צו די היגע אינסטאַנצן. ער האַלט פֿאַר וויכטיק, אַז ביי די קליטה־ביוראָען זאָלן איינגעלאַדן

ווערן אַ ריי עקספּערטן פון צווישן די ניי־געקומענע פאַר די לעצטע צוויי־דריי יאָר. זיי פאַרשטייען די מענטאַליטעט פון די סאָוויעטישע עולים, זיי קענען מדריך זיין און אַן עצה געבן ווי אַזוי צוצוהעלפן צו אַ ריכטיקער קליטה פון דעם עולה. ווען אַ נייער עולה וואָלט זיך אַנגעטראָפן אויף זיינע נאָענטע פון סאָוויעט־רוסלאַנד ביים באַשטימען זיין וועג, וואָלט עס פאַרטיפט זיין צוטרוי צו דער מדינה.

פאַראַן זייער אַן ערנסטער ענין פון אַבסאָרבירן אַ גרויסן טייל פון די אַקאַדעמיקער און פאַרשידענע פרייע פּראָפעסיעס. די קליטה פון די אַקאַדעמיקער נייטיקט זיך אין אַ רעוויזיע, ווייל נישט שטענדיק קען מען גיין לויטן ביז איצטיקן סטאַנדאַרטן וועג. אָט, למשל, די אינדיווידועלע קליטה אין אַן עקזיס־טירנדיקע אונטערנעמונג אָדער אינסטיטוציע איז נישט זעלטן אַ שווער פּראָבלעם, נישט שטענדיק איז פאַראַן אַ געמיינזאַמע שפּראַך צווישן די אַלטע און נייע אַקאַדעמיקער. אָפט אַנטשטייט ביים נייעם עולה אַ שטיקל קאָמפּלעקס, אַז ער איז נישט צוגעפּאַסט, אַז אפשר וויל מען אים נישט. פאַראַן אַ געפיל ביים איבער־וויגנדיקן רוב פון די אַקאַדעמיקער, טעכניקער, וויסנשאַפט־מענטשן, א. אַנד., אַז זיי זענען שרייפלעך אין אַ שוין גרייענדיקער מאַשין. זיי האָבן נישט דאָס געפיל, אַז מען לייגט אַרויף אויף זיי אַ פולע אחריות, אַז זיי קענען אַליין מיט זייערע אייגענע כּוחות טאָן עפּעס וויכטיקס פאַרן לאַנד. פאַרוואָס טאָקע נישט נוצן די גרויסע געלטער, וועלכע מען גיט אויס אויף סטאַנדאַרט־קליטה פון יחידים, כּדי צו שאַפן דעם נייטיקן פאָנד פאַר נייע זעלבסטשטענדיקע פּראָיעקטן און דאָס אויספירן זיי אַרויפלייגן אויף די נייע עולים פון רוסלאַנד? דאָס וואָלט ביי די עולים־אַקאַדעמיקער אַרויסגערופן פיל אָפּטימיזם, געהויבן זייער פּרעסטיזש און אויך געהעכערט דעם סטאַנדאַרט פון זייער אַרבעט. די קאָלעקטיווע פּראָ־יעקטן פאַר די עולים וואָלטן געווען אַ שטאָלץ פאַר די סאָוויעטישע עולים. דאָס וואָלט שטאַרק געענדערט דעם קלימאַט צווישן די עולים.

דאָס איז נישט בלויז אַ פראַגע פון פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע באַדינ־גונגען פון די נייע עולים־אַקאַדעמיקער. ביים עולה טאָר נישט אויפקומען דאָס געפיל, אַז ער איז אַ צווייטראַנגיקער. אמת, אין יעדן לאַנד פון אימיגראַציע איז דאָ אַ שווערע תּקופה פון חבלי קליטה. אָבער אַז אַ ייִד קומט קיין ישׂראל, קומט ער מיט האָפענונגען, שטרעבונגען און יעדע אַנטוישונג ברענגט צו שווערע רעזולטאַטן.

מען דאַרף אויך זאָרגן פאַר דער גייסטיקער שפּייז פון עולה, אים מערער אינפאָרמירן וועגן אַלע פאַרצווייגטע פּראָבלעמען פון דער ישׂראלדיקער געזעל־שאַפט. קומענדיק אין אַ פרייער דעמאָקראַטישער אַטמאָספער וואָס ער האָט ביז איצט נישט געקענט, פאַרשטייט ער נישט שטענדיק ווי אַזוי פיל ענינים ווערן דאָ געפירט. דאָס דאַרף מען געבן צו פאַרשטיין אַ גרויסע צאָל עולים, אָבער מיט אַן ערנסטן צוגאַנג, נישט אויבערפלעכלעך. די זייער וואָגיקע ייִדישע אינטעליגענץ

פון סאָוויעט־רוסלאַנד קען זייער פיל מיטהעלפן צו שטאַרקן די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע באַזע פון מדינת ישראל. ווען די אַקאַדעמיקער, די הונדערט טויזנט עולים געפינען אין רוסלאַנד זייער וועג, דאַן וועט עס האָבן אַ פּאָזיטיוון אָפּקלאַנג אויף די אַנדערע קרייזן עולים אין לאַנד און אויך אַ שטאַרקן רעזאָנאַנס אויף די גרויסע מאַסן יידישע אַקאַדעמיקער אין סאָוויעט־רוסלאַנד. מ׳טאָר נישט פאַרגעסן אַז אין רוסלאַנד געפינען זיך אומגעפער 500.000 יידן מיט העכערע בילדונג, פון זיי בערך 100.000 וויסנשאַפט־מענטשן. די גרויסע מחנה איז אַ געוואַלדיקער פּאָטענציאַל פאַרן וווקס און פאַר דער שטאַרקונג פון מדינת ישראל.

ביים באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון די יידישע אַקאַדעמיקער פון סאָוויעט־רוסלאַנד הערסטו אויך די גלאָבאַלע פּראָבלעמאַטיק פון דעם רוסישן יידנטום: די גרויסע נויטן פון די יידן דאָרטן, די גרויסע אויסזיכטן. אַז ישראל וועט גובר זיין די שוועריקייטן און וועט געפינען די בעסטע וועגן ווי אויפצונעמען דעם שטראָם וואָס קומט אָן פון סאָוויעט־רוסלאַנד קיין ישראל.

פון די רייד פון דער ערנסטער גרופּע יידישע אַקאַדעמיקער פון ראַטנפאַרבאַנד הערסטו קריטיק און אָפּשאַצונג, ראַנגלענישן און זוכענישן צו פאַרבעסערן און דו קומסט צום אויספיר, אַז מיר, די ותיקים אין לאַנד, דאַרפן איינזען ווי נייטיק עס איז צו שאַפן אַ דיאַלאָג צווישן אונדז און זיי, און נישט נוצן קיין מאָנאָלאָגן און שטענדיק דיקטירן. מען דאַרף זיי ערנסט אויסהערן, מען קען פון זיי לערנען נישט נאָר פאַר זייער קליטה, נאָר אויך פאַר דער טובה פון לאַנד און דער געזעלשאַפט. אַ דאַנק אַזאַ אויפריכטיקן דיאַלאָג וואָלטן אפשר אַ סך זאַכן געקענט פאַרבעסערט און פאַרלייכטערט ווערן. מען קען אויך אויסמיידן איבערגעטריבענע און נישט באַגרינדעטע טענות. מען דאַרף לערנען פון די ניי געשאַפענע תנאים.

טאַקע דאַן, ווען די אַנטי־עליה גזירות אין סאָוויעט־רוסלאַנד ווערן שווערער, ווען ס׳מערן זיך אָפּפאַלן און ירידה, דאַרף מען פאַרפעסטיקן דעם גרויסן „יש״ פון די הונדערט טויזנט עולים וואָס מיר האָבן אויפגענומען אין ישראל.

מאַי 1975

ט

מיר זענען מיט אייך אין אייער קאַמף

(נאָך דער צווייטער בריסעלער קאָנפערענץ)

די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ פאַר די סאָוויעטישע יידן (דעם 17טן—19טן פעברואַר 1976) אין בריסל איז געווען איינע פון די סאַמע איינדרוקספולע מאַניפעסטאַציעס פון אחדות ישראל, פון אהבת ישראל לגבי די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד. די פאָדערונג „שלח את עמי״, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן די סאָוויע־

טישע הערשערס אין די אויגן פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג אין דער וועלט, איז אַ דערמוטיקונג פֿאַר די סאָוויעטישע ייִדן און אַ באַווייז, אַז אונדזער פֿאָלק וועט נישט מוותּר זיין אויף דעם ייִדישן שבט אין רוסלאַנד, וואָס איז אַ וויכטיק גליד פֿון דעם נאַציאָנאַלן קערפּער. מ׳קען אָן ספק זאָגן, אַז דער הויפּט־ציל פֿון דער קאָנפֿערענץ, ברענגען פֿאַר דער וועלט דעם גערעכט פֿון די סאָוויעטישע ייִדן פֿאַר זייער רעכט עולה צו זיין קיין ישׂראל, האָט אין בריסל געפֿונען דעם ריכטיקן אויסדרוק. געווען דאָ און דאָרט פֿעלערן, זיי האָבן אָבער נישט געקענט פֿאַרטושן די פּאָזיטיווע זייט פֿון דער גראַנדיעזער מאַניפֿעסטאַציע.

די אָנגענומענע דעקלאַראַציע האָט בולט באַטאָנט, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק גייט צוזאַמען מיט די סאָוויעטישע ייִדן וועמענס רעכט עולה צו זיין איז איינס פֿון די עלעמענטאַרסטע מענטשנרעכט און איז אויך אין איינקלאַנג מיט די באַשלוסן פֿון דער קאָנפֿערענץ אין העלסינקי פֿאַר זיכערקייט און קאָאָפּעראַציע אין אייראָפּע. די דעקלאַראַציע האָט אויך געפֿאָדערט פֿאַר די סאָוויעטישע ייִדן „די פֿרייהייט צו פּראַקטיצירן זייער רעליגיע, ווי אויך זייער נאַציאָנאַלע רעכט, אָן שום באַגרענעצונג, זיך אויסצולעבן אין זייער שפּראַך און קולטור״.

צו דער קאָנפֿערענץ זענען געקומען 1.200 דעלעגאַטן פֿון צענדליקער ייִדישע קהילות אין דער וועלט. ס׳האָבן זיך אין איר באַטייליקט אויך אַ גרויסע צאָל סאָוויעטישע ייִדן, וועלכע האָבן זיך פֿריער מיט אַ פּאָר יאָר באַזעצט אין ישׂראל. אויף דער באַזונדערער זיצונג אויף וועלכער ס׳זענען אַרויסגעטרעטן אַרום 8—9 רעדנער פֿון די נייע סאָוויעטישע עולים איז געקומען צום אויסדרוק די אויטענטישע שטעלונג פֿון אונדזערע ברידער אין ראַטנפֿאַרבאַנד. דאָס האָט געהאַט אַ באַזונדערע וויכטיקייט אויך דערפֿאַר וואָס אַרום דער קאָנפֿערענץ האָבן די סאָוויעטישע רעגירונגס־פֿאַקטאָרן געפּרוּווט מאָביליזירן פֿאַרשידענע מטעם־ייִדן, וואָס זאָלן פּראָטעסטירן קעגן דעם עצם אָפּהאַלטן פֿון דער קאָנפֿערענץ און אָפּגעבן דערקלערונגען, אַז די סאָוויעטישע ייִדן געניסן פֿון פֿולע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע רעכט, און אַז נאָר די ציוניסטן רוקן אַרויס די פֿאָדערונגען עולה צו זיין קיין ישׂראל. מ׳דאַרף אויך דערמאָנען די פּראָטעסטן קעגן דער קאָנפֿערענץ און דעם דרוק פֿון די פֿיינטלעכע אַראַבישע קרייזן אויף דער בעלגישער רעגירונג, וועלכע האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשרעקן און באַאיינפֿלוסן. אין אָט דער טומלדיקער אַטמאָספֿער האָבן די אַרויסטריטן פֿון די סאָוויעטישע עולים געהאַט אַ באַזונדערע וואָג און אָפּקלאַנג.

אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג איז אויך געווען די באַטייליקונג פֿון אַ גרופּע קריסטן, געלערנטע און געזעלשאַפֿטלעכע עסקנים, וועלכע האָבן אויפֿריכטיק און ערנסט זיך איינגעגלידערט אין דעם מעכטיקן רוף פֿון דער קאָנפֿערענץ. ס׳דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז נאָך פֿאַר דער קאָנפֿערענץ איז אָנשטאַנען די פֿראַגע וואָס פֿאַראַ געסט פֿון די קריסטלעכע קרייזן זאָלן איינגעלאַדן ווערן: געלערנטע, גייסטיקע און אַקאַדעמישע פּערזענלעכקייטן, איבערגעגעבענע קעמפֿערס פֿאַר

מענטשנרעכט, אָדער אויך באַקאַנטע פּאָליטישע פיגורן. די וועלכע האָבן געפּאָ־דערט זיך צו באַגרענעצן בעיקר מיט קריסטלעכע גייסטיקע און וויסנשאַפטלעכע כּוחות, האָבן מורא געהאַט, אַז די פאַרשיידענע פּאָליטישע פיגורן קענען אַריינ־ברענגען אַ פרעמדן קלאַנג אין אונדזער גרויסן גרעאַנגל פאַר די סאָוויעטישע ייִדן; אַז מיר זאָלן זיך נישט פאַרפּלאָנטערן מיט אויסדרוקן פון „קאַלטן קריג״ לגבי דעם ראַטנפאַרבאַנד, מחמת מיר זענען נישט אויסן צו אַטאַקירן דעם סאָוויעטישן רעזשים, אונדזער איינציק פּראָבלעם זענען די סאָוויעטישע ייִדן. ס׳איז אויך גע־ווען אַ מיינונג, אַז מיטן איינלאַדן אַ צענטראַלע פיגור פון די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן קומען צום אויסדרוק לאָקאַלע פּראָבלעמען פון דעם לאַנד. אַזוי למשל האָט סענאַטאָר פראַנק טשערטש אין זיין איינדרוקספולן אַרויסטריט צו שטיצן דעם גערעכטן קאַמף פון די סאָוויעטישע ייִדן אויסגענוצט די בינע פון דער וועלט־קאָנפערענץ כּדי אַרויסצוברענגען אינערלעכע פראַגן פון צפון־אַמע־ריקע, וואָס שטייט איצט אין יאָר פון וואַלן. פאַר אַזעלכע זאַכן דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק, ווייל אין אַלץ וואָס מיר טוען פאַר די סאָוויעטישע ייִדן מוזן אויס־געמיטן ווערן פרעמדע טענער.

אויף דער קאָנפערענץ איז בולט געווען די פילפאַרביקייט פון די דעלעגאַטן: אַ סך יוגנטלעכע, פרויען, נייע קאַדרען וואָס מ׳איז נישט געוווינט צו זען אין ציוניסטישע קרייזן, אָדער אין אַלגעמיין ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. ווער ס׳האָט זיך באַטייליקט אין די קאָמיסיעס האָט געקענט פעסטשטעלן, אַז דער גורל פון די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט באַגייסטערט פיל ייִדישע קרייזן אין די גלות־לענדער, וועלכע זענען געווען ווייט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דער אינ־טערעס פאַר די סאָוויעטישע ייִדן איז געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר, אַ טייל פון ייִדישער אידענטיטעט, פון ייִדישער סאָלידאַריטעט. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער פולסירנדיקער דעבאַטע וועגן די פאַרשיידענע וועגן ווי אַזוי פּערמאַנענט אויפצוהאַלטן די אַקציעס פאַר די סאָוויעטישע ייִדן.

זיכער דאַרף מען שטאַרק סעלעקציאָנירן די פאַרשיידענע פאָרשלאַגן, ווייל נישט אַלע זענען ווירקזאַם, נישט אַלע זענען געוווּנטשן. אָבער כ׳מוז מודה זיין, אַז כ׳בין געווען גערירט פון די אייגנאַרטיקע איינפאַלן פון פאַרשיידענע דעלע־גאַטן מיט זייערע פאָרשלאַגן וועגן אַקטיוויטעטן און מיט זייערע איניציאַטיוון. דער קאַמף פאַר די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט באַוויזן צו שאַפן אַ גרויסע דינאַמישע אויפמערקזאַמקייט. זי וועט דאַרפן מיט דער צייט אויך איינגעגלידערט ווערן אין אַלגעמיינע ייִדישע ראַמען.

די אַקטיווע אָנוועזנהייט פון גאָלדע מאיר האָט דער קאָנפערענץ געגעבן אַ באַזונדערע חשיבות. גאָלדע איז דאָ געווען די אָנערקענטסטע אויטאָריטעט. זי איז אויך דערשינען ווי דער סימבאָל פון קאַמף פאַר די סאָוויעטישע ייִדן, נאָך פון דער צייט ווען זי איז געווען דער ערשטער אַמבאַסאַדאָר פון ישׂראל אין מאָסקווע (1948) און האָט איינגעפלאַנצט אַזוי פיל האָפענונג אין די הערצער

פֿון די דאָרטיקע ייִדן, אַז זיי וועלן קענען קומען צו זיך אַהיים. שוין מיט איר עצם דערשיינען איז זי געווען אַ געשעעניש אויף דער קאָנפֿערענץ.

*

געווען פּראָבלעמען וואָס זענען בלויז טיילווייז דערשינען פֿאַרן פּלענום אָדער אין די קאָמיסיעס. זיי האָבן זיך געבאַקן בעיקר אין דער „קיך" פֿון דער קאָנפֿערענץ. אַזוי דער פֿאָרשלאָג צי מ'זאָל שאַפֿן אַ פּערמאַנענטע אָרגאַניזאַציע און אַן אַנטשפּרעכנדיקן אַפּאַראַט אָנצופֿירן מיטן קאַמף פֿאַר די סאָוויעטישע ייִדן. ביז היינט איז געווען בלויז אַ קאָאָרדינאַציע פֿון דער דאָזיקער טעטיקייט וואָס ווערט דורכגעפֿירט דורך די ייִדישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס און וויכטיקע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. אַרויסבעמען פֿון די הענט פֿון די עקסיסטירנדיקע ייִדישע אָרגאַני־זאַציעס די אַרבעט פֿאַר די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד וואָלט געשאַפֿן גרויסע קאָמפּליקאַציעס. קיין שום ערנסטע ייִדיש־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע וואָלט נישט מסכּים געווען מוותּר צו זיין אויף אַזאַ וויכטיקער טעטיקייט. דאָס וואָלט אַגב גע־שאַפֿן אַ שפּאַנונג צווישן די ייִדישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס און אויך מדינת ישׂראל וואָס שייך דער פּאָליטיק וואָס מ'דאַרף באַנוצן אינעם גערangel פֿאַר די סאָוויע־טישע ייִדן. אויסער דעם וואָלט אַזאַ סעפּאַראַטע קערפּערשאַפֿט געקענט אַריינ־געשלעפּט ווערן אין אַ פּרווו פֿון „קאַלטן קריג" קעגן דעם ראַטנפֿאַרבאַנד און דאָס איז געפֿערלעך און שעדלעך פֿאַר דער גערעכטער זאַך.

דעריבער האָבן די פֿאַרשטייערס פֿון די הויפּט־אָרגאַניזאַציעס זיך אַנטקעגנ־געשטעלט דעם פֿאָרשלאָג צו גרינדן אַ סעפּאַראַטע פּערמאַנענטע אָרגאַניזאַציע. נאָך לאַנגע וויכּוחים אין פּרעזידיום איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס פֿאָרצו־זעצן דעם ביז איצטיקן קאָאָרדינירן־סיסטעם צווישן די פֿאַרשיידענע ייִדישע אָר־גאַניזאַציעס וואָס זענען טעטיק אויף דעם געביט פֿון קאַמף פֿאַר די רעכט פֿון די סאָוויעטישע ייִדן. פֿאַר די וואָס זענען געווען נאָענט צו די אינערלעכע פֿאַר־האַנדלונגען איז קלאָר, אַז מיט דעם באַשלוס האָט מען אויסגעמיטן אומזיסטע שוועריקייטן.

*

די קאָנפֿערענץ האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין דער פּרעסע און אין אַנדערע קאָמוניקאַציע־מיטלען אין דער וועלט. ס'זענען אויך געווען אַרטיקלען אין פֿאַרשיידענע צייטונגען קעגן דער קאָנפֿערענץ, אינספּירירט דורך סאָוויעטישע און אַראַבישע פֿאַקטאָרן. זעלטן ווען האָט אַ ייִדישע אַסיפֿה אַזוי צערייצט מאָסקווע ווי די בריסעלער קאָנפֿערענץ, טראָץ דעם וואָס קיינער האָט דאָ נישט אַטאַקירט דעם סאָוויעטישן רעזשים. די רוגזה פֿון מאָסקווע איז געווען צוליב דעם וואָס די קאָנפֿערענץ האָט אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט דעם פֿאַקט, אַז מיטן שיקאַנירן אירע ייִדישע בירגער וואָס גיבן אָן בקשות אויף עליה צעטערט די סאָוויעטישע

רעגירונג דעם פּרינציפּ פון מענטשנרעכט, וואָס זי אַליין האָט ערשט אויף דער העלסינקער קאָנפערענץ נישט לאַנג זיך פאַרפּליכטעט אָפּצוהיטן. מאָסקווע ווייסט אַז דאָס גיט איר נישט צו קיין פּרעסטיזש, גראָד איצט, ווען די וויכטיקסטע קאָ־מוניסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע שטעלן האַרבע שאלות די פירערס פון קרעמל אין דער פראַגע פון מענטשנרעכט. דאָס באַווייזט באַשיימפּערלעך, אַז די אַקציע פאַר די יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז אַ גערעכטע און האָט שאַנסן געקרוינט צו ווערן מיט דערפאָלג. אַזאַ איז אויך געווען דאָס געפיל פון די דעלעגאַטן.

ווען מען האָט צום סוף פון דער וועלט־קאָנפערענץ געלייענט די דעקלאַ־ראַציע, האָט זיך דערהערט דער אויסרוף צו די סאָוויעטישע יידן: „מיר זענען מיט אייך אין אייער קאַמף! מיר טיילן אייער גלויבן! מיר באַגריסן אייער מוט, איר זענט נישט אַליין!״ — די ווערטער האָבן עלעקטריזירט דעם גרויסן עולם דעלעגאַטן און איבער די ווייטקייטן האָט זיך געפילט ווי ס׳ווערט אויסגעשטרעקט אַ וואַרעמע האַנט צו די ברידער און שוועסטער אין ראַטנפאַרבאַנד. זייער קאַמף איז אונדזער קאַמף, דער יידישער גורל איז אומצעטיילבאַר.

פעברואַר 1976

י

אונדזער באַציִונג צו די „נושרים״

ווען ישׂראל איז אויפגעקומען האָבן מיר געגלייבט אַז זי איז אַנטשטאַנען נישט נאָר פאַר די יידן וואָס געפינען זיך אין איר, נאָר פאַר יעדן יידן אין דער וועלט, כּדי די יידן וועלכע זענען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן אַ גלות־לאַנד זאָלן האָבן אַ היים צו קומען צו זיך; כּדי יעדער ייד וואָס וויל זיך אויסלעבן אין זיין אייגענער היים און דערציִען זיינע קינדער אין נאַציאָנאַלן גייסט זאָל עס קענען טאָן. דער עיקר אָבער האָבן מיר געגלייבט אַז די מדינה איז אַן ענטפער אויף דער יידן־פראַגע. דערפאַר טאַקע קען מען נישט פאַרגלייכן די יידישע נאַציאָנאַלע באַפרייונגס־באַוועגונג מיט אַלע אַנדערע באַפרייונגס־באַוועגונגען, ווייל אונדזער אייגנאַרטיקייט באַשטייט אין דעם, אַז מיר דאַרפן צום ערשט אַריינברענגען גרויסע טיילן פונעם צעשפּרייטן יידישן פאָלק אין ישׂראל און ערשט דאַן בויען אַן אמתן שטאַט, לייגן די יסודות פון אַ פּראָגרעסיווער און אַנטוויקלטער געזעל־שאַפט. צוויי טויזנט יאָר האָבן מיר געטרוימט וועגן צוריקקער קיין ארץ ישׂראל. אָבער ווי עס זעט אויס קומט דאָס נישט אָן גרינג. נאָך 28 יאָר פון מדינת ישׂראל האָבן מיר דערגרייכט בלויז 3 מיליאָן יידישע איינוווינער. דערביי ווייסן מיר, אַז כּדי צו בויען אַ שטאַרקע מדינה מוזן מיר לכל הפּחות פאַרדאָפּלען די צאָל. דאָס איז וויכטיק נישט נאָר פאַר די ישׂראלדיקע איינוווינער, נאָר דאָס וועט אויך געבן

אַ גרעסערן פּרעסטיזש און מעמד יעדן ייִדן אין דער גאַרער וועלט. ס'איז דערי־בער קלאָר, אַז אין אַזאַ גרויסער נאַציאָנאַלער עפּאָפּעע מוזן גרויסע טיילן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אָנטיילנעמען אין העלפֿן בויען די ייִדישע מדינה. דאָס דאַרף ווערן אַ ייִדיש נאַציאָנאַלע פֿליכט.

מיר האָבן אויך געהאָפֿט אַז מיט איר אַנטשטייונג און פֿאַרשטאַרקונג וועט די מדינה קענען זיין אַ באַשיצער פֿון די ייִדן אין דער וועלט, ווען זיי וועלן זיין אין אַ קלעם. מיר האָבן עס נישט געזאָגט אָפֿן, אָבער יעדער וואָס האָט טיפֿער באַנומען דעם גרויסן פֿענאָמען וואָס הייסט מדינת ישׂראל, האָט פֿאַרשטאַנען אַז אַ גוט אַנטוויקלטע און שטאַרקע מדינה וועט זיין אַ פּאַנצער, אַ שוץ קעגן אַ נייעם אוישוויץ. אויסער דעם איז אויך געווען די כּוונה, אַז אַ טיפֿערע פֿאַרבינ־דונג פֿון דעם אין ישׂראל געבוירענעם, יונגן דור מיט די ייִדן צעשפּרייטע אין פֿאַרשיידענע לענדער, וועט ברענגען דערצו אַז דער סאַברע־דור זאָל דערקענען די ייִדן אין דער וועלט און וויסן אַז ער האָט אַ דירעקטע פֿאַרפֿליכטונג צו שטיין אויף דער וואַך פֿון גייסטיקן און פֿיזישן מצב פֿון די ייִדן אין די תּפֿוצות, וועלכע זענען אַ טייל פֿון איין פֿאָלק וואָס זיין צענטער איז די נאַציאָנאַלע היים אין מדינת ישׂראל.

אָננעמענדיק דעם דאָזיקן אידעיִשן יסוד פֿון מדינת ישׂראל קען מען נישט בלייבן גלייכגילטיק צום גורל פֿון די ייִדן און מ'מוז אָננעמען ווייטיקע שריט כּדי זיי צו ברענגען פֿון די תּפֿוצות קיין ישׂראל. אָט די קעגנזייטיקע שותּפֿות: דאָס פֿאַרשטאַרקן און פֿאַרפֿעסטיקן די מדינה, וואָס איז אַ גאַראַנטיע פֿאַר דער עק־זיסטענץ פֿון ייִדן־פֿאָלק אויך אין די תּפֿוצות, צווינגט אונדז אָפּט מאָל אָנצונע־מען שריט וועלכע זענען נישט גאַנגבאַר אין נאָרמאַלע מדינות וועמענס באַפֿעל־קערונג ס'געפֿינט זיך אויפֿן אָרט, איז געבונדן מיטן לאַנד און די מדינה דאַרף נאָר זאָרגן פֿאַר איר זיכערקייט און אַנטוויקלונג. אויף אונדזער גורל איז אויס־געפֿאַלן אַ זייער שווערע לאַסט: פֿריער קעמפֿן כּדי צונויפֿצוברענגען די ייִדישע באַפֿעלקערונג, איידער מיר קענען אָנהייבן די שטאַטלעכע אויפֿגאַבן.

פֿון דעם אַלעם מוזן מיר קומען צום אויספֿיר, אַז ווען עס קומט צו ישׂראל קען אַ נאַציאָנאַלער ייִד נישט מעסטן לויט דער פֿרעמדער לאָגיק, ווייל ס'איז פֿאַראַן אַן אייגענע ייִדישע, ישׂראלדיקע לאָגיק, וועלכע דיקטירט אַ ספּעציפֿישן וועג און ספּעציפֿישע מיטלען. אָבער אויך אין דעם פֿאַל, צוליב דער אַנדערשקייט פֿון אונדזער מדינה, דאַרפֿן מיר זיין זייער פֿאָרזיכטיק און נישט איבערטרייבן מיט אונדזערע געענג. די אַנדערשקייט איז אויך חל אויף אונדזער איצטיקער האַלטונג כּלפּי דעם פּראָבלעם פֿון די נושרים, פֿון די עולים פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד, וועלכע קערעווען אויס דעם וועג און בייטן אויס איין גלות אויף אַן אַנדערן גלות.

*

מען דאַרף נישט האָבן קיין גאָר לאַנגן זכּרון כּדי צו געדענקען, אַז אין סוף פֿון די 50ער יאָרן, לערך צען יאָר נאָכן אַנטשטיין פֿון מדינת ישׂראל, האָבן זיך

אָנגעהויבן וועבן אין ישׂראל גרויסע פּלענער צו דערמוטיקן די ערשטע ערנסטע שריט צווישן די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, זיי זאָלן קעמפן פאַר זייער רעכט צו קומען קיין ישׂראל, אין זייער אייגענער היים. די גרויסע האָפענונג וואָס איז געקומען פון ישׂראל האָט די איינצלנע גרופּעס פון נאַציאָנאַלע ייִדן אין ראַטנפאַר־באַנד פאַרוואַנדלט אין אַ וויכטיקער באַוועגונג, וועלכע האָט געשטורעמט אין רוסלאַנד גופא, ווי אויך די עפנטלעכע מיינונג אין דער גאַרער פרייער וועלט. דער לאָזונג פון מדינת ישׂראל איז בפירוש געווען, אַז דאָס שטיצן די באַוועגונג עולה צו זיין קיין ישׂראל איז נישט געבונדן מיט קיין שום כּוונות זיך אַריינצומישן אינעם אינערלעכן סאָוויעטישן רעזשים, נאָר איז באַגרענעצט צו דער עלעמענ־טאַרער רעכט פון די סאָוויעטישע ייִדן זיך משתּף צו זיין אינעם בוי פון זייער אייגן לאַנד — מדינת ישׂראל.

אָט דער רוף און די שטעלונג האָט עלעקטריזירט גרויסע שיכטן פון סאָ־וויעטישן ייִדנטום. גלייכצייטיק זענען אויך אין פיל פרייע לענדער פון די תּפוצות אַנטשטאַנען ספּעציעלע קאָמיטעטן צו שטיצן די עליה פון די סאָוויעטישע ייִדן. אין אַ 6—7 לענדער האָבן די קאָמיטעטן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וויכטיקן גע־זעלשאַפטלעכן פאַקטאָר אין אָרטיקן קהילה־לעבן און זענען אויך געוואָרן אַ פאַקטאָר וואָס האָט פיל משפּיע געווען אינעם גרויסן געראַנגל פאַר די סאָוויעטי־שע ייִדן. דער אָנשטרענג פון מדינת ישׂראל און די קאָמיטעטן צום קאַמף פאַר די רעכט פון די סאָוויעטישע ייִדן עולה צו זיין האָבן געגעבן גוטע רעזולטאַטן. אמת, ס'איז נישט דערגאַנגען צו אַ פרייער אויסוואַנדערונג, אָבער די סאָוויעטישע מאַכט האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דעם אינערלעכן און דרויסנדיקן דראַנג און עפענען אירע פאַרשלאָסענע טויערן. אין איין יאָר זענען אָנגעקומען אַ 35 טויזנט עולים. אין דער דאָזיקער תּקופה זענען אָנגעקומען קיין ישׂראל בערך אַ 105—108 טויזנט סאָוויעטישע ייִדן און אַ 20 טויזנט זענען נישט דערגאַנגען קיין ישׂראל. ס'איז וויכטיק, אַז אין די ערשטע יאָרן האָבן 95%—97% פון די סאָ־וויעטישע ייִדן וואָס האָבן באַקומען אַ ישׂראלדיקע וויזע, געוווּסט אַז נאָר מדינת ישׂראל איז פאַר זיי דער איינציקער אַדרעס פאַר זייער אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד.

אין די לעצטע פאַר יאָר האָט זיך די לאַגע אָנגעהויבן צו ענדערן. אַ טייל פון די סאָוויעטישע ייִדן וואָס זענען אָנגעקומען קיין ווין, זייער ערשטע סטאַציע אין דער פרייער וועלט, האָבן אָנגעהויבן ענדערן זייער מאַרשרוט און אָנגעהויבן צו זוכן אַנדערע לענדער פאַר זייער וואַנדערונג.

ווען די צאָל „נושרים" איז געווען אַ קליינע, איז עס נישט געווען קיין פּראָבלעם פאַר זאָרג, אָבער, ווען זי האָט זיך גענומען פאַרגרעסערן האָבן זיך אָנ־געהויבן די דאגות און נישט ווייניק קאָנפוזיע האָט עס אַרויסגערופן ביי די פאָרשטייערס פון די קהילות וווהין ס'זענען אָנגעקומען די אָפּגעפאַלענע פונעם שטראָם קיין ישׂראל. נישט ווייניק פון די פירנדיקע פערזענלעכקייטן אין די

תּפוצות האָבן זיך געגומען מאַטערן: וואָס טוט מען מיט די נושרים? זאָל מען זיי העלפן — הייסט עס: דערמוטיקן אַ פּאַרגרעסערט אָפּפאַלן. דער וויכּוח אין די קהילות האָט זיך פאַרענדיקט מיטן כּלל, אַז מען דאַרף זיי העלפן, ווייל ווען אַ ייִד איז אין אַ שווערער לאַגע דאַרף מען אים העלפן.

אויך אין די קאָמיטעטן פאַר די סאָוויעטישע ייִדן האָט זיך אָנגעהויבן אַן ערנסטע דיסקוסיע: ווי אַזוי זאָל זיין זייער האַלטונג, ווייל אין תּוך זענען דאָך די קאָמיטעטן געשאַפן געוואָרן כּדי צו קעמפן פאַר די רעכט פון די סאָוויע־טישע ייִדן צו קומען קיין ישׂראל און דאָ, פּלוצעם, שטייען זיי פאַר אַן אָפּנייג פון דער גאַנצער ליניע! ווען אָבער די צאָל נושרים האָט אין די לעצטע אָנ־דערהאַלבן יאָר אָנגעהויבן צו שטייגן און אין יאָר 1976 איז זי דערגאַנגען צו 50% — האָט עס אַרויסגערופן ממש אַ שטורעם און די אַלע צענטראַלע אינסטאַנצן וואָס האָבן זיך מטפּל געווען מיט די עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד, נישט נאָר די אָפיציעלע אינסטאַנצן פון מדינת ישׂראל, די סוכנות, די אַמעריקאַנער הילפס־אָרגאַניזאַציעס: דער „דזשאָינט" און „היאַס", אויך די קאָמיטעטן פאַרן קאַמף פאַר עליה פון די סאָוויעטישע ייִדן, נאָר אויך די פאַרשיידענע נישט־ייִדישע פאַקטאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינצומישן אין דער לייזונג פון קאָמפּליצירטן פּראָבלעם. אַפילו דער גוט באַקאַנטער ברונאָ קרייסקי, דער עסטרייכישער קאַנצ־לער, האָט דערקלערט, אַז ער וועט נישט אָננעמען קיין שום שריט צו שטערן די נושרים צו פאָרן וווּהין זיי ווילן. און מען דאַרף נישט פאַרגעסן אין נאָך אַ פאַקטאָר וועלכער ווערט לעצטנס אַקטיוו אין דער גרויסער דעבאַטע פונעם גורל פון די נושרים — דאָס זענען די עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד, וועלכע געפינען זיך אין ישׂראל און אויך די אָרגאַניזירטע קרייזן פון די סאָוויעטישע ייִדן וועלכע געפינען זיך נאָך דאָרט און זיי לאָזן הערן זייער שטים וועגן די דאָזיקע פּראָב־לעמען.

דעריבער קען מען נישט און מען טאָר נישט באַהאַנדלען די פראַגע אין איילעניש, אויבערפלעכלעך. מען קען די זאַך נאָך מער פאַרפּלאָנטערן און שאַפן נייע קאָמפּליקאַציעס און סיכסוכים אין ייִדישן לעבן און ברענגען צו אַ שפּאַנונג צווישן מדינת ישׂראל, די סאָוויעטישע ייִדן און די פאַרשיידענע ייִדישע קהילות אויף דער וועלט.

*

ביים זוכן אַ לייזונג פאַר דער פראַגע האָבן זיך געשאַפן צוויי מחנות. איין צד טענהט, אַז די קאָמיטעטן אין די פאַרשיידענע לענדער קענען נישט אויפצוויג־גען די נושרים, זיי זאָלן פאָרן קיין מדינת ישׂראל און נישט אין די ערטער וווּהין זיי ווילן. גאָר שאַרף קומט עס צום אויסדרוק אין פאַרשיידענע קרייזן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי טענהן, אַז שטענדיק זענען פאַראַן נושרים און צי וויל דען ישׂראל אַן עליה דורך צוואַנג? און זיי גיבן צו: דאָס וואָס ייִדן נעמען וויזעס קיין ישׂראל, נוצן אויס די הילף פון ישׂראל און פאָרן גאָר קיין ניו־יאָרק,

מאָנטרעאָל אָדער אין אַנדערע ערטער, דאָס איז זייער רעכט. מען טאָר נישט און מען קען נישט אָפּשטעלן די אַרבעט פון אַמעריקאַנער „היאַס" אין זיין הילף דעם פּליט צו עמיגרירן ווו ער וויל. וועט דאָס געשען — וועט עס גורם זיין צו אַן אינערלעכן שטורעם אין די פאַרשיידענע יידישע קהילות און יידישע הילפס־אָר־גאַניזאַציעס און דאָס קען ברענגען צו אַ געוואַלדיקער מחלוקת. אין אַלע מאָטי־וואַציעס פונעם ערשטן צד הערט מען אָבער זייער ווייניק וועגן דער פּליכט פון דער סאָוויעטישער עליה פאַר מדינת ישראל און אויך נישט וועגן דער השפּעה וואָס די נושרים קענען האָבן אויף דעם גאַנצן פּראָבלעם פון דער עליה פון סאָ־וויעט־רוסלאַנד.

פיל אויספירלעכער אין דעם וויכּוח איז דער צווייטער צד. ער זעט פאַר זיך די ערנסטע געפאַרן: ערשטנס — אויב דער פּראָצעס פון די נושרים זאָל אַזוי ווייטער אָנגיין וועט עס דאָך נישט בלייבן שטיין ביי 50%, אַזוי אַז אין אַ גע־וויסן מאָמענט וועט זיך באַקומען, אַז די מאָטיוואַציע וועגן דערלויבן די סאָוויע־טישע יידן עולה צו זיין אין זייער פאָטערלאַנד קיין ישראל, וועט פאַרלירן דעם גאַנצן זין און דאָס קען געבן דער סאָוויעטישער מאַכט אַ פּרעטעקסט אָפּצושטעלן די עליה בכלל. עס קען זיך אויך שאַפן אַ לאַגע, אַז די קוואָטע וואָס די סאָוויע־טישע מאַכט דערלויבט יאָ אַרויסצופאָרן זאָל דורך אַ געוויסער קאָמבינאַציע גע־מאַכט ווערן אַזוי, אַז זי זאָל באַשטיין בלויז פון נושרים און נישט פון יידן וואָס ווילן עולה זיין. דעריבער איז גאָרנישט אַזאַ אומרעכט, מ'זאָל אָנהייבן אַ גרויסע אויפקלערונג צווישן די סאָוויעטישע יידן, נאָך פאַר זייער אַרויספאָר, אַז מיט זייער נישט עולה זיין קיין ישראל, גיבן זיי אַ מאָטיוואַציע צו פאַרמאַכן בכלל די אַזוי אויך שמאָלע טיר פון עליה.

דריטנס, אַז מען קוקט זיך טיפער צו צו די נושרים, זעט מען גלייך, אַז זייער פּחד פאַרן נישט קענען זיך איינאָרדענען אין ישראל, און זייער מורא פאַר דער מלחמה זענען נישט די וויכטיקסטע מאָטיוון. די אמתע סיבה איז, וואָס זיי האָבן אַ זייער שוואַכן יידיש־נאַציאָנאַלן באַגאַזש און זיי פילן זיך נישט ווי זין פון יידישן פאָלק וואָס האָבן אַ ווילן און אַ באַדאַרף צו העלפן בויען אַן אייגענע היים פאַר זיך.

לעצטנס האָבן אויך די עליה־אַקטיוויסטן זייער שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דעם וואַקסנדיקן שטראָם פון די נושרים. די עליה־אַקטיוויסטן וואָס געפינען זיך אויף די באַריקאַדעס פון קאַמף פאַר עליה אין סאָוויעט־רוסלאַנד, באַשולדיקן שאַרף זייערע אייגענע פריינד פאַר זייער דעזערטירן פונעם עליה־ציל אין ווין. ס'ווערט אויך דורך זיי באַטאָנט, אַז מדינת ישראל דאַרף ערנסט באַטראַכטן די פּראָבלעמען פון אַבסאָרבירן די עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד. ס'זענען פאַראַן פיל פעלערן, וועלכע באַרעכטיקן טאַקע נישט צו ווערן קיין נושרים, אָדער יורדים, אָבער זיי שאַפן באַדינגונגען פאַר אַ פאַרביטערונג ביי די וואָס האָבן עולה געווען קיין ישראל און בריוו וואָס דערגייען פון ישראל קיין רוסלאַנד שרעקן אָפּ די

פּאָטענציעלע עולים אַזוי אַז מען דאַרף נישט נאָר אָנבעמען שריט קעגן די נוש־רים, נאָר אויך זוכן וועגן צו פֿאַרבעסערן די קליטה־באַדינגונגען אין לאַנד.

*

די מסקנות פֿון דער געשאַפֿענער לאַגע זענען פֿאָלגנדיקע:

1) מדינת ישׂראל קען נישט בלייבן פּאַסיוו צו דעם אַלעמען וואָס עס קומט פֿאָר מיט די נושרים. די פּאַסיוויטעט קען ברענגען צו אַ פֿולשטענדיקן אָפּשטעל פֿון דער עליה פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד.

2) מען קען נישט צווינגען קיין שום ייִד, אַז ער זאָל עולה זיין קיין ישׂראל, אָבער די פּריאָריטעט פֿון הילף קומט יענע ייִדן פֿון רוסלאַנד וואָס ווילן אָנקומען קיין ישׂראל. דאָס דאַרף קלאָר אויפֿגעקלערט ווערן די ייִדן, נאָך דעמאָלט ווען זיי זענען אין רוסלאַנד.

3) די ייִדישע אַגענץ דאַרף אָנהייבן אַ ברייטע אויפֿקלערונג צווישן די עולים ווען זיי קומען אָן קיין ווין, אַז זיי זאָלן טיפֿער און ערנסטער פֿאַרשטיין די באַדייטונג פֿון זייער באַזעצן זיך אין מדינת ישׂראל. מיר מוזן אויך זוכן וועגן ווי אַזוי צו פֿאַרטיפֿן די ייִדישע געפֿילן און דעם ייִדישן באַוווסטזיין צווישן די פּאָטענציעלע עולים אין סאָוויעט־רוסלאַנד, ווייל אַ ייִד וואָס איז דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַלע ייִדישע ווערטן וועט מער נוטה זיין צו קומען קיין ישׂראל.

5) עס מוז אויך קומען אַ שאַרפֿע רעוויזיע און אַ פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער טעטיקייט פֿון די קאָמיטעטן פֿאַר די סאָוויעטישע ייִדן אין די פֿאַרשיידענע לענ־דער, אַז ס׳ווערט נישט איבערגעריסן, נישט אָפּגעשטעלט דער קאַמף פֿאַר מדינת ישׂראל און פֿון דער אָרגאַניזירטער ייִדישער וועלט אין די פֿרייע לענדער פֿאַר זייער עליה.

6) ס׳איז אויך נישט קיין סוד, אַז דער גרעסטער טייל פֿון די 100 טויזנט עולים פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד וואָס זענען געקומען קיין ישׂראל האָבן זיך עקאָ־נאָמיש איינגעאָרדנט, אָבער זיי גייטיקן זיך אין געזעלשאַפֿטלעכער קליטה. דאָס איז אַן ענין וואָס האָט געגוג נעגאַטיוו זיך אויסגעווירקט דורך בריוו און אָפּ־קלאַנגען, אויף די פֿאַרבליבענע משפּחה־מיטגלידער און פֿריינד אין ראַטנפֿאַר־באַנד, וועלכע האָבן געטראַכט צו קומען קיין ישׂראל. מדינת ישׂראל קען נישט מאַכן זיך נישט וויסנדיק וועגן דעם דורכפֿאַל. עס מוז קומען אַ פֿולשטענדיקע רעוויזיע אויף דעם געביט.

דאָס פּראָבלעם פֿון די נושרים קען נישט געלייזט ווערן מיט אַן איין מאָליקן אַקט. מיר מוזן האַנדלען מיט אַ פֿילזייטיקן סיסטעם. נאָר דורך אַ גרויסער און ערנסטער טעטיקייט קען מען אויסמיידן אַ שרעקלעכן דורכפֿאַל. אונדזער נאַציאָ־נאַלע פֿעיִקייט דאַרף מאָביליזירט ווערן צו געפֿינען אַ לייזונג פֿאַר דעם פּיינלעכן פּראָבלעם וואָס הייסט נושרים.

אָקטאָבער־נאָוועמבער 1976

די גורל־שותּפות צווישן ישׂראל און דעם וועלט־ייִדנטום

א

אין די גורלדיקע טעג אין וועלכע ס׳געפינט זיך מדינת ישׂראל, וואָס שטייט אין קאַמף צו פאַרזיכערן איר צוקונפט, איז ממש לעבנסוויכטיק צו באַטאָנען די טיפע פאַרבינדונג צווישן דער מדינה און דעם וועלט־ייִדנטום. מ׳רעדט אָפט וועגן דער דאָזיקער שותּפות אין סופּערלאַטיווע טערמינען און אויסדרוקן, אַזוי אַז איר באַגריף ווערט אַ ביסל אָפּגענוצט. דאָך וועלן מיר באַגיין אַ פאַטאַלן פעלער אויב מיר וועלן אין יאָר 1970 נישט זיין בכּוח זיך טיפער אַריינצוטראַכטן אין דעם וואָס די דאָזיקע שותּפות באַטייט.

מיר וועלן זיך נישט אָפּשטעלן אויספירלעך אויף דעם, וואָס קומט פאָר אין דער מדינה גופא. ייִדן אין דער ברייטער וועלט לעבן מיט די ניַיעסן פון און וועגן ישׂראל, און ווען אַ ייִד קומט אין לאַנד אַריין קען ער זיך תּיכּף איבער־צייגן, אַז אין דער זעלביקער צייט ווען ס׳קומען פאָר שווערע קאַמפן אויף די גרענעצן, ווו אונדזער יונגער דור שטויסט אָפּ די אַראַבישע אַגרעסיע וואָס ווערט געפירט מיט דער דירעקטער אונטערשטיצונג פון סאָוויעט־רוסלאַנד, ווערט אין לאַנד פאַרגעזעצט עקשנותדיק דאָס קאָנסטרוקטיווע לעבן אויף אַלע געביטן. נישטאָ קיין איין לאַנד אויף דער וועלט וואָס אויף די גרענעצן זיינע קומען פאָר קאַמפן און אין לאַנד גופא ווערט דאָס לעבן פאַרגעזעצט מיט דעם זעלבן טעמפּאָ ווי אין נאָרמאַלע שלום־טעג. די ייִדן ביי וועלכע די דאָזיקע לאַגע רופט אַרויס גרויס באַוווּנדערונג מוזן אָבער אויך פאַרשטיין די טיפע וואָרצלען פון דער דאָ־זיקער פּראָבלעמאַטיק. אין גרונט גענומען דריקט אויס די דאָזיקע טאָפּלטקייט — קאַמפן פון איין זייט און בויונג, שאַפונג פון דער אַנדערער — דעם טיפן ווילן אונדזערן משתּף צו זיין דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק, נישט נאָר מאַטעריעל, וואָס איז זייער וויכטיק, אָבער אויך מיט שאַפן באַדינגונגען פאַר פערזענלעכער שות־פות מיטן בוי פון דער מדינה, ווייל בויען די מדינה און שאַפן אַ קאָנסטרוקטיוו לעבן דאָ איז דער הויפּט־ציל פון אונדזער געראַנגל פאַר דער אידעיִשער און נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

קענען מיר זאָגן דעם וועלט־ייִדנטום, אַז נישט געקוקט אויפן שאַרפן ייִדיש־אַראַבישן קאָנפליקט איז אונדזערע שׂונאים נישט געלונגען איבערצורייסן אויף קיין מינוט דאָס בויען די מדינה, וועלכע איז די זיכערסטע בריק צווישן אונדז און די צעשפּרייטע און צעזייטע ייִדן אויף דער וועלט. וואָלט די שׂונאים, חלילה, געלונגען צו שאַפן ביי אונדז אין ישׂראל אַ סומאַטאָכע און איבעררייסן דעם המשך

פון אונדזער בוי און שאַפן, וואָלט די טיפע שותּפות צווישן מדינת ישׂראל און דעם וועלט־ייִדנטום געשטעלט געוואָרן אונטער אַ פראַגע־צייכן.

דעריבער זענען גורלדיק נישט נאָר די פּאָליטישע און מיליטערישע אָנ־שטרענגונגען וועלכע מיר מאַכן פאַר ישׂראל, ס׳איז אויך געוואַלדיק לעבנס־וויכ־טיק מיר זאָלן פאַר יעדן פּרייז אויפהאַלטן די קאָנסטרוקטיווע און בויערישע שאַ־פונג אין דער מדינה. אויפן דאָזיקן פראָנט האָבן מיר אַריינגעשריבן וווּנדער־באַרע קאַפּיטלען. אַגב, איז עס שוין אַזוי אין דער מענטשלעכער נאַטור — דאָס רויִקע, קאָנסטרוקטיווע ווערט נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט. פאַקטיש איז דער דאָזיקער פראָנט אין אונדזערע טעג און בעיקר זינט דער זעקסטאָגיקער מלחמה, געוואָרן איינע פון אונדזערע הויפּט־דאגות אין קאַמף צו פאַרשטאַרקן די מדינה און פאַרשנעלערן איר וווּקס.

*

מיר אין מדינת ישׂראל פאָדערן פון וועלט־ייִדנטום אַן אויפהער מאַקסימאַלע הילף און סאָלידאַריטעט און די וועלכע קענען בעסער די פּרטים, ווייסן צו זאָגן, אַז מאַטעריעל האָט דאָס וועלט־ייִדנטום זיך אַרויסגעוויזן ענג פאַרבונדן מיט דער מדינה און מאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען דערצו.

עס שטעלט זיך טאַקע די פראַגע: איז די דאָזיקע הילף נאָר פאַר מדינת ישׂראל, אָדער העלפט זי אויך דירעקט און אומדירעקט דעם וועלט־ייִדנטום אַלס אַ נאַציאָנאַלן גוף. און די תּשובה איז זייער אַ קלאָרע: היינט, אין די 70ער יאָרן האָט די מדינה אויפגעהערט צו זיין אַ מקום מקלט פאַר פאַרטריבענע און פאַר־פאָלגטע ייִדן. היינט איז מדינת ישׂראל אַ שטאַרקע און געזיכערטע און זי איז לעבנס־וויכטיק פאַר אַלע ייִדן אין די תּפוצות. ייִדן זענען שטאָלצער, זיכערער אומעטום אויף דער וועלט ווען זיי פילן אַז עס עקזיסטירט אַ זעלבסטשטענדיקע ייִדישע מדינה. מעגלעך, אַז נישט יעדער ייִד פילט עס בפועל ממש, אָבער די לעצטע יאָרן איז פאָרגעקומען אַ טיפע ענדערונג אין דער עפנטלעכער מיינונג אויף דער וועלט, וועלכע פילט יאָ אַז אַלע ייִדישע קהילות זענען די גייסטיקע נאַציאָנאַלע פּעריפעריע פון מדינת ישׂראל. זינט 1967 האָבן די פּאַסירונגען אין מדינת ישׂראל כּסדר אַ דירעקטע השפּעה אויפן לעבן פון ייִדן אין די גלות לענ־דער און דער עיקר אויף די באַציִונגען צו די ייִדן מצד זייערע נישט ייִדישע שכנים.

מיט קליינע אויסנאַמען באַטראַכט די נישט ייִדישע וועלט יעדן ייִדן ווי אַ „מיטשולדיקן" אין דעם וואָס קומט פאָר אויפן נאָענטן מזרח, מעג אויך דער ייִד געהערן צו די אַסימילירטע קרייזן און אַפילו צו די וואָס זענען קעגנעריש גע־שטימט צו ישׂראל (און ס׳איז, ליידער, פאַראַן אַ באַדייטנדיקע צאָל ייִדישע אינ־טעלעקטואַלן און סטודענטן, וואָס זעלבסט־האַס באַשטימט זייער האַלטונג צום ייִדנטום און צו דער מדינה)׳ דאָס וועלט־ייִדנטום ווערט אידענטיפיצירט מיט

ישׂראל — צי איר ווילט עס יאָ אָדער צי איר ווילט עס נישט. און דעריבער ווען דאָס וועלט־ייִדנטום העלפֿט ישׂראל — פֿאַרשטאַרקט עס דערמיט זיינע אייגענע פּאָזיציעס. ס'איז אַ קעגנזייטיקע נאַציאָנאַלע שליחות. ווען דער צוקונפֿטיקער היסטאָריקער וועט פֿאָרשן אַט די גורל־שותּפֿות וואָס איז טיילווייז אויפֿגעצווונגען פֿון דרויסן, וועט ער קומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיט איר וווּקס ווערט די מדינה פּאַקטיש דער צענטער פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק אין דער וועלט און די תּפֿוצות ווערן איר פּעריפֿעריע און ס'איז פֿאַראַן אַ קעגנזייטיקע השפּעה צווישן צענטער און דער פּעריפֿעריע, מיר קענען זיך פֿון דער דאָזיקער שותּפֿות נישט אַרויסדרייען. די ייִדן אויף דער וועלט מוזן זיין באַוווּסטזיניק וועגן דער דאָזיקער שותּפֿות, מוזן זען אין ישׂראל אַ זאַך וואָס געהערט צו יעדן איינעם פֿון זיי פּערזענלעך און נאַציאָנאַל און פֿילן, אַז ווען זיי העלפֿן ישׂראל, העלפֿן זיי זיך און זייערע קינדער. אין דעם זין הייבן לעצטנס אָן צו פֿאַרשווינדן די טענדענצן וועלכע האָבן געהערשט ביי געוויסע ייִדישע געלערנטע אין גלות צו דענקען, אַז מדינת ישׂראל איז נאָר איינער פֿון די צענטערס פֿון דער ייִדישער נאַציע און האָבן נישט מסכּים געווען אויפֿן פּרינציפּ פֿון דער צענטראַלקייט פֿון ישׂראל אין ייִדישן פֿאָלק. הייַנט, ווען מען קוקט זיך צו צו די פֿאַרשיידענע פּראָצעסן און געשעענישן אין ייִדיש לעבן, מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג אַז מיר שטייען פֿאַר אַ נייעם קאַפּיטל פֿון גורל שותּפֿות צווישן ישׂראל און וועלט־ייִדנטום.

אָוודאי דאַרף די שותּפֿות זיין טיף איינגעוואָרצלט אין די ייִדישע הערצער אין דער גאָרער וועלט, ווען אַ גרויסע וויזיע פֿאַראייניקט ביידע טיילן פֿון פֿאָלק און מיר קענען נישט בלייבן גלייכגילטיק צו די גייסטיקע און קולטורעלע דערשוונונגען הן אין מדינת ישׂראל הן אין גלות ייִדנטום. די שותּפֿות קען זיין אַ נישט געלונגענע ווען ביידע צדדים וועלן פֿאַרנאַכלעסיקן די יסודות פֿון גיין צוזאַמען.

די טעג געפֿינט זיך אין ישׂראל דער באַקאַנטער ייִדיש־אַמעריקאַנער שרייבער סאל בעלאו, וועלכער האָט זיך קונה שם געווען אין דער אַמעריקאַנער און וועלט־ליטעראַטור מיט זיין ייִדישער טעמאַטיק. ער האָט מיט אַ גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט געשילדערט דאָס אייגנאַרטיקע פֿון די ייִדן. קומט איצט צו אונדז סאל בעלאו און זאָגט אונדז: ייִדן אין צפֿון־אַמעריקע לעבן אין אַ געטאָ (אָוודאי, נישט אין קיין געטאָ פֿון מזרח־אייראָפּע, אין בעסערע באַדינגונגען, אין מאָדערנע טעכנאָלאָגישע באַקוועמלעכקייטן, אָבער אין אַ גרויסן אַ געזעלשאַפֿטלעכן געטאָ, אין אַ גייסטיקן געטאָ; געטאָ — בלייבט געטאָ) — און ער רייסט אַראָפּ דעם באַפּוצטן שלייער פֿון דער גרימירטער צפֿון־אַמעריקאַנער ייִדישערווירקלעכקייט און רעדט מיט ביטול וועגן די אַלע ייִדישע אינטעלעקטואַלן אין אַמעריקע וואָס זענען באַהערשט פֿון זעלבסט־האַס, האָבן פֿיינט ייִדן, אָבער ווייסן נישט אַז זיי וועלן בלייבן אין געטאָ אין די אויגן פֿון די נישט־ייִדישע קרייזן אין אַמעריקע. די דאָזיקע עדות וואַרפֿט אַ ניי ליכט אויפֿן גרויסן ייִדישן קיבוץ אין צפֿון־

אַמעריקע. דערצו נאָך ווען עס ווערט געבראַכט פֿון איינעם פֿון די טאַלאַנט־פֿולע גייסטיקע און ליטעראַרישע כּוחות, וואָס זענען אויפֿגעשטאַנען אויף דער טעריטאָריע פֿון דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט.

דאַרפֿן מיר עפּעס לערנען דערפֿון. מיר דאַרפֿן זיין אָביעקטיוו אין פֿאַר־טייטשן די מאָדערנע געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק.

ג

ווילן מיר די גורל־שותּפֿות צווישן ייִדישן פֿאָלק און מדינה פֿאַרפֿעסטיקן, מוזן מיר האָבן אַ שטאַרקע און גרויסע ייִדיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג, די ציוניס־טישע באַוועגונג, וועלכע זאָל אויך אין אונדזערע טעג, פּונקט ווי אין די טעג פֿון טעאָדאָר הערצל, אויספֿילן איר דערציִערישע און גייסטיקע ראָל אין די גלות־לענדער. מיר מוזן האָבן אַ שטאַרקע און פֿאַרצווייגטע ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכע זאָל נעמען אויף זיך די גרויסע ראָל וואָס די איצטיקע תּקופֿה לייגט אַרויף אויף איר.

וועט די ציוניסטישע באַוועגונג געפֿינען אין זיך די גרויסע געזעלשאַפֿטלעכע און גייסטיקע כּוחות אויסצופֿילן איר שליחות אין אונדזערע טעג?

פֿאַר דער דאָזיקער שליחות מוזן מיר זיך אַלע מאָביליזירן און אין דער ערשטער ריי די ציוניסטישע אַרבעט־באַוועגונג. מיר שטייען פֿאַר אַ גורלדיקן עקזאַמען.

יולי 1970

ישׂראל און די תפוצות

זינט דעם אַנטשטיין פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט דאָס ייִדישע פאָלק אַדורכגעמאַכט טיפע ענדערונגען. מיט 80 יאָר צוריק איז קרוב צו 80% פונעם וועלט־ייִדנטום געווען קאָנצענטרירט אין מזרח־אייראָפּע; אין רעזולטאַט פון די פּאָגראָמען און רדיפות אין צאַרישן רוסלאַנד און די אויסוואַנדערונגען פון די ייִדן מעבר לים. איז אַנטשטאַנען אין משך פון די ערשטע צענדליקער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט דער גרויסער ייִדישער קיבוץ אין די פּאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. ס׳האָט זיך, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, געקענט אויסדאַכטן אַז עס שאַפט זיך אַ גלייכגעוויכט צווישן די קהילות פונעם אַמעריקאַנער קאָנ־טינענט און די ייִדישע ייִשובים אין אייראָפּע. אָבער דער חורבן אונדזערער אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דעם דאָזיקן גלייכגעוויכט צעשטערט און ס׳האָט אויסגעזען, אַז די ייִדישע נאַציאָנאַלע העגעמאָניע קאָנ־צענטרירט זיך אַרום דעם גרויסן צפון־אַמעריקאַנער קיבוץ. אַנטקעגן דעם דאָזיקן ייִדישן ריז האָט זיך אין דער צווייטער העלפט פון די פערציקער יאָרן געפונען דער קליינער, סך־הכל 650 טויזנט נפשות ציילנדיקער ייִשוב אין ארץ־ישׂראל. און ווען ס׳איז אויפגעשטאַנען די ייִדישע מדינה האָבן זיך דערהערט קעגנזעצ־לעכע מיינונגען וואָס שייך דעם צענטער פון ייִדישן פאָלק: איין צענטער אָדער צוויי? דער ציוניזם האָט אין דער מדינה געזען דעם נאַטירלעכן נאַציאָנאַלן צענטער. געוויסע איינפלוסרייכע קרייזן פון יענער זייט אָקעאַן, צווישן זיי אינטע־לעקטואַלן, האָבן געוואָלט זען אין דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ דעם צווייטן נאַציאָנאַלן צענטער אונדזערן. מ׳דאַרף, פאַרשטייט זיך, נישט מזלזל זיין אין די גייסטיקע, געזעלשאַפטלעכע אוןווירטשאַפטלעכע כּוחות וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט קאָנצענטרירט אין דער פרייער וועלט. אָבער קיין ספק נישט אַז דאָס שאַפן צוויי צענטערס פּירט, פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, צו דער אָפּשוואַכונג און צו דער שפּאַלטונג פונעם פאָלק. עס ברענגט אויף קיין פאַל נישט צו דער קאָנסאָלידירונג פון זיין נאַציאָנאַלן געשטאַלט. די לעצטנס פאַרגאַנגענע 25 יאָר האָבן אַנטשידן די פראַגע פון נאַציאָנאַלן צענטער לטובת ישׂראל.

היינט שטייט פון איין זייט דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום מיט זיינע 6 מיליאָן און פון דער אַנדערער זייט מדינת ישׂראל מיט אירע 3 מיליאָן ייִדן. אַ סך ברייטע קרייזן אין וועלט־ייִדנטום נישט נאָר ציוניסטן, זענען שוין איבערצייגט, אַז דער צענטער איז ישׂראל. דאָס קומט אויך צום אויסדרוק דורך אַ גאַנצער ריי סימנים פון פאַרבינדונגען פון דער מדינה מיט די ייִדישע ייִשובים אין דער וועלט.

הייַנט ציילט דאָס ייִדישע פֿאָלק אין דער וועלט אַן ערך 14 מיליאָן נפֿשות, פֿון וועלכע אַרום 90 פּראָצענט זענען קאָנצענטרירט אין זעקס לענדער (פֿאַראייניקטע שטאַטן, ישׂראל, רוסלאַנד, פֿראַנקרייַך, אַרגענטינע, ענגלאַנד). אין די ייִדישע קהילות אין דער וועלט גייען אָן אינערלעכע פּראָצעסן פֿון דערנענטערן זיך און פֿאַרבינדן זיך מיט דער מדינה דורך ייִדישע באַוועגונגען און אינסטיטוציעס, דורך גייסט־מעגטשן. עס שאַפֿט זיך אַ פּראָצעס פֿון אַ כּסדרדיקער באַציִאָנאַלער געזעלשאַפֿטלעכער און גייסטיקער גראַוויטאַציע פֿונעם פֿאָלק אין דער וועלט אַרום דעם דאָזיקן צענטער — ישׂראל. אָבער די באַציִונגען צווישן פֿאָלק און מדינה זענען נישט און קענען נישט זייַן בלויז אין איין ריכטונג. דער פֿאַקט פֿונעם צענטער לייגט אַרויף אויך אויף מדינת ישׂראל דעם חוב צו ווירקן לטובֿת דער גרויסער ייִדישער פּעריפֿעריע וואָס איז צעשפּרייט איבער די גלות־לענדער און צו טראָגן לגבי זיי אַ נאַציִאָנאַלע אחריות.

דער זיג פֿון דער טעזע פֿון דער צענטראַלקייט פֿון ישׂראל אין ייִדישן פֿאָלק — וואָס דאָס איז פּאַקטיש דער זיג פֿונעם ציוניסטישן וועלט־באַנעם — באַטייט אָבער אויך, אַז ישׂראל קען זיך נישט באַנוגענען בלויז מיט דער מאַטעריעלער הילף וואָס זי באַקומט פֿון די ייִדישע תּפֿוצות. ישׂראל נויטיקט זיך אין אַ כּסדרדיקן צופֿלוס פֿון ייִדישע גייסטיקע כּוחות וואָס זענען צעשפּרייט איבער די גלותן. וואָס גרעסער דער דאָזיקער צופֿלוס וועט ווערן, אַלץ שטאַרקער וועט ווערן די צענטראַלקייט פֿון ישׂראל און אַלץ גרעסער וועט ווערן איר מעגלעכקייט אויסצופֿילן איר מיסיע אינעם פֿאָלק.

ווי אַזוי ווירקט זיך אויס די צענטראַלקייט פֿון ישׂראל אין לעבן פֿון פֿאָלק לגבי דעם גלות און דער מדינה?

צי איז נייטיק אַן אַלטוועלטלעכע ראָם פֿונעם גלות־ייִדנטום?

אין 1936 איז אין זשענעוו געשאַפֿן געוואָרן דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס, וואָס האָט געדאַרפֿט סימבאָליזירן די אייניקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק אין דער וועלט און פֿירן דעם קאַמף פֿאַר זייַן פֿאַרטיידיקונג און פֿאַר זייַנע רעכט. צוועלף יאָר שפּעטער איז אַנטשטאַנען מדינת ישׂראל.

הייַנט זענען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן אַז מיטן שאַפֿן פֿון דער ייִדישער מדינה, וועלכע פֿאָדערט פֿאַר זיך די אויסשליסלעכקייט פֿון טעטיקייט אויף אַ סך געביטן, איז די עקזיסטענץ פֿון אַ ייִדישער אַלטוועלטלעכער ראָם אומנויטיק מחמת די ייִדישע קהילות אין דער וועלט דאַרפֿן שטיין אין אַ דירעקטער פֿאַרבינדונג מיט דער מדינה און איר רעגירונג.

אַנדערע אָבער האַלטן, אַז די אַלוועלטלעכע ייִדישע ראָם האָט נאָך הייַנט איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, מחמת ס'זענען פֿאַראַן ספּעציפֿישע פּראָגעס וואָס אינטערעסירן די ייִדישע געמיינדעס און מיט וועלכע נישט די מדינה און נישט די ציוניסטישע באַוועגונג קענען אָדער דאַרפֿן זיך פֿאַרנעמען, ווי למשל קאַמף

פּאַר מענטשן־רעכט, קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן אַסימילאַציע. די אַלגעמיינע ראַם איז אויך נויטיק כּדי די ייִדישע קהילות אין דער וועלט זאָלן זיך נישט פילן אָפּגעזונדערט פון כּלל ישׂראל — כּל זמן דאָס רוב פון פאָלק לעבט נאָך אין גלות. אויסער דעם זענען פאַראַן טעטיקייט־געביטן און קאָנטאַקטן מיט רעזשימען, וואָס נישט די מדינה און נישט די ציוניסטישע רעגירונג קענען זיי אָנהאַלטן, אָדער וואָס קענען אָנגעהאַלטן ווערן אַזוי עפעקטיוו ווי דאָס קען טאָן אַן אַלוועלטלעכע ייִדישע אָרגאַניזאַציע. אַן אַלגעמיינע ייִדישע ראַם קען אויך שטאַרקן דאָס סאָלידאַריטעט־געפיל מיט דער מדינה מצד די ייִדישע קהילות אין דער וועלט, און זייער מיטאַרבעט מיט ישׂראל.

פון דעסטוועגן איז קלאָר, אַז אַן אַלוועלטלעכע ייִדישע אָרגאַניזאַציע קען הייַנט מער נישט פאַרלאַנגען אַן אויסשליסלעכע טעטיקייט — ווי דאָס איז געווען אַמאָל — אויף די געביטן אויף וועלכע אויך די מדינה און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זענען טעטיק, ווי למשל דער ענין פון די רוסישע ייִדן און די ייִדן אין די אַראַבישע לענדער. דאָ מוז געשאַפן ווערן אַ שותּפות, אין וועלכער די ייִדישע וועלט־אָרגאַניזאַציע דאַרף שפּילן נישט אַ זייטיקע נאָר איינע פון די וויכטיקע ראָלעס.

מ׳טאָר אויך נישט פאַרגעסן אַז ספּעציעל אין אַמעריקע איז אין די לעצטע יאָרן געווען אַ טענדענץ צווישן גרויסע און שטאַרקע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, צו פירן אַן אויסשליסלעכע טעטיקייט אין ענינים וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיטן ייִדנטום אין דער וועלט. דאָס האָט געפירט צו אַ צעברעקלונג אינעם ייִדנטום און צו דעם האָט מען געמוזט מאַכן אַ סוף. ס׳איז געשאַפן געוואָרן די דאַך־ אָרגאַניזאַציע פון די ייִדישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, די א. ג. קאָזשאַ, וואָס דאַרף דינען ווי די אַלגעמיינע פאַרטרעטערשאַפט. אָבער זי געפינט זיך נאָך דערווייל אין די וויקעלעך. אַן אמתע אַלגעמיינע ייִדישע וועלט־פאַרטרעטערשאַפט מוז נאָך געשאַפן ווערן.

ס׳איז נייטיק אַ דיאַלאָג

פרעגט זיך: וואָסערע דאַרפן זיין די באַציונגען צווישן די אַ ראַמען, וועלכע דעקן, צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַלע לעבנס־געביטן פון דער מדינה און פון פאָלק!

ס׳האַנדלט זיך דאָ אין באַציונגען צווישן דריי פאַקטאָרן: דאָס וועלט־ייִדנטום, דער ציוניזם און די מדינה. בילדלעך וואָלט מען זיי געקענט אויסמאָלן ווי דריי קרייזן, וואָס געפינען זיך איינער אין אַנדערן. דער אויסערלעכער קרייז — דאָס איז דאָס ייִדישע פאָלק און זיין אַלוועלטלעכע ראַם. דער צווייטער קרייז — דאָס איז די ציוניסטישע באַוועגונג. מיט איין פּנים איז זי געווענדט צום אויסערלעכן קרייז, צום פאָלק: זי דערמוטיקט דעם ציוניזם און די עליה צווישן די קיבוצים אין גלות. מיטן צווייטן פּנים איז זי געווענדט צו דער מדינה, וואָס

איז דער צענטראַלער קרייז, וועלכער איז טעטיק אין זיין אייגענעם תחום ווי אויך פאַרן אַלגעמיינעם קרייז, ד. ה. פאַרן גאַנץ פאָלק, פון וועלכן ער איז דער צענטער.

דערצו דאַרף מדינת ישראל אָנהאַלטן אַ כסדרדיקן דיאַלאָג מיטן גלות־יידנטום בכלל און מיטן ציוניזם בפרט, אַ דיאַלאָג וואָס דאַרף אַרומנעמען פּראָבּלעמען וועלכע גייען אַרויס פונעם געוויינלעכן תחום פון אַ סוווערענער מדינה און האָבּן צו טאָן מיט כלל ישראל ווי למשל די פראַגע וועגן דת און מדינה און פאַרשידענע סאָציאַלע פּראָגעס (מזוג פון די עדות, קליטה פון דער עליה און ענלעכע). פון דער אַנדערער זייט קען זיך די מדינה נישט באַנוגענען בלויז מיטן באַקומען מאַטעריעלע הילף און מענטשן פון גלות, זי דאַרף אויך קומען צו הילף צום וועלט־יידנטום דורך דעם קאַנאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע למשל אויפן געביט פון יידישער דערציונג אין גלות דורך שיקן אַהין לערערס, דער־ציערס, שול־מאַטעריאַל. די אַלגעמיינע יידישע ראַם דאַרף דורך דעם דיאַלאָג זאָרגן פאַר די ענינים פון גאַנצן פאָלק, שטאַרקן די סאָלידאַריטעט פון די יידן מיט דער מדינה, ברענגען דער מדינה די מאַקסימאַלסטע הילף, אָבער אָפּהאַלטן זיך צו מישן אין די ענינים פון דער ישראלדיקע אויסערן און זיכערקייט־פּאָליטיק, וואָס געהערן צו דער אויסשליסלעכער קאָמפּעטענץ פון דעם יידישן סוווערענעם שטאַט.

דאָס עקזיסטירן פון דער מדינה איז נישט קיין זיכערע באַריערע קעגן דער אַסימילאַציע

מיט 25 יאָר צוריק, האָט מען געקענט מיינען, אַז דער אויפקום פון דער מדינה און דאָס אָרט וואָס די מדינה וועט פאַרנעמען אינעם וועלט־יידנטום, וועלן, מיט דער הילף פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דערפירן צו אַן ענדערונג פון די אינערלעכע גייסטיקע פּראָצעסן אין גלות־יידנטום און ספּעציעל צווישן דער יוגנט. מ'האָט געקענט האָפן, אַז ס'וועט פאַרקומען אַ טיפער נאַציאָנאַל יידישער אויפברויז אין פאָלק. דיווירקלעכקייט איז אָבער געוועזן אַן אַנדערע, היינט קענען מיר פעסטשטעלן, אַז פּאַראַלעל צו דער סימפּאַטיע וואָס אַנטוויקלט זיך אין פאָלק פאַר מדינת ישראל, גייט אין אים אָן אין אַ ברייטן פאַרנעם אַ פּראָצעס פון אַסימילאַציע, וואָס דריקט זיך אויס אין אַן אָפּפרעמדונג, אַן אָפּשליסונג און אַ דערווייטערונג פונעם פאָלק צווישן אַ סך טיילן פונעם גלות־יידנטום. פאַראַן אָפילו אַזעלכע וואָס טענהן, אַז אין די לעצטע צוויי דורות האָבּן מיר פאַרלוירן אַן ערך זעקס מיליאָן יידן וואָס האָבּן דאָס יידנטום פאַרלאָזן און זיך אַסימילירט. די וואָס האַלטן אַזוי מאַלן אויס דעם מצב אין זייער טונקעלע פאַרבן און טענהן, אַז אין דער פרייער וועלט זענען מיר קרבנות פון אַן אומגליק וואָס איז נישט קלענער ווי דער חורבן אין פּרט פון אבידות וואָס דאָס יידישע

פאַלק האָט צוליב אים געליטן. פּאַראַלעל מיטן אויפשטייג פון דער מדינה האָט זיך אין די לעצטע פופצן יאָר פאַרפּירפּאַכט די צאָל געמישטע חתונות אין דער גרעסטער צאָל קהילות אין דער וועלט. אין געוויסע קהילות פון מערב־אייראָפּע איז די צאָל געמישטע חתונות דערגאַנגען צו 70—60 פּראָצענט. אין אַמעריקע, צווישן די קינדער פונעם דריטן דור אימיגראַנטן, האָבן די געמישטע חתונות דערגרייכט 30 פּראָצענט אין יאָר 1970. און אַפילו אין דרום־אַמעריקע, ווו דער פּראָצענט געמישטע חתונות איז צוליב די דאָרטיקע ספּעציפישע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען געווען אַ נישטיקער, זעט זיך איצט אָן אַ דערשרעקנדיקער אויפשטייג פון דער דאָזיקער דערשיינונג.

פאַרשיידענע שטודיעס און אַנקעטעס וואָס זענען אַדורכגעפירט געוואָרן אין דעם דאָזיקן ענין צווישן דער ייִדישער יוגנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, באַווייזן, אַז די יונגע בחורים און מיידלעך זענען בדרך כּלל נישט שטאַרק באַזאָרגט פון דער דאָזיקער דערשיינונג.

זייער באַאומרואיקנדיק איז דער מצב פון ייִדישן חינוך אין די גלות־לענדער. אין דעם 6 מיליאָניקן ייִדישן קיבוץ אין אַמעריקע באַקומען אַן אמתן ייִדישן חינוך בלויז 75 טויזנט ייִדישע קינדער אין 430 טאָג־שולן, וואָס געהערן מערסטנס צו די אָרטאָדאָקסן און טיילווייז צו די קאָנסערוואַטיווע. די דאָזיקע 75 טויזנט שטעלן מיט זיך פאָר אַן ערך 13% פון אַלע 550 טויזנט ייִדישע שילערס אין אַלע ייִדישע שולן אין אַמעריקע וואָס זענען מערסטנטייל זונטיק־שולן און אין וועלכע ייִדישקייט ווערט געלערנט אויפן שפּיץ מעסער. אויב מ׳נעמט אין אַכט אַלע ייִדישע קינדער אין אַמעריקע, ד. ה. אויך די וואָס גייען בכלל נישט אין קיין ייִדישער שול, אַפילו נישט אין דער נעבעכדיקער זונטיק־שול, קומט אויס, אַז נישט מער ווי 5% פון אַלע ייִדישע קינדער אין אַמעריקע באַקומען אַ ייִדישע דערציונג, וואָס דאָס באַטייט פאַר דער ייִדישער יוגנט ווען זי וואַקסט אויס איז זי׳ך נישט שווער פאַרצושטעלן. ס׳איז זיך נישט צו וווּנדערן וואָס די ייִדישע בחורי׳ם און מיידלעך ווערן אַריינגעצויגן און אַנטי־ייִדישע און אַנטי־ישׂראלדיקע באַוועגונגען, אָדער ווען דאָס איז אַפילו נישט דער פאַל, זענען זיי צו שוואַך זיך אַנטקעגנשטעלן אַזעלכע באַוועגונגען אידעאָלאָגיש. עס פעלט זיי דערצו דער נויטיקער ייִדישער באַגאַזש. אַפילו די וואָס האָבן יאָ באַקומען אַ ביסל ייִדישע דערציונג, פאַרלירן זייער אָרעמען ייִדישן באַגאַזש ווען זיי טרעטן אַריין אין אוניווערסיטעט.

ווען מיר נאָך צוגעבן דערצו דעם פאַקט, אַז די ייִדישע היים איז הייַנט אויסגעליידיקט פון ייִדישן אינהאַלט, אַז זי קען נישט האָבן און האָט בדרך כּלל נישט קיין נאַציאָנאַל־שטאַרקנדיקע השפּעה אויפן יוגנטלעכן, פאַרשטייט מען ווי גרויס ס׳איז אויך אים דער איינפלוס פון דער גאַס, וואָס איז אַזאַ צעשטער־רערישער.

מיר צאָלן אַזוי אַרום אַ גאָר הויכן פּרייז פאַר דער עמאַנציפּאַציע וואָס מיר האָבן דערוואָרבן אין דער פרייער וועלט, פאַר דעם וואָס די וועלט האָט באַוויליקט אונדז אַריינצונעמען אין איר מיט. אויב דער דאָזיקער אין תּוך אָביעקטיווער פּראָצעס וועט ווייטער אָנגיין, וועלן מיר עדות זיין פון גרויסע מאַסן יידן אַסי־מילירטע אין דער פרייער וועלט וואָס וועלן זיך, אין בעסטן פאַל, בלויז סימבאָליש אידענטיפיצירן ווי יידן. און בלויז די וואָס וועלן פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן געדאַנק און עולה זיין קיין ישׂראל, וועלן באמת אָפּגעראַטעוועט ווערן ווי יידן. אמת, אַז אַזאַ אַנאַליז אין אַזאַ פּראָגנאָז זינדיקן אפשר מיט צופיל שאַרפקייט און איינזייטיקייט — און ס'זענען טאָקע פאַראַן אַזעלכע וועלכע זענען מיט זיי נישט מסכּים. אָבער דער ביישפּיל פון אַמעריקע איז אַ ספּעציעל באַלערנדיקער. האָט דאָך די דאָזיקע גרויסע מדינה איינגעשלונגען אין זיך צענדליקער מיליאָנען אייראָפּעער: אירלענדער, דייטשן, איטאַליענער. דעריבער דראָט די דאָזיקע געפאַר אויך די יידן.

פון דער אַנדערער זייט איז אויך אמת, אַז דווקא צווישן דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג גייט אָן אַ פּראָצעס פון אַרויסהויבן די עטנישע צוגעהעריקייט פון די באַזונדערע גרופּעס. די דאָזיקע טענדענץ וועקט אפשר צו אַן אָפּטימיזם וואָס שייך דער צוקונפט פונעם אַמעריקאַנער יידנטום און רעדט דערפאַר אַז עס וועט נישט טאָטאַל אַסימילירט ווערן, ווער רעדט נאָך אַז אויפן וועג צו זיין פולער איינגלידערונג אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט שטייט איצט די נעגער־מינדערהייט וואָס זעט אין די יידן איר גרויסן קאָנקורענט פאַרן דערוועבן דאָס אָרט און די רעכט וואָס זי האַלט אַז זיי קומען איר אינעם אַמעריקאַנער ווירט־שאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אויב אַפילו מיר וועלן טיילווייז אָננעמען דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, דאַרף מען פונדעסטוועגן פאַרויסזען, אַז כּאָטש אַ טייל פון די אַמעריקאַנער יידן וועלן פון זייער איצטיקן מצב אַרויסציען די מסקנה, אַז כּדי צו קענען לעבן אַ זיכער, פול, פריי און שטאָלץ לעבן, איז דער איינציקער וועג דערצו מדינת ישׂראל, וועט אָבער די גרעסטע מערהייט זיך דאָך מסתּם צופּאַסן צו די אַסימילאַציע־טענדענצן פון דער גרויסער און רייכער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט און וועט נישט וועלן פירן קיין ספּעציעלן קאַמף פאַר זיין יידישער אידענטיטעט.

ענלעכע טענדענצן זענען פאַראַן אויך אין אַנדערע גלות־לענדער. איז דערי־בער קיין וווּנדער נישט, וואָס הייַנט, אין יאָר 1973, רעדן מיר שוין נישט אין נאָמען פון 14 מיליאָן יידן אין דער וועלט און אַפילו נישט אין נאָמען פון 11 מיליאָן, מחמת ס'זענען פאַראַן אַ סך וואָס מ'קען זיי מער נישט אָנזען ווי אַ טייל פון פאָלק.

די עקזיסטענץ פון דער מדינה, פינף און צוואַנציק יאָר נאָך איר אַנטשטיין, איז נישט קיין זיכערע באַריערע קעגן דער אַסימילאַציע. שטייט הייַנט פאַר די אָנפירערס פון דער מדינה און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ווי אויך פאַר

די מנהיגים פון וועלט־ייִדנטום די פראַגע: וואָסערע מיטלען קענען אָנגעווענדט ווערן כּדי צו ענדערן דעם פּראָצעס פון אינערלעכער צעפאַלונג, כּדי ראַדיקאַל צו ענדערן דעם פאַקט, וואָס בלויז אַ מינדערהייט פון פאָלק גייט איצט מיט מיטן נאַציאָנאַלן לאַגער?

לויט אונדז דאַרף די תשובה אויף דער דאָזיקער פראַגע זיין אַ גרינטלעכע רעוויזיע פונעם אינהאַלט פון דער ייִדישער דערציונג. נישט דאָס וועלט־ייִדנטום, נישט דער ציוניזם, נישט די מדינה האָבן זיך ביז איצט נישט פאַרטראַכט ערנסט ווי צו ענדערן וועזנטלעך דעם כאַראַקטער און די מעטאָדן פון דער דערציונג, כּדי מיר זאָלן נישט פאַרלירן גאַנצע דורות. דער חינוך איז איינער פון די וויכ־טיקסטע מיטלען אויסצופורעמען די געשטאַלט פון פאָלק אין גלות און אָנצוהאַלטן דאָס ייִדנטום אין די תפוצות. דער יונגערמאַן וואָס וועט פאַרמאָגן אַ גענוגנדיקן ייִדישן באַגאַזש וועט זיין בכּוח זיך קעגנצושטעלן די פרעמדע און נעגאַטיווע השפּעות וואָס לויערן אויף אים.

אונדז דאַכט זיך, אַז מיטן דאָזיקן פּראָבלעם דאַרף מען זיך פאַרמעסטן אויף פינף שטחים:

א) מ׳דאַרף ראַדיקאַל ענדערן די סטרוקטור פון דעם ייִדישן לערן־פּראָגראַם אין די ייִדישע שולן אין גלות אַזוי אַז די יוגנט זאָלן באַקומען אַ ברייט און טיף וויסן אין דער געשיכטע פון זיין פאָלק, אין זיין גייסטיקער ירושה, טראַדיציע, ווערטן, וועגן ישׂראל און ציוניזם. די דאָזיקע מאַטעריעס דאַרף געווידמעט ווערן גענוג שעהען אין לערן־פּראָגראַם.

ב) צוגרייטן די געהעריקע קאַדרען לערערס און דערציערס, וואָס זאָלן דינען דער יוגנט ווי אַ ביישפּיל אויף זיין וועג פון אַ נאַציאָנאַלן, שטאָלצן ייִדן. אויף דעם געביט דאַרף מיטהעלפן די מדינה צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ג) מ׳דאַרף איינשטעלן אין די לענדער אַ באַוועגונג פאַר ייִדישער דער־ציונג לויטן מוסטער פון „תּרבות״ אין די 20ער יאָרן אין מזרח־אייראָפּע — נישט אַ באַוועגונג פון איינצלנע עסקנים, נאָר אַ ברייטע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג.

ד) די קהילה־אָנפירערס אין דער ייִדישער וועלט דאַרפן דורכפירן אַ רעוויזיע אין די קהילה־בודזשעטן און שטעלן אין דער שפּיץ פון די באַדער־פעניש דאָס אויסברייטערן די חינוך־נעץ, און נישט, ווי ס׳איז ביז איצט, זאָרגן פאַר סאָציאַלע צוועקן, שפּיטעלער, מושב זקנים׳ס, וואָס זענען שוין היינט אומע־טום די זאָרג פון דער מלוכה.

ה) מדינת ישׂראל דאַרף דורכפירן אַ רעוויזיע אין די לערן־פּראָגראַמען אין די ישׂראל־שולן אויפן געביט פון ייִדישן באַוווסטזיין (תודעה יהודית), מחמת אויך אין ישׂראל זענען מיר עדות דערפון, אַז די יוגנט זעט זיך ראשית כּל ווי

ישׂראלים און ערשט שפּעטער ווי ייִדן, נישט זעענדיק אָפּט דעם אונטערשייד צווישן ייִדישער אידענטיטעט און ישׂראלדיקער בירגערשאַפֿט.

דער יונגער ישׂראלי דאַרף באַקומען מער וויסן וועגן דעם ייִדנטום אין גלות, וועגן דער געשיכטע פֿון פֿאָלק, זיינע פּראָבלעמען זיינע ווערטן און קאַמפּן, כּדי ס'זאָל געשאַפֿן ווערן אַ בריק צווישן דער יוגנט פֿון מדינת ישׂראל און דעם רעשט פֿון די טיילן פֿון פֿאָלק אין דער וועלט. מיר טאָרן נישט פֿאַרגעסן, אַז דאָס וואָס איז געמיינזאַם למשל פֿאַרן ייִדיש־אַמעריקאַנישן יוגנטלעכן און דעם ייִדיש־ישׂראלדיקן יוגנטלעכן איז דאָס וואָס זיי זענען ביידע יונגע און וואָס זיי זענען ביידע ייִדן. בלויז זייער בשותּפֿותדיקע נאַציאָנאַלע אידענטיטעט, זייער ייִדישקייט קען דינען ווי אַ פֿעסטער פֿונדאַמענט פֿאַר אַ שטאַרקן בונד צווישן ישׂראל און דעם גלות־ייִדנטום. און דאָס בשותּפֿותדיקע מוזן מיר אונטערשטרייכן אין דעם חינוך וואָס מיר גיבן הן אין ישׂראל הן אין גלות.

שותּפֿות — נישט קאָנפֿראָנטאַציע

מיטאַרבעט אויפֿן געביט פֿון חינוך איז איינער פֿון די אַספּעקטן פֿונעם שותּפֿות צווישן מדינת ישׂראל און דעם גלות־ייִדנטום: שותּפֿות און אינטערעסן־קעגנערשאַפֿט — דאָס דאַרף זיין דער כאַראַקטער פֿון די באַציונגען צווישן דער מדינה און דעם גלות, אויף די מערסטע געביטן.

לאָמיר נעמען ווי אַ ביישפּיל די מאַטעריעלע הילף, די הילף אין מענטשן וואָס דער גלות גיט ישׂראל. די הילף טאָר נישט באַטראַכט ווערן ווי פֿילאַנטראָפּיע און דאָס קומען פֿונעם ייִדן קיין ישׂראל טאָר נישט אָנגעזען ווערן ווי אַן אימי־גראַציע. צווישן דעם וועלכער גיט ווי אַ פֿילאַנטראָפּ און דעם וואָס באַקומט די הילף קען אַמאָל אויסברעכן אַ קאָנפֿליקט, ווען למשל דער געבער טרעפֿט זיך אַן אויף שוועריקייטן אָדער ער דערזעט מיט אַמאָל נייע, וויכטיקערע באַדערפֿענישן. דאַן וועט ער זיך קיין סך נישט וואַקלען און וועט געבן זיין הילף אַנדערשוווּ, ווו ער וועט האַלטן פֿאַר בילכער: אָבער דער, וואָס זעט די הילף זיינע ווי אַן אינוועסטיציע וואָס דאָס וועלט־ייִדנטום אינוועסטירט אין ישׂראל, וועט שוין זיין הילף נישט אָנזען ווי אַזאַ וואָס גייט צו אַ פֿרעמדן, צו אַ דריטן, נייערט ער וועט פֿילן, אַז ער גיט פֿאַר זיך גופֿא, ווי אַן אינוועסטיציע פֿאַר זיין אייגענער אַנט־וויקלונג.

דער זעלבער צוגאַנג איז גילטיק פֿאַר דער פֿראַגע פֿון דעם מענטשן־מאַטע־ריאַל וואָס שטראָמט פֿונעם וועלט־ייִדנטום קיין ישׂראל און וואָס איז איינער פֿון די וויכטיקסטע קאָמפּאָנענטן פֿון דער געשטאַלט פֿון דער מדינה און פֿון איר צוקונפֿט. דאָס זענען נישט קיין אימיגראַנטן, נאָר עולים. מיט זייער עליה לייזן זיי נישט בלויז זייער פּערזענלעכן פּראָבלעם, נאָר פֿילן אויך אויס אַ וויכטיקע ראָל אין דער לייזונג פֿונעם אַלגעמיינעם ייִדישן פּראָבלעם, זיי ווערן שותּפֿים צו די אַנשטרענגונגען פֿון דער מדינה און פֿון ציוניזם אויף דעם דאָזיקן געביט: אַז

עולה, אַפילו ווען ער איז נאָך נישט דערגאַנגען צו אַ ציוניסטישן וועלט־באַנעם אין גלות, ווערט מיט זיין עליה, מיט זיין איינגלידערן זיך אין לאַנד, אַ שותּף צום דאָזיקן באַנעם, דאָ, אין ישׂראל, דאַרף מען אים געבן די ציוניסטישע הכשרה און אינסטרוקציע. דאָס איז למשל דער פֿאַל מיט אַ סך עולים פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד וואָס האָבן אַהערקומענדיק נאָך נישט געהאַט די גענוגנדיקע אידעישע צוגרייטונג וועלכע מיר דאָ דאַרפֿן זיי געבן. זיי זענען עס דער בעסטער ביישפּיל פֿון עולים און נישט פֿון סתּם אימיגראַנטן, מחמת אַלע זייערע שריט און מעשׂים דרינגען אַרויס פֿון זייער ווילן זיך צו באַהעפֿטן דווקא מיט ישׂראל און נישט נאָר לייזן זייערע פּערזענלעכע פּראָגעס.

און עס הייבט זיך אויף נאָך אַ פֿראַגע: דאָס גלות־ייִדנטום, פֿון וועלכן מיר פֿאָדערן אַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אונדזערע באַדערפֿעניש און אַ הילף אין גייסט פֿון די צילן פֿון דער מדינה, צי האָט עס אויך דאָס רעכט צו זיין אַ שותּף ביים באַהאַנדלען די פּראָבלעמען וואָס מאַטערן די ישׂראלדיקע געזעלשאַפֿט? אונדזער פּרינציפּיעלער ענטפֿער איז אַ פּאָזיטיווער. פֿאַראַן ענינים ווי למשל די אויסערן־פּאָליטיק און די זיכערקייט וואָס געהערן אויסשליסלעך צו דער קאָמפּעטענץ פֿון דער מדינה. אָבער אין די פּראָבלעמען פֿון דער ישׂראל־געזעלשאַפֿט וואָס רירן אויך אָן דאָס וועלט־ייִדנטום ווי למשל די באַציונגען צווישן דת און מדינה, וואָס זייערע אויסווירקונגען גייען ווייט אַריבער די גרענעצן פֿון דער מדינה, איז רעכט אַז דאָס פֿאָלק אין דער וועלט זאָל אויך זאָגן זיין וואָרט. בן גוריון האָט אַגב שוין אין דער פֿראַגע, „ווער איז אַ ייִד?” זיך בשעתו געוואַנדן צו עטלעכע צענדליק ייִדישע גייסטיקע מנהיגים אין גלות און זיי געפֿרעגט זייער מיינונג וועגן דעם ענין.

דער פּראָבלעם דת און מדינה איז אַגב נישט דער איינציקער וועגן וועלכן ס׳קען געפֿירט ווערן אַ דיאַלאָג צווישן ישׂראל און דעם גלות. באַגרענעצן אַזאַ דיאַלאָג, אויסמיידן אים דורך איינזייטיקע באַשלוסן וועט בלויז שאַפֿן איזאָלאַציע־טענדענצן אין ייִדנטום און וועט טיילן פֿון אים דערווייטערן פֿון דער מדינה און פֿון די וויטאַלע אינטערעסן פֿון פֿאָלק. בלויז אַן אמתער און ערנסטער דיאַלאָג וועט שטאַרקן די אַחדות פֿון פֿאָלק, וואָס זיין צענטער איז ישׂראל.

*

היינט, ווען מיר פֿייערן דעם האַלבן יובל פֿון דער עקזיסטענץ פֿון מדינת ישׂראל, שטעלט זיך די פֿראַגע צי האָט די מדינה נישט פֿאַרמינערט דעם אוניווערסאַלן פּראָגרעסיוון כאַראַקטער, וואָס דאָס וועלט־ייִדנטום האָט געטראָגן אין משך פֿון דורות. וואָס אַן אמת דאַרף מען גלייך צוגעבן אַז איינצייטיק מיטן קאַמף פֿאַר יושר, פֿאַרן שוואַכן א.אַ.וו. זענען געווען פֿאַלן ווען ייִדן זענען צוגעשטאַנען צום רעאַקציאָנערן לאַגער אַזוי אַז דער כאַראַקטער פֿון ייִדישן פֿאָלק איז דערמיט אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרקריפּלט געוואָרן.

אונדזערע נייגונגען צו אוניווערסאַלע ווערטן, אונדזערע שטרעבונגען צו יושר און עטישקייט האָבן אונדז נישט אָפּגעראַטעוועט פון חורבן. דאָס האָט בלויז באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער ציוניסטישער טעזע אַזוי ווי זי איז דעפינירט געוואָרן דורך פינסקערן, אחד העם׳ען, הערצלען, גאָרדאָנען, סירקינען, באָראָכאָוון און אַנד., וואָס האָבן אין ציוניזם געזען קודם כּל די לייזונג פון דעם פּראָבלעם פון די ייִדן וואָס געפינען זיך אין אַן עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און קולטורעלער נויט, אַ לייזונג דורך טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע און דורך געבן דער מדינה אַן אינהאַלט וואָס זאָל קענען העלפן די אינטערעסן פונעם גאַנצן פאָלק.

ס׳קען אָבער געשען אַז דווקא מיטן אויפקום פון דער מדינה זאָל זיך ביי געוויסע אָנפירערס אירע שאַפן אַ געפיל, אַז מיר דאַרפן זיך דערווייטערן פון די אוניווערסאַלע ווערטן וואָס ייִדן האָבן געגעבן דער וועלט און וואָס דערפאַר האָבן מיר אַזוי טייער באַצאָלט. אַזאַ געפיל, אויב ער וואָלט זיך ביי אונדז פאַרשפּרייט, וואָלט געווען אַ פאַטאַלער טעות. איינע פון די גרויסע אויפגאַבעס וואָס שטייען פאַר דער מדינה וועט דווקא זיין צו פאַרגרעסערן אונדזער צושטייער דער וועלט אין דער פעלקער־משפחה אין אַלץ וואָס איז אוניווערסאַל און פּראָגרעסיוו, נישט אָנרירנדיק דערביי די מלוכיש־נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דער מדינה.

אויף אַ לאַנגער מעטע, און פון אַ ווייטן קוק אַרויס, דאַרף ישׂראל זיך אויס־היטן פון אַ רעגיאָנאַלן פּראָווינציאַליזם, פון שטיין פון דערווייטנס פון די לעבנס־וויכטיקע פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ישׂראל ווי אַ פּראָגרע־סיווע מדינה מיט אַ וויזיע, וועט פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער וועלט, אַן אָרט וואָס וועט אַרויסגיין ווייט איבער דעם ענגן געאָגראַפישן פאַרנעם פון אירע גרענעצן. די ישׂראלדיק־ייִדישע קוואַליטעט וועט באַשטימען אונדזער פּלאַץ אינעם פאָלק אין די תּפוצות און צווישן דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

מאַי 1973

אַ דין־תּורה מיט דער פֿרייער וועלט

מיר שטייען איצט פֿאַר אַ נייעם חשבון מיט דער פֿרייער וועלט. איך זאָג בפּירוש „מיט דער פֿרייער וועלט", ווייל מיין כּוונה איצט איז נישט צו מאַכן קיין חשבון מיט דעם טייל פֿון דער וועלט, אין דער ערשטער ריי מיט די אַראַבער און גאַר ספּעציעל מיט די צווישן זיי, וואָס זאָגן אָפֿן אַז זייער ציל איז צו פֿאַר־ניכטן מדינת ישׂראל, מיט די טעראָריסטן וואָס פֿאַרגיסן דאָס בלוט פֿון אומשול־דיקע ייִדישע פֿרויען, קינדער און עלטערע מענטשן. מיט זיי איז דער חשבון אַ קלאָרער און כּאַטש אונדזער ציל און אונדזער באַגער איז דערגרייכן שלום מיט אונדזערע שׂונאים, וועלן מיר זיך דאָך פֿאַר אַט די טעראָריסטן און בלוטיקע שׂונאים אונדזערע נישט בייגן.

דעם חשבון וועגן וועלכן איך וויל דאָ רעדן האָבן מיר מיט דער אַזוי גע־רופֿענער „פֿרייער" וועלט, מיט דער קריסטלעכער, דער דעמאָקראַטישער וועלט. דאָס איז די וועלט וואָס האָט זיך געבויט אויף די דערהויבענע פּרינציפּן פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, אויף די פּרינציפּן פֿון פֿרייהייט פֿאַרן יחיד און פֿאַר פֿעלקער, וואָס האָט דערמוטיקט נאַציאָנאַלע באַפֿרייונג־באַוועגונגען און וואָס האָט אויך אַקצעפּטירט דאָס רעכט פֿונעם צעשפּרייטן ייִדישן פֿאָלק אויף אַן אייגענער היים. איך מיין דאָ נישט די וועלט וואָס האָט דורות לאַנג אודנז געראודפּט און באַנוצט ווי אַ מאָטיוו פֿאַר די רדיפֿות דאָס קרייצן פֿון ישו, נישט די וועלט וואָס האָט אונדז אָפֿן פֿיינט געהאַט און וואָס איר חיהשע שׂינאה צו אונדז האָט קולמי־נירט מיט 30 יאָר צוריק אין דער היטלערישער אויסראָטונג פֿון אַ דריטל פֿון אונדזער פֿאָלק.

איך מיין דאָ די וועלט די אויפֿגעקלערטע, וועלכע האָט געשוויגן דאַן ווען מ'האָט אונדז אַכזריותדיק געמאָרדעט. נאָך דעם חורבן האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן אין איר קאָלעקטיוון געוויסן און אַט די פֿרייע וועלט איז געקומען צום באַשלוס, אַז ס'איז שוין צייט אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק זאָל באַקומען זיינע לעגי־טימע רעכט און דערגרייכן זיין מלוכהשע זעלבסשטענדיקייט. דערמיט האָט דער ציוניזם געהאָלפֿן תּשובה טאָן דער קריסטלעכער וועלט.

דער באַשלוס פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס אין 1947 איז נישט געווען בלויז אַ פּאָליטישע רעזאָלוציע. ער איז אויך געווען דער אויסדרוק פֿון אַנהייב פֿון אַן אָנערקענען אונדז ווי אַ פֿאָלק מצד דער נישט־ייִדישער וועלט. אמת, ס'איז נישט געווען לייכט, געווען אַ סך שטרויכלונגען, די אַראַבישע וועלט האָט רעוואָלטירט, אָבער ביי די דענקנדיקע קרייזן פֿון דער פֿרייער וועלט איז געווען אַ געפֿיל, אַז דאָס איז אַ שריט פֿון גערעכטיקייט לגבי אונדז.

ס׳איז אָבער אַזוי געשען, אַז 25 יאָר נאָך דער אַנטשטייונג פון מדינת ישׂראל איז די ברייטע וועלט ווידער אַ מאָל באַהערשט געוואָרן דורך אַ כוואַליע פון שׂינאה, האָט באַוויזן איר פּרצוף פון צביעות און מאָראַלישער געפאַלנקייט, וואָס פירן אונדז צוריק צו די פינצטערע תּקופות פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

אונדזער ייִדישער חשבון מיט דער פרייער וועלט איז אַן אַלטער און ציט זיך לענג אויס אַ לאַנגן, לאַנגן וועג פון פּיין. אָבער אַלס מענטש וועלכער גלייבט, אַז דאָס ייִדישע פאָלק קען עקזיסטירן נאָר אין אַ פרייער אַנטוויקלטער געזעלשאַפט, מוז איך זאָגן, אַז די געשאַפענע לאַגע באַדראָט נישט נאָר דאָס ייִדישע פאָלק און מדינת ישׂראל, נאָר אויך די עצם עקזיסטענץ און דעם אויסזען פון דער פרייער וועלט. אָפט מאָל טראַכט מען, אַז אַ קללה באַגלייט די מענטשהייט. אָט האָט זי זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַ צוריקגעשטאַנענעם רעזשים, פון פאַנאַטיזם און האָט אָנגעהויבן מאַרשירן אויפן וועג צו מערער פרייהייט. דער פרייער געדאַנק האָט אין משך פון די לעצטע דורות געבראַכט צום אויסערגעוויינלעכן פאָרשריט פון דער וויסנשאַפט, צו דער אינדוסטריאַליזאַציע פון דער געזעלשאַפט און מיר זענען אַריין אין אַ תּקופה פון אַזעלכע טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען וואָס קיינער האָט זיך זיי נישט געקענט פאָרשטעלן מיט 50 יאָר צוריק. אָבער גלייכצייטיק מיט דער אַנטוויקלונג פון דער טעכנאָלאָגיע זענען וואָס אַ מאָל טיפער געזונקען די מענטשלעכע ווערטן און אידעאַלן. די טעכנאָלאָגיע און אינדוסטריאַליזאַציע האָבן נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט דעם יחיד און אַלס רעאַקציע קעגן דער איבערגעזעטיקטקייט פון אַ טייל פון דער מענטשהייט האָט דער אַנדערער טייל אָנגעהויבן צו רעוואָלטירן און פּרוּוון צעשטערן איר גאָט — דעם גאָט פון אַנטוויקלונג און טעכנאָלאָגיע, וואָס האָט זיך נישט גערעכנט מיטן גליק פון מענטשן. וואָס מערער טעכנאָלאָגיע, אַלץ ווייניקער מענטשלעכקייט. דערצו איז מען נאָך צוגעקומען צו אַזאַ לאַגע, אַז די טעכנאָלאָגיע איז געבויט אויף נאַפט און ס׳איז גענוג אַז אַ גרופּע אַראַבישע שייכן, וואָס האָבן אין זייערע הענט די קוואַלן פון דעם הויפּט רוי־שטאָף פאַר דער אַנטוויקלונג, האָט דערפירט צו דער קאַריקאַטור, אַז די וויסנשאַפט און די טעכנאָלאָגיע זאָלן שטיין אויף די קני פאַר די הינטערשטעליקע שבטים־הויפּטן.

דאָס אַלץ איז אַ שרעקלעכע טראַגעדיע פון דער מענטשהייט און שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן איר צוקונפט. מיר ייִדן קענען נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף אָט דער טראַגעדיע און זיך באַגרענעצן בלויז מיט דעם וואָס האָט אַ דירעקטן שייכות צו אונדז. מיר מוזן אַריינקוקן אין אַלגעמיינעם בילד און באַקעמפן די דעקאַדענץ־סימנים וואָס הייבן אָן צו באַהערשן די וועלט און וואָס קומען צווישן אַנדערן צום אויסדרוק אין דער באַציִונג צום ייִדישן יחיד און צום ייִדישן פאָלק. מיר זענען תּמיד געווען דער באַראָמעטער פון דער גערעכטיקייט.

ווי טיף מאָראַליש געפאַלן דאַרף זיין אַ וועלט אין וועלכער די פרייע נאַציעס האָבן משלים געווען מיט אַזאַ צביעותדיקער אַרגיע־פאַרשטעלונג וואָס אַראַפאַט,

וועלכער האָט אויף זיך גענומען די מיסיע צו שטיין אין שפּיץ פון די אַראַבישע טעראָריסטן, האָט געגעבן פאַר די פאַראייניקטע נאַציעס. פאָרשטייערס פון 105 לענדער האָבן אָט דעם אַרצי־רוצח אַפּלאָדירט ווען ער האָט הויך פּראָקלאַמירט, אַז מ׳דאַרף אָפּשאַפן מדינת ישׂראל און אויף איר פּלאַץ שאַפן אַ פּאַלעסטינער מדינה אין גייסט פון די טעראָריסטישע קאָנצעפּציעס. אָבער עקלהאַפט איז נישט נאָר געווען די חוצפּהדיקע רעדע פון אַראַפאַטן, נאָר אויך דער פאַקט וואָס די וועלט האָט נישט געקענט געפינען צען אָדער פינף צדיקים, וואָס זאָלן שאַרף און קלאָר זאָגן זייער מיינונג וועגן אַזאַ מין אַרויסטריט. דאָס וואָס איז געשען אין די פאַראייניקטע נאַציעס וועט פאַרשריבן ווערן אין די אַנאַלן פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע ווי אַ שענדלעך קאַפּיטל אין לעבן פון אונדזער מאָדערנער צייט. צוליב דעם דאַרפן מיר רופן די פרייע וועלט צו אַ דין תּורה; פאַר איר שווייגן און פאַרשווייגן, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ שרעקלעך געפיל, גלייך ווי זי וואָלט אויסגעדריקט חרטה אויף דעם וואָס זי האָט אין 1947 מסכּים געווען צו דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, ווי זי וואָלט משלים געווען מיט היטלערס וועג.

נישט ווייניקער עקלהאַפט איז געווען דער באַשלוס פון דער קולטור־אָרגאַניזאַציע ביי די פאַראייניקטע פעלקער, דער אונעסקאָ, אַ באַשלוס וואָס האָט געצילט גייסטיק צו ליקווידירן די ייִדישע מדינה און וואָס גיט אַ הכשר צו איר פיזישן ליקווידירן.

אָט די באַדייטונג פון דער אונעסקאָ־רעזאָלוציע האָבן צום גליק ריכטיק פאַרשטאַנען אַ סך הונדערטער אינטעלעקטואַלן און גייסט־מענטשן אין דער ברייטער וועלט, וואָס הערן נישט אויף צו פאַרשעמען זייערע אייגענע רעגירונגען, וועלכע האָבן די רעזאָלוציע אָנגענומען אָדער דערלאָזט זי זאָל אָנגענומען ווערן. און זיי רייסן איינע נאָך די אַנדערע איבער זייערע באַציִונגען און מיטאַרבעט מיט דער וועלט־אָרגאַניזאַציע פאַר דערציִונג, וויסנשאַפט און קולטור.

מיט זייער אויפברויז קעגן דער רעזאָלוציע פון אונעסקאָ שטעלן זיך די דאָזיקע אינטעלעקטואַלן און גייסט־מענטשן איין נישט נאָר פאַר דער עקסיסטענץ פון מדינת ישׂראל, נאָר אויך פאַר דעם גייסטיקן פּרצוף פון דער קולטור־אָרגאַניזאַציע, פון דער וועלט און טרעטן אַרויס קעגן דער געפאַלנקייט און דער דעקאַדענץ וואָס די רעזאָלוציע איז בלויז איינער פון אירע סימפּטאָמען. אויך זיי, די ערלעכע אינטעלעקטואַלן, מאַכן מיט זייער פּראָטעסט אַ חשבון מיט דער הייניקער וועלט. אַזוי אַרום ווערט נאָך בולטער, אַז אונדזער ייִדישער קאַמף פאַר אונדזער ווייטערדיקער עקסיסטענץ ווי אַ פאָלק איז בלויז אַן אָפּשניט אינעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר גערעכטיקייט, פאַר מאָראַלישע פּרינציפּן און ווערטן, וועלכע די וועלט האַלט אין פאַרלירן און וואָס זייער פאַרלוסט שטעלט מיט זיך פאַר אַ געפאַר אַז די מענטשהייט זאָל זיך אַראָפּקייקלען אין טיפן תּהום אַריין.

דעצעמבער 1974.

פאַר דער אייניקייט פון ייִדישן פאָלק

אין עטלעכע וואָכן אַרום וועט צונויפגערופן ווערן די פּלענאַרע קאָנפערענץ פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס קומט צו דער דאָזי־קער קאָנפערענץ מיט באַדייטנדיקע דערפאָלגן: דאָס אַריינגענומען אין זיינע ראַ־מען די וויכטיקסטע ייִדישע פאַקטאָרן און אָרגאַניזאַציעס אין דער ייִדישער וועלט; דאָס אַריינטרעטן אין קאָנגרעס פון די דריי גרויסע רעליגיעזע שטראָמען (אָר־טאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמער אין די פאַראייניקטע שטאַטן); דער אַריינטריט פונעם ראַט פון די קהילות אין ענגלאַנד („באָרד אָף דעפּיוטיס") — דאָס אַלץ זאָגט עדות, אַז מיר שטייען פאַר אַן ערנסטן וווּקס אין די ראַמען פון דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס.

פאַרשטענדלעך, אַז די ערנסטקייט פון אַן אָרגאַניזאַציע ווערט געמאָסטן נישט נאָר מיט איר כּמות, נאָר דער עיקר מיט איר איכות, אינהאַלט און אויפגאַבע, וואָס די אָרגאַניזאַציע פּילט אויס אין ייִדישן לעבן.

פאַר אַ ייִדישער וועלט־אָרגאַניזאַציע שטייט איצט אַ האַרב פּראָבלעם: די לאַגע פון די ייִדן איבער דער וועלט. אמת, ס'איז איצט נישט די תּקופה פון פּאָגראָ־מען און פאַרפאָלגונגען לויטן סטיל פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָבער ס'זענען פאַראַן — און זיי לאָזן זיך פילן — געפערלעכע אַנטי־ייִדישע טענדענצן, וועלכע, אויב מ'וועט זיי באַצייטנס נישט באַקעמפן און אויסראָטן, קענען ברענ־גען צו שווערע רעזולטאַטן. געננוג צו דערמאָנען די מיאוסע און פאַררעטערישע האַלטונג פון גרויסע אייראָפּעיִשע מדינות לגבי דער אַנטיסעמיטישער אויפ־פירונג פון די פאַרשיידענע אַראַבישע הערשערס, דער עיקר פונעם מידבר־קעניג, פייסאַל פון סאַודיע, וועלכער נוצט אויס דעם נאַפט פאַר שאַנטאַזש מיטן ציל צו פאַרשקלאַפן די גאַנצע פרייע אייראָפּע, און באַנוצט זיך אויך מיט אַנטי־סעמיטיזם אין זיינע באַציִונגען מיט דער אייראָפּעיִשער וועלט. ווען ס'באַזוכט אים דער פראַנצויזישער אויסערן־מיניסטער מישעל זשאָבער, ווערט נישט דער־לויבט, אַז אין דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע פונעם אויסערן־מיניסטער זאָל זיך געפינען ייִדישע באַגלייטערס. בעת זייער שמועס האָט דער קעניג פייסאַל צווישן אַנדערן געזאָגט צו מישעל זשאָבער אַז „ער קען נישט תּופס זיין ווי אַזוי אין שליסל־פּאָזיציעס אין פראַנקרייך געפינען זיך אַ סך ציוניסטן און ייִדן". דער פראַנצויזישער אויסערן־מיניסטער פאַרשווייגט עס און ענטפערט, אַז ער איז גליקלעך וואָס ס'זענען פאַראַן גוטע באַציִונגען צווישן פראַנקרייך און סאַודיע. די ידיעה וועגן דעם שמועס האָט נישט אויפגערודערט די עפנטלעכע מיינונג

פון פרייען פראַנקרייך. ווען דער פאָרזיצער פון דער יידישער רעפּרעזענטאַנץ אין פראַנקרייך, דעם „קריף״, ווענדט זיך וועגן דעם אין אַ בריוו צום פּרעזידענט זשאַרזש פּאָמפּידו און באַקלאָגט זיך אויף אַזאַ האַלטונג, האָט פּאָמפּידו דער־קלערט, אַז פראַנקרייך איז און וועט אויך ווייטער בלייבן געטריי אירע פריי־הייטס־פּרינציפּן, ער האָט אָבער נישט געטאַדלט די נידערטרעכטיקע רייד פון פּייסאָלן.

אויך דער צעווילדעוועטער קאַדאַפי, דער הערשער פון ליביע, ווענדט זיך צו איטאַליע און פאָדערט אַרויסצוּוואַרפן דעם יידישן רעדאַקטאָר פון דער גרויסער און פאַרשפּרייטער צייטונג „סטאַמפּאַ״, ווייל דער רעדאַקטאָר פירט אַ קעגנערי־שע פּאָליטיק לגבי די אַראַבער. אויך די זאַכן ווערן פאַרשוויגן. אַראַבישע טע־ראָריסטן ווערן באַפרייט, ווייל מען וויל נישט „רייצן״ די אַראַבישע לענדער.

ענלעכע אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען קען מען פאַרצייכענען נישט נאָר אין די אייראָפּעיִשע לענדער, נאָר אויך אויפן לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, ווו די אַראַבער ווייזן אַרויס אַ שטאַרקע ראַסיסטישע און אַנטיסעמיטישע אַקטיוו־קייט. בכלל איז דער גאַנצער לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט אַדורכגעדרונגען מיט צעווילדעוועטע אַראַבישע אַטאַקעס קעגן יידן. געגוג צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז אַפילו די מאַכט אין אַרגענטינע, וועלכע האָט געהאַט דערקלערט אַז זי איז נייטראַל אין יידיש־אַראַבישן קאָנפליקט, איז לעצטנס נאָכגיביק צו דער פאָדערונג פון די אַראַבער, אַז אויב זי וויל אונטערהאַנדלען מיט זיי, מוז זי אַרויסוואַרפן די יידישע מיניסטאָרן פון דער רעגירונג. די דערשיינונג וועט האָבן אַ געפערלעכן אָפּקלאַנג לגבי די יידן נישט נאָר אין אַרגענטינע, נאָר אויך אויפן גאַנצן קאָנטינענט, ווו ס׳בושעוועט אומגעשטערט דער אַראַבישער אַנטיסעמיטיזם.

מיר וועלן נישט אויסרעכענען אַלע אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען. מיר ווילן בלויז אונטערשטרייכן, אַז דאָס יידישע פאָלק מוז זיך ערנסט אָרגאַניזירן און אָננעמען באַצייטנס די נייטיקע מיטלען צו באַקעמפן די נייע כוואַליע פון שינאה און האַס וואָס די אַראַבישע וועלט פאַרשפּרייט קעגן אונדז און אַז דער יידישער וועלט־קאָנגרעס וועט אויף דער קומענדיקער קאָנפערענץ מוזן אָוועקשטעלן אין צענטער פון די דעבאַטן די פראַגע וועגן דער איצטיקער לאַגע פון די יידן אין דער וועלט.

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז אַנטשטאַנען לויט דער איניציאַטיוו פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט געהאַלטן, אַז כּל־זמן עס איז פאַ־ראַן אַ גרויסע יידישע צעשפּרייטונג אויף דער וועלט, דאַרף זיין אַ וועלט־אַדרעס, וועלכער זאָל זאָרגן פאַר די ספּעציעלע גלות־פּראָבלעמען, פאַרזיכערן די נאַציאָ־נאַלע און בירגערלעכע רעכט פון די יידן אומעטום און אויך זיין ענג פאַרבונדן מיט מדינת ישׂראל דורך פּערמאַנענטער סאָלידאַריטעט.

די סאָלידאַריטעט איז נישט נאָר אַן אַקט פון סימפּאַטיע און יוצא זיין. זי

איז אַ רעזולטאַט פֿון דער נייער ווירקלעכקייט וואָס האָט זיך געשאַפֿן אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, ווייל מיט איר אַנטשטיין איז מדינת ישׂראל פּאַקטיש געוואָרן דער צענטער פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק. טראָץ דעם איז אָבער זייער וויכטיק, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק זאָל האָבן אַן אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע־ראַם, ווי דאָס איז דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס; אָבער דאָס דאַרף נישט הייסן אַז די אויטאָנאָמיע וועט נישט נאָר אָפּשוואַכן, נאָר באַדראָען די נאַציאָנאַלע איינהייט פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס ווערט איצט טיילווייז אויפֿגעפֿרעסן פֿון אַסימילאַציע און צעשפּליטערונג.

דעריבער איז אַזוי וויכטיק, אַז ביי דער לייטונג פֿון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס זאָל זיך געפֿינען אַ פּירערשאַפֿט, וועלכע זאָל ווי ביז איצט זאָרגן פֿאַר אַן ענגן קאָנטאַקט מיט מדינת ישׂראל, אַ קאָנטאַקט פֿון סאָלידאַריטעט און מיט־הילף. איך שטרייך אונטער, די סאָלידאַריטעט פֿון דער ייִדישער וועלט־ראַם דאַרף גיין אויף דער ליניע פֿון צענטראַליטעט פֿון מדינת ישׂראל אינעם ייִדישן פֿאָלק. אַזאַ זאַך וועט אַ סך מיטווירקן אינעם גרויסן געראַנגל פֿאַרן פֿאַרזיכערן די אייניקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק.

ערב דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ דאַרף מען אויך נישט פֿאַרנעפּלען די נעגאַטיווע טענדענצן, וועלכע דערשיינען דערווייל אין די עקן, אין די ווינקלען פֿונעם ייִדישן לעבן אין די גלות־לענדער, ווו מען פּרוווט אַריינברענגען אַ דיסאָנאַנס צווישן ייִדישן פֿאָלק און מדינת ישׂראל. פֿאַראַן ביי אייניקע אַ טענדענץ וואָס פּירט צו שאַפֿן צוויי צענטערס אין ייִדישן פֿאָלק: איינער — מדינת ישׂראל און דער צווייטער — צפֿון־אַמעריקע. מען זאָגט עס אַרויס נישט אַזוי הויך. די מער פֿאַראַנטוואָרטלעכע ברענגען עס דערווייל אַרויס בקול דממה דקה, שטילערהייט, אָן צו מאַכן טומלדיקע שריט, ווי די ביי־געשאַפֿענע גרופּע „ברירה" אין ניו־יאָרק, וועלכע האַלט אַז די ייִדן אין אַמעריקע דאַרפֿן זיך נישט געפֿינען אונטערן דרוק פֿון די ישׂראל־פֿאַקטאָרן, דאַרפֿן זאָרגן בעיקר פֿאַר די אייגענע ייִדישע הצטרכותן און נישט אָננעמען דעם פּרינציפּ פֿון ישׂראלדיקער צענטראַליטעט.

אמת, די זאַך איז נאָך נישט געקומען זייער שאַרף צום אויסדרוק, אָבער אַחריותפֿולע פּירערס מוזן באַצייטנס אָננעמען מיטלען כּדי צו פֿאַרמיידן די צעשפּליטערונג אינעם ייִדישן לעבן, אויב אַזאַ טענדענץ וועט נעמען אַוואַנסירן. דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס האָט דעריבער זייער אַ גרויסע ראָל אויסצופֿירן אין זיין קאַמף פֿאַר ייִדישער אייניקייט מיטן צענטער אין מדינת ישׂראל.

ווען מען רעדט פֿון ייִדישער אייניקייט אויף דער וועלט, טאָר מען נישט פֿאַרגעסן, אַז פֿון די 14 מיליאָן ייִדן אויף דער וועלט זענען 3 מיליאָן ייִדן פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד אָפּגעריסן פֿונעם נאַציאָנאַלן ייִדישן קערפּער. אמת אַז דורך דעם העראָישן קאַמף פֿון אַ טייל ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד צו באַקומען דאָס רעכט עולה צו זיין קיין ישׂראל, זענען די ייִדן פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד געוואָרן איינס פֿון די צענטראַלסטע פּראָבלעמען, נאָך מדינת ישׂראל, פֿון ייִדישן פֿאָלק

אין אַלע לענדער. דאָס איז נישט נאָר אַ פראַגע פונעם סאָוויעטישן ייִדנטום, נאָר דאָס איז אַ פראַגע וואָס דאָמינירט אויף אַ סך געביטן פונעם וועלט־ייִדנטום. דער דאָזיקער מוטיקער קאַמף פאַר רעכט אויף עליה פאַר די סאָוויעטישע ייִדן האָט געגעבן די ערשטע דערמוטיקנדיקע רעזולטאַטן: מער ווי 90 טויזנט ייִדן זענען עולה געווען אין מדינת ישׂראל. דער קאַמף מוז אָבער פאַרגעזעצט ווערן, מען מוז אויסנוצן מאַקסימאַל די געשאַפענע קאָניונקטור, וועלכע דערמעגלעכט אַז ייִדן פון סאָוויעט־רוסלאַנד זאָלן זיך מצרף זיין צו די בויערס פון מדינת ישׂראל און אויך ווערן אַן אַקטיווער באַשטאַנדטייל פונעם ייִדישן נאַציאָנאַלן קאַמף.

דאָ דערשיינט זייער אַן ערנסטע פראַגע לגבי די ייִדן פון סאָוויעט־רוסלאַנד. די פראַגע איז נישט נאָר וואָס שייך דער פיזישער און גייסטיקער קליטה אין לאַנד — וואָס וועט אַנטשיידן אין אַ גרויסער מאָס דעם גורל פון די עולים אין ישׂראל, נאָר עס שטייט אויך אַן אַנדער שווער פּראָבלעם: צי זאָל מען אָרגאַניזירן אַ פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון די סאָוויעטישע עולים פאַר די אינטערעסן פונעם גרויסן ייִדישן ישוב אין רוסלאַנד. היינט, ווען די צאָל פון סאָוויעטישע עולים איז אַ באַדייטנדיקע, איז די פראַגע זייער אַקטועל פאַר דער לייטונג פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. די ישׂראלדיקע עקזעקוטיווע פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס וועט דעריבער דאַרפן ערנסט באַטראַכטן דאָס פּראָבלעם אויף דער קאָנפערענץ.

דערצו מוז מען צוגעבן נאָך אַ זאַך, וואָס דער מחבר פון די שורות האָט שוין אייניקע מאָל באַטאָנט. דאָס איז, אַז ייִדישע פּראָבלעמען וועלכע זענען פריער מיט יאָרן געווען דער מאָנאָפּאָל פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, מוזן איצט, אין די 70ער יאָרן, באַטראַכט ווערן אין קאָאָרדינאַציע און אין מיטאַרבעט מיט מדינת ישׂראל און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זענען זייער טעטיק אויפן געביט פון אַלגעמיינע ייִדישע פּראָבלעמען. די קאָאָרדינאַציע וועט ברענגען פּאָזיטיווע רעזולטאַטן אויב ס'וועט קלאָר דעפינירט ווערן די ראָל פון יעדן פאַקטאָר אין דעם דרייעק אויף דער אַרענע פונעם ייִדישן לעבן אין דער וועלט.

פונקט ווי איך האַלט אַז דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס קען נישט האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויף אַלץ וואָס קומט פאַר אין ייִדישן לעבן, אַזוי טאָר אויך נישט געשאַפן ווערן אַ לאַגע אַז דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס זאָל אַרויסגענומען ווערן פון דער אַקטיווער מיטבאַטייליקונג אין גורלדיקע פראַגן אינעם ייִדישן לעבן. דער עיקר ווערט עס בולט אויפן געביט פונעם קאַמף פאַר ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אַפילו ווען מיט יאָרן צוריק איז די האַלטונג פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס וואָס שייך די מעטאָדן און דעם כאַראַקטער פונעם קאַמף פאַר די סאָוויעטישע ייִדן געווען אַ קאָנטראָווערסאַלע, איז היינט־צו־טאָג די לאַגע

אין גאַנצן אַן אַנדערע. דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען די דורך אַלעמען אָקצעפּ־טירטע ליניע און דעריבער מוז די איצטיקע קאָנפֿערענץ ברענגען צום אויסדרוק די טיפֿע שותּפֿות פֿונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס מיט דעם קאַמף פֿון די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אויספֿירן אין דעם פּרט אַ וויכטיקע ראָל.

פֿאַר דער קאָנפֿערענץ וועט אויך אין אַ גרויסער מאָס שטיין די פֿראַגע פֿון אַ רעוויזיע פֿון דער טעטיקייט און אויפֿגאַבן פֿונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אינעם לעבן פֿון די קהילות. דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס האָט אין לויף פֿון זיין געשיכטע זיך געווידמעט מער די פּראָבלעמען פֿון רעפּרעזענטירן די אייניקייט פֿונעם פֿאָלק, קעמפֿן קעגן אַנטי־ייִדישע דערשיינונגען און זאָרגן פֿאַר זייערע בירגערלעכע רעכט, ער איז אָבער געבליבן הינטערשטעליק וואָס שייך זיין באַטייליקונג אינעם לעבן פֿון די קהילות, זאָרג פֿאַר זייער נאַציאָנאַלן המשך, בייטראָגן צום קולטורעלן ייִדישן לעבן. ווו איז דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס און וואָס איז זיין טעטיקייט אין דעם ים פֿון אַסימילאַציע אין די ייִדישע קהילות? מען דאַרף נישט נאָר שטעלן די פֿראַגע, נאָר מען מוז אויך זען צו שאַפֿן אַ גרויסן קולטור־אינסטרומענט, וואָס זאָל קענען מיט דערפֿאָלג דורכפֿירן אָט אָ די אויפֿ־גאַבע, ווייל דאָס איז געוואָרן אַ לעבנס־פֿראַגע פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. דאָס וואָס ווערט ביז איצט געטאָן אויפֿן קולטור־געביט דורכן ייִדישן וועלט־קאָנגרעס איז צו באַשיידן און אַנטשפּרעכט נישט די מינימאַלע נויטן אויף דעם געביט פֿון די צעשפּרייטע ייִדישע קהילות.

כ׳וויל דאָ אויך באַטאָנען, אַז כאָטש געוויסע ציוניסטישע קרייזן האַלטן נישט זייער פֿון דעם, אַז דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס זאָל זיין שטאַרק טעטיק אויפֿן געביט פֿונעם ייִדישן קולטור־לעבן, מוז איך, אַלס ציוניסט, אונטערשטרייכן, אַז עס איז אין אינטערעס פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס זאָל זיין טעטיק אינעם איינפֿלאַנצן טיפֿערע וואָרצלען פֿון ייִדישע ווערטן אינערהאַלב די קהילות. עס זענען פֿאַראַן קרייזן צו וועלכע די ציוניס־טישע באַוועגונג וועט נישט דערגרייכן, אויך נישט מדינת ישׂראל. בלויז דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס, אַ גוט צוגעגרייטער, קען עפֿענען די פֿאַרשלאָסענע טירן און אויך צוריקברענגען צו אונדז אַסימילירטע טיילן פֿון פֿאָלק. מען מוז דערצו צוגעבן, אַז דער אַסימילאַציע־שטראָם איז אַזוי ברייט און גרויס, אַז עס איז דאָ אָרט פֿאַר אַלע פֿאַקטאָרן זיך צו אַקטיוויזירן אין די ראַמען פֿון אַ פֿעסט־געשטעלטן פּראָגראַם. ס׳איז נייטיק אַ גרויסע אָפּענסיווע צו שטאַרקן די נאַציאָ־נאַלע און גייסטיקע יסודות פֿון די ייִדישע מאַסן און דער ייִדישער אינטעליגענץ, וועלכע זענען לעצטנס זייער אָפּגעשוואַכט, אין אַזאַ אָפּענסיווע דאַרף דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס אויספֿירן אַן ערנסטע ראָל.

*

יצחק קאָרן

מיר לעבן איצט איבער גרויסע טעג אין דער געשיכטע פון מדינת ישראל און נאָר מיט אַ גרויסער, אַלזייטיקער אָנשטרענגונג וועט מדינת ישראל צוריק אָרויף אויפן ברייטן שליאַך פון איר ווייטערדיקער גרויסער אַנטוויקלונג, ווייל דאָס איז לטובת דער מדינה און לטובת דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק אין גלות. ס'איז אויך זייער וויכטיק, אַז אין דער תקופה פון אומרו, דערשיטערונג אינעם ייִדישן לעבן, ווען מען איז אַרומגערינגלט פון דרויסנדיקע שונאים און פון אַן אינער־לעכער אַלץ וואַקסנדיקער אַסימילאַציע, זאָל די קאָנפערענץ אָנהייבן אַ ניי וויכטיק קאַפּיטל אין דער קאָנסאָלידאַציע און אייניקייט פונעם ייִדישן פאָלק, אין פאַר־טיפן די ייִדישע ווערטן און נאָך מער ברענגען צום אויסדרוק די היסטאָרישע פאַרבינדונג פונעם צעשפּרייטן ייִדישן פאָלק מיט מדינת ישראל.

מערץ, 1974

אַ ווענדפּונקט אינעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס

די זעקסטע קאָנפערענץ פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אָנהייב פעברואַר 1975 אין ירושלים, האָט פאַרשריבן אַ וויכטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, אַ קאַפּיטל וואָס קען אפשר באַטייטן אַ ווענדפּונקט אין זיין ראָל אינעם ייִדישן לעבן אין גלות...

די באַטייליקונג פון 600 דעלעגאַטן פון 55 לענדער, איז אָן ספק געווען אַן ערשטראַנגיקער סאָלידאַריטעט־אַקט פונעם וועלט־ייִדנטום מיט מדינת ישׂראל, און דאָס גראָד אין די טעג, ווען ישׂראל נייטיקט זיך מער ווי שטענדיק אין פאַרשטאַרקן איר פאַרבינדונג מיט די ייִדישע קהילות אין דער וועלט. דעריבער איז אויך אַזוי וויכטיק דאָס וואָס די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דווקא אין ירושלים.

נאָך קאַרגע 40 יאָר עקזיסטענץ פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, האָבן זיך פאַר־שטייער פון כּמעט אַלע קהילות אין דער וועלט, וואָס רעפּרעזענטירן קרוב צו 10 מיליאָן ייִדן, פאַרזאַמלט אין ירושלים און דערמיט מאַניפעסטירט די אייניקייט פונעם ייִדישן פאָלק נישט געקוקט אויף זיין צעשפּרייטקייט איבער פאַרשידענע לענדער, קאָנטינענטן און רעזשימען. ס'האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן פאָרשטייערס פון ייִדן פון דער פרייער מערב־וועלט מיט פאָרשטייערס פון ייִדן פון דער קאָמוניסטיש־סאָציאַליסטישער וועלט. אַלע צוזאַמען האָט פאַראייניקט דער שטאַרקער ווילן צו פאַרזיכערן דעם המשך און קיום פון ייִדישן פאָלק.

פון די דעבאַטעס וואָס זענען געפירט געוואָרן אין משך פון די אַכט טעג פון דער קאָנפערענץ און פון די באַשלוסן וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן קומען בולט צום אויסדרוק עטלעכע זייער וויכטיקע אויספירן:

1) די לאַגע פונעם וועלט־ייִדנטום ביים היינטיקן טאָג רופט אַרויס טיפע זאָרג צוליב די אַסימילאַציע־פּראָצעסן וואָס רייסן אַוועק גרויסע טיילן פון פאָלק. איז דעריבער פאַרשטענדלעך אַז די קאָנפערענץ האָט געווידמעט אַזויפיל אויפ־מערקזאַמקייט דער גייסטיק־קולטורעלער לאַגע פונעם ייִדישן פאָלק און דעם ערנסטן קאַמף וואָס דאַרף געפירט ווערן קעגן דער געפאַר פון אַסימילאַציע און אָנגענומען אין דעם זין אַ ריי באַשלוסן, וואָס האָבן פאַר אַ ציל צו פאַרבעסערן די לאַגע.

2) עס זענען באַטראַכט געוואָרן די ענדערונגען וועלכע זענען פאָרגעקומען אין דער וועלט און זייער השפּעה אויפן ייִדישן פאָלק.

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט פון שטענדיק אָן געהאַלטן, אַז דער גורל פונעם יידישן פאָלק איז נישט ווייניק אָפּהענגיק פון די רעזשימען און פון אַלגעמיינעם צושטאַנד אין די לענדער ווו יידן וווינען.

אין דער איצטיקער תקופה, ווען די וועלט איז פאַרצויגן מיט געדיכטע וואָלקנס, ווען אַראַבישע שייכן, מיטן כּוח פון זייער נאַפט, טוען אַלץ צו באַהערשן די עפנטלעכע מיינונג און אויפצוווינגען די פרייע וועלט נאָכצוגעבן זייערע פאָדערונגען; ווען ערנסטע דעמאָקראַטישע כּוחות פאַרלירן זייער מאָראַלישן און פּאָליטישן גלייכגעוויכט און גיבן זיך אונטער דעם שאַנטאַזש, טאָר דאָס יידישע פאָלק נישט אַריינפאַלן אין קיין היסטעריע און יאוש. עס מוז זיין וואַך, פאַר־אייניקט, גוט באַטראַכטן יעדן שריט און ענגער זיך קאָנצענטרירן אַרום מדינת ישׂראל, ווייל די שטאַרקייט און זיכערקייט פון דער יידישער מדינה איז אויך אַ גאַראַנטיע פאַר דער זיכערקייט און פאַרן קיום פון יידישן פאָלק.

3) ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַן ערנסטער פּרווו צו זוכן וועגן ווי אַזוי צו שאַפן אַ פּערמאַנענטע ראַם פאַר צוזאַמענרעדן זיך צווישן די יידן אין די גלות־לענדער מיט מדינת ישׂראל, ווו ס׳זאָלן באַהאַנדלט ווערן די וויכטיקסטע פּראָגעס פון יידיש־נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, הן אין גלות הן אין דער מדינה, ווי למשל: די פּראָבלעמען פון חינוך, קולטור, רעליגיע, סאָציאַלע פּראָבלעמען און אַנדערע.

אין משך פון די 26 יאָר וואָס די מדינה עקזיסטירט, האָבן מיר לגבי די אַלע פּראָבלעמען און באַציונגען מיטן גלות געפירט נאָר מאָנאָלאָגן און נישט קיין דיאַלאָגן. דאָסמאָל האָט די קאָנפערענץ אַרויפגעלייגט אויף דער ניי אויסגע־וויילטער עקזעקוטיווע, זי זאָל באַטראַכטן די קאָנקרעטע וועגן ווי אַזוי צו אָרגאַ־ניזירן דעם דיאַלאָג צווישן מדינת ישׂראל און דעם גלות און ס׳איז זייער דער־פרייענדיק, וואָס די ערשטע זיצונג פון דער עקזעקוטיווע האָט טאַקע אָנגעצייכנט די ערשטע שריט צוצוגרייטן אַ קאָנקרעטן פּלאַן פאַר דעם דאָזיקן דיאַלאָג.

4) אויף דער קאָנפערענץ זענען באַטראַכט געוואָרן די לויפנדיקע פּראָב־לעמען פונעם יידישן לעבן אין די פאַרשיידענע לענדער. מיט טיפער זאָרג איז באַהאַנדלט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד און ס׳איז געקומען צום אויסדרוק נישט נאָר דער דראַנג צו העלפן די סאָוועטישע יידן אין זייער קאַמף פאַר עליה נאָר אויך דער שטאַרקער פאַרלאַנג אַז ס׳זאָל די סאָ־וועטישע יידן פאַרזיכערט ווערן אין רוסלאַנד גופא די נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און קולטורעלע רעכט, וואָס דאַרפן דערמעגלעכן אויפצוהאַלטן דעם יידישן קיום.

דער באַשלוס ממשיך צו זיין דעם קאַמף פאַר די סאָוועטישע יידן לייגט אַרויף אויפן יידישן וועלט־קאָנגרעס אַ גרויסע אַחריות צו קאָאָרדינירן פאַר דעם צוועק אַלע פאַקטאָרן אין יידישן לעבן. שאַפן אַן איינהייטלעכע שטעלונג און ליניע, אויף דעם אַזוי וויכטיקן יידישן אָפּוועך־פראָנט.

5) אַ בכבודיק אָרט אויף דער קאָנפערענץ האָבן פאַרנומען די דעלעגאַציעס פון רומעניע און יוגאָסלאַוויע, וועלכע האָבן צוזאַמען געציילט 6 דעלעגאַטן. דאָס

האָט געגעבן אַ גוטע געלעגנהייט צו באַטראַכטן די פּאָזיטיווע באַציונג פֿון אָט די סאָציאַליסטישע רעזשימען צום ייִדישן פֿאָלק.

אַוודאי איז דאָס רעכט עולה צו זיין קיין ישראל — דער עיקר פֿון אונדזערע פֿאָדערונגען פֿון די דאָזיקע לענדער. ס׳מוז אָבער גלייכצייטיק געזאָרגט ווערן. אַז פֿאַר ייִדן וואָס בלייבן נאָך אויף די ערטער, זאָלן געשאַפֿן ווערן באַדינגונגען פֿאַר זייער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער צושטאַנד פֿון דער ייִדישער מינדערהייט אין רומעניע, לויט ווי די רומענישע דעלעגאַציע האָט איבערגעגעבן אויף דער קאָנפֿערענץ, קען דינען ווי אַ ביישפּיל פֿאַר די אַנדערע מזרח־אייראָפּע׳שע סאָציאַליסטישע לענדער.

6) הגם דאָס איז נישט אָפֿיציעל פֿאָרמולירט געוואָרן אין קיין רעזאָלוציעס, איז אָבער פֿאַר די אַלע וואָס זענען געווען נאָענט צו די דעבאַטעס און דיסקוסיעס, בולט געוואָרן, אַז אין יאָר 1975 דאַרף די לייטונג פֿונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס קאָאָפּערירן מיט די 2 הויפּט־פֿאַקטאָרן אינעם ייִדישן לעבן: מיט דער ייִדישער מדינה און מיט דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. קיינער קען נישט לייקענען אַז אָט די צוויי פֿאַקטאָרן זענען היינט די אַנטשיידנדיקסטע אינעם ייִדישן לעבן און אויב דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס וועט פֿאַרזיכערן זיין מעמד אינעם ייִדישן פֿאָלק, מוז זיין אַזאַ דרייעקיקע קאָאָפּעראַציע, כּדי אויסצומיידן אַז יעדער פֿאַקטאָר זאָל זיך באַזונדער מטפּל זיין מיט די פּראָבלעמען וואָס זענען נוגע כּלל־ישׂראל. בלויז אַן ענגע מיטאַרבעט צווישן אַלע די דריי פֿאַקטאָרן וועט קענען פֿאַרזיכערן אַ פּרוכטבאַרע אַרבעט ביים באַהאַנדלען די לעבנס־פּראָבלעמען פֿון ייִדישן פֿאָלק.

אין דעם זין איז אויך אָנגעצייכנט געוואָרן דער אָפּמאַך צווישן דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס און דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. דער אָפּמאַך וועט זיכער דערמעגלעכן דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס זיך נישט צו באַגרענעצן בלויז צו דער ראָל פֿון אַ רעפּרעזענטאַנץ און צום פּאָליטישן קאַמף, נאָר אויך אַריינצודרינגען אין דער פּראָבלעמאַטיק פֿון די ייִדישע קהילות, וואָס וועט פֿאַר אים עפֿענען אַ פּערספּעקטיוו פֿון אַן אויסגעברייטערטער אַרבעט אויך צווישן דער ייִדישער יוגנט, די סטודענטן און דער אינטעליגענץ, אַ געביט אויף וועלכן דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט פֿונעם וועלט־קאָנגרעס וועט באַקומען נייע מעגלעכקייטן פֿון טעטיקייט.

דאָ איז כּדאַי צו באַמערקן אַ פּרט וואָס סימבאָליזירט די טענדענץ אינעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט פֿון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. דאָס איז זיין פּאָזיטיווע באַציִונג צו דער ייִדישער שפּראַך ווי צו אַ נאַציאָנאַל וויכטיקן אינסטרומענט. ס׳איז אפֿשר נישט קיין צופֿאַל וואָס דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט האָט געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט דעם קאָמיטעט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין ישׂראל וועגן אַרויסגעבן בשותּפֿות דעם זשורנאַל „פֿאָלק, וועלט און מדינה”, וועלכער דינט ווי

אַ וויכטיקער אינסטרומענט צו באַרייכערן די יידישע פּרעסע אין דער וועלט מיט אַרטיקלען, עסייען וועגן די פּראָבלעמען פונעם יידישן פאָלק און אין מדינת ישׂראל.

7) אויפן קאָנגרעס האָט זיך באַמערקט די לעבהאַפטע באַטייליקונג פון צענדליקער יונגע דעלעגאַטן — סטודענטן און אינטעלעקטואַלן וועלכע האָבן זיך באַמיט מיטצוהעלפן אויסצוקריסטאַליזירן די פאַרשיידענע איינשטעלונגען וואָס שייך די פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק.

ס'איז געווען דערפרייענדיק צו זען ווי די יונגע האָבן אויך געוואָלט זיין אַקטיוו אין דער בייער עקזעקוטיווע און איינער פון זיי איז טאַקע אין איר אויסגעוויילט געוואָרן. איצט שטייט פאַרן יידישן וועלט־קאָנגרעס די אויפגאַבע צו שטאַרקן און מוטיקן דעם יונגן דור און געמיינזאַם מיט אים זוכן וועגן ווי אַזוי אַריינצוציען אין דער אַרבעט ברייטערע שיכטן פון יידישן אינטעלעקטואַלן און אויך שאַפן אַ בריק צו די וואָס דערווייטערן זיך פון אונדז.

8 אַ וויכטיקע ראָל האָט געשפּילט די פראַגע פון פירערשאַפט, איינשליסנדיק די פראַגע פון אויסוויילן דעם פּרעזידענט פון דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, ווי אויך ווי אַזוי דורכצופירן די דעמאָקראַטיזירונג פון אַלע אינסטאַנצן. ס'איז כּדאַי אונטערצושטרייכן, אַז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַן ענגערע עקזעקוטיווע פון 14 מענטשן, אַ מין קאַבינעט, וואָס זאָל באַשטימען די פּאָליטיק און דעם וועג פון דער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

עס איז געווען אַ גרויסע מאָס פון פּאָליטישער רייפקייט אין דעם וואָס דער ווייט גרעסטער רוב פון די דעלעגאַטן האָבן זיך נישט געלאָזט באַאיינפלוסן פון דער פאָדערונג פון דער חרות־פראַקציע, אין שייכות מיט אויסוויילן ד״ר נחום גאָלדמאַן אַלס פּרעזידענט פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס.

אין לעצטן סך־הכּל און אָן יעדער איבערטרייבונג קען, דאַכט זיך, דער בילאַנס פון דער זעקסטער וועלט־קאָנפערענץ פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס באַטראַכט ווערן ווי אַ פּאָזיטיווער.

די ניי אויסגעוויילטע עקזעקוטיווע דאַרף זיך איצט נעמען ערנסט צו דער אַרבעט. די וועלט־קאָנפערענץ אין ירושלים האָט אויף איר אַרויפגעלייגט אַ גרויסע אחריות.

פעברואַר 1975

אויפגאַבן פאַר דער צוקונפט

(40 יאָר וועלט־קאָנגרעס)

אין 1976 ווערט 40 יאָר זינט ס׳עקזיסטירט דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס.

ס׳איז באַקאַנט אין וועלכע באַדינגונגען און צוליב וואָסערע מאָטיוון ס׳איז אין יאָר 1936 געשאַפן געוואָרן אַ ייִדישע וועלט־אָרגאַניזאַציע צו פאַרטיידיקן די רעכט פון געדרודפטן ייִדישן פאָלק, צו פאַרזיכערן די אייניקייט פון פאָלק און זיך צו פאַרנעמען מיט זיינע פּראָבלעמען. זינט זיין אַנטשטיין האָט דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו זיין געטריי און איבערגעגעבן דער ייִדישער באַפרייאונג־באַוועגונג און שטיין אַקטיוו ביי דער זייט פון דער מדינה אונטערוועגנס.

ס׳וועט נישט זיין גענוג זיך צו באַנוגענען מיט דעם וואָס דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס האָט דערגרייכט ביז איצט במשך די 40 יאָר פון זיין עקזיסטירן. איצט שטייט פאַר אונדז די וויכטיקע פראַגע: ווּהין גייט דער קאָנגרעס היינט, וואָס זענען די נייע באַדינגונגען אין וועלכע ס׳לעבט דאָס ייִדישע פאָלק אין די 70ער יאָרן, ווּהין גייט דאָס וועלט־ייִדנטום און וואָס זענען זיינע פאַרבינדונגען מיטן צענטער פונעם ייִדישן פאָלק, מיט דער ייִדישער מדינה?

אין אונדזער תּקופה איז דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס נישט טעטיק אויף דער ייִדישער וועלט־אַרענע ווי דער אייציקער און עיקרדיקער פאַקטאָר אין די תּפוצות אַזוי ווי דאָס איז געווען ערב דעם מערדערישן אָנגריף פונעם נאַציזם אין אייראָפּע. היינט עקזיסטירן צוויי אַנטשיידנדיקע פאַקטאָרן — מדינת ישׂראל און די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע וואָס קיין איינע פון זיי איז נישט גרייט מוותּר צו זיין אויף איר חלק אין אַלץ וואָס איז נוגע די פּראָבלעמען פונעם גלות־ייִדנטום. ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ מין דרייעק — ישׂראל, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס — וואָס האָט די אָנפירערשאַפט פונעם וועלט־קאָנגרעס אַוועקגעשטעלט פאַר אַ נייער ווירקלעכקייט וואָס פאָדערט אַ נייע אָריענטאַציע. צום שבח פון קאָנגרעס דאַרף געזאָגט ווערן אַז ער האָט זיך נישט איינגעשלאָסן אין זיך און האָט אָנגענומען די צוזאַמענאַרבעט מיט די דערמאָנטע צוויי עיקרדיקע פאַקטאָרן וואָס ווירקן אינעם וועלט־ייִדנטום. די דריטע קאָנפערענץ פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין ירושלים אין פעברואַר 1975, האָט באַשלאָסן צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע שותּפות: אין די צענטראַלע אינסטאַנצן פון קאָנגרעס זענען אויסגעקליבן געוואָרן פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און ס׳איז אויך באַשטימט געוואָרן אַ פּאָליטיק פון אַ פולער צוזאַמענאַרבעט מיט מדינת ישׂראל. אָבער די דאָזיקע פּאָזיטיווע

שותּפות פאַרענטפערט נאָך נישט די נאָגנדיקע פראַגע וואָס שייך דער אייגנאַרטיקייט און באַזונדערקייט פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס ווי אַ זעלבסטשטענדיקער פאַקטאָר צווישן די צענטראַלע פאַקטאָרן וועלכע זענען טעטיק אינעם וועלט־ייִדנטום. דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס דאַרף בולט מאַכן זיין טעטיקייט אויף זיינע ספּעציעלע געביטן און דאָס וועט במילא באַרעכטיקן זיין ווייטערדיקע עקזיסטענץ.

מיר וועלן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף די באַזונדערע פראַגעס וואָס שטעלן זיך פון צייט צו צייט אַוועק אין שייכות מיט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור פון גלות־ייִדנטום. פאַראַן אַ מיינונג אַז אינעם הייַנטיקן מצב אין גלות איז נישטאָ קיין באַרעכטיקונג פאַר דער עקזיסטענץ פון צוויי זעלבסטשטענדיקע ראַמען ווי: די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע און דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס, און מ'דאַרף פון דיביידע אויפשטעלן איין אייניציקע קערפּערשאַפט. דאָס זעט אויס צו זיין לאָגיש. ס'איז אָבער שווער זיך פאָרצושטעלן אַז אַזאַ פאַראייניקונג זאָל שנעל רעאַליזירט ווערן. פאַראַן דערצו אַזוי פיל שטערונגען, אַז מיר וואָלטן פאַרלוירן צו פיל צייט אויף אויפצוקלערן, נישט דערגרייכנדיק דערביי קיין קאָנסטרוקטיווע רעזולטאַטן. מיר מיינען אַז די צייט דערפאַר איז נאָך נישט רייף דאַקעגן איז וויכטיק אַז יעדער פון די דריי שותּפים: ישׂראל, דער ציוניזם און דער קאָנגרעס, זאָלן פאַרמאָגן זיין ספּעציפישן געביט אויף וועלכע ער זאָל ווירקן, אַזוי אַרום וועט דער קאָנגרעס אָנהאַלטן זיין באַזונדער וועזן.

דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין דאַך־אָרגאַניזאַציע פון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן אין פאַרשידענע לענדער. ער איז טעטיק בעיקר אויפן פּאָליטיש־פאַרטרעטערישן געביט און מישט זיך גאַנץ וויניק אין די אינערלעכע ענינים פון די ייִדישע ישובים אויף די ערטער מיט וועלכע ס'פאַרנעמט זיך די קהילה־פירערשאַפט ווי אויך די אָרטיקע ציוניסטישע אָרגאַנזאַציע און אַנדערע פאַקטאָרן אויף די ערטער.

דעריבער האָט אין דער פאַרשטעלונג פון די פאָלקסמאַסן אין די תּפוצות דער קאָנגרעס זיך נישט באַוויזן אייַנצוואָרצלען ווי דער קעמפער פאַרן נאַציאָנאַלן המשך און קיום פון ייִדישן פאָלק.

שטעלט זיך די פראַגע צי דאַרף זיך דער קאָנגרעס באַנוגענען מיט זיין ראָלע ווי אַ דאַך־אָרגאַניזאַציע און זיך נישט מישן אין די אינערלעכע פּראָבלעמען פון די ייִדן אין די תּפוצות?

אין די פאַראייניקטע שטאַטן, למשל, ווו דעם קאָנגרעס איז געלונגען צוציען צו זיך דעם גרעסטן טייל פון די ייִדישע און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און אויך אַלע דריי רעליגיעזע שטרעמונגען, איז זיין השפּעה אויפן לעבן פון דעם זעקס מיליאָניקן ייִדישן קיבוץ דאָך אַ מינימאַלע. דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום פאַרמאָגט נישט קיין אייַנהייטלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם. דער פּרעזידענטן־קלוב פאַרנעמט זיך אייגנטלעך נישט קיין סך מיט די ספּעציפישע אינערלעכע פּראָבלעמען

פֿונעם ייִדישן ישוב אין אַמעריקע. ער פֿילט אויס אַ וויכטיקע ראָל מיט זיין ערנסטע הילף פֿאַר ישׂראל אין איר קאַמף און מיטן פֿאַרבינדן דאָס גרויסע אַמע־ריקאַנער ייִדנטום מיט דער ייִדישער מדינה. וואָס שייך אָבער די אינערלעכע פּראָבלעמען פֿון דעם גרויסן אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ זענען טעטיק פֿאַרשידענע פֿאַקטאָרן. יעדער פֿון זיי טוט זיין אַרבעט באַזונדער אָן קאָאָרדינאַציע. מ׳וואָלט געקענט דערגרייכן צו אַ סך בעסערע רעזולטאַטן אין פּרט פֿון אויספֿורעמען די נאַציאָנאַלע געשטאַלט פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום ווען ס׳וואָלט יאָ געווען אַ קאָאָר־דינאַציע צווישן די טעטיקייטן פֿון די פֿאַרשידענע פֿאַקטאָרן וואָס שייך די עיקר־פּראָבלעמען פֿונעם דאָזיקן ישוב.

מיר וועלן נישט אַריינגיין אין קיין פּרטים, מיר וועלן בלויז זאָגן אַז נישט געקוקט אויף אַלע פּאָזיטיווע דערשיינונגען אינעם לעבן פֿון צפֿון־אַמעריקאַנער ייִדנטום, מוז מען אָבער אָנערקענען דעם פֿאַקט, אַז די אַסימילאַציע מאַכט דאָרט גרויסע שריט און האַלט אין איין רייסן שטיקער פֿון אים, און ס׳אַנשטייט די געפֿאַר, אַז דער גורל פֿון דער ייִדישער מינדערהייט אין אַמעריקע וועט זיין ענלעך צום גורל פֿון די אַנדערע עטנישע מינדערהייטן דאָרטן, ווי למשל די אָפּשטאַמיקע פֿון האָלאַנד, דייטשלאַנד, איטאַליע א. אַנד. וואָס זענען געקומען אַהין פֿון אייראָפּע און זענען דערטרונקען געוואָרן אין ברייטן און טיפֿן אַמע־ריקאַנער ים, די מעכטיקע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפֿטלעכע מאַשין וואָס הייסט פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע צעמאַלט יעטוועדע מינדערהייט און צעלאָזט זיי אינעם אינטעגראַציע־שמעלצטאָפּ.

פֿרעגט זיך: וואָס קען זיין די ראָל פֿון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס ביים איינ־האַלטן דעם דאָזיקן פּראָצעס? אָן שום ספֿק קען דער קאָנגרעס זיך נישט אונטער־נעמען צו לייזן דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן פּראָבלעם פֿון דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום. ער וואָלט אָבער יאָ געקענט לענקען די טעטיקייטן פֿון די ייִדישע אָרגאַ־ניזאַציעס אין אַמעריקע וואָס געהערן צו אים אין איין באַשטימטער ריכטונג, מיטן בפֿירושן ציל צו פֿאַרשטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט פֿונעם דאָרטיקן 6 מיליאָניקן ייִדישן קיבוץ. ווען אַלע די אָרגאַניזאַציעס וואָלטן זיך צוזאַמענ־גענומען, טאַקע אויף דער איניציאַטיוו פֿון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס און מיט זיין דערמוטיקונג — צו באַטראַכטן אַ קאָאָרדינירטע טעטיקייט צווישן זיך, וואָלטן זיי דערגרייכט ביז גאָר פּאָזיטיווע רעזולטאַטן לטובֿת דעם דאָרטיקן ישוב. וואָלטן געקענט פֿאַרפֿעסטיקן דאָס קהילה־לעבן, אַנטוויקלען און פֿאַרטיפֿן דעם ייִדישן חינוך פֿון די קינדער ווי אויך פֿון די דערוואַקסענע, מיט איין וואָרט אויפֿשטעלן אַ מעכטיקע דאַמבע קעגן די אַסימילאַציע־שטראָמען וואָס פֿלייצן פֿון אַלע זייטן און באַדראָען אויף אַ ווייטער מעטע דעם נאַציאָנאַלן מהות פֿון גרויסע טיילן פֿון ישוב.

מיר האָבן גענומען אַמעריקע בלויז ווי אַ ביישפּיל, מחמת דער זעלבער מצבֿ, מיט געוויסע אַנדערשקייטן, וואָס שטאַמען פֿון די אָרטיקע באַדינגונגען, הערשט

אויך אין אַנדערע ערטער — אין מערב־אייראָפּע און אין דרום־אַמעריקע. אומע־טום קען דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס אויספּילן אַ פּאָזיטיווע ראָל אין אינער־לעכן ייִדישן לעבן צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף די ערטער.

*

פּונקט ווי קיין שום ייִדישער פאַקטאָר אין דער וועלט, אויב ער וויל דינען דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק, קען אויך דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס נישט אויסמיידן קיין פּערמאַנענטן בונד מיט דער ייִדישער מדינה, וועלכע איז אַ צענטראַלער קאָמפּאָנענט אין לעבן פון יעדן ייִדישן ישוב אין דער וועלט. האָט דעריבער די פּראַגע פון זיינע באַציונגען מיט ישראל קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו זיין איינע פון די שטענדיקע טעטיקייט־אָביעקטן פון קאָנגרעס.

אין דעם פּרט האָט די אָנפירונג פונעם קאָנגרעס גוט געטאָן וואָס זי האָט באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דער ישראל־רעגירונג מיט פאַרשידענע פאָרשלאָגן און צווישן אַנדערע אונטערצושטרייכן די נויטיקייט אויפצושטעלן אַ פּערמאַנענטע אינסטאַנץ פון ישראל־פאָרשטייער און פון פאַקטאָרן פון וועלט־ייִדנטום, וואָס זאָל באַטראַכטן די פּראַגעס וואָס זענען נוגע ביידע צדדים.

די פּאָליטיק פון קאָנגרעס איז פון תּמיד אָן געווען צוצוטראָגן דער ייִדישער מדינה יעדע הילף לויט זיינע מעגלעכקייטן און אויסנוצן דערצו אַלע איינפלוס־קאַנאַלן דורך וועלכע ער קען ווירקן לטובת ישראל.

אָבער די שותפותדיקע טעטיקייט צווישן דעם קאָנגרעס און ישראל דאַרף פאַרקומען בעיקר וואָס שייך די פּראָבלעמען פון וועלט־ייִדנטום אין וועלכע אי ישראל אי דער קאָנגרעס זענען פאַראינטערעסירט ווי למשל: דער ייִדישער חינוך, קולטור־פּראָבלעמען, פּראָבלעמען פון דת, דאָס פאַרשטאַרקן דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין אין די תּפוצות, דאָס באַקעמפן די אַסימילאַציע א. אַז. וו. דאָס הייסט נישט אַז מ׳וועט נישט באַטראַכטן אויך די באַציונגען צווישן די ייִדן און די אַראַבער און בכלל אונדזער באַציונג צו דער מוסולמענישער וועלט. מ׳דאַרף אָבער נישט דערגיין ביז צום אַריינמישן זיך אין עצם ישראל־אַראַבישן סכסוך.

קלאָר געזאָגט הייסט עס אַזוי, אַז די באַציונגען צווישן ישראל און דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס דאַרפן נישט אַרומנעמען ישׂראלס אויסערן־פּאָליטיק. מחמת דאָס קען ברענגען צו אַ קאָנפראָנטאַציע צווישן דער מדינה און די תּפוצות, דאָס קען צעטיילן דאָס פאָלק אין די גלות־לענדער אַזוי ווי עס איז צעטיילט אין ישראל גופא. דאָ אין לאַנד איז עס פאַרשטענדלעך צוליב דעם וואָס עס עקזיסטירן פאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען. אָבער דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס איז היינט צו טאָג די אַממערסטן אַרומנעמענדיקע און דערביי אומפּאַרטייאישע אָרגאַני־זאַציע און אין דעם באַשטייט אויך זיין כּוח. אַ דאַנק דעם דאָזיקן מעמד זיינעם און זיין פּאָליטיק קען דער קאָנגרעס אָנהאַלטן באַציונגען אויף געביטן ווו קיין

שום אַנדערע ייִדישע קערפּערשאַפֿטן, אַריינגערעכנט די מדינה און די ציוניסטישע באַוועגונג, קען נישט טעטיק זיין. דאָס זענען למשל די פֿאַרבינדונגען מיט די לענדער פֿון מזרח־אייראָפּע, (וועלכע זענען דערווייל נאָך נישט דערגאַנגען צו אַ גרויסן פֿאַרנעם) און ס'איז פֿאַראַן אַן אויסזיכט אַז מיט דער צייט וועט דער קאָנגרעס אויך קענען דינען ווי אַ קאַנאַל פֿאַר אַ טעטיקער מיטאַרבעט פֿון די ייִדישע קהילות אין די קאָמוניסטישע לענדער, וואָס מיר זענען שטאַרק אינטע־רעסירט אַז זיי זאָלן נישט אָפּגעריסן ווערן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. צי וועט אַ דירעקט אַריינמישן זיך פֿונעם קאָנגרעס אין די פֿראַגעס פֿון דער ישׂראלדיקער אויסערן און זיכערקייט־פּאָליטיק אונדז העלפֿן אויסהאַלטן אַ ייִדישע נאַציאָנאַלע ראַם וואָס זאָל פֿאַרטרעטן דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק אין יעדן לאַנד און אונטער יעדן רעזשים? וועט עס זיין לטובֿת מדינת ישׂראל און לטובֿת דעם ייִדישן פֿאָלק אין די תּפֿוצות?

איצט, ווען דער ישׂראל־אַראַבישער קאָנפֿליקט איז דערגאַנגען צו אַ גאַר הויכער שפּאַנונג, ווען ישׂראל ווערט אָנגעגריפֿן פֿון אַלע זייטן, ווען די שׂנאה און די געוואַלד קעגן איר פֿאַרשפּרייטן זיך איבער דער גאַרער וועלט און די מדינה ווערט וואָס אַמאָל מער איזאָלירט, מוז דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס זיך איינשפּאַנען מיט זיין גאַנצן כּוח און מיט אַלע זיינע מעגלעכקייטן צו שטיין ביי דער זייט פֿון ישׂראל, ברענגען איר יעטוועדע מעגלעכע הילף. ער טאָר אָבער בשום אופֿן נישט ווערן אַ דעצידירנדיקער פֿאַקטאָר אין ישׂראלס אויסערן־ און זיכערקייט־פּאָליטיק.

פֿון דער אַנדערער זייט אָבער דאַרף זיך ישׂראל נישט מישן אין די עניינים פֿון אינערלעכן לעבן פֿון די ייִדישע קהילות אין די תּפֿוצות. דאָס הייסט אַז ס'וואָלט געווען דורכאויס פֿאַלש ווען די ישׂראל־רעגירונג זאָל וועלן משפּיע זיין אויף דער באַציונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין דעם אָדער אַנדערן לאַנד צו דער אָרטיקער מאַכט, למשל אין פֿאַל פֿון פּרעזידענט־וואַלן אָדער אויף ענלעכע געביטן. די באַציונגען צווישן ישׂראל און די תּפֿוצות דאַרפֿן אַרומנעמען בעיקר די ייִדישע פּראָבלעמען וואָס טראָגן אַ בולטן ייִדיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און וואָס זענען עלול צו באַשטימען דעם גורל און די צוקונפֿט פֿון פֿאָלק אין גלות.

*

מיר ווילן דאָ אויך נישט אויסלאָזן אַ טעמע וואָס קען פֿאַר אַ סך אויסזען ווי אַ זייטיקע און אַן אָבסטראַקטע און וואָס שטייט היינט צו טאָג אין צענטער פֿון אונדזערע זאָרגן. אונדזער כּוונה איז, אַז דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס, ווי דער וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר די אחדות פֿון ייִדישן פֿאָלק, זאָל צוטראָגן זיין באַזונדערן חלק דערמיט וואָס ער וועט הייבן די באַציונג פֿון אונדזער פֿאָלק צו אוניווערסאַלע ווערטן, צו הומאַניטאַרע פּרינציפּן אין דער גרויסער פֿעלקער־

משפּחה. אין משך פון אַ סך דורות. נישט געקוקט אויף די צרות וואָס אונדזער פאָלק האָט געהאַט אויסצושטיין אין גלות, האָט עס געוווּסט ווי צו קעמפן פאַר סאָציאַלן יושר, פאַר אַ גערעכטער געזעלשאַפט, קעגן רעזשימען פון געוואַלד. דאָס יידישע פאָלק האָט זיך תּמיד געפונען בײַ דער זייט פון פּראָגרעס. מיר מוזן מודה זיין אַז די שווערע פּראָבלעמען פאַר וועלכע די מדינה שטייט היינט, דער־מעגלעכן איר נישט תּמיד זיך אָפּצוגעבן מיט די פראַגן וואָס האָבן אַ שייכות מיט אוניווערסאַלע אַספּעקטן און מיט אַ הומאַניטאַרן רעזשים אין דער וועלט. דער שוואַכער וואָס ווערט פאַרפאָלגט און אַנגעגריפן האָט געוווּסט, אַז דאָס יידישע פאָלק שטייט תּמיד אויף אַ באַטירלעכן אופן אויף איין זייט. דער יידישער געניוס האָט תּמיד געוווּסט ווי אַזוי איינצוגלידערן זיינע לעכצונגען צו נאַציאָנאַלן רענעסאַנס אין די העכסטע אידעאַלן וואָס דאַרפן הערשן אין דער פעלקער־משפּחה. דערויף טאָר מען נישט מוותּר זיין אפילו היינט, ווען מיר האָבן שוין אַ יידישע מדינה, און אונדז דוכט זיך אַז דער קאָנגרעס קען אויף דעם געביט אויספילן אַ וויכטיקע ראָל פאַרן אויסבילדן די געשטאַלט פון יידישן פאָלק.

אויב דער יידישער וועלט־קאָנגרעס וועט מצליח זיין אויך אין דער היינ־טיקער תּקופה אַרויסצוברענגען פאַר דער וועלט דאָס אייגנאַרטיקע און אוניווער־סאַלע וואָס מיר פאַרמאָגן, וועט ער דערמיט האָבן צוגעטראָגן אַן אָנגעזעענעם רינג אין דער פּרעכטיקער קייט פון יידישן לעבן.

יוני, 1976

מאַניפעסטאַציע און עיקר

(דער ראַט פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן)

א

אין גרעסטן פּאָליטישן צענטער פון דער וועלט, אין וואַשינגטאָן, איז אין אָנהייב נאָוועמבער 1977 פאָרגעקומען די אימפּאָזאַנטע זיצונג פונעם ראַט פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. אַלץ איז געווען צוגעגרייט מיט פּאָרנעם, מיט גלאַנץ און האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט. די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן אַריינגעלייגט אין די צוגרייטונגען אַ סך טאַלאַנט, ווי אַ שטייגער אין אַ גרויסער פאָרשטעלונג. דאָס ערשטע מאָל אין דער 40־יאָריקער געשיכטע פון דער אָרגאַניזאַציע איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאָרגעקומען אַזאַ מאַניפעסטאַציע פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס.

די כּוונה איז וואַרשיינלעך געווען צו לייגן דעם טראָפּ מער אויף דער אימפּרעסיווער מאַניפעסטאַציע איידער אויף אַ טיפן און זאַכלעכן מיינונגס־אויסטויש וועגן די עיקר־פּראָבלעמען פון ייִדישן פאָלק.

די געלונגענע אימפּרעזע דאַרף אָבער נישט פאַרשיכּורן. מ׳דאַרף אויך נישט אונטערשאַצן דעם אַמעריקאַניזירטן סטיל פון דער פאַרזאַמלונג. דאָך באַפרייט דאָס אונדז נישט פון אַ פּילבאַדייטנדיקער פראַגע: צי איז די אימפּאַזאַנטקייט נישט געווען, אין אַ געוויסער מאָס, אויפן חשבון פונעם ספּעציפיש־ייִדישן תּוכן? צי איז געווען ריכטיק דאָס וואָס ס׳איז נישט פאָרגעקומען אַ גרויסע דעבאַטע וועגן דעם טיפן קריזיס וואָס דאָס וועלט־ייִדנטום לעבט איצט איבער? צי האָט די געשפּאַנטע לאַגע אין ייִדנטום נישט געפאָדערט צו לאָזן הערן אַן אַלאַרמירנדיקן רוף וועגן דעם וואָס עס קומט פאַר אינעם גייסטיקן לעבן פון ייִדישן פאָלק און צו זוכן וועגן ווי זיך צו פאַרטיידיקן קעגן דעם גייסטיקן מדבר, וואָס וואַקסט מיט יעדן יאָר, מיט יעדן חודש און מיט יעדן טאָג און באַדראָט די צוקונפט פונעם פאָלק?

די דאָזיקע באַמערקונגען זענען נישט אויסן צו קריטיקירן דעם ייִדישן כּינוס אין וואַשינגטאָן. די כּוונה איז צו באַטאָנען, אַז מ׳האָט געדאַרפט צוגרייטן אַ באַלאַנסירטן פּראָגראַם: אַן איינדרוקספולע מאַניפעסטאַציע און איר אָפּקלאַנג אין דער עפנטלעכער מיינונג און גלייכצייטיק שטעלן דעם טראָפּ אויף די עיקר־פּראָבלעמען פון ייִדישן פאָלק אין אונדזערע צייטן, וועלכן מוזן זיך געפינען אין צענטער פון אַזאַ גרויסער ייִדישער אַסיפה.

ב

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס קאָן, אָן איבערטרייבונג, זיך איבערנעמען דער־מיט וואָס אים איז געלונגען צוזאַמענצורופן קיין וואַשינגטאָן די איינפלוסרייכע וועלט־פיגורן, וואָס האָבן געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט־פרעסע, וועלכע האָט זייער וואָרט געשענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט. כ׳וועל נאָר דערמאָנען אַ טייל נעמען פון די אָנטיילנעמערס: פּרעזידענט דזשימי קאַר־טער, העענרי קיסינדזשער, סענאַטאָר בעקער, יגאל אלון, די פרוי־מיניסטער סימאָן וויל פון פראַנקרייך; פון דער ישׂראל רעגירונג — ד״ר יוסף בורג און אַנדערע, כּדי מען זאָל האָבן אַ באַגריף וועגן דעם גרויסן פאַרנעם און די פיגורן וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין אָט דער אימפּאָזאַנטער פאַרזאַמלונג. די אַלע וויכטיקע געסט האָבן, מיט קליינע אויסנאַמען, אין זייערע ווערטער געפּרוווט — יעדער אויף זיין שטייגער — בייטראָגן עפּעס וואָס פאַר דער לייזונג פונעם ישׂראל־אַראַבישן קאָנפליקט, וואָס איז אָן ספק איינע פון די דרינגנדיקסטע פראַגן פון מדינת ישׂראל און פון טיפן אינטערעס פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. ס׳איז געווען אַ גרויסער פאַרדינסט פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס וואָס ער האָט געבראַכט דעם פּרעזידענט קאַרטער צו דער דאָזיקער בינע, ווו ער האָט פאָרמולירט זיין אני מאמין לגבי ישׂראל. ס׳איז געווען זייער רירנדיק דער מאָמענט ווען מען האָט איבערגעגעבן קאַרטערן אַ ספר תּורה און ער, האַלטנדיק די ספר תּורה אין זיינע הענט, האָט דערקלערט אַז מדינת ישׂראל דאַרף אָפּגעהיט ווערן און ס׳דאַרף פאַרזיכערט ווערן איר צוקונפט. אין דער זעלבער צייט ווען מען איז איזאָלירט און ווען אַפילו נאָענטע פריינד קערן זיך אום צו אונדז מיט דער פּלייצע, איז דזשימי קאַרטערס אויפטריט געווען זייער אימפּרעסיוו און באַפרידיקנדיק. כ׳ווייס נישט צי קאַרטער וועט פיל צייט געדענקען דאָס בילד, אָבער אַלע דעלעגאַטן וועלן לאַנג טראָגן אין זיך דעם אומפאַרגעסלעכן רושם פון יענעם מעמד.

ס׳איז אויך געווען פיל נאָכצוטראַכטן וועגן דעם רושם וועלכן ס׳האָבן איי־בערגעלאָזט צוויי גאַסט־רעדנערס. יעדער האָט גערעדט אויף אַן אַנדער טעמע, אָבער ערגעץ־ווו, אינעם אונטערבאַוווסטזיין, איז בולט געקומען צום אויסדרוק דער פונק פון זייער יידישקייט, וואָס פינקלט אַרויס אָפט מאָל ביי מענטשן וואָס דו האַלטסט זיי פאַר פאַרלוירענע פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט און וואָס גרעסער ס׳איז זייער מעמד אין דער נישט־יידישער וועלט, אַלץ גרעסער איז די דער־שטוינונג, וואָס אָט דער מאַניפעסטירטער פונק רופט אַרויס ביי יידן. כ׳מיין דאָ די אַרויסטרעטונג פון פרוי סימאָן וויל, דעם געזונטהייטס־מיניסטער פון פראַנק־רייך, אַ יידישקע וועלכע האָט זיך געראַטעוועט פון אוישוויץ און צוריקגעקומען קיין פראַנקרייך נאָך דער באַפרייונג, איז געוואַקסן אין איר געזעלשאַפטלעכער קאַריערע און צוגעקומען צום גרויסן אַמט פון אַ מיטגלידערין פון פראַנצויזישן קאַבינעט. זי איז געקומען אַלס פּריוואַטער מענטש, צו דערציילן וועגן איר

פֿאַרבינדונג מיטן ייִדישן פֿאָלק, זאָגנדיק, אַז די נאַצי־שואה־תּקופֿה האָט אין איר איינגעפֿלאַנצט אַ טיפֿע סאָלידאַריטעט מיט ייִדן. דאָס האָט זי געזאָגט מיט שטאָלץ. הגם זי האָט נאָך די שרעקלעכע שואה־איבערלעבונגען נישט אויסגעקליבן דעם וועג פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער באַפֿרייונגס־באַוועגונג, איז זי דאָך אין תּוך געבליבן אַ ייִדישע טאָכטער. דער דאָזיקער מערקווערדיקער אַרויסטריט דאַרף זיכער אַרויסרופֿן ביי פֿיל ייִדישע אָנפֿירנדיקע קרייזן דעם געדאַנק, אַז מען דאַרף נישט פֿאַרמינערן די טיפֿע דערציִערישע לערע פֿון דער שואה ביים אויפֿהאַלטן דאָס געפֿיל פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט. דער פֿאַל פֿון פּרוֹי סימאָן ווייל האָט נישט נאָר איבערגעלאָזט אַ טיפֿן איינדרוק צוליב דער עלעגאַנץ פֿון איר אַרויסטריט. ער האָט אויך געגעבן פֿיל פֿון אונדז אַ שטויס זיך צו פֿאַרטראַכטן ווי אַזוי צו זוכן די וועגן אין אונדזער פּעדאַגאָגישער דערציִונגס־אַרבעט צווישן דעם יונגן דור, כּדי אין זיי אַריינברענגען דעם טיפֿן עמאָציאָנאַל־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, וואָס זאָל פֿאַרפֿעסטיקן דעם המשך פֿון ייִדישן פֿאָלק.

אויב די שואה האָט אויפֿגעהאַלטן ביי דער פֿרוי סימאָן ווייל איר ייִדישן פּונק, האָט ביי הענרי קיסינדזשערן דווקא די גאולה־תּקופֿה פֿון מדינת ישׂראל צוריק דערוועקט זיין ייִדיש געפֿיל, אין דער צייט ווען דער פּאָליטישער גאון, קיסינדזשער, איז אין זיין אַמט אַלס אויסערן־מיניסטער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן געקומען אין אומצאָליקע באַרירונגען מיט ישׂראל.

מיט הענרי קיסינדזשערן איז געשען אַ מערקווערדיקער פּראָצעס. ער איז לכתּחילה שוין ווייט געווען פֿון ייִדן און האָט די ייִדן־פֿראַגע שוין באַטראַכט ווי אַ ווייטן מאַרגינאַלן ענין, אָבער ווי נאָר ס׳איז אים אויסגעקומען אויסצופֿירן אַן ערשטראַנגיקע ראָל אינעם טראַגישן ישׂראל־אַראַבישן קאָנפֿליקט, האָט זיך דורך זיין באַרירונג מיט די קרייזן פֿון מדינת ישׂראל ביי אים צוריק דערוועקט דאָס ייִדיש פֿינטעלע. ער, קיסינדזשער, האָט זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט דעם ייִדישער באַנייטער שטאַטלעכקייט און האָט געפֿילט די געפֿאַרן וואָס לויערן אויף דער מדינה מצד די אַרומיקע פֿיינטלעכע מדינות. אים האָט די דיפּלאָמאַטישע שליחות הגם אין נאָמען פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, דערפֿירט צו אַ שטיקל ייִדישן חשבון הנפֿש. זיין גרויסקייט באַשטייט אין דעם וואָס אין סאַמע אויפֿבלי פֿון זיין פּאָליטישער קאַריערע האָט ער נישט פֿאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייִד.

דאָס האָט מען געקענט פֿילן אין זיין אַרויסטריט אויף דער טריבונע פֿון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. ער האָט זיך געהיט אין זיין רעדע נישט צו מאַכן קיין ווייטגייענדיקע אויספֿירן אויפֿן פּאָליטישן שטח, ווו זיין קאָמפּעטענץ איז גרויס; מען האָט אָבער געפֿילט, אַז זיין ווּנטש איז געווען אַרויסצוטרעטן אויף דער אַ ייִדישער טריבונע און צו ברענגען זיין סאָלידאַריטעט מיטן ייִדישן און ישׂראל־דיקן צד. ס׳איז געווען טרעפֿלעך זיין אויסדרוק: „מיר ייִדן דאַרפֿן וויסן אַז...״ דאָ האָט אַרויסגערעדט פֿון אים דער ייִד און נישט דער אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט.

די שואה און די גאולה האָבן זיך געטראָפן אין די קולוואָרן פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן. געווען אַ סך סימבאָלישס אין דעם אַרויסטריט פון פּרוי סימאָן וועיל פון פראַנקרייך און פון העבּרי קיסינדזשערן, פון וואַשינג־טאָן. זיי ביידע האָבן זיך געטראָפן אויפן פאָן פון ייִדיש נאַציאָנאַלן לעבן, יעדער איז געקומען פון אַן אַנדער ווינקל. ווי פאַרשיידנאַרטיק ס'איז דער ייִדישער גורל!

ג

די גרויסע ייִדישע אַסיפה אין וואַשינגטאָן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער פאַרשטייערשאַפט פון 35 קהילות פון פאַרשיידענע לענדער, אייַנשליסנדיק מזרח־אייראָפּע (רומעניע, יוגאָסלאַוויע, פּוילן, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, מזרח־דייטשלאַנד), ווי אויך מיט אַ גרעסערער דעלעגאַציע פון מאַראָקאָ און, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, פון דער מערב־וועלט פון אַלע קאָנטינענטן: פון ביידע אַמעריקעס, פון אייראָפּע און פון אויסטראַליע. די אימפּאָזאַנטקייט און דער פאַרנעם האָבן באַוויזן, אַז דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס איז באַרעכטיקט זיך צו זען אַלס דער אויטאָריטאַטיווער אַדרעס פון וועלט־ייִדנטום, און אַז צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און מדינת ישׂראל שטעלט ער פאָר די גע־מיינזאַמקייט פון ייִדישן פאָלק אין אונדזער דור.

מיין כּוונה איז נישט איבערצוגעבן דאָ קיין אויספירלעכן באַריכט וועגן דעם רייכן אינהאַלט פון די באַראַטונגען אין וואַשינגטאָן, וואָס איז אַגב אוממעגלעך אַריינצונעמען אין איין מאמר. כ'וויל בלויז אָנצייכענען אייניקע אַספּעקטן פון וועלכע מען דאַרף אַ סך לערנען. מיר שיינט, אַז אַזאַ גרויסע ייִדישע פאַרזאַמלונג, ביים סוף פון יאָר 1977, האָט געדאַרפט זאָגן איר וואָגיק וואָרט כּלפּי חוץ, וועגן דער אַנטשלאָסענער שטעלונג פון ייִדישן פאָלק און פאָדערן די פאַרזיכערונג פון מענטשנרעכט אין יעדן לאַנד און אין יעדן אָרט, ווייל נאָר ווען אָט דער פּרינציפּ איז פאַרזיכערט, איז מעגלעך דער המשך פון ייִדישער עקסיסטענץ. אין די פאַר־שיידענע אַרויסטרעטונגען פון די גאַסט־רעדנערס און די פּראָמינענטע פירערס פונעם ייִדישן פאָלק איז עס באַמערקט געוואָרן, אָבער עס האָט זיך נישט גע־פילט די אָנגעלאָדנקייט וואָס זאָל עלעקטריזירן די 500 דעלעגאַטן אין זאַל. ס'איז באַקאַנט, אַז די פראַגע פון מענטשנרעכט איז אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם גע־ראַנגל צווישן גרויסמאַכטן און אין די קאָמפּליצירטע אַספּעקטן פון די פאַרשיידענע פאַראינטערעסירטע צדדים, אָנהייבנדיק פון דער העלסינקי־קאָנפערענץ ביז דער בעלגראַדער קאָנפערענץ שטייט די פראַגע נאָך ביזן היינטיקן טאָג אויפן סדר־היום און קיין לייזונג פאַר איר איז דערווייל נישט געפונען געוואָרן. כ'וויל דאָ נישט זאָגן, אַז די וואַשינגטאָנער אַסיפה האָט געקענט זיין אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין דער גרויסער וועלט־דעבאַטע וועגן מענטשנרעכט. ס'האָט אָבער יאָ אַ באַדייטונג אַז ביי אַזאַ מעמד זאָל דאָס וועלט־ייִדנטום זאָגן זיין וואָגיק וואָרט

און מאַניפֿעסטירן זיין שטעלונג צו דער דאָזיקער לעבנסוויכטיקער פֿראַגע. מיר זענען מחויב צו שאַפֿן אַ דיאַלאָג מיט דער דרויסנדיקער וועלט וועגן די יסודות־דיקע פֿראַגן, וועלכע אינטערעסירן די גאַנצע מענטשהייט און זענען גלייכצייטיק גורלדיק פֿאַר דער עקסיסטענץ פֿון ייִדישן פֿאָלק.

די צווייטע גרויסע פֿראַגע איז געווען (און איז דערפֿאָלגרייך באַהאַנדלט געוואָרן): די צוקונפֿט פֿון מדינת ישׂראל און דאָס אידענטיפֿיצירן זיך מיט די הויפּט־פּראָבלעמען פֿון ישׂראל צו פֿאַרזיכערן איר קיום און המשך. דאָ, אין וואַשינגטאָן, איז געקומען צום אויסדרוק די פּאָליטיק ייִדישע סאָלידאַריטעט מיט מדינת ישׂראל, וואָס איז אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיטן גורל פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק און דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס האָט זיין שטעלונג אין דעם פּרט זייער בולט אונטערגעשטראָכן.

דאָס דריטע גרויסע פּראָבלעם, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר די דעבאַטן פֿונעם ראַט אין וואַשינגטאָן, איז געווען: ווי אַזוי צו באַקעמפֿן דעם גרויסן גייסטיקן קריזיס אין ייִדישן פֿאָלק. אָבער די אַסימילאַציע און די אָפּפֿרעמדונג, דאָס אַנט־לויפֿן פֿון אונדז פֿון גרויסע טיילן פֿונעם יונגן און אינטעלעקטואַלן דור — די פֿראַגן האָבן נישט פֿאַרנומען דעם אויבנאָן פֿון דער דעבאַטע. ס'זענען געווען פֿיל באַריכטן וועגן דער לאַגע פֿון ייִדן אין פֿאַרשיידענע לענדער און אין פֿאַר־שיידענע קהילות; געווען אויך פֿיל עמאָציאָנעלע מאָמענטן ביי די פֿאַרשטייערס פֿון דער שארית הפּליטה, פֿון מזרח־אייראָפּע, פֿון מאַראָקאָ, לאַטיין־אַמעריקע, ווי אויך פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אויסטראַליע, דרום־אַפֿריקע און אַנ־דערע ערטער. באַריכטן קענען אָבער נישט פֿאַרבייטן קיין ערנסטע דעבאַטע, וואָס דאַרף פֿעסטשטעלן די וועגן ווי אַזוי צו פֿאַרבעסערן די צוקונפֿט. אין דעם זין האָט די וואַשינגטאָנער אַסיפֿה דורכגעלאָזט אַ וויכטיקע געלעגנהייט.

אַוודאי קען דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס נישט זיין דער אויספֿירער פֿון די אַלע אַקטיוויטעטן כּדי צו ראַטעווען אונדזער דור פֿון גייסטיקן אומקום, פֿון דער וואַקסנדיקער אַסימילאַציע. דאָס דאַרף געטאָן ווערן מיט די איבעריקע שותּפֿים: מדינת ישׂראל און די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג. אָבער דער חוב פֿון דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס איז געווען צו אַלאַרמירן די ייִדישע עפֿנטלעכע מיינונג וועגן דעם אַלעמען וואָס עס קומט פֿאַר אינעם ייִדישן פֿאָלק. אַזאַ שאַרפֿע און ערנסטע באַהאַנדלונג פֿון דער פֿראַגע וואָלט זיכער אַ סך בייגעטראָגן צום זוכן מיטלען צו אַ לייזונג. דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס דאַרף קודם כּל זיין דער געטרייער פֿאַרשטייער פֿון ייִדישן פֿאָלק און אין דעם דאַרף ער אַריינלייגן זיין הויפּט־אָנשטרענגונג. אַן אָפּגעשוואַכט ייִדיש פֿאָלק איז אַ סכּנה פֿאַר אונדזער צוקונפֿט און איז אויך אַ סכּנה פֿאַר מדינת ישׂראל.

באַלד ביים אָנהייב פֿון דעם ראַט אין וואַשינגטאָן האָט דער פּרעזידענט פֿון קאָנגרעס, ד״ר נחום גאָלדמאַן, האַלטנדיק זיין אָפּשייד־רעדע געגעבן דעם ריכטיקן טאָן. ער האָט ריכטיק געזאָגט, אַז די גרעסטע געפֿאַר פֿאַר ייִדן היינט צו טאָג איז

די אינערלעכע עראָזיע (די אַסימילאַציע) אין ייִדישן פאָלק. דער פאַקט איז, אַז וואָס מער מיר האָבן זיך אַקלימאַטיזירט אין דער קולטור פון פאַרשיידענע לענדער, אַלץ מער האָבן מיר פאַרלוירן אונדזער נאַציאָנאַלן פּרצוף. די לאַגע ווערט ערגער פון יאָר צו יאָר. דער ריכטיקער טאָן פון ד״ר גאָלדמאַן האָט געפאָדערט אַן ערנסטן מיינונגס־אויסטויש, כּדי צוצוגרייטן פּלענער אויף צו סאַנירן די לאַגע, אויף אויפצופאָדערן אַלע צענטראַלע כּוחות אין ייִדישן פאָלק זיך צו מאָביליזירן קעגן דעם גייסטיקן חורבן וואָס דראָט אונדז.ליידער איז צו קיין המשך פון ד״ר גאָלדמאַנס געדאַנקען נישט געקומען. דאָס האָט אויף דער וואַשינגטאָנער פאַרזאַמלונג געפעלט.

די פראַגע שטייט אָבער ווייטער אין צענטער פון אונדזער לעבן און מיר מוזן צוריקקומען צום זוכן וועגן, כּדי אַרויסצופירן דאָס ייִדישע פאָלק פון דער שרעקלעכער לאַגע. די אימפּאָזאַנטקייט פון דער גרויסער ייִדישער קאָנפערענץ אין וואַשינגטאָן וועט דאָן זיין בארעכטיקט, אויב דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס וועט נישט בלייבן אין אַ צווייטראַנגיקער ראָל אין דער גרויסער אויפגאַבע.

אין וואַשינגטאָן איז אויך געקומען צום סוף די תּקופה פון דער לאַנגיאָריקער פּירערשאַפט פון ד״ר נחום גאָלדמאַן. אַ גרויסער ייִדישער מנהיג איז ער, טראָץ אַלע זיינע קאָנטראָווערסאַלע האַנדלונגען, געבליבן איינער פון אַן אויסדערוויילטן דור. עדר נייער פּרעזידענט פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, פיליפּ קלאָצניק, וועט, אָן ספק, אריינברענגען זיין אייגענעם טאָן, זיין צוגאַנג און ער איז פעיִק צו ברענגען דער ייִדישן וועלט־קאָנגרעס צו נייע פאַרמעסטן. מיר זענען איבערצייגט אַז קלאָצניקס קומען וועט ברענגען מיט זיך אַ פאַרשטאַרקונג פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, לאָיאַליטעט און איבערגעגעבנקייט צו מדינת ישׂראל און געוואַגטע שריט צו פאַרזיכערן די לאַגע פון ייִדישן פאָלק.

מען קען זאָגן, אָן איבערטרייבונג, אַז דער סך־הכּל פון דער וואַשינגטאָנער אַסיפה איז געווען אַ וויכטיקער און אַז זי וועט אָפּמערקן אַ נייַ קאַפּיטל אינעם לעבן פון דער גרויסער ייִדישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

נאָוועמבער 1977

בית לוחמי הגיטאות — אַ הויז וואָס יעדער דאַרף באַזוכן

כ׳בין זייער דאַנקבאַר מיינע פריינד וועלכע האָבן מיך געבראַכט צום באַזוכן דעם בית לוחמי הגיטאות. ס׳איז געווען אַ טיפע עמאָציאָנעלע און מענטשלעכע דער־שיטערונג צוצוזען דאָס אַלץ, וואָס די צעבושעוועטע מענטשן־חיות האָבן אָפּ־געטאָן דעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום.

עטלעכע קילאָמעטער נאָך דער שטאָט עכּו האָט פאַר אונדז פון דער ווייטנס בולט אַרויסגעשטראַלט אַ גרויס הויז — דאָס הויז פון די געטאָ־קעמפערס „בית לוחמי הגיטאות", אויפן נאָמען פון אומפאַרגעסלעכן גרויסן דיכטער פון דער שואה, יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער איז אומגעקומען אין אוישוויץ אין חודש מאַי 1944. דאָס הויז האָט פאַר אַ ציל צו פאַראייביקן פאַר אונדזער דור און פאַר די קומענדיקע דורות דעם חורבן פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום. ס׳איז שווער איבערצוגעבן און צו באַשרייבן דאָס, וואָס כ׳האָב געזען און געפילט בשעת כ׳האָב דאָרט באַזוכט דעם גרויסן מוזעאום. מען מוז אַליין דאָרט זיין, כּדי צו באַקומען אַן אָנונג וועגן דעם אַלעמען, וואָס איז קאָנצענטרירט אין בית לוחמי הגיטאות.

מיט רעכט ווערט אָפּט באַטאָנט, אַז די שואה־תּקופה דאַרף דינען אַלס אַ דער־ציִערישער פאַקטאָר פאַר אונדזער צייט, בעיקר פאַרן ייִנגערן דור, ער זאָל נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס דער נאַצי־עמלק האָט אונדז געטאָן און לערנען פון דעם די נייטיקע מסקנות. פאַר דעם באַזוכער פונעם בית לוחמי הגיטאות באַקומט די דאָ־זיקע שטעלונג אַ ממשותדיקן אינהאַלט.

גוט האָבן געטאָן די בויערס פונעם הויז וואָס זיי האָבן אַריינגעפירט דעם באַזוכער אין דער אַטמאָספער פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום דורך באַווייזן ערשטנס, ווי ס׳האָט אויסגעזען דאָס נאָרמאַלע יידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע און דערנאָך ווי ס׳האָט אויסגעזען די חורבן־תּקופה. ס׳איז אַ דערשיטערנדיק בילד.

אָט זעט איר אין אַ באַזונדער צימער דאָס פולסירנדיקע לעבן פון יידישן שטעטל אַלקעניק אויף אַלע געביטן. כ׳באַטראַכט אַלקעניק און פאַר מיינע אויגן לויפן פאַרביי אַזעלכע ענלעכע יידישע שטעטלעך פון מיין יידישער בעסאַ־ראַביע, ווי: ראָמאַנאָווקע, מאַרקולעשט, קאַלאַראַש און פיל אַנדערע. אַזוי האָבן אויסגעזען די הונדערטער און טויזנטער קליינע יידישע שטעטלעך. דאָס זענען געווען די הויפּט־זיילן פונעם פולסירנדיקן פולן יידישן לעבן אין דעם טייל פון דער וועלט, וואָס האָט פאַרגעשטעלט די אויטענטישקייט פון אונדזער יידיש פאָלק.

ביי יעדן בילד און ביי יעדער זאַך וואָס געפינט זיך אין דער אויסשטעלונג זענען פאַראַן קליינע שילדן מיט אויפקלערונגען אין דריי שפּראַכן: עברית, ייִדיש און ענגליש און ס'ווערט געזען אין אַלע טיילן פון גרויסן מוזעאום פון בית לוחמי הגיטאות.

קעגן איבער דעם אַלקעניק־צימער געפינט זיך דאָס אויסשטעלונג־צימער, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די ייִדישע ווילנע אין דער צייט פון איר בלי ביז די טעג פון פאַרניכטונג. ווען דו באַטראַכסט די איינצלנע טיילן אינעם ווילנער־צימער, מיט דער גרויסער גאַלעריע פון רבנים, פּערזענלעכקייטן, סופרים און געזעלשאַפט־לעכע טוערס, ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און די דאָקומענטן פון וויכטיקע געשעענישן — פאַרשטייסטו דעם זין און דאָס רעכט פאַר וואָס ווילנע האָט באַקומען דעם נאָמען „ירושלים דליטא". אַגב איז די אויסשטעלונג פון ווילנע, פּונקט ווי די אַנדערע טיילן פון מוזעאום, אַזוי געבויט, אַז אויסער די קורצע דריי־שפּראַכיקע אויפקלערונגען איז אַלץ אַזוי בולט און ס'דערשיינט פאַר דיר די גאַנצע געשטאַלט פון דער גרויסער ייִדישער ווילנע. דיינע בליקן זענען ווי צוגעקאָוועט צו יעדן טייל פון דער אויסשטעלונג, וואָס ווייזט ווו און ווי ס'האָט אַמאָל פּולסירט אַזאַ גרויס ייִדיש לעבן, וואָס איז אַזוי אַכזריותדיק פאַרניכטעט געוואָרן.

ווען מען פירט אונדז אַריין פונעם שטאָק ווו ס'ווערט פאַרגעשטעלט דאָס אַמאָליקע מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע לעבן אין אַ צווייטן שטאָק, וואָס שטעלט פאַר די שואה־תקופה, נעמט דיך אַרום אַ שוידער. דאַכט זיך, אַז דו ווייסט, דו האָסט שוין געזען אין אַנדערע פּלעצער עפּעס ענלעכס, אָבער ווען דו קומסט אַריין אין די צימערן ווו מען ווייזט די מעטאָדן און כלים פון דער פאַרניכטונג פון די ייִדן, האָסטו דאָס געפיל אַז דו לעבסט אַליין איבער די אַלע גרוילן. אָט איז דער מאָדעל פון טרעבלינקע, מיט אַלע איינצלהייטן, ווייטער זעסטו אויף אַ גאַנצער וואַנט אַן עלעקטראָנישע מאַפּע פון די נאַצישע אומצאָליקע צוואַנג־מחנות און פאַרניכטונגס־פּלעצער פאַר די ייִדן, וועלכע זענען צונויפגעטריבן געוואָרן פון אַלע טיילן פון מזרח־ און אויך פון מערב־אייראָפּע. אין די ווינקלען פון די גרויסע צימערן זעסטו אינסטרומענטן, כלים, מלבושים פון די רוצחים, דאָס אַלץ כדי בולטער מסביר צו זיין ווי דאָס איז געשען.

אין אַ באַזונדער צימער ווייזט מען דעם חורבן פון וואַרשע. די עלעקטראָנישע מאַפּע פון וואַרשעווער געטאָ ווי אויך פון געטאָ־ווידערשטאַנד שטרייכט אונטער אַלץ אַזוי אויספירלעך. ס'איז שרעקלעך זיך פאַרצושטעלן, ווי אַזוי ס'האָט געקענט פאַרקומען אַזאַ אויפשטאַנד קעגן דער בעסטיאַלישער מאַשין פון די נאַציס. אָבער אויך אַ טיף געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ באַהערשט דיך ווען דו קוקסט זיך צו צום חורבן און אויפשטאַנד פון וואַרשע.

מיר גייען איבער אַ גאַנצער ריי אַנדערע צימערן, ווו ס'ווערט געוויזן די שוידערלעכע באַציונג פון די נאַציס צו די ייִדן ביז צו דער פאַרניכטונג. ס'איז

שווער צו באַנעמען, ווי האָט זיך געגומען ביים ביזן האַלדז געגרודעפּטן ייִדן, דער דאַזיקער געניוס ממשיך צו זיין זיין גייסטיקע שאַפֿונג אַפֿילו אין אָט די גיהנום־באַדינגונגען. נישט נאָר יצחק קאַצענעלסאָן האָט געשריבן זיינע גרויסע ווערק וועגן אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק; דו שטויסט זיך אָן אויף אַנדערע שאַפֿונגען, טאָג־ביכער, צייכענונגען, בילדער, וועלכע ברענגען אַרויס ווי דער ייִדישער גייסט האָט זיך געראַנגלט און נישט געוואָלט נאָכגעבן אַפֿילו אין די סאַמע שרעקלעכסטע שעהען פֿון זיין עקזיסטענץ.

נישט איך נעם מיך אונטער, נישט איך האַלט עס פֿאַר דעם פּאַסיקן פּלאַץ אין אַ קורצן אַרטיקל אַרומצונעמען יעדן פּרט פֿון דעם גרויסן אויפֿטו פֿון בית לוחמי הגיטאָות. מיין כּוונה איז געווען בעיקר צו באַטאָנען, אַז מען מוז דאָס דאָזיקע הויז זען, ווייל וועגן מען זעט עס, דאַן פֿאַרגעסט מען עס נישט און ס'איז אַ חוב, אַז אונדזער יונגער דור זאָל דאָס אַלץ זען און לערנען. דער שטילער און איידעלער צ ב י ש נ ע ר פֿון בית לוחמי הגיטאָות, וועלכער האָט אונדז באַגלייט און געגעבן די אויפֿקלערונגען, האָט דערציילט וועגן דעם טיפֿן איינדרוק, וואָס בית לוחמי הגיטאָות מאַכט אויף די טויזנטער יוגנטלעכע, צה"ל־זעלנער, וועלכע קומען דאָ אַהער באַזוכן און ווערן טיף באַווירקט. אויב ס'זענען פֿאַראַן אינסטיטוציעס אָדער קולטור־הייזער, וועלכע העלפֿן פֿאַרזיכערן ייִדישן המשך, שטאַרקן ייִדישן מוט — שטייט צווישן זיי בית לוחמי הגיטאָות אויף איינעם פֿון די ערשטע ערטער.

מיר האָבן דערמאָנט בלויז אַ טייל פֿון בית לוחמי הגיטאָות. כּדאַי צוצוגעבן אַז דאָ איז אויך פֿאַראַן אַ וויכטיקער אַרכיוו און אַ דאָקומענטן־אָפּטיילונג וועגן די שואה־תּקופֿה מיט העכער 30 טויזנט דאָקומענטן, פֿילמען פֿון יעדער תּקופֿה. ס'איז אויך פֿאַראַן די רייכסטע שואה־ביבליאָטעק, וווּ דו קענסט געפֿינען די סאַמע וויכטיקסטע ווערק אויף דעם געביט אין עטלעכע שפּראַכן.

די לייטונג פֿון בית לוחמי הגיטאָות האָט גענומען אַ זייער גוטע איניציאַטיוו: אַרויסגעבן אַ סעריע ביכער (צווישן זיי אויך אין ייִדיש) וועגן דער שואה־תּקופֿה. זיי האָבן אַרויסגעגעבן די ווערק פֿון דעם גרויסן פּעדאַגאָג, דעם קדוש יאַנוש קאָרטשאַק, וועלכער איז טריי געבליבן זיינע ייִדישע שילערס און מיט זיי מיטגעגאַנגען אין פֿאַרניכטונגס־לאַגער. אַ ווונדערלעכע איניציאַטיוו איז אויך דאָס אַרויסגעבן אַ סעריע פֿילמען וואָס נעמען אַרום די שואה־תּקופֿה. דער ערשטער שוין דערשינענער פֿילם — „די 81סטע מכּה" — האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג און איצט האַלט מען אין צוגרייטן נאָך צוויי פֿילמען. דאָס אַלץ באַווייזט וויפֿל דינאַמיק און איניציאַטיוו עס ליגט אין דעם הויז.

די עטלעכע טיף איינדרוקספֿולע שעהען האָבן מיר פֿאַרענדיקט מיט אַ קורצן שמועס מיט דעם מענטשן, וואָס שטייט אין שפּיץ פֿון בית לוחמי הגיטאָות, דאָס איז דער לעגענדאַרער אַ נ ט ע ק (יצחק) צוקערמאַן. שוין פֿון ערשטן

מאָמענט פון שמועס פילסטו, אַז ער לעבט מיט דעם הויז, מיט דער שליחות פון דעם הויז, מיט יעדן אויסדרוק זיינעם, פול מיט וויזיע און ווייטערדיקע פּלענער צו דערגאַנצן און אויסברייטערן די גרויסע אויפגאַבן וואָס שטייען פאַר בית לוחמי הגיטאות.

אין דער צייט ווען אַנטעק האָט גערעדט מיט אַזוי פיל געפיל און אימפּעט, איז געשטאַנען פאַר מיר די עלעקטראָנישע מאַפּע אין צימער פון וואַרשעווער געטאָ, ווו פריער מיט אַ שעה האָט מען אויסגעהערט די אַלע אויפקלערונגען פון אויפשטאַנד און מען האָט אָנגעוויזן מיט קליינע רויטע לעמפּעלעך, די בונקערס אין וועלכע די לעצטע קעמפערס פון געטאָ־אויפשטאַנד, צווישן זיי אויך אַנטעק צוקערמאַן, צביה לובעטקין (וואָס איז אויך צווישן די בויערס פון דעם דאָזיקן הויז), זענען כמעט ביזן לעצטן מאָמענט געשטאַנען אין פייער פון אויפשטאַנד. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ ריירנדיק בילד.

כ׳האָב געטראַכט, אַז ס׳איז נישט קיין צופאַל וואָס די בויערס פונעם הויז האָבן אַריינגעלייגט אַזוי פיל מסירות נפש, טאַלענט און ליבע. זיי זענען דאָך אַלע געווען קינדער פון פוילן, פון וואַרשע, פון ווילנע און פון אַנדערע פאַרשיידענע פוילישע שטעט און שטעטלעך, און האָבן אַליין איבערגעלעבט אָט די שרעקלעכע חורבן־תקופה.

זיי איז געלונגען אָנצוצינדן אַ גרויסן פאַקל, וואָס מאַכט אויפציטערן ייִדישע הערצער.

אָקטאָבער 1977

ב.

מיט יידן אין פארשידענע גלותן

- — אויף די וועגן פונעם מערב־איירָאפּעישן יידנטום
- — אַ יידישע פּייערונג אין בוקאַרעשט (סעפּט. 1972)
- — מיט יידן אין יאַס
- — אויף די שליאַכן פון יידישן גלות
- — מיט יידן אין טעהעראַן
- — מיט יידן אין שוועדן
- — מיט יידן אין בוענאָס־איירעס
- — וואָלקנס איבער יידישע קהילות (מיט יידן אין יאָהאַ־נעסבורג)
- — מיט יידן אין בוקאַרעשט
- — מיט יידן אין מעקסיקאָ
- — 70 יאָר זינט דעם קעשענעווער פּאָגראָם

אויף די וועגן פונעם מערב־אייראָפּעיִשן ייִדנטום

אין נאָוועמבער־דעצעמבער 1968 האָב איך באַזוכט זעקס לענדער אין מערב־אייראָפּע און זיך באַגעגנט דאָרט מיט פֿאַרשיידענע ייִדן. דאָס מאָל האָב איך גע־פּרוּווט זיך נישט צו באַגרענעצן צו קאָנטאַקטן בלויז מיט חברים פֿון דער באַוועגונג. כ׳האָב געוואָלט אַריינבליקן אינעם אַלגעמיינעם ייִדישן תּחום, כּדי דאָס בילד זאָל זיין אַ ברייטערס. און כ׳האָב דערזען, אַז דאָס ליכט אַז די שאָטנס — פֿון איין זייט ווי אַזוי עס שטאַרקט זיך די צוגעבונדנקייט צו ישׂראל און ס׳וואַקסט דער ווילן צו עליה, פֿון דער צווייטער זייט, ווי עס האַלט זיך אין אויסברייטערן צווישן אַ טייל פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ און צווישן די סטודענטן דאָס גע־פֿיל פֿון פֿיינטשאַפֿט צו ישׂראל און צום ייִדנטום.

אַ נייער שטויס צו עליה

מ׳מוז מודה זיין, אַז זינט דער זעקסטאָגיקער מלחמה לאָזט זיך אינעם מערב־אייראָפּעיִשן ייִדנטום מערקן אַן ערנסטע און וועזנטלעכע ענדערונג אויפֿן געביט פֿון עליה. עפּעס האָט זיך אַ ריר געטאָן. די צאָל פֿון די פּאָטענציעלע עולים איז גרעסער ווי די, וואָס איז געוועזן פֿאַרויסגעזען און נעמט אַרום נישט נאָר ייִדן לעצטנס צוגעקומענע פֿון די עקזיסטירנדיקע קהילות, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס זענען אין זיי פֿאַרוואָרצלט שוין פֿון דורות. אין פֿראַנקרייך, למשל, איז פֿאַראַן אַ נייגונג צו עליה בעיקר צווישן די אָפּשטאַמיקע פֿון צפֿון־אַפֿריקע, וואָס האָבן, נישט געקוקט אויף אַלע פֿאַרלייכטערונגען פֿון וועלכע זיי האָבן גענאָסן ביים איינגלידערן זיך אין פֿראַנקרייך, דאָך זיך אין גאַנצן נישט איינגעוואָרצלט. פֿון דער אַנדערער זייט מערקט זיך צווישן דעם אויטאָכטאָנעם ייִדנטום, וואָס לעבט שוין אין פֿראַנקרייך לאַנגע דורות, אַן אויפֿטרייסלונג אין זיין געפֿיל פֿון אַליינ־זיכערקייט. אַזוי ווי דאָס ייִדנטום אין דער גאַנצער וועלט האָט אויך דאָס ייִדנטום אין פֿראַנקרייך באַקומען אַ שאָק אין די טעג פֿון דער זעקסטאָגיקער מלחמה. דאָ איז נאָך אָבער צוגעקומען די אויפֿרודערונג, וואָס עס האָבן גורם געווען דע־גאָלס רייד, ווען ער האָט געשטעלט אונטער אַ פֿראַגעצייכן דעם פּאַטריאָטיזם פֿון די פֿראַנצויזישע ייִדן און אָנגעהאָנגען אין זיי דעם „חטא״ פֿון „טאָפּלטער לאָיאַלי־טעט״. אין דער נאַטירלעכער, ספּאָנטאַנער רעאַקציע פֿון די פֿראַנצויזישע ייִדן איז געקומען צום אויסדרוק זייער ווילן נישט צו זיין קיין בירגער פֿון דער צווייטער קאַטעגאָריע. דער פֿאַרערגערטער ווירטשאַפֿטלעכער מצב פֿונעם לאַנד, וואָס איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פֿון די „סטודענטן־געשעענישן״ פֿון מאַי 1968, האָט אויך געשטאַרקט די עליה־טענדענצן צווישן די פֿראַנצויזישע ייִדן.

אויך אין ענגלאַנד איז די לאַגע היינט אַן אַנדערע ווי זי איז געווען. דער רוף פונעם קאָנסערוואַטיוון פּאַרלאַמענט־מיטגליד פּאַל העגאַק אָפּצושטעלן די אימגיראַציע קיין ענגלאַנד פונדי לענדער פון קאָמאַנוועלט האָט צעפּענטעט אַ כוואַליע פון נאַציאָנאַליזם צווישן די איינוווינער פון די בריטישע אינדזלען. כאָטש געמיינט זענען דאָ די „קאָלירהויטיקע”, איז נישטאָ קיין שום גאַראַנטיע, אַז אין דאָסוף געמומען זאָלן אויך יידן נישט געטראָפן ווערן. כ׳בין געווען אין לאָנדאָן פונקט דאַן, ווען ס׳איז דאָרט באַנייט געוואָרן דער פאָרשלאַג צו אָסרן די יידישע שחיטה. און דאָס דערשטויגענדיקע דערביי איז דער פאַקט, וואָס דער דאָזיקער פאָרשלאַג ווערט איצט געשטיצט אויך דורך די קרייזן, וועלכע האָבן זיך נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק אויסגעצייכנט מיט אַ פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע צו די באַזונדערע באַדערפענישן פונעם יידישן ישוב.

דער פּלאַן פון אַן „עליה־באַוועגונג”, וועלכן די ציוניסטישע אַרבעט־באַוועגונג האָט געבראַכט פאַרן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט אים אָנגענומען, האָט אומעטום געפונען אַ פּאָזיטיוון אָפּקלאַנג. אין דעם גרעסטן טייל לענדער פון מערב־אייראָפּע איז פאַראַן אַ ווילן אויפצושטעלן אַ באַזונדערע ראַם פאַר דער „עליה־באַוועגונג”. אין ענגלאַנד מערקט זיך אַן ערנסטער אָנהייב אויף דעם געביט. אין פראַנקרייך, ווו די עליה האָט לעצטנס דערגרייכט די צאָל פון דער פריִערדיקער עליה פון גאַנץ אייראָפּע, איז כדאַי אונטערצושטרייכן דעם לעצטנס געגרינדעטן קרייז, וואָס גרייט זיך אויפצושטעלן אין ישראל דעם מושב רמות מאיר, ווי אויך אַנדערע עולים־קרייזן. אויך אין ווין האָט זיך לעצטנס אָרגאַניזירט אַ גרופּע יונגע חברים פון אונדזער באַוועגונג צו עליה, צווישן די סטודענטן.

כדי צו פאַרמיידן פון אָט דער יונגער און צוזאַגנדיקער „עליה־באַוועגונג” די סכנה פון אַ לאַנד־פּאַרטיקולאַריזם, מוז וואָס שנעלער געשאַפן ווערן אַ צענטראַלע וועלט־אינסטאַנץ ביי דער יידישער אַגענץ אין ירושלים, וואָס זאָל האָבן די אויפזיכט איבער די טעטיקייטן פון די לאַנד־אָפּטיילונגען און טראָגן די אַחריות פאַר דעם, וואָס ווערט געטאָן אין יעדן לאַנד באַזונדער.

די לינקע אַנטי־ציוניסטישע קאָנצענטראַציע

אין דער לעצטער צייט זענען מיר עדות פון אַנטי־ישראַלדיקע איינשטעלונגען, וואָס נעמען אַרום באַדייטנדיקע טיילן פון דער יידישער סטודענטשאַפט און אינטעליגענץ אין מערב־אייראָפּע. אין בריסל, פּאַריז און לאָנדאָן האָב איך געלייענט בראָשורן, וואָס זענען געוואָרן אַרויסגעגעבן דורך יידישע סטודענטן און אינטעלעקטואַלן און אין וועלכע דאָס יידנטום ווערט באַשולדיקט אין רעאַקציע און סאָציאַלן רעגרעס; ישראל ווערט פאַרגעשטעלט ווי אַ פאַשיסטיש־מיליטאַריסטישע מדינה, וואָס פאַרכאַפּט געביטן מיט כוח און וועמעס ציל ס׳איז מלחמה. פאַרשטייט זיך, אַז די אַראַבער כאַפּן זיך אָן אין אַזאַ כשרע מציאה און ניצן זי אויס אין זייער גיפטיקער פּראָפּאַגאַנדע קעגן אונדז. אָט די באַנייטע לינקע אַנטי־

ציוניסטישע טעאָריעס דאַרפֿן מיר ערנסט אַנאַליזירן, ווייל זיי זענען נישט קיין פֿאַרבייגייענדיקע דערשיינונג. די אַנטיציוניסטישע איינשטעלונגען צווישן דער יִידי־שער אינטעליגענץ, אין אוניווערסיטעט־קאַמפּוסן און מחוץ זיי, כאָטש זיי נעמען נישט אַרום קיין גרויסע צאָל, שטעלן מיט זיך דאָך פֿאָר אַ ווירקזאַמען פֿאַקטאָר אין דער עפֿנטלעכער מיינונג. זיי ווערן אויך געשטאַרקט דערמיט, וואָס ס׳עקסיס־טירט נישט קיין ציוניסטישער קעגן־אָנגריף.

אידעאָלאָגיע — אַ נויטווענדיקייט

דאָס יאָר 1968 האָט באַוויזן ווי פֿאַלש ס׳איז די מיינונג, אַז די צייט פֿון אי־דעאָלאָגיע איז שוין פֿאַרביי. די אַלגעמיינע סטודענטן־אויפֿרודערונגען זענען אין תּוך געגנומען געווען אַן אידעיִשער געראַנגל. דער וויכּוח מיט די לינקע אַנטיציו־ניסטישע עלעמענטן דאַרף זיין באַזירט אויף אַ נאַציאָנאַל־סאָציאָלאָגיש און סאָ־ציאַליסטיש־אידעאָלאָגיש באַגרינדעטער אַרגומענטאַציע, אַן וועלכער ס׳קען בכלל נישט געמאָלט זיין קיין אידעיִשער דיאַלאָג מיט זיי. אַ פֿאַריזער פּראָפֿעסאָר, וועל־כער איז באַקאַנט פֿון זיינע פֿאַרבינדונגען מיט די לינקע גרופּירונגען, האָט מיר געזאָגט: „ס׳איז אוממעגלעך צו דערשיינען היינט צו טאָג אין די סטודענטן־קרייזן בלויז מיט נאַציאָנאַלע לאָזונגען. מ׳מוז אויך קומען מיט געזעלשאַפֿטלעך־סאָציאַלע ווערטן. די ציוניסטישע אַרבעט־באַוועגונג, וואָס האָט אויף איר פֿאָן אויפֿגעשריבן אחוץ נאַציאָנאַלע אויך סאָציאַלע ווערטן, האָט אַ מעגלעכקייט אויפֿצוטרעטן אין דעם דאָזיקן טאָפּלטן פֿאַרמעסט. מיר קענען זיך אויספֿלאַסטערן אַ וועג אַפֿילו ווען מיר זענען אַ קליינע מינדערהייט און דאָס דערפֿאַר, ווייל מיר קומען מיט סאָ־ציאַלע לאָזונגען״.

אין מילאַנאָ איז פֿאָרגעקומען די גרינדונג פֿון דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג. ס׳האָבן זיך אין איר באַטייליקט אַן ערך 40 מענטשן, דאָס רוב אינ־זשיניערן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן. אַלע האָבן זיי פֿאַרלאַנגט אַן אידעאָלאָגישן פּראָגראַם פֿון דער באַוועגונג, וואָס זאָל קענען דינען ווי אַ ווירקזאַם געצייג אין אונדזער געראַנגל קעגן די קעגנערס. „דער איצטיקער קריזיס אין דער וועלט איז דער עיקר אַן אידעאָלאָגישער, מוזן מיר דעריבער באַוואָפֿנט זיין מיט אידעאָלאָ־גישן כּלי־זין״. אָט די יִדישע אינטעלעקטועלע אין איטאַליע ווילן מיט אַלע זייערע כּוחות זיך קלאַמערן אין יִידנטום און טוען עס מיט דער הילף פֿון אַ פּראָגרעסיווער געזעלשאַפֿטלעכער פֿילאָסאָפֿיע.

אונדזער אויפֿקלערונג־אַרבעט איז ווייט נישט קיין באַפֿרידיקנדיקע, כאָטש ס׳ווערן געמאַכט אויף דעם געביט באַדייטנדיקע אָנשטרענגונגען. אָפֿט זענען די מעטאָדן נישט קיין צוגעפּאַסטע. אָפֿט איז פֿאַראַן אויפֿקלערונג־מאַטעריאַל אָבער ס׳פֿעלן אויפֿקלערערס. דער עיקר דאַרף פֿאַרשטאַרקט ווערן דער אידעאָלאָגישער אַספּעקט אין אונדזער אויפֿקלערונג.

ס׳איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז ס׳הערשן אין ישׂראל מיינונג־פאַר־שיידנקייטן וואָס שייך דעם וועג ווי אַזוי צו לייזן דעם אָנפליקט צווישן אונדז און די אַראַבער. לכל הפּחות כּלפּי חוץ יאָגן מיר זיך כּלל נישט פאַרצושטעלן אַ דעקלאַרירטע שטעלונג פון דער רעגירונג אין דעם ענין. אָבער דערוויל הערן זיך פאַרשיידענע מיינונגען, און אָט דער פּאָליטישער פּלוראַליזם איז גורם צו אַ פּאָליטישער צערודערונג. יידן אינטעלעקטועלע אין אייראָפּע, צווישן זיי אונדזערע פריינד, קומען אַרויס מיט טענות: „פאַר וואָס רעגט איר זיך אויף ווען מען זאָגט אויף אייך, אַז איר זענט אָקופּאַנטן? זענען עס דאָך חברים פון אייער פּאַרטיי, מיטגלידער פון דער ,באַוועגונג פאַר אַ גאַנץ ארץ־ישׂראל׳, וועלכע פאָדערן נישט אומצוקערן קיין איין שפּאַן ערד? ווי אַזוי שטימט אַזאַ צוגאַנג מיט אייער דער־קלערונג, אַז איר ווילט דערגרייכן אַ שלום?״ אין דער געשאַפענער לאַגע, איז אַבסאָלוט נייטיק, מיר זאָלן אונטערשטרייכן אונדזער שלום־פּאָליטיק, ווייל נאָר דאָס קען פאַרפעסטיקן אונדזער פּאָליטישע לאַגע. מיר מוזן דערשיינען ווי די, וואָס קעמפן פאַר שלום, פאַר אַ פעסטן שלום מיט פאַרזיכערטע און באַשטימטע גרענעצן. ס׳מוז אָבער אויך קלאָר ווערן פאַר אונדזערע פריינד און פאַר אונדזערע קעגנערס, אַז פאַר אַן אמתן שלום וועלן מיר זיין גרייט מוותר צו זיין אויף שטחים.

מיר מוזן דעריבער וואָס מער זיך באַמיִען אַריינצודרינגען אין די קרייזן פון די ייִדישע סטודענטן פון דער ייִדישער אינטעליגענץ, צווישן וועלכע עס ווירקט דער לינקער אַנטיציוניסטישער מיקראָב. די שוין איצט עקסיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס אונדזערע ציען נישט צו די דאָזיקע קרייזן. מיר קענען זיך נישט באַנוגענען מיט די „יאַנג פּועלי־ציון״ אין ענגלאַנד, מיט „בילו״, „עבודה״, „אהבת־ציון״ אין פראַנקרייך, „דרור״ אין בעלגיע אַזוי ווי זיי זענען. אויך נישט מיט די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין די לענדער.

מיר מוזן אויסברייטערן און פאַרטיפן זייערע טעטיקייטן און צופּאַסן זיי צו די נייע באַדערפעניש, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך אויפשטעלן נייע, באַ־זונדערע ראַמען, צוגעפּאַסטע צו אַ ספּעציעלער טעטיקייט צווישן אָט די אינטע־לעקטועלע קרייזן. מיר דאַרפן אָפּגעבן אַ סך אויפמערקזאַמקייט דעם שאַפן פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע סטודענטן־קעמערלעך אומעטום. מיר דאַרפן אויך אויסברייטערן די אָרגאַניזאַציע פון די „לייבאָר״־פריינד פון ישׂראל״ אין ענגלאַנד און שאַפן ענלעכע אין אַנדערע לענדער. ביי דעם וועלט־סעקרעטאַריאַט פון דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג מוז געשאַפן ווערן אַ באַזונדערע אָפּטיילונג, וואָס איר אויסשליסלעכע אויפגאַבע זאָל זיין זיך צו באַשעפטיקן מיט די דאָזיקע איצט וויכטיקע ענינים.

פּאַראַלעל מוזן מיר אויסברייטערן און פאַרטיפן אונדזערע פאַרבינדונגען מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין די פאַרשיידענע לענדער. די אָנפירערשאַפט פון די פּאַרטייען האָט אַן אינטערעס אין די דאָזיקע פאַרבינדונגען. דורך די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען קענען מיר ברענגען אונדזער וואָרט צו די פאָלקס־מאַסן

און געווינען פֿאַר אונדז ברייטע קרייזן פֿון דער יוגנט און פֿון דער פּראָגרעסי־ווער אינטעליגענץ. דערצו איז נייטיק צו שאַפֿן אין אייראָפּע אַ פּאָליטישע פֿאַר־בינדונג־ביוראָ, וואָס זאָל איר טעטיקייט פֿירן אין איינקלאַנג מיט די פּאַרטייען פֿון דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג אויף די ערטער.

„היאָס״ — אַ שטענדיקער פֿאַקטאָר

אין ווין האָב איך אָנגעטראָפֿן אויף אַ זאָרג־דערוועקנדיקע דערשיינונג וואָס שייך די ייִדן, וועלכע קומען דאָרט אָן פֿון מזרח־אייראָפּע. פֿאַרן ייִדישן פּליט פֿון מזרח־אייראָפּע שטייען אָפֿן צוויי עמיגראַציע־אַגענטורן: די ייִדישע אַגענץ פֿון איין זייט און „היאָס״ פֿון דער צווייטער זייט. דער זיכערקייט־צושטאַנד פֿון ישׂראל ווי אויך די קלאַנגען וועגן די שוועריקייטן וואָס עס שטייען פֿאַר אין ישׂראל די געמישטע פֿאַרלעך (זיי שטעלן מיט זיך פֿאַר אַ פֿערטל פֿון אַלע פֿאַמי־ליעס) — שרעקן אָפּ אַ סך עולה צו זיין. זענען דעריבער דאָ נישט ווייניק, וואָס לאָזן זיך פֿאַרכאַפּן דורך די לאָקנדיקע פֿאַרלייכטערונגען מצד „היאָס״. מיר פֿרע־דיקן נישט קיין אויפֿגעצוווּנגענע עליה קיין ישׂראל, האָלטן אָבער, אַז ישׂראל מוז געשטעלט ווערן אין דער ערשטער ריי. און ס׳איז קיין ספֿק נישט, אַז דער עצם פֿאַקט, אַז ס׳עקסיסטירט דאָרט „היאָס״, שטעלט מיט זיך פֿאַר אַ שטערונג אויפֿן וועג פֿון די עולים קיין ישׂראל. מ׳דאַרף אַוועקשטעלן די פֿראַגע אין איר גאַנצער האַרבקייט און איך מיין, אַז ס׳זענען דאָ אויסזיכטן דער מצב זאָל געענדערט ווערן. מ׳טאָר נישט מוותּר זיין אויפֿן זכות פֿון מדינת ישׂראל, אויף דעם, אַז עליה זאָל האָבן דעם פֿאָרצוג פֿאַר עמיגראַציע סתּם.

די גלוסטונגען נאָך ציון

אינעם פּליטים־לאַגער שיינאַו, וואָס געפֿינט זיך אַ האַלבע שעה פֿון ווין, האָב איך געהאַט אַן אומפֿאַרגעסלעכע איבערלעבונג. כ׳האָב בייגעוווינט ווי ס׳איז אָנ־געקומען אַ גרופּע פֿון 14—16 ייִדן פֿון אַ לאַנד אין מזרח־אייראָפּע, צווישן זיי איז געווען אַן אַלמנה מיט צוויי קינדער. די פֿרוי איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און האָט געוויינט פֿון גרויס גערירטקייט. כ׳בין צוגעגאַנגען צו איר און פֿאַרפֿירט מיט איר אַ שמועס. פּלוצעם האָט זי מיר אַ זאָג געטאָן, אַז זי וויל מיר עפּעס ווייזן. זי האָט אַרויסגענומען פֿון איר רייזע־טאַש אַ פּליטע, אויף וועלכער ס׳זענען אויפֿגענומען געוואָרן די רייד פֿון איר פֿאָטער ווען ער האָט זיך מיט איר גע־זעגנט און איר צוגעוווּנטשן צו איר עליה. די דאָזיקע רירנדיקע ווערטער פֿון טאַטן צו דער טאָכטער, ווערטער, וואָס זענען דורכגעזאַפּט געווען מיט משיחישע גלוס־טונגען צו גאולה, האָבן מיך ביז צום גרונט דערשיטערט. מ׳האָט אַרויסגעהערט פֿון זיי עפּעס ווי אַ בת־קול פֿון אַט דעם צום שווייגן פֿאַרמשפּטן ייִדנטום, וואָס וואַרט אויף שיבת ציון.

יאַנואַר 1969

אַ ייִדישע פּייערונג אין בוקאַרעשט

רומעניע, ווי אַ סאָציאַליסטיש לאַנד אין מזרח־אייראָפּע, האָט איר אייגענעם וועג. פּונקט ווי זי האָט זיך אין איר אויסערן פּאָליטיק אויסגעפּלאַסטערט אַן אייגענעם צוגאַנג און אַן אייגענע שטעלונג, אַזוי האָט זי אויך בנוגע אייניקע אינערלעך געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פּאַרפּיקסירט אַ באַזונדערע האַלטונג.

למשל, אין איר שטעלונג צו די פאַרשיידענע רעליגיעזע גרופּעס אין לאַנד: קאַטוילישע, פּראַוואָסלאַוונע, ייִדישע און אַנדערע — איז פאַראַן אַ קלאָרע מאָטיווירונג, אַז דער סאָציאַליסטישער רעזשים דאַרף דערמעגלעכן אַ פרייען רעליגיעזן קולט פאַר די דאָזיקע גלייביקע בירגער וועלכע ווילן אים אויפהאַלטן. די רעגירונג זעט אין דעם נישט קיין שום סתירה צום עקזיסטירנדיקן רעזשים און האַלט, אַז אויך ווען מ׳איז רעליגיעז קען מען זיין אַ לאָיאַלער בירגער.

אויפן יסוד פון אָט דער איינשטעלונג קען מען זען אויך ביי דער ייִדישער מינדערהייט אין רומעניע אַ באַדייטנדיקן פאַרשריט אינעם פּראָצעס פון אויפהאַלטן דאָס ייִדישע רעליגיעזע לעבן וואָס איז מער ווי דאָס בלויזע באַפרידיקן די רעליגיעזע הצטרכותן, נאָר באַשטייט אויך אין דעם פאַרזעצן געוויסע ייִדישנאַציאָנאַלע ווערטן, ווייל אונדזער רעליגיעז לעבן איז געבונדן מיט אונדזערע נאַציאָנאַלע ווערטן.

וועגן די פייערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען סוף יולי 1972 אין בוקאַרעסט, אין צוזאַמענהאַנג מיטן 60סטן געבוירן־טאָג פון הרב ד״ר משה ראָזען (וועלכער איז אויך דער פאָרזיצער פון דער פעדעראַציע פון די ייִדישע קהילות אין רומעניע) קען מען אָן איבערטרייבונג זאָגן, אַז זיי זענען געווען נישט בלויז אַ שׂמחה און דאַנק פאַר אַ יחיד, נאָר זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויס געשעעניש פאַרן אָרטיקן ייִדישן יישוב. ווער ס׳איז געווען אין רומעניע וועט מודה זיין אַז אַ דאַנק הרב מ. ראָזען איז צושטאַנד געקומען אַן אימפּאָזאַנטער ייִדישער צוזאַמענטרעף מיט פאַרשטייערס פון ייִדישע קהילות און ייִדישע אָרגאַניזאַציעס פון 11 לענדער: צווישן זיי פון מדינת ישׂראל, פאַראייניקטע שטאַטן, פון מערב אייראָפּע (אונגאַרן און יוגאָסלאַוויע), וועלכע זענען געקומען נישט נאָר אָנטיילנעמען אין דער שׂימחה, נאָר אויך זען און הערן וואָס עס טוט זיך אינעם ייִדישן לעבן אין רומעניע.

די וואָס האָבן אָרגאַניזירט די פייערונגען האָבן אַרויסגעוויזן פיל טאַקט און שׂכל ווען זיי האָבן באַשלאָסן, אַז פאַר דער אָפיציעלער פייערלעכקייט־צערעמאָניע זאָל מען דערמעגלעכן די געסט פון אויסלאַנד זיך צו טרעפן מיט פאַרשטייערס

פֿון דער אָרטיקער פֿעדעראַציע און זיך באַקענען מיט דער לאַגע פֿון די דאָרטיקע ייִדישע קהילות.

ס׳איז געווען זייער טרעפֿלעך דער געדאַנק צו באַזוכן די תּלמוד תּורהס וועל־כע פֿונקציאָנירן אין נאָמען פֿון דער פֿעדעראַציע, אין 23 קהילות אין אַלע טיילן פֿון רומעניע. אין בוקאַרעשטער תּלמוד תּורה האָבן מיר זיך געטראָפֿן מיט אַ סך ייִנגערע און עלטערע תּלמידים, סיי מיט אָנפֿאַנגערס און אַזעלכע וואָס קענען פֿרעגן ערנסטע פֿראַגן וואָס שייך תּנ״ך, סיי אויך מיט קינדער וועלכע זענען ווייט פֿון יעדער טראַדיציע און באַקומען דאָ דאָס עלעמענטאַרסטע וויסן פֿון ייִדישקייט און אַן אָנהייב פֿון אַ ווילן צו אַ ייִדישן המשך. ס׳איז טאַקע געווען זייער רירנדיק ווען אין דער אָפֿיציעלער פֿייערונג אין דער גרויסער כאָר־שול, האָט איינער פֿון די עלטערע תּלמידים אין זיין באַגריסונג, אויסגעדריקט זיין דאַנק צום הרב ראָזען פֿאַר זיינע באַמיִונגען, אַז די תּלמוד תּורה זאָל עקזיסטירן. עפּעס אַ ייִדישער ניצוץ האָט אונדז געוואַרעמט ביים באַזוכן די תּלמוד־תּורהס. אַוודאי איז דאָס וואָס מיר האָבן געזען נאָך זייער באַשיידן. מען דאַרף אָבער נישט פֿאַרגעסן און נעמען אין באַטראַכט די באַדינגונגען אין וועלכע עס ווערן געפֿירט אָט די דער־ציִונגס־אַרבעט.

די פֿעדעראַציע פֿון די קהילות וואָס זאָרגט פֿאַרשטענדלעך, אין דער ערשטער ריי, פֿאַר אַלע רעליגיעזע הצטרכותן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, האָט אויך אין די לעצטע יאָרן אַנטוויקלט אַ פֿאַרצווייגטע סאָציאַלע הילף. ס׳זענען אויפֿ־געשטעלט געוואָרן כּשרע קאַנטינעס, ווו עס ווערן סערווירט מאָלצייטן פֿאַר העכער 700 מענטשן טעגלעך. אַ גרויסער טייל נויטבאַדערפֿטיקע ווערן סערווירט אויפֿן חשבון פֿון דער קהילה און אַ טייל באַקומען מאָלצייטן צו זייער צוגענגלעכע פּרייזן. אַלץ איז דאָ אייגנגעאָרדנט אַזוי, אַז אַפֿילו דער וואָס קען נישט צאָלן וועט נישט אויסגעטיילט פֿון דעם וואָס צאָלט. גוט האָט מען געטאָן וואָס אַלע געסט און צווישן זיי די וויכטיקע רבנים פֿון אויסלאַנד האָבן צוזאַמען געגעסן אין דער זעלבער קאַנטינע.

נאָך דעם זענען מיר פֿאַרבעטן געוואָרן צו באַזוכן די פֿאַרשיידענע שולן ווו ייִדן דאַווענען. אין אַ טייל פֿון זיי איז ניכּר פֿאַרלאָזנקייט. אַנדערע ווערן גוט אָפּגעהיט.

בוקאַרעסט פֿאַרמאָגט אַ סך שולן, בעיקר אין דער אַמאָליקער ייִדישער געגנט וואַקערעשט. ביים באַזוכן די שולן אויפֿן נאָמען פֿון מלבי״ם דערמאָנען מיר זיך אין דער גרויסער פּלוגתּא וואָס איז אַמאָל אָנגעגאַנגען צווישן די בוקאַרעסטער ייִדן און דעם גרויסן גאון וועלכער איז געווען געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן די קהילה. אַ טייל פֿון די בוקאַרעסטער ייִדן האָבן אַרויסגעוויזן געוואַלדיקע חוצפּה כּלפּי דעם רבֿ. דער מלבי״ם האָט זיי אָבער באַצאָלט ווי עס געהערט צו זיין. עס איז דערביי זייער אינטערעסאַנט אַז די בוקאַרעסטער קהילה וויל נישט איבעררייסן

איר פאַרבינדונג מיטן גרויסן גאון, דעם מלבי״ם, און פונקט ווי פאַר דער מלחמה אַזוי אויך איצט, אונטערן נייעם רעזשים, ווילן ייִדן פאַרגעסן אין דעם סיכסוך און ווילן שלום מאַכן כאָטש מיטן זכר פון מלבי״ם. ווען מיר שטייען אין דער מלבי״ם־שול, טראַכט איך זיך: וואָלט דער מלבי״ם היינט געלעבט און וואָלט צוגעזען די גרויסע באַמיִונגען וואָס ווערן געמאַכט, כּדי אויפצוהאַלטן אַ ביסל ייִדישקייט אין די קהילות, וואָלט ער זיכער מוחל געווען די היגע ייִדן און אַנ־שטאָט דעם רוגז וואָלט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף זיין פּנים.

מען ווייזט אונדז אויך די מאַגאַזינען פון שפייז און קליידער וואָס די קהילה צעטיילט די נויטבאַדערפטיקע מענטשן. פאַראַן עטלעכע אַזעלכע שפייז־מאַגאַ־זינען. איינער אַזאַ מאַגאַזין, זעט מען, איז אַמאָל געווען אַ גרויסע פּראַקטיקע שול. מען זעט נאָך דעם אָרון־קודש אין וועלכן עס זענען אַמאָל געווען פיל ספר־תּורהס. דער באַגלייטער אונדזערער דערציילט אונדז, אַז סיי פון דער שול ווי אויך פון הונדערטער אַנדערע פאַרלאָזטע שולן אין גאַנץ רומעניע, האָט מען מיט עטלעכע יאָר צוריק לויט דער איניציאַטיוו פון הרב ראָזען, צונויפגענומען מער ווי 3000 ספר־תּורהס און זיי איבערגעשיקט אַלס מתּנה קיין מדינת ישׂראל, כּדי דער משׂרד הדתות זאָל זיי פאַרטיילן צווישן די ייִדישע ייִשובים אין דער מדינה. אייגנטלעך איז דאָס געווען — זאָגט איינער פון די באַגלייטערס — מער ווי אַ מתּנה, דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון נאָכשיקן די ספר־תּורהס נאָך די ייִדן וועלכע זענען עולה געווען קיין ישׂראל.

אָט ווייזט מען אונדז צוויי געביידעס. דאָס איז דער מושב זקנים, ווו אַלטע פאַרלאָזטע, עלנטע פרויען און מענער האָבן ממש געפונען אַ רעטונג. נישט ווייט געפינט זיך די הויפּט־ביוראָ וואָס קאָנצענטרירט דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון די אַלע וואָס באַקומען הילף פון דער קהילה, נישט נאָר אין בוקאַרעסט, נאָר אין יעדן קלענסטן ייִדישן ייִשוב אין רומעניע. אַ גוטער אַפּאַראַט פירט אָן מיט דעם אַלעמען. די הויפּטלייטונג ליגט אין די הענט פון דעם פאָרזיצער פון די קהילות און פעדעראַציעס — הרב משה ראָזען.

מ׳דאַרף אויך דערמאָנען די צוויי וועכנטלעכע צייטשריפטן פון רעליגיעזן ייִדנטום, וואָס דערשיינט אין דריי שפּראַכן: העברעיִש, רומעניש און ייִדיש. דאָס איז אַ זייער וויכטיקע אויפקלערונג־אויסגאַבע פאַר די רומענישע ייִדן און די דאָזיקע צייטשריפט איז בכלל אַן אוניקום אין גאַנץ מיזרח־אייראָפּע.

אַז מיר דערמאָנען די צייטשריפט, דאַרף מען אויך דערמאָנען דאָס ייִדישע טעאַטער וואָס עקזיסטירט אין רומעניע און וואָס געפינט זיך אין דעם זעלבן בנין ווו ס׳איז אַמאָל געווען דאָס ייִדישע טעאַטער „באַראַשעום״. ביים סוף פון די פייערונגען לכּבוד הרב ראָזען, האָט מען אונדז פאַרבעטן אין טעאַטער אויף אַ פאָרשטעלונג וואָס האָט אַרויסגערופן פיל ענטוזיאַזם און אָנערקענונג. דער רוב פון די אַרטיסטן זענען יונגע פעיִקע מענטשן וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אין זייער שפּיל מאָדערנעם סטיל און געוואַגטקייט. דער רוב אויסגעפירטע נומערן זע־

נען אויף ייִדישע און חסידישע טעמעס, וואָס רופֿן אַרויס נאָסטאַלגיע צו די צייטן פֿון פֿולער ייִדישקייט.

נאָך דעם ווי מיר האָבן באַקומען דעם קורצן אָבער אויספֿירלעכן באַריכט וועגן די טעטיקייטן פֿון דער „פֿעדעראַציע״ און מיט אייגענע אויגן געזען וואָס עס טוט זיך און ווי אַזוי מען טוט, האָט די פֿייערונג אין בוקאַרעשט באַקומען אַ נאָך מער ייִדישע באַדייטונג. ס'האָט געהאַט אַ באַזונדערן סימבאָלישן כאַראַקטער דער צוזאַמענטרעף פֿון די פֿאַרשטייערס פֿון 68 ייִדישע קהילות, וועלכע זענען געקומען פֿון אַלע טיילן פֿון לאַנד, מיט די געסט פֿון אויסלאַנד, צווישן זיי וויכטיקע רבנים און פֿאַרשטייערס פֿון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. אין צענטער זענען געווען: דער בעל היובל הרב מ. ראָזען און הרב שלמה גורן פֿון תּל־אָביב. יעדער פֿאַרשטייער פֿון די קהילות האָט געדריקט די האַנט פֿון הרב ראָזען און אים אויסגעדריקט זייער שׂימחה און דאַנק. מ'האָט געפֿילט אַז דאָס איז אַ קאָלעקטיווע שׂימחה. זייער רירנדיק איז געווען דער פֿאַרשטייער פֿון דער קהילה אין באַקו (אַמאָל אַ מאָלדאַוויש שטעטל), שבתדיק אויסגעפּוצט מיט אַ הדרת־פּנימדיקן אויסזען, אין עלטער פֿון 91 יאָר, האָט פֿאַרגעלייענט אין העברעיִש אַ וואַרעמע ברכה און האָט זיך אַליין געווונטשן אַז ער וויל זוכה זיין אַז צו זיינע הונדערט יאָר זאָל דער רב ראָזען אים קומען באַגריסן.

לויט דעם פּראָגראַם האָט דער צוזאַמענטרעף געהייסן אַ „לחיים־באַגעגעניש״ מיט די געסט, אָבער ער האָט זיך באַלד פֿאַרוואַנדלט אין אַ וואַרעמער מאַניפֿעסטאַציע פֿון אַהבת ישׂראל.

*

אין אַן אין דער פֿרי האָבן 1.500 בוקאַרעשטער ייִדן זיך פֿאַרזאַמלט אין דער גרויסער כאָר־שול כּדי אויסצודריקן זייער אָנערקענונג דעם רב ראָזען וועלכער שטייט אין שפּיץ פֿון די רומענישע ייִדן. אַרום דעם גרויסן אָרון־קודש זענען געזעסן די געסט פֿון אויסלאַנד, פֿאַרשטייער פֿון דער רעגירונג, און אויך דער פּאַטריאַרך פֿון דער אָרטאָדאָקסישער רומענישער קירכע.

דער דאָזיקער מעמד און די רעדעס האָבן געבראַכט צום אויסדרוק די טיפֿע אָנערקענונג פֿאַר דעם רב ראָזען און דאָס איז געווען זיין גרויסער טאָג.

די פֿאַרשטייערס פֿון די פֿאַרשיידענע לענדער וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער שׂימחה, האָבן ביי דער געלעגנהייט אויך פֿיל געלערנט. מענטשן וועלכע לעבן אַ ביסל מיט ייִדישער פּראָבלעמאַטיק האָבן דערשפּירט אַז צווישן די לענדער פֿון דער אַזוי גערופֿענער סאָציאַליסטישער וועלט אין מיזרח־אייראָפּע האָט דער רומענישער רעזשים געפֿונען אַן אָנהייב פֿון אַ לייזונג פֿאַר דער וויטערדיקער עקזיסטענץ פֿון דער ייִדישער קהילה. פֿאַראַן דאָרט עפּעס וואָס רופֿט אַרויס האָפֿענונג אַז ס'וועבט זיך אַ שטאַרקערע פֿאַרבינדונג פֿון רומענישן ייִדנטום מיט

כּלל ישׂראל, מיטן ייִדישן פֿאָלק. דאָס דערלויבן די קהילות פֿון רומעניע צו גע־הערן צום ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, מיט דער מאָטיוואַציע אַז ייִדן, ווי אַ רעליגיעזע גרופּע, זענען טיף פֿאַרבונדן מיט דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, מיט כּלל ישׂראל, זאָגט עדות, אַז דער רומענישער ייִדישער ייִשוב באַקומט צוריק די וואָרצ־לען פֿון אָנגעהעריקייט צום אָרגאַניזירטן ייִדישן פֿאָלק.

די טעג פֿון דער ייִדישער פֿייערונג אין בוקאַרעשט האָבן איינגעפֿלאַנצט אין אונדזערע הערצער אַ האָפֿענונג. אמת, דאָס געפֿיל איז אַז מען דאַרף נישט איבער־טרייבן, אָבער טראָץ דעם זענען אַלע געסט און פֿאָרשטייערס פֿון אויסלאַנד צו־ריקגעפֿאָרן פֿון די פֿייערונגען מיט בעסערע שטימונגען.

סעפּטעמבער 1972

מיט ייִדן אין יאַס

א

בעת כ׳בין סוף יולי געווען אין בוקאַרעשט, האָט מיך שטאַרק געצויגן צו באַזוכן יאַס, וואָס איז געווען דאָס האַרץ פון די מאָלדאַווישע ייִדישע קהילות און וווּ ס׳האָט פולסירט ייִדיש לעבן; די שטאָט פון פאָלקס־ייִדן, פון סוחרים, דאָק־טוירים און פשוטע אַרבעטער, די שטאָט וואָס האָט פאַרמאָגט אַ סך בתּי־מדרשים, חסידים, ציוניסטן, אַסימילאַטאָרן און וווּ ס׳האָט אויך נישט געפעלט קיין צעבו־שעוועטע אַנטיסעמיטישע העצע. אין יאַס האָב איך פאַרבראַכט 4 יאָר ווי אַ סטו־דענט און האָב זיך דאָרט שנעל איינגעלעבט און געאָטעמט מיט דער ייִדישער און ציוניסטישער אַטמאָספער פון דער גאַס.

פון יענע יאָרן זענען אַריבער כּמעט 35 יאָר. איך האָב טאַקע זייער און זייער געוואָלט זען וואָס עס איז געוואָרן פון אָט דער גרויסער ייִדישער קהילה. גלייכ־צייטיק האָט מיך אָבער עפּעס אָפּגעהאַלטן, כ׳האָב זיך געשראָקן צו זען ווי די ייִדישע שטאָט, אין וועלכער איך בין געוואַקסן, איז חרוב געוואָרן.

איך האָב געלעבט אין ייִדישן יאַס אין די דרייסיקער יאָרן, ווען ס׳האָבן נאָך דאָרט פון ווייטנס אָפּגעהילכט די קלאַנגען פון וועלוול זבאַרזשערס פאָלקסלידער, ווען אַברהם גאָלדפאַדענס ייִדיש טעאַטער האָט נאָך געהאַט אַ המשך, ווען מען האָט נאָך געהערט און דערציילט וועגן דער תּקופה „ליכט״ פון אָנהייב 1914, ווען יונגע ייִדישע שרייבערס אין שפּיץ מיט יעקב גראָפּער, מאָטי ראַבינאָוויטש, א. וואַלדמאַן, מ. זיסו, דעם מאָלער ראובן רובין און אַנדערע האָבן זיך פאַרמאָסטן צו שאַפן ייִדישע ליטעראַרישע ווערק און אויסבויען אַ ייִדישן קולטור־צענטער דורך „טוינביהאָל״. געווען אין יענע טעג אַ פאַרצווייגטע חלוצישע יוגנט, אַ ציו־ניסטישע אָרגאַניזאַציע, אַ פילפאַרביק ייִדיש קהילה־לעבן, געווען אַקטיווע לינקע קרייזן ווי אויך אַ בונטאַרישע ציוניסטישע און אַנטי־ציוניסטישע סטודענטשאַפט. די זכרונות וועגן דעם אַלעם האָבן טיף געוואָרצלט אין מיין האַרצן. נאָך אַ סך וואַקלענישן האָב איך דאָך באַשלאָסן זיך אַריינצוכאַפּן קיין יאַס.

ב

זעקס אַזייגער אין דערפרי בין איך מיט מיין פרוי אָפּגעפלויגן פון בוקאַרעס־טער לופטפלאַץ „בעניאַסאַ״ קיין יאַס און 50 מינוט שפּעטער זענען מיר אַהין אָנ־געקומען. ווען דער עראָפּלאַן האָט זיך פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט, האָבן מיר זיך געפונען אויף אַ קליינעם באַשיידענעם פליפלאַץ איינגעטונקען אין אַ ים פון גרינס און בלומען. אַ חוץ די פאַסאַזשירן האָט מען כּמעט קיינעם נישט געזען.

ווען מיר זענען אַרויס פונעם פליפלאַץ האָט אונדז באַגעגנט מיט אַ ברייטן און וואַרעמען שמייכל ד״ר סימאָן קאָופמאַן, דער פּאַרזיצער פון דער ייִדישער קהילה אין יאַס, וועלכער האָט אונדז מיט פיל וואַרעמקייט באַגלייט כּמעט די גאַנצע צייט פון אונדזער זיין אין דער שטאָט.

שוין דער ערשטער איינדרוק אויפן פליפלאַץ איז געווען, אַז יאַס האָט זיך זייער געענדערט. פאַרשטענדלעך, אַז אונדזערע ערשטע טריט האָבן אונדז געפירט אין דער ייִדישער קהילה. אויפן וועג זאָגט צו מיר ד״ר קאָופמאַן, אַז דער גע־נעראַל־סעקרעטאַר פון יאַסער באַצירק („זשודעץ״), זכריה גיורגיו האָט געהערט, אַז איך בין אין שטאָט און אַזוי ווי דער פּאַרזיצער איז אויף אורלויב, בעט ער מיר זאָלן אים באַזוכן. האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויסער נייער געביידע וווּ ס׳געפינען זיך די קאָמונאַלע אַמטן. דער גענעראַל־סעקרעטאַר זכריה אַ יונגער־מאַן פון אַרום 35 יאָר, האָט אַרויסגעוויזן אַן אויפריכטיקן אינטערעס צו מיין קורצן באַזוך. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז ער האָט אין ישׂראל אַ סך פריינד מיט וועלכע ער האָט געלעבט צוזאַמען. נאָך דעם האָט ער באַמערקט, אַז נאָך 35 יאָר וועל איך כּמעט יאַס נישט דערקענען, ווייל פיל טיילן פון דער שטאָט זענען איבערגעבויט און פאַרענדערט געוואָרן און אויסער דעם שטאָט־צענטער איז אויס־געבויט געוואָרן אַ גרויסע אינדוסטריעלע געגנט, וואָס וועט מיט דער צייט ברענ־גען צו אַ פונדאַמענטאַלער ענדערונג פון דער נעכטיקער יאַס.

איבערלאָזנדיק די ביוראָ פון יאַסער באַצירק, האָבן מיר זיך דערנענטערט צום הויז וווּ ס׳געפינט זיך די ייִדישע קהילה, אויף איינער פון די זייטיקע גאַסן. די גאַס איז אויסגעפּלאַסטערט מיט שטיינער. די אַרומיקע הייזער — אַלטע, זייער אָפּגענוצטע. פון דערוויטנס זעט מען אייניקע חורבות. אין דעם קהילה־ביוראָ זיצן עטלעכע באַאַמטע און פירן אויס זייער אַרבעט. אין דעם אויפנאַם־צימער זענען פאַרזאַמלט די מיטגלידער פונעם קהילה־ראַט אין שפּיץ מיט ד״ר ס. קאָופ־מאַן און זיין שטעלפאַרטרעטער לייבו. נאָך אַ קורצער באַגריסונג פליסט שוין דער שמועס געמיטלעך. אַ טייל ידיעות וואָס מען הערט שאַפן אַ שווער געמיט.

„זינט איר זענט דאָ געווען, מיט 35 יאָר צוריק — זאָגט איינער — זענען דאָ פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. אין דער אַלטער שטאָט ווערן גאַנצע געגנטן צעוואָרפן און אויסגעבויט אויף ס׳ניי. ס׳ווערן געבויט ריזיקע געביידעס, שאָסייען, אינדוסטריע־קרייזן, — איר וועט אַ טייל פון שטאָט נישט דערקענען. אויך אין דער ייִדישער וועלט האָט זיך זייער פיל, פיל געענדערט, אָדער בעסער געזאָגט, פאַרשוווּנדן. אין די דרייסיקער יאָרן זענען אין יאַס געווען 35,000 ייִדן, היינט — קוים 5000 נפשות. איר ווייסט דאָך, אַז אין יוני 1941 איז דאָ פאָרגעקומען די גרויסע און שרעקלעכע שחיטה, ווען רומענישע לעגיאָנערן און דייטשע נאַציס האָבן אַכזריותדיק אויסגעשאָכטן מער ווי 11 טויזנט נפשות — ממש אויסגעשאָכטן אַ שטאָט מיט ייִדן. אַ גרויסער טייל פון די לעבן געבליבענע איז עולה געווען קיין ישׂראל״. אין צימער איז געווען אַ טויט־שטילקייט. עמעצער האָט אַרויסגע־

נומען פון דער ביכער־שאַנק אַ דין אָפּגעבליאַקעוועט ביכל אין וועלכן עס דער־ציילט זיך וועגן די שוידערלעכע מעשׂים פון דער שחיטה און פּרטים פון דעם פּראָצעס אויף וועלכן מען האָט געמשפּט די רוצחים. איך בלעטער די בראָשור און פון יעדן זייטל שרייט אַרויס דער ווייגעשריי פון די דערמאָרדעטע קינדער, פרויען און מענער. איך האָב דעם איינדרוק, אַז איך הער די קולות פון פיל באַ־קאַנטע, מיט וועלכע איך האָב זיך דאָ געטראָפן אין מיינע יוגנט־יאָרן. שטילערהייט אין מיר האָב איך געזאָגט קדיש. נאָך אַ קורצער שטילקייט פליסט דער שמועס ווייטער.

„איר ווייסט, אַז אַמאָל איז יאַס געווען די שטאָט פון שולן און בתּי מדרשים, געווען דאָ דעמאָלט 127 שולן, היינט זענען נישטאָ מער ווי 10—11 שולן. אין 5—6 דאַוונט מען יעדן טאָג. אָט אין דער געגנט איז געווען די שול־גאַס מיט פיל שולן און בתּי־מדרשים"...

דער פאָרזיצער גיט צו, אַז די פאַרבליבענע ייִדן זענען נישט הפקר. די יאַסער קהילה איז אַ פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע. זי באַזאָרגט די רעליגיעזע הצטרכותן פון די איינוווינער. גלייכצייטיק פירט די קהילה אַ וויכטיקע סאָציאַלע אַרבעט. ייִדן קענען דאָ באַקומען כּשר עסן. אויך די וואָס קענען נישט באַצאָלן באַקומען דעם מיטאָג גלייך ווי די וואָס ווילן און קענען באַצאָלן. ביי די שולן עקזיסטירן תּלמוד־תּורהס, וווּ דער יוגנטלעכער זאָל קענען באַקומען די ערשטע ידיעות וועגן רעלי־גיעזע מנהגים, העברעיִש און תּנ"ך. די ייִדישע קהילה איז דער איינציק אָנער־קענטער אַדרעס פון די יאַסער ייִדן, אַלס רעליגיעזע איינהייט. די קהילה איז פאַר־בונדן מיט דער צענטראַלע אין בוקאַרעסט, וואָס נעמט אַרום די 68 ייִדישע קהילות אין רומעניע, וועלכע גרופּירן אין זיך 90 טויזנט נפשות. אין שפּיץ פון דעם קהילות־פאַרבאַנד אין רומעניע שטייט דער רב הראשי ד"ר משה ראָזען, וועלכער האָט באַוויזן אויסצובויען אַן ערנסטע אָרגאַניזאַציע און דערהויבן דעם פּרעסטיזש פון די ייִדישע קהילות. רומעניע. דינט היינט אַלס ביישפּיל פון אַן אָרגאַניזירט ייִדיש לעבן פון אַ רעליגיעזער מינדערהייט אין מיזרח־אייראָפּע.

*

פון דער קהילה זענען מיר צוגעגאַנגען צו דער קאַנטינע, וועלכע געפינט זיך אין דער נאָענט, אויף דער צווייטער זייט גאַס. אַמאָל איז דאָס געווען די שטעפענעשטער קלויז. אַלץ איז דאָ זויבער, גוט איינגעאָרדנט. די באַאַמטע גרייטן צו דעם מיטאָג. דערוויל דערציילט מען מיר, אַז ווען די שטעפּענעשטער־קלויז איז געבליבן ליידיק, האָט מען דאָך נישט געוואָלט, אַז זי זאָל באַשטימט ווערן פאַר אַ נישט פּאַסיקן געברויך, האָט מען פאַרטראַכט און באַשלאָסן אויפצועפענען דאָ אַ כּשרע קאַנטינע, וווּ ייִדן זאָלן קענען יעדן טאָג באַקומען כּשר עסן. אין היינטיקע צייטן איז עס נישט נאָר אַ רעליגיעזע זאַך, נאָר עס האָט אין זיך אַ גרויסע נאַציאָנאַלע באַדייטונג. דערביי הער איך אויך, אַז עס איז געווען אַ

פלוגתא וואָס צו טאָן מיט דעם אָרון־קודש פון דער שטעפּענעשטער קלויז. ווי באַלד ס׳ווערט דאָ אַ כּשרע קאָנטינע, האָבן אַ טייל געטענהט, דאַרף מען דעם ארון־קודש אַוועקנעמען. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז די שטעפּענעשטער קלויז האָט געהאַט אַזאַ געוואַלדיקע באַדייטונג אין משך פון צענדליקער טויזנטער יאָרן צווישן די יאַסער ייִדן, אַז מען קען נישט און מען דאַרף נישט אַוועקנעמען דעם ארון־קודש. נאָך אַ סך וויכּוחים האָט מען באַשלאָסן איבערצולאָזן דעם ארון־קודש אויפן אָרט, נאָר אָפּזונדערן אים אַ ביסל פון די טישלעך. שטייט טאַקע אַזוי דער ארון־קודש ווי אַ סימבאָל, ווי אַ זכר פון דער אַמאָל בלי̇ענדיקער קלויז.

מען גיט מיר אויך איבער, אַז אין דער קאָנטינע עסן אומגעפער 250 ייִדן, מענער און פרויען, אָבער די קהילה זאָרגט אויך פאַר די, וועלכע קענען צוליב זייער געזונט־צושטאַנד נישט קומען אין דער קאָנטינע. שיקט מען זיי דאָס עסן אַ היים. דעסגלייכן פלאַנירט די קהילה אין גיכן צו עפענען אַ מושב־זקנים פאַר אַ צאָל ייִדן וואָס זענען געבליבן אַליין און האָבן נישט ווער ס׳זאָל פאַר זיי זאָרגן. די קהילה זאָרגט אויך וועגן קליידער און וועש פאַר אָט די ייִדן. איך טראַכט זיך אַז דער געבאָט פון דער תּורה וועגן „גמילת חסד״ איז אַ וויכטיקער יסוד אויך אין אונדזערע טעג אין דער ייִדישער גלות־צעשפּרייטונג.

ד

אין אָט די שטאַרק הייסע יולי־טעג פילן מיר גאָרנישט די היץ. מען איז בלויז „דורשטיק״ נאָך און נאָך צו זען און צו הערן וועגן דער סביבה אין וועל־כער דו האָסט אַמאָל געלעבט, זיך דערצויגן און געאָטעמט מיט איר. פאָרן מיר אַזוי דורך די געסלעך פון דער אַלטער שטאָט, וואָס זענען אַמאָל געווען פול מיט ייִדישקייט, מיט ייִדישן שטייגער. אָט זענען מיר אויף דער גאַס קוקולו. אַמאָל איז זי געווען אַן אויסשליסלעך ייִדישע גאַס. די שטיינער פון דער גאַס — פּיר־עקיקע, די טראָטואַרן — שמאָלע און קרומע. די שטיבלעך אָרום — צוויישטאָקיקע. און פלוצעם וואַקסט אויס פאַר מיינע אויגן אַ גרויסע פילשטאָקיקע געביידע, וואָס שאַפט גלייך פאַר מיר דעם קאָנטראַסט צווישן דעם נעכטן און דעם היינט. מיינע בליקן וואַנדערן אָבער גראָד צו די אַלטע הייזער, איך זוך אפשר וועל איך דערקענען עפּעס היימישס. עס קומט מיר אויף אין מיין זכּרון מיין ערשטע וווינונג, ווען כ׳בין געקומען אַלס יונגער סטודענט צו לערנען אין יאַס. כ׳געפין אָבער נישט דאָס הויז, מיט הילצערנע טרעפּלעך, מיט אַ ברייטן הויף וואָס ביי נאַכט איז זיין טויער געווען פאַרמאַכט. אַז דאָס איז געווען די גאַס קוקולו, געדענק איך דאָך אַזוי זיכער, אָבער דאָס הויז געפין איך נישט. זאָגט מיר מיין באַגלייטער וועלכער פאָרט מיט מיר אין אויטאָ: „דאָס הויז וואָס איר זוכט געפינט זיך שוין זיכער נישט דאָרטן און אויף דעם אָרט איז שוין מסתּמא אויסגעוואַקסן אַ פילשטאָקיקע געביידע״.

„טאָ, אפשר קען מען זען דאָס הויז אויף אולעי גאַס נר׳ 3? — פרעג איך מיט בייגעריקייט, — דאָרטן ווו ס׳האָט זיך געפונען דער הויפּט־פּלאַץ פון די ייִדישע סטודענטן אין יאַס?״ —קערעווען מיר זיך אויס אויף צוריק און באַלד קריכט דער אויטאָ אַריין אין אַ ליקל, אַ געסל אַן אַ שטיינערנעם ברוק, אַן אַס־פאַלט און שטעלט זיך אָפּ ביי אַן איינשטאָקיק הויז, וואָס איז מער חורבה ווי וווינונגס־הויז. מיר גיבן אַ שטופּ דעם הילצערנעם טויער און גייען אַריין אין אַ קאָרידאָר וואָס פירט צו אַ פאַרמאַכטן הויף און פאַר אים עפּעס אַן אָפּגעשפּאָל־טענער טייל פון אַ קוים־שטייענדיק הויז. זאָגט צו מיר דער באַגלייטער, אַ ביסל שעמעוודיק: „די גאַנצע געביידע פון די סטודענטן וועט איר שוין נישט געפינען. אַ טייל פון איר איז שוין זינט עטלעכע יאָר צעוואָרפן און דער צווייטער טייל — ווי איר זעט — איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַגאַזין פון דער יאַסער קהילה, ווו עס ווערן געהאַלטן פאַרשיידענע שפּייז־פּראָדוקטן, ווי: בוימל, צוקער, מעל, מאַסלינעס א.אנד. פאַר די נויטבאַדערפטיקע״. איך הער זיך איין אין דער אויפ־קלערונג וואָס די קהילה טוט מיט די פּראָדוקטן און בכלל וועגן דער גאַנצער סאָציאַלער אַרבעט, אָבער מיינע געדאַנקען זענען אַוועקגעפלויגן ווייט, ווייט און מיינע בליקן וואַנדערן צו די ווינקלען פון דעם פאַרבליבענעם האַלבן זאַל, ווו הונדערטער און הונדערטער ייִדישע סטודענטן פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן, פירן וויכּוחים, אַריינטײַטשן און אויפקלערן יעדער אויף זיין נוסח און זיין שטייגער די לאַגע פון די ייִדן, ווו ס׳האָבן אָפּגעהילכט די פלאַם־פייערדיקע רעדעס פון די יונגע רעדנערס וועגן ייִדיש־נאַציאָנאַלע און אַנדערע פראַגן. אין דעם מאָמענט דאַכט זיך מיר אויס, — זע איך גאַר שורות סטודענטן וואָס זיצן רויִק אויף אַ דעבאַטע און באַלד וועלן טייל בעמען שטורעמען מיט צווישנרופן, איבעררייסן די קעגנערס, ס׳וועט זיך אויפהייבן אַ טומל און אַ רעש פון אַ בונטאַרישער ייִדי־שער וועלט, וועלכע זוכט אַן ענטפער אויף אַזוי פיל פראַגן...

פון אַט דער פאַרטראַכטקייט רייסט מיך אַרויס איינער פון די באַגלייטערס, וועלכער זאָגט מיר, אַז מען דאַרף זיך לאָזן ווייטער פאָרן, ווייל מיר דאַרפן נאָך פיל באַזוכן. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום. פון אַ חלום מיט אַ שטור־מישן אינהאַלט. פאַר מיינע אויגן שוועבן נאָך אַלץ די בילדער ווי אין דער האַלב־חרובער געביידע האָב איך זיך צום ערשטן מאָל פאַרמאָסטן מיט מיינע אידעיִשע קעגנערס. אָט אָ דאָ האָבן פיל הונדערטער ייִדישע סטודענטן געפירט גרויסע אידעיִשע דעבאַטן; זייער אָרעמקייט האָט זיי נישט געשטערט צו זיין גייסטרייכע יונגעלייט, וועמען די „לעבנס־זאָווערוכע״ האָט שפּעטער צעשפּרייט אויף אַזוי פיל וועגן און סטעזשקעס.

ה

פון אַמאָליקן ייִדישן סטודענטן־היים האָבן מיר באַשלאָסן „צו צושפּרינגען״ צום אוניווערסיטעט. זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון די שמאָלע געסלעך און גאָר

אין גיכן אַריין אין דער געגנט פון ברייטע בולוואַרן, פון אַלע זייטן מיטביימער, גרינס און בלומען. דאָ איז אַלץ געבליבן אַזוי ווי ס'איז געווען נעכטן, נישטאָ כמעט קיין שום ענדערונג, אויסער דער נאָמען. די גאַס פון אוניווערסיטעט האָט אַמאָל געהייסן „קאַראָל גאַס". היינט הייסט זי „דער 23סטער אויגוסט" (דעם טאָג, ווען רומעניע האָט זיך באַפרייט פונעם נאַצישן יאָך, און וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב). אין אָנהייב פון דער ברייטער גאַס געפינט זיך די אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק, וועלכע פאַרמאָגט $1\frac{1}{2}$ מיליאָן ביכער און איז זייער גוט איינגעאָרדנט אין אַלע הינזיכטן. דער דירעקטאָר פון אָט דער פּרעכטיקער ביבליאָטעק נעמט אונדז אויף מיט געריטקייט און דערציילט וועגן דער געשיכטע פון דער ביבליאָטעק, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון זייער נאַציאָנאַלן דיכטער מיכאַי עמינעסקו. ווען מיר גייען אַרום איבער די שטאָקן — לויט זיין איינלאַדונג — אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין איר גאַנצן פּאַרנעם די אימפּעריע פון די ביכער, וועלכע זענען קאַטאַלאָגירט לויט באַזונדערער טעמאַטיק אַזוי אַז ס'איז לייכט צו געפינען אַלץ וואָס מען זוכט. דער דירעקטאָר דערציילט אונדז, אַז אין דער ביבליאָטעק זענען דאָ ביכער אין פיל שפּראַכן, און אַז עס איז פאַראַן אַ פּראָבלעם פון בודזשעט און בעיקר פון ביכער פון אויסלאַנד. אַגב, דערציילט ער אונדז, אַז אין דער ביבליאָטעק זענען פאַראַן ווערטפולע יידישע און העברעיִשע ביכער, אָבער ער האָט נישט קיין פּאַסיקן פּערסאָנאַל וואָס זאָל זיך מיט זיי אָפּגעבן.

ווען מיר קומען צו צום בנין פון דעם אוניווערסיטעט, דערקען איך יעדעס ווינקעלע. דאָ האָט זיך גאָרנישט געביטן. פון ביידע זייטן בויט מען איצט צו נייע פליגלען צום בנין לויטן זעלבן סטיל און אַ ביסל ווייטער — אויך אַ ריי הייזער פאַר סטודענטן. דער גאַנצער אוניווערסיטעט שטייט אויף אַ בערגל, איינגעטונקען אין גרינס. אָט זענען די ברייטע טאָפּלטע טרעפּ, וואָס אַ טייל פון זיי געפינען זיך אין דרויסן ביז צו דער טיר און אַ טייל ווערן פאַרגעזעצט אינעם בנין אַליין. היינט זענען די וואַקאַנסן, זעט מען נישט קיינעם, אַן אַלגעמיינע שטילקייט נעמט אַלץ אַרום. איך שטיי ביי די טרעפּ, קוק אויף זיי און דערמאָן זיך וואָסער שטורמישע באַדייטונג אָט די טרעפּ האָבן געהאַט פאַר מיר, אַ יידישן סטודענט אין יאָסער אוניווערסיטעט אין יענע יאָרן. אויף אָט די שיינע מאַרמאָרנע טרעפּ פלעגן גאַנץ אָפט פאָרקומען געשלעגן מיט די קוזיסטישע אַנטיסעמיטישע סטודענטן און ס'פלעגן „פליען" פעטש... איצט שטיי איך אויף די פוסטע טרעפּ און אין מיינע אויערן הילכט אָפּ דער רעש און געטומל פון אַמאָליקע יאָרן. אַזוי ווי כ'בין געווען באַקאַנט אַלס איינער פון די אַקטיווע יידישע סטודענטן, האָט מען מיך נישט איין מאָל מכבד געווען מיט קלעפּ, אָבער כ'בין אויך קיין מאָל נישט געבליבן שולדיק...

אָט גייען מיר דורך די קלאַסן פונעם יורידישן פאַקולטעט, ווו כ'האָב פאַרבראַכט יאָרן. דער שומר פון דעם בנין, כאָטש ער איז אין דער איצטיקער וואַ־

קאָנסן־צייט נישט מחויב צו עפענען די אַלע פּלעצער, וויזט אַרויס פאַרשטענ־דעניש פאַר אַ סטודענט פון מיט יאָרן צוריק און עפנט דעם לעקטאָרן־זאַל, וווּ די פּראָפעסאָרן אָדער געסט האָבן פון צייט צו צייט געלייענט זייערע לעקציעס. ס'האָט זיך גאָרנישט געענדערט. גלייך ווי נעכטן וואָלט איך דאָ געווען. איך געפין אַפילו דעם פּלאַץ וווּ איך פלעג געוויינטלעך זיצן בעת די לעקציעס. איך געדענק, אַז אָט אין דעם זאַל האָט תמיד געררוט אַ שטילקייט.

פון דאַנען פאָרן מיר צום פּרעכטיקן פּאַרק „קאַפּאַאו", מיט זיינע אַלייען, מיט זיינע צאַלרייכע סטאַטועס, צעצווייגטע ביימער און מיט בלומען אויף יעדער זייט. דאָ און דאָרטן זיצן מענטשן אויף בענק און רוען. אין פּאַרק אַליין הערשט אַ ווונדערלעכע אַטמאָספער. דער מענטש קען זיך דאָ אויסבאַהאַלטן פון דער טומלדיקער אורבאַניסטישער סביבה. מיר שפּאַצירן דאָ אַ ביסל אַרום און איך דערמאָן זיך ווייטער אין מיין שטורמישער יוגנט־תּקופה, נישט קיין זיכערער אָבער אַ שטאָלצער און קעמפערישער.

ו

יאָס האָט זיך זייער געענדערט אין דער קריגס־תּקופה. אין יאָר 1944, ווען אַ גרויסער טייל פון דער שטאָט איז געווען ממש אַ מיליטערישער פראָנט, האָבן טאַקע פיל געביידעס געליטן. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט און דאָס לאַנד האָט זיך באַפרייט פון די נאַציס און פון די היי־מישע לעגיאָנערן, האָט זיך אין דער שטאָט אָנגעהויבן אַ גרויסער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס אונטערן נייעם רעזשים. דער נייער שווונג פילט זיך אין אַלע טיילן פון דער שטאָט. יאָס איז אַ שטאָט פול מיט קלויסטערס, אָבער גלייכצייטיק אויך מיט פיל נייע קולטור־געביידעס.

אונדזער וויטערדיקער מאַרשרוט פירט אונדז צום נאַציאָנאַלן טעאַטער. דער פּרעכטיקער נאַציאָנאַלער טעאַטער געפינט זיך אויף דער גאַס שטעפאַן־טשעל־מאַרע. פון פאָרנט שטייט די סטאַטוע פון דעם דיכטער וואַסילי אַלעק־סאַנדרי און אַרום, פאָרן בנין, צעשפּרייט זיך אַ ברייטער שטח, דורכגעשניטן מיט אַלייען און בלומען.

„אפשר געדענקט איר נאָך — זאָגט צו מיר דער באַגלייטער — דעם יידישן טעאַטער „פּאָמול ווערדע" (דער גרינער בוים) אויפן נאָמען פון אַברהם גאָלד־פאַדען, דער פּאָטער פון יידישן טעאַטער?" ענטפער איך: „אַוודאי, אַוודאי! קען מען זען דעם אַמאָליקן בנין?" באַקום איך די תּשובה: „טאַקע דאָ, וווּ מיר שטייען האָט זיך אַמאָל געפונען גאָלדפאַדענס טעאַטער „פּאָמול ווערדע". אַלץ איז פאַר שווונדן". בין איך געבליבן שטיין אַ פאַרשטיינערטער. עס האָבן זיך מיר דער־מאָנט די צייטן, ווען ס'האָט נאָך אויף דעם פּלאַץ פּולסירט אַ יידיש־טעאַטער־לעבן. ווען מ'האָט דאָ געקענט טרעפן אַ טייל פונעם יידישן עולם, וואָס האָט אָנגעהאַלטן די טראַדיציע פון יידישן טעאַטער. שטיי איך אַזוי און קוק אויף דעם אַרום, אויף

דעם ווונדערלעך אָפּגעהיטענעם גאָרטן מיט די בלומען. אָבער פון אונטער די בלומען־בייטן שיינט אַרויס און אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר צוריק דאָס באַשיידענע הייזל, דאָס גאָלדפאַדען־טעאַטער מיט זיינע אַקטיאָרן. אָבער עפּעס זעען זיי מיר אויס ווי פאַרשעמטע פון דעם בלומען־צודעק וואָס פאַרמאָגט אַפילו נישט קיין אָנגעשריבענע מצבה.

דער באַגלייטער האָט, זעט אויס, דערפילט מיינע געדאַנקען און געפילן און ער גיט צו: „מיר האָבן געבעטן דעם יאַסער באַצירק, אַז מען זאָל אויף דעם פּלאַץ צווישן די אַלייען און בלומען פיקסירן אַ שילדל אויף וועלכן ס׳וועט זיין אָנגעשריבן, אַז אַמאָל איז דאָ געשטאַנען דאָס גאָלדפאַדן־טעאַטער „פּאָמול־ווערדע״ (דער גרינער בוים) און אַז לעבן דעם שילדל זאָל מען אַוועקשטעלן גאָלדפאַדענס סטאַטועֿ.

דער הייסער זומער־ווינט האָט זיך געשפּילט אין גאָרטן און מיט זיין אָטעם געגלעט די בלומען. ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט, אַז דאָ פלעג איך אָפט זען איציק מאַנגערן און אַנדערע יידישע שרייבערס. איציק מאַנגער פלעג ליב האָבן זיך צו באַווייזן אין אַן אַנדער פּלאַץ, וווּ ס׳זענען געשטאַנען קליינע איינשטאָקיקע הייזער מיט רויטע דעכער. דאָס איז געווען די געגנט וווּ מען האָט געקענט טרינקען גוטן וויין. דער דאָזיקער פּלאַץ האָט געהייסן „פּאַדול ראשו״ (די רויטע בריק). פרעג איך טאַקע מיט גרויס אינטערעס, צי מען קען צופאָרן צום „פּאַדול ראשו״־פּלאַץ, וווּ מען האָט געקענט אַמאָל געפינען שער־און־אייזן־יידן? באַקום איך דעם ענטפער, אַז דער פּלאַץ מיט דער רויטער בריק מיט די קליינע הייזער און שענקען איז שוין פון לאַנג פאַרשוווּנדן. „איר וועט אַפילו דעם פּלאַץ נישט דערקענען. דאָך וועלן מיר צופאָרן און ווייזן אייך די געגנט״. דער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ אין מיטן פון אַ געגנט, וווּ פון ביידע זייטן גאַס זענען אויסגעוואַקסן שלאַנקע, שיינע פילשטאָקיקע געביידעס און אַ ברייטע פון דאַסניי אויפגעבויטע בריק. ווען מ׳וואָלט מיר נישט געזאָגט, אַז דאָ איז אַמאָל געשטאַנען די „רויטע בריק״ וואָלט איך עס אַוודאי נישט געוועזן דערקענט. דער גאַנצער אַלטער פּיי־זאַזש האָט זיך געענדערט. אָבער פון דער שיינער צעמענטענער בריק און פון די שיינע געביידעס וואַקסט נישט אַרויס קיין בייער איציק מאַנגער. ס׳דערמאָנט זיך מיר ווי כ׳האָב אַמאָל זיך אַראָפּגעכאַפּט אויף דער „רויטער בריק״ און דער־זען אין אַ שמאָל נישט זייער זויבער שענקל איציקן מיט דעם כּוס אין דער האַנט דרשנען וועגן דיכטונג. יאָ, אין שויס פון אָט דער אַמאָליקער אָרעמקייט האָבן זיך אַנטוויקלט גרויסע דיכטערישע און גייסטיקע טאַלאַנטן.

ז

ווען איר הערט פּרטים פון דער שחיטה פון די יידן אין יאַס אין יוני 1941, נעמט אַן אַ שווידער. מער ווי עלף טויזנט נפשות זענען קאַלטבלוטיק אויסגע־שאָכטן געוואָרן, פון יעדער משפחה אַ קרבן אָדער מער. דאָס האָט אַרויפגעלייגט

אַ שווערן געדיכטן טרויער אויפֿן היגן יִדישן לעבן. פֿון דעמאָלט אָן איז יאַס פֿאַרבליבן אַ פֿאַרוווּנדעטע.

ווען מען זאָגט מיר, אַז איצט וועלן מיר פֿאָרן צום בית עולם אין „פּע־קוראר" צו זען די גרויסע ברידער־קברים פֿון די קרבנות, באַמערק איך ווי די פּנימער פֿון מײַנע יִדישע מיטפֿאָרערס באַדעקן זיך מיט אַ בלאַסקייט. אין מיטן וועג גיט איינער צו מיר אַ זאָג: „איר זעט. אָט דאָ פֿון רעכטס, דעם גרויסן ליידיקן שטח, דאָ האָט מען אין דער צײַט פֿון אַנטאָנעסקון מיט זײַנע לעגיאָנערן, פֿאַרניכטעט דעם עלטסטן בית הקברות אין טשורטשי, וועלכער איז אַלט געווען מער פֿון 600 יאָר". גאָרנישט איז דאָ געבליבן, בלויז דאָס טהרה־שטיבל בײַם אַרײַנגאַנג אויפֿן בית הקברות. דאָ זענען געלעגן די פֿיינסטע זין פֿונעם אַלטן יִדישן יאַס. הײַנט הערשט דאָ אַ שווידערלעכע שטילקייט, גלײַך ווי דער טויט אַליין איז געבליבן היטן דעם שטח:

מיר פֿאָרן ווײַטער און קומען צו צום צווייטן בית הקברות אין פּעקוראר, אויך שוין הונדערט יאָר אַלט. פֿאָרן בית הקברות זעט מען גרויסע שטחים און דאָ און דאָרט אַ שטיבל. דאָ אויף דעם פּלאַץ האָט אַמאָל די חלוצישע יוגנט געהאַט איר הכשרה. אַ שטיק וועג ווײַטער זעט מען דעם טויער פֿון פּעקוראָרער בית הקברות. דער שומר ענטפֿערט אויף אַ פּאָר פֿראַגן וועגן אייניקע אַרבעטן וואָס ער טוט. נאָענט צום טויער שטייען גאַנצע שורות פֿאַרשיידענע מצבות פֿון שטיין און מאַרמאָר. קוקסט זיך צו צו די קברים און דו זעסט אַז שוין לאַנגע, לאַנגע יאָרן האָט זיך קיין מענטשלעכע האַנט נישט צוגערירט צו זיי, כּדי זיי אָפּצורייניקן און ברענגען אַ ביסל אָרדענונג; פֿילט זיך טאַקע אַן אָפּגעלאָזנקייט. איך קוק אויף די מצבות, לייען די נעמען פֿון תּלמידי חכמים, רבנים און באַ־קאַנטע געזעלשאַפֿטלעכע טוערס. ערשט ווײַטער אַנטפּלעקט זיך דאָס שווידער־לעכע בילד. דאָ געפֿינען זיך די קברים פֿון די קרבנות פֿון יאַסער פּאָגראָם פֿון 1941. אויף אַ גרויסן פּלאַץ, אײַנגעאָדנט אײַנס לעבן אַנדערן, ציִען זיך עטלעכע מעטער לאַנגע, ווײַס־געקאַלכטע קברים. דאָס זענען די ברודער־קברים פֿון יאַסער יִדן. שטייען מיר בײַ די ווײַסע קברים און אַ טויטע שטילקייט באַהערשט אַלע־מען. אָט דאָ ליגן מײַנע ברידער און שוועסטער מיט וועלכע כ'האָב אַמאָל יאָרנ־לאַנג מיטגעלעבט און מיטגעאָטעמט. צווישן די מצבות בלאָזט אַ הייסער ווינט און אין דער לופֿט הערן זיך קלאַנגען פֿון אַ קדיש. קעגן איבער די ברידער־קברים שטייט אַ גרויסער שילד געשריבן אין יִדיש און רומעניש, ווו ס'איז פֿאַר־צייכנט, אַז די באַרבאַרישע און אַכזריותדיקע מעשׂים האָבן דורכגעפֿירט די לע־גיאָנערן פֿון אַנטאָנעסקו אין יוני 1941.

מיט פֿאַמעלעכע טריט גייען מיר צוריק צום טויער פֿון בית הקברות. מיר גייען שווײַגנדיק, קיינער ברענגט נישט אַרויס קיין וואָרט. דאָס דערדריקנדיקע און שווידערלעכע בילד באַגלייט אונדז די גאַנצע צײַט. דאָ האָב איך דערפֿילט די סיבה פֿונעם טרויער פֿון מײַנע יאַסער יִדן.

דער אויטאָ שניידט שנעל איבער דעם שטח און אָט זענען מיר שוין צוריק אין שטאָט. דאָ, אין יעדן ווינקל, בויען זיך נייע געביידעס און נייע שאָסייען. דער ריטעם פון דעם נייעם פולסירנדיקן בוי שטעלט אין שאָטן די שווידערלעכקייטן פון נעכטן.

עס איז שוין אָוונטצייט. מיר קומען אָן צו דער גרויסער שול אינעם אַמאָליקן ייִדישן צענטער. מען גייט אַריין אין הויף און דערנאָך אין שול. אין הויף און אין שול — אַ סך ייִדן. דאָס זענען די שארית הפלישה פון דער אַמאָליקער גרויסער, שטורעמדיקער ייִדישער קהילה. די שול איז אַלט, פאַרלאָזט. די קהילה גרייט זיך אַריינצובערענגען אַ ביסל מער אָרדענונג און אויסבעסערונגען. שטייען מענער און פרויען ביי די טישן און שטענדערס און מען איז צופרידן און נייגעריק זיך צו טרעפן. אייניקע ייִדן פרעגן מיך גענוי אויס ווען כ'האָב געלערנט אין יאַס און סע ווייזט זיך אַרויס, אַז טייל פון זיי האָבן אין די זעלבע יאָרן געלערנט אויף אַנדערע פאַקולטעטן און אַפילו אויפן זעלבן יורידישן פאַקולטעט. דער עולם טראָגט נאָך אויף זיך די שפורן פון די שווערע טעג, וואָס די קהילה האָט דורכגעלעבט.

בעת דער חזן דאַוונט מעריב און אַלע דאַוונען מיט, רעדן צו מיר הונדערטער פּאָר אויגן, אויגן וואָס גלעטן מיך מיט צאַרטע בליקן און דריקן אויס אַ דורשט צו זען און צו הערן דעם גאַסט.

יאַסער ייִדן דאַוונען שטיל. יאַסער ייִדן בענקען. יאַסער ייִדן טראָגן אין זיך די שווערע וווּנד.

אויף די שליאַכן פון ייִדישן גלות

א

אָנהייב נאָוועמבער 1973 איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן עטלעכע לענדער אין איראָפּע, דרום־ און צפון־אַמעריקע און צום לעצט, קאַנאַדע. געקומען פון ישׂראל נאָך דעם פייער־איבעררייס און געוואָלט זען ווי ס׳פּילט, ווי ס׳לעבט דער ייִד אין דער וועלט אין די דאָזיקע טעג. ס׳איז שווער צו מאַכן כּוללדיקע אויס־פירן. פאַראַן ספּעציפיש באַדינגונגען אין יעדן לאַנד באַזונדער, אָבער אין אַל־געמיין, ביי ייִדן וואָס לעבן זיך אויס ייִדישלעך מיט אַ נאָענטער באַרירונג מיט מדינת ישׂראל, האָט מען געפילט נישט נאָר דאגה, נאָר אויך פּאַניק און דעזאָ־ריענטירונג וואָס שייך דעם גורל פון דער מדינה, און ביי אַ טייל אַפילו אַ דע־פּרעסיע. כּמעט אין אַלע לענדער (מיט פאַרשיידענע וואַריאַנטן) האָט מען גע־הערט אומגעפער די זעלבע פראַגעס: וואָס וועט זיין? וווּהין גייט מען? פאַר־שטענדלעך, אַז די יום־כּיפּור־מלחמה האָט אויך טיילווייז אויפגעמונטערט נישט נאָר די וואָס שטייען נאָענט צו דער ייִדישער נאַציאָנאַלער מחנה אין יעדער קהילה, נאָר אויך אַ סך, אַ סך ייִדן וועלכע פאַרוועגן אַ גאַנץ יאָר דעם גלות באהבה און טראַכטן נישט וועגן ייִדן־פראַגעס. דאָס מאָל האָט טיף אין זיי געגומען וויברירן די ייִדישע סטרונע און זיי האָבן זיך באַטייליקט אין די גרויסע געלט־זאַמלונגען פאַר מדינת ישׂראל, האָבן אָנטיילגענומען אין מאַניפעסטאַציעס און אויסגעשריגן זייער סאָלידאַריטעט אויף די ברייטע גאַסן און בולוואַרן פון דעם צעשפּרייטן ייִדישן גלות.

דאָס בילד וועט אָבער נישט זיין קיין ריכטיקס אויב מ׳וועט נישט דער־מאָנען, אַז ס׳זענען געווען אויך גלייכגילטיקע ייִדישע קרייזן, כאָטש די הילכיקע מאַניפעסטאַציעס האָבן זיי אָוועקגעשטעלט אין שאָטן.

דער אַלגעמיינער איינדרוק איז, אַז מדינת ישׂראל האָט אַ גרויסן איבערגע־געבענעם שותּף — דאָס איז דאָס ייִדישע פאָלק. אוודאי האָט דאָס פאָלק נישט מקיים געווען אַלץ אין וואָס די מדינה בייטיקט זיך. סאָלידאַריטעט איז נישט נאָר געלט־שטיצע, ווי וויכטיק זי זאָל נישט זיין, און פּאָליטישע אַרבעט, דאָס הייסט, אַ גרויסע אויפקלערונג צווישן ייִדן און נישט־ייִדן וועגן דעם, אַז אונדזער קאַמף איז אַ גערעכטער. די מדינה מוז אַ חוץ דעם האָבן, לעבנס־דרינגענדיק, עליה, וואָלונטערן. אַ טייל פון דער ייִדישער יוגנט אין די גלות־לענ־דער דאַרף זיך מיט אונדז משתּתּף זיין. זיי דאַרפן אַהער קומען. פון דער פרייער וועלט קומען ווייניק, זייער ווייניק. איצט מוז מען פאָדערן פון יונגן דור ער זאָל קומען צו אונדז אין גרעסערע מאָסן.

ב

דעם קרוב אַ האַלב מיליאָניקן ייִדישן ייִשוב אין פראַנקרייך פעלט מער אָרגאַניזירטקייט, מער געמיינזאַמע שפּראַך צווישן די פאַרשיידענע סעקטאָרן זיינע. דער ייִדישער ייִשוב אין פראַנקרייך האָט אין די לעצטע 10 יאָר דורכגעמאַכט טיפע ענדערונגען, ס'זענען צוגעקומען הונדערטער טויזנטער ייִדן פון צפון־אַפריקע, אין אַ גרויסער מאָס ייִדן מיט ייִדישער טראַדיציע. זיי זענען נאָך אָבער נישט אַריינגעוואָקסן אין גאַנצן אין דער אַלגעמיין געזעלשאַפטלעכער ייִדישער ראַם און אין אַ געוויסער מאָס זענען זיי געבליבן דרויסנדיקע. הגם דער יונגער דור פון די צפון־אַפריקאַנער ייִדן האָבן דאָרט שנעל זיך אָנגעהויבן אָפּטרייסלען פון ייִדישער טראַדיציע און שנעל זיך אַסימילירן, באַקומט זיך דאָך דער איינדרוק, אַז אַ גרויסער טייל פון זיי האָבן אַ נאָענטע און וואַרעמע באַציִונג צו מדינת ישׂראל, אַ ביסל זענען אויך עולה. דאָס צפון־אַפריקאַנער ייִדנטום האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ באַדייטנדיקע צאָל אינטעלעקטואַלן — פילט מען אָבער נישט אַז זיי פאַרנעמען אַ מזרח־פּלאַץ אין דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט אין פראַנקרייך. דאָס אַלץ באַמערק איך, ווייל כ'האַלט, אַז די פראַגע פון קרוב צו אַ פערטל מיליאָן צפון־אַפריקאַנער ייִדן אין פראַנקרייך איז פון אַן אַלגעמיין ייִדישן אינטערעס און נישט נאָר אַן אינערלעכער ענין פון פראַנצויזישן ייִדנטום.

דער צווייטער טייל פונעם ייִדישן ייִשוב אין פראַנקרייך באַשטייט אין אַ גרויסער מאָס פון אָפּשטאַמיקע פון מזרח־אייראָפּע, צווישן וועלכע עס פילט זיך נאָך טיילווייז די טראַדיציע פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. זיי זענען האַלב אַסימילירט, אָבער וואָלטן לייכט געקענט ווערן מאָביליזירט ווען ס'וואָלט געוועזן אַ שטאַרקע פירערשאַפט. די דאָזיקע ייִדן זענען לעצטנס אָפּגעשוואַכט, אָבער קענען נאָך אויספירן אַ וויכטיקע נאַציאָנאַלע שליחות. די איינציקע ייִדישע נאַציאָנאַלע צייטונג „אונדזער וואָרט" פילט אויס אַ גרויסע אויפגאַבע אין אָריענטירן די דאָזיקע ייִדן. פאַראַן אויך דאָרט אַ פעדעראַציע פון ייִדישע געזעלשאַפטן, וועלכע פילט אויס לעצטנס אַ זייער דינאַמישע ראָל אינעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן לעבן.

מען דאַרף אויך דערמאָנען די לינק־אָריענטירטע גרופּעס פון די ייִדיש־רעדנדיקע קרייזן, וועלכע געפינען זיך אין די לעצטע יאָרן אין אַ פּראָצעס פון דעזאָריענטאַציע און צעפאַלונג און שפּילן אַ קליינע ראָלע אין ייִדישן לעבן. דער זיג פון ציוניזם, מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישׂראל, די פיינטלעכע באַציִונג פון סאָוויעט־רוסלאַנד צו מדינת ישׂראל און די פיר מלחמות וואָס ישׂראל האָט געהאַט ביז איצט אויסצושטיין — דאָס אַלץ האָט צערודערט די לינק־אָריענטירטע ייִדישע מחנה אין פראַנקרייך און ביי פיל פון זיי האָט זיך מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג אויפגעכאַפּט דער ייִדישער ניצוץ און דאָס ייִדישע געוויסן האָט געשטעלט

די פֿראַגע: קען דאָס זיין אונדזער וועג? אונדזער ציל? און מען האָט זיך דעריבער אָנגעהויבן, די לעצטע יאָרן, אָפּטראָגן פֿון דער קאָמוניסטישער מחנה. פֿיל לאַנדסמאַנשאַפֿטן האָבן געמאַכט אַ וועג צוריק, צוריק צו דער נאַציאָנאַלער פּראָגרעסיווער מחנה. כ׳וויס נישט צי די ציוניסטישע מחנה האָט געהאַט גענוג פֿעיִקייט און שנעלקייט צו האַנדלען ווי עס געהער צו זיין, כּדי מקרב צו זיין אָט די בלאָנדזשענדיקע עלעמענטן פֿון צווישן די פֿריערדיקע לינקע קרייזן צו דער נאַציאָנאַלער מחנה. דאַרף די דאָזיקע פֿראַגע נאָך איצט זיין אַקטועל.

ביים צווייטן טייל פֿון די מער איינגעזעסענע ייִדן פֿון פֿראַנקרייך, די אַזוי גערופֿענע אויטאָכטאָנע, איז דאָס בילד זייער נישט קיין איינטאָניקס: אַ מאָזאַיִק פֿון פֿאַרשיידנאַרטיקע צוגאַנגען. דאָס בילד באַשטייט פֿון צונויפֿגעסטריגעוועטע טיילן וואָס צוזאַמען שאַפֿן זיי דעם איינדרוק פֿון אַ געשלאָסענער פֿעסטונג. פֿאַראַן אין אַלגעמיין אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום נאַציאָנאַלן לעבן, אָבער די אויסדרוקן זענען אַזוי פֿאַרשיידן און פֿון אַזוי פֿיל וואַריאַנטן, אַז ס׳איז שווער דאָס אַלץ אַרומצונעמען אין איין דיסציפּלינירטער נאַציאָנאַלער איינהייט. אויף די איינגעהאַלטענע, אין זיך איינגעשלאָסענע און פֿאַרזיכטיקע אויטאָכטאָנע ייִדן הויערן דורות פֿון אָפּגעפֿרעמדקייט צום נאַציאָנאַלן ייִדנטום. ווען מען מאַכט אַ פֿאַרגלייך צווישן די ייִדן וואָס גרופּירן זיך אַרום דער קאָנסיסטאָריע, אָט דעם אַלטן אינסטיטוציאָנאַליזירטן אויסדרוק פֿון די פֿראַנצויזישע איינגעבוירענע ייִדן, מיט דעם צווייטן אָדער דריטן דור פֿון די עלטערע אימיגראַנטן, וועלכע געהערן שוין צו דער מחנה פֿון פֿראַנצויזיש־רעדנדיקע, קען מען לייכט פֿילן וואָס פֿאַר אַ ראַדיקאַלע ענדערונג עס איז פֿאַראַן צווישן אָט די צוויי גרופּן פֿון די פֿראַנצויזיש־רעדנדיקע. אויב אין די טעג פֿון דער יום־כּיפּור־מלחמה האָט אַ טייל פֿון די פֿראַנצויזישע ייִדן פּראָטעסטירט קעגן דער עגיפּטיש־סירישער אַגרעסיע, דורכגעפֿירט מיט דער פּולער מיטהילף פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד, זענען די הויפּט־פֿאַקטאָרן דערביי געווען די יונגע קרייזן פֿון צווייטן, דריטן דור פֿון די פֿראַנצויזיש־רעדנדיקע מיט אַן אַקטיווער באַטייליקונג פֿון די ייִדיש־רעדנדיקע.

ביי דעם פֿראַנצויזישן ייִדנטום זענען אפֿשר פֿאַראַן אינסטיטוציעס פֿון רעפּרעזענטאַנץ, אָבער ס׳פֿעלט אַ דינאַמישע פֿירערשאַפֿט, וועלכע זאָל מדריך זיין דעם גאַנצן ייִשוב. מען וואָלט געקענט פֿאַרגלייכן דעם ייִדיש־פֿראַנצויזישן ייִשוב צו אַ גרויסן אָרקעסטער. פֿאַראַן אין אים אַפֿילו גאָר גוטע איינצלנע שפּילערס, עס פֿעלט אָבער דער גרויסער דיריגענט פֿון ייִשוב. דעריבער, ווער ס׳האָט אַ מוזיקאַליש־געזעלשאַפֿטלעך אויער, קען לייכטער הערן די פֿאַרשיידענע קולות פֿון די כּלי נגינה, אָבער די גאַנצע סימפֿאָניע פֿון דעם אָרגעסטער גייט לאיבוד. מען מוז דערמאָנען, אַז אויך די ציוניסטישע באַוועגונג אין פֿראַנקרייך איז אַ שוואַכער שותּף.

דעם 6טן נאָוועמבער 1973 האָב איך אָנטיילגענומען אין פּאַריז אין אַ גרויסער מאַסן־פֿאַרזאַמלונג, איינגעאָרדנט דורך דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג,

אין וועלכער ס׳האָב זיך באַטייליקט אַלס הויפּט־רעדנערס צווײ פּראָמינענטע פירערס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין פראַנקרייך, נישט־ייִדן, ווי אויך פאָרשטייערס פון דער ציוניסטישער אַרבעט־פּאַרטיי אין פראַנקרייך. די פאַר־זאַמלונג איז געווען געווידמעט דער לאַגע פון מדינת ישׂראל נאָך דער יום־כּיפּור־מלחמה און זי האָט אויסגעדריקט איר פּראָטעסט קעגן דעם באַשלוס פון די פאָרשטייערס פון די 9 אייראָפּעיִשע לענדער, וועלכע האָבן אָנגענומען אַן אַנטי־ישׂראלדיקע רעזאָלוציע אונטער דעם נאַפט־שאַנטאַזש פון די אַראַבישע לענדער.

ס׳איז געווען רירעוודיק צו זען דעם פּיל־קעפּיקן עולם וואָס האָט מיט גרויס שפּאַנונג זיך צוגעהערט צו די רעדנערס. ס׳האָט ווי געשטורעמט די שווערע באַשולדיקונג נישט נאָר קעגן די אַראַבער, נאָר בעיקר קעגן די גרויסע אייראָ־פּעיִשע לענדער, וועלכע האָבן זיך געלאָזט טעראָריזירן פון דעם נאַפט־שאַנ־טאַזש, קעגן דער פרייער, ציוויליזירטער אייראָפּע וואָס איז געשטאַנען אויף די קני פאַר דער ווילדער אַראַבישער אַטאַקע, וואָס האָט אַרויסבאַקומען ביי איר אַן אַנטי־ישׂראלדיקע שטעלונג. אין גרויסן זאַל האָט אָפּגעהילכט די שווערע וואָרענונג, אַז די פרייע וועלט דאַרף וויסן, אַז דער קאַמף פון מדינת ישׂראל איז נישט נאָר איר קאַמף, עס איז דער קאַמף פון יעדן פרייען לאַנד וואָס וויל אײַנהאַלטן זײַן רעכט אויף עקסיסטענץ און זיכערקייט. אויב היינט טרעפט עס דעם עם ישׂראל, און מען וועט משלים זײַן דערמיט, וועט עס מאָרגן טרעפן אַנ־דערע פרייע לענדער.

כ׳האָב זיך אַזוי צוגעקוקט צו דער אויפגעברויזטער מאַסע, וועלכע האָט מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן אויסגעדריקט איר טיפע זאָרג פאַר מדינת ישׂראל. האָט איינער אַ זאָג געטאָן: „אייראָפּע איז געגאַנגען אין קאַנאָסאַ, עס איז אַ בזיון פאַר דער ציוויליזירטער וועלט. מ׳דאַרף אָפּהאַלטן דעם באַרג־אַראָפּ פון פרייען מענטש!״

ג

מען קען זאָגן, אַז איך בין נישט קיין זעלטענער גאַסט אין אַרגענטינע. געווען שוין עטלעכע מאָל דאָרטן. יעדעס מאָל האָב איך אַ געפיל, אַז אין אַ געווויסער מאָס, איז אויף דעם קאָנטינענט פאַראַן נאָך אַ גרויסע פּאָטענץ פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִד, דערפאַר פיל איך מיך דאָרט נענטער, היימישער ווי אין אַנדערע ייִדישע יישובים. כ׳בין דאַסמאָל אָנגעקומען אַהין אין מיטן נאָוועמבער און מיין אויפגאַבע איז געווען צוריקצוברענגען די אחדות אין דער דאָרטיקער ציוניסטישער פעדעראַציע, וועלכע האָט זיך מיט 8 חדשים צוריק געשפּאָלטן און געבראַכט שאָדן דער נאַציאָנאַלער זאַך, און אויך זיך צו באַטייליקן אין דער דריטער לאַנד־קאָנפערענץ פון דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג אין אַרגענ־טינע.

נישט דאָ איז דאָס אָרט אַריינצוגיין אין איינצלהייטן, נאָר כ׳קען, נישט איבערטרייבנדיק, זאָגן, אַז דער סך הכל פֿון מיין שליחות קען באַטראַכט ווערן ווי אַ צופֿרידנשטעלנדיקער. איך מוז מודה זיין, אַז עס האָט מיך באַגלייט נישט נאָר אַ צופֿרידנקייט, נאָר אויך אַ שווערע שטימונג, אַ זאָרג פֿאַר דער מערהייט פֿון די דאָרטיקע ייִדן. דאָס ייִדישע אַרגענטינע האָט צוויי פּנימער: איין פּנים — נאַציאָנאַלע געטריישאַפֿט, אַ שותּפֿות צו אַלץ וואָס איז ייִדישלעך און ציוניסטיש, צו מדינת־ישׂראל. די ייִדן פֿון דעם מין דערשיינען פּילצאַליק אויף די פֿאַרזאַמלונגען. זיי דערמאָנען מיר כּסדר דעם שטייגער פֿון מיין געבורטס־שטאָט קעשענעוו; דאָס צווייטע פּנים פֿון ייִשוב, בעיקר פֿון צווייטן און ייִנגערן דור, פֿון דער אינטעליגענץ, פֿון סטודענטום — איז פֿאַרזיגלט און פֿאַרשטיינערט כּלפּי דער נאַציאָנאַלער ייִדישער מחנה. די היגע עסקנים זאָגן, אַז 80% פֿון צווייטן ייִנגערן דור זענען דערווייטערט און אַסימילירט.

אין גרויסן בוענאָס־איירעסער אוניווערסיטעט זענען פֿאַראַן 21 טויזנט ייִדישע סטודענטן. דאָס איז אַ געוואַלדיקע מחנה און דאָך קען מען נישט איינאָרדענען אין קיין שום ווינקעלע פֿון דעם אוניווערסיטעט קיין איין באַגעגעניש אָדער טרעפֿונג פֿאַר אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. אַלץ איז הערמעטיש פֿאַרזיגלט. ייִדישע סטודענטן קענען זיין אַקטיוו אין פֿאַרשידענע עקסטרעם לינקע געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע שטרעמונגען, אין אַלע „איזמען״, אָבער חס וחלילה נישט אין ענינים מיט ייִדישער טעמאַטיק. די גאַנצע נאַציאָנאַלע אַרגענטינישע באַוועגונג איז דורכאויס קעגן אַ קולטור־פּלוראַליסטישער אויפֿפֿאַסונג למשל, ווי אין צפֿון אַמעריקע, און דערלאָזט נישט קיין ייִדישע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפֿטלעכקייט, קיין שום נאַציאָנאַלע מינדערהייט־אייגנאַרט. אַלץ ווערט שנעל צעריבן אין אַלגעמיינעם קעסל. בלויז דאָס, וואָס קאָכט זיך אויף דער אָפּגעשלאָסענער ייִדישער נאַציאָנאַלער גאַס, קאָנסערווירט עפּעס. דאָס איבעריקע ווערט שנעל איינגעשלונגען.

פֿאַראַן אויך קוריאָזן וואָס די לאַגע ברענגט. מיט עטלעכע חדשים צוריק, ווען פֿעראָן האָט זיך געגרייט אויסדערוויילט צו ווערן אַלס פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק, האָט ער פֿאַרטראַכט אַן אייגנאַרטיקן וועג ווי אַזוי צו ברענגען אַ גרויסע מערהייט פֿון די ווייִלער אים צו שטיצן. ער האָט געשאַפֿן אַ פֿראָנט, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע שאַטירונגען פֿון לינקס ביז רעכטס, אַ פֿאַרשידנאַרטיקייט, וואָס מען האָט פּאָליטיש קוים געקענט זיך פֿאָרשטעלן. אָבער דער מיטל איז געווען זייער ווירקזאַם. ביי די וואַלן האָט פֿעראָן באַקומען אַ גרויסע מערהייט. פֿיל אַסימילירטע ייִדן, קאָסמאָפּאָליטיש געשטימטע און מיט ווילדע פֿליגן אין מוח, האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ קעלבערנע התפּעלות, טענהדיק, אַז מען דאַרף נישט האָבן קיין ייִדישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, אַז ציוניזם איז איבעריק, ווייל דער פֿעראָניזם וועט לייזן אַלע אונדזערע פּראָבלעמען. ס׳האָט זיך געשאַפֿן אַ גן־עדן פֿון טפּשים.

אָבער ס׳זענען נישט דורכגעגאַנגען קיין סך וואָכן נאָך די וואַלן און פּלוצעם האָבן ביידע עקסטרעמען אין דער פּעראָניסטישער באַוועגונג — פון רעכטס און פון לינקס — אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט איינע צו די אַנדערע: שיסערייען, מאָרדן, פּאַרכאַפּונגען א.אַ.וו. ס׳איז געוואָרן פריילעך אין דער מחנה. פּרעזידענט פּעראָן האָט פאַרשטאַנען, אַז ער קען נישט דולדן אַזאַ לאַגע און ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז ער דאַרף געבן זיין שטיצע דער רעכטער ריכטונג. דאָן האָבן די לינקיסטישע קרייזן אָנגעהויבן דערפילן, אַז מען שטופּט זיי אַרויס. די ייִדישע עקסטרעם־לינקע זענען געווען די ערשטע אין חשבון און זיי זענען געבליבן הענגען אין דער לופטן, פאַרשעמטע, אַנטוישטע און דעפּרימירטע. כ׳ווייס נישט צי האָבן זיי זיך שוין אויסגעהיילט פון זייער קאָסמאָפּאָליטישער קרענק אָדער נישט. ווער עס קען אַריינקוקן אין דער ייִדישער אַסימילירטער סביבה אין אַרגענטינע, קען דערזען אַז דאָרטן שפּילט זיך אָפּ אַ גרויסע דראַמע. אָבער מיך ערגערט דער עיקר, דער גורל פון דער גרויסער מחנה פון יונגן, פעיִקן און פאַרפירטן דור. וואָס זוכט נאָך אַלץ אויף פרעמדע פעלדער לייזונגען צו זיינע נויטן און פּראָבלעמען. צי קענען מיר בלייבן גלייכ־גילטיק צו אָט דער שטילער, אָבער טיפער טראַגעדיע פון אונדזער כמעט פאַר־לוירענעם יונגן דור אין אַרגענטינע?

מיר איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט אַ גרופּע ייִדישע פּראָפעסאָרן, סאָציאָלאָגן אין בוענאָס־איירעס. ס׳איז געווען זייער אַן אויפריכטיקער שמועס, אין אַ קליינעם קרייז, אין אַ פּריוואַטער שטוב. די טעמע וועלכע מיר האָבן דעבאַטירט איז געווען: ווי האַלט עס מיטן צווייטן דור אין דער ייִדישער אַרגענ־טינע? די מענטשן האָבן נישט געוואָלט פאַרשוואַרצן און אויך נישט העלער מאַכן דאָס בילד. ס׳איז געווען אַ שמועס פון מענטשן וועלכע זוכן אַ לייזונג. זיי אַליין זענען נישט קיין ציוניסטן. זיי האַלטן זיך אָבער פאַר נאַציאָנאַלע ייִדן. זייער דאגה איז: וואָס וועט ברענגען די צוקונפט פאַרן דאָרטיקן ייִדישן יישוב? און ס׳איז נישט געווען קיין צופאַל, ווען אין דעם פּליסנדיקן שמועס האָט איינער פון זיי זיי אַ זאָג געטאָן: „כ׳בין אַליין אויסגעוואַקסן אין אַ שטוב מיט אַ ייִדישער דערציִונג, אָבער דאָס וואָס עס קומט פאָר איצט צווישן צווייטן ייִדישן דור, פילט מיך אָן מיט זאָרג, אַז אין צוויי דורות אַרום וועט דער יישוב פאַרלירן זיין ייִדישן קאָלאָריט. אפשר צוליב דעם טראַכט שוין נישט איינער פון די וואָס געהערן נאָך אַביסל צו דער נאַציאָנאַלער מחנה, אַז אויב ער איז נישט עולה, שטעלט זיך ביי אים ערנסט די פראַגע צי דאַרף ער געבן זיין קינד אין אַ ייִדישער שולע, כדי אים אָפּצורייסן פון דער היגער נישט־ייִדישער סביבה?"

נאָך דער דאָזיקער באַמערקונג איז געוואָרן שטיל. אין דער לופטן האָט געהאָנגען אַ גרויסע וואָרענונג. די אַנדערע באַמערקונגען האָבן נישט באַשטע־טיקט דעם דאָזיקן פּראָגנאָז, אָבער אין דער אַטמאָספער פונעם שמועס האָט

ייִדן אויפֿן שיידוועג

געהערשט אומרו און זאָרג. מיין באַטייליקונג אין אָט דער קליינער באַראַטונג האָט מיר געגעבן אַ ממשותדיקן איינדרוק וואָס דאָס מיינט די אַסימילירטע יונגע וועלט אין איצטיקן אַרגענטינע.

אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען כ׳האָב זיך געפֿונען אויף דער אָפּשיידס־באַגע־געניש, ווו ס׳האָט געהערשט זייער אַ דערהויבענע שטימונג, האָט זיך מיר אַלץ אויסגעוויזן, אַז איין אויג איז ביי מיר פֿול מיט פֿרייד און צופֿרידנקייט, און דאָס צווייטע אויג לאָזט אַ טרער.

סעפּטעמבער 1972

מיט ייִדן אין טעהעראַן

ס'איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן דאָס לעבן פֿון אַ ייִדישן ייִשוב אין האָרץ פֿון אַ גרויסן מוסולמענישן לאַנד, ווי איראַן, מיט 32 מיליאָן איינוווינער, ווי אַ גרויסע מערהייט געפֿינט זיך נאָך אונטערן איינפֿלוס פֿון פֿאַנאַטישע איינשטעלונגען, אַ לאַנד, וואָס פּראַגרעסירט אוטער דער פּירערשאַפֿט פֿון דעם שאַך, וועלכער ווייזט אַרויס גרויסע פֿעיִקייטן עס אַרויסצופֿירן אויפֿן וועג פֿון טעכנאָלאָגישער און אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, מיטן ווילן אַריינצוברענגען אין אים דעם גייעם טאָן פֿון דער מערב־וועלט און אַ סוף צו מאַכן צו דער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון דורות.

די לעצטע 10—15 יאָר און בעיקר די לעצטע עטלעכע יאָרן איז איראַן, אַ דאַנק אירע גרויסע נאַפֿט־קוואַלן, געוואָרן אַ ריזיקער פֿינאַנץ־כּוח אין דער מזרח־וועלט. אין משך פֿון 3—4 יאָר זענען אַריינגעפֿלאָסן קיין איראַן קרוב צו 40 מיליאַרד דאָלאַר, וואָס האָבן פֿאַרוואַנדלט איראַן אין אַ מעכטיקן פֿאַקטאָר צווישן די פֿעלקער. דער שאַך האָט פֿאַרשטאַנען, אַז איצט איז די צייט אויסצונוצן די קאַפּיטאַלן כּדי צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד. אַוודאי וועט נעמען יאָרן ביז די אַנטוויקלונג וועט אַרומנעמען דאָס גאַנצע פֿאָלק, ביז די אויסגעברייטערטע אינדוסטריע, די אויסגעבעסערטע קאָמוניקאַציע, די פֿאַרצווייגטע וויסנשאַפֿט וועלן אויך שאַפֿן בעסערע סאָציאַלע באַדינגונגען פֿאַר די ברייטע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג. ווער עס באַזוכט היינט די שטעט טעהעראַן, שיראַז, איספּאַהאַן און אַנדערע צענטערס, ווערט איבעראַשט פֿונעם טעמפּאָ אין וועלכן עס גייט אָן דאָס בויען און די אויסברייטערונג פֿון דער וויסנשאַפֿט. מען מוז צוגעבן, אַז פֿון אָט די זאָטע יאָרן האָבן אויך געניאָסן גרויסע טיילן פֿונעם ייִדישן ייִשוב אין איראַן. די פּאָליטיק פֿון שאַך איז געווען אויסצומיידן דיסקרימינאַציעס און די ייִדן זענען שטאַרק טעטיק אויף די פֿאַרשיידענע ווירטשאַפֿטלעכע געביטן.

ס'איז אפֿשר פּריצייטיק צו מאַכן אַ סך הכּל פֿון דער אַנטוויקלונג פֿונעם ייִדישן ייִשוב אין איראַן פֿאַר די לעצטע יאָרן. מען קען אָבער נישט פֿאַרלייקענען דעם פֿאַקט, אַז די לאַגע פֿון די 80—85 טויזנט ייִדן, האָט זיך אַ סך פֿאַרבעסערט.

אין טעהעראַן געפֿינען זיך 66 טויזנט ייִדן. אין שיראַז 10 טויזנט, איספּאַהאַן 5 טויזנט. די איבעריקע זענען צעשפּרייט אין קליינע ייִדישע קהילות איבערן גאַנצן לאַנד.

ווען עס איז אויסגעקומען צו זען איראַן מיט 8—10 יאָר צוריק, קומט צום אויספֿיר אַז אין ייִדישן ייִשוב איז פֿאָרגעקומען אַ ריזיקע ענדערונג. אָט למשל

אין דעם ייִדישן געטאָ אין טעהעראַן ווו ס'האָבן פֿריִער געוווינט אין גרויסער אָרעמקייט טויזנטער משפּחות, געפֿינען זיך היינט בלויז 180 משפּחות; אין שי־ראַזער געטאָ קרוב צו 200 משפּחות. די געוועזענע געטאָ־איינוווינער זענען טייל־ווייז עולה געווען קיין ישׂראל, אַ גרויסער טייל האָט פֿאַרבעסערט זיין עקאָנאָ־מישע לאַגע, זענען אַרויס פֿון געטאָ, וווינען היינט אין בעסערע און רייכערע וווינונגען, לעבן און פֿאַרדינען גוט.

ווען מ'קוקט זיך צו צום לעבן אין טעהעראַן אין יאָר 1974, שטעלט זיך אַוועק די האַרבע פֿראַגע: ווי אַזוי שפּיגלט זיך אָפּ די גרויסע אַלגעמיינע פּראָספּעריטי אויפֿן גייסטיקן אויסזען פֿון איראַנער ייִדנטום? דער ענטפֿער אויף דער דאָזיקער פֿראַגע איז ליידער זייער אַ טרויעריקער. אמת, דער ייִד אין טעהעראַן אָדער אין אַן אַנדער שטאָט, איז בכלל אַ פּאָזיטיווער ייִד. ער האָט אין זיך וואַרעמקייט, אויך סימפּאַטיע צו מדינת ישׂראל. אַזאַ איז טאַקע דער אויבנאויפֿיקער איינדרוק. ווען מ'זוכט אָבער טיפֿער, מוז מען קומען צום אויספֿיר, אַז קיין וואַרצלען פֿון ייִדיש לעבן זענען דאָ נישטאָ, אַז דאָ וואַקסט אַ צושטאַנד פֿון ייִדן אָן ייִדישקייט. נישטאָ אין לאַנד קיין איין ערנסטע ייִדישע אינסטיטוציע וועלכע קען אַרויסרופֿן האָפֿענונג, אַז זי איז בכּוח צו שאַפֿן קאַדרען פֿאַר אַ ייִדיש אינטענסיוון לעבן. נישטאָ קיין קרייזן פֿון לערנען ייִדישקייט, נישטאָ קיין תּלמידי חכמים, נישטאָ קיין פּאַרטיפֿונג אין ייִדישע ווערטן. דאָס געטאָ האָט אין דער נויט געהאַלטן צו־זאַמען די ייִדן. איצט איז מען גליקלעך וואָס מען איז אַרויס פֿון דער געטאָ־אַט־מאָספֿער. מען איז אַוועק אין דער ברייטער שטאָט, אָבער אָן שום ייִדישן באַגאַזש און מען ווערט אַלץ מער אַסימילירט. בלויז קליינע גרופּעס זענען וואַכזאַם צו אָט דעם נייעם פּראָצעס און פֿאַרשטייען, אַז די זאַטע יאָרן ברענגען מיט זיך פֿאַר די איראַנער ייִדן גייסטיק מאָגערע יאָרן אין זין פֿון ייִדישקייט. ס'איז, למשל, באַקאַנט, אַז געמישטע חתונות זענען אין אַ מוסולמענעיש לאַנד אַ זעלטענע זאַך, און אָט זענען מיר עדות — זאָגט מיר איינער פֿון די אַקטיווע עסקנים אין שטאָט — די לעצטע יאָרן, אַז ס'זענען פֿאַראַן אויך ביי אונדז געמישטע חתונות. דאָס ייִדישע הויז איז אויסגעליידיקט געוואָרן פֿון ייִדישע ווערטן.

אין די ייִדישע שולן, וווּ ס'לערנען ייִדישע קינדער, ווערן גאַנץ קנאַפּ גע־לערנט די ייִדישע לימודים. דאָס קינד פֿאַרענדיקט די שולע מיט מאָגערע ייִדישע קענטעניש. פֿאַראַן אַ בעסערע שולע „עטרה", געגרינדעט פֿון אַמאָליקע איראַקער ייִדן, לערנען דאָרטן 10—15 פּראָצענט נישט־ייִדישע קינדער, ווייל די שולע צייכנט זיך אויס מיט איר גוטן לערער־פּערסאָנאַל, אויך די ייִדישע לימודים זע־נען בעסערע. אָבער דורכשניטלעך האַלטן די ערנסטע טיילן פֿון די קהילה־טוערס, אַז די ייִדישע דערציִונג איז זייער אַ שוואַכע. און איינער גיט אַ זאָג: היינט, ווען די עקאָנאָמישע לאַגע איז פֿיל פֿאַרבעסערט, קען מען פֿאַרקלענערן טיילווייז די הילפֿס־אַרבעט פֿון „דזשאָינט" און מיט די באַפֿרייטע געלטער באַזאָרגן אַ גרופּע ערנסטע פּעדאַגאָגן און לערערס זיי זאָלן אויפֿהייבן דעם ניוואָ פֿון דער ייִדישער

דערציִונג אין איראַן, וועלכע איז אָפּגעשטאַנען מיט אַ 50 יאָר. דאָס רעליגיעזע לעבן איז נישט טיף פֿאַרוואָרצלט, עס איז שטאַרק אויבערפֿלעכלעך, דער גרעס־טער טייל פֿון די וואָס דאַווענען — פֿאַרשטייט נישט דעם פּירוש המילות און איר געפֿינט כּמעט נישט קיין תּלמיד חכם וועלכער וואָלט געקענט דינען פֿאַר אַנדערע אַ ביישפּיל. נישטאָ קיין ישיבות, קיין ערנסטע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציע.

מיר איז אויסגעקומען זיך צו טרעפֿן מיט אַ זעלטן אינטערעסאַנטן ייִדן, אַ געבוירענעם אין טעהעראַן, חביב הלוי, אַ מענטש אין די 80ער יאָרן; ער רעדט אַ ביסל עברית און אַ פֿליסיקן פֿראַנצויזיש, איז אַ פֿאַרמעגלעכער מאַן, אייִנער פֿון די גרינדערס פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין איראַן, געוואַלדיק פֿאַרבונדן מיט מדינת ישׂראל, דערצו איז ער זוכה צו זיין אַ טאַטע פֿון פֿיר זין, וואָס גייען אַלע אין זיינע וועגן. ווען דו הערסט זיך צו צו זיין לעבנסוועג דוכט זיך דיר, אַז דאָס איז אַן אויסגעטראַכטע רייצנדיקע געשיכטע. ער איז געווען מיט אַ סך יאָרן צוריק דער ציינדאָקטאָר פֿון פֿריערדיקן קעניג. אין דער מוסולמענישער גזעל־שאַפֿט פֿלעג ער שטענדיק דערשיינען מיט שטאָלץ און מיט ייִדישער ווערדע. אויסער זיינע גרויסע געשעפֿטן, האָט ער געהאַט אַ שוואַכקייט צו שרייבן די גע־שיכטע פֿון די פּערסישע ייִדן און האָט די אַרבעט געמאַכט מיט פֿיל גרינטלעכקייט, געזוכט יאָרן לאַנג די ווייטיקע מאַטעריאַלן. ס'האָט ביי אים גענומען קרוב צו 40 יאָר ביז ער האָט זיין ווערק פֿאַרענדיקט. ער האָט אויסגעפֿאָרשט און אויסגעפֿונען די קוועלן פֿון דעם שבט פֿון ייִדן אין פּערסיע אין משך פֿון 2,500 יאָר, אָנהייבנדיק מיט דער תּקופֿה פֿון קעניג כּורש ביז צו דער היינטיקער צייט. ווען ער גיט מיר זיינע דריי בענד, דערשינענע אין פּערסיש, וועגן דער געשיכטע פֿון די פּערסישע ייִדן — שטראַלט ער פֿון גליק און זאָגט, אַז די ביכער זענען זיין לעבנווערק, ער דערמאָנט, אַז ווען ער האָט זיך געטראָפֿן מיט יצחק בן צבי ז״ל, האָט ער ביי אים באַקומען פֿיל מאַטעריאַלן וועגן די פּערסישע ייִדן און אויך אַ צוזאָג אַז מען וועט איבערזעצן זיין גרויסע אַרבעט אין עברית. טראָץ זיין טיפֿן עלטער איז נאָך חביב הלוי אַ פֿאַרכאַפּנדיקער שמועסער און רעאַגירט מיט אינטערעס אויף אַלע אַק־טועלע פּראָבלעמען און בעיקר אויף דער לאַגע פֿון די פּערסישע ייִדן.

איך זאָג אים, אַז פֿאַר מיר איז אַ גרויס רעטעניש, פֿאַר וואָס ס'איז נישטאָ אין היינטיקן איראַן אַ טיפֿערע ייִדישע סביבה, פֿאַר וואָס דער היינטיקער ייִדישער ישוב אין איראַן וואָס האָט הינטער זיך אַ געשיכטע פֿון 2500 יאָר איז אַזוי וויניק ייִדיש. ס'זענען טאַקע דאָ ווילע ייִדן, אָבער דאָס זענען ייִדן אָן ייִדישקייט. גראָד אין די טעג ווען די ייִדן אין פּערסיע גייט אַזוי גוט, ווען מען פֿאַרלאָזט דעם „געטאָ״ און מען פֿאַרפֿעסטיקט זיך עקאָנאָמיש, גראָד איצט איז פֿאַראַן דאָ אַ גע־פֿאַר פֿאַרן ייִדישן המשך. פֿאַר וואָס, פֿרעג איך, זענען די ייִדן אין איראַן אַזוי אויבערפֿלעכלעך אין ייִדישע ווערטן און דער באַדן אַזוי רייך פֿאַר אַסימילאַציע. געבליבן ביי זיי איז נאָר אַ ביסל טראַדיציע און טיפֿע סימפּאַטיעס צו ישׂראל. דער

רוב פֿון די וואָס זענען ביז איצט עולה געווען זענען די נישט־פֿאַרמעגלעכע. די פֿאַרמעגלעכע זענען פֿאַרבליבן דאָ אין איראַן.

חביב לוי ענטפֿערט מיר, אַז מײַן אײַנדרוק וואָס שייך די יִדן אין איראַן איז אַ ריכטיקער. ער איז מסכּים, אַז די היינטיקע איראַנער יִדן קען מען אָנרופֿן יִדן אָן יִדישקייט. ער אַליין זוכט שוין פֿיל יאָרן אַ תּשובֿה צו דער פֿראַגע ווי אַזוי איז דאָס געשען. דאָס איז נישט לײַכט מסבּיר צו זײַן. ער דערמאָנט, אַז זינט ס׳איז אַרײַנגעדרונגען אין יִדישן לעבן אין פּערסיע די "אַליאַנס איזראַעליט", מיט אומגעפֿער 80 יאָר צוריק, און האָט אויפֿגעשטעלט אירע לערן־אַנשטאַלטן פֿאַר יִדישע קינדער, איז דאָס רעליגיעזע לערנען אין געטאָ אָפּגעשוואַכט געוואָרן. פֿריִער איז אַלע מאָל אין שפּיץ פֿון געטאָ געשטאַנען אַ תּלמיד חכם, און מען האָט אים גערופֿן ריש גלותא. דער לעצטער איז געווען רבי אַבֿרהם, אַ באַקאַנטער תּלמו־דיסט און גרויסער קענער. מיט אים האָט זיך פֿאַרענדיקט אַ גאַנצע תּקופֿה. די „אַליאַנס איזראַעליט" האָט געהאַט ביים אָנהייב אַ וויכטיקע אויפֿגאַבע: צוטראָגן אַ ביסל וויסן דעם יונגן יִדישן דור און אים אַ ביסל פֿאַרבינדן מיט דער דרויסנ־דיקער וועלט. די דאָזיקע דערציִונג האָט אָבער נישט געהאַט קיין טיפֿע יִדישע וואָרצלען. די אַליאַנס־שולן זענען געווען אָן יִדישע וואָרצלען און האָבן נישט אַרויסגערופֿן ביי די היגע יִדן קיין טיפֿע יִדיש־נאַציאָנאַלע זוכענישן, בלויז אָן אויבערפֿלעכלעכע נאָסטאַלגיע. מען מוז אויך צוגעבן, זאָגט חביב לוי, אַז די אַל־געמיינע דערדריקנדיקע לאַגע אין געטאָ אין די ספּעציפֿישע מוסולמענישע באַ־דינגונגען האָט געווירקט אַזוי צעשמעטערנדיק אין נאַציאָנאַלן זין, אַז דורות־לאַנג האָט דער גוטער יִדישער בוים נישט געגעבן קיין פּירות. אויך ווען דער „דזשאָינט" איז שפּעטער אָנגעקומען קיין איראַן מיט זײַן מאַטעריעלער און סאָ־ציאַלער הילף פֿאַר די יִדן, האָט ער נישט אַ שטויס געטאָן צו פֿאַרפֿעסטיקן דעם יִדישן באַוווּסטזײַן. דאָס אויפֿשטײַן פֿון מדינת ישׂראל איז געווען ווי אַ גרויסע גאולה־דערשײַנונג. מיטן גרויסן שטראָם פֿון עליה אין די ערשטע 10—12 יאָר פֿון מדינת ישׂראל, זענען עולה געווען אומגעפֿער 80 טויזנט יִדן פֿון איראַן, די מערהייט פֿון זיי אָרעמעלײַט, שווערע פֿאַלן. דער רוב פֿון דער אינטעליגענץ, פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע און פֿאַרמעגלעכע קרייזן, זענען געבליבן אין איראַן.

אין ישׂראל פֿילט זיך אָפּט אַ מאַנגל פֿון פֿירנדיקע קאַדרען צווישן די יִדן פֿון איראַן, און דאָ אין איראַן אַנטוויקלט זיך די גרויסע געפֿאַר פֿון אַסימילאַציע. פֿאַר דער גרעסטער מערהייט פֿון די איראַנער יִדן איז היינט די עליה דער בעס־טער און זיכערסטער וועג. כ׳גלייב, זאָגט חביב לוי און ער פֿאַרטראַכט זיך גוט, אַז אין אונדזער תּקופֿה דאַרף מען וויניקער זאָרגן פֿאַר דער סאָציאַלער הילף פֿון „דזשאָינט", מען דאַרף דאָ אײַנפֿלאַנצן עטלעכע יִדישע וויכטיקע פּערזענ־לעכקייטן, זיי זאָלן העלפֿן די היגע יִדן אײַנזאַפּן און פֿאַרטיפֿן די יִדישע ווערטן:

געווען איז עס אַ באַלערנדיקער שמועס מיט חביב לוי. שווער צו געפינען דאָ נאָך אַ פּאָר ייִדן אַזעלכע, וועלכע זענען באַהאַוונט אין די פּראָבלעמען פון די ייִדן אין איראַן.

די טעג וואָס כ'האָב פאַרבראַכט צווישן די ייִדן אין טעהעראַן און אין שיראַז זענען געווען טעג פון טיפער עמאָציע און פון כסדרדיקן נאָכטראַכטן וועגן דעם מאָראַלישן ייִדישן חוב כלפּי כלל ישׂראל און בפרט כלפּי די איראַנער ייִדן, ווי אַזוי העלפט מען זיי זיך גייסטיק צו פאַרשטאַרקן. כ'קען זיך נישט באַפרייען פון דער אויסערגעוויינלעכער איבערלעבונג אין טעהעראַן, ווען איך האָב בייגעוווינט די ספּעציעל איינגעאָרדנטע פאַרזאַמלונג אין כורש־זאַל מיט דער באַטייליקונג פון 400 ייִדן און זיי האָבן מיט דורשט זיך צוגעהערט וועגן דער לאַגע פון וועלט־ייִדנטום, וועגן פּראָגן פון ייִדישער דערציִונג, וועגן דער גרויסער היסטאָרישער ראָל, וואָס עס שפּילט היינט אין ייִדישן לעבן אין דער וועלט מדינת ישׂראל. דו האָסט געפילט, אַז אין אָט דעם גרויסן זאַל הענגט אַ גרויסער פראַג־צייכן: וואָס וועט זיין מיט דעם ייִדישן ייִשוב אין איראַן (גערעדט האָב איך העברעיִש און אַ ספּעציעלער איבערזעצער האָט איבערגעזעצט אין פּערסיש).

אויף אַ זיצונג פון קהילה־ראַט האָט מען גערעדט מיט גרויס אחריות וועגן דער אַזוי הינטערשטעליקער לאַגע פון דער ייִדישער דערציִונג אין איראַן. דער ייִשוב אַליין מיט זיינע אייגענע אינטעלעקטועלע כּוחות, קען נישט ברענגען צו אַן ענדערונג פון דער לאַגע. אָבער די דרויסנדיקע פאַקטאָרן, וואָס קומען און העלפן, גיבן ליידער זייער ווייניק. „מען באַציט זיך צו אונדז פּונקט ווי מיר אַלע וואָלטן דאָ געזעסן צווישן די טונקעלע מויערן פון געטאָ און מען פאַרשטייט נישט צו ברענגען צו אונדז ערנסטע פּעדאַגאָגישע כּוחות מיט טיפן ייִדישן וויסן" — דאָס קענסטו הערן פון פיל עסקנים וואָס זענען זיך מטפּל אַ ביסל מיט די ענינים.

צום שבח פון אַ סך דאָרטיקע קרייזן מוז מען זאָגן, אַז ס'פּילט זיך ביי זיי אַ באַדערפעניש ערנסט צו רעווידירן דעם מצב פון דער ייִדישער דערציִונג, אַ פאַר־שטענדעניש אַז מ'מוז מקרב זיין די ייִנגעדע קרייזן צו אַ ייִדישן אינהאַלט, צו אַ מער בולטער און קאָנקרעטער פאַרבינדונג מיט ישׂראל. דאָס אַלץ ווערט ליידער ביז איצט געמאַכט אין אַ פאַמעלעכן טעמפּאָ, וואָס איז אין אַ פולשטענדיקער סתירה מיט דעם נייעם דינאַמישן טעמפּאָ אין דער איראַנישער געזעלשאַפט. אי־ראַן פּרוּווט לייזן אירע ווירטשאַפטלעכע און אַנטוויקלונגס־פּראָבלעמען מיט אַ שנעלקייט פון אַן אַוויאָן, בשעת די ייִדישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען ווערן דאָ געלייזט מיט דער שנעלקייט פון אַ וואָגן געשפּאַנט מיט אָקסן. און אין מוח עק־בערט די האַרבע פראַגע: צי וועט אָט דער קעגנזאַץ פון ביידע טעמפּאָס נישט אָוועקשטעלן דעם שבט איראַנער ייִדן אַן ייִדישקייט פאַר אַ גורלדיקער לאַגע?

נאָוועמבער 1974

מיט ייִדן אין שוועדן

צווישן די פיר סקאַנדינאַווישע לענדער, וואָס פאַרמאָגן צוזאַמען נישט מער ווי 24—25 טויזנט ייִדן, איז שוועדן דאָס לאַנד מיטן גרעסטן ייִדישן ייִשוב. די ייִדישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס האָבן די דאָרטיקע קהילות נישט געפּעסטעט. זעלטן קומט מען צו זיי, כּדי זיי מיטצוהעלפן אין זייערע ייִדישע נאַציאָנאַלע פּראָגעס. מעגלעך, אַז אין אונטערבאַוווסטזיין איז פאַראַן אַ געפיל, אַז ס'איז כּמעט אַ פאַר־שפּילטער פּראָנט. די אַסימילאַציע איז אַן אומגעהויערע. ייִדן זענען דאָ אָן ייִדיש־קייט, געמישטע חתונות דערגייען צו 70%.

בין איך זיך מודה, אַז ווען כ'בין אָנגעקומען קיין שטאָקהאָלם סוף נאָוועמ־בער, האָב איך אויך מיטגעבראַכט מיט זיך אַזאַ געפיל. כ'בין דאָ געווען דאָס לעצטע מאָל אין יאָר 1959 אויף דער קאָנפערענץ פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס און בין געווען אַן עדות פון אָט דעם גאַלאָפּירנדיקן אַסימילאַציע־פּראָצעס.

דאָסמאָל האָב איך דערזען עפּעס נייעס. כ'האָב זיך אָנגעטראָפן אויף גאָר נייע יונגע כּוחות וואָס פאַרנעמען די ערשטע פּאָזיציעס אין ייִדישן לעבן, פון וועלכע די עלטערע טוער האָבן זיך צוריקגעצויגן. מיט אָט די יונגע עלעמענטן קען מען קיין ייִדיש נישט רעדן, זיי רעדן דאָס רוב ענגליש. מ'פילט ביי זיי, אַז זיי זוכן ערשט דעם וועג, ווילן מער פאַרשטיין די ייִדישע פּראָבלעמאַטיק, עס פעלט זיי דערפאַרונג, אָבער זיי זענען דאָס רוב מענטשן מיט גוטן ווילן. ס'איז פאַר מיר קלאָר, אַז זיי וועלן נישט ממשיך זיין דעם נוסח פון ייִדישן לעבן, פון ציוניזם און פאַרבינדונג מיט מדינת ישראל, אַזוי ווי עס האָט אים אָנגעהאַלטן דער פריִערדיקער דור.

ווי נאָר מיר קומט אויס צו האָבן אַן ערשטן שמועס וועגן אַלגעמיין ייִדישן און ציוניסטישן לעבן אין שוועדן, הערט זיך מצד די יונגע אַ מין פאָרוואורף פאַר וואָס מען פאַרלאָזט די סקאַנדינאַווישע לענדער, פאַר וואָס מ'קומט אַזוי זעלטן, צו העלפן זיי אין זייערע ראַנגלענישן ווי נאַציאָנאַלע ייִדן. דאָ אין דעם לאַנד, ווו ס'איז כּמעט נישטאָ קיין אַנטיסעמיטישע באַוועגונג און ווו ייִדן לעבן אין גוטע באַדינגונגען, האָבן זיי אָבער נישט קיין אידעישן באַגאַזש, ווערן אַריינגע־צויגן אין די אָרעמס פון דער שוועדישער קולטור־סביבה און זיי פאַרלירן זייער ייִדיש־נאַציאָנאַלן אינהאַלט. איינער גיט אַ זאָג: אייגנטלעך לעבט דאָ אַ ייִדיש נאַציאָנאַל לעבן נאָר אַ מינדערהייט פון אַ 20—25 פּראָצענט. אַלץ וואָס עס געשעט אין ייִדישן לעבן האָט צו טאָן בעיקר מיט אָט דער מינדערהייט...

דער ייִדישער ייִשוב אין שוועדן באַשטייט פון בערך אַ 15.000 נפשות. מער ווי אַ העלפט, אַרום 8.000, געפינען זיך אין שטאָקהאָלם, 2.500 אין גאָטענבערג

און 2.000 אין מאַלמע. די איבעריקע אין קליינע קהילות אין פאַרשידענע שווע־דישע שטעט און שטעטלעך. ביז 1933 זענען געווען אין שוועדן אַרום 6.000 ייִדן. זינט דאַן און בעיקר אין דער צייט פון און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען אַהער אַנטלאָפן טויזנטער פּליטים. עטלעכע טויזנט פון פּוילן נאָך 1968. אַ גרויסער טייל געפינען זיך אין מאַלמע. דער רוב ייִדן זענען אָרגאַניזירט אין איין קהילה, וועלכע האָט אַ השפעה אויף דעם היגן ייִדישן לעבן.

מיינע באַגלייטער שלאָגן מיר פאָר, אַזוי ווי עס איז אַ קילער אָנגענעמער טאָג (קען זיין אַז מאָרגן וועט רעגענען), זאָלן מיר פאָרן זען די שטאָט און זיי וועלן מיר אַביסל אינפאָרמירן וועגן דעם ייִדישן לעבן. אין אָוונט האָבן מיר די ערשטע באַגעגעניש.

מיין ערשטער באַזוך איז געווען אויפן טעלעוויזיע־טורעם פון דער שטאָט. ס'איז אַן אייגנאַרטיקער טורעם פון 35 שטאָק. מען האָט מיך געפירט אויפן 31סטן שטאָק, וווּ ס'געפינט זיך אַ טעראַסע וואָס ציט זיך אַרום דעם גאַנצן טורעם און פון וועלכער מען זעט גאַנץ שטאָקהאָלם פון אַלע זייטן. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר אַ וווּנדערלעך בילד, די גאַנצע שטאָט זעט זיך ווי ביי דיר אויף דער האַנט. זעסט אַלע אינדזלען — שטאָקהאָלם איז אַ שטאָט פון אינדזלען, דער וועגעדיק פון צפון. איך באַקום אויספירלעכע פּרטים. דער טורעם איז דערעפנט געוואָרן אין חודש מאַי 1967 און ער איז דער העכסטער טורעם אין גאַנץ סקאַנדינאַוויע, 155 מעטער הויך. אין אים געפינט זיך דער צענטער פון ראַדיאָ און טעלעוויזיע און ער דינט אויך אַלס גרויסע צוציונגס קראַפט פאַר די טויזנטער טוריסטן.

שטאָקהאָלם האָט נישט נאָר נאַטור־שיינקייטן, נאָר פאַרמאָגט אויך פיל בראָנזענע סטאַטועס אויף יעדן וויכטיקן פּלאַץ אין שטאָט, אַ סך פּראַכטפולע בנינים, פון אָפיציעלע אינסטיטוציעס, צווישן זיי דער מלוכה־פּאַלאַץ, דער פּאַר־לאַמענט און פיל פיל אַנדערע. אָט שטייען מיר פאַר דער פּראַכטפולער סטאַטוע פון דעם קעניג גוסטאַוו דעם דריטן, וועלכער האָט געקעניגט אין די יאָרן 1771—1792 און מיין באַגלייטער זאָגט מיר, אַז מען האַלט אים פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע קעניגן פון לאַנד. ער איז געווען אַ קעמפער פאַר פּראָגרעס און דער אַנטוויקלונג פון שוועדישן פאָלק אויף אַלע געביטן פון לעבן. ער האָט אָפּגעשאַפט פיל אָפּגעשטאַנענע מנהגים און אַריינגעבראַכט מער פאַרשריט און בילדונג אין דער באַפעלקערונג, געווען טאָלעראַנט און נישט פאַנאַטיש. גוסטאַוו דער דריטער איז אויך געווען דער, וועלכער האָט דערלויבט די ערשטע ייִדן זיך צו באַזעצן אין שוועדן. אין 1774 האָט ער דערלויבט דעם ייִדן אהרן איזאַקס, אַ קינסטלער־יוועליר און שטיינקריצער פון דייטשלאַנד, זיך צו באַזעצן אויף שטענדיק אין שטאָקהאָלם. ווען מיר שטייען ביי דער גוסטאַוו־סטאַטוע, זאָגט מיר מיין פריינד: גראָד איצט איז געוואָרן גענוי 200 יאָר זינט גוסטאַוו האָט דערלויבט די ערשטע ייִדן זיך באַזעצן אין שוועדן; די היגע קהילה גרייט צו אַ גרויסע פייערונג צו באַצייכענען די היסטאָרישע דאַטע. איך הער זיך צו צו די פּרטים און כ'דערמאָן

זיך אין דער אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון אהרן איזאַקס, ווי ער באַשרייבט אויספֿירלעך די תּקופֿה ווען ער איז געקומען קיין שטאָקהאָלם מיט פֿיל רעקאָמענדאַציעס פֿון זיין ווינאַרט אין באַצעוו לעבן מעקלענבורג צו פּראָמינענטע פֿיגורן אין שטאָק־האָלם, און צום קעניג. אהרן איזאַקס' זכרונות, געשריבן אין אַ כּמעט פּרימיטיווער פֿאָרם, שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ גאָר אינטערעסאַנטן מענטשלעכן דאָקומענט וועגן די גרויסע ראַנגלענישן פֿון אַן איינצלנעם ייִדן, וועלכער קעמפֿט מיט אַלע כּוחות צו באַקומען שטענדיקע וווינרעכט אין שטאָקהאָלם, אַלס גראַווירער און שטיינ־קריצער. אהרן איזאַקס טראַכט אָבער נישט נאָר פֿאַר זיך, ער קעמפֿט אויך פֿאַר זיינע קרובים און באַקאַנטע. טראָץ אַלע זיינע רעקאָמענדאַציעס, מוז ער אָבער צום ערשטן אָנקומען צום אויבער־שטאַטהאַלטער, וועלכער באַציט זיך צו איזאַקסן זייער פֿריינדלעך, אָבער ער איז אים מסבּיר, אַז לויט די רעגולאַמינגען פֿון שוועדן קען מען נישט דערלויבן אַ פּערמאַנענטן וווינאָרט פֿאַר ייִדן, ווייל ייִדן איז פֿאַרבאָטן דאָ צו זיין. אָבער אהרן איזאַקס לאָזט זיך נישט. מען הייסט אים קומען אַ סך מאָל, ביז איין טאָג, ווען ער קומט ווידער צום אויבערשטאַט־האַלטער, באַקומט ער פֿון אים די גוטע בשׂורה, אַז נאָך לאַנגע באַראַטונגען איז באַשלאָסן געוואָרן אים צו באַוויליקן שטענדיקע וווינרעכט, אָבער בתּנאַי ער זאָל זיך שמדן, ווייל ייִדן טאָרן דאָ נישט וווינען. אין אָט דער קריטישער שעה דערשיינט איזאַקס מיטן גאַנצן שטאָלץ. דער מוטיקער ייִד ענטפֿערט תּיכּף, אַז ער האָט זיך נישט וואָס צו באַטראַכטן ,ער וויל ס'זאָל קלאָר זיין דעם אויבער־שטאַטהאַלטער, אַז ער איז טאַקע געקומען זוכן פּרנסה און ער האָט אַ גוט פֿאַך פֿאַר שוועדן, אָבער זיין אמונה וועט ער נישט טוישן. ער וועט דעריבער מוזן צוריקפֿאָרן אין זיין אַלטער היים. זיין גייסטיק־רעליגיעז לעבן שטייט העכער פֿון זיין פּרנסה. דער שוועד, דער אויבער־שטאַטהאַלטער, האָט גאָרנישט דערוואַרט אַזאַ דרייסטן און באַלדיקן ענטפֿער פֿון אַ ייִדן, וועלכער לויפֿט אַרום זוכן פּרנסה. זאָגט ער צו אהרן איזאַקסן, אַז נאָר איין מענטש קען זיך דאָ אַריינמישן און העלפֿן, דאָס איז דער קעניג אַליין. דאַן דערשיינט אהרן איזאַקס פֿאַרן קעניג, ברענגט פֿאַר אים זיין ביטע און נאָך אַ קורצער צייט באַקומט ער די באַוויליקונג. פֿון דעמאָלט אָן גייט אָן די אַנטוויקלונג פֿון אַ ייִדישן ישוב אין שוועדן. אהרן איזאַקס' לעבנס־געשיכטע איז אַן עפּאָפּעע פֿון אַן ערלעכן שטאָלצן ייִדן וואָס האָט מיט 200 יאָר צוריק געוווּסט ווי צו פֿאָדערן זיינע רעכט.

איך שטיי אַזוי אַ פֿאַרטראַכטער ביים גוסטאַוו־מאָנומענט און מיינע באַגליי־טער האָבן, ווייזט אויס, דערפֿילט, אַז כ'בין נישט נאָר באַגייסטערט פֿאַרן גרויסן בראָנזענעם פֿערד אויף וועלכן עס רייט גוסטאַוו דער דריטער, און זיי פֿרעגן מיך, וואָס איך טראַכט. ענטפֿער איך זיי, אַז כ'האָב זיך דערמאָנט אין די זכרונות פֿון דעם ערשטן ייִדן, וועמען גוסטאַוו דער דריטער האָט באַוויליקט זיך צו באַזעצן אין שוועדן. אהרן איזאַקס קען דינען מיט זיין ערלעכקייט, קאָרעקטקייט, ייִדישן שטאָלץ ווי אַ ביישפּיל פֿאַרן היינטיקן דור ייִדן אין שוועדן. עפּעס דערזאָג

איך נישט, אָבער מען פאַרשטייט מיין רמז וועגן דער ייִדישער אָפּגעפרעמדטער מחנה, די געמישטע חתונות.

ס'איז אַ ווינטערדיקער פרייטיק נאָכמיטאָג און ס'הייבט שוין אָן צו ווערן טונקל. באַשליסט מען, אַז מען גייט אויף אַן ערשטער באַראַטונג אין אַ הויז פון אַן אַקטיווער חברטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטס-גרופּע אין שטאָקהאָלם. פאַר דער באַראַטונג זענען מיר איינגעלאַדן צו אַן אָוונט-ברויט. מיר קומען אַריין אין אַ באַשיידענער וווינונג און צו מיין איבערראַשונג געפין איך דאָ אַ געגרייטן טיש צו קבלת שבת: אויפן טיש שטייען צוויי לייכטערס מיט אָנגעצונדענע ליכט און אַן אַלגעמיין שבתדיקע אַטמאָספער. די פרוי פון הויז האָט דריי קליינע קינדער. די צוויי גרעסערע זיצן מיט אונדז ביים טיש און איינעם האַלט מען אויף די הענט. דער מאַן מאַכט קידוש. די גרופּע יונגע מענטשן, וועלכע שטייען היינט אין שפּיץ פון דער ציוניסטישער אַרבעט-פּאַרטיי, זענען אין זייער מער־הייט נאָענט צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אייניקע שטייען אַפילו אַביסל ווייטער. כ'האָב מיר נישט פאַרגעשטעלט אַ שבתדיקע סביבה אין אַזאַ הויז. די באַלעבאָסטע גיט מיר צו פאַרשטיין: מען מוז האָבן אַביסל טראַדיציע, אַן דעם ווערט מען אין גאַנצן פאַרלוירן אין דער סביבה און זי וויל אַז אירע קינדער זאָלן קענען די ייִדישע טראַדיציע.

ווען מיר פאַרענדיקן די שבתדיקע סעודה, שמייכל איך, ווי וווּנדערלעך זענען די וועגן פון ייִדישן לעבן; אין אַ פּלאַץ ווו דו וואָלסט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז דאָ קען שטעקן ייִדישע טראַדיציע לאָזט זיך אויס, אַז די מאַמע אפשר מער ווי דער פאָטער וויל באַצייטנס אָפּהיטן די קינדער פון פרעמדע ווינטן און פלאַנצט אין זיי איין אַביסל טראַדיציאָנעלע ייִדישקייט.

מיר גייען אַריבער אין צווייטן צימער צו רעדן וועגן דער טעטיקייט פון דער באַוועגונג אין שוועדן, וועגן דער לאַגע פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, וועגן דעם קהילה-לעבן. מ'פילט אַז דער גרעסטער טייל קענען די פּראָבלעמען, אָבער היטן זיך נישט אַריינצוגיין אין אַן ענין און וועגן וועלכן קיינער וויל דאָ נישט רעדן, כ'מיין וועגן דעם אַסימילירטן טייל, וועגן די געמישטע חתונות. אויב מען רעדט, רעדט מען וועגן פאַרשטאַרקן דעם יש. איינער פון זיי, וואָס האָט אַ ברייטע דערפאַרונג פון די לינק-שטאַמענדיקע גרופּעס און האָט זיך צוריקגעקערט צו דער ייִדישער גאַס, וויל זייער מען זאָל צוגרייטן אַן ערנסטן קאַדר מענטשן וועלכע פאַרשטייען און וויסן דעם אינהאַלט פון ציוניסטישן סאָציאַליזם. מען מוז גרינדן אַן אידעאָלאָגישן קרייז, אַרויסגעבן אין שוועדיש די אידעישע יסודות פון דער באַוועגונג און איר מאָטיוואַציע, ווייל אָן דעם קען מען זיך נישט אַנט־קעגנשטעלן די אַלע קאָסמאָפּאָליטישע עלעמענטן, וואָס זענען דאָ אַ זייער דינאַ־מישע גרופּע צווישן די היגע ייִדישע סטודענטן. אַ צווייטער זאָגט, אַז גאַנץ סקאַנדינאַוויע מוז האָבן אַ צענטער פאַר אויפקלערונג און אָרגאַניזאַציע אין שטאָקהאָלם.

נאָך אַן אויספֿירלעכער דיסקוסיע פֿילסטו, אַז דאָ וואַקסט אַ נייער פֿאַקטאָר אין ייִדישן לעבן, וועלכער זוכט זיין אייגענעם וועג. זיי באַהאַלטן נישט אויס זייער נישט צוגעגרייטקייט, זיי פֿאַרשטייען אַז מען מוז גיין אין ציוניסטישן חדר כּדי צו זיין צוגעגרייט.

דורך דער טיר שטראָלן אַריין די צוויי ליכטיקע שבתדיקע לייכטער און דאָ גייט אָן אַ הייסע דיסקוסיע ווי אַזוי צו פֿאַרפֿעסטיקן דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם און איך קום צו מיין אייגענער מסקנה, אַז ס׳איז נישטאָ קיין סתירה צווישן שבתדיקע ליכט און אַרבעטנדיקן ציוניזם; פֿאַרקערט, אין ווייטן סקאַנדינאַווישן ווינקל, ווו איך געפֿין מיך איצט, אויב מיר ווילן אויפֿהאַלטן דעם ייִדישן ניצוץ, מוזן ביידע גיין צוזאַמען.

אין שטאָקהאָלם זענען די ייִדישע אינסטיטוציעס נישט זייער צעוואָרפֿן. די קהילה און די גרויסע שול פֿון די קאָנסערוואַטיווע געפֿינען זיך אין איין גרויסן בנין, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר קליינע אָרטאָדאָקסישע שולן. אַ צווייטער צענטראַלער פּלאַץ איז „דער ייִדישער צענטער״. דאָ געפֿינט זיך דער רוב ציוניסטישע און ייִדישע אינסטיטוציעס, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ציוניסטישע פֿעדעראַציע, די שול „הלל״ מיט 115 שילער, אַ קינדערגאָרטן. דאָ קומען פֿאָר דער רוב פֿאַרזאַמלונגען מיט די היגע ייִדישע סטודענטן און אַלגעמיינע צונויפֿטרעפֿן. ס׳איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט דער לייטונג פֿון דער ציוניסטישע פֿעדעראַציע. מ׳פֿילט, אַז ס׳פֿעלט דאָ אינהאַלט און איניציאַטיוו. עפּעס ווערט יאָ געטאָן, אָבער אין אַ זייער באַגרענעצטער מאָס. ס׳איז אַוודאי נישט נאָר קיין שוועדישע שוואַכקייט, קענסט עס זען אין רוב לענדער, אַז די ציוניסטישע פֿעדעראַציע געפֿינט זיך אויף אַ שיידוועג. מען האָט זי אויסגעליידיקט פֿון אמתן אינהאַלט און די פֿעדעראַציעס ווערן פֿאַמעלעך אַ ווינקל־פֿאַקטאָר אינעם ייִדישן לעבן. דאָס קען נאָר ברענגען — זאָגט מיר אַ פֿריינד — צו אַ פֿאַרגרעסערטן טעמפּאָ פֿון דער אַסימילאַציע.

*

אויפֿן צווייטן שטאָק פֿונעם „ייִדישן צענטער״ ווייזט מען מיר 2 צימערן. אין איינעם זיצט דער סעקרעטאַריאַט פֿון ׳בני־עקיבא״, וואָס איז די שטאַרקסטע ציוניסטישע יוגנט־גרופּע אין שוועדן. אין אַנדערן צימער זיצן די פֿאַרשטייערס פֿון „הבונים״ — אַ באַשיידענערע יוגנט־גרופּע. זיי קלאָגן זיך, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מדריך פֿאַר „הבונים״, וואָס זאָל זיי מכוון זיין און אויסברייטערן די אַרבעט. דאָס הויז איז פֿול מיט אינהאַלט: פֿאַרזאַמלונגען, לעקציעס, סעמינאַרן, מוזיק און טענץ א. אַנד. איינער פֿון מיינע פֿריינד גיט צו, אַז נישט געקוקט דערויף וואָס בלויז אַ קליינע מינדערהייט איז געשטימט ייִדיש־נאַציאָנאַל, איז אָבער פֿאַראַן אַ וואַקסנדע באַציונג צו עליה, די ערנסטערע ייִנגערע קרייזן טענהן, אַז ס׳איז נישטאָ אין שוועדן קיין אויסזיכט צו קענען בלייבן אַ פֿולער ייִד, מיט ייִדישע ווערטן. דעריבער איז דער אויסוועג — עליה.

ווען כ'האָב גערעדט מיט אייניקע אַקטיווע עסקנים, האָבן זיי זיך אַרויס־געזאָגט זייער וואַרעם אויפן אַדרעס פון ישׂראל־אַמבאַסאַדאָר און די מענטשן פון דער אַמבאַסאַדע, וואָס פאַרמאָגן אַ פאַרשטענדעניש פאַר דער ייִדישער באַפעל־קערונג, דאָס הייסט, אַז ער איז נישט בלויז אַן אַמבאַסאַדאָר פאַר גויים, נאָר אויך פאַר ייִדן.

דעם זעלבן אָוונט דאַרף איך רעפערירן וועגן דער לאַגע אין ישׂראל אין „ייִדישן צענטער". צו אַזאַ פאַרזאַמלונג קומען אויך עקסטרעם לינקע סטודענטן און אַנדערע עלעמענטן וואָס נעגירן דעם רוב אַרגומענטן פון דער ישׂראל־שטעלונג און שטעלן גרויסע קלאָץ־קשיות. אין דער באַשטימטער שעה האָט זיך פאַרזאַמלט אין איינעם פון די זאַלן אַ גרויסער עולם, דער רוב יוגנטלעכע, סטו־דענטן און פאַרשטענדלעך די אַקטיוויסטן פון דער ציוניסטישער אַרבעט־גרופּע אין שטאָקהאָלם. נאָך דעם אַלגעמיינעם אַריינפיר־וואָרט האָב איך פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן פירן דעם אָוונט אויפן יסוד פון פראַגעס און תשובות. שוין פון די ערשטע פראַגעס האָט מען געקענט דערקענען, אַז די פרעגערס זענען ווייט פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער מחנה. ביים אָנהויב זענען די פראַגן געשטעלט געוואָרן אין אַ פאַרזיכטיקער פאָרם, אָבער וואָס ווייטער זענען זיי געוואָרן אַלץ מער אַנטי־ישׂראלדיק. איינער פרעגט פאַרוואָס מען גיט נישט אָן אָפיציעל דעם גענויעם פּלאַן פונעם צוריקציִען זיך פון די פאַרנומענע טעריטאָריעס און מען פילט אַרויס פון זיינע רייד, אַז מיר זענען נישט גערן צו דערגרייכן דעם שלום. אַ צווייטער פרעגט פאַרוואָס, ווען די פּאַלעסטינעזער אַטאַקירן אַ פּלאַץ אין ישׂראל, ענטפערן מיר באַלד מיט באָמבאַרדירן דעם פּאַטאַך־לאַנד אין לבנון, דאָס הייסט לויט אים, אַז מיר ווילן אַריינפירן די אַלטע רעאַקציאָנערע שיטה פון „עין תחת עין". מ'פילט, אַז אַזאַ באַמערקונג האָט שאָקירט דעם רוב צוהערער, אָבער קיינער ענטפערט נישט און קיינער מאַכט נישט קיין צווישנרוף. זאָג איך אים: ווילסטו דערמיט זאָגן, אַז מיר אין ישׂראל זאָלן אַריינכאַפּן קלעפּ פון די טעראָריסטן און זאָלן בכלל נישט רעאַגירן, מפקיר זיין די ישׂראל־בירגער, נישט קעמפן פאַר זייער לעבן און רו? ווען מיר וואָלטן אַזוי געהאַנדלט, וואָלט יעדער ייִד אויף דער וועלט געדאַרפט טאַדלען די ישׂראל־רעגירונג. דו זיצסט דאָ אין שטאָקהאָלם, אין דער רויִקער שטאָט און דו עצהסט, אַז מיר זאָלן זיצן רויִק און לאָזן הרגענען קינדער און פרויען?

אין זאַל האָט זיך פּלוצעם דערפילט אַ גרויסע אויפרעגונג, מען האָט נישט געקענט משלים זיין מיט דעם בחורס צוגאַנג און קולות האָבן באַהערשט דעם גאַנצן זאַל. דער בחור איז פאַרשוווּנדן. געוועןן נאָך פיל אַנדערע פּראָוואָקאַצירנדיקע פראַגעס. עס זענען אָבער אויך געווען קאָרעקטע פראַגעס, וואָס אַ סך פון זיי האָבן עדות געזאָגט אויפן מאַנגל אין וויסן פונעם פרעגער וואָס שייך פּראָבלעמען פון ייִדישן פאָלק, וועגן ישׂראלדיקער געזעלשאַפט, וועגן די נעגאַטיווע דער־שיינונג אין איר און אויך וועגן די באַציונגען צווישן גלות און מדינת ישׂראל.

דער רוב פֿון די פֿאַרזאַמלטע, טראָץ דער אויפֿרעגונג פֿון צייט צו צייט, האָבן גערן געוואָלט הערן אויפֿקלערונגען וועגן ישׂראל, אויך קאָרעקטע זעלבסט־קריטיק, נישט אַלץ טאַקע צו להכעיס. דער רוב האָט בפּירוש נישט געוואָלט מען זאָל זיי אידענטיפֿיצירן מיט די יוצא־דופֿנדיקע פּרעגערס.

איך בין דאַנקבאַר די וועלכע האָבן איינגעאָרדנט די פֿאַרזאַמלונג, ווייל ס׳איז מער ווי תּמיד קלאָר געוואָרן, אַז ס׳פֿעלט אויף דער ייִדישער און ציוניסטישער גאַס אַן אַרומנעמענדיקע דעבאַטע וועגן אונדזערע גרונטלעכע רעכט צו זיין אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה און אויך אַז מיר זענען גרייט צו קאָמפּראָמיסן מיט די אַראַבער און גרייט צו צאָלן פֿאַר אַן אמתן שלום מיט צוריקטרעטן פֿון די פֿאַרנומענע טעריטאָריעס אין באַשטימטע באַדינגונגען און געזיכערטע גרענעצן. ס׳איז קלאָר, אַז אַ קליינע גרופּע דעמאַגאָגן, קאָסמאָפּאָליטן, שׂונאי ישׂראל פֿון ייִדישן אָפּשטאַם קענען פֿאַרסמען אונדזערע ייִדישע ברונעמער, אויב מיר בלייבן שטיל און זענען נישט מסביר. גראָד היינט, ווען ישׂראל ווערט אַזוי געטאַדלט אין און״אָ, אין דער „אונעסקאָ״ — דאַרף זיך הערן אונדזער דרייסטע אויפֿקלערונג.

כ׳האָב אַ סך געלערנט פֿון דער באַגעגעניש מיט די סטודענטן אין שטאָקהאָלם. אונדזערע נאַציאָנאַלע און ישׂראלדיקע אַרגומענטן זענען פֿיל שטאַרקער און אויסגעהאַלטענער פֿון די מיט וועלכע מען אַטאַקירט אונדז. מען דאַרף נאָר די זאַכן ערנסט צוגרייטן. מען טאָר נישט מפֿקיר זיין די יענע וואָס גלייבן אין אונדזער גערעכטער זאַך. דעם זעלבן איינדרוק האָב איך געהאַט ווען איך האָב זיך געטראָפֿן מיט אַ גרופּע סטודענטן אויפֿן לונדער אוניווערסיטעט לעבן דער שטאָט מאַלמע.

מיינע פֿריינד האָבן פֿלאַנירט מיר זאָלן זיך טרעפֿן מיט אַ גרופּע וויכטיקע טוער פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. גראָד אין יענע טעג האָט זיך אין אַלזשיר באַגעגנט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעמיער־מיניסטער אָלאַף פּאַלמע מיט יאַסער אַראַפֿאַטן. איז געוואָרן אַ גרויסער טומל צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג און אין פֿאַרשידענע ערנסטע קרייזן אין לאַנד, הייתּכן, אָלאַף פּאַלמע, וועמען מען האַלט פֿאַר אַ יונגן געשיקטן פּאָליטיקער, פֿאַר אַ פֿריינד פֿון מדינת ישׂראל, זאָל אַזוי עפּנטלעך מאַניפֿעסטירן זיין האַלטונג צו אַראַפֿאַטן? אַזאַ באַציונג דערמוטיקט דאָך אַראַפֿאַטן אין זיינע פּלענער צו וועלן פֿאַרניכטן מדינת ישׂראל. כ׳האָב געהערט פֿיל מיינונגען און אָפּשאַצונגען פֿון דער האַנדלונג פֿונעם פּרעמיער־מיניסטער. אגבֿ איז מיטגעטיילט געוואָרן אָפֿיציעל אַז ווען פּאַלמע איז געווען אין אַלזשיר האָט ער צופֿעליק זיך געטראָפֿן מיט אַראַפֿאַטן און ס׳איז נישט געווען קיין שום פּלאַנירונג פֿון פֿאָרויס. די אַלע רייד האָבן ווייניק געווירקט. געווען אַן אויפֿרעגונג צווישן די ייִדן. פֿאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ שטימונג האָבן מיר באַשלאָסן אָפּצולייגן די באַגעגעניש מיט די אייניקע פֿירנדיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין, איז אָבער באַלערנדיק פאַר אונדז אַז ביי דער אָפּשטימונג אין די פּאַראייניקטע נאַציעס, נאָך אַראַפּאַטס אויפטריט, האָבן געשטימט קעגן דער פּראָ־אַראַפאַט־רעזאָלוציע נאָר צוויי אייראָפּעישע לענדער: איסלאַנד און שוועדן. דאָס זאָגט עפּעס וועגן דער האַלטונג פון דעם פּרעמיער פּאַלמע.

*

פאַראַן אויך אַן אַנדער ווינקל פון יידישן לעבן אין שטאָקהאָלם. מ'האָט מיך פאַרבעטן צו אַ געבורטסטאָג־מסיבה פאַר אַ חבר פון פּועלי־ציון. צווישן די אָנוועזנדיקע זענען געווען באַקאַנטע פון דער ציוניסטישער און יידישער טעטי־קייט. דער רוב רעדט יידיש און מען איז גערן צו הערן אַ וואָרט וועגן ישראל, וועגן יידן. אייניקע פון זיי קומען צו מיר צו און דריקן מיר אויס פיל וואַרעמקייט. זיי טענהן, אַז די יידיש־רעדנדיקע אין שוועדן, אַ פּאָר טויזנט אין צאָל, האָט מען אין גאַנצן פאַרלאָזן. הגם זיי זענען געקומען אין פאַרשידענע תקופות: טייל אין דער צייט פון די נאַצישע רדיפות, אַ טייל — שפּעטער און די אַנדערע גאָר צולעצט, נאָכן יאָר 1968 — פון פּוילן. דער גרעסטער טייל, בעיקר דער עלטע־רער, האָט זיך נישט אַסימילירט אין דער שוועדישער סביבה, זיי געפינען זיך אין שטאָקהאָלם און אין מאַלטע. פאַראַן אויך אַ פאַראיין פון פּוילישע יידן. אָבער די ווייטקייט פון אייראָפּעישן צענטער האָט זיי אין גאַנצן איזאָלירט, זיי לעבן זיך אויס מיטן נעכטיקן מזרח־אייראָפּעישן לעבן. מען באַשטעלט אַ יידיש בוך און אַ יידישע צייטונג.

איך פיל זיך דאָ אַזוי היימיש מיט זייער פליסיק יידישן לשון, אַז איך טראַכט מיר, אַז אין דער אינדזל־שטאָט שטאָקהאָלם איז פאַראַן נאָך אַ קליין אינדזעלע, אַ געזעלשאַפטלעכער יידיש־אינדזל, וואָס איז זייער פאַרלאָזט און די דאָזיקע יידן וואָלטן געוואָלט האָבן מער פאַרבינדונג מיט אונדז. ווי זאָגט מיר איינער, וואָס זיצט לעבן מיר: געדענקט, אַז דער דור אין די 60קער יאָרן לעבט נאָך און ער קען נאָך פיל צוטראָגן פאַר אונדזער זאַך.

*

ווען מיר קומען אַריין אין דעם גרויסן קהילה־בנין, מאַכט עס מער אַן איינ־דרוק פון אַ מיניסטעריום. עטלעכע באַאַמטע אַרבעטן, אין די צימערן איז רויִק, ס'הערשט אָרדענונג. ס'פילט זיך נישט דער רעש פון טעטיקייט אַזוי ווי אין „יידישן צענטער". די שטילקייט, די רויִקייט און די אָרדענונג שפּיגלען אָפּ דעם שוועדישן, אָדער שטאָקהאָלמער סטיל. טאַקע פאַראַן עפּעס אייגנאַרטיקס אין דער קהילה, אָדער ווי זיי רופן עס אָן „קאָנגרעגיישאָן", וואָס אַלע יידן פון אַלע שאַטי־רונגען געהערן צו איר; נישטאָ קיין צעשפּליטערונג אַזוי ווי אין פאַרשידענע קהילות אין אַנדערע לענדער. אין דער שטאָקהאָלמער קהילה זענען רעגיסטרירט

אַרום 5.000 ייִדן, טראָץ דעם וואָס אין דער שטאָט לעבן אומגעפֿער 8.000 נפֿשות. מענטשן ווילן נישט צאָלן די קהילה־שטײַערן, מענטשן דערווײַטערן זיך פֿונעם ייִדישן שטאַם, אָדער מען וויל נישט אָנגעהערן צו דער קהילה. די לײַטונג פֿון דער קהילה באַשטייט פֿון 25 אויסגעוויילטע מיטגלידער, צווישן זיי אַ קערפּער־שאַפֿט פֿון 7 פּערזאָן וואָס טראָגן די אחריות פֿאַר דער קהילה־אַרבעט. די קהילה באַמיט זיך אַרומצונעמען אַלע שאַטירונגען און דעריבער איז די לײַטונג זייער פּאַרזיכטיק צו יעדן שריט פֿון געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישן כאַראַקטער. מײַן אײַנדרוק איז, אַז פֿאַררעגיסטרירטע ייִדן קען מען געפֿינען אין דער קהילה, אָבער אַ ביסל מער ייִדישקייט, ייִדישן תּוכן — אין „ייִדישן צענטער".

פֿון אַ זײַטיקער טיר פֿון דער קהילה גייען מיר אַרײַן אין דער גרויסער סינאַגאָגע, ס'איז אַ קאָנסערוואַטיווע שול מיט איבער 800 פּלעצער. מענער און פֿרויען זיצן באַזונדער און אויבן געפֿינט זיך דער מיידלשער כאָר. אַלץ אין אַשכּנזישן סטיל. ייִדן קומען בעיקר אין די יום־טובֿ טעג, ווײניקער שבת. ס'קומען אַביסל קינדער. דער שמש פֿון דער שול האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן וועלכע עס איז אינפֿאָרמאַציעס. וועגן אַלעם דאַרף מען זיך ווענדן אין דער קאַנצעלאַריע. דאָס אַלץ שטימט מיט דער געשלאָסענער אַטמאָספֿער דאָ.

ווו באַהאַלט זיך אויס אין ייִדישן שטאָקהאָלם די נשמה יתירה? ווער איז שולדיק? עפּעס פֿיל איך, אַז מיר האָבן אַ חלק דערין.

איך פֿאַרלאָז שוועדן פֿון מאַלמע פֿאַרט אין אַ שיפֿל וואָס פֿאָרט (אַרום 30 מינוט) קיין קאָפּענהאַגען. וואָס מער דאָס שיפֿל דערווײַטערט זיך פֿון די שוועדישע ברעגן, האָב איך אַ געפֿיל אַז מיט אַלע שאָטן־זײַטן אין דער ייִדישער גאַס, איז פֿאַראַן פֿיל אויסזיכטן צו פֿאַרבעסערן דאָס ייִדישע לעבן אין שוועדן. אין דעם ווײַטן קאַלטן שוועדן קען מען געפֿינען הייסע ייִדישע הערצער.

מיט ייִדן אין בוענאָס־איירעס

א

די ידיעות וואָס זענען דעם לעצטן יאָר אָנגעקומען פון אַרגענטינע וועגן דעם דאָרטיקן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן, האָבן אַרויסגערופן פיל זאָרג און דאגה. איז קיין ווונדער נישט וואָס מיין איצטיקער באַזוך אין בוענאָס־איירעס, אָנהייב אויגוסט 1975, איז באַגלייט געווען דורך אַ געפיל, אַז אַ וויכטיקער ייִדישער ייִשוב געפינט זיך אין קלעם און אין אַ נעפּל.

פון דעם הייסן כאַמסין־קלימאַט פון תּל־אָביב בין איך אַריינגעפאַלן אין דער ווינטער־קעלט פון בוענאָס־איירעס ווו ס'האָבן נאָך דערצו געגאָסן רעגנס.

דער דראַסטישער אונטערשייד אין קלימאַט איז נישט חל בלויז אויפן וועטער.

אין לאַנד הערשט אַ נישט־סטאַבילקייט אויפן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן געביט, וואָס ס'איז זיך פּשוט שווער פאָרצושטעלן. יעדן טאָג שטויגענדיקע ידיעות: ענדערונגען פון קאַבינעט, כּסדר וואַקסנדיקע אינפלאַציע, וואָס צערודערט אַלע יסודות פון דער אַרגענטינער ווירטשאַפט. דער דאָלאַר האַלט שוין ביי 7.500 פּעזעס און ס'איז נאָך נישט דער סוף. מען רעדט וועגן קרוב אַ מיליאָן אַרבעטס־לאָזע.

ווען דו קוקסט זיך צו צו דעם מצב און זיינע אויסווירקונגען אויפן ייִדישן ייִשוב, דערגייסטו צו אַ זייער שווערער מסקנה. מ'מוז אָבער צוגעבן, אַז ס'פילט זיך נישט קיין פּאַניק. מ'וואָלט געקענט זאָגן, אַז ס'איז פאַראַן דאָרט עפּעס אַ מין אומפאַרשטענדלעכע קאָלעקטיווע רויִקייט. אמת, ס'פילט זיך אַ דעפּרעסיע דאָ און דאָרט, בעיקר ביי די פירנדיקע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוערס. אַלע זענען מסכּים, אַז אַזאַ שווערע לאַגע איז שוין יאָרן נישט געווען. אָבער ווען דו גייסט איבער די ייִדישע גאַסן און קוקסט זיך איין אין די ייִדישע פּנימער, וואָלט זיך געקענט אויסדאַכטן אַז די לאַגע איז אַ נאָרמאַלע.

ביי די בוענאָס־איירעסער ייִדן קען מען גאָרנישט לערנען פון זייער דרויסנ־דיקע רויִקייט.

ב

פון אַ שמועס מיט אייניקע גוט אינפאָרמירטע פריינד דערוויס איך זיך, אַז פון דער עקאָנאָמישער צערודערונג זענען שוין געפאַלן קרבנות אַ סך טויזנטער ייִדישע פאַמיליעס פונעם מיטלקלאַס. זיי האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן די גרויסע אינפלאַציע, מיטמאַכן די גרויסע פּרייזן־העכערונג און זייערע קליינע געשעפטן זענען איינגעפאַלן. אוודאי איז אויך פאַראַן אַ שטאַרקערער שיכט, וועל־

כער איז עקאָנאָמיש נישט געטראָפֿן געוואָרן. די שטאַרקערע זאָרגן זיך נישט וועגן דעם גורל פֿון די שוואַכע, די געליטענע. אויב ס׳וועט אַזוי גיין נאָך אייניקע חדשים — זאָגט איינער פֿון דער גרופּע — וועט עס דערפֿירן פֿיל ייִדן אויפֿן שוועל פֿון ייִאוש.

די עקאָנאָמישע לאַגע האָט אויך צערודערט די עקזיסטענץ פֿון די ייִדישע אינסטיטוציעס אין ייִשוב. אין דער ערשטער שורה געפֿינען זיך אין גרויס געפֿאַר די ייִדישע שולן. אויף דעם געביט קומט פֿאָר ממש אַן ערדציטערניש. שוין לאַנגע יאָרן ווי די לאַגע פֿון די דערציִונגס־אַנשטאַלטן איז ווייט פֿון צו זיין אַ סטאַבילע. מען האָט זיך שטענדיק געראַנגלט מיט דעפֿיציט־בודזשעטן, בעיקר די לעצטע עטלעכע יאָר. אָבער דאָס וואָס קומט איצט פֿאָר שטעלט ממש אין געפֿאַר די עצם עקזיסטענץ פֿון די שולן. צוליב דער אינפֿלאַציע האָט די רעגירונג באַשלאָסן כמעט צו פֿאַרדרייפֿאַכן דעם געהאַלט פֿון די לערערס אין די מדינה־שולן. די לוינען פֿון די לערערס אין די ייִדישע שולן ווערן פֿיקסירט לויט דעם לוין אין די אָפֿיציעלע שול. די פֿאַרוואַלטונגען פֿון די ייִדישע שולן האָבן געטענהט, אַז זיי קענען בשום אופֿן נישט צאָלן די זעלביקע לוינען, ווייל זיי געפֿינען זיך אין אַ גרויסן דעפֿי־ציט. אויך די לייטונג פֿון דער קהילה (אַמיאַ) איז נישט בכּוח צו ענטפֿערן אויף די פֿאָדערונגען. האָט מען גערופֿן אַ דרינגענדיקע באַראַטונג מיטן צוועק צו שאַפֿן אַן אויסנאַם־פֿאָנד, כּדי נישט צו דערלאָזן אַז די שולן זאָלן זיך פֿאַרמאַכן. די לע־רערס אין די ייִדישע שולן זענען נערוועז און צעפּלאַמט. זיי האָבן זיך פֿאַרזאַמלט און דערקלערט אַ שטרייק, ווייל די פֿאַרוואַלטונגען צאָלן נישט אויס דעם געהאַלט לויט דעם באַשלוס פֿון דער רעגירונג. האָבן אַ טייל פֿון דער פֿאַרוואַלטונג גע־פֿאָדערט מען זאָל — דורך אָפֿיציעלע בריוו — אָפּזאָגן די לערערס פֿון זייערע פּאָסטנס פֿאַר זייער האַנדלונג: זיי ווייסן דאָך ווי די לאַגע איז קאַטאַסטראָפֿאַל און ווי קענען זיי שטראָפֿן די קינדער? דאָ דאַרף צוגעגעבן ווערן, אַז די גרעסטע מער־הייט עלטערן פֿון די שילערס אין די ייִדישע שולן געהערן צום מיטלקלאַס, וועל־כער האָט שטאַרק געליטן פֿונעם עקאָנאָמישן קריזיס. פֿיל פֿון זיי האָבן שוין גע־מאָלדן, אַז זיי וועלן נישט קענען צאָלן דעם געהעכערטן שׂכר־לימוד און דאָס מיינט, אַז זיי וועלן זיין געצוווּנגען אַרויסצונעמען די קינדער פֿון דער שול. די זאַך איז אַזוי ערנסט, אַז די קהילה־לייטונג האָט באַשלאָסן אַז מען מוז מאָביליזירן גרעסערע מיטלען צווישן דעם פֿאַרמעגלעכן ייִדישן שיכט, ווי אויך פֿון דרויסן, כּדי צו ראַטעווען דאָס ייִדישע שולוועזן.

אָבער נישט נאָר די שולן שטייען אין געפֿאַר, נאָר אויך דאָס רוב פֿון די ייִדישע סאָציאַלע אינסטיטוציעס. דער ייִדישער שפּיטאָל, דער מושב־זקנים, א.אַנד. האַלטן ביי באַנקראָט. שווערע וואָלקנס הענגען איבערן קאָפּ פֿון די ייִדישע אינסטיטוציעס אין בוענאָס־איירעס און אויך אין דער פּראָווינץ.

אין אָט דער שווערער לאַגע פֿילט זיך נישט דער פּאַסיקער אָפּרוף פֿון די פֿאַרמעגלעכע ייִדן וואָס וואָלטן געדאַרפֿט אונטערשטעלן אַ פּלייצע און העלפֿן צו

סאַנירן די שווערע לאַגע פון די אינסטיטוציעס. דער רוב בוענאָס-איירעסער גבירים זענען געבוירן געוואָרן מיט שטרענג פאַרמאַכטע הענט און געשלאָסענע הערצער — אַזוי זאָגט מיר דווקא איינער פון זיי, וועלכער גיט צו, אַז די האַלטונג פון די עשירים איז פאַרן יישוב אַ גרויסער בזיון. זיי מאַכן זיך נישט וויסנדיק, גלייך ווי נישט זיי מיינט מען. יידישע אַחדות איז ביי זיי געוואָרן אַ פוסט וואָרט.

*

כ׳בין אַליין געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט אין דער פראַגע פון שולוועזן אין אַרגענטינע. פאַר מיין אָפּפאָרן קיין בוענאָס-איירעס האָב איך באַקומען פון דער יידישער אַגענץ אַן אויספירלעכן פלאַן, ווי אַזוי צו העלפן אין אַרגענטינע צו פאַרגרעסערן די צאָל שילערס אין די יידישע שולן, צו שטאַרקן און פאַרטיפן אין זיי די יידישע און ציוניסטישע ווערטן. ביי דער איצטיקער אַזוי שווערער לאַגע פון די שולן איז כמעט נישט געווען מעגלעך צו רעדן וועגן עפּעס פאַר־גרעסערן און אויסברייטערן, ווען דער גאַנצער יסוד שטייט אין געפאַר. די שול־עסקנים האָבן דאָס מאָל אַרויסגעוויזן גרויס פחד, אַז דער פונדאַמענט פון די שולן זאָל זיך נישט איינברעכן. דער גאַנצער אָנשטרענג איז געווען אָפּצושטופּן די געפאַר, ראַטעווען דעם „יש״. האָב איך אַליין זיך מאָביליזירט עפּעס צו העלפן אין דעם זינען. כ׳האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט די פּלענער, אָבער נישט געקענט רעדן וועגן זיי.

פון דעם דאָזיקן געצוווּנגענעם שווייגן האָב איך מער געלערנט די ערנסטקייט פון דער לאַגע, אַפילו מער פון פיל אויפקלערונגען און אויסטייטשונגען.

ג

בוענאָס-איירעסער יידן טרייסטן זיך, וואָס די לעצטע וואָכן ווערן געמאַכט אַפּטע ענדערונגען אין די רעגירונגס-מיניסטעריומס און די טענדענץ איז צו דער־ווייטערן פון קאַבינעט די עקסטרעמע פאַקטאָרן, דאָס מיינט, אַז דער אַנטיסעמיטי־שער שטראָם ווערט אָפּגעשוואַכט, דאָס איז איינע פון די סיבות וואָס נישט גע־קוקט אויף אַלץ, ווייזן אַרויס די אַרגענטינער יידן די דרויסנדיקע רויִקייט.

די יידישע קהילישע און געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן זעצן פאָר זייער אַר־בעט. די לייטונג פון דער קהילה שטייט אויף דער וואַך און באַטראַכט אַלע שאַרפע פּראָבלעמען וואָס דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט מיט זיך געבראַכט אויף דער יידישער גאַס.

אויך די פּאָליטישע יידישע אָרגאַניזאַציעס זענען ממשיך זייער טעטיקייט: די „דאַיאַ״, די אינסטאַנץ פאַר פאַרזיכערן דעם פּאָליטישן מעמד פון דער יידישער באַפעלקערונג, דער יידישער וועלט-קאָנגרעס און פאַרשיידענע קולטור־אַנ־שטאַלטן. שווער צו זאָגן, אַז אומעטום שפּיגלט זיך אָפּ די שטורעמדיקייט פון די שווערע טעג.

געקומען בין איך בעיקר צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזירטער משפּחה. די ציוניסטישע פֿעדעראַציע (אַסאַ) פֿירט ווייט נישט אויס איר גרויסע מיסיע אין ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע. פֿאַראַן אַ סך סיבות וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַרגענטינע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוועגונג פֿון סימפּאַטיע צו ישׂראל און נישט פֿון פֿאַרוויקלעכונג: דער אַרגענטינער ציוניזם האָט נישט קיין טיפֿע וואָרצלען אין אָרטיקן ייִדישן לעבן. די ציוניסטישעביימער זענען דערי־בער אַזוי שוואַך געפֿלאַנצט. פֿאַראַן אַ זייער דינע שיכט ייִדישע ווערטן, ייִדיש־קייט איז דאָ אַ זייער שוואַכער באַגריף. אויף דעם באָדן איז אויסגעוואַקסן אַ גרוי־סער טייל פֿון די יוגנטלעכע און פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס איז פֿרעמד צו דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער מחנה. די אַסימילאַציע בושעוועט. די ציוניסטן קוקן אויף דעם מיט מאַכטלאָזיקייט. ווייל מען עפּעס ענדערן אין די ווערטן פֿון דער צוניסטישער באַוועגונג, דאַרף מען אָנהייבן פֿון אָנפֿאַנג. מען מוז שאַפֿן אידעאַ־ליסטישע קאַדרען. פֿון דעם ווי עס זעט אויס די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַפּ־הענגיק ווי אַזוי ייִדן וועלן האַנדלען אין צייטן פֿון אַנטשיידונג. אַפֿילו ווען עס ווערט אַזוי ענג און שוואַך, טראַכטן די יינגערע ייִדן אַריבערצופֿאָרן אין קאַראַקאַס, לימאַ אָדער מיאַמי און נאָר געציילטע וועגדן זייערע שריט קיין ישׂראל. מען פֿאַרלענגערט אַזוי אָרום אַליין דעם אייגענעם גלות.

זיך איך מיט אייניקע ציוניסטן. אַלע האַלטן, אַז מען טאָר נישט משלים זיין מיט דער לאַגע. מען קען און מען דאַרף ענדערן די סטרוקטור פֿון דער ציוניסטי־שער פֿעדעראַציע, אַריינברענגען מער אידעיִשע ווערטן, אויפֿוועקן דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן אינסטינקט. דער איינדרוק איז, אַז דווקא די היינטיקע טעג, אויגוסט 1975, זענען רייף פֿאַר אַן ערנסטער טעטיקייט צו ענדערן די ציוניסטישע באַוועג־גונג אין אַרגענטינע. פֿאַראַן אויך סימנים פֿון אַן אָנהייב פֿון אַ דיאַלאָג מיט יוגנט־לעכע קרייזן. טראָץ דעם וואָס ייִדן פֿון אַרגענטינע זענען נישט עולה, וואָלט מען דאָך געדאַרפֿט טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל האָבן אַן אַנטשיידנדיקע השפּעה אויפֿן היגן ייִדישן לעבן.

איך אַנטוויקל פֿאַר מיינע פֿריינד אייניקע פּלענער ווי אַזוי אַרויסצושלעפּן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַרגענטינע פֿון איר פֿאַרדרעמלטקייט. מען מוז און מ׳קען באַווירקן אַ טייל ייִדן, זיי זאָלן נעמען זען אין ישׂראל נישט נאָר אַן אָביעקט פֿון סימפּאַטיע, נאָר אויך אַ לייזונג פֿאַר זיך. מען דאַרף פּרווון שאַפֿן אַן אַלגעמיינעם אַדרעס פֿון די וויכטיקסטע ייִדישע אינסטיטוציעס; די ציוניסטישע פֿעדעראַציע, די קהילה, די תּנועת העליה, און צוזאַמען וועגדן זיך צו ייִדן, זיי זאָלן פֿאַרבינדן זייער צוקונפֿט מיט ישׂראל, דערביי מוז מען פֿאַרזיכערן, אַז דער עולה זאָל אין ישׂראל תּיכּף באַקומען אַ דירה און אַרבעט. אַזאַ קאָנקרעטער פּלאַן קען געפֿינען אַן אָפּקלאַנג אין פֿאַרשיידענע קרייזן, ער וועט אויך אַרויסרופֿן צוטרוי. דעסגלייכן דאַרף מען אָנהייבן אַ פּאַרטיפֿטע און ערנסטע אידעיִשע אַרבעט צווישן דעם יונגן דור. מען מוז צוריקגעבן פּרעסטיזש דער ציוניסטישער

פעדעראַציע, געבן איר מער וואָג, מער אינהאַלט דורך דעם וואָס מען וועט קאָנ־צענטרירן אין איר די טעטיקייט פון פאַרשיידענע דעפּאַרטאַמענטן פון דער ציו־ניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

אויף מיינע פאָרשלאָגן האָט מען זיך אָפּגערופן מיט פאַרשטענדעניש. כּדי דער דאָזיקער פּלאַן זאָל באַקומען אַ דעקונג מצד ישׂראל־פאַקטאָרן וואָס זאָלן פון פאַרויס פאַרזיכערן אַז די עולים פון אַרגענטינע וועלן געהעריק אויפגענומען ווערן און אַז יעדן פון זיי וועט פאַרזיכערט ווערן אַ שיכון און אַן אַרבעטס־פּלאַץ, האָב איך פאָרגעשלאָגן מ׳זאָל אים אין אַ ספּעציעלער טעלעגראַמע אויספירלעך איבערגעבן פּנחס ספּירן און אָפּוואַרטן זיין תּשובה. אַזוי איז אויך געטאָן געוואָרן. די תּשובה האָט אָבער פאַרשפּעטיקט צו קומען. אָבער מיר האָבן באַשלאָסן צו־גרייטן דעם באָדן פאַר די פּלענער.

*

מיין באַזוך איז אויך געווען פאַרבונדן מיט דער פערטער לאַנד־קאָנפערענץ פון דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג אין אַרגענטינע. די דאָזיקע ציוניסטישע פּאַרטיי פאַרנעמט דעם צענטראַלן פּלאַץ אין איצטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַרגענטינע. דעריבער האָט די קאָנפערענץ אַרויסגערופן גרויס אינטערעס אין פאַר־שידענע קרייזן פון ישוב. אויך די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד האָט צוגעגעבן מער חשיבות דער קאָנפערענץ. די דערעפענונג־זיצונג איז פאָרגעקומען אין גרויסן זאַל פון בית החינוך פון אַזשאַקוטשאַ גאַס. טראָץ דער קעלט און רעגן איז דער זאַל געווען פול געפּאַקט. יידן זענען געקומען הערן אַ וואָרט פון ישׂראל, אַ וואָרט וועגן וועלט־יידנטום און טאַקע געזוכט אַ ביסל וואַרעמקייט אין אָט דעם קאַלעמוטנעם קלימאַט. ס׳זענען געקומען פיל פאַרשטייערס פון פאַרשיידענע יידישע און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, אויך דער ישׂראל־אַמבאַסאַדאָר, וועלכער געווינט אַלץ מער פּלאַץ און פאַרשטענדעניש אין דעם לעבן פון די אַרגענטינער יידישע מאַסן.

די באַגריסונגען זענען געווען אין שפּאַניש. ווען איך האָב אָנגעהויבן מיין רעדע אין יידיש, האָב איך תּיכף דערפילט אַ צופרידנקייט פון די צוהערער. ס׳איז קיין סוד נישט, אַז דער קלאַסישער יידיש־רעדנדיקער ישוב גייט זיך אונטער דעם פּראָצעס פון פאַרבייטן יידיש אויף שפּאַניש. אויך אין די קרייזן וווּ מען קען רעדן יידיש הערט מען נישט קיין יידיש וואָרט. פאַראַן אָבער נאָך אַן אַקטיווער מיטל־יעריקער עלטערער דור, וועלכער וויל נישט איבעררייסן מיט דער טראַדיציע פון הערן אַ יידיש וואָרט.

ס׳איז געווען פאַרשטענדלעך, וואָס דער גרויסער עולם האָט אַזוי וואַרעם אויפגענומען, אַז ישׂראל און גלות־יידנטום איז איין פּראָנט, איין גורל, אַז נאָך 27 יאָר פון מדינת ישׂראל זענען ביידע טיילן פונעם פאָלק שטאַרק פאַרבונדן, אַז מיר קענען נישט אָנטלויפן פון זיך אַליין, סיידן מען וויל פאַרראַטן, מען וויל

אוועק פֿון ייִדישן פֿאָלק. ווײַל דאָס ייִדישע אַרגענטינע אויספּילן אַ וויכטיקע ראָל אין לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק, אָדער בלײַבן אַ ווינקל־פֿאַקטאָר ? פֿון דעם ענטפֿער אויף דער פֿראַגע איז אָפּהענגיק די צוקונפֿט פֿון די ייִדן אין ישׂראל און אין אַרגענטינע. דער ישׂראל־אַראַבישער קאָנפֿליקט איז אַן ערנסטער. מען דאַרף אַלץ טאָן כּדי צו קומען צו פֿאַרשטענדיקונג. מען דאַרף אַ סך נערוון און סטראַטעגיע. אָבער דאָס וויכטיקסטע אין אונדזער דור איז אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק אין גלות וועט בלײַבן געטרײַ ישׂראל מיט לײַב און לעבן. דערפֿון איז אָפּהענגיק די צוקונפֿט פֿון דער מדינה און פֿונעם ייִדישן פֿאָלק.

אין די דרײַ טעג פֿון דער לאַנד־קאָנפֿערענץ, ווו כ׳האָב באַמערקט אַ סך נײַע פּנימער, ווו ס׳האָבן אויך פֿיל זאַכן געפֿעלט, זענען אָבער געווען גרויסע מאָמענטן. דער סך־הכּל איז אַן אויפֿריכטיקער חשבון הנפֿש. דער דיאַלאָג פֿון די יוגנטלעכע מיט די עלטערע שיכטן האָט זיך אײַנגעקריצט אין יעדנס זכּרון. דאָס איז געווען אַ פּרוּוו צו שאַפֿן אַ בריק צווישן ביידע דורות, עפּעס צו באַנײַען. די דיסקוסיע וועגן גורל פֿון ייִדישן חינוך האָט אַרויסגערופֿן געוואַלדיקע עמאָציעס בײַ יעדן איינעם ; חינוך איז איינער פֿון די זײַלן פֿון ישוב און מען מוז אים ראַטעווען פֿאַר יעדן פּרײַז.

אויך די דעבאַטע וועגן אינהאַלט פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט אַרויסגערופֿן אַ טיפֿן דרך־ארץ פֿאַר די וואָס זוכן אַ וועג און האָבן גרויס מוט פֿאַר זעלבסטקריטיק.

אַ קאָנפֿערענץ וואָס אירע דעבאַטן לאָזן איבער אַ סך שטאָף פֿאַר נאָכ־טראַכטעניש.

ד

די אַלגעמיינע שטימונג איז אפֿשר נישט געווען פּאַסיק צו רופֿן אַ באַגעגעניש פֿון ייִדישע שרײַבערס, פֿאַרשטייערס פֿון קולטור־אינסטיטוציעס, קולטור־עסקנים פֿון ייִדישן בוענאָס־איירעס. כ׳האָב אָבער נישט געוואָלט מוותּר זײַן זיך צו טרעפֿן מיט די, מיט וועלכע כ׳האָב זיך געטראָפֿן פֿריִער מיט אַ פּאָר יאָר. דעמאָלט איז פֿאָרגעקומען אַ וואַרעמע און פֿרײַנדלעכע דיסקוסיע ווי אַזוי צו שטאַרקן די ייִדישע קולטור אין אַרגענטינע. ס׳איז אויך געפֿאָדערט געוואָרן צו שאַפֿן אַ זאַל פֿאַר אַן ערנסטן ייִדישן טעאַטער. צום גליק האָט די דעמאָלטיקע לײַטונג פֿון דער קהילה זיך צוגעהערט און ס׳איז געשאַפֿן געוואָרן אַ בינע פֿאַר אַ ייִדישן טעאַטער, וועל־כער פֿונקציאָנירט מיט דערפֿאָלג אין בוענאָס־איירעס.

טראָץ די וואַקלענישן זענען דאָך געקומען אַ היפּשע צאָל שרײַבערס, קולטור־עסקנים און פֿאַרשטייערס פֿון פֿאַרשיידענע קולטור־אינסטיטוציעס. כ׳האָב באַטאָנט, אַז דער שווערער עקאָנאָמישער קריזיס און אויך די סכּנות וואָס באַדראָען די עקזיסטענץ פֿון די ייִדישע שולן זענען אפֿשר נישט די פּאַסיקע צײַט פֿאַר אונדזער

באַראַטונג, דאָך דאַרף מען, אויך אין די קריזיס־טעג, נישט פאַרנאַכלעסיקן די ייִדישע קולטור־אַרבעט. מיר וועלן רופן אין ישׂראל אויף אויגוסט 1976 אַ וועלט־קאָנפערענץ פאַר ייִדישער קולטור און מען מוז די פראַגן און פראָגראַם פון דער קאָנפערענץ ערנסט באַטראַכטן. דאָס ייִדישע אַרגענטינע דאַרף געהעריק פאַר־געשטעלט ווערן אין ירושלים. דעסגלייכן דאַרפן אין משך פון דעם יאָר דורכגעפירט ווערן דורך אַ ספּעציעלן קולטור־ראַט פאַרשידענע קאָאָרדינירטע טעטיקייטן אויפן געביט פון ייִדישער קולטור. ס׳איז נאָך פאַראַן אַ יש אויפן געביט פון ייִדישער קולטור אין די לענדער און אויב מיר וועלן זיין צעשפּליטערט, וועט די לאַגע ווערן נאָך שווערער. ס׳איז אויך נישט קיין סוד, אַז נישט נאָר די ייִדישע שולן זענען אין געפאַר, נאָר אויך די ייִדישע פּובליקאַציעס אין שפּיץ מיט דער טאָג־צייטונג „די פּרעסע״ דראָט די געפאַר זיך אָפּצושטעלן. זאָלן מיר די זאַך נישט גרינגשעצן. מען מוז מאָביליזירן הילף צו ראַטעווען די איינציקע ייִדישע טאָג־טונג אין אַרגענטינע.

ס׳האָבן זיך געהערט מיינונגען, אַז די ייִדישע שפּראַך ווערט עלימינירט פון די ייִדישע שולן און מען מוז זיך אַנטקעגנשטעלן דעם פּראָצעס פון פאַרשווינדן פון ייִדיש פון די שולן. מוז איך זאָגן, אַז די דאָזיקע טענה האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן רושם און כ׳האָב צוגעזאָגט צו אינטערוועניר‎ן אויף דעם געביט.

ס׳איז אַרויסגעוויזן געוואָרן אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום פאָרשלאָג אויסצוווילן אַ ראַט צוזאַמענגעשטעלט פון 2 פאָרשטייערס פון יעדער קולטור־אָרגאַניזאַציע ווי אויך אייניקע באַקאַנטע שרייבערס און קולטור־עסקנים. דער ראַט דאַרף אויסאַרבעטן אַן אויספירלעכן פּראָגראַם צו סטימולירן ייִדישע קולטור־אַרבעט אין אַרגענטינע ווי אויך צוגרייטן די שטעלונג פון דער אַרגענטינער דעלעגאַציע צו דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר ייִדישער קולטור אין ירושלים.

אויב ס׳וועט זיך געפינען אַ דינאַמישע גרופּע אין דעם נייעם ראַט פאַר ייִדי־שער קולטור אין אַרגענטינע, קען מען האָפן אַז ער וועט זיין אַ פאַקטאָר צו פאַרפעסטיקן דאָרט די ייִדישע קולטור.

ה

מיר האָבן זיך געגרייט צו דער באַגעגעניש מיט דער ציוניסטישער פעדע־ראַציע, כּדי פאָרמעל צו באַשטעטיקן דעם פאַרגעלייגטן פּלאַן פון עליה, ווי אויך די רעאָרגאַניזירונג פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע. מיר האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן ענטפער פון פּנחס ספּיר, ווייל כ׳האָב נישט געוואָלט פּראָקלאַמירן די זאַך אָן אַן אָפיציעלן ענטפער פון דער לייטונג פון דער ייִדישער אַגענץ.

דינסטיק נאָך מיטאָג באַקום איך אַ טעלעפאָן פון פריינד, מיט אַ טרויעריקער שטימע און ער טיילט מיר מיט, אַז אָנשטאָט אַן ענטפער אויף דער טעלעגראַמע איז דאָ אַ מיטטיילונג, אַז פּנחס ספּיר איז נפטר געוואָרן מיט עטלעכע שעה צוריק. שווער איבערצוגעבן מיין דערשיטערונג. כ׳בין געבליבן ווי פאַרשטיינערט.

אין אַ קורצער צייט אַרום זענען געקומען די אָנפירנדיקע חברים אויסצודריקן זייער טיפן טרויער איבערן אומגליק וואָס האָט אַזוי שווער געטראָפן די מדינה, די באַוועגונג, דאָס פאָלק.

אין צימער האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרעסערע צאָל פריינד און ס׳איז געווען שווער צו רעדן, אין האַלדז האָבן געשטיקט טרערן. נאָך אַ האַלבע שעה קלינגט מען צו מיר, אַז נאָר וואָס איז אָנגעקומען אַן ענטפער פון פנחס ספירן וועגן אונ־דזערע פּלענער. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט די טעלעגראַמע געשיקט אייניקע שעה פאַר זיין טויט. מען האָט מיר געבראַכט די טעלעגראַמע און מיט אַ ציטערנ־דיקער שטים האָב איך געלייענט, אַז ער באַשטעטיקט דעם פּלאַן פאַר עליה וואָס דאַרף דורכגעפירט ווערן אויפן אָרט בשותפות דורך דער ציוניסטישער פעדעראַציע, דער קהילה און דער עליה־באַוועגונג. ער גיט צו, אַז מען גרייט שוין צו אַן אויס־פירלעכן פּלאַן צו פאַרזיכערן אַרבעט און אַ דירה דעם עולה באַלד ווי ער קומט קיין ישׂראל. יעדער פון די עולים וועט באַקומען אַ פאַרמעלע פאַרפליכטונג אין דער זין. אויך זאָגט ער זיך אַרויס, אַז מען זאָל קאָנצענטרירן אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין בוענאָס־איירעס די טעטיקייטן פון פאַרשיידענע דעפּאַרטאַמענטן פון דער ירושלימער עקזעקוטיווע. ער באַצייכנט אויך מיט גרויס צופרידנקייט דעם באַשלוס פון דער קאָנפערענץ דורכצופירן וואַלן צום קומענדיקן קאָנגרעס.

ווען כ׳האָב געענדיקט לייענען די טעלעגראַמע, האָט אַ שטילקייט באַהערשט אונדז אַלעמען. איינער פון די פריינד האָט אַ זאָג געטאָן: די טעלעגראַמע איז פנחס ספירס צוואה פאַר די אַרגענטינער ציוניסטן. די צוואה מוז אויסגעפירט ווערן.

וואָלקנס איבער ייִדישע קהילות

(מיט ייִדן אין יאָהאַנעסבורג)

א.

דער זוניקער און וואַרעמער וועטער וואָס כ'האָב געטראָפן סוף פעברואַר 1976 אין יאָהאַנעסבורג איז געווען לחלוטין אין סתירה מיט דער פאַרוואָלקנטער פּאָליטישער לאַגע אין דרום־אַפריקע און אין די אַרומיקע לענדער.

שוין יאָרן ווי די לאַגע איז דאָרט נישט קיין רויִקע און ס'איז קיין ספק נישט, אַז זי וועט זיך נישט באַרויִקן כּל זמן דאָס פּראָבלעם פון דער מיליאָניקער נעגער־מערהייט וועט נישט געלייזט ווערן. ס'שמעקט דאָ ווי ערב אַן ערד־ציטערניש. ווען מ'הערט זיך צו צו דעם וואָס קומט פאָר למשל אין ראָדעזיע, וווּ די קליינע ווייסע מינדערהייט הערשט איבער דער גרויסער נעגער־מערהייט, פילט מען, אַז אָט שטייען זיי פאַר אַ ברוטאַלן צוזאַמענשטויס, ווו די ערשטע שריט פון בירגערקריג וועלן ברענגען מיט זיך גרויסע מענטשן־קרבנות. און מ'דאַרף נישט צוגעבן, וואָס עס פילט איצט דער ייִדישער ישוב אין ראָדעזיע וועלכער ציילט סך הכּל 5 טויזנט נפשות.

פאַראַן גרעסערע זאָרגן פאַר גאַנץ דרום־אַפריקע, ווייל דאָ פילט זיך, אַז נישט נאָר לאָקאַלע כּוחות זענען פאַרמישט אין דעם פאַרמעסט, נאָר גרויסע כּוחות פון סאָוועט־רוסלאַנד און קובאַ ווערן אַריינגעמישט אין די אויפטרייסלונגען אין די פאַרשידענע לענדער פון דער געגנט. דער בולטסטער באַווייז דערפאַר איז אַנגאָלאַ, ווו די מערב־וועלט האָט געליטן אַ געוואַלטיקן דורכפאַל. און עס איז נישט בלויז אַנגאָלאַ. דאָס באַטייט אַ דערמוטיקונג אין פאַרשידענע לענדער פאַר אַ פּראָ־סאָוועטישער אָריענטירונג און אַ דערמוטיקונג פאַר די נעגערס וואָס זענען איצט אַ נייעם שותּף אין זייער קאַמף פאַר זייער באַפרייאונג.

די געאָפּאָליטישע צעטרייסלונג שטעלט טאַקע אַוועק די רעגירנדיקע כּוחות אין דרום־אַפריקע פאַר אַ שווערער דילעמע. די מינדערהייט אין אַ לאַנד פון 4 מיליאָן ווייסע קעגנאיבער 16 מיליאָן שוואַרצע, שטייט פאַר גורלדיקע באַשלוסן. די ווייסע נאַציאָנאַליסטן פּרווון באַרויִקן די נעגערס מיט געוויסע פאַרלייכטע־רונגען אויפן סאָציאַלן געביט, פאַרבעסערן זייערע לוינען, פּרעסן נישט אַזוי שטאַרק די סעפּאַראַציע, זענען אָבער דאָך נישט מוותּר אויפן אַפּאַרטהייד־סיסטעם. ווער ס'קוקט זיך צו וואָס עס קומט פאָר אויף דעם געביט, מוז מודה זיין, אַז די קליינע פאַרלייכטערונגען פאַר די נעגערס וועלן נישט ברענגען קיין באַרויִקונג און קיין סטאַבילקייט. די געשאַפענע לאַגע האָט דערפירט דערצו, אַז דער פּאָלי־

טישער געזעלשאַפטלעכער סייסמאָגראַף ווייזט אָן אויף אַ וואַקסנדיקער נערוועזיטעט און אומקלאָרקייט פאַר דער צוקונפט.

אונטער דער דינער שיכט פון רויִקייט אויף די גאַסן פון יאָהאַנעסבורג קען מען לייכט דערפילן אַ פאַרנעפּלטן אומרו. אפשר איז עס נישט דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם געשאַפענעם מצב, ס׳איז אָבער סימפּטאָמאַטיש, ווען מיינער אַ פריינד האָט מיר דערציילט, האַלב ערנסט, האַלב אין וויץ, אַז אַן אַפריקאַנער פון דער ווייסער מערהייט זאָגט צו זיינעם אַ פריינד, אַ ייִדן: „דיר איז גוט; ווען ס׳וועט ווערן שווער, האָסטו וווּהין צו לויפן, קיין מדינת ישׂראל, אָבער מיר אַפריקאַנער, וווּהין ווען מיר לויפן?"

ב.

אין דרום־אַפריקע זענען פאַראַן קרוב צו 120 טויזנט ייִדן, די מערהייט פון זיי איז צעשפּרייט אין עטלעכע גרעסערע שטעט: אין יאָהאַנעסבורג — 65 טויזנט נפשות, אין קייפּטאַון — 30 טויזנט, אין דערבין — 5 טויזנט, אין פּרעטאָריע — 3 טויזנט, אין פּאָרט־עליזאַבעט — 1 טויזנט און די איבעריקע זענען צעוואָרפן אין קליינע ייִדישע יישובים איבער אַלע טיילן פון לאַנד. דערצו דאַרף מען צוגעבן, אַז אין דרום־אַפריקע זענען פאַראַן אומגעפער 23.000 יורדים, וועלכע געפינען זיך כמעט דאָס רוב מחוץ דעם נאָרמאַלן לעבן פון דער ייִדישער קהילה. די איזאָלירטקייט פון די „יורדים" איז אפשר אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אָבער זיי זענען געוואָרן אַ פּראָבלעם אין ייִדישן יישוב אין דרום־אַפריקע.

דאָס טאָג־טעגלעכע ייִדישע לעבן פירט זיך ווי געוויינלעך. די פּאָליטישע לאַגע האָט נישט אַריינגעבראַכט קיין פּאַניק. דאָס ייִדישע ווירטשאַפטלעכע לעבן ווי אויך די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט גייט אָן ווי געוויינלעך. אַ משונהדיקע רויִקייט. נאָר ווען דו רעדסט מיט באַקאַנטע, אַנטפּלעקט זיך גאָר אַן אַנדער בילד. מען דערציילט, אַז נישט ווייניק משפחות מאַכן די „פּעקלעך". מען טראָגט זיך אָפּ קיין קאַנאַדע אָדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווייניק פאָרן קיין ישׂראל. אויף מיין פראַגע פאַר וואָס נישט אַלע קיין ישׂראל? פאַר וואָס דאַרפן מיר, אַ פאָלק פון נע־ונדניקעס, נישט שטרעבן צו האָבן אַ שטענדיקע היים? ענטפערט מען מיר, אַז די זיכערקייט־פראַגע אין ישׂראל, די קליטה־פּראָבלעמען א. אַנד. האַלטן אָפּ דעם ייִדן. אַפילו אין אַזוינע טעג מאַכט דער ייִד אַ פאַלשן חשבון און גייט אויף אויסגעדראָשענע גלותדיקע וועגן. כ׳וויל גאַנץ קלאָר זאָגן, אַז די דערשיינונג אין דרום־אַפריקע איז אַ געוואַלדיקער עקזאַמען פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. מ׳טאָר דערויף נישט פאַרמאַכן די אויגן.

ווען מען באַזוכט דעם „ציון־צענטער" אין יאָהאַנעסבורג, ווו ס׳געפינט זיך די ציוניסטישע פעדעראַציע, ווו עס ווערן קאָנצענטרירט אַלע אַרבעטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין לאַנד, אַלע שליחים פון ישׂראל, זעט מען אַז די פאַרצווייגטע אַרבעט וואָס ווערט דאָ אָפּגעטאָן שפּיגלט נישט אָפּ דאָס, וואָס קומט

פּאָר אין דרום־אַפריקאַנער ייִשוב. ס׳איז שווער צו באַגרייפן די סתּירה. ווען מען האָט איינגעאָרדנט אַ באַגעגעניש מיט אַלע פירנדיקע ציוניסטישע עסקנים צוזאַמען מיט דעם „באָארד אָף דעפּיוטיס״ (די קהילה־פאָרשטייערס), האָט אויך די דיס־קוסיע נישט אָפּגעשפּיגלט די ניי געשאַפענע לאַגע. ווען כ׳האָב אין מיין ענט־פערוואָרט געפּרוּווט שטערן די „רויִקייט״ און האָב געפרעגט ווו זענען איצט די ציוניסטישע מנהיגים פון דעם ייִשוב, איז מיין פראַגע געבליבן הענגען אין דער לופט. מען וויל נישט אַריינגיין אין אַ דיסקוסיע. כ׳האָב געטראַכט, אַז אין אַזאַ לאַגע וואָלטן געדאַרפט זיך ערנסט פאַרטראַכטן די וועלט־עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס און זוכן וועגן ווי צו האַנדלען אין דער געשאַפענער סיטואַציע.

ג.

פונקט אַזוי ווי מיט יאָרן פריִער, קען מען אויך היינט נישט אָפּלייקענען דעם „ייִדישן יש״ און די וואַרעמקייט, וואָס מען געפינט דאָ. כאָטש די ייִדישע באַציאָ־נאַלע וואַרעמקייט איז שוואַכער צווישן צווייטן דור, צווישן דער אינטעליגענץ און שטודירנדיקער יוגנט, קען מען דאָך נישט פאַרמינערן דאָס אַלץ וואָס ווערט געטאָן.

ווען מ׳האָט מיך איינגעלאַדן צו באַזוכן דעם גרויסן בית־הספר „דוד המלך״, וועלכער נעמט אַרום מער פון 2 טויזנט ייִדישע קינדער (און ס׳זענען נאָך פאַראַן טויזנטער קינדער אין אַנדערע ייִדישע שולן) האָב איך געפילט, אַז דאָ אייגנטלעך איז דער יסוד און צוקונפט פון ייִדישן פאָלק. ס׳פילט זיך אַ וואַרעמע ייִדישע אַטמאָספער. לעצטנס, דערציילט מיר איינער פון די הויפּט שליחים־פּעדאַגאָגן פון ישׂראל, האָט מען איינגעפירט אין די ייִדישע לימודים אין „דוד המלך״־שול אַ ספּעציעלע שעה, צו לערנען די לויפנדיקע פראַגן פון ישׂראל, כּדי די תּלמידים זאָלן זיך באַקענען מיט דעם וואָס קומט פאָר אויף פאַרשידענע געביטן פון אַקטו־עלן לעבן אין דער ייִדישער מדינה. אין די העכערע קלאַסן אין דער „דוד המלך״־שול קענט איר רעדן עברית. די עלטערע שילער ענטפערן קלאָר אויף די פראַגן. בעת מיין שמועס מיט די תּלמידים האָב איך זיי געפרעגט וואָס זיי פּלאַנען ערב ענדיקן די שולע, און צי די שול גיט זיי אַ מער ייִדישע זיכערקייט כּלפּי דער דרויסנדיקער וועלט? דערויף האָט מיר געענטפערט אַ חנעוודיקע שילערין, אַז אייגנטלעך זאָרגט זי זיך נישט וועגן דעם, ווייל זי וויל עולה זיין קיין ישׂראל, דאָרט ווייטער לערנען, איז זי דעריבער רויִק. אָבער אַ צווייטער שילער זאָגט מיר אויפן אָרט: „כּל זמן איך בין אין דער שולע די אַלע יאָרן צווישן ייִדן, פיל איך אַ זייער וואַרעמע אַטמאָספער. אָבער כ׳פיל זיך נישט זיכער, וואָס עס וועט מיט מיר געשען ווען כ׳וועל אַרויס פון דער „דוד המלך״־שול און אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט אין יאָהאַנעסבורג. דאָרטן בושעווען פרעמדע ווינטן, צי איך בין צוגעגרייט דערצו — ווייס איך נישט, עס איז אַ שווערע פראַגע״, פאַרענדיקט דער שילער.

ווען מיר גייען אַרויס פֿון קלאַס מיט עטלעכע דרויסנדיקע באַזוכער, איז מען ממשיך דעם אָנגעהויבענעם שמועס. אַלע האַלטן, אַז דער סאַמע עקזאַמען פֿון אַ ייִדישער שולע באַשטייט דערין, ווי אַזוי גרייט מען צו דעם תּלמיד, ער זאָל קענען בייַשטיין אַלע אַגרעסיווע אַסימילאַציע־כוואַליעס, וואָס בושעווען אין דער אַרומיקער סביבה. איינער פֿון די פּעדאַגאָגן גיט מיר דערבייַ מער פּרטים וועגן דער נעץ פֿון ייִדישע דערציִונג־אַנשטאַלטן אין יאָהאַנעסבורג. מען דערמאָנט אויך דעם וויכטיקן דערציִונגס־צענטער, ווו מ׳גרייט צו אַלע לערן־פּלענער. די ייִדישע שולן זענען אַ הויפּטזייל אין היגן קהילה־לעבן. ביים אוניווערסיטעט פֿון יאָהאַנעסבורג האָט מען אייַנגעפֿירט אַ קורס פֿון העברעישע לימודים און כ׳הער פֿון אַ יונגן מאַן אין די דרייסיקער, אַז זייַנע 200 סטודענטן אין אוניווערסיטעט ווייַזן אַרויס פֿיל אינטערעס. דער אוניווערסיטעט דעקט אַלע הוצאות פֿון אויפֿהאַלטן די קורסן.

ווען מ׳באַזוכט די שולן אייַנע נאָך דער אַנדערער אין משך פֿון אַ האַלבן טאָג, „שעפּט מען ייִדישן נחת" פֿון דעם געשאַפֿענעם יש, הגם ס׳זענען פֿאַראַן פֿראַגן און אויך האַרבע פֿראַגן. דאָך דאַרף מען נישט זיין פֿאַרשיכּורט פֿון דעם וואָס מען זעט, ווייל די מערהייט פֿון יונגן דור איז דאָך נישט מיט אונדז. מיר האָבן זיך פֿאַמעלעך צוגעוווינט רעדן אין נאָמען פֿון דער מינדערהייט, וועלכע גלייבט אין אונדזער נאַציאָנאַלער פּראָבלעמאַטיק. ס׳איז אָבער נישט געלייזט געוואָרן דאָ אין דרום־אַפֿריקע, אַזוי ווי אין רוב אַנגלאָזאַקסישע לענדער, די פֿראַגע פֿון צוריקבריינגען אין אונדזער מחנה דעם פֿאַרלוירענעם יונגן דור.

איינער פֿון די פֿאַקטאָרן פֿון ייִדישן גוראַנגל קעגן דער אַסימילאַציע, און באַזונדערס קעגן דער שפּראַכן־אַסימילאַציע אין יאָהאַנעסבורג, איז אָן ספֿק, דאָס וואַרעמע קלייַנע אינדזעלע פֿון ייִדיש־קולטור, ווו מען האַלט אויס אַ פֿאָלקסשול מיט 200 קינדער, פֿון זיי אַ קינדער־גאָרטן אין דער פֿרי מיט 100 קינדער, ווי אויך אַ נאָכמיטאָג־שול. פֿאַראַן אַן איבערגעגעבענע גרופּע אַרום דער ייִדישער קולטור־פֿעדעראַציע, וועלכע גיט אַרויס דעם ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „דרום־אַפֿריקע", מיט אַ בכּבֿודיקן אינהאַלט. בעת מייַן רעפֿעראַט פֿאַר די מיטגלידער פֿון דער קולטור־פֿעדעראַציע וועגן ייִדישער קולטור אין פֿאַרשידענע ייִשובֿים, האָב איך געפֿילט, אַז איינע פֿון די גרויסע פֿראַגן, וואָס באַאומרואיקט די דאָזיקע גרופּע, איז ווי אַזוי רייסט מען זיך אַרויס פֿון דער איזאָלאַציע, בעת פֿון אַלע זייטן פֿאַרפֿלייצן די ענגלישע קולטור־כוואַליעס זייער קליין ייִדיש אינדזעלע. ס׳דערשייַנט אויך יעדע וואָך „די ייִדישע צייטונג".

ד.

אויף דער צוויי־טאָגיקער לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג אין דרום־אַפֿריקע, אין וועלכער כ׳האָב זיך באַטייליקט, איז בולט געקומען צום אויסדרוק די טיפֿע ענדערונג אין דער פֿירערשאַפֿט פֿון דער באַווע־

גונג מיטן אַריינגיין פון יונגע מענטשן, אינטעלעקטועלע און אַ דינאַמישער גרופּע, וואָס האָט אַריינגעבראַכט איר אייגענעם שטריך אין דער ציוניסטישער משפּחה. געווען דערפרייענדיק צו זען דאָרט אַ גרופּע יונגעלייט פון דער „הבונים" יוגנט־אָרגאַניזאַציע, ווען זיי האָבן אויף זייער נישט שאַבלאָנעם אופן דערקלערט, אַז היינט דאַרף מען אָוועקשטעלן אין צענטער פון דער באַוועגונג דאָס פּראָבּלעם פון עליה. דאָס איז דער דרינגענדיקסטער ענטפער אויף אַלע אַטאַקעס קעגן ציוניזם און אויף אַלץ וואָס קומט פאָר אין דרום־אַפריקע. אַזאַ איז געווען דער אַני מאמין פון דער דאָזיקער יוגנט־גרופּע, וועלכע שטייט אין שפּיץ פון אַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אויך „בני עקיבא" פאַרנעמען אַ צענטראַל פּלאַץ צווישן דער ייִדישער יוגנט אין יאָהאַנעסבורג.

אין אָוונט האָב איך באַזוכט דאָס הויז פון „הבונים", ווייט פון צענטער שטאָט, אַ הויז וואָס נעמט אַרום קרוב צו 2 טויזנט יוגנטלעכע פון יעדן עלטער. דאָס איז איינע פון די סאַמע איינדרוקספולע הייזער, וואָס כ׳האָב באַגעגנט אין יאָהאַנעסבורג. די יוגנט זוכט איר וועג צום ייִדישן פאָלק, צו מדינת ישראל, און באַמיט זיך צו זען זאַכן אַן געזועלשאַפטלעכער שמינקע.

אין מיין שמועס מיט די עלטערע מיטגלידער פון דער באַוועגונג האָבן זיך געהערט אינערלעכע טענות קעגן זיך אַליין. עס איז נישט גענוג, האָבן זיי געזאָגט, קומען מיט קריטיק נאָר קעגן אַנדערע. ווי אַ גרויסע יוגנט־אָרגאַניזאַציע מוז „הבונים" דערשיינען אַלס פאַקטאָר אין ייִדישן לעבן און לאָזן הערן איר אייגנאַרטיקע שטעלונג. געווען אין די רייד עפּעס דערפרישנדיקס פון אַ יונגן רעוואָלטירנדיקן דור. ס׳האָט זיך געהערט ווי אַ שווערע באַשולדיקונג פון אַ יונגן בחור, אַרום 16 יאָר אַלט, ווען ער האָט דערקלערט: „מיר טאָרן נישט מסכים זיין מיט אונדזערע עלטערן, וועלכע זאָגן אָפּט זייערע קינדער, אַז מען דאַרף נישט עולה זיין קיין ישראל, דאָס איז אַ גלותדיקער צוגאַנג. מיר מוזן אַלץ טאָן, כּדי צו רעוואָלטירן קעגן די עלטערן". די ווערטער זענען געהערט געוואָרן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. די באַגעגעניש מיט די עלטערע איז פאָרגעקומען אין דעם גרויסן זאַל פון „בית הבונים". ס׳איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. נאָר די הייסע דעבאַטן האָבן ווי געלויכטן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

כ׳האָב פאַרלאָזט די פאַרזאַמלונג, און אין מיינע אויערן האָט נאָך געהילכט די מוטיקע שטים פון אַ גרופּע ייִדישע יוגנטלעכע, וועלכע האַלטן מיט שטאָלץ די לוחות פון ייִדישן המשך, פון דעם בעסטן וואָס מיר פאַרמאָגן אויף די פאַרוואָרפענע סטעזשקעס פון גלות־לעבן.

ווען איך האָב אָנהייב מערץ פאַרלאָזט דרום־אַפריקע, האָב איך מיטגענומען מיט זיך די זאָרג פאַרן גורל פון דאָרטיקן ייִדישן ייִשוב. צי וועלן זיך די וואָלקנס איבערן ייִדישן דרום־אַפריקע צעשפּרייטן, צי וועלן זיי פאַרשווינדן?

מיט ייִדן אין בוקאַרעשט

געווען איז עס אין אַ פרייטיק צו נאַכטס אין מיטן אלול תּשל״ז (אויגוסט 1977). כ'בין געשטאַנען אין דער כאָראַל־שול אין בוקאַרעשט, נעבן דעם ארון הקודש און געבראַכט אַ גרוס פון ישׂראל. נישט ווייט פון מיר איז געשטאַנען דער רב הראשי ד״ר משה ראָזען און מיט גרויס וואַרעמקייט פאָרגעשטעלט דעם ישׂראלדיקן גאַסט. באַטאָנענדיק, אַז דער גרויסער רוב ייִדן פון רומעניע געפינען זיך אין ישׂראל און אַז די היגע ייִדן זענען טיף פאַרבונדן מיט אַלעמען וואָס ווערט אין ישׂראל אויפגעטאָן. די הונדערטער פּאָר שטראַלנדיקע אויגן האָבן שווייגנדיק אויסגעדריקט צופרידנקייט און אחדות ישׂראל. פאַראַן עפּעס אַ סוד, ווען ייִדן פון פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט טרעפן זיך און זוכן זיך צו דער־נענטערן.

דעם זעלבן אָוונט איז פאָרגעקומען אַ שבתדיקער קבלת פּנים אין כשרן רעס־טאָראַן אויף דער פּאָפּאַ־סאַרע גאַס, וואָס די קהילה האַלט אויס. געהערשט האָט דאָרט אַ היימישע אַטמאָספער אַזוי ווי אין אַמאָליקן מיזרח־אייראָפּע, מיט ייִדישע ייִדן. אַ כאָר פון עטלעכע און צוואַנציק יונגטלעכע האָט געזונגען ייִדישע און העברעיִשע לידער, צווישן אַנדערע „ירושלים של זהב״, וואָס האָט צוגעגעבן דעם אָוונט פיל וואַרעמקייט. מען דאַרף אַוודאי נישט איבערטרייבן, מ'דאַרף אָבער אויך נישט פאַרגעסן די באַדינגונגען, די דרויסנדיקע און אינערלעכע און מען טאָר נישט אונטערשעצן דעם פאַקט, אַז אַזאַ אָוונט האָט געקענט פאָרקומען אין אַ קאָמוניסטיש לאַנד. ס'איז קיין סוד נישט, אַז די יענע, וועלכע זענען פאַר־אינטערעסירט אין ייִדיש לעבן אין די פאַרשיידענע לענדער פון מיזרח־אייראָפּע פרעגן זיך, ווי אַזוי זוכט מען אַ וועג אַז די ייִדן וואָס לעבן אין די אַנדערע לענ־דער מיט אַ קאָמוניסטישן רעזשים זאָלן קענען אויפהאַלטן זייער ייִדישן פּרצוף. די פראַגע ווערט אָפּט באַהאַנדלט און מען קען נישט זאָגן, אַז עס איז פאַראַן איין איינציקער רעצעפּט, איין שיטה, איין מיינונג. פאַראַן נאָך זייער פיל פאַרנעפּ־לונג. אַוודאי האָבן די וועלכע זענען עולה געווען קיין ישׂראל געפונען אַ לייזונג פאַר זייערע אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע פראַגן. אָבער ווי זעט אויס די לאַגע פון די יעניקע, וואָס זענען נאָך געבליבן, און ווי אַזוי קענען זיי אָפּהיטן זייער ייִדישן אויסזען? מיר שיינט, אַז די דערפאַרונג מיטן אויפהאַלטן די ייִדישע קהילות אין רומעניע קען דינען אַלס מאָדעל. דער איצטיקער רעזשים אין רומעניע האָט פּרינציפּיעל אַ פאָזיטיווע איינשטעלונג צו די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן אין רומעניע און פאַרזיכערט זיי די רעליגיעזע פרייהייטן און ספּעציפישע קולטורעלע הצטרכותן. ווען ס'איז מיר אויסגעקומען צו רעדן אַ פּאָר טעג שפּע־

טער מיטן שטעלפאַרטרעטער פון אויסערן־מיניסטער, קאָרנעל פאַקאַסטאַ, איז אַט די איינשטעלונג בולט געקומען צום אויסדרוק. מ׳קען זאָגן אָן איבערטרייבונג, אַז דער סיסטעם קען דינען אַלס מוסטער אויך פאַר אַנדערע קאָמוניסטישע לענ־דער, כּל זמן ס׳געפינען זיך דאָרט ייִדן.

*

וויפל ייִדן זענען היינט צו טאָג נאָך פאַראַן אין רומעניע? לעצטנס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן פאַרשיידענע איבערגעטריבענע ווערסיעס וועגן די ציפערן און פון דעם ציט מען איבערגעטריבענע מסקנות. נאָך אַ לענגערן שמועס מיט קאָמפּעטענטע ייִדישע און נישט־ייִדישע פאַקטאָרן און נאָך דעם ווי כ׳האָב גע־לייענט דעם לעצטן אויספירלעכן באַריכט פון אַ סטאַטיסטישער אויספאָרשונג, וואָס די צענטראַלע פון די ייִדישע קהילות אין רומעניע האָט דורכגעפירט קומט מען צו פאָלגנדיקע מסקנות: א) אין די פּראָווינץ־שטעט און שטעטלעך זענען פאַראַן 71 קהילות קליינע און גרויסע. די קלענסטע קהילה ציילט 4 משפחות (דאַראַבאַן), ביז 1.200 משפחות (יאַסי), אָדער 1.600 משפחות (טעמישאַרע — טראַנסילוואַניע). אין די אַלע פּראָווינץ־קהילות געפינען זיך בערך 22.500 נפשות. ב) בערך אַזוי פיל געפינען זיך אין בוקאַרעשט, אַזוי אַז די אַלגעמיינע צאָל ייִדן אין רומעניע, אין 1977, איז אומגעפער פון 43 ביז 45 טויזנט. 58% פון אַלע ייִדן אין רומעניע זענען אין דער עלטער פון 60—80 יאָר. אין עלטער ביז 20 יאָר געפינען זיך נאָר 6% פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. צווישן די עלטערע ייִדן זענען פאַראַן פיל סאָציאַלע פאַלן און קראַנקע, וואָס קענען זיך קוים אַליין אויסהאַלטן. די דעמאָ־גראַפישע ציפערן זאָגן עדות, אַז אין דער פאַטענץ זענען פאַראַן אַ 15—20 טויזנט ייִדן, וואָס וואָלטן געקענט עולה זיין. אָבער דער טעמפּאָ פון זייער עליה איז זייער אַ פאַמעלעכער. פאַראַן פערזענלעכע און אויסערלעכע סיבות, וועלכע ברענגען דערצו, אַז נישט אַלע 15 טויזנט ייִדן זאָלן נעמען די טשעמאָדאַנעס און אין אַ קורצער צייט עולה זיין. איינע פון די דעליקאַטע פראַגעס וואָס מיר ישׂראלים האָבן מיט די רומענישע פאָרשטייערס איז טאַקע ווי אַזוי די עליה צו פאַרשנעלערן. דער אויבן דערמאָנטער מיניסטער קאָרנעל פאַקאַסטאַ, האָט באַ־טאָנט, אַז לגבי דער אויסוואַנדערונג קיין ישׂראל האָבן זיי זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ פון דערמעגלעכן די פאַראייניקונג פון די משפחות. זיי ווייסן אַז 90%—95% פון דער פראַגע איז געלייזט געוואָרן, דאָס רוב ייִדן זענען שוין עולה געווען. זיי קענען אָבער נישט פאַרסירן דעם טעמפּאָ פאַר די איבערגעבליבענע. פאַראַן ביי זיי אַנדערע איידעלע מינאָריטעט־פראַגעס, וואָס שטעלן נישט קיין לייכטע פּראָבלעמען. די 15—20 טויזנט ייִדישע נפשות זענען נישט דאָס פּראָב־לעם. קען מען נישט אין גאַנצן אָפּוואַרפן זייער אַרגומענטאַציע.

עס שטעלט זיך אַגב די פראַגע וואָס וועט זיין דער גורל פון די ייִדן, וואָס אויך מיר האַלטן אַז זיי קענען נישט אין זייערע תּנאים עולה זיין. צי דאַרף מען

פֿאַר זיי אויפֿהאַלטן אַ ייִדיש קולטור־לעבן, זאָרגן פֿאַר זייער ייִדישן אינהאַלט? מפֿקיר זיין אָט די ייִדן וועט נישט זיין ייִדישלעך און וועט נישט ברענגען קיין גוטן נאָמען דעם ייִדישן פֿאָלק און אויך נישט ישׂראל. מיר דאַרפֿן ערנסט טראַכטן וועגן דעם ענין.

אַרויסגייענדיק פֿון דעם שטאַנדפּונקט, האָב איך געזוכט אין אַלע ווינקעלעך פֿון ייִדישן לעבן אין רומעניע אַ לייזונג ווי אַזוי בכּבֿודיק אויפֿהאַלטן די ייִדן, נישט מוּתּר זיין בשום אופֿן אויף די וואָס ווילן אָדער קענען דערווייל נישט עולה זיין קיין ישׂראל. מ׳מוז מודה זיין, אַז די דרויסנדיקע פֿאַסאַדע פֿון דער טעטיקייט פֿון דער פֿעדעראַציע פֿון די ייִדישע קהילות אין רומעניע איז פֿאַר יעדן גאַסט פֿון אויסלאַנד אַ זייער איינדרוקספֿולע. ס׳ווערט פֿיל געטאָן אויף די געביטן פֿון סאָציאַלער און מעדיצינישער הילף אין בוקאַרעסט און אין דער פּראָווינץ, דער „דזשאָינט" האָט דערין אַ בכּבֿודיקן חלק. די טרייבקראַפֿט פֿון דעם אַלעמען איז דער רבֿ הראשי משה ראָזען מיט אַ קליינער גרופּע מיטהעלפֿערס. אפֿשר דאַרף מען לערנען פֿון דעם אופֿן ווי אַזוי ס׳ווערן געהאָלפֿן די נויטבאַדערפֿטיקע ייִדן אין רומעניע. אָט למשל אין דער פֿיין איינגעאָרדנטער קאַנטינע (כּשר רעסטאָראַן) עסן כּמעט יעדן טאָג טויזנט ייִדן. אָבער דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע איז דער פּרינציפּ, אַז אַלע וואָס עסן דאָרט, באַקומען דאָס זעלבע עסן, סיי די וואָס צאָלן דעם פֿולן פּרייז, סיי די וואָס עסן אין גאַנצן אומזיסט. דוכט זיך אַ קלייניקייט, אָבער אָט די קלייניקייט גיט דעם נויטבאַדערפֿטיקן ייִדן אַ געפֿיל, אַז ער איז גלייך מיט אַלע.

כ׳האָב אויך באַזוכט אייניקע קליניקס, געזען די מאַגאַזינען פֿון קליידער וואָס מען פֿאַרקויפֿט די ייִדן פֿאַר זייער ביליקע פּרייזן. בוקאַרעסט האָט אויך אייניקע קולטור־אינסטיטוציעס ווי למשל דאָס ייִדישע טעאַטער. ס׳איז געווען אין אויגוסט, ווען מ׳שפּילט נישט, האָב איך נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען דאָס טעאַטער. ביי דער כאָראַל־שול איז פֿאַראַן אַ תּלמוד־תּורה פֿאַר ייִנגערע און פֿאַר עלטערע יוגנט. אַהער קומען קינדער, וואָס האָבן נישט אין זייערע היימען קיין ייִדישן אינהאַלט. מ׳לערנט מיט זיי פֿון אַלף בית אָן. מ׳לערנט מיט זיי די באַדייטונג פֿון ייִדישע יום טובֿים. דאָס איז ממש אַ ייִדיש־גייסטיקע רעטונג. אָבער די פּאָר שעה אין טאָג (צוויי אָדער דריי מאָל אין דער וואָך) זענען אַ ווייניקע גייסטיקע הילף. דאָך דאַרף מען נישט אונטערשעצן דאָס וואָס ווערט געמאַכט, וואָס קלעקט קיום פֿאַר אויפֿהאַלטן די ייִדישע נשמה.

דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז אין דער קהילה זענען פֿאַראַן שרעקלעך ווייניק ייִדישע גייסטיקע כּוחות. חוץ דעם רבֿ הראשי ראָזען זענען דאָ איינער אָדער צוויי רבנים, כּמעט נישטאָ די נייטיקע שוחטים. מ׳דאַרף מאַכן אַקראַבאַטיק, כּדי אויפֿצוהאַלטן דאָס קהילה־לעבן. די ייִדישע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס בראש מיטן ייִדישן וועלט־קאָנגרעס דאַרפֿן ערנסט באַטראַכטן די דאָזיקע פּראָגעס און געפֿינען פֿאַר זיי אַ לייזונג.

יצחק קאָרן

מיטן גאַנצן דרויסנדיקן גלאַנץ פון דער טעטיקייט פון דער פעדעראַציע פון די קהילות אין רומעניע, שטייט דאָס דאָרטיקע ייִדנטום פאַר גאָר שווערע אינער־לעכע פּראָבלעמען.

*

דער באַזוך אין הויז פון דער ביבליאָטעק, אַרכיוו און צייטווײַליקן פּלאַץ פון ייִדישן מוזעאום אויף דער שטילער גאַס פּאַפּאַ־רוסו אינעם אַלטן טייל פון בוקאַרעסט איז געווען אַ דערפרייענדיקער. דאָס איינשטאָקיקע אימפּאָזאַנטע הויז אַנטהאַלט צענדליקער טויזנטער ביכער, כּתבֿי־יד, קאָלעקציעס ייִדיש־רומענישע צייטונגען פון אָנהייב פון זייער דערשיינען. אין אַ באַזונדערן צימער געפינען זיך זייער זעלטענע כּלי־קודש, צונויפגעזאַמלטע פון פאַרשיידענע בתּי־כּנסת, נאָך דעם ווי די ייִדן האָבן פאַרלאָזט די ערטער — עדות פון אַן אייגנאַרטיקן נוסח ייִדיש לעבן. אין אַ צווייטן צימער געפינען זיך קאָסטבאַרע בילדער, בעיקר פּאָר־טרעטן פון וויכטיקע ייִדישע פּערזענלעכקייטן אין רומעניע פאַר די לעצטע דורות. און נאָך פיל אַנדערע אָנגעזאַמלטע זאַכן, וואָס וועלן דינען אַלס יסוד פאַר דעם נייעם מוזעאום פון לעבן און געשיכטע פון רומענישן ייִדנטום, וואָס די פעדעראַ־ציע פון די קהילות האַלט פאַר וויכטיק אויפצושטעלן פאַרן פּרעסטיזש פון רו־מענישן ייִדנטום.

אין אַנדערן טייל פון בנין געפינט זיך די רעדאַקציע פון דער צווייוועכנטלע־כער צייטשריפט אין עבֿרית, ייִדיש און רומעניש, רעדאַקטירט דורכן פּובליציסט וויקטאָר רוסו. דער ייִדישער טייל פון דער צייטונג איז רעדאַקטירט דורכן שרייַ־בער וואָלף טאַמבור. די צייטונג איז אַן אוניקום אויפן גאַנצן שטח פון די קאָ־מוניסטישע לענדער פון מיזרח־אייראָפּע. ביי דער באַזונדערער לאַגע פון די ייִדן אין רומעניע, ווו ס׳איז פאַראַן אַ גרויסער מאַנגל אין ייִדישע קולטורעלע כּוחות, פּילט די צייטשריפט אויס אַ וויכטיקע דערציִערישע און קולטורעלע אויפגאַבע.

אין אַ צווייטן טייל פון בנין געפינט זיך דער אַרכיוו און די ביבליאָטעק מיט אַ זייער גרויסן מאַטעריאַל פון אַלע טיילן פון לאַנד, וואָס שפּיגלט אָפּ די גע־שיכטע פונעם ייִדישן לעבן אין רומעניע. מיר באַקומען אויספירלעכע אויפקלע־רונגען פון מאַרקוס מירקוס, וואָס טראָגט די אַחריות פאַרן אַרכיוו. ס׳פעלן פאַכ־מענער וואָס זאָלן קענען דאָ ענדיקן די אַרכיוואַלע אַרבעט אַרום די ליטעראַרישע, קולטורעלע און גייסטיקע קוועלן פון דעם רומענישן ייִדנטום. ווען מען הערט די פּרטים, גנבֿעט זיך אַריין אַ ספק צי מיט די באַשיידענע כּוחות וועט מען קענען די זאַך דורכפירן.

ס׳קומען אַריין אין אויפנאַמזאַל פון דער ביבליאָטעק דער רבֿ הראשי מ. ראָזען צוזאַמען מיטן פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדרו וויאַנו, וועמען די אָנפירונג פון דער

פעדעראַציע פון די קהילות האָט אָנפאַרטרויט די לייטונג פון צענטער פאַר אויס־פאָרשן די געשיכטע פון די ייִדן פון רומעניע. ס'הייבט זיך אָן אַ זייער אינטערע־סאַנטער שמועס וועגן די מעטאָדן ווי אַזוי צו פאָרשן די דאָזיקע געשיכטע. פּראָפ. וויאַנו גיט איבער זאַכלעך וועגן זיינע פּלענער און ס'שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז די אַרבעט פון אַט דעם ערנסטן קענער און פאַכמאַן וועט ברענגען כּבוד דער פעדעראַציע און בעיקר, אַז דער אַזוי אָפּגעלאָזטער שטח פון שטודירן טיף און ערנסט די געשיכטע פון ייִדן אין רומעניע וועט אַ דאַנק אים אַרויף אויף פּאַסיקע רעלסן.

איך שלאָג פאָר דער לייטונג פון וועד הקהילות אין בוקאַרעשט זי זאָל אָנ־פאַנגען אַן אינטענסיווע מיטאַרבעט מיט דער התאחדות עולי רומניה אין ישׂראל אויפן געביט פון פאָרשן די געשיכטע פון די ייִדן אין רומעניע, פון זוכן דעם פּאַסיקן מאַטעריאַל. כ'דערמאָן דערביי די נייע וויכטיקע פּובליקאַציע „שבט רומניה", וואָס ס'האָט לעצטנס אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין ישׂראל די התאחדות עולי רומניה אין צוויי שפּראַכן. דער ענטפער אויף מיין פאָרשלאָג איז אַ פּאָזי־טיווער. בוקאַרעשט און תּל־אָביב האָבן די זעלבע זאָרגן, אַז די יונגע דורות זאָלן כאָטש וויסן וואָסער אָרט ס'האָבן פאַרנומען די רומענישע ייִדן צווישן דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. דער וואָס האָט אַ ביסל געפיל פאַר זיין אייגענער געשיכטע, פאַרשטייט ווי וויכטיק ס'איז די דאָזיקע געשיכטע צו שטודירן.

אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז נאָכן באַזוך אין דער ייִדישער ביבליאָטעק און אַרכיוו, בין איך נאָך מיטאָג איינגעלאַדן געוואָרן צו באַזוכן די רומענישע אַקאַ־דעמיע מיט איר ווערטפולער ביבליאָטעק פון 6 מיליאָן ביכער און צענדליקער טויזנטער דאָקומענטן, כּתבֿי־יד א.אַז.וו. דער הויפּט־דירעקטאָר פון דער ביבליאָ־טעק פון דער אַקאַדעמיע, פּראָפעסאָר זשאַן ליוועסקו, האָט מיך וואַרעם אויפגע־נומען און דערציילט גאָר אינטערעסאַנטע פּרטים פון דער אינסטיטוציע און גלייכצייטיק באַטאָנט, אַז דאָ אין דער אַקאַדעמיע געפינען זיך די אָריגינאַלן פון אַלע ייִדישע ביכער און צייטונגען, וואָס זענען דערשינען די לעצטע הונדערט יאָר אין רומעניע, זעלטענע ייִדישע דאָקומענטן, וואָס וואַרפן ליכט אויף דער געשיכטע פון דעם ייִדישן יישוב אין רומעניע פאַר פיל דורות. די אַקאַדעמיע איז גרייט צו געבן די פאָרשערס פון דער ייִדישער געשיכטע אין רומעניע פאָטאָקאָ־פּיעס פון פאַרשיידענע דאָקומענטן. פּראָפעסאָר ליוועסקו האָט שטאַרק אָפּגעג־שאַצט די אויסגאַבע „שבט רומניה" אין עברית און רומעניש פאַר פאָרשן און פאַרעפנטלעכן מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון די רומענישע ייִדן.

צום סוף בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו באַזוכן די צימערן, ווו ס'געפינען זיך די דערמאָנטע דאָקומענטן. ס'איז געווען געוואַלדיק רירנדיק צו זען די ביכער און צייטונגען פון די פריִערדיקע ייִדישע דורות אין רומעניע, וואָס זענען אָפּגע־

היט געוואָרן גלייך ווי דער שׂר־האומה וואָלט געפּאָדערט זיי צו שטודירן און עפּעס אָפּצולערנען פון דער פאַרגאַנגענהייט פאַרן ווילשטאַנד פון דער צוקונפט. צווישן די איינדרוקספולע דאָקומענטן האָט מען מיר געוויזן אַ מגילת אסתּר, געשריבן אין יאַסי מיט 350 יאָר צוריק אויף פּאַרמעט אין אַ גאָר טרעפלעכער קינסטלערישער פאָרעם און אין איינציקע קאָלירן, אַ קונסטווערק וואָס רופט אַרויס גרויס באַוואונדערונג פאַרן סופר.

אַרויסגייענדיק פון דער ביבליאָטעק פון דער רומענישער אַקאַדעמיע, האָב איך זיך געטראַכט: וויפל גרויסע גייסטיקע און קולטורעלע אוצרות פון יידישע קינסטלערס, שרייבערס און דענקערס זענען צעשפּרייט איבער די פאַרשיידענע פרעמדע אַקאַדעמיעס אין דער וועלט. מען דאַרף זאָרגן אַז די אַלע גייסטיקע אוצרות זאָלן איינגעזאַמלט ווערן אין אונדזער נאַציאָנאַלן פּאַנטעאָן אין ישׂראל.

אויגוסט־סעפּטעמבער 1977

מיט ייִדן אין מעקסיקע

א.

מיין באַזוך אין מעקסיקע אין נאָוועמבער 1977 איז געווען פאַרבונדן מיטן קומענדיקן ציוניסטישן קאָנגרעס. פאַרשטענדלעך אַז כ׳האָב אויך געוואָלט זען און אַביסל פאַרשטיין דאָס דאָרטיקע ייִדישע לעבן. אין דער אמתן ווייס מען דאָך אין דער ייִדישער וועלט גאַנץ ווייניק וועגן דעם ייִדישן לעבן אין מעקסיקע.

פון דער ווייטנס איז דער איינדרוק, אַז דער קליינער ייִדישער ייִשוב (ווייניקער ווי אַרום אַ צענטל פון איין פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג) — בערך אַרום 40 טויזנט ייִדן — פאַרמאָגט אַ בכבודיקן ייִדישן „יש״ אויף פאַרשידענע געביטן. די ייִדישע פּאָסאַדע איז אַן אַטראַקטיווע: עטלעכע ייִדישע שולן, אַ קולטור־טעטיקייט, אַ ביסל טראַדיציאָנעלע ייִדישקייט, 2 ייִדישע וואָכנצייטונגען, אַן אַקטיווע אַשכּנזישע קהילה. אויך צווישן די ספרדישע ייִדן גייען אָן פאַרשידענע טעטיקייטן. דאָך ווען מען הערט זיך צו די שמועסן פון פריינד אויפן אָרט, הערט מען פון זיי זייער מינאָרע טענער וואָס שייך דעם ייִדישן לעבן און דער צוקונפט אין מעקסיקע. פרעגט זיך פאַרוואָס ?

דאָס אַלגעמיינע לעבן אין מעקסיקע איז רייך אין באַקוועמלעכקייטן, פול מיט אַטראַקציעס. ייִדן ווייסן גוט ווי אַזוי צו געניסן פון זיי. אָבער ווען מען רירט אָן די ספּעציפישע פראַגע „ייִדן אין מעקסיקע״ — באַקומט מען אַ שטאָמלדיקן ענטפער.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין מעקסיקע גראָד ווען די קאָדענץ פון דער פאַרוואַלטונג פון דער ייִדישער אַשכּנזישער קהילה „נדחי ישׂראל״ אויף דער אַקאַפּולקאָ־גאַס האָט זיך פאַרענדיקט און מען איז געקומען מאַכן אַ סך הכּל פון דער פאַרגאַנגנהייט מיט אַ בליק אויף דער צוקונפט. דאָס איז געווען אַן אומפּאַזאַנטע פאַרזאַמלונג פון אַלע מיטגלידער פון קהילה־ראַט מיטן ראש הקהילה אין דער שפּיץ. די זיצונג איז געפירט געוואָרן לויטן סדר היום אַזוי ווי ער איז באַשטימט געוואָרן פון פריער. מ׳האָט מיך צום סוף געבעטן זאָגן אַ וואָרט. אַרום דעם רחבותדיקן רונדן, כּמעט מיניסטעריאַלן טיש, זענען געזעסן פאַרשטייער פון אַלע פּאַרטייען און גרופּירונגען פון דער אַשכּנזישער מחנה. אין די רייד האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די לאַגע פון ייִשוב. מען האָט געהערט אַ טאָן פון באַדויער, וואָס מען האָט נישט באַוויזן אַריינצוציִען אין קהילה־לעבן אַ גרעסערע צאָל יונגע כּוחות. דער יונגער דור איז אַוועק אַקערן אויף פרעמדע פעלדער. די רעדנערס האָבן גערעדט וועגן דעם ייִדישן „יש״ אין מעקסיקע מיט אַ פאַרנעפּלטן קול. דער „יש״ גייט ליידער נישט אַרויף נאָר אַראָפּ.

ס׳האָבן זיך אויך געהערט איינצלנע, אָפּטימיסטישע קולות אָבער זיי זענען פּאַרטויבט געוואָרן אין רעש פון דער הייסער דיסקוסיע. מען האָט גערעדט גאָר ערנסט וועגן דעם, אַז מ׳דאַרף צוציִען נייע יונגע כּוחות צו דער לייטונג פון דער קהילה כּדי אַריינצוברענגען אין איר מער דינאַמיזם און פּאַרטיפן איר ייִדישן אינהאַלט. דאָס זעלבע האָב איך אויך געזאָגט אין מיינע באַמערקונגען און צוגעגעבן, אַז דער יונגער דור דאַרף קומען מיט זיינע פּלענער ווי צו באַקעמפן אַסימילאַציע און אָפּפרעמדונג.

אַ ראַטמאַן פון דער קהילה האָט מיר באַמערקט, אַז אויב די ייִנגערע וועלן זיין דער רוב אין נייעם קהילה־ראַט, דאַן פאַרענדיקן מיר מיט דער ייִדיש־רעדנ־דיקער אַשכּנזישער קהילה. איצט רעדן נאָך אַלע אַ פיינעם ייִדיש. וואָס וועט זיין ביי אַ געענדערטן, פאַרייִנגערטן רעזשים? איז עס טאַקע אַ האַרבע פראַגע. ייִדיש רעדן איז נישט נאָר אַ שפּראַך־פראַגע, דאָס גיט צו דעם באַזונדערן אַראָמאַט פון צוגעבונדנקייט צו אונדזערע ווערטן. שפּאַניש האָט זיינע וועגן ווי אַריינצו־דרינגען אין ייִדישן לעבן אין מעקסיקע, שפּאַניש וועט אָבער קיינמאָל נישט פאַר־בייטן די ייִדישע פאָלקסטימלעכקייט. די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן און איז געבליבן הענגען אין חלל פון קהילה־זאַל.

כ׳בין זייער דאַנקבאַר דעם פאָרזיצער פון קהילה־ראַט, וועלכער האָט מיך פאַרבעטן צו דער זיצונג פון וועלכער כ׳האָב אין אַ קפיצת־הדרך־פאָרעם פיל געלערנט וועגן די הויפּט־פּראָבלעמען פון ייִדיש לעבן אין מעקסיקאַנישן ייִדישן ישוב.

דאָ דאַרף איך דערמאָנען מיט צופרידנקייט, אַז אויף דער זיצונג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן באַשלאָסן צו גיין צו די קהילה־וואַלן אויף איין פאַראייניקטער ליסטע און אויפהערן גיין, כּלפּי חוץ, צעשפּליטערט. אין די באַדינגונגען פון מעקסיקע איז עס אַ געוואַלדיקער פאָר־שריט, אַ מיטל צו פאַרשאַפן אַ גרעסערן פּרעסטיזש דער ציוניסטישער משפּחה, וועלכע האָט די לעצטע יאָרן פאַרלוירן נישט ווייניק פון איר אָנזען. אַ פאַראיי־ניקטע ציוניסטישע ליסטע איז עלול אַרויסצוברענגען, אין אַ מער אימפּאָזאַנטער פאָרם, די אייגנאַרטיקע שטעלונג פון די ציוניסטן אין די פּראָבלעמען פון דעם קהילה־לעבן אין מעקסיקע.

*

פאַראַן דענקנדיקע ייִדן אין מעקסיקע וואָס טראַכטן ווי אַזוי אַריינצופלאַנצן אין יונגן ייִדישן אינטעלעקטועלן דור דעם ווילן און דאָס שטרעבן צו לערנען זיין אייגענע פאַרגאַנגענהייט, זיין אייגענע געשיכטע. דאָס וועט אפשר עפענען פאַר אַ סך פון זיי דעם וועג זיך צוריקקערן צום פאָלק. איך וועל זיך באַגוגענען מיט שילדערן אייניקע געשעענישן פון וועלכע מיר וועלן קענען קומען צו אַן אויספיר אין דער פראַגע.

צוזאַמען מיט מיינע פריינד זענען מיר אַרויסגעפאָרן אין דער פרי אין שטאָט, כּדי צו באַזוכן דאָס וואָס הייסט „די פּלאַזאַ פון די דריי קולטורן״. אין מיטן פון אַ רוישיקער אורבאַניסטישער סביבה זענען מיר אַרויף אויף אַ שטח, נישט זייער קיין גרויסן, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ מאָנומענט און אויף אים איז געהאַנגען אַ שילד וואָס האָט דערציילט, אַז דאָ אויף דעם פּלאַץ האָט דער שפּאַנישער קאָמענ־דאַנט הערנאַנאַ קאָרטעז אין יאָר 1521 אָפּגעהאַלטן אַ גרויסע שלאַכט פון וועלכער ער איז אַרויס ווי אַ זיגער. פון דעם פאַרגאָסענעם בלוט אויף דעם פּלאַץ איז געשאַפן געוואָרן אַ ניי פאָלק — דאָס איז מעקסיקע. אַרום אָט דעם קליינעם מאָנומענט האָט מען רעסטאַווּרירט די חורבות פון די הויפּט־פּלעצער פון דער שלאַכט, אַלץ פון אַספאַלט שוואַרצע שטיינער. דאָ זעט מען נאָך די שפּורן פון די פאַרטיידיקונג־מויערן, די פאַרשידענע קאַנאַלן, דער עשאַפאָט ווו ס׳זענען געקעפּט געוואָרן די געפאַנגענע. מ׳פילט, אַז מען האָט געוואָלט אַלץ טאָן, כּדי צו דערמאָנען די היסטאָרישע אויטענטישקייט. אַ ביסל ווייטער שטייט אַן איינפאַכער בנין פון אַ קלויסטער, געבויט שפּעטער מיט אַ הונדערט יאָר און אַרום אָט דעם געשיכטלעכן פּלאַץ וואַקסט אַרויס אַ נייע מאָדערנע קולטור.

איך הער זיך צו צו די אויפקלערונגען וואָס מיינע באַגלייטער גיבן מיר און כ׳נעם טראַכטן אַז די וואָס האָבן עטאַבלירט דעם קאָלאָניאַלן רעזשים אין מעקסיקע האָבן אויך מיטגעבראַכט פון שפּאַניע די שוידערלעכע אינקוויזיציע און טויזנטער מאַראַנען זענען שרעקלעך געררודפט און אומגעבראַכט געוואָרן. די פאַרשטעלטע יידן, די מאַראַנען, וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פון דער שפּאַנישער אינ־קוויזיציע זענען דאָ אַריינגעפאַלן אין אַ נישט קלענערן גיהנום פון רדיפות. כ׳דריי זיך אַרום לעבן דעם עשאַפאָט און כ׳ווייס אַז דאָ האָבן יידן געבראַכט גרויסע קרבנות. כ׳בין מסופק צי דער יונגער יידישער דור אין מעקסיקע לערנט עפּעס פון דער דאָזיקער געשיכטע. די שוואַרצע אַספאַלט־שטיינער שרייען צו מיר מיט אַ נישט דערהערטן וויי־געשריי פון דורות פאַרשניטענע יידן.

פון דעם פּלאַץ פאָרן מיר צום בנין פון דער אַשכּנזישער קהילה אויף אַקאַ־פּולקאַ גאַס, ווו ס׳געפינט זיך דער מוזעאום פון שואה און גבורה, וואָס איז מיט גרויס מי געשאַפן געוואָרן דורך דעם וויכטיקן קולטור־עסקן טוביה מייזל. ער אַליין באַמיט זיך מיר אויפצוקלערן דעם אינהאַלט פונעם מוזעאום, וועלכער מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. די גרינדער פון דעם מוזעאום האָבן זיך נישט באַנוגנט בלויז מיטן אַרויסברענגען די בעסטיאַלישע מעשׂים פון די נאַציס און די ליידן פון יידישן פאָלק אין יענער שרעקלעכער תּקופה. זיי האָבן אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז אַ טייל פון מוזעאום זאָל ווייזן ווי עס האָט אויסגעזען די יידישע וועלט פאַרן חורבן. ערשט ווען דו זעסט וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט פאַר דער שואה, קענסטו בעסער פאַרשטיין דעם שוידערלעכן פאַרלוסט אין דער שואה. פאַראַן אויך דער זייער איינדרוקפולער טייל פון גבורה ווי אויך פון דער גאולה־תּקופה מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישׂראל.

דער מוזעאום געפינט זיך אין אַ זייער שיינעם בנין. אָבער ווען מען נעמט אין אַכט זיין וויכטיקייט — איז דער שטח אויף וועלכער ער שטייט צו שמאָל, צו ווינקלדיק. די קהילה־לייטונג וואָלט געדאַרפט דעם מוזעאום אָפּגעבן אַ מער צענטראַל און רחבותדיק פּלאַץ און אים פאַרוואַנדלען אין אַ מאָנומענט פון נאַציאָ־נאַלן יידישן באַטייט פון וועלכן מען זאָל לערנען און נישט פאַרגעסן דאָס וואָס דער מאָדערנער נאַצי־עמלק האָט אונדז געטאָן. אַ ווירדיק פאָלק טאָר נישט פאַרגעסן! מיר דוכט זיך אַלץ, אַז אונדזערע פּעדאַגאָגן און לערערס, עסקנים און פירנדיקע יידישע פּערזענלעכקייטן האָבן נישט געפונען דעם וועג (נישט נאָר אין מעקסיקע) ווי אויפצוהאַלטן אין אונדז דעם אָנדענק פון די יידישעליידן און חורבן. די שואה הויבט אָן פאַרגעסן צו ווערן.

מיר עקבערט אין מוח די פראַגע צי די נאַצי־תּקופה וועט אַזוי פאַרטושט ווערן ווי די תּקופה פון דער אינקוויזיציע, וואָס איז עטאַבלירט געוואָרן אין מעקסיקע אָנהויב 16טן יאָרהונדערט? עפּעס דאַרף מען לערנען פון די צוויי פלעצער: פון „פלאַזאַ פון די דריי קולטורן" און פון יידישן מוזעאום פון פאַר־ניכטונג און גבורה אינעם קהילה בנין אויף דער אַקאַפּולקאַ גאַס.

ווען מיר פאַרלאָזן דעם מוזעאום, האַלט מען אַלץ אין שמועסן וועגן דעם וואָס עס קומט פאַר אין יידישן קולטורעלן לעבן אין מעקסיקע. זאָגט מיר איינער, אַז מיר נאַציאָנאַלע יידן זענען אַ מינדערהייט אויף דער יידישער גאַס און די גרויסע פראַגע איז, ווי אַזוי וואַרפט מען בריקן צו דער מאַסע, וועלכע באַשטייט שוין פון האַלבע און פערטל יידן.

כ׳באַוווּנדער דעם קולטור טרעגער — טוביה מייזל, וועלכער איז שוין אַ בן שמונים, און האָט נאָך אַזוי פיל איניציאַטיוו און דינאַמישקייט. ער איז נישט צופרידן פון דער לאַגע, טראַכט זיך צוריקצוציען, אָבער ער האַלט, אַז מען דאַרף אַריינדרינגען אין דער אָפּגעפרעמדטער סביבה מיט יידישע ווערטן, אויך ווען מען מוז נוצן דרויסנדיקע קולטור־באַדינגונגען. ער אַרבעט איין, אין נאָמען פון דער קהילה, יעדעס יאָר אַ גרויסן פעסטיוואַל פון יידישער מוזיק אין אָפיציעלע מלוכה־טעאַטערס כּדי צו צוציִען די יידן וואָס שטייען שוין ווייטער פון יידישן לעבן. דעם צווייטן אָוונט בין איך בייגעווען דעם יידישן מוזיק־פעסטיוואַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין גרויסן זאַל פון „בעלאַס אַרטעס" (די שיינע קונסט) מיט דער באַטייליקונג פון פּראָמינענטע ישׂראל־מוזיקערס און מיט אַ ספּעציעלן יידישן אינהאַלט. אין דעם ריזיקן זאַל האָבן אָפּגעהילכט די קלאַנגען פון דעם יידישן ניגון. דאָס איז געווען אַן ערנסטער יידישער קולטור פאַרמעסט, וואָס קען אָנוואַ־רעמען פאַרפרוירענע יידישע הערצער.

*

פאַראַן אין מעקסיקע, פונקט ווי אין אַנדערע לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע, אַ גרויסער ספּאָרט־קלוב, וואָס דינט פאַר יידישער קולטור־טעטיקייט, פאַר פאַר־

שידענע ספּאָרט־שפּילן און אונטערנעמונגען פֿון יונגע און עלטערע. ס׳איז אַ פּלאַץ וואָס ייִדן זעען אין אים, מיט רעכט, אַ מיטל צונויפֿצוברענגען צוזאַמען דעם ייִדישן יונגען דור און דערמיט פֿאַרקלענערן דעם אַסימילאַטאָרישן שטראָם. דאָ קומען אויך פֿאָר, בעיקר אין די זונטיק־טעג, אין גרויסע זאַלן וואָס נעמען אַריין פֿיל הונדערטער ייִדן, פֿאָרטראַגן, קאָנצערטן א. א. וו. דעם ייִדישן ספּאָרט־קלוב אין מעקסיקע געהערן נאָר איינגעשריבענע מיטגלידער און אַזעלכע זענען פֿאַראַן עטלעכע טויזנט. יעדער קומט אין אַ צייט ווען אים איז באַקוועם און צו אַ פֿאַרווײַלונג וואָס אים אינטערעסירט.

מײַנע פֿרײַנד אינזש. קלמן לאַנדאַו, דער דיכטער יעקב גלאַנץ און בנימין קאַוואַלסקי באַגלייטן מיך צום ייִדישן ספּאָרט־קלוב און זענען מיר מסביר די ראָל און דאָס פּלאַץ פֿון אַזאַ קלוב אין ייִדישן לעבן אין מעקסיקע. ס׳איז אָן ספֿק אַ פּאָזיטיווע אינסטיטוציע. דאָ קען מען אָנצינדן אַ ניצוץ פֿון ייִדישקייט, אויב מען זאָל ריכטיק אויסנוצן די ספּעציפֿישע באַדינגונגען.

כ׳מוז זאָגן, אַז ס׳איז פֿאַר מיר געווען אַן איבעראַשונג צו זען אַ געפּאַקטן זאַל פֿון 500 פּערזאָן וואָס זענען געקומען הערן אַ גרוס פֿון ישׂראל. אמת, דאָס זענען ס׳רוב ייִדן פֿון עלטערן דור, טיילווייז מיטליעריקע. אַלע פֿאַרשטייען זיי ייִדיש און ווילן גערן הערן אַ ייִדיש וואָרט. שוין פֿון אָנהייב אָן פֿילסטו אין דער אַטשמאָספֿער אַ ייִדישע וואַרעמקייט. אמת, כ׳האָב גערעדט אַ ביסל וועגן דער ישׂראל פּאָליטיק, וועגן דער איצטיקער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע זוכט אַ תּיקון — אָבער ס׳האָט זיך גאָר שנעל געשאַפֿן אַ פֿאַרבינדונג צווישן דעם רעדנער און דער געפּאַקטער מאַסע צוליבן ייִדיש אויסדרוק. ייִדיש איז נאָך אין מעקסיקע אַ פֿאַקטאָר וואָס פֿאַרבינדט ייִדן, דאָס איז אָן אָנזאָג פֿאַר דער גרופּע וואָס שאַצט אָפּ די אַרבעט פֿאַר ייִדישער קולטור און ס׳זענען פֿאַראַן באַדינגונגען צו פֿאַרפֿעסטיקן דאָ ייִדיש לעבן.

*

פֿון מײַן פֿריערדיקן באַזוך אין מעקסיקע דערמאָן איך זיך אין אַ נישט אָפֿיציעלן ייִדישן גאַנץ־אייגנאַרטיקן קולטור־צענטער. איך מיין דאָ דעם רעסטאָראַן אויף זשענעווע גאַס 70, געפֿירט פֿון לוסי און דיכטער יעקב גלאַנץ. דאָ איז נישט געווען נאָר אַ רעסטאָראַן, נאָר אַ פּלאַץ ווו מען האָט איינגעאָרדנט אויסשטעלונגען, ווו דיכטערס פֿלעגן זיך טרעפֿן, ווו מען פֿלעגט אָפּהאַלטן ליטעראַרישע דיסקוסיעס. גאַסטראָנאָמיע און קולטור, איינשליסנדיק ייִדישע קולטור האָבן דאָ שפּאַצירט צוזאַמען. אויף אַזאַ מין אינסטיטוציע האָב איך זיך בעת מײַנע באַזוכן אין פֿאַרשיידענע לענדער אין ערגעץ נישט אָנגעטראָפֿן.

דאָס מאָל איז פֿאַרשוווּנדן דער קולטור־רעסטאָראַן. מען האָט אים געשלאָסן און אויף זײַן פּלאַץ געפֿינט זיך אַ געשעפֿט. ווען יעקב גלאַנץ איז מיט מיר געפֿאָרן צו זיך אין דער וווינונג זענען מיר דורכגעפֿאָרן די גאַס זשענעווע

70 און ער האָט מיט גרויס נאָסטאַלגיע מיר אַ זאָג געטאָן: „זעסטו, דאָס איז געווען אַמאָל מיין רעסטאָראַן, מיין קולטור־ווינקל". איך האָב געקענט זען אין זיין בליק, אַז עס בינדן אים נאָך פיל פעדעם צום אייגנאַרטיקן קולטור־פּלאַץ. אָוודאי איז דאָס יידישע קולטור־לעבן אַ ביסל אָרעמער געוואָרן. מ'ווערט על־טער, נישטאָ קיין המשך, אַ שאָד — האָבן גערעדט אונדזערע ביידנס קעגנזייטיקע שטומע בליקן. ווען מיר זענען אַריין אין זיין וווינונג, האָבן דאָס אויג פאַרכאַפּט אומצאָליקע בילדער (געמאָלן פון גלאַנצן אַליין) אויף אַלע ווענט כמעט ביז דער סטעליע. דער דיכטער און מאָלער גלאַנץ האָט זיך פאַרזיכערט אַז ביי אים אין דער וווינונג זאָל זיין אַ המשך פון קולטורעלן קלימאַט פון זשענעווע 70. קיינער האָט נישט דערמאָנט די פאַרגלייכונג, אָבער מען האָט זי געקענט אָנ־טאַפּן.

מיט אַ היפּשער צאָל פאַרזאַמלטע פריינד האָט מען געהאַט אַן אינטימען יידישן־ציוניסטישן שמועס, בעסער געזאָגט, אַ „קאַזערין", וועלכער האָט באַלויכטן פאַרשיידינע אַספּעקטן פון יידישן מעקסיקע. אויפן ראַנד פון מיין באַמערקונג, אַז די הויפּט־פראַגע אין יישוב איז יידישער המשך און עליה קיין ישׂראל, האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע ווו דער עיקר פּונקט איז געווען דער פאַרנעפּלטער וועג פון יידישן המשך. די דרויסנדיקע רעשנדיקע סביבה שלינגט אונדז איין.

ווען זאָכן אַרן דיך, ווען דו האָסט אַ ביסל אַחריות, מוזסטו פילן, אַז אין מעקסיקע ווערן די געזעלשאַפטלעכע גלעקער צו קלינגען „טרעוואָגע" אַלץ מער פאַרטויבט.

אַמאָל זענען געווען שמשים וועלכע פלעגן רופן אין חצות צו עבודת הבורא. ווו איז היינט דער גרויסער שמש, וואָס זאָל רופן צו יידישער און ציוניסטישער עבודה?

*

אויפן צווייטן טאָג, אין די אָוונט שעהען, זענען מיר געפאָרן זיך טרעפן מיט דער יוגנט פון „איחוד הבונים". דער וועג איז געווען אַ לאַנגער, איבער שמאָלע שטיינערדיקע געסלעך. דאָס איז דער אַלטמאָדישער טייל פון שטאָט. דער „הבונים"־סניף געפינט זיך אין אַ הויף, וואָס צייכנט זיך נישט אויס מיט קיין ריינקייט און אָרדענונג. אָבער ווי נאָר דו טרעטסט אַריבער די שוועל און זעסט די יונגע און פּולסירנדיקע גרופּע, ענדערט זיך באַלד דער איינדרוק. די פאַר־שמירטע ווענט, מיט די קרומע בענקלעך און דער שאָקלענדיקער טיש פאַרמי־נערן כלל נישט דעם וווּנדערבאַרן איינדרוק פון דער גרופּע חלוצים אין מיטן מעקסיקע. עס פאַרבינדט זיך אַ דיסקוסיע מיט די יוגנטלעכע. פון יעדנס באַמער־קונג שפּרודלט אַנטשלאָסנקייט צו זען אין ציוניזם אַ פערזענלעכן חוב פאַר יעדן. ציוניזם איז דער טייטש — עליה. זיי דערציילן ווי אַזוי זיי גרייטן זיך עולה צו

זיין, בעטן מיך מען זאָל זיי העלפֿן אין דער דערציִערישער אַרבעט. אַ נאָוועמ־בער־ווינט רייסט זיך אַריין דורך די צעבראָכענע שויבן, אָבער דאָס שטערט נישט דער וואַרעמקייט וואָס הערשט אין זאַל. אָט די העכסטע ציוניסטישע זויבער־קייט איז אַ בולטע ליכט אין דער פֿאַרנעפּלטקייט אין ייִדישן און ציוניסטישן לעבן אין מעקסיקע.

ווען מיר פֿאַרלאָזן דעם פּלאַץ הילכט נאָך אָפּ אין אונדזער געמיט דער וויברירנדיקער רעש פֿון די יוגנטלעכע חלוצים, די טרייע זין און טעכטער פֿון דער ציוניסטישער מחנה. טראָץ אַלע באַשיידענע תּנאים פֿון זייער לאָקאַל, לייכט פֿון אים אַרויס אַ העל ליכט. כ׳פֿרעג מיך — אויף וויפֿל קען זייער ליכט פֿאַר־כאַפּן אַלץ מער ייִדישע יוגנטלעכע וואָס זאָלן גיין אין זייערע וועגן?

מען דאַרף שענקען מער אויפֿמערקזאַמקייט, מער זאָרג דעם וויטן ייִדישן ייִשוב אין מעקסיקע.

דעצעמבער 1977

70 יאָר נאָך דעם קעשענעווער פּאָגראָם

א

פּסח, תשל״ג וועט ווערן 70 יאָר זינט ס'איז פּאָרגעקומען דער טרויעריק באַקאַנטער קעשענעווער פּאָגראָם, וועלכער האָט דערשיטערט נישט בלויז דאָס רוסישע ייִדנטום, נאָר אויך די גאַנצע וועלט. די וועלט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון די אייגנצלהייטן פון דעם ברוטאַלן פּאָגראָם, אָרגאַניזירט און דערמוטיקט דורך אָפיציעלע רעגירונגס־פאַקטאָרן. די צעבושעוועטע מערדערס וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ראַבעווען און הרגענען ייִדן זענען צו פריער, אין משך פון אַ לענגערער צייט, געהעצט געוואָרן, אַז די ייִדן זענען שולדיק אין אַלעם שלעכטן אין רוסלאַנד. די מאַסן זענען גוט צוגעגרייט געוואָרן דורכצופירן דעם פּאָגראָם אין קעשענעוו, וועלכער איז פּאָרגעקומען אין די לעצטע טעג פון פּסח, 8—6 אַפּריל 1903.

זינט דאַן זענען פאַרביי 70 יאָר. שטעלט זיך די פראַגע צי דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויף דער טרויעריקער ראָלע פון קעשענעווער פּאָגראָם אין ייִדישן לעבן? זענען דאָך פאַר די פאַרגאַנגענע 70 יאָר, און בעיקר אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, פּאָרגעקומען אין ייִדישן לעבן אַזעלכע שוידערלעכע געשעענישן, אַז דער קעשענעווער פּאָגראָם זעט לגבי זיי אויס בלייך. קען טאַקע זיין, אַז אייניקע וועלן טראַכטן, אַז אָפּשטעלן זיך אויפן קאַפּיטל קעשענעוו איז אומנייטיק.

וויל איך ראשית כּל פּרווון מסביר זיין די מאָטיוון צוליב וועלכע איך האַלט, אַז מיר דאַרפן די טרויעריקע דאַטע פון מיט 70 יאָר צוריק יאָ אָפּמערקן און עס טאָן מיט אַ באַזונדערער כּוונה.

ב

ווער עס שטודירט די פילצאָליקע דאָקומענטן, דערקלערונגען, עדות־זאָגן פון די געליטענע, די עפנטלעכע מיינונג אין יענע טעג און חדשים, קומט צום אויספיר אַז דער פּאָגראָם האָט אַנטהאַלטן פיל עלעמענטן, וואָס האָבן געקענט דינען ווי אַן ערנסטע וואָרענונג וועגן גורל פון ייִדן אין די שפּעטערדיקע תקופות און בעיקר, אין דער תקופה פון דער נאַצי־אויסמאָרדונג פון מיליאָנען ייִדן. מוז מען היסטאָריש אָפּשאַצן דעם קעשענעווער פּאָגראָם ווי אַ דראָונג פאַרן קיום פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

מען דאַרף זיך נישט אויסבאַהאַלטן פון דער גרויזאַמער מסקנה, אַז קעשענעוו האָט אָנגעזאָגט טראַנסניסטריע און אוישוויץ. ווער ס'האָט נישט פאַרשטאַ־

נען די ערנסטקייט פון קעשענעווער פּאָגראָם האָט שפּעטער נישט געקענט פאַר־שטיין אויף וואָס עס זענען „פעיִק" די ווילדע נאַצישע חיות.

אין קעשענעווער פּאָגראָם האָט זיך צום ערשטן מאָל אַרויסגעוויזן, הגם אין אַ קלייגעם מאַסשטאַב, די אָרגאַניזירטקייט און פּלאַנירטקייט פון אַ מאַסן־שחיטה. נישט קיין סתּם צעווילדעוועטע כוליגאַנעס זענען באַפאַלן די ייִדן. די שטאָט איז פאַרטיילט געוואָרן אין אַ צאָל באַצירקן און קרייזן לויט די גאַסן, מען האָט איינגעלאַדן פון אויסער דער שטאָט כוליגאַנעס און רוצחים זיי זאָלן שטיין אין שפּיץ פון די אָנפאַלן. די רוסישע מאַכט האָט די אָנפאַלן כּמעט אָפן געמוטיקט. די פּאָליציי האָט זיך געפונען אויף די גאַסן און האָט רויִק צוגעקוקט ווי מ׳רויבט און מען הרגעט, האָט אָבער נישט אינטערווענירט. אייניקע פון די עדות האָבן דערציילט ווי זיי האָבן געגוּי געזען, אַז די פּאָליציי און די אַרמיי האָבן אָפּגע־היט, אַז די ייִדן זאָלן חלילה נישט שטערן די כוליגאַנעס דורכצופירן דעם פּאָגראָם. ס׳זענען געבראַכט געוואָרן בפירושע באַווייזן, אַז די צענטראַלע רעגי־רונגס־אָרגאַנען מיט דעם אינערן מיניסטער פּלעווע, ווי אויך די לאָקאַלע מאַכט האָבן דעם פּאָגראָם דירעקט דערמוטיקט.

יאָרן לאַנג האָט מען אין קעשענעוו, דורך אַ יודאָפאָבישער גרופּע, אין שפּיץ מיטן כוליגאַן קרושעוואַן, דעם רעדאַקטאָר פון דער אָרטיקער אַנטיסעמיטישער צייטונג „בעסאַראַביעץ", געהעצט קעגן די ייִדן, צוגעגרייט די מאַסן אַרויסצו־טרעטן קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג. ס׳איז קלאָר, אַז די אַלע העצעס וואָלטן נישט באַקומען אַזעלכע טרויעריקע רעזולטאַטן ווען נישט די רוסישע מאַכט וועלכע איז געשטאַנען הינטער די וואָס האָבן מיט דער ווילדער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע אָנגעפירט.

מען מוז אויך צוגעבן אַז גאָר קליין זענען געווען די אויסנאַמען צווישן דער אַרבעטער־באַפעלקערונג, די פויערים און די אַרבעטער, ווי אויך די יונגע אָנ־געשטעלטע האָבן נישט רעאַגירט אויף דער שחיטה וואָס איז איינגעאָרדנט גע־וואָרן איבער די אומשולדיקע ייִדן און דער רוב פון דער נישט־ייִדישער באַפעל־קערונג האָט זיך אין פּאָגראָם אַקטיוו באַטייליקט אָדער איז געבליבן פּאַסיוו. די גרויסע נישט ייִדישע מאַסע איז מיטגעריסן געוואָרן דורך אַ קליינער אַקטיווער מינדערהייט, וועלכע האָט געבושעוועט. דערפון דאַרף מען מאַכן היסטאָרישע אויספירן וואָס שייך דער לאַגע אין וועלכער ייִדן געפינען זיך בשעת כוליגאַ־נעס הייבן אָן צו בושעווען און די ריזיקע מאַסן בלייבן נייטראַל אָדער שטייען מן הצד. האָט זיך דען דאָס זעלביקע נישט איבערגעחזרט שפּעטער מיט צענדלי־קער יאָרן ווען ס׳זענען פּאָרגעקומען די גרויסע שחיטות אויף ייִדן, ווען די אָפיציעלע מאַכט האָט אָנגעפירט מיט דער העצע קעגן ייִדן, דורכגעפירט די רצי־חות איבער זיי און די גרויסע מאַסע איז געבליבן פּאַסיוו?

ג

דער קעשענעווער פּאָגראָם האָט שוין אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט אָנגעצייכנט די נאַציאָנאַלע לייזונג פאַר די ייִדישע יישובים אין מזרח־אייראָפּע. וואָלטן מיר דאָן געקענט לערנען טיפער און ערנסטער פון דעם וואָס איז געשען, וואָלטן מיר אפשר פאַרקלענערט דעם היקף פון דעם חורבן בימי היטלער. מיר וואָלטן שטאַרקער געווען אין מדינת ישראל, מיר וואָלטן געווען גיכער בכוח צו לייזן אונדזערע אָנגעווייטיקטע גלות־פּראָבלעמען.

דער קעשענעווער פּאָגראָם האָט געהאַט אַ טיפע השפעה אין אינערלעכן ייִדישן לעבן. ייִדן האָבן דערפילט אַז מ׳טאָר זיך נישט לאָזן אויסשעכטן, אַז מ׳מוז זיך קעגן די רוצחים פאַרטיידיקן. האָט זיך אומעטום גענומען פאַרשפּרייטן דער געדאַנק וועגן אַ זעלבסטשוץ און אין זייער אַ סך ערטער זענען זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציעס טאַקע אויפגעשטאַנען. אין דעם זין האָט דער קעשענעווער פּאָגראָם אויסגעפּילט אַ געוואַלדיקע היסטאָרישע ראָלע. ער האָט געצוווּנגען די ייִדישע אינטעליגענץ און אויך די ברייטערע מאַסן זיך טיפער צו פאַרטראַכטן איבערן אייגענעם גורל, שאַפן אַ זעלבסטשוץ און פאַר איינוועגס אויך אַוועקשטעלן די ציוניסטישע אידעע פון אַ טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע פון ייִדישן פאָלק אין ארץ ישׂראל, נישט ווי קיין אַבסטראַקטע טעאָריע, נאָר ווי אַ קאָנקרעטן וועג צו לייזן די ייִדישע פראַגע. ווער עס האָט געלייענט די ליטעראַטור, זכרונות און טאָגביכער פון יענער תקופה, אָנהייבנדיק מיט טעאָדאָר הערצל, קען באַנעמען ווי דערשיטערנדיק ס׳איז געווען דער איינפלוס פון קעשענעווער פּאָגראָם אויף די פירנדיקע קרייזן פון פאָלק כדי צו לייזן וואָס גיכער די ייִדן־פראַגע. דער פּלאַן פון אַ ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אוגאַנדע איז זיכער געווען אַ נישט ריכטיקער שריט פון די פירערס וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ צעטומלטקייט, ווייל אוגאַנדע האָט אַפילו אין יענע שרעקלעכע טעג נישט געקענט פאַרבייטן ארץ ישׂראל.

די ווירקלעכקייט האָט באַוויזן אַז ארץ ישׂראל קען נישט פאַרביטן ווערן. מען מוז אָבער אויך זאָגן, אַז די פאָלקסמאַסן האָבן זיך נישט קאָנצענטרירט אויף אַ מאַסיוון אופן אַרום ארץ ישׂראל. ס׳האָט לײדער געפעלט די סיסטעמאַטישע אָרגאַניזירונג, די עקשנות מצד די ברייטע שיכטן צו דער גרויסער נאַציאָנאַלער לייזונג. ערשט 40 יאָר שפּעטער, ווען מיר האָבן שוין געהאַט באַצאָלט מיט זעקס מיליאָן קרבנות און ווען דער מזרח־אייראָפּעיִשער יישוב איז שוין געלעגן אין חורבות, ערשט דאָן האָט דאָס ייִדישע פאָלק אָנגעהויבן אַנדערש אויפנעמען די ציוניסטישע לייזונג פאַר דער נאַציאָנאַלער ייִדישער פראַגע.

וואָלטן מיר אין יאָר 1903 אַנדערש געזען און אָפּגעשאַצט די וואָרענונג וואָס האָט זיך געלאָזט הערן דורך דעם קעשענעווער פּאָגראָם, וואָלטן מיר אַנדערש אויסגעזען אין 1940 און מסתם אויך גאָר אַנדערש אין יאָר 1948.

דער קעשענעווער פּאָגראָם איז נישט געווען קיין זייטיקער צופעליקער עפּי־זאָד, ער איז געווען אַן אָנזאָג פֿון גרויסער היסטאָרישער באַדייטונג. נאָר מיר זענען נאַציאָנאַל געווען טויב און בלינד און נישט פֿאַרשטאַנען דעם באַדייט פֿון אָט דער דראָונג וואָס האָט זיך געהערט פֿון קעשענעוו.

ד

זאָל דאָ אויך געזאָגט ווערן ווי וויכטיק עס איז אַז די היסטאָרישע מאַטעריאַלן וועגן דעם פּאָגראָם זאָלן נענטער אויסגעפאָרשט ווערן.

אין דעם פּרט האָט דער בעסאַראַבער וועלט־פֿאַרבאַנד אין ישׂראל שוין צו־געטראָגן אַ באַשיידענעם בייטראָג דערמיט וואָס ער האָט אין יאָר 1963 אַרויס־געגעבן אַ זאַמלבוך מיט אַ סך מאַטעריאַלן און דאָקומענטן וועגן דעם קעשענע־ווער פּאָגראָם. אין 1973 וועט ער צוזאַמען מיט דעם בית־ביאַליק אין תּל־אָביב פֿאַרעפֿנטלעכן די גביית עדותן וועלכע ח. נ. ביאַליק האָט צונויפֿגעזאַמלט. ביאַליק האָט אין אַפּריל 1903 באַזוכט קעשענעוו און איז אַליין געגאַנגען פֿון מענטש צו מענטש אויסצוהערן פֿון יעדן וואָס דאָס איז געשען אין יענע שווידערלעכע טעג. ער האָט געבראַכט פֿון דאָרטן אַ וויכטיקן מאַטעריאַל פֿון היסטאָרישן ווערט, וואָס פֿון אים קען מען פֿאַרשטיין אַ סך אַספּעקטן פֿון דעם וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער צייט פֿון פּאָגראָם. פֿון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל איז אַ קליינער טייל גע־דרוקט געוואָרן, אָבער דער גרעסטער טייל איז 70 יאָר געלעגן אַ נישט פֿאַר־עפֿנטלעכטער. איצט צום 70סטן טרויער־טאָג פֿון קעשענעווער פּאָגראָם וועלן די אַלע מאַטעריאַלן וואָס ביאַליק האָט געבראַכט פֿון קעשענעוו דערשיינען, אַ דאַנק דעם בית־ביאַליק און דעם בעסאַראַבער וועלט־פֿאַרבאַנד אין תּל־אָביב.

ה

ווי שוין געזאָגט, האָט דער קעשענעווער פּאָגראָם דערשיטערט די יִדישע אינטעליגענץ, שרייבערס און אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָבן בשום אופֿן נישט געקענט משלים זיין מיטן בלויזן באַוויינען די קרבנות און מיטן בעטן רחמים. זייער רעאַגירונג אויפֿן פּאָגראָם איז געווען דאָס שאַפֿן אַ פּערמאַנענטע זעלבסט־שוץ אין די ייִדישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע. ס'איז באַקאַנט אַז אַ גרופּע העברעיִשע שרייבערס (אחד העם, ש. דובנאָוו, בן־עמי, י. ח. ראַווניצקי און ח. נ. ביאַליק) האָבן זיך באַראַטן אין דער שטיל און באַשלאָסן זיך צו ווענדן מיט אַן אויפֿרוף צו אַלע אָנפֿירנדיקע קרייזן פֿון די קהילות אין די גרויסע שטעט זיי זאָלן אָרגאַניזירן אַ פּערמאַנענטע זעלבסטשוץ. דאָס רעדאַגירן דעם טעקסט פֿון דעם אויפֿרוף איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויף אחד העמען, וועלכער האָט אים גע־שריבן מיט דער איבערצייגונג, אַז מען קען איבער דעם פּאָגראָם נישט אַריבער־גיין צום סדר־היום, נאָר מען מוז ציִען די נייטיקע קאָנסעקווענצן פֿון דעם וואָס

איז געשען און וואָס אַזוינס האָט נישט פּאַסירט זינט די צייטן פון כמיעלניצקין און פון גאָנטע.

25 יאָר נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם האָט דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו אויספירלעך געשריבן וועגן די באַראַטונגען פון די דערמאָנטע שרייבערס, וואָס זייער ציל איז געווען צו ברענגען צו קאָנקרעטע שריט פון שאַפן אַ זעלבסטשוץ, היות ווי פּלעווע האָט פאַרפאָלגט די אַלע וואָס האָבן געוואָלט שאַפן אַ ייִדישע זעלבסטשוץ, האָט די גרופּע שרייבערס באַשטימט אַז דער אויפרוף זאָל נישט זיין אונטערגעשריבן מיט זייערע נעמען, נאָר פון „אגודת סופרים עבריים״. דער דאָזיקער אויפרוף איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין הונדערטער עקזעמפּלאַרן און צעשיקט געוואָרן צו די פאַרטרויונגס־מענטשן אין די ייִדישע קהילות. דער אויפרוף פון די שרייבערס האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן איינפּולס און האָט געבראַכט צו ממשותדיקע און קאָנקרעטע רעזולטאַטן. עס האָבן אָנגעהויבן צו אַנטשטיין קרייזן פון זעלבסטשוץ. דער שוידערלעכער איינדרוק פון קעשענעווער פּאָגראָם האָט אויסגעפּלאַסטערט אין דער ייִדישער עפנטלעכער מיינונג אַ קלאָרע און בולטע שטעלונג צו פאַרוואַנדלען דעם זעלבסטשוץ אין אַ באַשטאַנדטייל פון די באַציִונגען צו לייזן די דרינגענדיקע נאַציאָנאַלע פּראָגע.

די טעג איז דערשינען אין ישׂראל דער דריטער באַנד פון דער געשיכטע פון דער „הגנה״ אונטער דער רעדאַקציע פון יהודה סלוצקי. נישט צופעליק פאַרצייכנט דער מחבר, אַז ווער עס זוכט די מקורות און די אינספּיראַציע פון דער „הגנה״ קען ער זיי געפינען אויך אין דער תּקופה פון קעשענעווער פּאָגראָם. די „הגנה״ איז אייגנטלעך אַ פּראָדוקט פון אַלע רדיפות און שחיטות אין גלות און אויך פון דער ספּעציפישער לאַגע אין ישׂראל. דער קעשענעווער פּאָגראָם האָט אין דעם פּרט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע.

ס׳איז געקומען די צייט אַז דער קעשענעווער פּאָגראָם, וועלכער הייבט אָן אַ בלוטיק קאַפּיטל אין היינטיקן יאָרהונדערט פון ייִדישן לעבן, זאָל סיסטעמאַטישער און גרינטלעכער אויסגעפאָרשט ווערן און אַז זיין השפּעה אויף פאַרשיידענע געביטן פון ייִדישן לעבן זאָל מער אָפּגעשאַצט ווערן.

נאָוועמבער 1972

ג.

אויפן ציוניסטישן פראַנט

— צענטראַלקייט פון ישׂראל — אַ נאַציאָנאַלע נויטווענדי־קייט
— אונדזער ענטפער
— שווער צו זיין אַ ציוניסט
— ציוניזם, מדינת ישראל און די אַראַבישע מינדערהייט
— באַציִונג פון דער ישׂראל־באַפעלקערונג צום יידישן פאָלק און צום ציוניזם
— ציוניסטן אָן ציוניזם
— סימפּאַטיע פאַר מדינת ישׂראל קען נישט פאַרבייטן דעם ציוניזם
— צי דאַרף מען אַ ציוניסטישע באַוועגונג אין ישׂראל ?
— עליה — דער גרויסער חשבון־הנפש פון אונדזער תקופה
— זוכן פאַרשטענדיקונג מיט פאַלעסטינער איז נישט קיין סתירה צום ציוניזם
— 30 יאָר מדינת ישׂראל

צענטראַלקייט פון ישׂראל — אַ נאַציאָנאַלע נויטווענדיקייט

די וואָס פרעגן אָפּ די צענטראַלקייט פון ישׂראל

לעצטנס באַמערקן מיר אַ מאָדנע דערשיינונג: צוזאַמען מיט דער אויפוואַקסונג פון ייִדן אין די גלות־לענדער — כּדי צו געבן מער מאַטעריעלע הילף פאַר ישׂראל, ווי אויך זי שטיצן אין איר פּאָליטישן געראַנגל — לאָזן זיך אויך הערן, צווישן פאַרשיידענע קרייזן, שווערע ספֿיקות וועגן אַ טייל פון די ציוניסטישע יסודות. אין דער ערשטער ריי זענען זיי געווענדט קעגן דעם פּרינציפּ פון ישׂראלס צענטראַלקייט אינעם לעבן פונעם גאַנצן פאָלק. מיר ווערן באַזונדערס פאַרזאָרגט פונעם פאַקט, וואָס צווישן די אָפּפרעגערס געפינען זיך אויך מנהיגים און דענקערס וועלכע האָבן ליב ישׂראל. אַזעלכע קרייזן זענען קעגן ישׂראלס צענטראַלקייט אין ייִדישן לעבן, ווייל זי שטעלט — לויט זיי — דעם גלות אויף אַ נידעריקן שטאַפּל און דאָס דריקט אַראָפּ זיין געשטאַלט. זיי ווילן בכן שאַפן זעלבסטשטענדיקע ראַמען פאַר די קהילות אין גלות, אָן שום אָפּהענגיקייט פון ישׂראל. אַזאַ צוגאַנג טראָגט אין זיך אַ סך סכּנות. ער קומט אָבער צום אויסדרוק סיי אין אינטימע שמועסן, סיי אין רעדעס אויף אַלערליי צוזאַמענפאָרן; ווי אויך אין אַרטיקלען. אַט דער פאַקט באַווייזט אונדז, אַז מיר שטייען דאָ נישט פאַר קיין אויסנעמלעכער דערשיינונג, נאָר פאַר אַן ערנסטן אָנגריף אויפן ציוניסטישן באַנעם. זיכער ווערט דאָס געטאָן דורך באַרויִקונג־פּילן; אָבער דאָס באַנוצן זיך מיט געזעלשאַפטלעכן „כלאָראָפאָרם" פאַרקלענערט נישט די סכּנה, נאָר פאַרגרעסערט זי גאָר.

כּדי צו אילוסטרירן די שטימען, וואָס הערן זיך לעצטנס אויך פון ייִדישע מנהיגים און דענקערס אין גלות, וועל איך דאָ ברענגען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן. נישט לאַנג צוריק איז דערשינען אינעם „דזשואיש פראָנטיר" (ניו־יאָרק) אַן אויספירלעך אַרטיקל מיטן נאָמען „ישׂראל און דער גלות". דער מחבר איז ראַביי דוד פּוליש, פון די רעפאָרם־פירערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער מחבר דריקט דאָרט אויס אַ קאַטעגאָרישע קעגנערשאַפט צום געדאַנק פון ישׂראלס צענטראַלקייט. ער האַלט — טראָץ זיין פּאָזיטיווער באַציִונג צו ישׂראל — אַז אַט דער געדאַנק ווירקט זיך אויס נעגאַטיוו אויף דער צוקונפט פון דער ייִדישער קהילה אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער מיינט, אַז דאָס וועט דערפירן צו דער אָפּשוואַכונג פון ייִדישן לעבן אין גלות. צווישן אַנדערן, שטרייכט ער אונטער: „די צענטראַלקייט פון ישׂראל איז, אין ערגסטן פאַל, אַ הערשערישער

רעזשים; און אין בעסטן פאַל, אַ פּאַטראָנאַלער רעזשים. ווייל צענטראַלקייט דערלאָזט נישט קיין אַנדערשקייט און קיין קעגנערישע מיינונג. דאָס פאַר־עקשענען זיך אויף ישׂראלס צענטראַלקייט רופט אַרויס פּאַרדרוס; און אין לעצטן אויספיר איז עס דעסטרוקטיוו. ווען מען באַטראַכט נישט ישׂראל בלויז ווי אַ ווערט פאַר זיך אַליין, נאָר ווי דער עיקר־ווערט אין אונדזער לעבן און נאָך מער: ווי אַ פאַרבייט פאַר אַנדערע ווערטן — שטעלט מען אַוועק דאָס גלות־לעבן, באַוווסטזיניק, אין אַ מצב פון נישטיקייט פון מאָראַלישן און גייסטיקן שטאַנד־פּונקט: דאָס מיינט: מיר האָבן נישט קיין צוקונפט אַן דעם וואָס ווערט גערופן ישׂראל".

אַ ביסל אַנדערש איז געווען דער טאָן פון פּראָפעסאָר ראָבער מזרפי אין פּאַריז, וואָס אויך ער באַטראַכט זיך ווי אַ שטיצער פון ישׂראל. אָבער ער האַלט נישט בלויז פון אַ יידישן לעבנס־קיום אין גלות — וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט מדינת ישׂראל — נאָר ער טענהט אויך, אַז מען דאַרף פאַרקלענערן די וואָג פון עליה קיין ישׂראל. צום סוף זאָגט ער בפירוש, אַז ער זעט נישט קיין העכער־קייט אין ישׂראל.

מיט אַ צייט צוריק איז פאָרגעקומען אַ סימפּאָזיום אין ניו־יאָרק, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט אַ צאָל וויכטיקע אינטעלעקטואַלן. די טעמע איז געווען „די באַציִונגען צווישן יידן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ישׂראל". דאָרט איז שטאַרק אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז מען דאַרף נישט באַטראַכטן די פאַרווירקלעכונג און עליה ווי זאַכן וועלכע דאַרפן דערמוטיקט ווערן מיטן ציל ענגער צו מאַכן די פאַרבינדונגען צווישן ישׂראל און דעם גלות. אין יענעם סימ־פּאָזיום זענען אויך פאָרגעלייגט געוואָרן אַ צאָל פּראַקטישע פאָרשלאָגן: צווישן זיי: דאָס שליסן די אַמטן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דערמוטיקן עליה קיין ישׂראל. ווי דעם הויכפּונקט פון אַזאַ געדאַנקען־גאַנג באַטראַכט איך דאָס אויפשטעלן אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „ברירה"; און איר ציל איז אויסצופלאָסטערן אַ נייעם וועג, בכדי צו באַפרייען זיך פון דער אָפּהענגיקייט אין ישׂראל און קאָנצענ־טרירן די הויפּט־אָנשטרענגונגען אויפן אָרטיקן קהילה־לעבן.

ווען מען נעמט צונויף אַזעלכע „פּערל" אויף איין שנור, שאַפט זיך אַ בילד וואָס ווייזט אַ דערנענטערונג צו אַ רעוויזיע וועלכע דאַרף צעטרייסלען אַ צאָל יסודות פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און די באַציִונגען צווישן גלות און מדינה. אָבער אָט די דערשיינונג איז נישט בלויז דער „מאָנאָפּאָל" פון יידן אין גלות. די וואַקלענישן און רעזערוואַציעס אויף דעם געביט לאָזן זיך אויך מערקן אין ישׂראל. טייל מאָל ווערט מען דערשטוינט ביים לייענען מיינונגען וועגן דעם וועזן פונעם ציוניזם און זיין וועג. זיי גיסן וואַסער אויף די מילשטיינער פון די קעגנערס פון דער ציוניסטישער וויזיע. מיר וועלן זינדיקן צום אמת און צו דער ציוניסטישער צוקונפט, אויב מיר וועלן פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז

אויך אין מדינת ישׂראל האָבן אָנגעהויבן וואַקסן ווילדע גראָזן אויפן ציוניסטישן פעלד; און זיי קענען דערשטיקן די פּרוכט.

שטעלט זיך בכן די פראַגע: אין אָנבליק פון אַזאַ מצב אין גלות און די נעגאַטיווע דערשיינונגען אין ישׂראל, פאַר וואָס שוויגט די ציוניסטישע מחנה? צי האָבן מיר שוין טאַקע שלום געמאַכט מיט אַזאַ פּראָצעס? צוליבן פּראַגמאַטיזם וואָס הערשט אין אונדזער מחנה — און דער פּריאָריטעט, וואָס מיר גיבן דער מאַטעריעלער הילף פון די ייִדן אין די תּפוצות — לאָזן מיר אויף הפקר דאָס שוואַרצאַפּל פון אונדזער באַוועגונג; און אויף אַ ווייטער מעטע קען דאָס צעטרייסלען די יסודות פונעם גאַנצן בנין.

דער היסטאָרישער גערעַנגל צווישן פאַרשיידענע באַנעמען

די לאַגע פאָדערט אַ גרינטלעכע אויפקלערונג. דער ציוניזם האָט פאַר זיך באַשטימט אַ נאַציאָנאַלן ציל, וואָס ווערט פאַרצווייגט אויף פאָלגנדיקן שטייגער: א) לייזן די ייִדן־פראַגע דורך טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע אין ארץ ישׂראל; ב) אויפהיטן די אייניקייט פון פאָלק; ג) שטאַרקן ייִדישקייט אויף יעדן אָרט, ווו עס לעבן ייִדן. דאָס אומקערן זיך אין פאָטערלאַנד איז באַזירט אויף די רעכט פונעם ייִדישן פאָלק אויף ארץ ישׂראל. אָט די רעכט זענען פאַרוואָרצלט אינעם בונד צווישן ייִדישן גלות־פאָלק און ארץ ישׂראל במשך פון אַ סך דורות; אייגנטלעך זינט דעם גלות־בבל. דער ייִדישער אומקער קיין ארץ ישׂראל איז אַ ר ע כ ט ־ ל ע כ ע ר און נישט קיין חסד, וואָס ווערט אונדז געטאָן דערמיט. אָבער דאָס שליסט נישט אויס קיין אויסגלייך פון קאָ־עקזיסטענץ מיט די אַראַבישע שכנים. ס'איז פאַראַן היסטאָרישע טראַגיק דערין, וואָס דאָס פאַרווירקלעכן די ייִדישע רעכט האָט אַרויסגערופן אַראַבישן ווידערשטאַנד און גרענעצלאָזע שינאה. אָט די שינאה האָט געווירקט אויף געוויסע ייִדן, אַז זיי זאָלן פאַרלייקענען דעם עיקר. הייַנט, אין יאָר 27 פון ישׂראלס קיום, פרעגן זיי אויב מיר האָבן טאַקע אַ רעכט דאָ צו לעבן. שוין די בלויזע מעגלעכקייט אָוועקצושטעלן אַזאַ שאלה מצד ייִדן באַווייזט, ווי שטאַרק מיר נייטיקן זיך אין טיפערער אויפקלערונג — כּדי צו באַווייזן די ייִדישע רעכט אויף אַ זעלבסטשטענדיק פאָטערלאַנד.

ווי געזאָגט, איז דאָס גרינדן די מדינה געווען דער צענטראַלער ציל פונעם ציוניזם. אָבער דערמיט איז נישט אויסגעשעפּט געוואָרן זיין גאַנצע אידעע. דער ציוניזם האָט אויך געשטרעבט צו דעם צוגאָב־ציל פון אַ פאָלקס־אייניקייט און גאַנצקייט. דאָס מיינט: זאָרגן פאַרן גורל פון ייִדן, וועלכע פאַרבלייבן אין גלות אויך נאָכן שאַפן די מדינה — ווייל מ'קען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועט די ייִדישע מדינה קאָנצענטרירן אין זיך דאָס גאַנצע פאָלק, אָדער לכל־הפּחות די מערהייט. ביים נאָכפאָלגן די אַנטוויקלונג פונעם ציוניזם — זינט די אַכציקער יאָרן פונעם פריערדיקן יאָרהונדערט ביז הייַנט —

זעט מען געוויסע וואַקלענישן וואָס שייך שטעלן דעם טראָפּ אויף טעריטאָריע־לער קאָנצענטראַציע פון איין זייט און די זאָרג פאַרן פאָלקס גאַנצקייט פון דער צווייטער זייט. זינט אירע ערשטע יאָרן האָט די ציוניסטישע באַוועגונג געשוועבט צווישן צוויי באַנעמען, וואָס שייך דער ייִדישער צוקונפט אין די תּפוצות. פון איין זייט איז געשטאַנען דער קאַטאַסטראָפאַלער באַנעם, וואָס האָט געהאַט זיין וויגל אין מזרח־אייראָפּע; און פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען דער מער מעסיקער באַנעם, וואָס איז רעפּרעזענטירט געוואָרן דורך דער מערהייט מערב־דיקע ציוניסטן. לויטן מזרח־אייראָפּעיִשן באַנעם, האָט די ייִדישע קיבוצים אין גלות דערוואַרט אַ חורבן. דערפאַר דאַרף דער ציוניזם זיך באַמיִען לטובת זייער באַלדיקער רעטונג. אַנטקעגן דעם האָט דער מערבדיקער באַנעם געזען דעם ציוניסטישן ציל אינעם גרינדן אַ ייִדישע מדינה; אָבער ער האָט דאָס נישט פאַר־בונדן מיט באַלדיקער פאַרווירקלעכונג דורך מאַסן־עליה.

משה־לייב ליליענבלום און לעאָן פּינסקער זענען געווען די טיפּישע פאַר־שטייערס פונעם קאַטאַסטראָפאַלן באַנעם. בכל־אופן האָבן זיי געזען אין ציוניזם אַ וועג פאַרן באַלדיקן ראַטעווען די ייִדן פון מזרח־אייראָפּע, וואָס פאַר זיי באַשטייט די באַלדיקע סכּנה פון חורבן. די קלאַסישע בראָשור פון פּינסקערן, מיטן נאָמען „אויטאָעמאַנציפּאַציע", איז אָנגעזאָפּט מיט פּחד און ייִאוש, וואָס שייך דעם גורל פון מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן. דער אַנטיסעמיטיזם, די אומאויפהער־לעכע רדיפות און דער מאַנגל פון זיכערקייט ביי ייִדן פון יעדן אָרט שטעלן מיט זיך פאָר דעם הויפּט־טריב אויך אינעם ציוניסטישן וועלט־באַנעם פון ד״ר ט. הערצל — הגם מען שטעלט זיך נישט פאָר, אַז בעת זיין שרייבן דעם "יודענ־שטאַט" האָט ער שוין געקענט די שאַפונג פון לעאָן פּינסקער. ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז די טעאָרעטיקער פונעם קאַטאַסטראָפע־ציוניזם האָבן געהערט צו די עקסטרעמע גלות־פאַרניינערס. דאָך האָבן אויך זיי נישט איגנאָרירט די באַ־דערפעניש צו אַרבעטן פאַר די ייִדישע קיבוצים אין די תּפוצות. אויף דער קאָנ־פערענץ פון רוסישע ציוניסטן, אין 1906, וועלכע איז פאָרגעקומען אין העלסינג־פאָרס (העלסינקי, פינלאַנד) איז בולט געקומען צום אויסדרוק אָט דער דואַליס־טישער צוגאַנג, גלייכצייטיק מיטן פאַרהאַנדלען וועגן דער אַרבעט און עליה, איז געווידמעט געוואָרן אַ סך צייט די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטי־קייטן צווישן די ייִדישע מאַסן אין רוסלאַנד. ס׳איז אויך אָנגעצייכנט געוואָרן אַ געניויער פּלאַן, וועלכער איז באַקאַנט מיטן נאָמען „קעגנוואַרטס־אַרבעט". אָט דער „העלסינגפאָרסער פּראָגראַם" האָט דאַן באַקומען ספּעציעלע חשיבות, ווייל ער איז אָנגענומען געוואָרן אין מיטן די רדיפות קעגן רוסישע ייִדן, ווי אַ פּועל־יוצא פון דער אונטערדריקטער רעוואָלוציע אין 1905. מיטן אָננעמען אַזאַ פּראָג־ראַם איז אַזוי ווי אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז דער ציוניזם לאָזט נישט אויף הפקר די ייִדישע מאַסן אין גלות, הגם זיין צענטראַלער ציל איז די טעטיקייט אין ארץ ישׂראל. דערמיט איז געקומען צום אויסדרוק אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן די

פיל־ציליקייט פונעם ציוניזם אויף צוויי שטחים: בויען דאָס לאַנד און זאָרגן פאַרן פאָלקס־קיום אין גלות.

דער דעמאָלטיקער „בונד" — וועלכער האָט דערגרייכט דעם הויכפּונקט פון דערפאָלג אין מזרח־אייראָפּע — האָט שאַרף באַקעמפט דעם ציוניסטישן באַנעם. ער האָט געהאַלטן, אַז די ייִדן־פראַגע וועט געלייזט ווערן דורך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין יעדן לאַנד באַזונדער. ער האָט אויך אָפּגעפרעגט דעם פּרינציפּ פון ייִדישער פאָלקס־אייניקייט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר איין נאַציאָנאַלע גאַנצקייט טראָץ דער צעשפּרייטקייט. די ציוניסטן האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דעם בונדיסטישן באַנעם און געזען אין אים אַ וועג פון אויפלייזן דאָס ייִדישע פאָלק. די געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט טאַקע באַוויזן — אויף אַ דראַסטישן און אייַנדרייטיקן אופן — די גערעכטיקייט פונעם ציוניסטישן באַנעם און אָפּגעפרעגט די בונדישע טעאָריע.

אָבער נישט בלויז דער „בונד" אַליין האָט בשעתו געקעמפט קעגן דעם ציוניסטיש־נאַציאָנאַלן באַנעם. אינעם ערשטן דריטל פון הייַנטיקן יאָרהונדערט — אייגנטלעך ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה — זענען געווען אַ צאָל דענקער און גרופּעס אינעם ייִדישן מזרח־אייראָפּע, וועלכע האָבן נעגירט דעם ציוניזם ווי די הויפּט־לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע. זיי זענען געווען קעגן קאָנצענטרירן די מערהייט פון פאָלק — אָדער בלויז אַ גרויסן טייל — אין ארץ ישראל. דער וויכטיקסטער פון זיי איז, בלי ספק, געווען דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. ער האָט באַטראַכט דאָס ייִדישע פאָלק ווי אַ גייסטיקע אייַנהייט — אַ פּראָגרעסיווער עטאַפּ אין נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג — וועלכע נייטיקט זיך נישט מער אין קיין טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע. דובנאָוו האָט געזען די אַנטוויקלונג פונעם ייִדישן פאָלק אין אויטאָנאָמע קהילות, וועלכע זאָלן אויפהיטן די גייסטיקע שאַפונגען פונעם פאָלק. סיי ער און סיי חיים זשיטלאָווסקי — אין אַ געוויסער מאָס — האָבן געשאַפן די קאָנצעפּציע פון גלותדיקער נאַציאָנאַלקייט, ווי אַ קעגנזאַץ צום ציוניסטישן באַנעם. אַ צוריקבליק אויפן גרונטגל פאַרן פאַרזיכערן די גלות־נאַציאָנאַלקייט — און די אויטאָנאָמיע פון ייִדישע קהילות, ווי די פאַרקערפּערונג פונעם „דובנאָוויזם" — באַווייזט אָן שום ספק: אָט די טעאָריע האָט נישט ווינציקער באַנקראָטירט ווי די בונדיסטישע. דאָס דאַרף דינען ווי אַ לעקציע פאַר די, וועלכע זוכן אויך הייַנט אַבסאָלוטע אויטאָנאָמיע פאַר די קהילות אין גלות — קעגן דער צענטראַלקייט פון ישׂראל אינעם ייִדישן לעבן פון אומעטום.

די ייִדישע ווירקלעכקייט אין דער גאָרער וועלט האָט באַוויזן, אַז „בונד" און „דובנאָוויזם" זענען נישט בלויז אַדורכגעפאַלן אין מזרח־אייראָפּע, נאָר אויך אין די מערבֿ־לענדער האָבן זיי נישט אָנגעטראָפן אויף קיין פּראַקטיקן באַדן; און אַלע זייערע פּרוּוון זיך דאָרט אייַנצוואָרצלען זענען געווען אומזיסט. אין אָנבליק דערפון מוזן וווּנדערן די נייע דערשייַנונגען אין די ייִדישע קיבוצים אין מערבֿ, פון אויפלעבן אין אַ נייַער אויפלאַגע אָט די דורכגעפאַלענע טעאָריעס. משמעות,

אַז מיר לערנען נישט פון היסטאָרישער דערפאַרונג און אינעם לעצטן דריטל פון אונדזער יאָרהונדערט זענען פאַראַן ייִדישע פאַקטאָרן, וועלכע ווילן איבערחזרן דעם היסטאָרישן פעלער איבער וועלכן די ייִדישע געשיכטע האָט שוין אַרויס־געטראָגן איר אורטייל.

דער ציוניסטישער געדאַנק — און דער אופן פון רעאַליזירן זײַנע פּרינציפּן — האָט אַלע מאָל זיך אָנגעטראָפן אויף עקסטרעמע אָפּנייגן, וועלכע מ׳דאַרף נישט גרינגשעצן. אַ כאַראַקטעריסטישער בײַשפּיל איז דער ציוניסטישער פּרינציפּ פון רעאַליזאַציע־חוב און דאָס גלייכצייטיקע נעגירן דעם גלות. אויפן ערשטן אויגנבליק זעט דאָס אויס ווי צוויי זייטן פון דער זעלביקער מטבע. אָבער ס׳איז נישט אַזוי; ווייל עליה און פאַרווירקלעכונג — וואָס באַקומען די בכורה — זענען נישט פאַרבונדן מיט דער אַבסאָלוטער פאַרנייגונג פונעם גלות, ווי דאָס האָט גע־האַלטן דער שאַרפער דענקער ד״ר יעקב קלאַצקין. ער האָט געבויט זיין ציוניזם אויף דער קאָנצעפּציע, אַז אין גלות האָט די אמונה פאַרגעשטעלט מיט זיך די נאַציאָנאַלע ראַם פונעם פאָלקס־קיום. זי איז געווען די טעריטאָריע פונעם ייִדישן גלות־פאָלק; און ווײַבאַלד זי איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך דער עמאַנציפּאַציע, זענען לויז געוואָרן די ראַם־טיילן וועלכע זי האָט פאַרקערפּערט. די ייִדישע קהילה איז בכן געבליבן אָפּן פאַר די ווינטן פון אויפלייזונג און אַסימילאַציע, וועלכע וועלן צום סוף לגמרי צעטרייסלען די פונדאַמענטן פון ייִדישן קיום. אויב ס׳וועט באַצייטנס נישט געשאַפן ווערן קיין נייע ראַם — די ייִדישע מדינה — וועלכע זאָל אַרייננעמען אין זיך די אַלע, וועלכע ווילן פאַרבלייבן ייִדן. דער קאָנטראַסט צווישן אַ ייִדישער מדינה און דעם גלות האָט ביי קלאַצקינען אָנגענומען אַן עקס־טרעמע פאָרעם. דערפאַר האָט ער געהאַלטן פאַר דער מדינהס רעכט אויסצונוצן ביז מאַקסימום דעם גלות פאַרן אויפבוי פון פאָלק און פאָטערלאַנד; און צום סוף זאָל זי אַפילו רעזיגנירן פון יענע ייִדן וועלכע זענען נישט גרייט צו עליה, ווייל זיי וועלן זיך צום סוף סיי ווי אויסמישן מיט די אַנדערע פעלקער. אָט די עקסטרעמע טעאָריע איז אַוודאי נישט צוגעפּאַסט צו דער היינטיק־ייִדישער ווירק־לעכקייט, ווען מדינת ישראל און די תפוצות דאַרפן זיך באַטראַכטן ווי אינטעג־ראַלע טיילן פון איין פאָלק, וואָס זענען שותפים צו אַ טאָפּלטן ציל: באַפעסטיקן און שטאַרקן סיי די מדינה און סיי דעם גלות פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט.

כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט לענגער אויף קלאַצקינס טעאָריע, בכדי צו אילוס־טרירן ווי ווייט עקסטרעמקייט קען אָפּנייגן פון דער קלאַסיש־ציוניסטישער אידעע. די נעגאַציע פון גלות ביים היינטיקן טאָג מיינט: אָפּגעריסן ווערן פון דער מער־הייט ייִדן אין די מערבדיקע ווילשטאַנד־לענדער. די ציוניסטישע אויפוואַכונג אין סאָוויעטן־לאַנד און דער מצב ביי די געבליבענע רעשטלעך אין די אַראַבישע לענדער איז נישט צום פאַרגלייכן מיטן מערב. דער סך הכל איז, אַז ביידע עקס־טרעמען — דער „דובנאָוויזם״ און קלאַצקינס באַנעם, אַפילו אין אַ נייער וואַריאַ־ציע — זענען נישט צוגעפּאַסט צו אונדזער צייט; און נישט זיי קענען פאַרלייגן

אַ תּוכיקע לייזונג פאַרן יידישן פּראָבלעם. זייער דורכפאַל קען בלויז דינען ווי אַ לעקציע פאַר די נייע פּרוּוון וואָס פאָדערן אַבסאָלוטע קהילה־אויטאָנאָמיע מיט אַ צוגאָב פון סימפּאַטיע און מאַטעריעלער הילף פאַר ישׂראל. די אַבסאָלוטע אויטאָנאָמיע איז אַ פאַלשע פאָרשטעלונג און זי וועט נישט לייזן די שווערע פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס ראַנגלען זיך די תּפוצה־קהילות. ריכטיק איז דאָס פאַרקערטע: אַזעלכע פּרוּוון קענען בלויז שטאַרקן די אַסימילאַציע־פּראָצעסן צווישן אַלץ גרעסערע טיילן פון יידנטום און צום סוף וועלן זיי לגמרי אָפּגעריסן ווערן פונעם נאַציאָנאַלן גוף.

מיר שטייען איצט ווידער פאַר דער פראַגע, צי מיר קענען זיך פאַרמעסטן מיט די נעגאַטיווע רעזולטאַטן — פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט — פון דער עמאַנציפּאַציע און די בירגערלעכע רעכט, וועלכע זי האָט אונדז געגעבן בעת מיר זענען אַריין אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט. ס'איז נישטאָ קיין ספק, אַז ווי אַ נאַציאָנאַלע איינהייט זענען מיר היינט שוואַכער און מער אויסגעשטעלט אויף אַסימילאַציע ווי פריער. פאַקטיש האַלטן מיר ביים פאַרלירן קאָנטיקע טיילן פונעם פאָלק. מיר צאָלן פאַר דער עמאַנציפּאַציע אַזאַ טייערן פּרייז, וועלכער איז אונדז אַלעמען מחייב צו ווידמען אָט דער טעמע דאָס בעסטע פון אונדזער מחשבה; זוכן דערפאָלגרייכע וועגן, ווי אַזוי צו צוימען ווי ווייט מעגלעך דעם פּראָצעס פון נאַציאָנאַלער צעפאַלונג אין גלות. כ'וויל דאָ נישט מאַכן קיין אויספיר, אַז מיר דאַרפן זיך אומקערן צו אַ גייסטיקן געטאָ און אָוועק פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. ס'איז אָבער נישטאָ קיין ספק, אַז די לאַגע פאָדערט פון אונדז צו זוכן אַ געהעריקן אופן בייצושטיין מיט הצלחה די קאָנפראָנטאַציע מיט אַזאַ פּראָצעס.

מען דאַרף וויסן, אַז די תּרופה וועלכע איז נישט באַזירט אויף קיין גרונטלייזונג וועט נישט ראַטעווען די קהילות פון צעפאַלונג. אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן — ווו ס'איז אָנגענומען דער פּרינציפּ פון קולטורעלן פּלוראַליזם און ער דערמעגלעכט מכּלומרשט צו קולטיווירן יידישע ווערטן — זעען מיר ווי אַזוי די אַסימילאַציע פאַרכאַפּט דעם נייעם דור. דערפאַר וועט אַ קהילה־אויטאָנאָמיע, וואָס איז נישט אָרגאַניש באַהאָפטן מיט ישׂראלס צענטראַלקייט, לאַנג נישט אָנהאַלטן. והראיה: אַ צאָל אַנדערע עטנישע מינדערהייטן, פון מיליאָנען, זענען אויסגעקאָכט געוואָרן אינעם אַמעריקאַנישן שמעלץ־קעסל און נעלם געוואָרן. איז נישטאָ קיין זיכערקייט, אַז אַן ענלעכער גורל וועט נישט טרעפן דעם גרויסן יידישן קיבוץ — אויב ישׂראל, די העברעיִשע קולטור און אַלץ וואָס איז מיט זיי פאַרבונדן וועלן נישט צוימען די פּראָצעסן פון אונטערגאַנג. ווען ס'איז נישט גלייכגילטיק צום יידישן גורל — אין גלות ווי אין ישׂראל — קען נישט איגנאָרירן די דערשיינונגען, וואָס לאָזן זיך מערקן. דאָס פאַרלירן די מערהייט פאָלק אין די תּפוצות וועט אויך זיין אַ דורכפאַל און אַ סכּנה פאַר דער מדינה. דערפאַר מוז מען שאַפן נאַציאָנאַלע און גייסטיקע כּלים, אויף צו פאַרענגן דעם קאָנטאַקט צווישן דעם גלות און דעם פאָלקס־צענטער אין מדינת ישׂראל.

יצחק קאָרן

עטאַפּן אויפן וועג צו דערפינירן די צילן

דער 27סטער ציוניסטישער קאָנגרעס (ירושלים, 1968) האָט פּראָקלאַמירט די איינהייט פון פאָלק און ישׂראלס צענטראַלקייט ווי די ציוניסטישע הויפּטצילן. אָבער דאָ מעג מען פרעגן: פאַרוואָס איז ערשט פּראָקלאַמירט געוואָרן אָט דער ציל אין 1968 — 71 יאָר נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אויף וועלכן ציוניזם איז דערקלערט געוואָרן ווי אַ שטרעבונג אויפצושטעלן די נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישׂראל לויטן באַזעלער פּראָגראַם? אויבנאויפיק זעט עס אויס ווי אַ סתירה צווישן ביידע פאָרמולירונגען. אָבער ס'איז נישט אַזוי; ווייל ס'איז אַ חילוק צווישן 1897 און 1968. ווי באַקאַנט, איז דער באַזעלער פּראָגראַם רעאַליזירט געוואָרן אין עטאַפּן; לויט די באַדינגונגען וועלכע האָבן געהערשט אין פאַרשידענע תּקופות, זינט דער גרינדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ביז אַצינד. אָן די פריִער־דיקע עטאַפּן — ערשטע און צווייטע עליה, באַלפור־דעקלאַראַציע, מאַנדאַט־באַשטעטיקונג, די עליות וועלכע זענען געקומען נאָך זיי און די ציוניסטיש־חלוצישע קאָלאָניזאַציע — וואָלטן מיר נישט דערגאַנגען ביז 1948. אָבער דאָס אויפשטעלן מדינת ישׂראל, מיט איר גאַנצער און דעצידירנדיקער חשיבות, איז אויך נישט מער ווי אַן עטאַפּ אויפן וועג פון ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג. ציוניזם האָט שטענדיק זיך געקלאָמערט נישט בלויז אינעם גרינדן אַ מדינה, נאָר אויך אין דער שטרעבונג אַז זי זאָל אין משך פון דורות איינזאַמלען די מערהייט פון ייִדישן פאָלק און אָפּהיטן דעם פאָלקס־קיום אין גלות, כּל זמן עס לעבן דאָרט נאָך וויכטיקע טיילן.

שוין אין זיין דערעפענונג־רעדע אויפן ערשטן קאָנגרעס האָט הערצל אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקייט פונעם פּאָליטישן ציוניזם דורכן אונטערשטרייכן, אַז ציוניזם מיינט — אומקער צום ייִדנטום. נאָך איידער מ'קערט זיך אום צום לאַנד פון ייִדן. דער באַזעלער פּראָגראַם האָט טאַקע געמאַכט אַן עטוואָס פאַרנעפּלטע פאָרמולע וועגן דער ציוניסטישער שטרעבונג „אויפצושטעלן אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן ייִדישן פאָלק אין ארץ־ישׂראל"; און דערויף קען מען מאַכן פאַרשיידענע פּירושים. אָבער דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַ ספּעציעלער כּוונה, כּדי נישט אויפצוהויבן — קעגן דער ניי אויפגעקומענער אָרגאַניזאַציע — גרויסע טיילן פון ייִדישן פאָלק און די וועלט־עפנטלעכקייט. אין יענע צייט־באַדינגונגען האָט מען געדאַרפט האָבן אין זין דעם כּלל פון „תּפסת מרובה, לא תּפסת". אין דער צייט פון צווייטן קאָנגרעס (1898) האָט הערצל אָנגעגריפן די רבנישע קעגנערס פון ציוניזם און געזאָגט: „די איבערראַשנדיקע פּראָטעסטן פון עטלעכע רבנים וועלן שטענדיק זיין פון די שטויגענדיקע זאַכן, ווייל אָט די הערשאַפטן זענען מתפּלל צו ציון און גלייכצייטיק קעמפן זיי קעגן ציון" (דאָס דערמאָנט געוויסע דערשיינונגען אויך אין אונדזערע טעג). הערצל האָט זיך נישט נאָר באַגרענעצט צו דער קריטיק אויפן חשבון פון די „פּראָטעסט־ראַבינער", נאָר ער האָט אויך פאָרגעלייגט אַ גענויעם פּלאַן פאַר „דעראָבערן די קהילות", ווי איינעם פון די

צילן פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט פּראָקלאַמירט די קהילות־דעראָבערונג, כּדי ס'זאָלן מיט זיי אָנפֿירן נאַציאָנאַל־ציוניסטיש־באַוווסטזיניקע מענטשן. שוין דאַן האָט הערצל געחלומט וועגן אַ דינאַמישן ציוניזם, וועלכער זאָל אָנפֿירן מיטן יידישן לעבן פֿון אומעטום.

אין די 50 יאָר, זינט דעם ערשטן קאָנגרעס ביז צום אויפֿקום פֿון ישׂראל, האָט געגאָלטן דער באַזעלער פּראָגראַם. למען האמת איז ער בלויז געווען די אויסער־לעך פּאָליטישע ראַם; ווייל הערצל און זיינע יורשים האָבן שטענדיק געזען דעם ציוניסטישן ציל אין אַ ייִדישער מדינה און נישט בלויז אין אַ נאַציאָנאַלער היים. בלויז אינטערנאַציאָנאַלע פּאַקטאָרן, פּונקט ווי אינערלעך־ייִדישע, האָבן געצוווּנגען אָנצוקומען צו אַזאַ ראַם. זי האָט דערמעגלעכט די ציוניסטישע פּאַרווירקלעכונג אין שווערע (און טיילמאָל: פּיינטלעכע) באַדינגונגען. דאָס מיינט נישט בלויז די טער־קישע הערשאַפֿט ביז צום סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָר אויך די בריטישע מאַנדאַט־מאַכט. פּאַראַן אַ סך לאָגיק אין דער הנחה, אַז ווען די מאַקסי־מאַליסטן זאָלן געווען לענקען פֿון אָנהייב אָן מיטן ציוניזם, וואָלט די ציוניסטישע פּאַרווירקלעכונג פּריציייטיק דערשטיקט געוואָרן. ערשט נאָכן אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל — וועלכע ווערט באַטראַכט, מיט רעכט, ווי די גרעסטע הצלחה פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג — איז נייטיק געווען אַ נייע פֿאָרמולירונג פֿונעם ציוניס־טישן ציל. דערפֿאַר האָט דער 23סטער קאָנגרעס, אין 1951 (צום ערשטן מאָל אין ירושלים) פּרובירט פֿאָרמולירן אַ נייעם נוסח. אָבער די דעלעגאַטן האָבן נישט דערגרייכט קיין איינשטימיקייט וועגן ציוניסטישן ציל.

פֿון דער צווייטער זייט איז אָבער נישט מעגלעך געווען איבערצולאָזן דעם נוסח פֿונעם באַזעלער פּראָגראַם, וואָס אין זיין צענטער איז געשטאַנען די שאַפֿונג פֿון אַ נאַציאָנאַלער היים. ס'איז דערפֿאַר געקומען צו אַ פּשרה, אַז מ'זאָל בכלל נישט פֿאָרמולירן דעם ציל, נאָר בלויז אָנווייזן אויף דער ציוניסטישער אויפֿגאַבע אין איצטיקן מאָמענט. די נייע פֿאָרמולירונג איז באַקאַנט ווי דער ירושלימער פּראָגראַם וואָס זאָגט: „באַפֿעסטיקן מדינת ישׂראל, קיבוץ־גלויות אין ארץ־ישׂראל און פֿאַרזיכערן די אייניקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק". דער אמת איז אָבער, אַז אויך אינעם פֿאָרמולירן אָט די אויפֿגאַבעס שטעקן די עיקר־יסודות פֿונעם קלאַסישן ציוניסטישן באַנעם. די ציוניסטישע פֿאָרשטייער פֿון די מערבֿ־לענדער, מיט די פֿאַראייניקטע שטאַטן בראש, האָבן נישט מסכּים געווען, אויך נאָכן אויפֿקום פֿון דער מדינה, אַרויפֿצולייגן אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג — ווי די הויפּט־אויפֿגאַבעס — עליה, פֿאַרווירקלעכונג און קיבוץ גלויות. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַמעריקע איז נישט קיין גלות ווי אַלע גלותן. די געשפּאַנטקייט אויפֿן 23סטן קאָנגרעס, צווישן די ישׂראלדיקע דעלעגאַטן און די מערבֿדיקע, האָט געשטערט אינעם פֿאָרמולירן צילן. האָט מען זיך געמוזט צופֿרידן שטעלן מיטן אָנצייכענען די אויפֿגאַבעס.

אינעם ערשטן יאָרצענדליק פֿון דער מדינהס קיום האָבן די מערבֿדיקע ציו־

ניסטן געזען זייער עיקר־אויפגאַבע אינעם געבן איר עקאָנאָמישע הילף, כּדי איינצוואָרדענען די מאַסן־עולים פון די לאַגערן אין אייראָפּע און פון די איסלאַמישע לענדער. ס׳איז אויך געווען אַ דין שטרעמל עליה פון די ווילשטאַנדלענדער. אָט די עולים זענען בעיקר געקומען פון די חלוצישע באַוועגונגען און פון ציוניסטן מיט אַ טיפן באַוווסטזיין. זיי האָבן נאָך געחלומט פון עליה א י י ד ע ר די מדינה איז געשאַפן געוואָרן; אָבער צוליב די דעמאָלטיקע אומשטאַנדן (דער סערטיפיקאַטן־רעזשים פון דער מאַנדאַט־מאַכט) האָבן זיי געהאַט שטערונגען. אָבער דער ירושלים־פּראָגראַם האָט נישט געלייזט דאָס פּראָבלעם פון אַסימילאַציע אין גלות, נאָר זי איז גאָר פאַרשטאַרקט געוואָרן. אויך די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַריין אין אַ קריזיס, וואָס האָט זי אָפּגעשוואַכט. אין די זעכציקער יאָרן, ווען דער קריזיס איז שאַרפער געוואָרן, האָט די ציוניסטישע אָנפירערשאַפט איינגעזען, אַז ס׳איז פאַראַן אַ גרויסע סכּנה פאַרן ציוניסטישן געדאַנק און דער באַוועגונג: זי קען ווערן אויסגעליידיקט פון אירע ווערטן און פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פילאַנטראָפּישער אינסטיטוציע פאַר געבן עקאָנאָמישע הילף — און טייל מאָל אויך פּאָליטישע שטיצע — פאַר מדינת ישׂראל. וועגן דעם איז אַלאַרמירט געוואָרן דער 26סטער קאָנגרעס. אין 1965.

אין אָנבליק פון דער פאַרשטאַרקטער אַסימילאַציע — און דעם פאַקט, וואָס העכער 80 פּראָצענט פון דער ייִדישער יוגנט באַקומט נישט קיין שום ייִדישע דערציִונג — האָט דער קאָנגרעס פאָרמולירט אַ נייעם ציל פאַרן איצטיקן ציוניזם, וועלכער האָט באַקומען זיין אויסדרוק אין דער לאָזונג „מיטן פּנים צום גלות”. דאָס מיינט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף ווידמען אירע בעסטע כּוחות אויף אַרייננברענגען נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין צווישן די ברייטע פאָלקס־שיכטן פון די תּפוצות דורך מער פאַרטיפערן ייִדישן חינוך; ווי אויך ברייטערע און פאַרטיפט ציוניסטישע אויפקלערונג צווישן דער יוגנט און אינטעליגענץ בכדי צו דערמוטיקן אַן עליה־באַוועגונג. דאָ דאַרף באַמערקט ווערן, אַז די דערמאָנטע לאָזונג איז נישט געקומען אויפן אָרט פון מאַטעריעלער און פּאָליטישער הילף — ווייל זייער חשיבות פאַרבלייבט ווייטער — נאָר דער טראָפּ איז איבערגעשטעלט געוואָרן: נישט יענע הילפן זענען צענטראַל, נאָר די קלאַסישע ציוניסטישע ווערטן פון זאָרג און אחריות פאַרן אויפהאַלטן דאָס פאָלק ווי אַ נאַציאָנאַלע אייגנהייט אויך אין גלות.

אין די דעבאַטעס פונעם 27סטן קאָנגרעס אין 1968 — אַ יאָר נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה און דער נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג, וועלכע איז געקומען מיט איר אין גלות — האָט מען זיך קאָנצענטריר׳ט אויף דריי טעמעס: דער מצב פון גלות־ייִדנטום, פון נאַציאָנאַל־גייסטיקן שטאַנדפּונקט; ייִדישער חינוך און עליה: דאָס באַפעסטיקן מדינת ישׂראל. אויף ד ע ם קאָנגרעס האָט מען שטאַרקער געשפּירט די גורל־שותּפות און דאָס האָט געפירט צום פאָרמולירן די ציוניסטישע צילן. דער „ירושלימער פּראָגראַם” פון תּשכ״ח האָט געזאָגט:

א) אייניקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק און די צענטראַלקייט פֿון מדינת ישׂראל אינעם לעבן פֿון פֿאָלק; ב) איינזאַמלען דאָס ייִדישע פֿאָלק אינעם היסטאָרישן פֿאָטערלאַנד ארץ ישׂראל דורך עליה פֿון אַלע לענדער; ג) באַפֿעסטיקן די מדינה, וועלכע איז באַזירט אויף דער נביאישער וויזיע פֿון גערעכטיקייט און שלום; ד) אָפּהיטן די אייגנאַרטיקייט פֿון פֿאָלק דורך ייִדיש־העברעיִשן חינוך און קול־טיווירן די גייסטיקע קולטורעלע ווערטן פֿון ייִדנטום; ה) באַשיצן ייִדישע רעכט אומעטום ווו ייִדן לעבן.

דאָס מאָל זענען אַבסאָלוט קלאָר אונטערגעשטראָכן געוואָרן די אייניקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק און די צענטראַלקייט פֿון ישׂראל ווי ציוניסטישע הויפּטצילן. אין די דעבאַטעס האָט מען באַזונדערס אָנגעוויזן, אַז מדינה און גלות האָבן איין גורל און דערפֿאַר זענען זייי קעגנזייטיק אָפּהענגיק. דערפֿון דרינגט די לעבנס־וויכטיקייט פֿון שטאַרקן די עליה בכדי צו באַפֿעסטיקן די מדינה; ווי אויך, אַז ס׳איז נישטאָ קיין קאָנטיקער שאַנס פֿאַר מיליאָנען ייִדן אויפֿצוהיטן זייער ייִדישקייט במשך פֿון וויטערדיקע דורות אָן דער ענגערער פֿאַרבינדונג מיט מדינת ישׂראל. ס׳איז אויך קלאָר באַשטימט געוואָרן דער ציוניסטישער ציל: מ׳קען נישט אָפּטיילן צווישן דער מדינהס צוקונפֿט און דעם גלות. דאַרף מען טאָן אַלדאָס מעגלעכע, אויף צו שטאַרקן דעם צענטער פֿון פֿאָלק פֿון דעמאָגראַפֿישן שטאַנדפּונקט און לכל־הפּחות דערגרייכן 6־7 מיליאָן אין מדינת ישׂראל, ווי אויך שטאַרקן די פֿאַרבינדונג צווישן דעם ישׂראל־צענטער און די גלות־טיילן פֿון פֿאָלק.

די באַדינגונגען פֿאַרן קיום און פֿאַר דער אייניקייט פֿון פֿאָלק

ביים אָנהייב פֿון די צווייטע 25 יאָר מדינת ישׂראל באַשטעטיקט זיך אַלץ מער די הנחה, אַז די מדינה — מיט איר גאַנצער וויכטיקייט — איז נישט קיין ווערט פֿאַר זיך אַליין, נאָר אַן אינטעגראַלער טייל פֿון אַ ברייטער אַרומנעמענ־דיקן ציל: דער קיום און אייניקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק. ס׳איז נישטאָ קיין ספֿק, אַז ישׂראל איז דער צענטער פֿון פֿאָלק און אַזוי אַרום באַווירקט זי דעם גלות. אָבער אָט די השפּעה קען נישט זיין קיין איינזייטיקע און די קעגנזייטיקע באַציִונ־גען טאָרן זיך נישט באַזירן אויף ישׂראלס העכערקייט. ישׂראל דאַרף קרעפֿטיקן דעם גלות פֿון ייִדיש־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט און ס׳איז נויטווענדיק, אַז זי זאָל אים באַווירקן מיט איר גייסט. אין דער זעלביקער מאָס איז דער גלות מחויב — נישט אויפֿגעבנדיק זיין געזעלשאַפֿטלעכע און גייסטיקע טעטיקייט — צו שטאַרקן דעם בונד מיט ישׂראל. אַזאַ פֿאַרבינדונג קען העלפֿן, מיט בשותּפֿותדיקע כּוחות, צוימען דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס. אַזעלכע באַציִונגען זענען אייגנאַרטיק, ווייל זיי האָבן נישט קיין ביישפּיל אין קיין שום פֿאָלק אָדער לאַנד אין דער וועלט. ווי איין מוסטער פֿון אָט דער אייגנאַרטיקייט קען דינען דאָס „געזעץ פֿון אומקער", וואָס פֿאַרזיכערט פֿאַרויס די רעכט פֿון יעדן ייִד צו באַזעצן זיך אין ישׂראל; יעדער עולה ווערט אויטאָמאַטיש פֿאַרוואַנדלט אין אַ מדינה־בירגער. אָט דאָס געזעץ

דריקט אויס יורידיש די גייסטיקע און פיזישע פאָלקס־אייניקייט. נאָך מער: אָן דער צענטראַלקייט פון ישׂראל קען מען זיך נישט פאָרשטעלן די פאָלקס־אייניקייט; און די אָפּשוואַכונג פון איין טייל פירט אויטאָמאַטיש צו דער אָפּשוואַכונג פונעם צווייטן טייל.

נאָך עפּעס: די אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן גלות און ישׂראל דאַרף באַזירט ווערן אויף די דורותדיק יידישע פּרינציפּן און ווערטן. יעדער וועזנטלעכער אָפּנייג דערפון שוואַכט אָפּ די צענטראַלקייט פון ישׂראל און דעם יידישן וועג פון די תּפוצות. די קהילות אין גלות וואַרטן אויף אינספּיראַציע און דערמוטיקונג פון ישׂראל און די מדינה דאַרף צופרידנשטעלן אַזאַ דערוואַרטונג. מיר טאָרן אויך נישט פאַרזען נאָך עפּעס: די ישׂראלדיקע געזעלשאַפט דאַרף זיין רייך אין יידיש־פּראָגרעסיוון אינהאַלט. מען דאַרף וויסן, אַז ווען אין ישׂראל זאָל אויפקומען אַ רעאַקציאָנערער רעזשים, וואָלטן קאָנטיקע טיילן פון יידישן פאָלק זיך אָפּגעטרייסלט פון איר. דאָס מיינט: ישׂראל קען פאַרזיכערן איר צענטראַלקייט דורך די יידיש־טראַדיציאָנעלע ווערטן; און איר געזעלשאַפט דאַרף געבויט ווערן אויף דעמאָקראַטישע יסודות פון פרייהייט און גלייכקייט. אויך דערין איז ישׂראלס אייגנאַרטיקייט, ווייל אַלץ פון איר אינערלעך לעבן ווירקט זיך אויס אויף די יידן אין דער גאָרער וועלט. אויב די ישׂראלדיקע געזעלשאַפט וועט נישט זיין קיין אַרויסגעהויבענע, וועט זי פאַרלירן איר צוציִונג־כּוח פאַר די תּפוצה־יידן. דאָס וועט זיך אויסווירקן צום שלעכטן אויף עליה און שפּעטער — אויך אויף דער פאַרבינדונג צווישן ישׂראל און די תּפוצות.

די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן ישׂראל און דעם גלות

ישׂראלס צענטראַלקייט אין אירע באַציִונגען מיטן גלות־יידנטום וועט אַ"ס געפּרוּווט ווערן אויף פינף שטחים:

א) אָנטייל פון גלות־יידנטום אין אויפקלערן ענינים, וואָס זענען דאָס נאַציאָנאַלע פאַרמעגן פון גאַנצן פאָלק, ווי למשל: די באַציִונגען צווישן אמונה און דער מדינה און דער יידישער חינוך. ס'קען נישט זיין קיין ספק, אַז די תּפוצה־יידן האָבן וואָס צו זאָגן וועגן דער פּאָזיציע פון רעליגיע אין ישׂראל ווי אינעם פאָלק בכלל; און וואָס שייך חינוך, מוז באַצייטנס קלאָר ווערן: ס'איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט צו פאַרמעסטן זיך מיט די הויפּט־פּראָבלעמען פון יידישן קיום און צוקונפט אָן דער פולער צוזאַמענאַרבעט פון גלות־יידנטום ביים אויסברייטערן די שולן־נעץ, צוגרייטן לערער־קאַדרען און מאָביליזירן גרויסע געלט־סומעס. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און אירע כּלים, וועלכע זי האָט געשאַפן פאַרן שטאַרקן דעם יידישן חינוך אין גלות, וועט בלויז האָבן דעם נייטיקן דערפאָלג אויב זי וועט אַריינציִען אין דער אַרבעט די אָרטיקע קהילות. יידישער חינוך מיינט: קולטיווירן די אייביק יידישע ווערטן אומעטום, פּאַראַלעל מיט ישׂראלס צענטראַלקייט.

2) רעכט פון די יידן אין גלות צו קריטיקירן דאָס לעבן אין ישׂראל, אירע

געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען און די קליטה פֿון עולים. דאָס דאָזיקע רעכט וועט דערנענטערן אַ קאָנטיקן טייל פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ אין גלות צו ישׂראל. דאָס „געזעץ פֿון אומקער" איז דער אָנהייב פֿון אָט דעם רעכט און יעדער טענ־דענציִעזער אויסטייטש לטובת די ישׂראלדיקע בירגער וועט דערווייטערן אַ סך פֿון זיי וועלכע געפֿינען זיך אויפֿן וועג צו ישׂראל, אָדער באַטראַכטן זיך ווי פֿאַרבונדן מיט אַלץ וואָס ווערט געטאָן אין דער מדינה. ס'איז איבעריק צוצוגעבן, אַז דאָס רעכט פֿון קריטיק איז קעגנזייטיק: פּונקט ווי ייִדן פֿון גלות מעגן קריטיקירן די מדינה, אַזוי מעג די ישׂראלדיקע פֿאָרשטייערשאַפֿט אויסדריקן אירע באַמערקונגען דערויף וואָס קומט פֿאָר אין גלות, אויב למשל די אָרטיקע קהילה־פֿירערס וועלן געבן פּריאָריטעט פֿאַר מעדיציניש ע און סתּם פֿילאַנטראָפּישע צוועקן אויפֿן חשבון פֿון חינוך־אַנשטאַלטן, וועט די ישׂראלדיקע פֿאָרשטייערשאַפֿט מעגן אַלאַרמירן קעגן אַזאַ שטערן די פֿאַרזיכערונג פֿון ייִדישן המשך. פֿאַראַן נאָך אַ ריי שטחים, ווו דער אַלגעמיין נאַציאָנאַלער אינטערעס דאַרף באַקומען די בכורה אַנשטאָט דעם לאָקאַלן אינטערעס. אַזאַ דיאַלאָג קען ברענגען ברכה ביידע טיילן פֿון פֿאָלק.

3) ישׂראל האָט אַ רעכט צו מאָנען עקאָנאָמישע, גייסטיקע און פּאָליטישע הילף פֿון ייִדן אין גלות, כּדי צו באַפֿעסטיקן די מדינה ווי אַ פֿאַרמעגן פֿונעם גאַנצן פֿאָלק. מען דאַרף באַווייזן די ייִדן פֿון אומעטום, אַז יעדע הילף פֿאַר ישׂראל איז ניט קיין פֿילאַנטראָפּישער ענין, נאָר אַ נאַציאָנאַלער חוב פֿון ערשטן ראַנג. דאָס איז אויך נוגע דער עליה־פֿאָדערונג, כּדי צו פֿאַרגרעסערן די מדינה־באַפֿעל־קערונג און אויסברייטערן איר באַזע — פֿון איין זייט — און ווי אַן אויסדרוק פֿון ייִדישער סאָלידאַריטעט מיט ישׂראלס געראַנגל פֿאַר איר קיום און צוקונפֿט, פֿון דער צווייטער זייט. אַפֿילו ווען אַ קאָנטיקער טייל קהילות האָבן נאָך ניט אָנערקענט דעם ציוניסטישן באַנעם — דאַרפֿן זיי באַטראַכטן עליה ווי אַ נאַציאָ־נאַלן ווערט אויך פֿאַרן קיום און המשך פֿון זייער קהילה־לעבן. יעדער אָפּרייסן קהילות פֿון עליה־שטראָם מיינט: איזאָלירן זיך אינעם ענג לאָקאַלן שטח און דער־ווייטערונג פֿונעם ישׂראל־צענטער. אַנטקעגן אָט דעם רעכט, וואָס ישׂראל פֿאָדערט פֿאַר זיך, איז זי מחויבֿ צו העלפֿן די קהילות ביים צוגרייטן לערערס פֿאַר די ייִדישע שולעס און זיי שיקן גייסט־מענטשן, צו העלפֿן לייזן זייערע וויטאַלע פּראָבלעמען.

4) די צענטראַלקייט פֿון ישׂראל דאַרף ניט שטערן יעדן צד צו קענען דעצידירן וואָס שייך טעטיקייטן וועלכע זענען בלויז אויף זיין געביט. למשל: ישׂראל, ווי אַ זעלבסשטענדיקע מדינה, דעצידירט אַליין וועגן איר זיכערקייט און אויסערן־פּאָליטיק, אָן דרויסנדיקער אַריינמישונג — מיטן אויסנאַם פֿון יענע פֿאַלן, ווען די מדינה בעט דאָס פֿון די גלותדיקע ייִדן. דאַקעגן זענען פֿאַראַן דעליקאַטע ענינים אינעם קהילה־לעבן — און קודם־כּל די ייִדישע שטעלונג צו אינערן־פּאָליטישע פּראָבלעמען — אין וועלכע די ישׂראלדיקע פֿאָרשטייערס דאַרפֿן זיך ניט מישן. צום ביישפּיל: אַזעלכע אַמעריקאַנישע פּראָבלעמען ווי די וויעטנאַמער מלחמה און דאָס קאַפּיטל „וואָטערגייט". אין ביידע פֿאַלן זענען געווען חילוקי־

דעות צווישן אַמעריקאַנער ייִדן גופא; און אַפילו ווען דער באַלדיקער ישׂראלדיקער אינטערעס האָט זיך צוגענייגט צו איין צד, האָט מען נישט געטאָרט פֿאָדערן פֿון אַמעריקאַנער ייִדן, אַז זיי זאָלן זיך בלויז רעכענען מיט ישׂראלס אינטערעסן. די דעציזיע וועגן זאַכן, וועלכע האָבן נישט קיין דירעקטע אויסווירקונג אויף ישׂראל, דאַרף מען איבערלאָזן בלויז צו די אָרטיקע ייִדן. דאָס מיינט, אַז די ייִדיש אייניקייט און ישׂראלס צענטראַלקייט לאָזן איבער גענוג אויטאָנאָמיע פֿאַר יעדן צד.

5) דאָס קאָנצענטרירן די גייסטיקע אוצרות פֿון פֿאָלק אין ישׂראל און די אויסווירקונג פֿון איר השפּעה אויף די קהילות אין גלות. אמת: אין די 26 יאָר פֿון דער מדינהס קיום איז נאָך נישט געשאַפֿן געוואָרן קיין איינדרוקספֿולער יש אויף דעם שטח; אָבער מען דאַרף פֿאַרשטיין, אַז אַ פּערטל יאָרהונדערט איז אַ צו קורצער צייטאָפּשניט אויף אַדורכצופֿירן אַ גייסטיקע רעוואָלוציע אינעם לעבן פֿון אַ פֿיר־טויזנט־יעריק פֿאָלק. דאָך זענען שוין פֿאַראַן די ערשטע און וויכטיקע אויפֿשפּראָצן און אָנהויבן. זיי זאָגן עדות אויף דער גייסטיקער אינספּיראַציע, וועלכע שטראָמט פֿון ישׂראל צום גלות. טויזנטער ייִדישע יוגנטלעכע פֿון די תּפֿוצות קומען אין ישׂראלדיקע אוניווערסיטעטן; פֿאַראַן ישׂראלדיקע אָפּטיילונגען פֿון הויכע בילדונגס־אינסטיטוציעס אין גלות — און אַן אומאויפֿהערלעכער שטראָם פֿון טוריסטן פֿאַרטיפֿן די ייִדישע צוגעבונדנקייט צו ישׂראל און פֿאַר־שטאַרקן זייער נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

מיר זענען לעצטנס עדות פֿון אַן אינטערעסאַנטער דערשיינונג, ווי אַזוי ישׂראל האָט אַ מעגלעכקייט צו קאָנצענטרירן נאַציאָנאַלע קולטור־אוצרות, וועלכע זענען אויפֿגעקומען אין גלות. כ׳מיין דאָ קודם כּל די ייִדיש־ליטעראַטור, וועלכע האָט די לעצטע יאָרן געפֿונען איר אַנטרין־אָרט און זיך פֿאַראַנקערט אין ישׂראל. ווער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט מיט 40—50 יאָר צוריק, אַז אין די זיבעציקער יאָרן וועט ישׂראל פֿאַרוואַנדלט ווערן אינעם הויפּט־צענטער פֿון ייִדיש־קולטור? אַ סך פֿון אונדז געדענקען נאָך די שפּראַכן־מלחמה — אין גלות ווי אויך אין לאַנד — צווישן עברית און ייִדיש. אָבער איצט ווערט ישׂראל די גייסטיקע היים פֿאַר דער גרויסער שאַפֿונג פֿון אונדזער פֿאָלק אין ייִדיש. אַלע זענען היינט מודה, אַז ייִדיש שטויסט נישט אַרויס עברית — נישט בלויז אין ישׂראל, נאָר אויך אין גלות; אַז דאָס שטאַרקן די ייִדיש־ליטעראַטור אויף יעדן אָרט העלפֿט צו קרעפֿטיקן די גייסטיקע שעפֿערישקייט פֿונעם גאַנצן פֿאָלק — און ייִדישע ליטעראַטור איז נישט דער איינציקער ביישפּיל.

צום אָפּשלוס: די צענטראַלקייט פֿון ישׂראל און די פֿאָלקס־אייניקייט זענען די צוויי גרונט־זיילן פֿון ציוניזם. אויב מיר ווילן לעבן און אויפֿהאַלטן אונדזער נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט ווי ייִדן, מוזן מיר שאַפֿן פֿולע שותּפֿות צווישן מדינת ישׂראל אויף אַלע לעבנס־שטחים. מיר זענען א י י ן פֿאָלק און איין גורל פֿאַר־אייניקט אונדז אומעטום.

סעפּטעמבער 1974

אונדזער ענטפער

א.

דער מיאוסער און צביעותדיקער באַשלוס פון די פאַראייניקטע נאַציעס פון נאָוועמבער 1975 קעגן דעם ציוניזם, וואָס ווערט פאַרגליכן מיט ראַסיזם און דיסקרימינאַציע, האָט אויפגערודערט נישט נאָר די ציוניסטן, די ייִדן, נאָר אויך פיל נישט־ייִדן אין דער פרייער וועלט. דער באַשלוס איז נישט נאָר אַן אַנטי־ציוניסטישער און אַנטיסעמיטישער, נאָר ער זאָגט אויך אָן אַ שווערן קלאַפּ אויף די פּרינציפּן אויף וועלכע ס׳זענען אויפגעבויט די פאַראייניקטע נאַציעס. מיט דער צייט וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דער באַשלוס איז דער אָנהייב פונעם צעפאַל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ראַם פאַר קאָאָפּעראַציע צווישן פעלקער. מיטן גאַנצן ציניזם און פאַלשקייט וועלכע הערשן אין פיל קרייזן פון אינטערנאַציאָנאַלן לעבן, קען אַזאַ שריט פון פאַרגלייכן די ייִדישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, דעם ציוניזם האָט אויפגעהויבן, געהערט צו דער גאַנצער סטרוקטור פון דער פרייער אין וועלכער עס זאָלן אָנהייבן דאָמינירן טעראָר, שאַנטאַזש, פאַרגוואַלטיקונג פון די עלעמענטאַרע מענטשנרעכט.

ס׳ווילט זיך קוים גלויבן, אַז די וועלט איז שוין דערגאַנגען צו אַזאַ געפאַלנ־קייט, אַז דער דעספּאָטיזם און כוליגאַניזם וואָס זענען געקומען צום אויסדרוק אין דעם אַראַביש־סאָוויעטישן אָנגריף, זאָלן באמת געקרוינט ווערן מיט אַזאַ דערפאָלג. אַ באַווייז דערפאַר די רעאַקציע אין דער מערב־וועלט, וועלכע האָט זיך אַליין דערשראָקן. גרויסע פיגורן, צווישן זיי אַזעלכע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן ווי זשאַן פּאָל סאַרטר, אַנדרעי מאַלראָ, מענדעס פראַנס, פּראָפ. סאַכאַראָוו, ווי אויך אַנדערע באַקאַנטע נאָבעל־פּרייז־טרעגער זעען אין דעם באַשלוס קעגן ציוניזם אַ גרויסע עוולה, אַ גרויסער געפאַר נישט נאָר פאַר ישׂראל, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער וועלט.

מיר ייִדן מוזן אויפנעמען דעם געראַנגל, אין וועלכן מיר אַלס ייִדישע נאַציע, אַלס זעלבסשטענדיקע מדינה ווערן איצט אַריינגעצויגן. אין דעם געראַנגל זענען מיר נישט אינגאַנצן איזאָלירט, ווייל די פראַגע וואָס די ווילדע אַטאַקע קעגן ציוניזם האָט אויפגעהויבן, געהערט צו דער גאַנצער סטרוקטור פון דער פרייער וועלט, וועלכע וועט זיך נישט אונטערגעבן דעם רעזשים פון שאַנטאַזש און אונטערדריקונג.

ב.

דער באַשלוס פון די פאַראייניקטע נאַציעס, מיט זיינע אויסווירקונגען אויף דער פרייער וועלט, גייט אָבער דאָך בעיקר אָן דעם ייִדישן פאָלק און זיין

באַפרייאונג־באַוועגונג. דער ציוניזם איז נישט נאָר געווען אַ טרוים פון דורות, אַ גייסטיקע נישט איבערגעריסענע פאַרבינדונג מיט דעם אַלטן היימלאַנד — ארץ ישׂראל, ער איז אויך געווען דער ענטפער אויף דער געשאַפענער לאַגע פון אַ פאָלק וואָס איז צעשפּרייט און פאַרפאָלגט אין רוב לענדער ווו עס לעבט אין גלות. ציוניזם איז געווען אַ שטרעבונג צוריקצוגעבן אַ זיכערע היים און שאַפן אַ פעסטע שטאַטלעכע ראַם דעם ייִדישן פאָלק. דעריבער איז אויך פאַרשטענדלעך, וואָס די הויפּט־וואָרצלען פון דעם רעאַליזירנדיקן ציוניזם האָבן געשטעקט אין מזרח־אייראָפּע, ווו ס׳האָבן זיך געפונען ביים סוף 19טן יאָרהונדערט מער פון 85% פון ייִדישן פאָלק. די ראַסיסטישע פאַרפאָלגונגען אין מזרח־אייראָפּע קעגן די ייִדן האָבן דעם ציוניזם רייף געמאַכט און פאַרשטאַרקט.

דער היסטאָרישער באַשלוס פון די פאַראייניקטע נאַציעס אין נאָוועמבער 1947 וואָס איז אָנגענומען געוואָרן מיט צוויי דריטל שטימען צו גרינדן אַ ייִדישע מדינה, האָט באַטייט די אָנערקענונג פון דעם גערעכטן קאַמף פון די ייִדן כּדי צו דערגרייכן זייער אייגן היימלאַנד, העלפן לייזן די ייִדן־פראַגע. די קריסטלעכע, די פרייע פּראָגרעסיווע וועלט האָט זיך געאייניקט צו פאַרריכטן דאָס אומרעכט פון וועלכן די ייִדן האָבן געליטן אַזוי פיל דורות. ס׳זענען אָבער אַוועק נישט מער ווי 27 יאָר און אין דער זעלבער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער איז אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם דער פאַרשטייער פון די אַראַבישע טעראָ־ריסטן, אַראַפאַט און זיין טעראָר־אָרגאַניזאַציע זענען דאָרט איצט אָנערקענט געוואָרן ווי די איינציקע רעפּרעזענטאַנץ פון די פּאַלעסטינער, און קענען זיך פּערמאַנענט באַטייליקן אין די זיצונגען און דעבאַטעס פון די פאַראייניקטע נאַ־ציעס. מען דאַרף נישט אונטערשעצן דעם שענדלעכן שריט פון די פאַראייניקטע נאַציעס לגבי ישׂראל, מען דאַרף אָבער אויך נישט אַריינפאַלן אין קיין היסטעריע. מדינת ישׂראל וועט מען נישט פאַרטיליקן.

ג.

ס׳דאַרף זיין קלאָר, אַז אין יאָר 1975 זענען אונדזערע קעגנערס אומגעהויער שטאַרקער ווי פריִער מיט 30 יאָר, ווען מיר זענען געשטאַנען אין עפּאָגעי פון אונדזער געראַנגל צו באַקומען דאָס רעכט פאַר אַן אייגענער מדינה. היינט איז דער אַראַבישער פאַקטאָר שטאַרקער מיט זיינע נאַפט־קוואַלן, מיט די מיליאַרדן פּעטראָ־דאָלאַרן, מיט דער ענגערער פאַרבינדונג מיט די אַפריקאַנישע לענדער און מדינות פון דער דריטער וועלט. דערביי שפּילט נאָך צו סאָוויעט־רוסלאַנד, ווייל אַזוי דיקטירן אירע אינטערעסן אין נאָענטן מזרח. די גאַנצע אידעאָלאָגיע פון אַ פּראָגרעסיווער וועלט־אויפפאַסונג פון קאָמוניזם וואַרפט מען אַוועק אין אַ זייט און מען שטיצט די סאַמע רעאַקציאָנערע אַראַבישע קרייזן, אַבי צו פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ אין נאָענטן מזרח.

דערצו דאַרף מען צוגעבן, אַז די אַראַבער און זייערע מיטלויפערס האָבן די

לעצטע יאָרן זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט אַטאַקירן און באָיקאָטירן מדינת ישׂראל. זייער באָיקאָט איז שוין אויך פֿריִער געווענדט געווען קעגן ייִדן אומעטום ווו זיי זענען. דורך זייער באָיקאָט דיסקרימינירן די אַראַבער יעדן ייִדן אין די פֿאַרשידענע לענדער. אין דער עקאָנאָמישער טעטיקייט וואָס זיי פֿירן דורך זייערע אינוועסטיציעס, דורך איינלאַדן פֿאַרשידענע לענדער צו רעאַליזירן פּראָיעקטן אין די אַראַבישע מדינות שטעלן זיי אַ תּנאַי, אַז קיין ייִד, אַ בירגער פֿון וועלכן ס׳איז לאַנד זאָל אין זיי נישט באַשעפֿטיקט ווערן. דאָס איז אויך חל אויף אַנדערע געביטן ווי: שיקן פֿאַכמענער, פּרעסע־פֿאַרשטייערס א. אז. וו.

דאַרפֿן מיר זיין היסטעריש, האָפֿענונגסלאָז? אונדזער תּשובֿה איז: ניין! נישטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר יאוש. פֿאַראַן אָבער אַ פּלאַץ פֿאַר מאָביליזירן דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק, און אויך זאַמלען אַרום אונדז די צו אונדז פֿריינדלעכע קרייזן אויף דער וועלט. פֿאַראַן נאָך אַ גרויסער רעזערוואַר פֿון גרויסע כּוחות וועלכע וועלן נישט דערלאָזן, אַז די וועלט זאָל פֿאַרלירן איר פּראָגרעסיוון פּרצוף און צוריקגיין צו די מעטאָדן פֿון שאַנטאַזש און טעראָר. פֿאַר זיי איז מדינת ישׂראל דער פּרוווּשטיין.

ד.

ביי אונדזער גאַנצער באַרעכטיקטער אויפֿגעבראַכטקייט קעגן דער כּוליגאַנישער האַלטונג פֿון דער מערהייט פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס קעגן ציוניזם און מדינת ישׂראל, טאָרן מיר נישט פֿאַרגעסן, אַז מיר מוזן דורך אַלע קאָמפּראָמיסן זוכן וועגן כּדי צו דערנענטערן אַן אָננעמבאַרע לייזונג פֿון ישׂראל־אַראַבישן קאָנפֿליקט. אויך ווען מיר וועלן וויסן פֿאָרויס, אַז דער אַראַבישער צד וועט נישט אָננעמען אונדזער קאָמפּראָמיס, און צונישט מאַכן אונדזערע באַמיונגען, דאַרפֿן מיר נישט אויפֿהערן אונדזערע אָנשטרענגונגען. מיר דאַרפֿן דאָס טאָן לגבי דעם טייל פֿון דער מענטשהייט וועלכער וויל אונדז שטיצן און וויל גלייכצייטיק מיט פֿריינדשאַפֿט צו אונדז אויך זוכן אַ וועג צו דער לייזונג פֿון דער פּאַלעסטינער פֿראַגע. דאָס דאַרף גוט פֿאַרשטאַנען ווערן דורך אונדזערע רעגירנדיקע קרייזן. די פּאַלעסטינער זענען, אָן ספֿק, אַן עיקר־פּונקט אין דעם גרויסן קאָנפֿליקט צווישן די אַראַבער און ישׂראל. אַוודאי וועלן מיר געבן אונדזער הסכּמה צו אַ לייזונג פֿון דער פּאַלעסטינער פֿראַגע, אָפּהיטנדיק די לעבנספֿראַגן פֿון מדינת ישׂראל. ס׳איז לייכט אַריינצוטרייבן גרויסע טיילן פֿון דער ישׂראל־באַפֿעלקערונג אין עקסטרעמיסטישע און פֿאַנאַטישע וועגן צוליב דער ברוטאַלער האַלטונג פֿון די אַראַבער. אין פּאָליטישן לעבן מוז מען אָבער צוימען דעם יצר, די נאַטירלעכע רעאַקציע, ווייל נאָר אַ באַלאַנסירטע האַלטונג אין אַ קריזיס העלפֿט אַרויסצוקומען אויפֿן ברייטן שליאַך. נאָך אַ פֿערטל יאָרהונדערט מלחמות צווישן אַראַבער און ייִדן איז קלאָר געוואָרן, אַז בלויז מיליטערישע נצחונות זענען נישט קיין גאַראַנטיע צו קומען צו אַ מינימום אויסגלייך מיט די אַראַבער. נישט נאָר די אַראַבער זענען דאָ אַ גורם. אויך די צו אונדז פֿריינדלעכע וועלט וואַרט פֿון אונדז שריט

און פאַרשלאָגן פאַר אַן אָנהייב פון אַ פרידלעכער לייזונג. ווען מיר טוען דאָס, איז עס נישט קיין אויסדרוק פון שוואַכקייט, נאָר מער אַ סימן פון פּאָליטישער רייפקייט. מיר דאַרפן פאַרשטייט זיך, זיין מיליטעריש שטאַרק און וואַכזאַם, כדי מיר זאָלן קענען זיך דערלויבן אַ קאָמפּראָמיס אינעם קאָנפליקט.

דאָס דאַרף געזאָגט ווערן אין די איצטיקע טעג. מיר דאַרפן אָפּוואַרפן מיט עקל די אומזיניקע באַשולדיקונגען אַז ציוניזם איז געגליכן צו ראַסיזם און דיס־קרימינאַציע, אָבער גלייכצייטיק וויזן דער וועלט, אַז די ייִדישע מדינה וויל און שטרעבט צו לעבן אין פרידלעכע באַציונגען מיט די אַראַבישע לענדער, גראָד אין אַ צייט ווען די אַראַביש־מוסולמענישע פּאָליטיק ווייזט אַרויס שׂינאה צו יעדע עטנישע מינדערהייט אין זייער סביבה. גענוג צו דערמאָנען זייער אויסראָטונגס־פּאָליטיק קעגן די קורדן, דרוזן און לעצטנס קעגן דער קריסטלעכער־מאַראָניטישער מינדערהייט אין לבנון. אַלס ענטפער אויף דער מוסולמענישער אויפפאַסונג, אַז מען דאַרף אויסראָטן יעדע עטנישע מינדערהייט, דאַרף קומען מדינת ישׂראל און ברענגען קאָנקרעטע פאַרשלאָגן ווי צו דערמעגלעכן שכנותדיקע שותּפות־באַציונ־גען מיט די אַראַבישע לענדער.

ה.

וואָס דאַרפן זיין די מסקנות ?

נאָך 27 יאָר עקזיסטענץ פון מדינת־ישׂראל ווערן אַלע ייִדן אין דער וועלט געזען אין די אויגן פון די נישט־ייִדן ווי די יעניקע וואָס טראָגן די אַחריות פאַר דער מדינה און ווי ציוניסטן. די גויים האָבן זיך געשאַפן, צום גוטן און צום שלעכטן, אַן איינשטעלונג, אַז יעדער ייִד איז אַ טייל פון גרויסן געראַנגל אַרום ארץ ישׂראל און יעדער ייִד איז אַ שותּף צו דער מדינה. גויים האַלטן, ווייזט אויס, פון דער נאַציאָנאַלער און קאָלעקטיווער אחריות פון ייִדישן פאָלק. זיי נעמען נישט אין באַטראַכט די אינערלעכע פאַרשידנקייטן צווישן ייִדן, ציוניסטן און ישׂראלדיקע, פאַר זיי איז חל דער כּלל: כּל ישׂראל ערבין זה בזה.

ס'איז פאַרדריסלעך צו באַטאָנען אַז אָט די „גוישע פילאָזאָפיע" איז אַן אויבערפלעכלעכע און פיל מאָל נישט קיין ריכטיקע. גראָד ווען מיר דאַרפן, אין אַ צייט פון דרויסנדיקע געפאַרן, זיין פולשטענדיק געאייניקט, קען מען נישט זאָגן, אַז אין ייִדישן פאָלק הערשט אַ פולע אחריות, אַ טיפע אחריות, נישט נאָר אַזאַ פון יוצא זיין. אַ סך ייִדן זענען טאַקע גרייט צו דעמאָנסטרירן סאָלידאַריטעט און זאָגן אַז זיי זענען ציוניסטן. „איך בין אַ ציוניסט" — איז געוואָרן אַ לאָזונג. אָבער בלויז אַ לאָזונג איז נישט גענוג. מיר נייטיקן זיך אין דרינגענדיקע שריט וועלכע זאָלן דאָס ייִדישע פאָלק מער פאַראייניקן און עם ענגער דערנעענטערן צו מדינת ישׂראל. נישט נאָר מיט פּראָטעסט און מיט מאַטעריעלער הילף, נאָר מיט זיין אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, מיט מקיים זיין ציוניזם דורך עליה און ציוניסטישער דערציִונג, מיט דערקלערן זיך אַלס אָנהענגער פון דער צענטראַליטעט פון ישׂראל פאַרן ייִדישן פאָלק. מיר מוזן דערקלערן אין גאַנצן ייִדישן פאָלק

אַ רעזשים פון אויסנאַם־צושטאַנד, אַ שעה פון גרויסער און גורלדיקער פאַר־מעסטונג.

ווען ס׳קומט פאַר אַ קריג ממש, ווען בלוט גיסט זיך, דערוועקט זיך אין פאַר־שיידענע טיילן פון גלות־ייִדנטום אַ דראַנג פון טויזנטער פרייוויליקע, וועלכע ווילן קומען און העלפן דער מדינה אין קריג. פאַרוואָס זאָלן אין די גורלדיקע טעג, ווען די שונאים פון ייִדישן פאָלק, פון ציוניזם און מדינת ישׂראל ווילן אונדז פאַרניכטן, נישט אויפגעברויזט ווערן, בעיקר צווישן דעם יונגן דור, טויזנטער, צענדליקער טויזנטער וואָלונטירן, וועלכע זאָלן קומען קיין ישׂראל, זיך אידענ־טיפיצירן מיט אונדז דאָ אין ישׂראל? פאַרוואָס זאָל איצט נישט עולה זיין אַ גרויסע צאָל עולים פון פאַרשידענע לענדער, כּדי צו באַווייזן דער וועלט, אַז מיר שרעקן זיך נישט פאַר די אַלע דראָונגען, אַז ייִדן קומען זיך משתּף זיין אינעם בויען די מדינה?

שטייט טאַקע די פראַגע: צי וועט דאָס ייִדישע פאָלק אויפגעטרייסלט ווערן אָדער נישט? דאָס איז די גרויסע פראַגע אין אונדזערע טעג. די ציוניסטישע מחנה דאַרף אַרויס פון די ביזאיצטיקע שאַבלאָנע מעטאָדן און אויספירן די אינספּי־רירנדיקע ראָל אין ייִדישן פאָלק צו וועלכער זי איז באַשטימט. אַ ציוניזם פון טאָטן און נישט פון רייד.

גלייכצייטיק דאַרף אין מדינת ישׂראל געשאַפן ווערן אַ באַזונדערער רעזשים, וועלכער זאָל אַנטשפּרעכן די טעג פון אויפטרייסלונג וואָס מיר לעבן איצט איבער. מיר קענען נישט ווייטער אָנגיין אין ישׂראל ווי בעכטן און אייערנעכטן. די בירגער פון ישׂראל דאַרפן דינען אַלס ביישפּיל און ווייזן די ייִדן אין דער וועלט וואָס עס הייסט זיין אַ ציוניסט אין ישׂראל. דאָס פאַרפליכט אַז דער נוסח פון לעבן אין דער מדינה זאָל אָנעמען אַ שטרענגע פאָרם, ווי עס דאַרף זיין אין דער אויסנאַם־צייט וואָס מיר לעבן איצט איבער. מען קען אין דער מדינה נישט אַוועקשטעלן דעם פּריוואַטן אינטערעס העכער ווי דעם נאַציאָנאַלן חוב. זיין אַ ציוניסט הייסט געבן מער דער געזעלשאַפט און שאַפן באַדינגונגען פון אַ מער פּראָדוקטיוו לעבן, זיך אַנטקעגנשטעלן יעדער פאַרשווענדונג און אויסמיידן אַ לוקסוס־לעבן אין לאַנד. זיין אַ ציוניסט הייסט מער אַרבעטן, מער העלפן די נייע עולים, מער אָפּפערווי־ליקייט. נאָר אַזאַ זויבער לעבן אין דער מדינה קען שאַפן די געוואָלדיקע צוציונג־קראַפט פון דער מדינה צום ייִדישן פאָלק אין די גלות לענדער, וואָס איז היינט אַזוי נייטיק.

אונדזער גורל ליגט אין אונדזערע הענט. די פירערשאַפט אין דער מדינה און אין גלות־ייִדנטום איז גערופן צו דינען אַלס ביישפּיל און אָנמערקן דעם וועג.

נישט קיין יאוש, נישט קיין היסטעריע, נאָר ענגע פאַראייניקונג אַרום די גרויסע אידעאַלן וואָס דאַרפן און וועלן פירן צו אונדזער פאַרשטאַרקונג און צו בעסערע אויסזיכטן פאַר דער צוקונפט.

נאָוועמבער 1975

שווער צו זיין אַ ציוניסט

לאָמיר נישט צעברעכן די לוחות

דאָס אידענטיפיצירן זיך פון די ייִדן אין דער וועלט אַזוי ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט אין די טעג פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה האָט בולט באַוויזן וואָסער צענטראַל אָרט מדינת ישׂראל פאַרנעמט אינעם באַוווסטזיין פון אַ גרויסן טייל פון די פאַרשידנסטע שיכטן פון די ייִדן אין דער וועלט, אַפילו פון די, וואָס זייער ייִדיש באַוווסטזיין איז שוין לאַנגע יאָרן איינגעדרימלט.

פּאַראַלעל אָבער צו דער דאָזיקער וווּנדערלעכער דערשיינונג זעענען מיר, ספּעציעל אין דער עפּאָכע פון נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, עדות דערפון, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ און דער סטודענטשאַפט ווייזן אַרויס אַ פיינטלעכע שטעלונג צום ציוניזם, צו דער מדינה און צו די ווערטן פון ייִדנטום בכלל — אַ זאַך, וואָס איז געפערלעך און וואָס פילט אונדז אָן מיט גרויס זאָרג.

דאָס שטאָלצע אידענטיפיצירן זיך פון די ייִדן אין די תפוצות מיט דער ייִדי־שער מדינה פירט זיי, אין די מערסטע פאַלן, צו דערלאַנגען פינאַנסיעלע און פּאָליטישע הילף דער מדינה, אַן ענין, וואָס דאַרף נישט גרינגגעשעצט ווערן, נאָר דאַרף — פאַרקערט — אונטערגעשטיצט און פאַרשטאַרקט ווערן, מחמת אַזאַ הילף איז אין איצטיקן שווערן מאָמענט פאַר דער מדינה ממש אַ לעבנסנויטווענ־דיקייט. די מאַטעריעלע הילף דאַרף אָבער טראָגן אַן אַלגעמיין ייִדישן כאַראַקטער און די מעטאָדן פון זאַמלען דאָס געלט דאַרפן באַקומען נייע פאָרמען.

דערפון נעמט זיך די איניציאַטיוו אויסצוברייטערן די ייִדישע אַגענץ, כדי זי זאָל דינען ווי אַ דאַך־אָרגאַניזאַציע פאַר אַלע שיכטן פון ייִדישן פאָלק, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין ווייטערדיקן קיום און אין דער פאַרשטאַרקונג פון ישׂראל.

ווען דער שרייבער פון די שורות האָט נאָך פאַרן 27־טן ציוניסטישן קאָנגרעס געבראַכט דעם פאָרשלאַג אָפּצושיידן די ייִדישע אַגענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט ער עס געטאָן זייענדיק איבערצייגט, אַז אַזאַ אָפּשיידונג איז לעבנסוויכטיק און אַז מ'דאַרף זי דורכפירן וואָס שנעלער אויב מיר ווילן נישט פאַרזוימען דעם איצטיקן שעת הכושר, וואָס איז גינסטיק אויף אַריינצוציען; די ברייטסטע ייִדישע מאַסן אין די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן פאַר דער מאַטעריעלער און פּאָליטישער הילף פאַר דער מדינה.

אין דער לעצטער צייט האָט זיך געענומען מערקן אַ וואָס אַמאָל אָפטערע קריטיק לגבי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אירע הויפּט־אויפגאַבעס. אָבער

געשען איז עס דווקא אין אַ גרויסער מאָס נישט צוליב אירע דורכפֿאַלן, נייערט צוליב אירע דערגרייכונגען, וואָס די גרעסטע פֿון זיי איז דאָס סאַמע אַנטשטיין פֿון דער מדינה. די מעכטיקע סימפּאַטיע, וואָס די ברייטסטע מאַסן אין די גלות־לענדער האָבן נישט אויפֿגעהערט אַרויסצוווייזן דער מדינה, זייער גרייטקייט צו טראָגן איר אַלע מעגלעכע פּאָליטישע און מאַטעריעלע הילף, דאָס אויסברייטערן די ציוניסטישע אַגענץ פֿאַר די ציוניסטן און נישט ציוניסטן — דאָס אַלץ זענען דערפֿרייענדיקע סימנים פֿאַר נייע דערגרייכונגען פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג. באַשטימטע אויפֿגאַבעס, וואָס זענען פֿריִער געלעגן אין דעם אויסשליסלעכן תּחום פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג זענען איצט אַריבער אין אַלגעמיין ייִדישן תּחום. דערפֿון נעמט זיך, אַז עס ווערט אַלץ מער אָפּגעווישט דער אונטערשייד צווישן אַ סתּם ייִדן, אַ סימפּאַטיקער פֿון ישׂראל און אַ ציוניסט.

ס'איז וויכטיק צו פֿאַראינטערעסירן די אַקטיוויסטן אין די פֿאַרשידענע מגבית־אַקציעס דערמיט ווי אַזוי די דאָזיקע הילף זאָל אויסגענוצט ווערן פֿאַר דער קליטה פֿון די עולים און פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון לאַנד. אַן ערנסטער פּרוּוו אויף דעם געביט איז לעצטנס געמאַכט געוואָרן מיטן צונויפֿרופֿן אין ירושלים די קאָנפֿערענץ פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכע און קליטה־באַדערפֿענישן מיט אַן ערך 200 באַטייליקטע פֿון 23 לענדער — דאָס רוב נייע מענטשן. די דעלעגאַטן האָבן דאָרט געאַרבעט אין פֿאַרשידענע קאָמיסיעס, ווי למשל: חינוך, התּישבֿות, געזונטהייט, אונטער־שטיצונג, מענטשן־כּוח אין די אַנטוויקלונגס־שטעטלעך; גאָר אַנגעזעענע מדינה־אַנפֿירערס האָבן פֿאַר זיי רעפֿערירט איבער די טעמעס, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער אַנטוויקלונג פֿון לאַנד און מיט זיינע באַדערפֿענישן.

אַזאַ אַרבעט איז אָן שום צווייפֿל אַ וויכטיקע ביז גאָר און דורך איר קען מען צוציִען צו ישׂראל נייע מענטשן. נישט מינערנדיק אָבער די חשיבֿות, וואָס ליגט אין דער דערנענטערונג פֿונעם גלעלט־געבער צו דער ייִדישער מדינה, מוז מען אָבער אונטערשטרייכן, אַז אַזאַ טעטיקייט קען בשום אופֿן נישט פֿאַרטרעטן די ציוניסטישע באַוועגונג גופֿא מיט אַלע אירע באַזונדערע אויפֿגאַבעס, בעיקר אויפֿן געביט פֿון זעלבסטפֿאַרווירקלעכונג אָן וועלכע זי וואָלט פֿאַרלוירן איר עצם עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

מיר דאַרפֿן אָוועקשטעלן אין צענטער פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג די פֿראַגע פֿון זעלבסט־פֿאַרווירקלעכונג און אַרויפֿלייגן אויף די ציוניסטן די מצוות־עשׂה, וואָס מ'מוז פֿאַרווירקלעכן. און לאָמיר זיך נישט אָפּשרעקן אויב עס וועט אין רעזולטאַט דערפֿון איינגעשרומפּן ווערן די צאָל חברים פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט דאָך די באַוועגונג קיינמאָל זיך נישט אויסגעצייכנט מיט אירע גרויסע מאַסן. איר דעצידירנדיקע השפּעה אויפֿן פֿאָלק איז תּמיד אַרויסגעדרונגען פֿונעם כּוח צו פֿאַרווירקלעכן, וועלכן עס האָבן אַרויסגעוויזן אירע חברים, ווי אמתע רעוואָלוציאָנערן. זי איז תּמיד געשטאַנען אין צענטער פֿונעם ייִדישן לעבן, האָט אָפּגעפֿרעגט איינגעוואָרצלטע אַקסיאָמעס און איז געווען דער אמתער חלוץ

פאַר דער מחנה אויפן היסטאָרישן וועג פון פאָלק צו זיין באַנייונג. היינט, נאָך מער ווי תּמיד מוז די ציוניסטישע באַוועגונג אויפהאַלטן אָט דעם כאַראַקטער־שטריך אירן און זיין דער פערמענט, וואָס שאַפט די מחנה פון די פאַרווירקלעכער, וועלכע פאַרמעסטן זיך מיט אַ גרויסן מאָראַלישן און גייסטיקן כּוח דורכצופירן היסטאָרישע אויפגאַבעס.

לאָמיר נישט זיין פאַרבלענדט בלויז פון לייזן דרינגענדיקע פּראָבלעמען. ציוניזם באַטייט אינוועסטיציע אויף אַ לאַנגער מעטע פאַר דער לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע און פאַר דער רעאַליזירונג פון אַ גרויסן אידעאַל. אָן דעם אידעאַל וועט דאָס געוועב, וואָס פאַראייניקט דאָס וועלט־ייִדנטום מיט ישׂראל קאַליע ווערן. לאָמיר נישט צעברעכן די לוחות פון ציוניזם.

דערווייליקער בילאַנס

אין משך פון דעם יאָר, וואָס איז אָפּגעלאָפן זינט דעם 27־סטן ציוניסטישן קאָנגרעס זענען געמאַכט געוואָרן ערנסטע אָנשטרענגונגען צו ענדערן די לאַגע און מ׳קאָן שוין ווי אַ דערווייליקן בילאַנס באַצייכענען אַ קענטיקע פאַרבעסערונג אויפן געביט פון דער עליה, ווי אויך דעם פאַקט, אַז עס זענען אין אַ גאַנצער ריי לענדער אַנטשטאַנען עולים־קרייזן. עס זענען אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן די גרונט־פּרינציפּן פון דעם פּראָגראַם אויסצוברייטערן די טעטיקייטן אויפן געביט פון דער יוגנט־דערציִונג; עס איז צוגעגרייט געוואָרן אַ פאָרשלאָג אויסצוברייטערן די ייִדישע אַגענץ, ס׳איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די טעטיקייט פון די מגביות; ס׳זענען געמאַכט געוואָרן די ערשטע שריט אויפצושטעלן דעם ציוניסטישן ראַט אין ישׂראל, וואָס זיין ציל איז צו פאַרטיפן די ציוניסטישע ווערטן אין דער מדינה און צו פאַרגרעסערן די געזעלשאַפטלעכע קליטה פון די נייע עולים, ווי אויך צו שאַפן אַ גייסטיקע בריק צווישן דער מדינה און די ייִדן אין די תּפוצות. אין דעם בילאַנס דאַרף מען אויך אַריינרעכענען די פאַרשידענע יוגנטלעכע און סטודענטן פון חוץ לארץ אין ישׂראל. כאָטש מיר ווייסן נאָך נישט גענוי, וואָס עס וועט זיין זייער וועג אין דער צוקונפט, וועט אָבער דער עצם פאַקט, וואָס זיי זענען געקומען אין לאַנד אַריין און זייער פאַרבינדונג דאָ אָן שום ספק אויסאיבן אויף זיי אַ השפּעה אין ציוניסטישן זין. די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף איינשפּאַנען דעם יונגן לערנענדיקן און אַרבעטנדיקן „סאַברע״, אין יאָך פון אונדזער באַפרייונג־באַוועגונג, כּדי ער זאָל זיין בכּוח צו דערנענטערן די ייִדישע יוגנט פון חוץ לארץ צו אונדזער לעבן און צו אונדזער באַוועגונג.

אויף אונדזער באַוועגונג לאַסטן אָבער גלייכצייטיק אויך שאַטנס פּאַראַלעל מיט דער סימפּאַטיע פאַר ישׂראל, וואָס הערשט אין ברייטע ייִדישע קרייזן — וואַקסט אויך די אַסימילאַציע. דער קול פון דער ציוניסטישער באַוועגונג לאָזט זיך נישט הערן מיט דער פולער קראַפט. די ציוניסטישע באַוועגונג געפינט זיך

אין דעפּענסיווע אויף די מערסטע פראָנטן אויף וועלכע זי האָט באַדאַרפט אַרויס־ווייזן שווונג און פאַרמעסט. מיר האָבן נאָך נישט געפונען דעם ריכטיקן וועג, וואָס זאָל דערגרענטערן ברייטע קרייזן פון אונדזער יונגן דור און דאָך, נישט געקוקט אויף די שאַרפע אַטאַקעס אויף איר מצד דעם „נייעם לינקס”, זענען נאָך פאַראַן אַ סך קרייזן פון יוגנט, וואָס נעמען יאָ אָן די לייזונג פון דער ייִדנפראַגע אינעם גייסט פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג.

די ציוניסטישע פעדעראַציעס, וואָס וואָלטן געדאַרפט זיין דער צענטראַלער פאַקטאָר אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, זענען פאַרגליווערט. פון צווישן 34 ציוניסטישע פעדעראַציעס זענען פאַראַן בלויז צוויי, וואָס קענען באַטראַכט ווערן ווי אָרגאַניזירטע ציוניסטישע קערפּערשאַפטן מיט אַן אייגנפּלוס: די מוסטערהאַפטע פעדעראַציע אין דרום־אַפריקע און די פעדעראַציע אין ענגלאַנד, די איינציקע אין אייראָפּע, וואָס פירט אַ מעטאָדישע און ברייטאַרומנעמענדיקע טעטיקייט.

איצט, ווען מיר גייען אָפּשיידן צווישן דער ייִדישער אַגענץ און דער ציוניס־טישער הנהלה, מוזן מיר זען אָנצופילן די פעדעראַציעס מיט אַ לעבנס־כּוח און מאַכן פון זיי אַ צענטראַלן פאַקטאָר אין ייִדישן לעבן אויף די ערטער.

אויפֿן דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וועלכן ס'איז אונדז אויסגעקומען לעצטנס צו באַזוכן, איז נאָך פאַראַן אַ שפּרודלדיק ייִדנטום מיט אַ סך סימפּאַטיע און איבערגעגעבנקייט צו ישראל. אָבער אויך דאָרט זענען די ציוניסטישע ענינים און די ציוניסטישע טעטיקייטן פאַרשטעקט אין אַ ווינקל. נישט איבערטרייבנדיק קאָן מען באַהויפּטן, אַז ווען ד"ר הערצל האָט בשעתו גערופן מ'זאָל „דעראָבערן” די קהילות, האָט ער דערמיט זיכער נישט געמיינט צו דעראָבערן זיי אויפֿן חשבון פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. און דאָס איז ליידער פאָרגעקומען אינעם רוב פון די לענדער פון דרום־אַמעריקע. אונדזערע גוטע ציוניסטן האָבן דאָרט אויפ־געבויט די קהילות אָדער דעראָבערט אין זיי די מערסטע שליסל־פּאָזיציעס, אַזוי, אַז כּמעט די גאַנצע קהילה־אַרבעט ווערט דאָרט מערסטנטייל געמאַכט דורך ציוניסטן, פילט מען דאָרט אָבער נישט די ציוניסטישע באַוועגונג ווי אַ וויכטיקן פאַקטאָר אין ייִדישן לעבן. די וועלט־אָנפירונג פון דער באַוועגונג מוז געפינען אַ וועג, ווי אַזוי אויסצומיידן אַ ריס צווישן דער קהילה און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע הן אידעיש, הן פּאַקטיש.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן שטויסט זיך דער פּרוּוו אויפצושטעלן סוף־כּל־סוף אַ ציוניסטישע פעדעראַציע, וואָס זאָל ברענגען צו אַ פּאָזיציוון קער צווישן די ייִדישע מאַסן לגבי דעם ציוניזם — אָן אויף אַ סך שוועריקייטן. ס'איז נישט נאָך גאָר נישט זיכער, אַז די פעדעראַציע וועט בקרוב אַנטשטיין, אויב די אויבער־שטע אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וועלן זיך אין דעם נישט אַריינמישן. דאָס אַלץ איז אַן איבעריקער באַווייז ווי ווייט מיר זענען הינטער־שטעליק לגבי די באַדערפענישן.

יצחק קאָרן

דער געבאָט פון דער שעה: ציוניסטישע דערציִונג און עליה

חינוך און עליה מוזן שטיין אין סאַמע צענטער פון דער ציוניסטישער זאָרג און אַקטיוויטעט. אָבער מען טאָר זיך נישט באַנוגענען מיט יידישער דערציונג אויפן שפּיץ מעסער. מ׳דאַרף אויסברייטערן די נעץ פון העברעישער דערציונג אין די גלות־לענדער הן פאַר דער יידישער יוגנט, הן פאַר דעם ייִנגערן און עלטערן דור אינטעליגענץ, וועלכע דאַרף דערנענטערן צו די אייביקע יידישע קולטור אוצרות, פאַרקלענערן די אָפּפרעמדונג צווישן ישׂראל און די תּפוצות און פאַר־גרעסערן דעם ווילן זיך פּערזענלעך אייַנצוגלידערן אין די נאַציאָנאַלע און אַלגע־מיין־מענטשלעכע יצירה־פּראָצעסן אין דער וועלט איז אַ גאַראַנטיע, אַז די דער־ציונג זאָל דערפילן די שליחות, וואָס זי האָט אויסצופירן בנוגע דעם יונגן דור.

ס׳דאַרף געשאַפן ווערן אַ „תּרבות־באַוועגונג״ אין די גלות־לענדער, וואָס זאָל גרינדן יידישע אינטעגראַלע שולן אומעטום, פאַרגרעסערן די צאָל תּלמידים ווו אַזעלכע עקזיסטירן שוין, פאַרבעסערן און אויסברייטערן די לימוד־פּראָגראַמען, שאַפן עלטערן־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלן אַרומרינגלען די שולן מיט זייער וואַ־רעמקייט און זאָרג. ס׳דאַרפן אומעטום אויפגעשטעלט ווערן צענטערס פון ישׂראל־קולטור און אַנטשטאַלטן פאַר דערוואַקסענע צו לערנען עברית, פאַרגרעסערט ווערן די צאָל פון לערער־סעמינאַרן אין גלות. ישׂראל מוז צוהעלפן דאָס אַלץ צו פאַר־ווירקלעכן, אָבער אָן דער מאָביליזאַציע צווישן די יידישע קיבוצים אין די לענ־דער גופא — וועט גאָרנישט קענען דערגרייכט ווערן. און אויב די קולטור־אַרבעט וועט נישט אויסגעברייטערט ווערן, איז פאַראַן אַן ערנסטע געפאַר, אַז דאָס, וואָס איז שוין יאָ פאַראַן זאָל גיין לאיבוד.

די חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען מיט זייער געבענטשטער אַרבעט שטעלן מיט זיך פאָר נישט מער ווי אַ טראָפּן אינעם גרויסן יידישן גלות־ים. מ׳דאַרף זיי דער־מוטיקן און אַנטוויקלען. אַן ערנסטער פּרווו אין דעם זין איז לעצטנס געמאַכט געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מ׳דאַרף ווידמען אַ סך אויפמערקזאַמקייט די אַלגעמיינע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און בעיקר די יידישע סטודענטן, וואָס בילדן דעם רוב פון די כלערליי „היפּיס״, „בייעם לינקס״ און „אַלטן לינקס״. ביז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט געהערשט די מיינונג, אַז „די אידעאָלאָגיע איז אָפּגע־שטאָרבן״ אין דער וועלט. זינט די לעצטע 3 יאָר זעט זיך אַרויס דאָס פאַרקערטע. אין דער יוגנט אין דער וועלט, אַריינגערעכנט דער אַמעריקאַנער, שטעקט אַ גרוי־סער זאַפּאַס אידעאָלאָגיע, אָבער די יוגנט האָט נאָך אירע מיינונגען נישט אויס־קריסטאַליזירט און האָט נאָך איר וועג נישט געפונען. נישט אַלע יידישע יוגנט־לעכע זענען „משומדים להכעיס״, נישט אַלע זענען קעגנעריש געשטימט צו ישׂראל. אַ סך פון זיי הערן זיך צו מיט אַן אָפן אויער צו די ישׂראל־פּראָבלעמען און זענען גרייט זיי אויפצונעמען. מיר מוזן בלויז געפינען דעם וועג צו זיי.

מיר זענען נישט אָרעם אין טאָטן. דאָס גרויסע אויפבוי־ווערק אין לאַנד,

דער דעמאָקראַטישער רעזשים, באַזירט אויף סאָציאַלן יושר, אויף פּערזענלעכער פּרייהייט, דאָס דערמוטיקן די איניציאַטיוו פֿונעם יחיד און פֿון כּלל, דאָס פּאַר־טיפֿן די ווערטן פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור, די אינטעגראַציע פֿון הונדערטער טויזנטער עולים אין גייסט פֿון געטריישאַפֿט צו די סאָציאַלע פּרינציפּן און איבער אַלעם די ישׂראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט געדינט ווי אַ שמעלצטאָפּ פֿאַרן אויספֿורעמען דעם נייעם ייִדישן מענטשן און די גערעכטע געזעלשאַפֿט באַזירט אויף גלייכקייט און וואָס האָט אויך געשאַפֿן דעם פּאָליטישן רעזשים אין לאַנד — דאָס אַלץ קען דינען ווי אַן ערנסטער אַרויסרוף פֿאַר דער ייִדישער יוגנט און דעם ייִדישן מענטשן אין דער וועלט. ישׂראל איז נאָך דערווייל נישט קיין פֿאַרפֿולקאָמטע געזעלשאַפֿט אין וועלכער עס ווערן רעאַליזירט אידעען אָן שום שטערונגען. ישׂראל איז אַ ייִדישע סוווערענע מדינה, וואָס האַלט זיך אין אויסקריסטאַליזירן אין אַ פּראָצעס פֿון ראַנגלענישן און קריזיסן און זי איז אָפֿן פֿאַר יעטוועדן סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן עקספּערימענט. באַטייליקן זיך אין דעם אַלעם איז אַן אַרויסרוף פֿאַר ייִדישן יוגנטלעכן, וואָס זוכט זיין וועג. דערמיט קען מען צו אים קומען און אים אויך געווינען.

אָבער דער עיקר פֿון די אָנשטרענגונגען פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אונדזערע טעג דאַרף זיין אויפֿן געביט פֿון עליה, וואָס פֿאַר איר מוז געשאַפֿן ווערן דער גינסטיקער קלימאַט צווישן די ייִדן אין די תּפֿוצות. דאָס פֿאַרפֿליכט אויך נישט ווייניק די מדינה, זי זאָל צוגרייטן גרעסערע קליטה־מעגלעכקייטן אין לאַנד, אַן ענין, וואָס שטעלט אַוועק דאָס קליטה־מיניסטעריום פֿאַר אַ גרויסן עק־זאַמען. פֿון איין זייט דאַרף מען אין לאַנד טאָן אַלץ, כּדי צו פֿאַרלייכטערן די עולים זייער אינטעגרירן זיך — פֿון דער אַנדערער זייט דאַרף אין די פֿאַרשידענע לענדער זיך שטאַרק אָנשטרענגען און אויסברייטערן די דאָרט אַנטשטאַנענע עליה־באַוועגונג. דאָס קאָן געמאַכט ווערן נאָר דאַן, ווען די באַוועגונג וועט זיין אַ זעלבשטענדיקע אין דער ראַם פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג. עס מוז פֿאַר איר געשאַפֿן ווערן אַ וועלט־צענטער, — ביים פּרעזידער פֿון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, — וואָס זאָל באַשטיין פֿון פֿאַרשטייערס פֿון די עליה באַוועגונגען אין די לענדער, פֿון די חברים פֿון דער עליה־באַוועגונג, וואָס זענען שוין עולה געוועזן און געפֿינען זיך אין לאַנד און קענען די פּראָבלעמען פֿוןביידע זייטן, ווי אויך פֿון פֿאַרשטייערס פֿון די וועלט־פֿאַרבאַנדן פֿון די ציוניסטישע פּאַרטייען. ווייל כאָטש מיר זענען אַלע מסכּים, אַז די עליה־באַוועגונג איז אַן איבער־פּאַר־טייאישע באַוועגונג און אַז געהערן צו איר קאָן יעדער איינער, וואָס גרייט זיך עולה צו זיין, מעג ער זיך יאָ אָדער נישט האַלטן פֿאַר אַ ציוניסט, מוז אָבער דער שטויס צו דער אַנטוויקלונג פֿון דער באַוועגונג געמאַכט ווערן דורך די ציוניס־טישע פּאַרטייען גופֿא, וואָס דאַרפֿן זיך איינשפּאַנען דערצו מיט זייער גאַנצן כּוח. אַזאַ צענטראַלע קערפּערשאַפֿט, אין אַזאַ צוזאַמענשטעל, וועט געבן דער עליה־באַוועגונג אַ נייעם שוווּנג און געבן די חברים אירע די מעגלעכקייטן אַליין

אָנצופירן מיט זייערע ענינים אין דער ראָש פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די היינטיקע עליה־באַוועגונג איז טיילווייז ענלעך צו דעם „החלוץ" פון אַמאָל. פאַקטיש איז זי אַ מין מאָדערנער „החלוץ", ווען די היינטיקע באַדינגונגען דיקטירן דעם פאַרנעם און מעטאָדן פון זיין אַרבעט.

דער אמת איז, אַז ס'איז נישטאָ עפּעס אַנדערש, וואָס קען פאַרבייטן די ציוניסטישע באַוועגונג, מ'דאַרף בלויז אַלץ טאָן, כדי זי צו באַנייען, ווייל זי איז לעבנסוויכטיק סיי פאַרן פאָלק אין די תפוצות סיי פאַר דער מדינה ישׂראל.

יולי 1969

ציוניזם, מדינת ישׂראל און די אַראַבישע מינדערהייט

די שטורמישע געשעענישן, וואָס קומען איצט פֿאָר אויף די פֿאַרשידנסטע געביטן פֿון אונדזער לעבן — בעיקר אין מדינת ישׂראל, וואָס האָט איצט אויסצו־שטיין אַ שווערן גוראַנגל פֿאַר איר עצם קיום — באַפֿרייען אונדז נישט פֿון אונדזער חוב זיך צו באַשעפֿטיקן מיט אַ פֿראַגע וואָס קען, אויפֿן ערשטן אויגנ־בליק, אויסזען ווי אַ נישט אַקטועלע און אַ נישט פֿאַרבונדענע מיטן צענטראַלן פּראָבלעם אונדזערן. דאָס איז די פֿראַגע פֿון דער אַראַבישער מינדערהייט אין דער ייִדישער מדינה. אונדזער באַציִונג צו דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד איז נישט נאָר אַן אינערלעך ישׂראלדיקער ענין, נאָר האָט אויך אַ סך אויסווירקונגען אין דער ייִדישער און ציוניסטישער וועלט און אַפֿילו אין דער ברייטער וועלט בכלל, מחמת זי קען צוגעבן אַזאַ אָדער אַנדער באַפֿאַרבונג דעם אימאַזש פֿון ציוניזם.

פֿון אירע ערשטע יאָרן אָן האָט די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס איר ענדציל איז געווען צו דערגרייכן די לייזונג פֿון דער ייִדנפֿראַגע אין דער וועלט דורך שאַפֿן אַ ייִדישע מדינה, זיך מאָביליזירט אין קאַמף פֿאַר די נאַציאָנאַלע און בירגערלעכע רעכט פֿון די ייִדן אויף די ערטער. גענוג צו דערמאָנען די העלסינגפֿאָרסער קאָנפֿערענץ פֿון 1906, וואָס איז אַרויס מיט דער לאָזונג פֿון „קעגנוואַרט־אַרבעט". די אַרבעט אין די גלות־לענדער פֿון אַ ריי פֿירנדיקע ציוניסטישע טוערס מיט ד"ר לעאָ מאָצקינען בראש האָט שפּעטער געבראַכט צו דער פֿאַרצווייגטער טעטיקייט אַרום דער ווערסאַלער שלום־קאָנפֿערענץ פֿון 1919 און צום שאַפֿן פֿונעם „קאָמיטעט פֿון די ייִדישע דעלעגאַציעס", וואָס אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק אים, האָט דער ווערסאַלער טראַקטאַט פֿאַרזיכערט די רעכט פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין די ניי־אַנטשטאַנענע מלוכות אין מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע, רעכט וואָס זענען לײַדער, צוליב פֿאַרשידענע סיבות, שפּעטער נישט אָפּגעהיט געוואָרן. ס'איז אָבער כּדאַי אונטערצושטרייכן, אַז שוין דאַן, ביים סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן די ציוניסטישע פֿירערס פֿאַרשטאַנען, אַז כּדי צו קעמפֿן פֿאַר די רעכט פֿון די ייִדן אויף די ערטער (בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע), מוז געשאַפֿן ווערן אַ באַזונדערע ייִדישע זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס טאָר נישט זיין אידענטיש מיט דער ציוניסטישער, וועמענס ציל איז צו שאַפֿן די ייִדישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישׂראל.

אין יאָר 1936 איז די דאָזיקע זעלבסשטענדיק ייִדישע אָרגאַניזאַציע אין וועלט־מאַסשטאַב געשאַפֿן געוואָרן אין דער פֿאָרעם פֿון „ייִדישן וועלט־קאָנגרעס", וואָס שטייט, זינט דאַן, און ספּעציעל זינט דעם סוף פֿון דער צווייטער וועלט־

מלחמה, אויף דער וואָך פון די ייִדישע אינטערעסן אין פאַרשיידענע לענדער, ווו זייערע רעכט זענען אָנגערירט געוואָרן.

די ציוניסטישע באַוועגונג און דאָס אַראַבישע פּראָבלעם

די ציוניסטישע ווירקלעכקייט האָט אונדז אַוועקגעשטעלט פאַרן פאַקט, אַז אין דער ייִדישער מדינה געפינט זיך אַן אַראַבישע מינדערהייט. וואָס דאַרף זיין אונדזער שטעלונג, פון ציוניסטישן שטאַנדפּונקט, לגבי דער דאָזיקער מינדערהייט?

אין די ערשטע צייטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט די אַראַבישע פּראָגע נישט פאַרנומען קיין צענטראַל אָרט אין דער ציוניסטישער פּראָבלעמאַטיק. הערצל, וואָס האָט מיט אַלע איינצלהייטן אויספּלאַנירט דעם גאַנג פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, האָט כּמעט אַרויסגעלאָזט פון אויג די אַראַבישע פּראַגע. זיין הויפּט־זאָרג איז געווען די לייזונג פון דער ייִדנפראַגע אין גלות דורכן שאַפן פון אַ ייִדישער מדינה און צוגרייטן דערצו דעם מכשיר, וואָס זאָל דינען צו דער־גרייכן דעם דאָזיקן ציל — די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

ערשט צוואַנציק יאָר שפּעטער, נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, שטויסט זיך די ציוניסטישע אָנפירערשאַפט, אין דער ערשטער ריי ד״ר ח. ווייצמאַן, אָן אין דער אַראַבישער פּראַגע. ער פאַרשטייט, אַז אויב מיר ווילן דערגרייכן אונדזער ציל אין א״י, מוז מען זוכן וועגן זיך צו פאַרשטענדיקן מיט די אַראַבישע פאַר־שטייערס. ער טרעפט זיך דאַן מיטן עמיר פייצאַל, וואָס איז דעמאָלט געווען דער אָנערקענטער אָנפירער פון דער אַראַבישער וועלט, און ס׳געלינגט אים אונטער־צושרייבן מיט אים אַן אָפּמאַך, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז „אין די קומענדיקע געזעצן דאַרפן אָנגענומען ווערן אַלע מיטלען צו פאַרזיכערן דאָס רעאַליזירן פון דער דעקלאַראַציע פון דער בריטישער רעגירונג פון 2טן נאָוועמבער 1917. דאָס מיינט, פאַרטייטשט דער אָפּמאַך גופא: „דערמוטיקן און צואײלן די עליה פון ייִדן, זייער באַזעצן זיך אויפן באָדן און דאָס אינטענסיווע באַארבעטן די ערד. דערביי דאַרפן פאַרזיכערט ווערן די רעכט פון די פּעלאַכן און פון די, וואָס זיצן אויף געפּאַכטעטער ערד און צוהעלפן צו זייער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג״.

אָבער גאָר שנעל האָט זיך דער אָפּמאַך צווישן ווייצמאַנען און פייצאַלן אָנ־געשטויסן אויף שוועריקייטן. די אַראַבישע אָנפירערשאַפט איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די עקסטרעמע קרייזן, וואָס האָבן געענטפערט אויפן ציוניסטישן אויפבוי־ווערק מיט שׂינאה, העצעס און פּאָגראָמען. די לאַגע האָט אָנגעהאַלטן כּסדר, פון 1918 ביז צום אַנטשטיין פון דער מדינה אין יאָר 1948.

דאָס האָט די ציוניסטישע פאַרווירקלעכער נישט אָפּגעהאַלטן אין זייער ווערק. אין אָנהייב האָט די פייַנטלעכע שטעלונג מצד די אַראַבער אין אַ געוויסער מאָס ביטער איבעררעַשט די ציוניסטישע מחנה, וואָס איז געווען איבערצייגט, אַז מיט איר טעטיקייט אין לאַנד ברענגט זי אויך גרויסן עקאָנאָמישן נוצן דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וועלכע געניסט אָביעקטיוו פון דעם ייִדישן אַנטוויקלונג־ווערק.

לײדער, האָט אַזאַ אַרגומענטאַציע זיך אָנגעשטויסן אויף פאַרשטאָפּטע אויערן אינעם אַראַבישן לאַגער, וואָס האָט געטענהט, אַז ער וויל נישט קיין הילף, וואָס קומט פון פרעמדע. אַן אַראַבישער פירער, מוסאַ עלמי, איינער פון די אָרנטלעכסטע און אויפריכטיקסטע אינעם אַראַבישן לאַגער, האָט אין אַ שמועס מיט בן־גוריונען און שרתן, וועלכע האָבן אים געפּרוווט איבערצייגן אין דער נוצלעכקייט פון דעם ציוניסטישן ווערק פאַר די אַראַבער גופא, אָפּן געענטפערט, אַז אים איז ליבער, אַז דאָס לאַנד זאָל פאַרבלייבן אָרעם און פוסט אַפילו נאָך הונדערט יאָר, ביז די אַראַבער וועלן מיט זייערע אייגענע כּוחות קענען עס אַנטוויקלען, איידער צו געניסן פון די טובות, וואָס שפּראָצן אָביעקטיוו אַרויס פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. (בן־גוריון ברענגט עס אין זיין בוך „באַגעגענישן מיט אַראַבישע פירערס").

די אַראַבישע פאָדערונגען זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל האָפערדיקער: אָפּשטעלן די עליה, פאַרווערן דעם באָדן־פאַרקויף און אויפשטעלן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע נאַציאָנאַלע פאַרטרעטערשאַפט מיט אַ פּאַרלאַמענט, וואָס זאָל אויסגעוויילט ווערן דורך די איינוווינערס פון לאַנד. דאָס האָט באַדייט אָפּשטעלן דאָס ציוניסטישע ווערק.

ס'זענען געווען צווישן די ציוניסטישע מנהיגים אַזעלכע, וואָס האָבן שטאַרק געשטרעבט, צוליב געוויסן און מאָראַל־מאָטיוון, צו דערגיין צו אַ פאַרשטענדעניש מיט די אַראַבער, באַמיענדיק זיך אַלץ צו טאָן, כּדי זיי נישט צו באַוועלטיקן אויפן קלענסטן אופן. איינער פון אָט די ציוניסטישע אָנפירערס איז געווען ד"ר רופּין, וואָס האָט צוזאַמען מיט אַנדערע געשאַפן דעם „ברית שלום" אין יאָר 1926. אָבער גאָר שנעל האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין שום אויסזיכט פאַר אַ צונויפרעדן זיך און ער האָט פאַרלאָזט דעם „ברית שלום". ער איז דערגאַנגען צו דער מסקנה, אַז קיין שום בי־נאַציאָנאַלער אויסוועג וועט נישט ברענגען קיין הילף דעם ציוניסטישן אויפבוי־ווערק און אַז דער איינציקער מיטל פאַר אונדז איז צו פאַרשטאַרקן אונדזער כּוח אין א"י, וואָס נאָר ער איז עלול צו ברענגען מיט דער צייט אַן ענדערונג פון דער אַראַבישער איינשטעלונג כּלפּי אונדז, ווען זיי וועלן זיך איבערצייגן, אַז זיי קענען דעם כּוח נישט פאַרניכטן.

נאָך די בלוטיקע געשעענישן פון יאָר 1936, האָט די בריטישע רעגירונג נאָמינירט די א. ג. „פּיל־קאָמיסיע", וועמענס אויפגאַבע ס'האָט געדאַרפט זיין זוכן אַ יסודותדיקע לייזונג פאַר דער געשאַפענער לאַגע אין לאַנד. די דאָזיקע קאָמיסיע האָט, נאָך אירע אויספאָרשונגען און עדות־אויפנעמען, פאָרגעשלאָגן דאָס צעטיילן דאָס לאַנד צווישן יידן און אַראַבער (חלוקה־פּלאַן) ווי דעם איינציקן אויסוועג צו לייזן דעם יידיש־אַראַבישן פּראָבלעם אין ארץ ישׂראל.

געווען איז עס אַ געוואַגטער שריט, וואָס האָט זיך גערעכנט מיט דער ווירקלעכקייט אין לאַנד, וועלכע האָט באַוויזן, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין מעגלעכקייט צו געפינען אַ פּשרה צווישן דעם אַראַבישן און דעם יידישן צוגאַנג און אַז נאָר אַן

אויסוועג פון מלוכישער זעלבשטענדיקייט פאַר יעדן פון בײדע צדדים קען ברענ־גען צו אַ לייזונג.. כאָטש דער פּיל־פאָרשלאַג איז נישט אָנגענומען געוואָרן, האָט ער אויסגעטראָטן דעם וועג צו אַן אָנטשיידונג אויפן וועג פון חלוקה.

דער חלוקה־פאָרשלאַג האָט אויפגערודערט בײדע לאַגערן, דעם ציוניסטישן און דעם אַראַבישן. דער 20סטער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1937 אין ציריך, האָט דורכגעפירט אַ שטורמישע דעבאַטע אין דעם ענין און כאָטש ער דריקט אויס אין אַ טייל פון זײַנע רעזאָלוציעס זײַן קעגנער־שאַפט צו אַ רײ מסקנות פון דער פּיל־קאָמיסיע און שטעלט זיך אַנטקעגן דעם פּלאַן אַזוי ווי ער איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן, באַאויפטראָגט ער אָבער אין דער זעלבער צײַט די עקזעקוטיווע צו פירן אונטערהאַנדלונגען, כדי אויפצוקלערן דעם ענין פון גרינדן אַ ייִדישע מדינה אין א״י, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן אין דעם פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע.

און נישט צופעליק זאָגט זיך אין איינער פון די רעזאָלוציעס: „דער קאָנ־גרעס באַשטעטיקט ביי דער געלעגנהייט די דערקלערונגען פון די פריערדיקע קאָנגרעסן, וואָס דריקן אויס די גרייטקייט פון ייִדישן פאָלק צו דערגיין צו אַ שלום מיטן אַראַבישן ייִשוב אין א״י אויפן יסוד פון קעגנזײַטיקן אָנערקענען די רעכט און די אַנטוויקלונגס־פרײַהייט פון בײדע פעלקער״.

די פראַגע פון דערגרייכן אַ שלום מיט די אַראַבער איז נישט אַראָפּ פון סדר־היום אין די פינצטערסטע טעג פון אונדזער גראַנגל פאַר אונדזער ווערק אין א״י. די כסדר וואַקסנדיקע העץ־קאַמפּאַניע פון די אַראַבער און די בלוטיקע פּאָגראָמען קעגן דעם ייִדישן ייִשוב האָבן געבראַכט דערצו, אַז די בריטישע מאַנדאַט־מאַכט האָט — נאָכן „רונדן טיש״ פון יאָר 1938 — זיך אונטערגעגעבן דעם אַראַבישן דרוק און פאַרעפנטלעכט דעם „ווייסבוך״, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ בפירושן פאַרראַט כלפּי דעם ייִדישן ייִשוב און אַ פּרווו צו דערשטיקן דאָס ציוניסטישע אויפבוי־ווערק אין לאַנד. דאָס „ווייסבוך״ האָט אויפגעטרייסלט נישט נאָר דאָס ייִדישע פאָלק, נאָר אויך די קרייזן, וואָס האָבן אויפריכטיק געזוכט אַ יושרדיקע לייזונג פאַרן ייִדיש־אַראַבישן פּראָבלעם. דער ייִדישער ייִשוב און דאָס ייִדישע פאָלק אין דער וועלט האָבן זיך מאָביליזירט קעגן אים. אָבער נישט גע־קוקט אויף דער גאַנצער פאַרביטערונג און כעס קעגן דער מאַנדאַט־מאַכט, האָט דער ייִשוב, אין מאָמענט ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, פאַרשטאַנען, אַז זײַן חוב איז צוצושטיין צום קאַמף קעגן דער היטלער־געפאַר און האָט מאָביליזירט זײַנע בעסטע קינדער צו העלפן ענגלאַנד אין דער מלחמה קעגן די נאַציס.

די ציוניסטישע אָנפירערשאַפט האָט אין די טעג פון העכסטער מלחמה־שפּאַ־נונג נישט אויפגעהערט צו ראַנגלען זיך פאַר עליה און פאַר די רעכט צו אַנט־וויקלען דאָס לאַנד. ד״ר ווייצמאַן האָט אינעם נומער פון יאַנואַר 1942 פון דער אַנגעזעענער פּאָליטישער צײַטשריפט „פאָרײן אַפערס״ אין ניו־יאָרק, פאַרעפנט־

לעכט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט פֿאַרלאַנגט פֿון דער אַמעריקאַנער אָפֿיציעלער עפֿנטלעכקייט, זי זאָל אונטערשטיצן דאָס גרינדן אַ ייִדישן מדינה נאָך דער מלחמה, אונטערשטרייכנדיק דערביי דעם גרויסן נוצן, וואָס אַזאַ ייִדישע מדינה קען ברענגען דער פֿרייער וועלט. דערביי פֿאַרפֿעלט ער נישט זיך אָפּצושטעלן אויף דעם מצב פֿון די אַראַבער, וואָס וועלן פֿאַרבלייבן אין די גרענעצן פֿון דער ייִדי־שער מדינה: „אין אַזאַ מדינה וועט הערשן פֿולע גלייכקייט, בירגערלעכע און פּאָליטישע, פֿאַר אַלע בירגער אָן אויסנאָם פֿון אָפּשטאַם און פֿון רעליגיע און אויסער דעם וועלן די אַראַבער געניסן פֿון פֿולער אויטאָנאָמיע אין זייערע אינער־לעכע ענינים. די אַראַבער, וואָס וועלן נישט וועלן פֿאַרבלייבן אין דער ייִדישער מדינה, וועט מען געבן די מעגלעכקייט אַריבערצוגיין אין איינער פֿון די מערערע ברייט־שטחימדיקע אַראַבישע מדינות... אויב ס'וועט נייטיק זיין, וועלן מיר אויך זיין גרייט צו באַהאַנדלען די פֿראַגע וועגן אָנשליסן זיך אין אַ פֿעדעראַציע פֿון אַראַבישע מדינות, אונטער אַנטשפּרעכנדיקע באַדינגונגען". בערל כּצנלסון שרייבט אין יענער צייט אין זיינעם אַ מאמר אין דער זאַמלונג „בכור" (שי"ז) צווישן אַנ־דערן: „מעגלעך, אַז עס וועלן געשאַפֿן ווערן בייע ראַמען און מיר וועלן דאַרפֿן קעמפֿן דערפֿאַר, אַז דער חורן און דער ליטאַניס זאָלן אַריינגענומען ווערן אין דער ארץ ישׂראלדיקער ראַם. מעגלעך, אַז ס'וועט נאָך אין אונדזערע טעג אַרויפֿ־שווימען די פֿראַגע וועגן אַ באַפֿעלקערונג־אויסטויש. איך גלייב, אַז דאָס איז אַ לעבנס־פֿראַגע אי פֿאַר אונדז אי פֿאַר זיי. זי קען געלייזט ווערן דורך אַ הסכּם און דורך איינשטעלן באַציִונגען צווישן שכנותדיקע פֿעלקער". אין דער זעלבער זאַמלונג איז אויך פֿאַראַן אַן אַרטיקל פֿון עקיבא עטינגער, וואָס שטעלט זיך ברייט אָפּ אויף דער נויטווענדיקייט דורכצופֿירן אַ באַפֿעלקערונג־אויסטויש, ווי אַ וועג צו אַ לייזונג פֿון סיכסוכים צווישן פֿעלקער.

די דריי יאָר זינט דעם סוף פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דער אַנט־שטייונג פֿון דער מדינה זענען געווען פֿול מיט בלוטיקע ראַנגלענישן קעגן דער פֿיינטלעכער מאַנדאַט־מאַכט און די אַראַבער, וועלכע זי האָט דערמוטיקט אין זייער קעגנערשאַפֿט צום ייִשוב און צום ציוניזם. אַלע פּרוּוון מצד דער ייִדישער פֿירערשאַפֿט צוניפֿצורעדן זיך מיט די אַראַבער זענען דורכגעפֿאַלן. ביז ס'איז גע־קומען דער באַשלוס פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער וועגן טיילן דאָס לאַנד צווישן די ייִדן און די אַראַבער (נאָוועמבער 1947) און דעם 14טן מאַי 1948 איז פּראָ־קלאַמירט געוואָרן די ייִדישע מדינה.

די אַראַבישע מינדערהייט אין דער ייִדישער מדינה

נישט געקוקט דערויף, וואָס די מדינה איז אַנטשטאַנען קעגן דעם ווילן פֿון די אַראַבער איז אין דער אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע בפֿירוש אונטערגעשטראָכן געוואָרן די מערכה פֿון די אַראַבער, וואָס זענען פֿאַרבליבן און ווילן אין דער

מדינה פאַרבלייבן. „די מדינה ישׂראל — ווערט אין איר געזאָגט — וועט זיין אָפן פאַר דער עליה און פאַר קיבוץ־גלויות; זי וועט זאָרגן פאַר דער אַנט־וויקלונג פון לאַנד און פאַר דער טובה פון אַלע אירע איינוווינערס, זי וועט זיין געגרינדעט אויף יסודות פון פרייהייט, צדק און שלום אין הסכם מיטן אידעאַל פון די ייִדישע נביאים; זי וועט פאַרזיכערן פולע גלייכהייט פון געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע רעכט פאַר אַלע בירגער אָן אונטערשייד פון רעליגיע, אָפּשטאַם און געשלעכט; פרייהייט פון רעליגיע, געוויסן, שפּראַכן, דערציונג און קולטור; זי וועט אָפּהיטן די הייליקע ערטער פון אַלע רעליגיעס און וועט זיין געטריי צו דער שאַרטע פון די פאַראייניקטע פעלקער".

גלייך צו מאָרגנס, נאָך דעם ווי ישׂראל האָט פּראָקלאַמירט איר זעלבשטענ־דיקייט, זענען פינף אַראַבישע אַרמייען באַפאַלן די ייִדישע מדינה מיט דער טע־טיקער הילף פון די ישׂראלדיקע אַראַבער, מיטן אויסדריקלעכן ציל זי פיזיש צו פאַרניכטן. די אַראַבישע באַפעלקערונג האָט גענומען אַנטלויפן פון לאַנד אויפן באַפעל פון אירע פירערס, וואָס האָבן איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט באַלד צוריק־קומען און אפילו ירשנען דאָס האָב־און־גוטס פון די ייִדן, ווען זיי האָבן גע־האַפט גאָר שנעל מנצח צו זיין און אַריינוואַרפן אין ים אַריין. דער גורל האָט באַשטימט אַנדערש. די אַראַבער האָבן געליטן אַ צעשמעטערנדיקע מפּלה און דער גרעסטער טייל פון די ישׂראלדיקע אַראַבער איז פאַרבליבן אין דרויסן ווי פּליטים.

געוווּג לאַנג האָט געדויערט ביז די ייִדישע מדינה האָט באַוויזן כאָטש טייל־וויַיז צו לייזן אירע ווירטשאַפטלעכע, געזעלשאַפטלעכע און זיכערקייט־פּראָב־לעמען און אָנהייבן אָרגאַניזירן אַ רעגולערער מלוכה־לעבן. שווערע געפאַרן האָבן נישט אויפגעהערט צו לויערן אויף איר פון דרויסן און פון אינעווייניק. אָבער ווי נאָר אַ נאָרמאַל לעבן האָט זיך גענומען איינשטעלן, האָט די רעגירונג באַשלאָסן צו ווידמען איר אויפמערקזאַמקייט דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד און איר דערמעגלעכן אַ ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג. די פאַ־ראַנטוואָרטלעכע רעגירונג־פאַקטאָרן האָבן, פאַרשטייט זיך, שטאַרק אַכטונג גע־געבן דערביי אויפן זיכערקייט־אַספּעקט, אַ זאַך, וואָס איז אין יענע צייטן געווען אַ פולשטענדיק באַגרינדעטע. ס'איז איינגעפירט געוואָרן דער מיליטער־רעזשים (ממשל צבאי) פאַר אַ טייל פון די היגע אַראַבישע איינוווינערס, בעיקר פון די גרענעץ־געביטן, וואָס האָט געטראָגן אַ ריינעם זיכערקייט־כאַראַקטער און האָט בשום אופן נישט געצילט צו דערדריקן אָדער דיסקרימינירן אפילו אַ טייל פון דער אַראַבישער מינדערהייט. ווען מען פאַרגלייכט היינט די רעזולטאַטן פון די 20 יאָר באַציונגען פון דער ישׂראל־מאַכט צו דער אַראַבישער מינדערהייט מיטן ביטערן גורל פון די ייִדישע מינדערהייטן אין די אַראַבישע לענדער, זעט מען תּיכּף אַרויס דעם גרינטלעכן אונטערשייד צווישן זיי. פון איין זייט — אַ הומאַניזם באַגלייט דורך פאַרזיכטיקייט, פון דער צווייטער — אַן אַכזריותדיקע נקמה אין אַ

הייפּל שוואַכע און אומבאַהאָלפֿענע מענטשן. די ישׂראל־רעגירונג האָט זיך נישט געמישט אין די פּריוואַטע פֿירונגען פֿון די היגע אַראַבער און האָט זיי אַפֿילו דערמוטיקט צו פֿאַרבעסערן זייערווירטשאַפֿט. צום סוף איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן דער מיליטערישער רעזשים, אַ זאַך, וואָס האָט דערמעגלעכט די אַראַבער זיך נאָך מער איינצוגלידערן אין דעם עקאָנאָמישן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון לאַנד. גענוג צו פֿאַרגלייכן דעם מצב פֿון די אַראַבער אין ישׂראל מיט דעם פֿון די אַראַבישע לענדער, כּדי צו זען דעם גרויסן אונטערשייד צווישן זיי.

ס'לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף עטלעכע כאַראַקטעריסטישע פֿאַקטן: פֿון די בערך 100 טויזנט נפֿשות, וואָס דער אַראַבישער יישוב האָט געציילט אין לאַנד נאָך דער באַפֿרייונג־מלחמה איז ער במשך די 20 יאָר אויסגעוואַקסן ביז 400 טויזנט (אַריינגערעכנט די 32 טויזנט דרוזן, וואָס האָבן באַוויזן זייער געטרייִשאַפֿט און אידענטיפֿיצירונג מיט דער מדינה ווי אויך די אַראַבער פֿון מזרח־ירושלים). די אַראַבישע באַפֿעלקערונג האָט אַ הויכן נאַטירלעכן צוּוווּקס און אַ נידעריקע שטאַרביקייט, אַ דאַנק די גינציקע עקאָנאָמישע און סאַניטאַרישע באַדינגונגען אין וועלכע זי לעבט דאָ אין לאַנד. אי די מוסולמענער, אי די קריסטן, געניסן פֿון פֿולער רעליגיעזער פֿרייהייט. די באַפֿעלקערונג, וואָס איז פֿריער אין איר גרעסטער מערהייט קאָנצענטרירט געווען אין די דערפֿער, האָט לעצטנס אַ דאַנק דער אויסגעברייטערטער שול־נעץ, וואָס איז פֿאַר איר איינגעפֿירט געוואָרן, אַרויסגעגעבן פֿון זיך אַלץ מער נייע קאַדרען, וואָס שטרעבן זיך צו באַזעצן אין די שטעט און איינגלידערן זיך אין נייע פּראָפֿעסיעס. אַ סך אַראַבישע פּויערים באַנוצן זיך שוין היינט מיט לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינען, אַפֿילו מיט טראַקטאָרן און קאָמביינען, אַ זאַך, וואָס האָט שטאַרק געהויבן די אויסגיביקייט פֿון זייער אַגריקולטור. די אַראַבישע מינדערהייט — אויך די יעניקע, וואָס האָבן אין האַרצן נישט משלים געווען מיט דער יידישער מדינה — פֿילט, אַז ס'לעבט זיך איר גוט אין דער מדינה און אַז יעדע אָפּפֿרעמדונג פֿון איר, קען זיך פֿאַר איר אויסווירקן בלויז צום שלעכטן.

אויך אויפֿן געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישן געביט מערקט זיך ביי דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג אין ישׂראל אַ גרויסע פֿאַראינטערעסירונג. זי ווײַלט אויס איר פֿאַרשטייערשאַפֿט אין אירע דאָרפֿישע, שטאָטישע און אַנדערע רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפֿטן, ווי אויך צו דער כּנסת. דערמיט אינטעגרירט זי זיך פּאַקטיש אינעם עפֿנטלעכן לעבן פֿון דער מדינה און ווייזט מערסטנס אַרויס אַ באַציונג פֿון צוזאַמענאַרבעט און פֿאַרשטענדעניש צו איר. די זעקסטאָגיקע מלחמה איז פֿאַר איר געווען אַ שווערער עקזאַמען און זי האָט אים אין איר גרעסטער מערהייט אויסגעהאַלטן, אַרויסווייזנדיק איר טרייִשאַפֿט:

אונדזער פּאָזיטיווע באַציונג צו דער אַראַבישער מינדערהייט דרינגט אַרויס פֿונעם עצם כאַראַקטער פֿון אונדזער געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישן רעזשים, וואָס

איז געבויט אויף די פּרינציפּן פון פּראָגרעס און דעמאָקראַטיע, וועלכע האָבן געפירט צו דער אַנטשטייונג פון דער מדינה. איז דאָך אונדזער באַפרייונג־באַוועגונג געווען אַ באַוועגונג פון אַ פאָלק, וואָס האָט אַליין געליטן פון פאַרפאָלגונגען און וואָס האָט דעריבער אויף זיין פאָן אויפגעשריבן די לאָזונג פון פרייהייט און גלייכהייט נישט נאָר פאַר זיך גופא, נאָר אויך פאַר די, וואָס לעבן צווישן אונדז. אונדזער מדינה איז פון ערשטן טאָג פון איר אַנטשטיין דורכגעדרונגען געווען מיט אָט די געהויבענע פּרינציפּן, וואָס זענען געלעגן אין יסוד פון דער ציוניס־טישער אידעאָלאָגיע. וואָלט די מדינה פאַרלאָזט אָט די אידעאַלן און ווערטן אירע, וואָלט זי פאַרלוירן איר תוכן און געוואָרן פאַרמשפּט דעגענערירט צו ווערן. דאַרף דעריבער אין דער ייִדישער מדינה יעדע נאַציאָנאַלע מינדערהייט באַקו־מען אירע פולע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט און גאַראַנטיעס און אונטער־שטיצונג צו קענען אַנטוויקלען איר נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, און ווען אַזאַ אַראַבישע מינדערהייט ביי אונדז האַלט אויס איר געטריישאַפט־עקזאַמען לגבי דער מדינה, איז עס נישט נאָר לטובת די אַראַבער, נאָר אויך אַ גרויסע דערגרייכונג פאַר אונדז גופא. מיר קענען דערמיט באַווייזן, אַז מיר האָבן געגעבן דער מינדערהייט אַלע מעגלעכקייטן פאַר פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג.

וואָלט אונדזער מדינה אַזוי נישט געהאַנדלט, וואָלט זי גורם געווען זיך אַליין אַ גרויסע רעה. מחמת אַ פיינטלעכע באַציונג כלפּי דער אַראַבישער מינ־דערהייט, וואָלט, אָן שום ספק, פאַרוואַנדלט איר רוב אין אַ פאַקטאָר פון אַ כסדרדיקער אירעדענטע, וואָלט אויסגעברייטערט און פאַרטיפט די שינאה, וואָלט געשאַפן אין לאַנד געפערלעכן אויפרייס־מאַטעריאַל. מיר וואָלטן דאַן פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט, פאַר אונדזערע פריינד, פאַרן סאָציאַליסטישן און פּראָגרעסיוון לאַגער, וואָס איז זייער פילבאַר אויף אַלץ, וואָס קומט פאָר אין ישראל און אין אונדזער געגנט בכלל, אויסגעזען ווי אונטערדריקער, מיר וואָלטן פאַרשוואַרצט אונדזער גוטן נאָמען.

וואָס מער די אַראַבישע מינדערהייט וועט אַרויסווייזן גוטן ווילן איינצולעבן זיך מיט אונדז אין די ראַמען פון דער מדינה, אַלץ מער דאַרפן מיר זוכן וועגן זי זאָל זיך אין איר איינוואָרצלען, זיך אינטעגרירן אין די פאַרשיידענע געביטן פון אונ־דזער מלוכה און ווירטשאַפטלעכן לעבן און דאַרפן איר פאַרזיכערן אַלץ אַ גרע־סערע זיכערקייט אין אים. אונדזער גורל האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן נאָך מסתם דאַרפן לאַנגע יאָרן לעבן אונטער אַ כסדרדיקער געפאַר פאַרן עצם קיום אונדזערן מצד אונדזערע אַראַבישע שכנים און אַז זייער גאַנצע שינאה זאָל זיין געריכט אויף אויפצוצורודערן אונדזער אינערלעך און זיכערקייט־לעבן. וואָס מער מיר וועלן באַווייזן צו דערנענטערן צו אונדז דעם אַראַבישן מענטש ביי אונדז אין לאַנד, אַלץ גרעסער וועט זיין אונדזער נצחון כלפּי פנים און כלפּי חוץ.

מיר מוזן זען, אַז דער אַראַבער, וואָס וווינט צווישן אונדז, זאָל פילן, אַז ישראל איז זיין מדינה, וואָס זאָרגט פאַר אַלע זיינע באַדערפעניש און וועמען

ער איז שולדיק פֿולע געטריישאַפֿט. דאָס וועט פֿאַרשאַפֿן כּבֿוד, שטאָלץ און אויך נוצן דער ייִדישער מדינה, וואָס וועט אַזוי אַרום מיט מעשׂים באַווייזן דער ציוויליזירטער וועלט, אַז אונדזער איינשטעלונג צו די אַראַבער, וואָס וווינען צווישן אונדז איז אַ גערעכטע און אין איינקלאַנג מיט די עיקר יושר־פּרינציפּן, אויף וועלכע די מדינה איז אויפֿגעבויט געוואָרן. און אפֿשר וועט אַזאַ צוגאַנג און אַזאַ האַנדלונג זיך מיט דער צייט אויך קענען אויסווירקן אויף דער באַציונג צו אונדז מצד דער ברייטער אַראַבישער וועלט, וואָס איז נאָך, לײדער, איצט אַזוי פֿײַנטלעך איינגעשטעלט צו אונדז און וועט נאָך מסתּם לאַנג אַזאַ פֿאַרבלײַבן.

אָקטאָבער 1968

באַציִונג פון דער ישׂראל־באַפעלקערונג צום ייִדישן פאָלק און צום ציוניזם

א

לעצטנס ווערט געווידמעט פיל צייט צו פאָרשן די פאַרשיידענע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין גלות־ייִדנטום: פון איין זייט — אַן ענגערער צובונד פון די ייִדישע מאַסן צו מדינת ישׂראל און פון דער אַנדערער זייט — אַ וואַקסנדיקע אָפּפרעמדונג און אַסימילאַציע ביי דער אינטעליגענץ און דער יוגנט וואָס ווער ווייסט צי אָט די פאַרבלאָנדזשעטע קינדער וועלן נאָך צו אונדז צוריקקומען. טראָץ דעם וואָס מדינת ישׂראל עקזיסטירט שוין 27 יאָר, איז די ייִדישע אידענטיטעט אין די תּפוצות אַ פאַרנעפּלטע.. דאָס באַרעכטיקט דעם אַלץ וואַקסנדיקן אינטערעס און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער מדינה צו אַלץ וואָס קומט פאָר אין נאַציאָנאַלן ייִדישן תּחום אין די גלות־לענדער, און ס׳זענען דערשינען אַ ריי אויספאָרשונגען פון ערנסטע ייִדישע סאָציאָלאָגן, וועלכע באַמיִען זיך צו דערגרונטעווען די פאַרשיידענע פענאָמענען אין ייִדישן לעבן פון די תּפוצות.

גלייכצייטיק זענען מיר עדות פון אַ ריי פאָרשונגען אין מדינת ישׂראל וועגן דער ישׂראל־געזעלשאַפט, וועגן איר באַציִונג צו דער גלות־פּראָבלעמאַטיק און איר זוכן וועגן ווי צו שטאַרקן די באַציִונגען צווישן ישׂראל און די תּפוצות. נישט שטענדיק שפּיגלען די אויספאָרשונגען אָפּ די אמתע רעאַליטעט. אָפט באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז די פאָרשונגען שפּיגלען אָפּ בלויז אַ טיילווייזן אַספּעקט פון די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען.

לעצטנס האָט די וועלט־עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אונטערגענומען אַ דערפרייענדיקע איניציאַטיוו צו פאָרשן די לאַגע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין מדינת ישׂראל, כּדי זיך נענטער באַקענען מיט די אינערלעכע פּראָצעסן וואָס קומען פאָר אין היגן ייִדישן ייִשוב. איצט איז דערשינען די אויספאָרשונג דורכגעפירט דורך דעם אינסטיטוט פאַר געזעלשאַפטלעכער און פּראַקטישער אויספאָרשונג ביים העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים. געמאַכט די אַרבעט אויף דער טעמע „די באַציִונג פון ישׂראלדיקן ציבור צום ייִדישן פאָלק און ציוניזם״ האָבן שלומית לוי און אליהו גוגמאַן.

ס׳איז זייער פאַרשטענדלעך וואָס אַזאַ אויספאָרשונג איז באַשטעלט געוואָרן. די לעצטע יאָרן האָט זיך געשאַפן אַ נישט באַגרינדעטע טעאָריע, אַז אין מדינת ישׂראל שאַפט זיך אַן אָפּגעזונדערטער טייל פון ייִדישן פאָלק אָן שום אַנגעהעריקייט צום כּלל ישׂראל, דאָס הייסט, אַז עס האַלטן זיך אין שאַפן צוויי פעלקער:

איין ייִדיש פֿאָלק אין גלות און אַ צווייט — אין מדינת ישׂראל, וואָס אַ גרויסער טייל פֿון אירע בירגער פֿילט נישט קיין שייכות צום ייִדישן פֿאָלק אין די גלות־לענדער. ס׳איז אויך געווען אַ מיינונג, אַז די ישׂראל־ייִדן האָבן נישט קיין געפֿיל פֿון אָנגעהעריקייט צום ציוניזם, אַז מיט זייער קומען קיין ישׂראל האָבן זיי אין די מערסטע פֿאַלן איבערגעריסן זייער געפֿיל און באַציִונג צום ציוניזם.

איז דעריבער פֿאַר אַ סך פֿון אונדז איבעראַשנדיק, אַז די אויבנדערמאָנטע אויספֿאָרשונג „וועגן דער באַציִונג פֿון ישׂראל־בירגער צום ייִדישן פֿאָלק ווייזט אָן אַז 90 פּראָצענט פֿון די אָנגעפֿרעגטע האָבן געענטפֿערט, אַז זיי געהערן צום ייִדישן פֿאָלק אויף דער וועלט און אַז אַ גרויסער טייל פֿון זיי האָט עס אונטערגעשטראָכן מיט גרויס אינטערעס. דעסגלייכן ווייזט זיך אַרויס פֿון דער אַנקעטע, אַז 81 פּראָצענט האָבן זיך דערקלערט אַלס אָנהענגערס פֿון ציוניזם. די צוויי ציפֿערן זאָגן עדות, אַז מדינת ישׂראל ווירקט דווקא אין זין פֿון אָרגאַנישן צוזאַמענפֿאַסן אַלע טיילן פֿון פֿאָלק און פֿירט נישט צו קיין איזאָלאַציע־פּראָצעסן צווישן זיי. די אויבנדערמאָנטע אַנקעטע איז דורכגעפֿירט געוואָרן צווישן 1080 משפּחות אין פֿיר גרויסע שטעט: ירושלים, תּל־אָביב, חיפֿה און באר־שבֿע. אמת, דער סטאַטיסטישער קווערשניט איז גענוג כאַראַקטעריסטיש צו באַשטימען די דורכשניטלעכע עפֿנטלעכע מיינונג אין לאַנד. דאָך דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז ווען מען וואָלט אַריינגענומען אין דער אַנקעטע דעם קרייז פֿון דער אָרגאַניזירטער לאַנדווירטשאַפֿט, די הונדערטער קיבוצים און מושבֿים, וואָלט זיכער געוואַקסן דער דורכשניט הן פֿון דער אָנגעהעריקייט צום ייִדישן פֿאָלק, הן און בעיקר פֿון דער פּאָזיטיווער באַציִונג צום ציוניזם, וואָס וואָלט אַנשטאָט 81 פּראָצענט זיכער דערגרייכט ביז 90 פּראָצענט. דאַקעגן אַ צווייטער קרייז וואָס איז נישט אַריינגענומען געוואָרן אין דער אַנקעטע — זענען די נייע אַנטוויקלונג־שטעטלעך, וועלכע וואָלטן מסתּמא פֿאַרקלענערט דעם דורכשניטלעכן פּראָצענט פֿון אָנגעהעריקייט צום ציוניזם. די באַמערקונג ענדערט נישט וועזנטלעך דאָס אַלגעמיינע פּאָזיטיווע בילד, אַז די איבערוויגנדיקע מערהייט פֿילט אַן אָנגעהעריקייט צום ייִדישן פֿאָלק אויף דער וועלט און האָט אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צום ציוניזם. די אַנקעטע איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין אַפּריל 1975 און די פֿאָרשערס מאַכן אַן אינטערעסאַנטע באַמערקונג, אַז ווען מען פֿאַרגלייכט די רעזולטאַטן פֿון די אַנקעטעס אין אַנדערע פֿאַרשיידענע תּקופֿות, בעיקר באַלד נאָך גרויסע געשעענישן, למשל, דער יום־כּיפּור־קריג, דער וואַקסנדיקער טעראָר אין מעלות, קרית שמונה, בית שמש, אין תּל־אָביב (אין האָטעל „סאַוואָי") מיט דער איצטיקער אַנקעטע, ווייזט דער באַראָמעטער פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג אַ וויכטיקן וווּקס וואָס שייך דער אָנגעהעריקייט צו ייִדן אויף דער וועלט, ווי אויך דער באַציִונג צום ציוניזם אינערהאַלב ישׂראל. שווערער איז די פּערספּעקטיוו פֿון די ייִדישע און ציוניסטישע איינשטעלונג. מען קען אָבער זאָגן, אַז אין ענלעכע געשעענישן ווייזט זיך אַרויס ביי אַ גרויסן טייל ייִדן אין גלות אַ גרייטקייט צו געבן הילף, בעיקר מאַטעריעלע,

דער מדינה וואָס געפינט זיך אין קלעם, אָבער ס׳ווערט נישט פאַרטיפט זייער ציוניסטישער באַוווסטזיין, ווייל ציוניזם שליסט איין די העכסטע מדרגה פון זעלבסטפאַרווירקלעכונג, פון עליה, פון דינען אַלס ביישפּיל פאַר אַנדערע און זיך משתּף זיין אין בויען אַליין מדינת ישׂראל. דאָ זעען מיר אַ פאַרקערטן פּראָצעס: וואָס מער שווערקייטן, איינשליסנדיק די זיכערקייט־לאַגע — אַלץ מער אָפּגע־שוואַכט איז דער פּראָצעס פון וועלן עולה זיין. די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג קען נישט איבערגיין צום סדר־היום איבער דעם דאָזיקן נעגאַטיוון פאַקט. מדינת ישׂראל איז היינט, מיט אַלע שווערקייטן, דאָס זיכערסטע לאַנד פון שטאַנדפּונקט פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן לעבן. דאָך איז די האַנדלונג פונעם רוב גלות־ייִדן, איינ־שליסנדיק אַ גרויסן טייל פון די ציוניסטן, נישט אויף דער געהעריקער ציוניס־טישער הייך. די דאָזיקע דערשיינונג שטעלט אַוועק פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג שווערע פראַגעס.

ב

די אויספאָרשערס האָבן זיך נישט געוואָלט באַנוגענען מיט אַן אַלגעמיינער פעסטשטעלונג פון דער באַציִונג צום ייִדישן פאָלק און ציוניזם, זיי האָבן אויך געזוכט די אינערלעכע מאָטיוואַציע וואָס באַווירקט דעם יחיד ביים פעסטשטעלן זיין באַציִונג צום ייִדישן פאָלק אין דער וועלט. ספּעציעלע פראַגעס זענען גע־וואָרן אַוועקגעשטעלט פאַר די אַנקעטירטע, כּדי צו וויסן צי די סיבות פון זייער באַציִונג ליגן אין תּחום פון דער היסטאָריע פון ייִדישן פאָלק: א) די ייִדישע היס־טאָריע פון העכער 3 טויזנט יאָר, ב) די היסטאָריע פון דעם ייִשוב אין ארץ ישׂראל פאַר דער לעצטער צייט. אויף דער ערשטער פראַגע האָבן געענטפערט פּאָזיטיוו 72%, אויף דער צווייטער פראַגע — 82%; אויף די פראַגעס וועגן דעם פּלאַץ פון דער ייִדישער טראַדיציע — 76%; וועגן דער מאָראַל פון ייִדישן פאָלק — 71%; די השפּעה פון דער ייִדישער רעליגיע — 66%. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס זענען די דורכשניטלעכע פּראָצענטער פון דער אַנקעטע. ווען מען פאָרשט אָבער די באַזונדערע גרופּעס און זייער באַציִונג צו די פראַגעס ווי: ביי די רעלי־גיעזע קרייזן, די טראַדיציאָנעלע קרייזן און די פרייע קרייזן, ענדערן זיך די ענטפערס מיט געוויסע פּראָצענטער, אָבער דער סך הכּל פון דעם גלאָבאַלן אויס־זען פון דער איינשטעלונג פון דער באַפעלקערונג ענדערט זיך נישט פיל. מען קומט צו דער מסקנה — און דאָס איז זייער וויכטיק צו באַטאָנען — אַז ביי דער סוביעקטיווער שטעלונג פון דעם אַנקעטירטן, וועגט די מאָדערנע געשיכטע פון ארץ ישׂראל (וואָס איז דירעקט געבונדן מיט ציוניזם) איבער מיט אייניקע פּראָ־צענטער, אָבער פון אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט שטייען די טראַדיציע און די לאַנגיאָריקע ייִדישע געשיכטע אויפן ערשטן פּלאַץ. פון דעם איז אויך צו לערנען וועגן די שריט וואָס דאַרפן אַנגענומען ווערן, ווען מיר ווילן צוגרייטן דעם ישׂראל־דור צו פאַרטיפן זיין אַנגעהעריקייט צום ייִדישן פאָלק אויף דער וועלט.

ווען די ציוניסטישע וועלטלייטונג וועט וועלן צוטראָגן איר צושטייער און ציִען מסקנות פון דער אַנקעטע, איז קלאָר, אַז מיר מוזן זוכן וועגן ווי צו פאַרטיפן די קענטעניש פון אונדזער יונגן דור הן אין דער טויזנט־יעריקער יידישער געשיכטע הן אין דער מאָדערנער געשיכטע זינט אונדזער אויפבוי אין ארץ ישראל.

ג.

אויסער וועגן דער באַציִונג פון די אַנקעטירטע צום ציוניזם (81%) האָט מען זיי אויך געפרעגט, וואָס האַלטן זיי פון דעם באַגריף פון אַ גוטן ייִדן אין גלות און וואָס דערוואַרט דער ישראלדיקער ייִד פון דעם גלות־ייִדן. איז זייער אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז 97% פון די באַטייליקטע אין דער פאָרשונג האָבן באַטאָנט, אַז די גרעסטע פליכט איז צו פאַרזיכערן יידישע דערציִונג פאַר די קינדער אין די גלות־לענדער. די דערציִונג איז די נשמה, די עצם עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק אויף דער וועלט. 92% ישראלדיקע ווילן, אַז די גלות־ייִדן זאָלן העלפן דער עליה און קליטה פון ייִדן קיין ישראל; 89% באַטאָנען אַז די ייִדן אין די פאַרשידענע לענדער זאָלן פאָדערן פון זייערע רעגירונגען פאָליטישע הילף פאַר מדינת ישראל; 88% האַלטן, אַז די קהילות ווו עס געפינען זיך ייִדן זאָלן ממשיך זיין זייער קיום און 82% פאָדערן, אַז ייִדן פון גלות זאָלן העלפן לייזן די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון ישראל.

אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די איבערגעוויגנדיקע מערהייט וויל אַ שותפות מיט די ייִדן פון גלות. זיי זעען אויך אַ גרויסע וויכטיקייט אינעם זיכערן די עקסיסטענץ־ראַמען פון יידישן לעבן אין גלות — די קהילה.

פאַראַן אויך אַ זייער אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציע וועגן דעם וואָס ס׳פאָדערט דער ישראלדיקער ייִד פון ציוניסטן, וועלכע געפינען זיך נאָך אין גלות. 90% פאָדערן צו פאַרזיכערן פאַר די קינדער יידישן חינוך; 85% — די ציוניסטן דאַרפן העלפן צו דערמוטיקן די עליה; 80% פאָדערן פון ציוניסטן זיי זאָלן אַליין עולה זיין; 70% מאָנען זיי זאָלן זיך באַשטייערן אין די געלט־קאַמפּיינס פאַר ישראל; 59% — פאָדערן זיי זאָלן געהערן צו ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און נאָר 56% האַלטן, אַז מ׳דאַרף זיין טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דער קאָמפּלעקס פראַגן אין דער אַנקעטע זאָגט עדות, אַז דער ישראלדיקער בירגער וויל זען אין ייִדן ווי אויך אין אָרגאַניזירטן ציוניסט אין גלות אַ דינאַמישן פאַקטאָר אין אָפּהיטן דעם המשך פון יידישן פאָלק, פאַרזיכערן די יידישע דערציִונג, עליה און מאַטעריעלע הילף פאַר דער מדינה. אויב ס׳איז פאַראַן אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג אין די פרטים, מוז אָבער באַטאָנט ווערן, אַז אויב די פאָרשערס האָבן געהאַט אַ גוטע כוונה נישט צו באַנוגענען זיך מיטן בלויזן דערקלערן זיך פּאָזיטיוו צום ציוניזם, נאָר אויך קומען מיט אַ צעטל פאָדערונגען פון דעם ייִד און ציוניסט אין גלות, איז אָבער פאַראַן אין דער אַנקעטע אַ באַדייטנ־

דיקער לאַפּסוס. אין דער זעלבער צייט האָט מען אויך געדאַרפט פרעגן די ישׂראלדיקע וואָס איז זייער פליכט כּלפּי די עולים, וואָס זיי ווילן אַזוי שטאַרק אַז זיי זאָלן קומען צו אונדז. ס׳איז קיין סוד נישט אַז ס׳זענען פאַראַן ערנסטע טענות צו אַ טייל ישׂראלדיקע קרייזן, אַז זיי סימפּאַטיזירן נישט מיט דער עליה און האַלטן זיך אָפּ פון דערמוטיקן די עולים וואָס זענען עולה.היינט קען מען נישט פאַרזיכערן אַן ערנסטע עליה, אויב די שוין עקזיסטירנדיקע ישׂראלדיקע באַפעל־קערונג פון קרוב צו 3 מיליאָן בירגער וועט נישט אויפנעמען וואַרעם און געטריי דעם נייעם עולה. מיר וועלן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט זיך אויספירלעכער אָפּ־שטעלן אויף דער פרשה פון יורדים. זיכער איז אָבער, אַז צווישן אַ סך אַנדערע מאָטיוון פון דער ירידה פון נייע עולים איז אויך פאַראַן דער מאָטיוו פון קאַלטער און איינגעהאַלטענער שטעלונג פון פאַרשיידענע קרייזן אין ישׂראל צום עולה. מוזן מיר דאָס דעריבער ערנסט באַטראַכטן און אין אונדזערע פּלענער פון פאַר־גרעסערן די עליה אַריינברענגען פיל מער וואַרעמקייט אַרום דעם נייעם עולה. אַזאַ אויספאָרשונג וואָלט געוועזן זייער אַ באַלערנדיקע און וואָלט זיכער געגעבן מאַטעריאַל פאַר נייע באַטראַכטונגען לגבי דער אַזוי וויכטיקער פראַגע פון די באַציִונגען צווישן ישׂראלים און נייע עולים.

ד.

אויך די קעגנזייטיקע פאַרבינדונגען צווישן ישׂראל און די תּפוצות, האָט זיך זייער קלאָר אָפּגעשפּילט אין דער אַנקעטע. 75% פון די אַנקעטירטע האָבן באַטאָנט, אַז מדינת ישׂראל וועט נישט קענען עקזיסטירן אָן דער פאַרבינדונג מיטן גלות־יידנטום. דאַקעגן 68% האָבן געענטפערט אַז דאָס יידישע פאָלק וועט נישט קענען עקזיסטירן אָן מדינת ישׂראל.

די דאָזיקע אויפפאַסונג שטאַמט פון אַ רייפער שטעלונג, אַז מדינת ישׂראל ווערט באַטראַכט ווי אַ מדינה פון יידישן פאָלק און דעריבער זענען אַזוי וויכטיק די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן זיי ביידע. מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז גראָד אַזאַ שטעלונג וואַרפט פיל ליכט אויף דער באַהויפּטונג, אַז אויך די סאַברעס, די געבוירענע אין ישׂראל, הייבן אָן צו פאַרשטיין אַז מען קען זיך נישט איזאָלירן און זיך דערווייטערן פון דעם עיקר־רעזערוואַר פון יידישן פאָלק אויף וועלכן די מדינה שטיצט זיך. די האַלטונג איז אָן ספק אַ פּאָזיטיווע און וואַרפט אָפּ יעדע איינשטעלונג, אַז מיר קענען אַליין די זאַך אויסטראָגן אָן דעם יידישן פאָלק. דעסגלייכן, אַלס לאָגישער אויסגאַנג, איז די צווייטע זייט פון דער מטבע, אַז אויך די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק וועט ווערן באַדראָט אָן דער עקזיסטענץ פון מדינת ישׂראל. די סיאַמישע פאַרבינדונג צווישן ישׂראל און די תּפוצות באַטייט די גאַנצקייט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. ס׳ליגט אין דעם איינע פון די פונדאַמענטאַלע יסודות פון דער ציוניסטישער אויפפאַסונג. זי אַנט־

שפּרעכט נישט דער שטעלונג פֿון געוויסע ציוניסטישע קרייזן, וועלכע האַלטן, אַז מען דאַרף זיך שטיצן אויפֿן יסוד פֿון טאָטאַלער שלילת הגולה. די מעסיקע, אויסגעהאַלטענע און באַלאַנסירטע נאַציאָנאַלע אויפֿפֿאַסונג ברענגט אַריין פֿיל אויפֿקלערונגען נישט נאָר וואָס שייך די געדאַנקען און איינשטעלונגען פֿון דער ישׂראלדיקער באַפֿעלקערונג כּלפּי דעם ייִדישן פֿאָלק, דעם ציוניזם, די מצוות עשׂה פֿון יעדן ייִדן לגבי ישׂראל, ווי אויך די פֿליכטן פֿון גלות־ציוניסט לגבי דער מדינה — נאָר זי פֿלאַנצט איין אין דער ישׂראל־באַפֿעלקערונג די געזונטע שטעלונג פֿון א י י ן פֿאָלק, וואָס זיין צענטער איז ישׂראל, דאָס וואָס מיר רופֿן אָן די צ ע נ ט ר אַ ל ק י י ט פֿון מ ד י נ ת י שׂ ר א ל.

אָקטאָבער 1975

ציוניסטן אָן ציוניזם

א

די לעצטע יאָרן רעדט מען וועגן אַ קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. מען שטרייכט אונטער פאַרשיידענע סיבות וועלכע האָבן דעם קריזיס גורם געווען און וועלכע ס'איז לייכט אָנצוצייכענען: אָרגאַניזאַטאָרישע סיבות, טאַקטישע סיבות א.אַז.וו. אין גרונט זענען אָבער פאַראַן אַ סך ערנסטערע סיבות. מיר וועלן נאָר פאַרצייכענען אייניקע פון זיי: א) די טיפע ענדערונג פון דער סאָציאַלער סטרוקטור פון יידישן פאָלק אין דער וועלט: א) די טיפע ענדערונג פון ציוניסטישן געדאַנק האָבן אים פאָרמולירט, באַזירנדיק זיך אויף דער ווירקלעכקייט פון מזרח־איירָאָפּעיִשן יידנטום; די נייגעשאַפענע לאַגע אין יידנטום וואָס אַנטשפּרעכט נישט תּמיד דער קלאַסישער ציוניסטישער אויפפאַסונג. ב) דאָס אַנטשטיין פון מדינת ישראל וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס אַנגעהויבן צו פאַרבייטן שטאַטלעכקייט מיט ציוניסטישן געדאַנק. ג) די ציוניסטן האָבן זיך צוגעוווינט אויסצובייטן ציוניסטישע עיקר־מצוות — אין דער ערשטער ריי: עליה — אויף העלפן מאַטע־ריעל דער מדינה און דערמיט דערנענטערט זיך צו די נישט־ציוניסטן. דאָס דאַרפן נישט אויספילן די ציוניסטישע עיקר־מצווה — עליה, האָט ביי פיל ציוניסטן דערוועקט אַ שולד־קאָמפּלעקס און דאָס האָט זיך אויסגעווירקט זייער שווער אויף דעם גאַנג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ד) אין דער תּקופה פון די ראַנגלענישן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן פאַרשיידענע „רעצעפּטן" צו פאַרבייטן דעם אמתן ציוניזם אויף אַ לייכטערן ציוניזם, אויף אַ ציוניזם כּמעט אָן עליה און אָן אַ ציוניסטישער דערציִונג; אַ ציוניזם אָן אַן אידעאָלאָגישער באַזע. מיט איין וואָרט — אויף בלויזער סימפּאַטיע צו ישראל. אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך אָנגעהויבן איינצובירגערן אין אַ סך ערנסטע יידישע קרייזן אין די פרייע לענדער.

אָט די אַלע סיבות האָבן אָן ספק אַריינגעבראַכט אַ צעטומלעניש אין דער ציוניסטישער מחנה.

וואָס דאַרף זיין אונדזער שטעלונג אין דער געשאַפענער לאַגע? דאַרף מען משלים זיין מיט די דאָזיקע נייע פּראָצעסן אין אונדזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג־באַוועגונג, אָדער דאַרף מען באַקעמפן די אָפּנייגן? אויף אָט די דאָזיקע פראַגן ווילן מיר פּרווון דאָ ענטפערן.

ב

איידער מיר וועלן אַנאַליזירן די ריין־ציוניסטישע אויפפאַסונג און די שווע־ריקייטן אויף וועלכע זי שטויסט זיך אָן אין די נייע באַדינגונגען, איז כּדאַי מיר

זאָלן אַ ביסל אויפֿקלערן דעם מעמד פֿון מדינת ישׂראל און איר פּלאַץ ביים ייִדישן פֿאָלק, ווייל ישׂראל איז נישט נאָר דער קנין פֿון די ישׂראל־בירגער, ישׂראל איז דער צענטער — לכל הפּחות דאַרף אַזוי זיין — פֿון גאַנצן פֿאָלק, דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק. אין משך פֿון לאַנגן גלות איז ארץ ישׂראל געווען דאָס אָרט וווּהין דאָס ייִדישע פֿאָלק דאַרף צוריקקומען. ארץ ישׂראל האָט באַגלייט די ייִדן אין די שוואַרצסטע טעג פֿון גלות, ווי אויך אין די צייטן ווען ייִדן האָבן געלעבט אין גלות אין לייכטערע תּנאָים. די געשיכטע קען נישט קיין ביישפּיל פֿון אַן אַנדער פֿאָלק, וואָס איז אין משך פֿון לאַנגע דורות געווען פֿיזיש אָפּגעריסן פֿון זיין היימ־לאַנד און גייסטיק אַזוי פֿאַרבונדן מיט אים דורך תּפֿילות, לעכצונגען, עולה־רגל זייִן און שפּענדונגען, כּדי אויפֿצוהאַלטן די דאָרט געשאַפֿענע אַנשטאַלטן און דאָס אַלץ — כּדי צו מאַניפֿעסטירן די אייביקע צונויפֿגעבונדנקייט צווישן ארץ ישׂראל און דעם גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק. ארץ ישׂראל איז פֿאַר ייִדן געווען נישט בלויז אַ טעריטאָריע, נאָר אַ וויכטיקער טייל פֿון דער נאַציאָנאַלער אויפֿפֿאַסונג. דאָס אַריינברענגען אין די תּפֿילות „לשנה הבאה בירושלים" איז נישט געווען נאָר אַ רעליגיעזע תּפֿילה, דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער אויסדרוק פֿון צוגעבונדנ־קייט פֿון ייִדישן פֿאָלק צו ארץ ישׂראל. נאָר אַזאַ טיפֿע גייסטיקע פֿאַרבינדונג האָט געקענט צוויי טויזנט יאָר אויפֿהאַלטן די וואַכזאַמקייט פֿונעם צעשפּרייטן גלות־פֿאָלק צו זיין אויסגעבענקטער היים אין ארץ ישׂראל. דאָס טיפֿע געפֿיל האָט גע־ווירקט צווישן אַלע שיכטן פֿון פֿאָלק, רייכע און אָרעמע, רעליגיעזע און פֿרייע, אַלט און יונג. די דאָזיקע צוגעבונדנקייט איז געקומען צום אויסדרוק, ווען דער שאַפֿער פֿון פּאָליטישן ציוניזם, ד"ר הערצל, דער וואָס האָט באַצויבערט דאָס גלות־ייִדנטום, וואָס האָט צו אים געהאַט אַ גרענעצלאָזן צוטרוי, איז געקומען צום 6טן ציוניסטישן קאָנגרעס און האָט נאָך די קעשענעווער פּאָגראָמען (1903) פֿאָר־געשלאָגן, אַז מען זאָל צייטווייליק מסכּים זיין אויף אַן אַנדער לאַנד ווי ארץ ישׂראל אַלס אַ נאַכטאַזיל פֿאַר די ייִדן וואָס מוז תּיכּף געפֿינען אַ פּלאַץ. זיין אוגאַנדע־פּלאַן האָט אַרויסגערופֿן אַ געוואַלדיקן שטורעם און די שאַרפֿסטע קעג־נערשאַפֿט מצד זיינע נאָענטסטע פֿריינד און בעיקר דווקא ביי די רוסישע ייִדן, וואָס זיי האָבן זיך צום מערסטן געגנייטיקט אין אַן אַזיל. דאָ האָט הערצל נישט דערזען, אַז דערמיט רירט ער אָן דעם סאַמע סענסיטיווסטן פּונקט אין ייִדישן פֿאָלקס־געפֿיל לגבי זיין אייביקן טרוים און פֿאַרבינדונג מיט ארץ ישׂראל. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אויפֿן קאָנגרעס ווען ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט די גרויסע דראַמע בעת דער דעבאַטע אַרום אוגאַנדע. אין דעם איז געקומען צום העכסטן אויסדרוק די פֿאַרבינדונג פֿון אַלע טיילן פֿון פֿאָלק מיט ארץ ישׂראל.

מיר האָבן געבראַכט דעם ענין ארץ ישׂראל, כּדי צו באַווייזן ווי טיף עס זענען די וואָרצלען פֿון ארץ ישׂראל און די געפֿילן און אין דער אויפֿפֿאַסונג פֿונעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק, און מ'קען גלייך זאָגן: היינט, 80 יאָר נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווי ס'איז געבראַכט געוואָרן דער פּלאַן ווידער אויפֿצולעבן דאָס ייִדישע

פאָלק אין זיין היימלאַנד אין ארץ ישראל, אַז דאָס איז געווען דער וועג צו פאַר־ווירקלעכן דעם טרוים פון פאָלק אין זיין לאַנגן גלות. דאָס אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה האָט איבערגעשטיגן די ראַמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ישראל איז געוואָרן דאָס פּראָבלעם פונעם גאַנצן יידישן פאָלק אין זיין גרויסער צעשפּרייטונג.

ווען די ציוניסטישע באַוועגונג האָט נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה פאַר־מולירט אירע אידעאָלאָגישע יסודות און האָט באַצייכנט אַז די צענטראַליטעט פון ישראל ביים יידישן פאָלק איז איינע פון אירע הויפּט־פּרינציפּן, איז עס נישט געווען נאָר אַ ציוניסטישע אויפפאַסונג, נאָר אָן ספק אויך אַן אַלגעמיין יידיש נאַציאָנאַלער ווערט. ישראל איז דאָס האַרץ פון גאַנצן פאָלק. היינט, אין אונדזער דור, נאָך דעם חורבן פון די וויכטיקסטע יידישע צענטערס פון מזרח־אייראָפּע, ווען דאָס אַמעריקאַנער יידנטום קען נישט דינען ווי דער נאַציאָנאַלער און גייס־טיקער צענטער פון יידישן פאָלק, איז ישראל דערהויבן געוואָרן צו אַזאַ מעמד אַז זי, די מדינה, איז די גאַראַנטיע פאַרן גורל פון פאָלק. די געפאַר אַז די יידישע צעשפּרייטונג זאָל בלייבן אָן איר צענטער איז אַן אַלגעמיין נאַציאָנאַלע געפאַר. פון דעם שטאַנדפּונקט איז די לאָגישע מסקנה, אַז איינע פון די עיקר אויפגאַבן פון ציוניזם איז צו זיין אַ הויפּט־זייל וואָס האַלט אויף די גאַנצקייט און אייניקייט פון גאַנצן פאָלק.

די צענטראַליטעט פון ישראל איז דעריבער געוואָרן אַזוי כלל יידישלעך, געבוי ווי די עצם אַנטשטייונג פון מדינת ישראל. די מדינה געגרינדעט דורך דער ציוניסטישער מחנה, איז נישט געבליבן נאָר אַן „אייגנטום" פון דער ציוניסטי־שער באַוועגונג אין דעם גורלדיקן געראַנגל פאַר דער צוקונפט פון יידישן פאָלק.

ג

מיר וועלן דאָ באַטראַכטן דריי עטאַפּן, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג האָט דורכגעמאַכט: א) אין דער תקופה פון דער טערקישער הערשאַפט (1882—1918), ב) בריטישער מאַנדאַט אויף ארץ ישראל (1918—1947), ג) מדינת ישראל (1948—1977).

אין די יאָרן 1880, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די רדיפות און פּאָגראָמען אין רוסלאַנד איז אין מזרח־אייראָפּע אַנטשטאַנען די באַוועגונג צו זוכן אַ לייזונג פאַר דער יידן־פראַגע. דאַן זענען אויפגעקומען די ערשטע אָרגאַניזירטע גרופּעס וואָס זענען געפאָרן זיך באַזעצן אין ארץ ישראל. ס'זענען דאַן אַנטשטאַנען די ערשטע קאָלאָניעס: זכרון יעקב, ראשון לציון, פּתח־תקוה, ראש פּינה א. אַנד. ס'איז אויפגעקומען די ביל"ו באַוועגונג, בעיקר פון דער שטודירנדיקער יוגנט („בית יעקב לכו ונלכה"), וועלכע האָט באַשלאָסן צו ענטפערן אויף דער אַנטי־סעמיטישער כוואַליע מיט אָרגאַניזירן אַן עליה קיין ארץ ישראל. ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס די ביל"ו־גרופּע האָט אָנגעהויבן מיט שטורמישע אי־

נערלעכע דעבאַטן וועגן עמיגראַציע קיין אַמעריקע, אָדער עליה קיין ארץ ישראל. די אַנטשיידונג איז געווען פאַר ארץ ישראל, וואָס איז געוואָרן אַ סימבאָל פאַר אַ טייל פון דער יוגנט. דאָס איז אויך געווען אַן ענטפער דער השכלה־באַוועגונג, אַז ס'איז נישטאָ קיין תשובה פאַר דער יידן־פראַגע אין די גלות־לענדער. אין יענע טעג האָט אַ גרופע סטודענטן אין שפּיץ מיט ישראל בעלקינד, אַנשטאָט ממשיך צו זיין דאָס לערנען אין די אוניווערסיטעטן, מוותר געווען אויף די דיפּלאָמען און איז אַוועק אויף אַ נייעם וועג, פון אָרגאַניזירן גרופּעס צו באַזעצן זיך אין ארץ ישראל און דאָרט אָנגיין מיט ערדאַרבעט.

אין יענע טעג איז אויך דערשינען ד״ר לעאָן פּינסקער, וועלכער האָט מיט זיין בראָשור „אויטאָעמאַנציפּאַציע״ אויפגערודערט דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע יידנטום. אין יענער צייט — 1882 — איז דאָס געווען אַן אָנזאָג אויף אַ נייעם צוגאַנג צו דער לאַגע פון דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פאַנטאָם־פאָלק, אָן אַ לאַנד, אייביק אַ מינדערהייט, גערודפט און פרעמד; אַ פאָלק וואָס ווערט צעטרעטן דורך אַנטיסעמיטיזם אין גלות. דאָס האָט אויך אַרויסגערופן די טיפע שינאה צו דעם עצם־עקזיסטענץ פון גלות. די שלילת הגולה־טעאָריע אין קלאַסישן ציוניזם ציט זיך פון דער דאָזיקער תקופה.

אָט די ערשטע תקופה אונטער דער טערקישער הערשאַפט, אין דער צייט פון 1882 ביז 1914, ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אָן ספק אַן אינטערעסאַנטער פּעריאָד אין אונדזער מאָדערנער געשיכטע, די תקופה ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אויסקריסטאַליזירונג פון ציוניסטישן קרעדאָ. זי נעמט אַרום די חובבי־ציון מיט לעאָן פּינסקער אין דער שפּיץ, מיט אַן ערנסטער פּלעיאַדע דענקערס און שרייבערס, וועלכע האָבן טעאָרעטיש באַגרינדעט די נויטווענדיקייט צו זוכן אַ לאַנד, געבן אַ לייזונג אונדזער נאַציאָנאַלער פראַגע דורך באַזעצן זיך אין ארץ ישראל. ווען די פליגל פון דער חובבי־ציון זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן, איז אויפגעקומען דער גרויסער אָדלער פון פּאָליטישן ציוניזם, ד״ר טעאָדאָר הערצל מיט זיין „יודנשטאַט״ און האָט ווי אַריינגעבלאָזן אַ נייעם אָטעם אין דער ציוניסטישער מחנה, שאַפנדיק די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז שנעל געוואָרן אָנערקענט אַלס די „יידישע מדינה אונטערוועגנס״.

די גרויסע האָפענונגען וואָס הערצל האָט אַרויסגערופן ביי די יידישע מאַסן האָבן איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. יידן האָבן הערצלען באַטראַכט ווי זייער מלך, זיי האָבן אים געקרוינט פאַר זייער מנהיג. אַ דאַנק הערצלס השפעה, האָט דער פּאַריאַגטער און אַנטוישטער ייד, בעיקר אין מזרח־אייראָפּע, אָנגעהויבן גלייבן אַז ס'איז דאָ אַ וועג צו לייזן זיינע פּראָבלעמען, דורך צוריקקערן זיך קיין ארץ ישראל און אויפבויען דאָרט זיין אייגן לאַנד. אָבער טראָץ דער גרויסער האָפענונג ביי די מאַסן, האָט דער פּאָליטישער ציוניזם פון הערצלען זיך אָנגעשטויסן אויף דער ברוטאַלער ווירקלעכקייט. ארץ ישראל האָט נאָך נישט פאַרמאָגט די נייטיקע באַדינגונגען פאַר דער באַלדיקער לייזונג פון די פּראָבלעמען

פון גרעסטע טיילן פונעם געפּייניקטן פאָלק. פון דער צווייטער זייט — די פּאָליטישע פאַקטאָרן, די טערקישע אימפּעריע איז נישט געווען גרייט צו עפענען די טויערן פון לאַנד. און באַלד איז געקומען דער אָנהייב פון אַנטוישונג, פון שווערע מאָמענטן פאַר דער באַפליגלטער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס האָט הערצלען דאָס ערשטע מאָל אַוועקגעשטעלט אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט און אין אַ מאָמענט פון גרויסן דרוק פון דער נויט, האָט ער מסכים געווען אויף דעם פּלאַן פון אוגאַנדע.

אין די שווערע טעג פאַר הערצלס פּאָליטישן ציוניזם זענען דערשינען ווי דערלייזערס די יוגנטלעכע גרופּן, וועלכע האָבן אָנהייבנדיק פון יאָר 1904 גענומען שטאַרקן די עליה. די באַוועגונג איז באַקאַנט ווי די צווייטע עליה. די דאָזיקע עליה, נישט גרויס אין היקף, איז געווען אַ רעוואָלט קעגן דער אָפּגעלאָזנקייט אין די ציוניסטישע רייען. זי איז באַשטאַנען פון איבערגעגעבענע קעמפּערס און טרוימערס פון ציוניסטישער טאַט. טראָץ אַלע שוועריקייטן און מאַנגל פון מינימאַלע תּנאים פאַר זייער התּישבות, האָבן זיי העראָיש געקעמפּט, כּדי צו שאַפן, דורך זיך גופא, מיט אייגענער שווערער פּראַצע, די באַזע פאַר זייער עקזיסטענץ. די צווייטע עליה האָט געשטרעבט צו פאַרברענען די בריקן מיטן גלות און שאַפן נייע סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע פאָרמען פון לעבן, וועלכע האָבן באַדייט ממש אַ רעוואָלוציאָנערע אומוואַנדלונג אין לעבן פון פאָלק. אָט די עליה האָט געגראַטעוועט דעם ציוניזם פון אינערלעכער צעפאַלנקייט. ס'איז גענוג צו דערמאָנען אייניקע נעמען פון די פיגורן פון דער צווייטער עליה ווי: בערל כּצנלסון, דוד בן־גוריון, י. ח. ברענער, י. טאַבענקין, יוסף שפּרינצאַק, שלמה צמח, ז. רובאַשאָוו (שז״ר) אַלכּסנדר זייד, יוסף באַראַץ און פיל אַנדערע. איצט נאָך דעם ווי ס'זענען אַוועק כּמעט 70 יאָר, איז לייכט צו פאַרשטיין וואָס די גרופּע. קליין אין צאָל, האָט באַדייט פאַרן אויפבראַוז פון דער גאַנצער באַוועגונג. זי האָט עס פאַרלייגט די יסודות פאַר אַן אַרבעטנדיקן ארץ ישראל. זי האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון אַ נייער געזעלשאַפט אין באַנייטן פאָטערלאַנד, אַ געזעלשאַפט באַזירט אויף אַרבעט און סאָציאַלן יושר.

ס'איז כּדאַי צו ציטירן דאָס וואָס איינער פון די בולטסטע שרייבער און עסייאיסטן פון דער צווייטער עליה, שלמה צמח, האָט געשריבן אין זיין ווונדערלעכער אַרבעט „בראשית״ וועגן דעם וועג און ראָל פון דער דאָזיקער עליה: „די עולים פון יאָר תּרס״ד (1904) זענען געווען דערצויגן אין פּאָליטישן ציוניזם, דאָס איז געווען די תּקופה פון פּראַכט און גלאַנץ פון דער הערצליאַנישער באַוועגונג״.

אין דער תּקופה האָבן זיך אויסגעפאָרמירט די אידעיִשע ווערטן פון קלאַסישן ציוניזם, ווו די עליה איז געווען דער הויפּט־מאָטיוו פון דער ייִדישער באַפרייונגבאַוועגונג. דאָס איז געווען דער לעבנסוועג פון די מזרח־אייראָפּעיִשע ציוניסטן.

אויך די קלאַסיש אידעאָלאָגישע אויפפאַסונג פון אַרבעטער־ציוניזם איז אַרויסגעדרונגען פון דער לאַגע פון די געדרודפּטע ייִדן אין מזרח־אייראָפּע. עס

שטעלט זיך די פֿראַגע: ווי האָט זיך די דאָזיקע אידעאָלאָגיע אויסגעווירקט אויף אַנדערע טיילן פֿון וועלט־ייִדנטום: פֿון מערב־אייראָפּע, פֿון די נייע ייִשובֿים אין צפֿון־אַמעריקע?

דער קלאַסישער ציוניזם וועלכער האָט אין די ייִדישע מאַסן־ייִשובֿים פֿון מזרח־אייראָפּע געהאַט אין זיין צענטער די פֿאַרווירקלעכונג — עליה, און שלילת־הגלות, האָט נישט געהאַט דעם זעלביקן באַטייט און אויך נישט דעם זעלביקן אָפּקלאַנג אין די מערב־לענדער ווי: דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פֿראַנקרייך, ווי אויך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. אין די מערב־לענדער האָבן ייִדן אויפֿגענומען מיט סימפּאַטיע הערצלס פּאָליטישן ציוניזם, זיי האָבן אָבער דעמאָלט נישט געזען דעם ציוניזם ווי אַ לייזונג פֿאַר זיך גופֿא. דער ציוניזם האָט — לויט זיי — מער געפּאַסט פֿאַר די ייִדן פֿון מזרח־אייראָפּע. ייִדן אין מערבֿ האָבן העכסטנס געקענט העלפֿן, אַז די ייִדן פֿון מזרח־אייראָפּע זאָלן עולה זיין, אָבער פֿאַר זיי אַליין איז עליה בדרך כּלל נישט געווען בבחינת מצוות־עשׂה.

נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה ווען דער פֿירער פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד, קורט בלומענפֿעלד, האָט פֿאָרמולירט אַ פּראָגראַם פֿון עליה פֿאַר די דייטשע ייִדן, האָט דאָס אַרויסגערופֿן אַ שטורעם, אַפֿילו אינערהאַלב די ציוניסטישע רייען אין דייטשלאַנד. מען האָט געדאַרפֿט וואַרטן פֿיל יאָרן ביזן אויפֿשטייג פֿון נאַציזם, כּדי די עליה פֿון אַ טייל דייטשע ייִדן זאָלן געשטעלט ווערן אויפֿן סדר היום.

אַן ענלעכע לאַגע איז געווען אין ענגלאַנד, וווּ די אַלגעמיינע באַפֿעלקערונג האָט געהאַט פּיעטעט צום תּנ״ך (בייבל), וווּ עס זענען די לעצטע פֿאַר הונדערט יאָר אַפֿילו אויפֿגעקומען גרויסע אָנהענגערס פֿון ווין ווידער אויפֿלעבן ארץ ישׂראל פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק, אָבער דאָס האָט דירעקט נישט פֿיל געווירקט אויף דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין לאַנד. ס׳איז באַקאַנט, אַז אַ יאָר פֿאַר דער דערעפֿענונג פֿונעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס (1896) איז ד״ר הערצל אַרויסגעטרעטן אויף אַ מיטינג אין ווייטשעפּל אין לאָנדאָן, ווייל ער האָט געגלייבט, אַז דאָס ענגלישע ייִדנטום וועט זיין דער שליסל צו רעאַליזירן זיין טרוים פֿון פּאָליטישן ציוניזם. הערצל האָט ביים עולם שטאַרק אויסגענומען, אָבער ס׳איז שווער צו זאָגן אַז זיינע געדאַנקען זענען אַריינגעדרונגען אין דער טיף. די מאַסן האָבן זיך נישט גערירט. אויך שפּעטער זענען דאָרט אַפֿילו קיין ערנסטע גרופּן פֿון עולים נישט געווען. וואָס עס האָט זיך אין ענגלאַנד שפּעטער יאָ אויסגעבילדעט, דאָס איז אַן ערנסטע צאָל ייִדישע פּערזענלעכקייטן אַרום ד״ר חיים ווייצמאַן, וועלכער האָט דאַן (1904) געלערנט אין מאַנטשעסטער־אוניווערסיטעט, צווישן זיי לעאָן סיימאָן, האַרי סאַקער, נאָרמאַן בענטוויטש, ישׂראל זיוו, סיימאָן מאַרקס א.אַ., וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אַן אויפֿשטייג אין פּאָליטישן ציוניזם אַ קאָמפּעריזשע שטעלונג, וועלכע האָט טאַקע דערפֿירט דערצו, אַז די ענגלישע גרופּע איז מיט דער צייט געוואָרן דער וויכטיקסטער גורם אין פּאָליטישן ציוניזם און אין אַ 10—12

יאָר שפּעטער האָט עס געבראַכט צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע. אין דעם זין קען מען זאָגן אַז די מערב יידישע וועלט האָט אויסגעפירט אַ דאָמינירנדיקע ראָל פאַרן נצחון פון פּאָליטישן ציוניזם און פאַרשנעלערט דעם אויפקום פון דער מדינה מיט דעם האַרטנעקיקן פּאָליטישן קאַמף, וואָס זי האָט געפירט. אָן דעם מערב־יידנטום וואָלטן מיר זיכער די מדינה נישט דערגרייכט און נישט דערגאַנגען צו דעם וואָס מיר זענען היינט. מ'דאַרף אָבער צוגעבן, אַז דער פּאָליטישער ציוניסטישער קאַמף וואָלט געווען אָן ספק פרוכטלאָז, ווען מיר האָבן נישט די גרויסע מחנה יידן, בעיקר פון מזרח־אייראָפּע, וועלכע האָבן געזען אין ציוניזם די לייזונג פון זייערע פּערזענלעכע נאַציאָנאַלע פראַגן. שוין פון אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט די דיפערענצן צווישן מזרח און מערב יידן אין דעם פאַרווירקלעכונג־פּראָצעס פון ציוניזם..

דאָס זעלבע זעען מיר אויך אין אַנדערע טיילן פון דער מערב־וועלט, אייג־שליסנדיק די פאַראייניקטע שטאַטן. ס'איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן נאָר מיט אַ פּאָר באַמערקונגען אויף די ערשטע עטאַפּן פון ציוניזם אין צפון־אַמעריקע. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט נישט פאַרכאַפּט די דאָרטיקע מאַסן. ס'זענען געווען פרווון צו שטאַרקן דעם פּאָליטישן ציוניזם נאָכן דערשיינען פון ד״ר הערצל, אָבער די רעזולטאַטן זענען געווען באַשיידענע. אַפילו די גרויסע פיגורן ווי: ד״ר סטיפען וויַיז, ד״ר מאַגנעס א.אַנד. האָבן נישט באַוויזן צו עלעקטריזירן די מאַסן זיי זאָלן עולה זיין. אמת, אַז מיט דעם דערשיינען פון דעם ריכטער, ד״ר בראַנדייס אויף דער ציוניסטיש־פּאָליטישער אַרענע, האָט דער ציוניזם אין אַמעריקע באַקומען פּרעסטיזש, אָבער האָט נישט באַוויזן זיך טיילווייז צו דערנענטערן צום באַגריף פון מזרח־אייראָפּעיִשן ציוניזם. אויך די אַנטשטייונג פון „הדסה״, דער גרויסער פרויען־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע אין שפּיץ מיט הענריעטאַ סאָלד, האָט נישט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען דעם ציוניזם אין אַמעריקע אין קיין אידעאַל, וואָס פאָדערט פון די ציוניסטן גופא פאַרווירקלעכונג. דאָרט איז שטענדיק געהאַנגען אין דער לופט אַ מין פילאַנטראָפּישע פילאָסאָפיע, ווי אַזוי צו העלפן די געררודפטע יידן פון יענער זייט אָקעאַן. ציוניזם איז געווען אין די אויגן פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן דער בעסטער פאַרענטפער פאַר דער יידן־פראַגע — דאָרט, וווּ עס איז לעבנסוויכטיק געווען אַ דרינגענדיקע לייזונג. מען דאַרף נישט לייקענען, אַז אויך ווען אין אַמעריקע האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען דער סאָציאַליסטישער ציוניזם אין דער שפּיץ מיט אַזאַ פירער ווי נחמן סירקין, האָט עס נישט פיל געענדערט די לאַגע און ס'איז קיין ספק נישט אויפגעטאָן געוואָרן אויפן געביט פון עליה, כאָטש דער דאָזיקער ציוניזם האָט אויסגעברייטערט און פאַרטיפט דעם ציוניסטישן באַוווסטזיין פון די מאַסן.

מען דאַרף באַטאָנען, אַז כמעט אין דער זעלביקער תקופה האָבן זיך אַנטוויקלט צוויי שטראָמען אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן: דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער שטראָם און דער „בונד״.

דער אַרבעטער־ציוניזם מיט ד״ר נחמן סירקין בער באָראָכאָוו און א. ד. גאָר־דאָן האָט אונטערגעשטראָכן אַז דעם קאַמף פון פּאָליטישן ציוניזם דאַרף מען באַגלייטן מיט גרויסע פּיאָנערישע טאַטן. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אויפ־פאַסונג האָט ממש געראַטעוועט דעם ציוניזם פון טאָטלאָזיקייט אויפן געביט פון קאָלאָניזירן ארץ ישראל. ווי געזאָגט, האָט דאָס געבראַכט צו דער צווייטער עליה (עליה שניה). די שטרעבונג צו בויען אַ נייע געזעלשאַפט אין ארץ ישראל, דאָס צונויפשמעלצן נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע מאָטיוון, האָט געגעבן דער יוגנט, דער אינטעליגענץ נישט נאָר אַ נייע תשובה אויפן אַנטיסעמיטיזם, נאָר האָט איר אויך געוויזן אַ וועג, ווי אַזוי צו בויען איר לעבן אין ארץ ישראל אויף גערעכטע יסודות. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אַנטשטאַנען איז דער ציוניסטישער סאָציאַ־ליזם אין אַ צייט ווען פון מזרח־אייראָפּע איז געגאַנגען אַ גרויסע עמיגראַציע קיין צפון־אַמעריקע, וועלכע האָט אַהינגעבראַכט 2,600,000 ייִדן.

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם האָט גערופן די ייִדן צו גיין קעגן שטראָם. דאָס האָט געהאַט אַ ווירקעוודיקן אָפּקלאַנג און האָט פאַרשריבן הערלעכע קאַפּיטלעך אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. די הויפּט־טעזע פון דעם ציוניסטישן סאָ־ציאַליזם איז געווען געבויט אויף דער הנחה, אַז די דעמאָלטיקע רוסישע רעוואָ־לוציע וועט נישט לייזן די ייִדן־פראַגע. ד״ר נחמן סירקין איז געווען דער שטור־רעמדיקער קעמפער אויף דער ייִדישער גאַס, אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן האָט ער געפאָדערט די עטאַבלירונג פון אַ סאָציאַליסטישער מדינה אין ארץ ישראל, ווייל נאָר זי קען ברענגען די ריכטיקע לייזונג פאַר דער ייִדן־פראַגע. ער האָט געפילט, אַז נאָר אַ מאַסן־עליה קיין ארץ־ישראל קען ברענגען די אַנטשטייונג פון אַ ייִדישער מדינה. אָן ספק, אַז אָט דער צוגאַנג זיינער האָט מיט דער צייט געדינט אַלס וועגווייזער פאַר דער אַלץ וואַקסנדיקער מחנה פון ציוניסטישן סאָציאַליזם. אויך בער באָראָכאָוו מיט זיין טיפן מאַרקסיסטישן אַנאַליז פון דער ייִדן־פראַגע האָט באַוויזן די אויסגעהאַלטנקייט פון דעם צוזאַמענפּאָרן ציוניזם מיט סאָ־ציאַליזם.

אין אָט דער צייט האָט זיך אויף דער ייִדישער גאַס געפירט די סאַמע שאַרפ־סטע דעבאַטע וועגן דעם וועג צו דער לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע. דער ייִדיש־סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד „בונד״, וועלכער איז אַנטשטאַנען נאָענט צו דער צייט פונעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דער לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן דורכן ציוניזם. ער האָט גע־האַלטן אַז ציוניסטישער סאָציאַליזם איז פאַרפירעריש און נאָר אַ קאַמף פאַר גלייכ־באַרעכטיקונג, פאַר גלייכע בירגערלעכע רעכט פאַר די ייִדן אין זייערע וווין־לענדער וועט ברענגען די ריכטיקע ישועה.

היינט 60—70 יאָר נאָך אָט די שאַרפע דעבאַטן צווישן בונדיזם און ציוניזם, האָט די ווירקלעכקייט באַוויזן, אַז דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעטער־ציוניזם איז

געווען געדערכט און ער האָט אויך אַרויפגעלייגט זיין חותם אויף צוויי דורות שאַפונג אין ארץ ישׂראל.

דער אַרבעטס־ציוניזם איז געווען איינער פון די טרייסטע אָנהאַלטן פון דעם פּאָליטישן ציוניזם און ער האָט אין אַ גרויסער מאָס פאַרזיכערט די פאַרווירקלעכונג פונעם טרוים פון דורות, צוריק אויפצושטעלן די ייִדישע שטאַטלעכקייט, וואָס עס איז דער הויפּט־ציל פון ציוניזם.

גלייכצייטיק מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם אַרבעטס־ציוניזם, די הויפּטשטיצע פאַרן הערצליאַנישן ציוניזם, איז כּמעט אין דער זעלביקער צייט, אויך אַנטשטאַנען אַ באַוועגונג וואָס האָט נישט אַקצעפּטירט דעם פּאָליטישן ציוניזם, דער אַזוי גערופענער אחד העמיזם. אחד העם (1856—1927) איז געווען דער דענקער, שרייבער און קעמפער פאַר אַ קולטורעלן־גייסטיקן צענטער (המרכז הרוחני) אין ארץ ישׂראל, וועלכער דאַרף שטעלן דעם פּרימאַט אויף דער גייסטיקער מאָטיוואַציע פון ייִדישן פאָלק. אחר העמיזם האָט שאַרף באַקעמפט די גאַנצע אויפפאַסונג פונעם פּאָליטישן ציוניזם, אַזוי ווי הערצל האָט זי פאָרמולירט.

אחר העם האָט נישט געגלייבט, אַז ס׳וועט קומען צו אַ מאַסן־עליה און אַז מיט אַ פּאָליטיק פון כּוח וועט מען קענען דערגרייכן דעם ציל.

אחד העמיזם האָט אין דער תּקופה געהאַט אַ גרעסערן אָפּקלאַנג צווישן די דענקענדיקע ייִדישע קרייזן און אין די מערב לענדער, פאַר וועלכע ס׳איז געווען באַקוועמער צו זען ארץ ישׂראל אַלס אַ קולטור־צענטער פאַרן ייִדישן פאָלק און נישט אַלס אָרט פאַר זעלבסט־פאַרווירקלעכונג און דאָס איז אויך געווען אַ גוטער אויסרייד פאַר זיי נישט איינצושפּאַנען זיך אין דער אַזוי שווערער פליכט פון זעלבסטפאַרווירקלעכונג.

אָוודאי איז אויך געווען זייער אַן ערנסטער יסוד פאַר אחד העמס צוגאַנג, ווייל אויב דער ייִד וועט נישט זיין דורכגעדרונגען מיט גייסטיקע און מאָראַלישע ווערטן פון ייִדנטום — וועט ער זיך נישט איינשליסן צווישן די בויערס פון ארץ ישׂראל, אָבער אין דער אמתן האָט דער אחד העמיזם אַריינגעבראַכט אין פיל קרייזן נישט ווייניק אומקלאָרקייט און אויך נישט ווייניק סתּירות זענען געווען אין דער גאַנצער קאָנצעפּציע: אויב אַ קולטור־צענטער, ווי אַזוי וועט ער זיך אויסהאַלטן אין אַ פרעמדער סביבה און אָן אַ שטאַרקער מדינה א.אַז.וו.

דאָס פאַרעפנטלעכן די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט באַדייט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג פאַרן פּאָליטישן ציוניזם, פאַר הערצלס וועג און האָט נישט ווייניק געהאָלפן שטעלן אין שאָטן דעם אחד העמיזם. מען קען אָבער אויך נישט אָפּלייקענען, אַז אין יאָרן שפּעטער, שוין נאָך דער פאַרניכטונג פונעם הויפּט־צענטער פון די ייִדישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע, ווען זעלבסט־פאַרווירקלעכונג — עליה איז געמינערט געוואָרן, האָבן אין די מערב־לענדער געוויסע קרייזן, אָן דעם מען זאָל עס אָנרופן מיטן נאָמען אחר העמיזם, געפּרווּוט צוריקקערן זיך צו דער אויפפאַסונג פון ארץ ישׂראל אַלס קולטור־צענטער.

ד

דער צווייטער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג נעמט אַרום די 30 יאָר פֿון 1918—1948, די תּקופֿה פֿון בריטישן מאַנדאַט אויף ארץ ישׂראל. דער ציוניזם איז לכתּחילה נאָך דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע (1917) געווען באַפֿליגלט מיט אַ גרויסן פּאָליטישן פּאַרמעסט און האָט אַרויסגערופֿן גרויסע האָפֿענונגען אין די געדרודפּטע ייִדישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע. אין די פֿרייע לענדער ווערט מאָביליזירט די ייִדישע עפֿנטלעכע מיינונג צו פּאַרפֿעסטיקן די נאַציאָנאַלע היים פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק אין ארץ ישׂראל.

נישט דאָ איז דאָס אָרט אַריינצוגיין אין צופֿיל פּרטים וועגן גרויסן זיג פֿונעם הערצליאַנישן ציוניזם דורך דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע. פֿאַר דער גרויסער וועלט איז אָנערקענט געוואָרן די רעכט פֿון ייִדישן פֿאָלק זיך צו באַזעצן אין ארץ ישׂראל און צו שאַפֿן דאָרט זיין נאַציאָנאַלע היים.

ס'איז אָבער באַקאַנט, אַז באַלד נאָך דער אַנטשטייונג פֿונעם בריטישן מאַנדאַט, האָט די ענגלישע אַדמיניסטראַציע אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש צו צוימען די אַנטוויקלונג פֿון דער „נאַציאָנאַלער היים" און נישט דערלאָזט צו מאַכן שריט פֿאַר איר געזונטן וווּקס, וואָס זאָל ברענגען דערצו אַז ייִדן זאָלן דערגרייכן מער סוווע־רעניטעט אין לאַנד און זיך דערנענטערן מיט שנעלערע טריט צו אַ ייִדישער מדינה אין ארץ ישׂראל. די בריטישע מאַנדאַט־אַדמיניסטראַציע האָט זיך אויך קעגנגעשטעלט דער אַנטשטייונג פֿון ייִדישע האַלב־מיליטערישע כּוחות, וועמענס אויפֿגאַבעס זאָלן זיין זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג פֿון די ייִדן אין ארץ ישׂראל אויף אַלע אַנדערע געביטן. צום גליק האָט די אַנטי־ציוניסטישע האַלטונג, אין די מערסטע האָט ער איינגעזאַפּט אַ סך פֿון זיינע אייגנשאַפֿטן: דעם ליריזם, דעם אומעט יאָרן פֿון בריטישן מאַנדאַט, אָנגעטראָפֿן אויף אַ ווידערשטאַנד פֿונעם ייִדישן יִשובֿ אין ארץ ישׂראל, וועלכער האָט מצליח געווען צו מאָביליזירן גרויסע טיילן פֿון ייִדישן פֿאָלק אין די פֿאַרשיידענע לענדער. די וועלט־פֿירערשאַפֿט פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט געזען אין דעם אַ גורל־געראַנגל פֿאַר דער ייִדישער זעלבשטענדיקייט אין ארץ ישׂראל.

מען דאַרף דאָ באַמערקן, אַז ד"ר חיים ווייצמאַן, וועלכער איז דאַן געשטאַנען אין שפּיץ פֿון פּאָליטישן ציוניזם, האָט זיך נישט געלאָזט פֿאַרשיכּורן פֿון דעם גרויסן פּאָליטישן דערפֿאָלג, דאָס באַקומען די באַלפֿור־דעקלאַראַציע. ווען ד"ר חיים ווייצמאַן האָט באַזוכט ארץ ישׂראל, פֿרילינג 1918 איז דעמאָלט אויפֿגעקומען דער פֿאָרשלאָג, אַז ער, ד"ר חיים ווייצמאַן, זאָל זיך טרעפֿן מיטן עמיר פֿייסאַל, דער זון פֿון חוסיין, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער צענטראַלער אַראַבישער פֿירער און וועלכער איז געשטאַנען בראש פֿון די רעוואָלטירנדיקע אַראַבישע כּוחות קעגן דער הערשאַפֿט פֿון טערקיי. דער פֿאָרשלאָג ,אַז ווייצמאַן זאָל זיך טרעפֿן מיט עמיר פֿייסאַל איז געקומען פֿונעם בריטישן מושל אַלענבי, וועלכער האָט מסביר געווען אַז ס'איז פֿון גרויסער וויכטיקייט, אַז ווייצמאַן זאָל אויפֿקלערן פֿייסאַלן די צילן

פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און קומען מיט אים צו אַ פאַרשטענדיקונג. אין זיינע זכרונות האָט ווייצמאַן געשריבן („מסה ומעש", זייטן 231—235) וועגן דעם דראַמאַטישן באַזוך אינעם אַראַבישן מדבר און וועגן די שוועריקייטן ביז ער איז אָנגעקומען צו פייסאַלן. צו זיין גרויסער איבערראַשונג האָט ער געפונען פאַר־שטענדניש ביי פייסאַלן פאַר דער ציוניסטישער אידעע, פאַר דער קאָלאָניזירונג אין ארץ ישראל. פייסאַל האָט געהאַלטן אַז די זאַך קען ברענגען גרויס נוצן און גוטס אויך פאַר די אַראַבער, אַז אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן די צוויי פעלקער — ייִדן און אַראַבער — וועט זיין אַ קעגנזייטיקע ברכה. דער באַזוך איז פאַרגעקומען אין חודש יוני 1918 און דערנאָך איז געחתמעט געוואָרן אַ הסכם וועגן צוזאַמענאַרבעט און אָנערקענונג.

אָט די דערגרייכונג האָט נאָך מער דערהייבן ווייצמאַנען און אים געקרוינט אַלע גרויסן ציוניסטישן שטאַטסמאַן, וועלכער האָט פאַרשטאַנען, אַז כּדי צו פאַר־זיכערן דעם דערפאָלג פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל, מוז מען קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער אַראַבישער וועלט. ביי די אונטער־האַנדלונגען צווישן ד"ר ווייצמאַן און פייסאַל איז אַנוועזנדיק געווען דער לע־גענדאַרישער בריטישער העלד, דער פּראָ־אַראַבער לאָרענס, וועלכער האָט מיט־געהאָלפן צו דערגרייכן דעם הסכּם.

ס'איז נייטיק צו באַטאָנען, אַז דאָס אַראַבישע פּראָבלעם און איר באַציִונג צו דער עליה קיין ארץ ישראל האָט זיך נישט אָנגעהויבן מיט דער היסטאָרישער באַ־געגעניש צווישן פייסאַל און ד"ר ווייצמאַן. 13 יאָר פריִער, אין 1905, האָט יצחק עפּשטיין אויף אַ פאַרמאַכטער זיצונג פון ציוניסטישן קאָנגרעס, גערעדט אויספיר־לעך וועגן דער אַראַבישער פראַגע אין ארץ ישראל, וועלכע איז, לויט זיין מיי־נונג, דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם וואָס שטייט פאַרן ציוניזם. מען מוז קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער, האָט ער געטענהט, וויל פיל אַראַבישע פּויערן האָבן פאַרלוירן זייער פּרנסה, נאָכן קויפן דורך די ציוניסטן די ערד־שטחים, אַ זאַך וואָס וועט מיט דער צייט ברענגען צו שווערע קאָנסעקווענצן. די רייד פון יצחק עפּשטיין (זיין רעדע איז מיט 2 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1907, אָפּגעדרוקט גע־וואָרן אין „השילוח") האָבן אַרויסגערופן הייסע דעבאַטן, קודם כּל צווישן די ציו־ניסטן גופא. אין דער זעלביקער צייט האָט אויך דער שרייבער און דענקער שלמה צמח, פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דער נייטיקייט צו זוכן וועגן זיך צו פאַרשטענדיקן מיט דער אַראַבישער וועלט..

געווען אויך אַ טענדענץ אין ווירקנדיקע ציוניסטישע קרייזן אין דעם רוב שאַ־טירונגען אין ציוניזם, נישט אַוועקצושטעלן דאָס אַראַבישע פּראָבלעם אין צענטער פון דער ציוניסטישער טעטיקייט. דאָס פאַרשווייגן, דאָס מאַכן זיך נישט זען האָט אָבער דאָס פּראָבלעם נישט געלייזט.

דעריבער איז געווען אַזוי וויכטיק, וואָס גראָד נאָכן גרויסן דערפאָלג פון פּאָ־ליטישן ציוניזם, מיטן באַקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט ד"ר ווייצמאַן

געפונען פאַר נייטיק אָוועקצושטעלן אין צענטער פון זיין פּאָליטישער אַרבעט אויך די אַראַבישע פראַגע. ס'האָט אָבער נישט געדויערט קיין סך צייט ווי דער אָפּמאַך מיט פּייסאַלן איז אַנולירט געוואָרן דורך פּייסאַלן גופא, צוליב דעם דראָ־ענדיקן פּראָטעסט פון די אַראַבישע קרייזן און די ישׂראלדיקע אַראַבער. גע־וואַלדיקע קאָמפּליקאַציעס און שווערע ראַנגלעניִשן אויף דעם געביט האָבן נישט פאַרשפּעטיקט צו קומען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די בלוטיקע געשעענישן, וואָס די אַראַבער האָבן דורכגעפירט אין ארץ ישׂראל אין 1921 קעגן דער ציוניסטישער עליה און קעגן דעם שאַפן אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר יידן. יידן האָבן זיך אָבער נישט אָפּגעשראָקן און פאַרגעזעצט דעם בוי פון לאַנד און געזוכט וועגן צו דערגרייכן אַן אַקצעפּטאַבילן שלום מיט די אַראַבישע שכנים.

ד"ר חיים ווייצמאַן האָט געזען נישט נאָר דאָס אַראַבישע פּראָבלעם, נאָר ער איז געווען נישט ווייניקער באַאומרויקט פונעם פאַקט, וואָס טראָץ דעם וואָס מען האָט עפנטלעך אָנערקענט דאָס רעכט פון יידישן פאָלק צו בויען פאַר זיך אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישׂראל און דאָס רעכט האָט געדאַרפט אַרויסרופן ענטוזיאַזם ביי די יידן, איז אָבער די ווירקלעכקייט געווען אַן אַנדערע. דאָס איז געווען אַ שווערע אַנטוישונג פאַר ווייצמאַנען, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין דראַמאַטישער ווענדונג צום יידישן פאָלק, אויף אַ ציוניסטישער קאָנפע־רענץ אין לאָנדאָן אין 1921, מיט זיין אויסרוף: „עם ישׂראל איכּה"? דאָס הייסט, יידיש פאָלק, האָסט אַ היסטאָרישע געלעגנהייט זיך צו באַזעצן אין ארץ ישׂראל און צו בויען זיך אַן אייגענע היים און דו בלייבסט פּאַסיוו... די עליה־ציפערן פון דעמאָלט האָבן באַוויזן אַז אין משך פון 5 יאָר נאָך דעם סוף פונעם ערשטן וועלט־קריג זענען עולה געווען נישט מער ווי 30 טויזנט עולים, אַנשטאָט הונדערטער טויזנטער עולים. נחום סאָקאָלאָוו, דער סאָלידער, וועלכער האָט געמאָסטן זיינע רייד, האָט גערעדט וועגן 5 מיליאָן יידן אין אַ קורצער צייט. מען דאַרף נישט לייקענען, אַז דאָס יידישע פאָלק צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן נישט אויסגענוצט אָט די היסטאָרישע געלעגנהייט, אַז נאָך דער באַלפור־דעקלאַ־ראַציע און דער עטאַבלירונג פון בריטישן מאַנדאַט זאָל נעמען פליסן אַ גרויסע עליה קיין ארץ ישׂראל. דאָס איז זיכער געווען אַ גרויסער שאָדן פאַר דער נאַציאָ־נאַלער זאַך צו וועלכן דאָס יידישע פאָלק האָט געשטרעבט.

די ציוניסטישע באַוועגונג ווערט אין אַ געוויסער מאָס געמאָסטן לויט דער צאָל עולים קיין ארץ ישׂראל. איז גוט מיר זאָלן רעזומירן דעם וווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ארץ ישׂראל דורך עולים. אונטער דער הערשאַפט פון טערקיי, אין די יאָרן 1882—1914, ד.ה. אין משך פון 32 יאָר זענען עולה געווען קיין ארץ ישׂראל אומגעפער 55—65 טויזנט עולים, ד.ה. אַרום 2000 עולים אַ יאָר. מען דאַרף אויך צוגעבן, אַז נישט קיין קליינע צאָל האָט זיך נישט אַקלימאַטיזירט אין לאַנד און האָבן עס פאַרלאָזט. אינעם צווייטן עטאַפּ — אין דער צייט פון בריטישן מאַנדאַט, אין די יאָרן 1914—1948 (אויך כּמעט אין 30 יאָר) זענען

עולה געווען 450.000 עולים. ד.ה. אומגעפער 14.000 עולים אַ יאָר, דאָס נעמט אַרום פאַרשיידענע תּקופות פון אַ גאַר קליינע עליה אין געוויסע יאָרן און אויך גרעסערע צאָלן — דאָס אַלץ לויט דער לאַגע פון די ייִדן אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער. מיטן אויפקום פון דער היטלער־הערשאַפט איז בולט געוואַקסן דער שטראָם פון עולים. דערצו איז געווען נאָך אַ סיבה: אין יענע יאָרן איז אָפּגע־שטעלט געוואָרן די אַריינפאָר־דערלויבעניש קיין צפון־אַמעריקע. דער וווּקס פון דער עליה איז געווען געבונדן מיט די דערשיטערונגען אין פאַרשיידענע קהילות אין אייראָפּע. אַזוי אַז מען קען זאָגן, אַז פון די רויִקע לענדער, פון די קהילות פון די מערב־לענדער האָט די עליה, אויך אין דער תּקופה פון בריטישן מאַנדאַט, נישט געשפּילט קיין באַדייטנדיקע ראָל, טראָץ דעם וואָס דער וווּקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין ארץ ישראל איז געווען דער פּרוּווּשטיין פאַר בויען און וואַקסן פון דער נאַציאָנאַלער היים. מען דאַרף אויך דערמאָנען, אַז אין דער צייט פון בריטישן מאַנדאַט זענען געלייגט געוואָרן די יסודות פון אַ גרויס עקאָ־נאָמיש, געזעלשאַפטלעך און קולטורעל לעבן אין לאַנד, וואָלט דאָס נישט געווען געשאַפן געוואָרן, וואָלטן מיר נישט זוכה געווען און נישט בכּוח געווען אויפ־צונעמען די אַנטשטייונג פון דער מדינה.

אין די לעצטע 10 יאָר פון בריטישן מאַנדאַט, האָט דער ציוניזם זיך נאָך מער באַרעכטיקט אין זיין פּראָגנאָז.

ה

דער דריטער עטאַפּ פון אונדזערע באַטראַכטונגען נעמט אַרום די תּקופה פון די 30 יאָר מדינת ישראל.

מיר וועלן זיך נישט אָפּשטעלן אויף די אינערלעכע פּראָבלעמען פון דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפט, אויף די עקאָנאָמישע געזעלשאַפטלעכע אַספּעקטן און אויך נישט באַרירן די פּאָליטישע און זיכערקייט פראַגן, וואָס זענען אַ פּועל יוצא פון דעם ישׂראל־אַראַבישן קאָנפליקט. דעם עטאַפּ פון מדינת ישׂראל וועלן מיר זען, בעיקר, פון דעם ווינקל פון דער השפּעה אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג, פון די באַציִונגען צווישן ישׂראל און די תּפוצות און דערביי זיך פרעגן: וועלכע זענען עס די דראָענדיקע דערשיינונגען אינערהאַלב אונדזער באַפרייונגס־באַוועגונג, ספּעציעל פאַר די לעצט 10 יאָר.

די ערשטע 15 יאָר מדינת ישראל (1948—1963) זענען געווען יאָרן פון גרויסן שוווּנג: אין עליה, אין בוי, אין פאַרפעסטיקונג און וווּקס פון די פאַרשיידענע שטאָטס־געביטן, וועלכע האָבן אָפּגעצויגן אין אַ געוויסער מאָס, די אויפמערק־זאַמקייט פון די עיקר־פּראָבלעמען, וועלכע דאַרפן ערנסט באַטראַכט ווערן.

אין דער ערשטער תּקופה פון דער מדינה האָט געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָל דאָס צוריק דערהויבן דעם מוט און האָפענונג פון די פון חורבן פאַרבליבענע רעשטלעך פון ייִדישן פאָלק. ווען נישט די אַנטשטייונג פון דער מדינה וואָלט

די שואה זיכער פֿאַטאַל זיך אויסגעווירקט אויף דער צוקונפֿט פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק. דער אויפֿקום פֿון דער מדינה איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם. אויף די אָפֿענע טויערן האָבן געוואַרט און געהאַפּט הונדערטער טויזנטער פּליטים אין די פֿאַרשידענע מחנות אין אייראָפּע און דאָס האָט זיי מאָראַליש און פֿיזיש געראַטעוועט. אויך גרויסע מאַסן פֿון די ייִדן פֿון די אַראַבישע און מוסולמענישע לענדער האָבן געזוכט זיך צו ראַטעווען אין מדינת ישׂראל. ישׂראל האָט אין יענע טעג זיכער געדינט אַלס דער וויכטיקסטער נאַציאָנאַלער פֿאַקטאָר פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק.

אין דער ערשטער תּקופֿה פֿון דער מדינה, נאָך דער פֿאַרניכטונג פֿון 6 מיליאָן פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַ נייע לאַגע — קעגנאיבער ישׂראל מיט אירע צוויי און האַלבן מיליאָן ייִדן איז געשטאַנען די גרעסטע ייִדישע קהילה פֿון יענער זייט אָקעאַן, צפֿון־אַמעריקע מיט אירע קרוב 6 מיליאָן ייִדן, קאַנאַדע מיט אַ האַלבן מיליאָן ייִדן, צוזאַמען זעקס און אַ האַלבן מיליאָן ייִדן — דאָס איז דער הויפּט־רעזערוואואַר פֿון מענטשן־פּאָטענץ וואָס קען זיך משתּף זיין אינעם בויען די מדינה. פֿון דער אַנדערער זייט קרוב צו דריי מיליאָן ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, וועלכע ראַנגלען זיך פֿאַר זייערע רעכט עולה צו זיין און וועלכע האָבן טיילווייז פֿאַרנומען דעם פּלאַץ פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. אויסער דעם זענען געווען קלענערע ייִדישע צענטערס: אַ מיליאָן מיט אַ פֿערטל אין אייראָפּע און דריי פֿערטל מיליאָן ייִדן אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער.

אַזוי האָט אויסגעזען דער צוזאַמענטרעף צווישן דער ציוניסטישער באַוועגונג מיט די פֿאַרשיידענע טיילן פֿון ייִדישער צעשפּרייטונג. אין אַמעריקאַנער ייִדנטום (אַזוי אויך אַן ענלעכע לאַגע ביי די ייִדן אין אַנדערע לענדער פֿון דער מערבֿ־וועלט), איז אין די לעצטע 50 יאָר אויסגעוואַקסן אַ גאָר נייער טיפּ ייִד: אַן אַקאַ־דעמיקער, אַן אָנגעהעריקער צו נייע פּראָפֿעסיאָנעלע שיכטן. די עקאָנאָמיש־געזעלשאַפֿטלעכע אַטמאָספֿער האָט זיי געשטעלט אין אַ באַזונדערער לאַגע: זיי זען דעם ציוניזם נישט אַלס לייזונג פֿאַר זיך. די אַנטשטייונג פֿון דער מדינה האָט טאַקע אַרויסגערופֿן אינטערעס, אָבער זיי מאַניפֿעסטירן אַ קליינעם ענטוזיאַזם צו וועלן זיך מצרף זיין צו די בויערס פֿון דער מדינה. עס איז נישט געווען קיין יסוד פֿאַרן קלאַסישן ציוניזם. דער קערן וואָס מען האָט פֿאַרזייט פֿריער מיט 60 יאָר אין די פֿרייע מערבֿ־לענדער און אין צפֿון־אַמעריקע, האָט זיך נאָך מער צעוואַקסן אין די 70קער יאָרן. די פֿאַרניכטונג פֿונעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום איז געווען אַ געוואַלדיקער קלאַפּ פֿאַרן קלאַסישן ציוניזם. ס'האָט זיך געענדיקט אַ תּקופֿה און דער ציוניזם איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ שייד־וועג. דער ציוניזם איז טאַקע אַ ברייט־פֿאַרצווייגטע באַפֿרייונגס־באַוועגונג, אָבער שוואַך אין דעם הויפּט־פּונקט — אין פֿאַרזיכערן דעם צוווּקס פֿון דער צאָל ייִדן וואָס זאָלן קערן צו די בויערס פֿון דער מדינה.

אין דעם האָבן די ציוניסטן אין די פרייע לענדער פאַרשריבן אַ גרויסן דורכ־פאַל לגבי דער ציוניסטישער זעלבסטפאַרווירקלעכונג. ס׳איז נישטאָ קיין ריכטיקע און אויטענטישע ציוניסטישע אידעאָלאָגיע פון הגשמה עצמית, נישט אין צפון־אַמעריקע, אין קאַנאַדע, מערב־אייראָפּע, ענגלאַנד און אויסטראַליע. זיכער איז אומעטום דאָ אַ גרויסע פּאָליטישע שטיצע פאַר דער מדינה, פינאַנסיעלע הילף, אָבער דאָס אַליין איז נישט קיין ציוניזם.

ס׳איז זייער פּיינלעך דאָס צו זאָגן, אָבער די כוונה פון מיינע באַמערקונגען איז נישט סתם קיין קריטיק, נאָר שטעלן אויפריכטיק די פראַגעס: וואָס דאַרף געטאָן ווערן כדי צו פאַרכאַפּן די יידישע אינטעליגענץ, יוגנט, פּראָפעסיאָנעלע קרייזן? וועלכע נייע מעטאָדן, נייע מאָטיוואַציעס, נייער צוגאַנג דאַרף אָנגעווענדט ווערן צו די נייע יידישע שיכטן, אַז זיי זאָלן אָנהויבן זען אין ציוניזם אַ וועג פאַר זייער אייגענער פאַרווירקלעכונג? קיין שום באַמיונגען דאַרף מען נישט שפּאָרן, כדי מען זאָל ברענגען צו אַ טיפער ענדערונג אין דער מענטאַליטעט פון דער באַדייטנדיקער טייל פון יידישן פאָלק אין די פרייע לענדער.

מיר זענען עדות, אַז אין דער מערהייט פון די יידישע קהילות אין די פרייע לענדער פעלט אַ ציוניסטישע דערציונג, די שאַפונג פון אַ קלימאַט אין וועלכן דער יחיד און דער כלל זאָל פילן, אַז טראָץ די גוטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועט די פרייע וועלט נישט קענען פאַרזיכערן די צוקונפט פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן; אַז די אַסימילאַציע און פאַרפרעמדונג איז אייגנטלעך אַ הומאַניטאַרע פאָרם פאַר אַ גייסטיקער פאַרניכטונג פון פאָלק. דאָס וואָס קומט פאַר אין די גרויסע יידישע קהילות אין די פרייע לענדער זאָגט עדות, אַז מיר שטייען מיט אונדזער נאַציאָנאַלן יידישן קאָלעקטיוו פאַר אַן אָפּגרונט און ס׳מוז עפּעס ראַדיקאַל גע־ענדערט ווערן אינעם לעבן פון די קהילות לגבי זייער דירעקטע שותפות מיט מדינת ישראל און דאָס הייסט אויפנעמען אַנדערש די מצוות עשה פון ציוניזם. בלויז מיט סימפּאַטיע, בלויז מיט פּאָליטישע און פינאַנסיעלע הילף איז מען נאָך נישט באַרעכטיקט אָנצורופן זיך מיטן נאָמען ציוניסט.

מיר ווילן זיך נאָך אָפּשטעלן אויף דעם, צו וואָס אַזאַ געשאַפענע לאַגע ברענגט. כדאַי צו באַמערקן אַ זאַך, וואָס האָט אַ שייכות מיטן אינהאַלט פון דעם גייסטיקן באַגאַזש פונעם יחיד לגבי דעם ציוניזם און מדינת ישראל. מיין כוונה איז — די עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד. כדי צו העלפן די סאָוועטישע יידן אין זייער קאַמף פאַר רעכט עולה צו זיין קיין ישראל אין זייער היימלאַנד, כדי צו שאַפן דעם נויטיקן קלימאַט אין דער עפנטלעכער מיינונג דערפאַר, איז געמאַכט געוואָרן אַ גרויסער קאַמפּס־אָנשטרענגונג נישט ווייניק מיט דער הילף פון וועלט־יידנטום, פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, פון מדינת ישראל. דער קאַמף האָט געגעבן רעזולטאַטן. העכער 110 טויזנט עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד געפינען זיך אין ישראל. אמת, ס׳זענען פאַראַן נישט ווייניק און נישט קיין לייכטע פּראָב־לעמען. ס׳איז אָבער דערפרייענדיק דער פאַקט, אַז פון דער גרויסער, צענדליקער

יאָרן אָפּגעשניטענער יידישער קהילה קומען אָן צענדליקער טויזנטער עולים. אין דער לעצטער צייט האָט זיך דאָס בילד אָנגעהויבן צו ענדערן. דאָס רופֿט אַרויס פיל דאגה, ווייל אַ 50% פון די עולים פון סאָוויעט-רוסלאַנד בלייבן אויפֿן וועג אין ווין. אַנשטאָט אָנצוקומען קיין ישׂראל, זוכן זיי וועגן צו קומען אין די לענדער פון יענער זייט אָקעאַן. כ'וועל דאָ נישט רעדן וועגן דעם אין אַ וואָסער לאַגע דאָס שטעלט אַוועק ישׂראל, ווען עולים מיט וויזעס קיין ישׂראל בייטן זייער מאַרשרוט און מיידן אויס ישׂראל. מען אַנטלויפֿט פון איין גלות אין אַן אַנדערן. דאָס זאָגט אָבער אויך עדות אויף אַ טיפן נעגאַטיוון פּראָצעס צווישן די ייִדן אין סאָוויעט-רוסלאַנד. ווי עס ווייזט זיך אַרויס, זענען די ערשטע גרופּן עולים פון סאָוויעט-רוסלאַנד געווען דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַלן, ציוניסטישן געפיל לגבי ישׂראל — זענען זיי געקומען קיין ישׂראל. אין די לעצטע יאָרן איז אָט דער געפיל אָפּגעשוואַכט געוואָרן און אויך אין אַ געוויסער מאָס ווירקן די קליטה-שוועריקייטן וועלכע מען דאַרף פאַרבעסערן — דאָס ברענגט דערצו, אַז די עולים פון רוסלאַנד ווילן זיך „נאָרמאַליזירן" און זוכן זיך נאָר אַ לייכט לעבן. פון דעם דרינגט אַרויס, אַז עולים וואָס האָבן נישט קיין יידישן נאַציאָנאַלן הינטערגרונט, פאַרלירן דעם נייטיקן קאָנטאַקט מיט ישׂראל.

וויל איך צוריקקערן זיך צו דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די מערב-לענדער, וועלכע געפינט זיך אויף אַ שיידוועג. נישט האָבנדיק קיין אידעאָלאָגישן חוש פאַר זעלבסטפאַרווירקלעכונג, איז דער ייִד און דער ציוניסט, אין אַ גרויסער מאָס, אַ פריינד פון ישׂראל, אַ פּראָ-ישׂראלדיקער, גרייט צו העלפן פּאָליטיש און פינאַנ־סיעל. ישׂראליזם הויבט אָן מיט שנעלע טריט צו פאַרבייטן דעם ציוניסטישן אינ־האַלט און דאָס פירט אייגנטלעך צו דער איינשרומפּונג פונעם וווקס פון דער מדינה. פאַראַן ערנסטע קרייזן און גרויסע יידישע קהילות וואָס העלפן דער מדינה, אָבער גראָד אין די טעג שעפּט זיך אויס דער רעזערוואַר פון מענטשן-מאַטעריאַל, וועלכער זאָל אין ישׂראל זען זיין פערזענלעכן וועג. אין די פרייע לענדער זענען אויסגעוואַקסן ציוניסטן אָן ציוניזם. פריינד פון ישׂראל קענען נישט פאַרטרעטן דעם ציוניזם. ווען מיר שטעלן אַזוי שאַרף אַוועק די פאָדערונג פון עליה פון די פרייע לענדער, הייסט עס נישט אַז דער ציוניזם באַגרענעצט זיך בלויז מיט עליה. ער נעמט אַרום נאָך פיל שטחים. ס'דאַרף אָבער קלאָר זיין, אַז אָן עליה שטעלן מיר אין געפאַר די צוקונפט פון ציוניזם ווי אויך פון דער ייִדישער מדינה.

ו

די מסקנות פון מיינע באַטראַכטונגען קומען פון דער הנחה, אַז מען דאַרף נישט משלים זיין מיט דעם פּראָצעס. עס מוז געזאָגט ווערן קלאָר, אַז מיר האָבן זיך דערנענטערט צו אַ שטופּע, ווען דער אַמעריקאַנער ייִד און די ייִדן פון די אַנדערע מערב-לענדער מוזן וויסן, אַז ציוניזם מיינט זעלבסטפאַרווירקלעכונג

אויך פאַר זיי. מיר דאַרפן ענדערן ראַדיקאַל די מאָטיוואַציע פון קלאַסישן ציוניזם. אין די 80קער יאָרן, 100 יאָר נאָך דעם דעפינירן דעם קלאַסישן ציוניזם אויפן יסוד פון דער שווערער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער לאַגע אין די מזרח־אייראָפּעישע לענדער, קען די זעלבע מאָטיוואַציע נישט גענוצט ווערן. מיר דאַרפן האָבן מוט אָוועקצושטעלן אין צענטער פון אונדזער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, אין די מערב־לענדער, דאָס פּראָבלעם פון אַסימילאַציע, וועלכע באַדראָט אונדזער נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו אַזוי ווייט, אַז גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק זענען אין געפאַר צו פאַרשווינדן, צו אויסמישן זיך מיט דער אַרומיקער געזעלשאַפט. דער ציוניזם אין די דאָזיקע לענדער מוז קומען אַלס תשובה, אַלס אַ לייזונג פאַר אונדזער גייסטיקער און נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. מען דאַרף נישט נוצן די מאָטיוון פון מזרח־אייראָפּע צו די נייע געשאַפענע באַדינגונגען פאַר די יידן פון צפון־אַמעריקע ווי אויך אין אַלע אַנדערע מערב־לענדער, וועלכע שטעלן אין געפאַר אונדזער יידיש נאַציאָנאַל לעבן.

דאָס צוריקברענגען די באַוועגונג צום אמתן אינהאַלט פון די ציוניסטישע ווערטן, אין ליכט פון די נייע ענדערונגען אין דער פרייער וועלט, וועט אויך נישט שטערן די פריינד פון ישׂראל צו העלפן דער מדינה פינאַנסיעל און פּאָליטיש. דאָס דאַרף נישט זיין ישׂראליזם — נאָר אַ באַנייטער ציוניזם.

די ציוניסטישע באַוועגונג אין די פרייע מערב־לענדער געפינט זיך היינט אין אַ זייער ענלעכער לאַגע ווי עס האָבן זיך געפונען די חובבי־ציון־גרופּן ערב דעם דערשיינען פון ד"ר הערצל מיט זיין פּאָליטישן ציוניזם. אויך היינט דאַרף געשען אַן ענלעכע זאַך, אַז נייע דינאַמישע יונגע גרופּן זאָלן קומען צו דעם איצטיקן נייעם דור אין די פרייע לענדער מיט דער אויסגעהאַלטענער שטעלונג פון באַקעמפן די אַסימילאַציע, פאַרשטאַרקן און פאַרפעסטיקן די ציוניסטישע דערציִונג און אַז באַדייטנדיקע טיילן פונעם יונגן דור זאָלן נישט משלים זיין מיט דעם גייסטיקן און נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג, נאָר זען אין ציוניזם, אין ישׂראל אַ לייזונג פאַר זיך גופא.

צי איז עס מעגלעך, אָדער איז עס נאָר אַ ווונטש אויפן פּאַפּיר?

כדי אַריינצוברענגען אַ נייעם נוסח פון ציוניסטישער אינטערפּרעטאַציע אין די מערב־לענדער דאַרף געמאַכט ווערן אַן ערנסטער פּרווו, נישט מיט קיין גרויסע איינדרוקספולע ציפערן, נאָר קוואַליטאַטיוו געפונען אַ נייעם נוסח פון אמתן ציוניזם אין די מערב־לענדער.

מיר שיינט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט נאָך קיינמאָל נישט גערעדט אַזוי קלאָר און פעסט מיט די מערב־יידן, אַז זיי דאַרפן ווערן אַ צענטראַלער פאַקטאָר אין דער זעלבסטפאַרווירקלעכונג פון ציוניזם.

מען דאַרף דערצו האָבן אַ נייעם צוגאַנג, נישט קיין טראַפּאַרעטע מאָדעלן, נאָר אָריגינעלע און צוגעפּאַסטע צו די באַדינגונגען פון דער פרייער וועלט, וואָס

זאָל קענען אָנצינדן אַ פֿייער אין די הערצער און ביי זיי אַרויסרופֿן דעם געפֿיל און ווילן פֿון קאַמף פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון יידישן נאַציאָנאַלן גורל. ארץ־ישׂראל דאַרף ווערן פֿאַר זיי די היים און זיי וועלן דאַרפֿן שטרעבן צו געהערן צו אירע בויער.

עס דאַרף פֿאַר אַלעמען קלאָר ווערן אַז יידן אָן יידישקייט און ציוניסטן אָן ציוניזם, אָן זעלבסטפֿאַרווירקלעכונג — איז נישט מעגלעך. ציוניזם קען נישט פֿאַרביטן ווערן אויף ישׂראליזם און סימפּאַטיע. מיר מוזן זוכן מיטלען ווי דאָס אויסצובעסערן.

ס׳איז דאָס שווערסטע נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פֿאַר וועלכן מיר שטייען אין די מערב־לענדער. יעדן פֿון אונדז דאַרף עקבערן אין מוח די פֿראַגע: צי וועלן מיר קענען די זאַך לייזן ?!

נאָוועמבער 1977

סימפּאַטיע פאַר מדינת ישׂראל קען נישט פאַרבייטן דעם ציוניזם

דאָס אַרטיקל פון נאָרמאַן פּאָדהאָרעץ "Now instant Zionizm" וואָס איז דערשינען דעם 3טן פעברואַר אין „ניו־יאָרק טיימס מאַגאַזין" וועקט אויף פראַגעס וואָס דאַרפן פאַראינטערעסירן נישט נאָר ציוניסטישע מנהיגים, נייערט יעדן איינציקן ייִדן, וועמען ס׳זענען נאָענט די ענינים פון ייִדישן פאָלק און פון מדינת ישׂראל. נאָרמאַן פּאָדהאָרעץ, דער שעף־רעדאַקטאָר פון „קאָמענטאַרי" און איינער פון די באַדייטנדיקסטע ייִדישע אינטעלעקטואַלן אין אַמעריקע, רירט אָן אין זיין אַרטיקל די וואָרצלען פונעם ציוניזם און פון ייִדישן קיום. זיינע מיינונגען האָבן זיכער אַ וואָג צווישן די ייִדישע און אינטעלעקטועלע קרייזן און פאַרדינט מ׳זאָל זיי באַטראַכטן און מ׳זאָל רעאַגירן אויף זיי.

אויפן ערשטן בליק קען דער מאמר אַרויסרופן אַ געפיל פון דערמוטיקונג ביי יעדן ציוניסט. זאָגט דאָך פּאָדהאָרעץ, אַז 99 פּראָצענט פון די אַמעריקאַנער ייִדן זענען געוואָרן ציוניסטן וואָס שטיצן ישׂראל און ווילן איר טובה. איך מיין אָבער, אַז אַ טיפער אַריינטראַכטן זיך אין דעם אַרטיקל באַווייזט, אַז אויב די אַמעריקאַנער ייִדן וועלן אָננעמען די אויפפאַסונג פון „כהרף עינדיקן ציוניזם" וואָס פּאָדהאָרעץ ברענגט אַרויס, וועט דערמיט דער מהות פון ציוניזם פאַרקריפּלט ווערן און דעם ייִדישן פאָלק און דער ייִדישער מדינה וועט געשען אַ גרויסער שאָדן. און געשען וועט אַזוי דערפאַר, ווייל פּאָדהאָרעץ פאַרטושט דעם וויכטיקן אונטערשייד וואָס עקזיסטירט צווישן אהבת ישׂראל און שטיצן די מדינה און אַ ציוניזם לויט דער קלאַסישער אויפפאַסונג.

ס׳איז, וואָס אַן אמת, אויך פאַראַן ביי פּאָדהאָרעצן אַן ערנסטער און אָפּנ־האַרציקער אַנאַליז וואָס שייך דעם ייִדישן שותפותדיקן גורל, אַן אַנאַליז מיט וועלכן ס׳וועט אויך מסכּים זיין דער וואָס האָט אַ ציוניסטישן וועלט־באַנעם. פּאָדהאָרעץ שטרייכט אונטער, אַז די אַמעריקאַנער ייִדן העלפן נישט נאָר ווי פילאַנטראָפּן, נאָר מחמת זיי פילן טיף ווי וויט זייער אייגענער גורל איז פאַר־בונדן מיטן גורל פון ישׂראל און וואָסער אויסווירקונג ס׳קען האָבן אויף זייער צוקונפט דאָס פאַרניכטן פון דער מדינה. אָט די אָפּשאַצונג פון פּאָדהאָרעצן שפּיגלט אָפּ די טראַדיציאָנעלע ייִדישע אויפפאַסונג וועגן דער אחדות פון ייִדישן פאָלק און דעם באַוווסטן זאָג: „ישׂראל ערבים זה לזה". ווי באַקאַנט איז דער ציוניזם באַזירט אויפן באַוווסטזיין פון דער אחדות פונעם פאָלק. ס׳איז אָבער פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דער ציוניסטישער אויפפאַסונג און דעם כלומרשט ציוניסטישן באַנעם פון פּאָדהאָרעצן. פון זיינע ווערטער קומט קלאָר

אַרויס, אַז ער איז גענייגט צו דער מיינונג אַז ציוניזם איז: שטיצן דעם געדאַנק פֿון אַ סוווערענער ייִדישער מדינה אין ארץ ישׂראל און מאַטעריעל און פּאָליטיש העלפֿן דער מדינה. קיינער איז נישט מזלזל אין די אויסדרוקן פֿון אונטערשטיצונג און פֿון סימפּאַטיע. און זיכער איז די ייִדישע סאָלידאַריטעט, וועלכע אַנטפּלעקט זיך ספּעציעל אין טעג פֿון נויט און אין אויסנאַם־צייטן, דאָס „געהיימע געווער" פֿון ייִדישן פֿאָלק. מ'קען אָבער בשום אופֿן נישט זען אין מאָביליזירן געלטער און אין פּאָליטישן אונטערשטיצן, אויפֿגאַבעס וואָס פֿילן אינגאַנצן אויס דעם מהות פֿון ציוניזם און פֿון דער ייִדישער באַפֿרייונג־באַוועגונג אין אונדזערע טעג.

דער תּמצית פֿונעם ציוניזם באַשטייט אין שטרעבן צו לייזן דאָס פּראָבלעם פֿון ייִדישן פֿאָלק און אין אויפֿשטעלן אַ מדינה וואָס איז באַזירט אויף דעמאָ־קראַטיש־פּראָגרעסיווע יסודות. די ציוניסטישע וועלט־אויפֿפֿאַסונג דריקט זיך אויס אין דריי עיקרים:

א. דאָס אָנערקענען, אַז ישׂראל איז דער צענטער פֿונעם ייִדישן פֿאָלק און האָט פֿאַר אים גאָר באַזונדערע חשיבֿות.

ב. ייִדישער און ציוניסטישער חינוך, ספּעציעל פֿאַרן יונגן דור.

ג. גרייטקייט צו אַליין־פֿאַרווירקלעכונג — עליה.

דער וועלט־באַנעם פֿון אַ געטרייען ציוניסט איז באַזירט אויף די דאָזיקע עיקרים. דער ציוניזם גיט צו אַן ערשטראַנגיקע חשיבֿות דער אַליין־פֿאַרווירק־לעכונג און דער דערציערישער צוגרייטונג צו עליה. און ס'וואָלט געווען אַ געפֿער־לעכער טעות מוותר צו זיין אויפֿן פּרינציפּ פֿון דער אַליין־פֿאַרווירקלעכונג און צו באַטראַכטן מאַטעריעלע הילף, סימפּאַטיע און פֿריינדשאַפֿט־אויסדרוקן ווי אַ פֿאַרבייט פֿאַר ציוניזם.

אַ ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס זאָל זיין באַזירט בלויז אויף געלט־זאַמלונגען און אויף פּאָליטישער הילף פֿאַר ישׂראל, קען זיך נישט גרויסן אַז זי איז אַ באַווע־גונג פֿון נאַציאָנאַלער באַפֿרייונג. אַזאַ מין באַוועגונג, אַן אויסגעליידיקטע פֿון אידעאַלן, וועט נישט קענען אויפֿרודערן דעם יונגן דור און וועט נישט קענען זיין קיין ענטפֿער אויפֿן מאַטעריאַליזם וואָס איז אַזוי שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין אונדזער לעבן. בלויז אַ צוריקקער צו די מקורותדיקע אידעאַלן פֿונעם ציוניזם וועט דער־מעגלעכן צו פֿאַרייִנגערן די ציוניסטישע באַוועגונג ווי אַ באַוועגונג פֿון נאַציאָ־נאַלער באַפֿרייונג וואָס איז מסוגל צו דעראָבערן דאָס האַרץ פֿון דער יוגנט.

ס'איז כּדאַי צו פֿאַרצייכענען דעם פֿאַקט וואָס ווערט דערמאָנט דורך פֿאָד־האָרעצן אין זיין אַרטיקל, אַז זינט די מדינה איז אַנטשטאַנען זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן די אַנטי־ציוניסטישע שטרעמונגען אין אַמעריקע ווי אויך די וואָס זענען צום ציוניזם געווען גלייכגילטיק. פֿאָדאָהרעץ שטעלט פֿעסט, אַז אין די אָרטאָדאָק־סישע, רעפֿאָרמיסטישע און סאָציאַליסטישע קרייזן וואָס האָבן זיך אין דער פֿאַרגאַנ־גענהייט קעגנגעשטעלט דעם ציוניזם איז פֿאָרגעקומען אַן ענדערונג וואָס שייך זייער באַציונג צו מדינת ישׂראל און אַז די דאָזיקע קרייזן זענען איצט גרייט

משלים צו זיין מיט איר און זי צו שטיצן. ס'איז אויך אין אַ גרויסער מאָס אָפּגע־שוואַכט געוואָרן דער גלייכגילט פון יידישע אינטעלעקטואַלן און סטודענטן לגבי ישׂראל. רעפאָרם־ראַביים פּרוּוון צו דעמאָנסטרירן זייער סימפּאַטיזירנדיקע באַציונג צו דער מדינה און אַ טייל פון זיי זענען אָרגאַניזירט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַפילו פאַרטראָטן אין דער ציוניסטישער וועלט־אָנפירערשאַפט.

מ'קען אָבער נישט זען אין דער ענדערונג אין דער באַציונג צו מדינת ישׂראל, נישט געקוקט דערויף וואָס דאָס איז זייער אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג, קיין פולן „ציוניזאַציע"־פּראָצעס פון אַמעריקאַנער יידנטום אַזוי ווי דאָס מיינט פאַדהאָרעץ.

ס'איז קיין ספק נישט, אַז דער רוב יידן אין אַמעריקע ווילן די טובה פון ישׂראל און ווילן שטאַרקן די מדינה, מחמת אַזאַ שטאַרקן וועט אויך העלפן שטאַרקן דאָס אַמעריקאַנער יידנטום. אָבער אַ מדינה אין וועלכער ס'זיצן נישט קיין גאַנצע דריי מיליאָן יידן וועט זיך שווער קענען אַנטקעגנשטעלן אירע שונאים, זי וועט אויך נישט קענען רעאַליזירן די האָפענונגען וואָס עס לייגן אויף איר די אַמעריקאַנער יידן. בלויז אַ מדינה, וואָס וועט פאַרמאָגן אַ פינף־זעקס מיליאָן יידן, וועט קענען זיין גענוג שטאַרק און וועט קענען דינען ווי אַ גייסטי־קער צענטער און אַ מקור פון אינספּיראַציע פאַר די יידן אין גלות.

כדי צו פאַרגרעסערן די צאָל יידן אין ישׂראל איז אַבסאָלוט נייטיק צו פאַרשטאַרקן דעם עליה־שטראָם פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו ס'געפינט זיך היינט צו טאָג דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט. דעריבער איז וויכ־טיק חינוך, עליה ווי אויך דאָס כסדרדיקע אונטערשטרייכן אַז אַליין־פאַרווירק־לעכונג איז דער געבאָט פון ציוניזם. אויב דער רוב אַמעריקאַנער יידן וועלן אָננעמען פאַדהאָרעצס אויפפאַסונג, אַז ס'איז גענוג בלויז צו שטיצן ישׂראל, כדי צו ווערן באַטראַכט ווי גוטע ציוניסטן, וועט דאָס גענוג זיין צו באַרויִקן זייער באַוווּסטזיין און אויך איינצושלעפערן זייער וואַכזאַמקייט לגבי די דרינגענדיקע באַדערפענישן פון דער יידישער מדינה און דעם יידישן פאָלק.

אויב אָבער עס וועט זיי וואָס מער קלאָר ווערן, אַז ס'איז אוממעגלעך אָן אמתער ציוניזם אָן אַליין־פאַרווירקלעכונג, וועט דאָס זיי אויפוועקן און אויפרו־דערן. די ווערטער פון פאַדהאָרעצן זענען דעריבער מסוגל צו דינען ווי אַ שלאָף־געטראַנק אין וועלכן עס שטעקן סכנות פאַר דער צוקונפט אין אַ צייט ווען די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן באַדאַרפן — אויך פאַר זייער טובה וועגן — אַ געטראַנק וואָס וועקט אויף און גיט צו ענערגיע.

פאַדהאָרעץ דריקט אַפילו אויס דעם געדאַנק, אַז נאָך דער וויעטנאַם־מלחמה איז פאַראַן אַ קלענערע געפאַר עס זאָל זיך אויפוועקן ביי די אַמעריקאַנער יידן דאָס פּראָבלעם פון טאָפּעלער לאָיאַליטעט. לויט אים מיינט מען שוין היינט נישט, אַז די געטריישאַפט פון אַן אַמעריקאַנער בירגער דאַרף זיך אויסדריקן אין אַ פול־שטענדיקן אונטערשטיצן די אויסערן־פּאָליטיק פון זיין לאַנד. דעריבער וועלן

די אַמעריקאַנער ייִדן קענען באַקעמפֿן די אַדמיניסטראַציע, אויב זי וועט פּרוּוון אַרויפֿצווינגען אויף ישׂראל אַ רעגולירונג וואָס וועט שטעלן אין סכּנה איר זיכער־קייט, און די ייִדן וועלן דערביי נישט קענען באַשולדיקט ווערן אין „טאָפּעלער לאָיאַליטעט". אָבער פֿאַדהאַרעץ גייט צו, אַז אויב ס׳וועט זיך שטעלן די פֿראַגע: שיקן אַמעריקאַנער מיליטער אין נאָענטן מזרח, אָדער איבערלאָזן ישׂראל אויף איר באַראַט, וועלן די אַמעריקאַנער ייִדן שטיין פֿאַר שווערע געוויסנס־מאַטער־נישן און דאָס דערפֿאַר ווייל דער רוב פֿון דער אַמעריקאַנער באַפֿעלקערונג איז קעגן אַ דירעקטער אַמעריקאַנער אינטערווענץ אין מיטעלן מזרח.

דער עצם־פֿאַקט אַז פֿאַדהאַרעץ זעט פֿאַר אַ מעגלעכקייט פֿון אַ געוויסנס־מאַטערניש צווישן די אַמעריקאַנער ייִדן אין דעם דאָזיקן ענין איז אַ באַווייז ווי ווייט דאָס ציוניסטישע געפֿיל איז אָפּגעשוואַכט. אַן אמתער ציוניסט דאַרף נישט האָבן קיין אינערלעכע ספֿיקות און וואַקלענישן, מחמת זיין שטיצן ישׂראל און זיין ווילן אַז ישׂראל זאָל עקסיסטירן זענען נישט אָפּהענגיק פֿון דער פּאָליטיק פֿון דער אָדער יענער אַדמיניסטראַציע אָדער פֿון דער אָדער יענער עפֿנטלעכער מיינונג. יעטוועדער געטרייער ציוניסט איז פֿון פֿאַרויס אימוניזירט קעגן אַזעלכע וואַקלענישן כּל זמן ער שטייט פֿעסט ביי דער זייט פֿון ישׂראל אין אירע גערעכטע פֿאָדערונגען און אין אירע שווערע שעהען.

די אויפֿפֿאַסונג וועלכע שרומפּט איין דעם וועזן פֿון ציוניזם איז נישט נעכטן געבוירן געוואָרן. שוין מיט עטלעכע יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען בייצוווינען אַן אידעישן וויכּוח און געראַנגל וועגן דער פֿראַגע „וואָס איז ציוניזם?" עטלעכע פֿון אונדזערע בעסטע חברים אין אַמעריקע האָבן געהאַלטן, אַז ס׳זענען פֿאַראַן צוויי ציוניסטישע אָנשויאונגען: די קלאַסישע אָנשויאונג פֿון רעאַליזירנדיקן ציוניזם, וואָס זיינע וואָרצלען שטעקן אין מזרח־אייראָפּע און וואָס איז חל אויף אַלע תּפֿוצות חוץ אַמעריקע, און די אַמעריקאַנער ציוניסטישע אָנשויאונג, וועלכע אַנטהאַלט נישט קיין פֿאַרפּליכטונג פֿון אַליין־פֿאַרווירקלעכונג. אמת איז, אַז אין די לעצטע יאָרן איז פֿאָרגעקומען אַ פּאָזיטיווע ענדערונג אין דער באַציונג פֿון דער ציוניסטישער אָנפֿירונג אין אַמעריקע לגבי דעם ענין עליה.

אין נאָוועמבער 1967 האָב איך געבראַכט פֿאַר דער ציוניסטישער וועלט־אָנפֿירונג אין ניו־יאָרק אַ פּלאַן אָפּצוטיילן די טעטיקייטן פֿון דער ייִדישער אַגענץ פֿון די טעטיקייטן פֿון דער פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער דאָזיקער פּלאַן האָט געהאַט פֿאַר אַ ציל אונטערצושטרייכן דעם אונטערשייד צווישן אַן אַלגעמיינער אונטערשטיצונג פֿאַר ישׂראל און אַ רעאַליזירנדיקן ציוניזם. לויט דעם פּלאַן האָט די ייִדישע אַגענץ געדאַרפֿט פֿאַרווענדן אירע עיקר־אָנשטרענ־גונגען אויף צו זאַמלען געלטער פֿון אַלע טיילן פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געדאַרפֿט ווידמען אירע אָנשטרענגונגען בעיקר דעם ציוניסטישן חינוך, דעם דערנענטערן דעם יונגן דור צו ישׂראל, דער עליה און דעם אויסברייטערן פֿון דער אויפֿקלערונג־אַרבעט. איך האָב געטענהט,

יצחק קאָרן

אַז דער יונגער דור קען נישט זען אין די געלט־זאַמלונגען דעם אויסדרוק פון אַ נאַציאָנאַלער באַפרייונג־באַוועגונג. אַ פאַקט איז, אַז די יוגנט וויל זען אַ נאַציאָנאַלע באַפרייונג־באַוועגונג, אַן אידעיִשע, אַ דערציערישע און רעאַליזירנדיקע. כ'האָב געוואָגט צו זאָגן, אַז אויב אַפילו ס'וועט נישט געלונגען צונויפצוזאַמלען קיין גרויסע פאָלקסמאַסן אַרום דער פאָן פון דער באַוועגונג, דאַרף דער ריינער ציוניסטישער געדאַנק זיין אַ פאָן וואָס וועט פאַנאַנדערגעוויקלט ווערן דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג. כ'וועל נישט פאַרגעסן מיט וואָסער צאָרן מיינע רייד זענען דאַן אויפגענומען געוואָרן און ערשט נאָך ווייטערדיקע שמועסן און אויפקלערונגען אין ניו־יאָרק און אין תּל־אָביב איז מען איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה, לויט וועלכער ס'איז אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג גופא אויפגעשטעלט געוואָרן אַ באַוועגונג פון פאַרווירקלעכער מיטן נאָמען „תנועת העליה" און אויפן 27סטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים אין 1968 איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאָג וועגן אויפשטעלן די עליה־באַוועגונג, וואָס שטרייכט אונטער אַז די אַליין־פאַרווירקלעכונג שטייט אין שפּיץ פון אַלע ווערטן פון ציוניזם. ליידער איז דער דאָזיקער באַוווסטזיין נישט אַריינגעדרונגען אין דער יידישער מאַסע אין אַמעריקע.

אינעם דיאַלאָג צווישן אַמעריקאַנער יידנטום און ישׂראל הערט מען פון צייט צו צייט די טענה, אַז אַנשטאָט צו שטרעבן צו דער קאָנצענטראַציע פון דער מערהייט פון יידישן פאָלק אין ישׂראל, דאַרף מען זיך באַמיען, אַז ישׂראל זאָל ווערן אַ גייסטיקער צענטער פאַר די יידן אין די תּפוצות. דאָס איז אַ מין מאָדערנער אחד העמיזם. ישׂראל קאָן אָן שום ספק אויספּילן אַ צענטראַלע ראָל פאַרן אויפהאַלטן די אייגנאַרטיקייט פון יידישן פאָלק פּונקט אַזוי ווי ס'האָט די דאָזיקע ראָל אויסגעפּילט אין דער פאַרגאַנגענהייט די רעליגיע. דאָס איז אָבער אָפּהענגיק פון היקף און ניוואָ פונעם גייסטיקן צענטער וואָס וועט געשאַפן ווערן אין ישׂראל. כדי ישׂראל זאָל קענען דינען ווי אַן אמתער אָנגעזעענער און ווירקזאַמער גייסטיקער צענטער, דאַרף זי באַקומען אַ פאַרשטאַרקונג מצד די אַמעריקאַנער יידן. דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט דאַרף שיקן קיין ישׂראל זיינע בעסטע זין, די יוגנט, די אינטעלעקטואַלן, וועלכע מוזן, קומענדיק אין לאַנד אַריין, דורכגעדרונגען זיין מיטן ווילן צו באַווירקן און צוצוטראָגן זייער חלק ביים אויספורעמען דעם גייסטיקן צענטער. נאָר דאַן וועט ירושלים קענען ווערן דער גייסטיקער צענטער, דאַרף זי באַקומען אַ פאַרשטאַרקונג מצד די אַמעריקאַנער יידן. וועט נישט קומען אַהער קיין גייסטיקע פאַרשטאַרקונג און ס'וועט נישט קומען פון דאָרט קיין מאַסן־עליה, דאַן וועלן מיט דער צייט זיך אַנטוויקלען צוויי צווישן זיך קאָנקורירנדיקע צענטערס, איינער אין ישׂראל, דער אַנדערער אין גלות — און דאָס וועט ווערן אַ גורם פאַר אַ פאַרמעסט צווישן ביידע, וואָס קען דערפירן צו אַ שפּאַלטונג, וואָס וועט אויף יעדן פאַל אָפּשוואַכן דאָס פאָלק און אַנרירן זיין כּוח קעגנצושטעלן זיך די סכּנות פון אַסימילאַציע.

ווי באַוווּסט זענען קיין ישׂראל עולה יעדעס יאָר בלויז געציילטע טויזנטער פון דעם ייִדישן קיבוץ וואָס ציילט זעקס מיליאָן נפשות. די ציוניסטישע אָנפירערשאַפט אין אַמעריקע טראָגט די אחריות פאַר דער דאָזיקער פאַרדריסלעכער דערשיינונג. אויב די ציוניסטישע אָנפירערשאַפט אין אַמעריקע וועט ווייטער האַנדלען אין ענין פון עליה אָפּהענטיק און אָן שוווּנג, וועט זי זיין אַ שותּף צום פּראָצעס וואָס וועט פירן צו אַ מאַטעריעלער שטיצע פאַר ישׂראל, ווי אַ פאַרבייט פאַרן ציוניזם. אין אַזעלכע באַדינגונגען וועט די ייִדישע מדינה אָנווערן אַן אַנזעעוודיקן טייל פון די פּאָטענציעלע עולים, דער עיקר צווישן דעם יונגן דור און דאָס וועט הייסן, אַז די אַמעריקאַנער ייִדן וועלן זיך אָפּהאַלטן פון צוצוטראָגן זייער פאַרשטאַרקונג צו דער מדינה, וואָס זיי ווילן אַז זי זאָל זיין שטאַרק.

כ׳מיין אָבער, אַז מיר האָבן נאָך נישט פאַרשפּעטיקט. אַ דינאַמישע ציוניסטישע אָנפירערשאַפט קען נאָך לאָזן הערן אַ שטאַרקע שטים, וואָס זאָל צוריקברענגען דעם ציוניזם אַן אַמתן אידעישן אינהאַלט און געפינען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון צענדליקער טויזנטער ייִדן אין אַמעריקע. מיר מוזן אָבער אָנערקענען אַז מיר שטייען פאַר אַ סכּנה, אַז די געשטאַלט פון ציוניזם זאָל אין אונדזערע טעג פאַרקריפּלט ווערן.

אַפּריל 1974

צי דאַרף מען אַ ציוניסטישע באַוועגונג אין ישראל?

א.

ווען ס׳האָבן זיך, סוף מאַי 1969, פאַרזאַמלט אין ירושלים פאָרשטייערס פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן מיטן ציל צו שאַפן אין ישראל אַ ציוניסטישן ראַט, האָט זיך פאַר אַ סך פון זיי געשטעלט די פראַגע: צי דאַרף מען און צי איז באַרעכטיקט אויפצושטעלן אין ישראל אַ קערפּערשאַפט, וואָס זאָל דאָ אין לאַנד פלעגן די ציוניסטישע ווערטן און ווירקן ווי אַ פאַקטאָר ביי דער געזעלשאַפטלעכער קליטה פון נייע עולים?

ס׳איז קיין וווּנדער נישט, וואָס אַזאַ פראַגע האָט זיך ביי געוויסע צווישן אונדז געקענט אַוועקשטעלן, היות ווי צענדליקער יאָרן איז פאַראַן אין לאַנד אַ מיינונג, אַז ציוניסטישע טעטיקייט געהער צו די ייִדן אין גלות און אַז מיטן מאָמענט ווען דער ייִד קומט אַהער ווי אַן עולה איז פאַר אים די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע־ראַם אַ פאַרענדיקטע. זיין איינגלידערן זיך אינעם שאַפונג־פּראָצעס, וואָס גייט אָן אין ישראל איז דאָך דער העכסטער אויסדרוק פון ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג און מ׳דאַרף אים נישט צוגעבן קיין נייע אויפגאַבעס.

אין דער אמתן האָט אָבער די ווירקלעכקייט פון די לעצטע 20 יאָר אָפּגעפּרעגט די דאָזיקע קאָנצעפּציע. ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז צווישן די צוויי און אַ האַלבן מיליאָן ייִדן, וואָס זענען ישראל־בירגער, געפינט זיך אַ גרויסער טייל, וואָס ווייס גאָרנישט ווי וויכטיק ס׳איז די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס פילט אָפילו נישט, אַז זי עקסיסטירט בכלל. דאָס איז אַ באַווייז דערפאַר, אַז עליה אַליין איז נישט גענוג. אויך דער ייִד וואָס איז שוין אַ ישראל־בירגער דאַרף זיין דורכגעדרונגען מיטן ציוניסטישן אידעאַל און מיט ציוניסטישע ווערטן, וואָס מוזן ווירקן אויף דער געשטאַלטיקונג פון דער ישראל־געזעלשאַפט, וועלכע מוז פון איר זייט שפּילן אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָל אין די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן דער מדינה און דעם ייִדנטום אין גלות.

ב.

אין אַן אַקאַדעמישן קרייז, אין וועלכן ס׳איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון די פּראָצעסן, וואָס גייען אָן אין דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפט און פון דעם אופן ווי אַזוי עס ווערט אין דער מדינה אינטעגרירט דער עולה פון אַ פרייען באַרוף, האָט עמעצער אַ וואָרף געטאָן די באַמערקונג: דער וואָס וויל בויען די ישׂראלדיקע געזעלשאַפט נעמט דערביי נישט אין באַטראַכט, אַז מיר זענען אַ

„מדינה פון עולים", העלפט נישט צו צו ברענגען אַהער אַן אַנזעעוודיקן טייל פון פאָלק וואָס געפינט זיך נאָך אין גלות.

פון די 26 מאַן, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער דיסקוסיע (אַלע מיט העכערער בילדונג און וואָס פאַרנעמען וויכטיקע פּלעצער) האָבן בלויז 6 צוגע־שטימט צו דער מיינונג, אַז אויב מיר ווילן אין אונדזער דור און אין קומענדיקן דור דערפילן די אויפגאַבע פון אינטעגרירן עולים, וועלן מיר מוזן מוותר זיין אויף אַ טייל פון אונדזערע גערעכטע סאָציאַלע פאָדערונגען. צוואַנציק פון זיי האָבן די דאָזיקע מיינונג נישט אָנגענומען און געטענהט, אַז די מדינה מוז פאַר־זיכערן יעדן מענטשן מיט אַקאַדעמישער בילדונג, די אָפּטימאַלסטע באַדינגונגען ווי אַ יחיד.

אַזאַ געדאַנקען־גאַנג איז זיכער נישט קיין צופעליקער. ער איז פאַרבונדן מיט אַ באַאומרויִקנדיקער פּראָצעסן־אומוואַלדונג, וואָס קומט פאָר אין דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפט: דער יחיד האַלט זיך ביי אַ שטרענג אינדיווידואַליסטישער איינשטע־לונג און פאַרלאַנגט פון דער מדינה אַלץ, וואָס עס קומט אים פאַר זיין אַרבעט, נישט נעמענדיק כּלל אין אַכט דעם פאַקט, אַז די ווירקלעכקייט וואָס הערשט אין לאַנד פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל שטעלנדיק זיינע פאָדערונגען נעמען אויך אין אַכט מאָטיוון פון נאַציאָנאַלן און ציוניסטישן כאַראַקטער, כּדי מעגלעך צו מאַכן, אַז עס זאָלן אין לאַנד געשאַפן ווערן די געהעריקע באַדינגונגען איינצוגלידערן דעם נייעם מענטשן, וואָס קומט אַהער צו אונדז. אויסער דעם צושטייער פון יחיד אויפן געביט פון זיכערקייט, וואָס איז אין אונדזערע באַדינגונגען געוואָרן דער געבאָט, וואָס יעדער בירגער מוז אויספירן און וועלכן קיינער וועט נישט שטעלן אונטער אַ פראַגע־צייכן, זענען מיר, וואָס שייך די אַנדערע געביטן, דערגאַנגען דערצו, אַז עס קען פאַרקריפּלט ווערן די געשטאַלט און אויפגעטרייסלט ווערן די שטאַנדהאַפטיקייט פון דער געזעלשאַפט, וואָס מיר האָבן דאָ געוואָלט אויפבויען אויפן יסוד פון סאָציאַלן יושר און מאַקסימאַלער נאַציאָנאַלער אחריות.

שטייט פאַר אונדז די פראַגע: צי דאַרף מען משלים זיין דערמיט, אַז דער עגאָיזם פון יחיד זאָל צונישט מאַכן די מעגלעכקייט צו שאַפן באַדינגונגען פאַר אויסברייטערן אי די מאַטעריעלע אי די געזעלשאַפטלעכע קליטה אין לאַנד? זענען דאָך אַלע מסכּים דערצו, אַז קיבוץ גלויות איז דער לעבנס־תּמצית פון דער מדינה, וואָס אָן אים קען זי קיין צוקונפט נישט האָבן. איז דעריבער קיין ספק נישט, אַז מיר מוזן זיך אָנטקעגנשטעלן מיט אונדזער גאַנצער קראַפט אַזעלכע טענדענצן. אָבער אַזאַ געראַנגל קען נישט געפירט ווערן דורך אַן עפנטלעכער אַדמיניסטראַציע, מעג זי אַפילו זיין די פעיקסטע, און אויך נישט דורך אַ רע־גירונג־אַנשטאַלט. דאָס דאַרף געטאָן ווערן אויף אַ געזעלשאַפטלעך־וואָלונטאַרן אופן. און ראשית־כּל מוזן די פאַרטייען אין ישׂראל פונדאַסניי באַטראַכטן זייער באַציונג צו די דאָזיקע פּראָבלעמען.

אַזאַ גערעגל הייסט ציוניזם. דעם ציוניזם דאַרפֿן מיר אי פֿאַר דער מדינה אי פֿאַרן גלות; מיר מוזן פֿאַרשטיין, אַז ס׳איז אוממעגלעך אַנצוהאַלטן אַ ציוניס־טישע באַוועגונג אין גלות אָן אַ דירעקטער השפּעה פֿון דעם וואָס קומט פֿאָר אין ישׂראל.

אין אונדזער הייַנטיקער צייַט, ווען די ייִדישע מדינה האַלט דער עיקר אָן אַ קאָנטאַקט מיט די ייִדן פֿון די שפֿע־לענדער, ווערט נאָך שאַרפֿער די פֿראַגע פֿון ישׂראלס צוציונג־כּוח דורך איר געזעלשאַפֿט און דורך איר באַציונג צו אַט די ייִדן. ס׳איז קיין שום ספֿק נישט, אַז אויב עס וועט נישט הערשן קיין פֿאַר־שטענדיקע צווישן ביידע טיילן פֿון פֿאָלק — דעם אין ישׂראל און דעם אין גלות — זענען מיר נאָך עלול צו פֿאַרלירן דעם היסטאָרישן שאַנס, וואָס עס האָט אונדז געבראַכט די זעקסטאָגיקע מלחמה, וואָס האָט אויפֿגעוועקט צווישן די ייִדן אין די שפֿע־לענדער די נייגונג צו פֿאַרבינדן זייער צוקונפֿט מיטן ייִדישן צענטער אין ישׂראל.

אמת איז אַז געוויסע עולים פֿון די שפֿע־לענדער קומען צו דער מדינה מיט איבערגעטריבענע פֿאָדערונגען, וועלכע מ׳וועט נישט תּמיד קענען דערפֿילן. אָבער אויב די עולים וועלן שוין ביי די ערשטע שריט זייערע אין לאַנד זיך אַנשטויסן אויף די פּראָצעסן, וואָס מיר האָבן דערמאָנט, איז פֿאַראַן אַ גרויסע געפֿאַר, אַז דער צונויפֿטרעף צווישן דעם ותיק מיטן עולה וועט נישט ברענגען דערצו, אַז צענד־ליקער טויזנטער ייִדן זאָלן דורך עליה פֿאַרווירקלעכן דעם ציוניזם אויף זיך.

נישט ווייניקער וויכטיק ווי דער עקאָנאָמישער אַספּעקט — איז דער גייסטיק געזעלשאַפֿטלעכער אַספּעקט פֿון דער קליטה. כּדי צו דערפֿירן צו אַ זעלישער דער־נענטערונג צווישן די אַלטע און נייע דאַרפֿן מיר דורכפֿירן אַ ברייט־פֿאַרמאָס־טענע דערציונג־אַקציע, וואָס זאָל שאַפֿן אין לאַנד דעם געהעריקן גייסטיקן קלי־מאַט, וואָס זאָל דינען ווי אַ צוציונג־כּוח פֿאַר די ייִדן אין די תּפֿוצות.

ג.

אין די לעצטע יאָרן רעדט מען וואָס אַן אמת אויך וועגן דער נויטווענדיקייט פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער קליטה פֿון די עולים. ס׳איז אָבער אַ גרויסער ספֿק צי די אָמטן פֿון דער רעגירונג אָדער פֿון דער סוכנות זענען מסוגל צו לייזן דעם דאָזיקן פּראָבלעם. דאָס עלעמענטאַר־מענטשלעכע וואָס דאַרף געטאָן ווערן — איז שאַפֿן דעם פּערמאַנענטן קאָנטאַקט צווישן דעם ותיק און דעם נייעם, כּדי איינצופֿלאַנצן אין דעם עולה דאָס געפֿיל, אַז ער איז גוט געזען און אָנגעלייגט אין לאַנד און אַז ער איז בכּוח צו ברענגען אויך זיין אייגענעם אָנגעזעענעם צושטייער צו דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון דער מדינה. צו אונדזער באַדויערן האָבן מיר אַפֿילו אין יאָר 1969 נאָך ווייט נישט דערגרייכט דעם דאָזיקן ציל.

און דאָך געפֿין איך פֿאַר נויטיק צו באַמערקן, אַז עפּעס האָט זיך אַ ריר געטאָן צווישן ערנסטע קרייזן אין לאַנד, ביי וועלכע עס איז רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז ס׳איז אַ מוז צו זאָרגן נישט נאָר פֿאַר אַ דירה און פֿאַר פּרנסה פֿאַרן עולה, נאָר מ׳דאַרף אים אויך פֿאַרלייכטערן זיין געזעלשאַפֿטלעכע קליטה אין דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפֿט. אַנדערש, ווערן כּסדר געשאַפֿן געשלאָסענע קרייזן פֿון עולים, וואָס פֿאַרבלייבן תּמיד עולים, אַפֿילו דאַן ווען זיי האָבן זיך עקאָנאָמיש גוט איינגעאָרדנט.

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז פֿאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף פֿון אַ פּאָר הונדערט אַקאַדעמיקער אָפּשטאַמיקע פֿון רומעניע, וואָס דער גרעסטער טייל פֿון זיי האָט זיך גוט איינגעגלידערט אין דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפֿט. אַ סך פֿון זיי האָבן אָבער געוווּסט צו דערציילן, אַז פֿון 18 טויזנט אַקאַדעמיקער עולים פֿון רומעניע, וואָס אַן ערך אַ העלפֿט פֿון זיי געפֿינט זיך שוין אין לאַנד מער ווי 10 יאָר, האָט זיך בלויז אַ קליינער טייל איינגעגלידערט אין דער היגער געזעלשאַפֿט. פֿון צווישן די אָנוועזנדיקע אויף דעם צוזאַמענטרעף האָט מען אויך געהערט די פֿאָדערונג מ׳זאָל זיי מער נישט באַטראַכטן ווי עולים. פֿאַרקערט, זיי אַליין ווילן צוהעלפֿן ביי דער קליטה פֿון נייע עולים. דאָס איז ריכטיק נישט נאָר לגבי עולים מיט אַקאַדעמישע דיפּלאָמען, נאָר אויך לגבי אַנדערע שיכטן. גאָר באַזונדער איז דאָס אַ פּראָבלעם פֿאַר מענטשן אין אַ געוויסן עלטער, מחמת די יונגע גלידערן זיך דאָך איין אין דער געזעלשאַפֿט אַ סך לייכטער דורך דער שול און דורך זייער דינען אין צה״ל.

דער דאָזיקער אויפֿגאַבע דאַרפֿן מירווידמען אַ סך אָנשטרענגונגען. מיר דאַרפֿן ברענגען דערצו, אַז אַלע טיילן פֿון דער באַפֿעלקערונג זאָלן דורכגע־דרונגען ווערן מיטן באַוווּסטזיין, אַז די געזעלשאַפֿטלעכע קליטה איז איינע פֿון די גאַראַנטיעס פֿאַר דער שטאַרקונג און דער אַנטוויקלונג פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט. וותיקים און הי־געבוירענע, סטודענטן און אינטעלעקטואַלן, מענטשן פֿון דער התישבות און אַרבעטער, פּרויען־אָרגאַניזאַציעס, לערער און מענטשן מיט העכערער בילדונג — אַלע דאַרפֿן זיך איינשפּאַנען פֿאַר דעם דאָזיקן ציל, וואָס איז אַ ציוניסטישע אויפֿגאַבע אין פֿולן זין פֿון וואָרט.

ד.

אין די לעצטע צען יאָר האָט זיך פֿאַרשאַפֿט די פֿראַגע פֿון דער באַציונג פֿון די „סאַבּרעס״ צום ציוניזם און צום פֿאָלק אין גלות.

ס׳איז קיין ספֿק נישט, אַז דער דור פֿון די ערשטע עולים, די עלטערן פֿון די „סאַבּרעס״, זענען נישט ווייניק שולדיק דערין, וואָס די קינדער זייערע ווייזן אַרויס אַ נעגאַטיווע באַציונג צום ציוניזם. זיי האָבן זיי געלערנט מזלזל צו זיין אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט, ווי אויך דאָס פֿאָלק אין גלות. אויך די שול און די

יוגנט־באַוועגונג האָבן נישט וויניק צוגעטראָגן דערצו, אַז דער יונגער דור אין לאַנד זאָל ווערן אָפּגעריסן פונעם ייִדנטום אין דער וועלט.

פאַרן יונגן דור הייסט ציוניזם בלויז עליה. און היות ווי די ציוניסטישע באַוועגונג האָט דעם דאָזיקן ציל נישט דערגרייכט אין אַ ברייטן פאַרנעם, איז איר אָנזען שטאַרק געפאַלן אין די אויגן פון יונגן דור אין לאַנד און די „סאַברעס" האָבן דעם ציוניזם אַריינגעטראָגן אין געגנדזנפּיסלעך.

אַזאַ צוגאַנג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן, האָט אויפגעשטעלט אַ מחיצה צווישן דעם ציוניזם און דעם יונגן דור אין לאַנד. ס'איז אין אַ גרויסער מאָס איבערגעריסן געוואָרן די קאָמוניקאַציע צווישן אונדזער יונגן דור און דעם וועלט־ייִדנטום. די זעקסטאָגיקע מלחמה האָט אין דעם פּרט געבראַכט אַן ענדערונג צום גוטן. אין דער מאָס וואָס דאָס ייִדנטום אין דער וועלט האָט זיך דערנענטערט און אויף פאַרשיידענע אופנים אַרויסגעבראַכט זיין סאָלידאַריטעט מיט מדינת ישראל האָט אויך דער יונגער דור אין ישראל אָנגעהויבן צו זען אַנדערש דאָס אָרט פונעם ייִדישן פאָלק אין גורלדיקן פאַרמעסט פון דער מדינה. אומדירעקט איז אויך געוואַקסן זיין אויפמערקזאַמקייט צו ציוניסטישע ווערטן. דער דאָזיקער פּראָצעס איז אָבער נאָך דערווייל ביי זיין אָנהייב. מען דאַרף אים נאָך שטאַרק פלעגן. מיר מוזן דעם דאָזיקן אָנהייב פאַרוואַנדלען אין אַ באַוועגונג מיט שווונג. און אויב ס'וועט אונדז געלונגען אָנצופילן דעם יונגן דור מיט ציוניסטישע ווערטן, איז פאַראַן אַ גרונט צו האָפן אַז אָט דער דור וועט אַ חוץ זיין שטאַטלעכן באַוווסטזיין אויך דורכגעדרונגען ווערן מיט אַ גייסטיקן אינהאַלט וואָס וועט משפּיע זיין אויף דער גאַנצער ישׂראל־געזעלשאַפט.

איינע פון די אויפגאַבעס פונעם ציוניסטישן ראַט אין ישראל איז דערנענטערן דעם היגן, יונגן דור צום פאָלק אין גלות, אַריינגעבן אין אים דעם באַוווסטזיין פון איין פאָלק ישׂראל, וואָס זאָרגט — אי פאַר מדינת ישראל אי פאַר דעם פאָלק אין דער גאַנצער וועלט.

יולי־אויגוסט 1969

עליה — דער גרויסער חשבון־הנפש פון אונדזער תקופה

די יום כיפור־מלחמה האָט טיף אויפגעטרייסלט סיי די ייִדישע מדינה און סיי דאָס וועלט־ייִדנטום. ס'איז אַ געשעעניש, וואָס וועט נאָך אַ לאַנגע צייט דאָמינירן די עפנטלעכע ייִדישע מיינונג. אַוודאי דאַרף מען נישט אַריין אין קיין עקס־טרעמקייט און היסטעריע, אָבער די געשעעניש וועט זיך אויסווירקן אויף פאַר־שידענע געביטן פון אונדזער לעבן און מיר דאַרפן פון דעם לערנען און אַרויס־ציִען ערנסטע מסקנות.

איינע פון די מסקנות איז אָן ספק ווי אַזוי דאַרפן איצט זיין די באַציונגען צווישן מדינת ישׂראל און וועלט־ייִדנטום. דער ספּאָנטאַנער שטורעם וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס רוב פון די ייִדישע מאַסן אין דער גאַרער וועלט זאָגט עדות, אַז מדינת ישׂראל פאַרנעמט אַ ביז גאָר וויכטיקן גייסטיקן און נשמהדיקן פּלאַץ אינעם ייִדישן פאָלק און אַז דאָס פאָלק האָט אַ ציטער געטאָן ווען ס'האָט זיך אים אויף אַ מאָמענט אויסגעוויזן, אַז ס'דראָט אַ געפאַר דער ייִדישער מדינה, אָט דעם פאַרווירקלעכטן טרוים פון דורות צו דערגרייכן מלוכהשע זעלבסט־שטענדיקייט. דער נשמה־ציטער און שטורעם האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ געוואַל־דיק גרויסער געלטזאַמלונג, אין פּאָליטישע מאַניפעסטאַציעס פאַר מדינת ישׂראל. אַ דרויסנדיקע צושויער וואָלט זיכער געקומען צום אויספיר, אַז דאָס וואָס ייִדן אויף דער וועלט האָבן געטאָן פאַר מדינת ישׂראל איז די העכסטע מדרגה פון סאָלידאַריטעט. מוז מען צוגעבן, אַז די רירנדיקע סצענעס בעת די גרויסע געלט־זאַמלונגען קענען און דאַרפן אַרויסרופן אַ טיף געפיל ביי יעדן איינעם, אָבער גלייכצייטיק מוז געזאָגט ווערן אַז דאָס אַליין, ד. ה. געלט־זאַמלונגען און פּאָלי־טישע אַקציעס ווי דאָס זאָל נישט זיין דרינגענדיק און לעבנסוויכטיק פאַר דער מדינה — איז נישט גענוג!

אויב ס'איז פאַראַן אַן אָרט פאַר אַ חשבון הנפש נאָך דער יום כיפור־מלחמה, דאַרף ער אָן ספק געמאַכט ווערן דורכן וועלט־ייִדנטום לגבי דעם גורל און צוקונפט פון מדינת ישׂראל. אויב מען זאָרגט און מען דאגהט פאַר איר עקזיס־טענץ, מוז קלאָר ווערן אַן איינע פון די הויפּט־פּראָבלעמען פון דער מדינה איז די פראַגע פון עליה. עליה איז נישט נאָר די העכסטע אידענטיפיקאַציע־פליכט פון אַ גלות־ייִד מיט מדינת ישׂראל, נאָר זי איז גלייכצייטיק דער עיקר, ווייל אַ פאַרגרעסערטע באַפעלקערונג אין מדינת ישׂראל וועט קענען פאַרשטאַרקן און פאַרזיכערן די צוקונפט פון דער מדינה. די עליה איז אַ לייזונג סיי פאַרן יחיד און סיי פאַרן כלל. ס'זענען נישט נייטיק קיין אויסגעקליגלטע פאָרמולעס און

צוגעשפּיצטע אויסטייטשונגען, ווייל פּונקט אַזוי ווי לופט איז נייטיק און וויכטיק פאַר מענטשן, אַזוי איז עליה נייטיק און וויכטיק פאַר מדינת ישׂראל. ווער עס פאַרשטייט דאָס נישט הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער רעוואָלוציאָנערער שריט פון נעמען אַ צעזייט און צעשפּרייט פאָלק און געבן אים אַ מלוכהשן אויסזען און אינהאַלט.

מדינת ישׂראל וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך אַן איבעררייס פון 2.000 יאָר קען נישט פאַרגליכן ווערן צו קיין שום אַנדער נאַציאָנאַלער מדינה. די צוויי יסודות־דיקע עלעמענטן פון מדינה זענען לאַנד און מענטש און וואָס שייך דעם ערשטן עלעמענט געפינען מיר זיך נאָך אין אַ שווערן געראַנגל כדי צו דערגרייכן די פולע אָנערקענונג פון אונדזערע היסטאָרישע רעכט אויף ארץ־ישׂראל. ס'גייט נאָך אָן אַ שווערער קאַמף מיט די אַראַבישע שכנים, וועלכע האָבן נאָך נישט משלים געווען מיט אונדזער עקזיסטענץ דאָ, כאָטש לעצטנס ווייזן זיך שוין די ערשטע סימנים פון אָנערקענען מדינת ישׂראל. נישט ווייניקער וויכטיק איז אָבער אויך דער צווייטער עלעמענט און דאָס איז די קאָנצענטראַציע פון ייִדן אין דער מדינה, וואָס אָן דעם איז אונדזער גאַנצע גרויסע אידעע פון נאַציאָנאַלער אויפ־לעבונג בלויז אַ טעאָרעטישע. אָן אַ גרויסער ייִדישער באַפעלקערונג פון לפּחות אַ 5—6 מיליאָן וועלן מיר נישט קענען פאַרזיכערן אַ סטאַבילן יסוד פאַר דער מדינה. די יום כּיפּור־מלחמה האָט עס באַוויזן מער און בעסער ווי פריִער און ס'איז קלאָר געוואָרן ווי וויטאַל עס איז אַ גרויסע עליה וואָס זאָל פאַרזיכערן דער מדינה אַ גענוגנדיקע באַפעלקערונג, זי זאָל זיך נישט דאַרפן שרעקן פאַר די שׂונאים און זי זאָל קענען אַנטוויקלען איר עקאָנאָמיש און קולטורעל לעבן.

די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן, און מיט רעכט, אַז גראָד איצט דאַרף דורכגעפירט ווערן אַ גרויסע און טיפע אויפקלערונג צווישן די ייִדישע קהילות אין דער וועלט וועגן דער נויטווענדיקייט פון פאַרגרעסערן די עליה. עליה מוז ווערן איינע פון די צענטראַלסטע פּראָבלעמען אינעם ייִדישן לעבן אין די גלות־לענדער. מען טאָר נישט פאַרזען דעם פאַקט, אַז גראָד אין די לעצטע פאַר יאָר איז די עליה פון סאָוועט־רוסלאַנד און טיילווייז אויך פון אַנדערע מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער געוואָרן דער הויפּט־קוואַל פון עליה קיין ישׂראל. מער פון 65% עולים קומען לעצטנס פון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, דאַקעגן פון די לענדער פון דער אַזוי גערופענער פרייער וועלט געפינט זיך די עליה אין אַ זייער באַדראָענדיקער ירידה. דער רוב ייִדן פון די פרייע לענדער האָבן, ווייזט אויס, באַשטימט פאַר זיך דעם לאָזונג פון כּופר נפש אַנשטאָט עליה און דאָס איז אַ פאַטאַלער טעות. ווייל, ווי שוין אויבן געזאָגט, פינאַנסיעלע הילף איז נאָך זייער נייטיק, וויכטיק און דרינגענדיק, אָבער אָן אַן ערנסטער עליה פון דער פרייער וועלט — זענען מיר מפקיר מדינת ישׂראל. דאָס איז דער אמת וועלכן ייִדן אין דער וועלט דאַרפן וויסן.

מ׳דאַרף צוגעבן, אַז נישט געקוקט אויף די לעצטע געשעענישן איז מדינת ישׂראל, ביים אַריינטריט אין יאָר 1974, פּאָליטיש און מיליטעריש נישט אין קיין שלעכטער לאַגע; נישטאָ קיין געפֿאַר פֿאַר מדינת ישׂראל אין די לעצטע חדשים. אויך די זשענעווער קאָנפֿערענץ זאָגט עדות, אַז טראָץ אַלע שוועריקייטן איז מדינת ישׂראל אין אַ לאַגע וואָס אויך קעגנער מוזן זיך רעכענען מיט איר עקזיס־טענץ, אַזוי אַז עולה זיין קיין ישׂראל הייסט נישט נאָר ווערן אַ שותּף צו דער גרעסטער שאַפֿונג פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, נאָר גיט אויך דעם ייִדישן יחיד און בעיקר דעם ייִנגערן ייִדן אַ ייִדישן אינהאַלט פֿאַר זיין לעבן וואָס ער קען אין גלות נישט האָבן. ווער עס קוקט זיך צו צו דעם וואָס קומט פֿאָר אין די ייִדישע קהילות אין צפֿון־־אַמעריקע, דרום־אַמעריקע און אין מערבֿ־אייראָפּע, וועט לייכט קומען צום אויספֿיר, אַז די צוקונפֿט פֿון די ייִדישע מאַסן איז אין מדינת ישׂראל זיכערער און מיט אַ רייכערן אינהאַלט ווי אין יעדן ווינקל אין דער וועלט, אַפֿילו ווען דער ייִד איז דאָרט רייכער און געפֿינט זיך נענטער ביים „שמאַלצטאָפּ״. ייִדן באַגייען פֿאַר זיך גופֿא אַ פֿאַטאַלן פֿעלער ווען זיי בלייבן זיצן אין גלות.

עס איז מערקווירדיק ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק איז פֿאַרשקלאַפֿט צום גלות. מיר געדענקען נאָך גוט ווי אַזוי די ייִדישע מאַסן אין דער וועלט האָבן אַנטוישט נאָך דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע. זיי זענען דאַן קיין ארץ־ישׂראל נישט געלאָפֿן ווי מ׳וואָלט געקענט האָפֿן. אין אַנבליק פֿון דעם קנאַפּן אָפּקלאַנג פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע האָט דאַן פּראָפֿ. חיים ווייצמאַן אויסגעשריגן: „עם ישׂראל אייכה?״ ייִדיש פֿאָלק ווו ביזסטו?! דאָס איז געווען אַ דראַמאַטישער רוף צום ייִדישן פֿאָלק עס זאָל נישט דורכלאָזן די היסטאָרישע געלעגנהייט. אויך ווייצמאַנס רוף איז נישט געהערט געוואָרן. ווען עס וואָלט יאָ געהאַט אַ ברייטערן אָפּקלאַנג, וואָלטן אַ סך זאַכן אַנדערש אויסגעזען אין ישׂראל און אין וועלט־ייִדנטום.

היינט נאָך דער יום כּיפּור־מלחמה איז זייער פּאַסיק און נייטיק צו דער־מאָנען דעם רוף פֿון „עם ישׂראל אייכה?״ דערצו איז היינט פֿאַר מדינת ישׂראל פֿיל לייכטער אויפֿצונעמען און באַזעצן ברייטע שיכטן פֿון ייִדישן פֿאָלק. טאָר דעריבער נישט ווידעראַמאָל פֿאַרזוימט ווערן די איצטיקע געוואָלדיקע געלעגנהייט.

די עליה־פֿראַגע דאַרף ווערן דער חשבון הנפש פֿון אונדזער גלות־דור, בעיקר די ייִנגערע ייִדישע קרייזן טאָרן נישט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם וואָס קומט פֿאָר, צום גרויסן היסטאָרישן געראַנגל פֿאַר פֿאַרפֿעסטיקן די צוקונפֿט פֿון מדינת ישׂראל.

אַוודאי דאַרף די ווענדונג צום וועלט־ייִדנטום וועגן שטאַרקן די עליה אויך אַרויפֿלייגן גרויסע פֿליכטן אויף דער ישׂראלדיקער רעגירונג, ווי אויך אויף די צענטראַלע אינסטיטוציעס אין לאַנד, כּדי זיי זאָלן טאָן אַלץ צו פֿאַרלייכטערן די קליטה פֿון די עולים. אויף אַ סך געביטן דאַרפֿן אַריינגעבראַכט ווערן ווייטגייענ־דיקע רעפֿאָרמעס, כּדי צו ברענגען די קליטה נענטער צום עולה און אים פֿאַר־לייכטערן זיין אַבסאָרבירונג אין לאַנד. דאָס באַדייט אָבער נישט, אַז דער עולה

יצחק קאָרן

דאַרף דערווייל אָפּלייגן זיין קומען קיין ישׂראל. אַ גרויסע עליה איז שוין אַליין אַ גרויסער גורם צום פֿאַרבעסערן די קליטה, ווייל דאָס צווינגט די ישׂראל־רעגי־רונג און די אינסטאַנצן צו זוכן נייע און בעסערע וועגן.

אַפּעלירן מיר דעריבער צו אַלע אונדזערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און צו דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג אין אַלע לענדער, אַז זיי, דורך זייערע קאַדרען זאָלן זיין דער ביישפּיל פֿון רעאַליזירן פּערזענלעך די עליה. די ציוניס־טישע אַקטיווע חברים דאַרפֿן געבן דעם ביישפּיל. מען דאַרף מאָביליזירן די יונגע קרייזן. דער צווייטער דור דאַרף און קען געפֿינען זיין וועג אין מדינת ישׂראל.

זאָל די איצטיקע תּקופֿה באַווייזן, אַז מיר זענען ראוי צום גרויסן פֿאַרמעסט וואָס שטייט אונדז פֿאַר.

די עליה איז דער גרויסער חשבון הנפש פֿון אונדזער תּקופֿה אינדיווידועל און קאָלעקטיוו.

יאַנואַר 1974

זוכן פאַרשטענדיקונג מיט פּאַלעסטינער איז נישט קיין סתּירה צום ציוניזם

ווען מען וויל ניכטער באַטראַכטן אונדזער לאַגע און זען די רעאַלע אויס־זיכטן, מוזן מיר זיך רעכענען מיט דער הייַנטיקער רעאַליטעט און זיך זאָגן, אַז מען דאַרף פירן אַ פּאָליטיק וואָס זאָל אונדז נישט איזאָלירן פון דער וועלט. זיכער דאַרפן מיר שטרעבן צו זיין שטאַרק אויף אַלע געביטן סיי אין מדינת ישראל, סיי אין די תּפוצות. עס איז אָבער געפערלעך צו פאַרלאָזן זיך בלויז אויפן מיליטערישן כּוח און גלויבן, אַז דאָס איז דאָס איינציקע מיטל צו לייזן אונדזערע פּראָבלעמען. איבערגעשאַצטע און איבערגעטריבענע באַגריפן וועגן אונדזערע מעגלעכקייטן און נישט וועלן זען דיווירקלעכקייט — איז אַ מסוכּנדיקער וועג.

דעריבער קען דער ציוניזם הייַנט נישט אויסמיידן אַ רעאַליסטישן צוגאַנג צו דעם אַראַביש־ייִדישן קאָנפליקט. ווער ס׳מאַכט זיך נישט זעענדיק, אַפילו אינעם פּראָצעס פון בויען און שטאַרקן די מדינה, אַז ס׳איז פאַראַן אַ פּאַלעסטינער פּראַגע, דער פלאַנצט איין זייער פאַלשע אילוזיעס. פאַרקערט, אונדזערע באַמיִונגען דאַרפן זיין צו זוכן אַ פּאַסיקע לייזונג פון דער פּראַגע, וואָס זאָל נישט אונטערמינירן און צעטרייסלען די יסודות פון דער מדינה. אַזאַ רעאַליסטישער צוגאַנג וועט אַרויסרופן פאַרשטענדעניש, אויב נישט ביי די אַראַבישע מדינות, איז לכל הפּחות אין פיל טיילן פון דער פרייער וועלט. מיר טאָרן נישט פירן אַ פּאָליטיק פון איזאָלאַציע און אָננעמען דעם לאָזונג פון עם לבדד ישכּון, וועלכער איז אין דער הייַנטיקער מאָדערנער צייט אַן אומרעאַלער, אַ נישט דערלאָזבאַרער און אַ געפער־לעכער.

ס׳איז נויטיק געניי אויפצוקלערן די שטעלונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער אַראַבער־פּראַגע, מחמת אַן אומקלאָרקייט אין דעם ענין איז עלול צו פאַרקריפּלען די צילן און דעם וועג פון ציוניזם און אונטערגראָבן די פונדאַמענטן פון אונדזער זעלבסטשטענדיקייט.

נישט ריכטיק איז די טענה, אַז די פּאַטערס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן שוין ביים אָנהויב פון זייער וועג נישט געוואָלט אין אַכט נעמען דאָס אַראַ־בישע פּראָבלעם און אַז די שיבת ציון איז אָנגעגאַנגען נישט רעכענדיק זיך מיט די אַראַבער וואָס האָבן געוווינט אין ארץ־ישׂראל. דער אמת איז, אַז שוין פון יאָר 1905 האָט די אַראַבישע פּראַגע נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן די אָנפירערס פון ציוניזם. אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1905 האָט דער דעלעגאַט יצחק עפּשטיין געבראַכט אַ גרינטלעכן מעמאָראַנדום וואָס וואָרנט קעגן דעם פאַרנאַכ־

לעסיקן דאָס אַראַבישע פּראָבלעם, ווייל דאָס קען ברענגען גרויס שאָדן דער ייִדישער רענעסאַנס־באַוועגונג. ס'איז אויך באַקאַנט, אַז געוויסע קרייזן פון דער ישׂראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, גאַנץ ספּעציעל צווישן די מענטשן פון „הפּועל הצעיר”, האָבן געווידמעט אַ סך אויפמערקזאַמקייט צו זוכן וועגן ווי אַזוי זיך צונויפצורעדן מיט דער אַראַבישער מחנה.

אַ קורצע צייט נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע אין נאָוועמבער 1917 האָט ד"ר חיים ווייצמאַן גערופן זיך נישט צו באַנוגענען מיט דער בריטישער דעקלאַראַציע. ער האָט געפילט ווי נייטיק ס'איז צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די אָנפירערס פון אַראַבישן פאָלק כּדי צונויפצורעדן זיך און דערגרייכן אַ צוזאַמענאַרבעט. דער הסכּם צווישן ד"ר ווייצמאַנען און דעם קעניג פייסאַל איז טאַקע געווען אַן ערנסטער פּרוּוו אָוועקצושטעלן אויפן סדר־היום פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דעם אַראַבישן פאַקטאָר, ווי אַ באַווייז פון אויפריכטיקייט און פון רעאַליזם. צוליב דעם דרוק מצד עקסטרעמע אַראַבישע עלעמענטן האָט פייסאַל געמוזט זיך צוריקציען פונעם אָפּמאַך. דאָס האָט אָבער נישט געמינערט דאָס געפיל פון דער ציוניסטישער אָנפירערשאַפט, אַז מ'מוז געפינען אַ לייזונג צו דער אַראַבער־פראַגע.

די ציוניסטישע מחנה האָט די גאַנצע צייט ביזן סוף פון בריטישן מאַנדאַט געפּרוּווט דערגרייכן אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער, נישט געקוקט אויף די פאַרשאַרפטע באַציונגען מיט זיי זינט די בלוטיקע געשעענישן פון יאָר 1921. כאָטש דער ייִשוב האָט פאַרשטאַרקט זיין כּוח און פאַרפעסטיקט די ייִדישע פּאָזיציעס, איז דאָך געווען קלאָר, אַז בלויז מיט פיזישער קראַפט וועלן מיר נישט דערגיין צו קיין לייזונג פון פּראָבלעם.

די פּיל־קאָמיסיע וואָס די בריטישע רעגירונג האָט באַשטימט אין 1936 צו געפינען אַ לייזונג האָט געבראַכט צו אַ שאַרפן וויכּוח אין די פּאַרטייען פון ייִשוב און בעיקר אין מפּא"י, וואָס איז געווען דער צענטראַלער פאַקטאָר. ווען ס'איז צום סוף באַשלאָסן געוואָרן, נאָך לאַנגע און שווערע דיסקוסיעס, אין זין פון חלוקה, איז עס נישט געווען צוליבן פעלן פון פּאַטריאָטיזם און צוליב אַ גרייטקייט מוותּר צו זיין אויף שטחים מיט וועלכע דאָס ייִדישע פאָלק איז געשיכטלעך און גייסטיק פאַרבונדן. דער צוגאַנג פון די אָנהענגער פון חלוקה איז אַרויסגעדרונגען פון ווילן אַ סוף צו מאַכן צום קאַמף פון די אַראַבער קעגן אונדז און אויך פונעם גלויבן, אַז די חלוקה וועט העלפן לייזן דעם סיכסוך. דער באַשלוס איז געווען אַ שווערער און ווייטיקלעכער, אָבער אַ גורלדיקער פאַרן ווייטערדיקן וועג פון די ייִדן אין זייער באַנייטן פאַטערלאַנד.

אמת איז, אַז נישט געקוקט אויף אונדזער צושטימונג צו דער חלוקה אין יאָר 1937 און אויף דעם דורכפירן די חלוקה אין 1948, האָט די בלינדע קעגנערשאַפט

פון די אַראַבער צום קיום פון דער יידישער מדינה נישט אויפגעהערט. אָבער די טענות פון די קעגנער פון דער חלוקה איבערציייגן אויך נישט היינט און ס'איז אַ ספק צי מיר וואָלטן זוכה געווען צום אויפקום פון דער מדינה ווען מיר וואָלטן זיך געהאַלטן ביי דער קעגנערשאַפט צו דער חלוקה. צי וואָלטן מיר דערגאַנגען צו דריי מיליאָן יידן אין לאַנד? צי וואָלטן מיר דערגרייכט אונדזער היינטיקן מיליטערישן כּוח? צי וואָלטן מיר געקענט מאָביליזירן פאַר אונדז אַ טייל פון דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט?

אַזוי ווי אַמאָל איז אויך היינט באַרעכטיקט דאָס געפיל פון אַ סך ישׂראל־בירגער, אַז מ'מוז שטרעבן צו אַ הסכּם מיט די פּאַלעסטינער, וועלכע זענען אַ וואָגיקער פאַקטאָר אויפן וועג צו דערגרייכן אַ שלום אין מיטעלן מזרח. נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי צו זוכן וועגן ווי אַזוי זיך צונויפּרעדן מיט זיי און גלייכצייטיק שטאַרקן אונדזער זיכערקייט־כּוח. די ישׂראל־רעגירונג דאַרף זיך נישט אָפּשרעקן צו רעדן מיט יעדן פאַקטאָר וואָס אָנערקענט די סוווערעניטעט פון אונדזער מדינה און באַנוצט זיך נישט מיט טעראָר כּדי צו דערגרייכן זיינע צילן. אונדזער חוב איז פאַרצולייגן אַ פּלאַן פון צונויפרעדן זיך נישט געקוקט דערויף וואָס ס'איז גרייכלעך מעגלעך אַז די אַראַבער וועלן זיך דערצו קעגנשטעלן. אַ געוואַגטער צוגאַנג און אַן איניציאַטיוו פון אונדזער זייט וועלן דערנענטערן צו אונדז וויכטיקע טיילן פון דער פרייער וועלט. אַזוי אַרום וועלן מיר שטאַרקן דעם מעמד ישׂראל און פאַרבעסערן איר געשטאַלט אין דער וועלט־עפנטלעכקייט וואָס וועט זען אין אונדז אַ מדינה וועלכע שטרעבט צו שלום און צו זיכערקייט.

מיר טאָרן נישט פאַרמאַכן די אויגן און נישט זען אַז עס עקזיסטירן פּאַלעסטינער. מיר קענען זיך דאָך נישט איינרעדן, אַז די אַראַבישע וועלט וועט אין דער ראַם פון לייזן דעם קאָנפליקט אויסמיידן די דאָזיקע פראַגע. אידענטיפיצירן אַלע אַראַבער מיט דער אָרגאַניזאַציע פאַרן באַפרייען פּאַלעסטינע, וואָס איר ציל איז צו מאָרדן און צו פאַרניכטן מדינת ישׂראל, אַנטשפּרעכט נישט גענוי דער ווירקלעכקייט. נאָך מער. מיט דעם וואָס מיר וועלן אידענטיפיצירן אַלע פּאַלעסטינער מיט די טעראָר־אָרגאַניזאַציעס, וועלן מיר ברענגען דערצו, אַז דער רוב פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג וועט זיך פאַקטיש נעמען אידענטיפיצירן מיט דער אָרגאַניזאַציע פאַרן באַפרייען פּאַלעסטינע. אָבער וואָס מער מיר וועלן זיך באַמיִען צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון די פּאַלעסטינער, אַלץ מער וועט פאַלן אין זייערע אויגן דער אָנזען פון דער מערדער־אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט סוף כּל סוף געצוווּנגען זיין צו פאַרלאָזן דעם רוצחים־וועג אויף וועלכן זי גייט ביז איצט.

ביים זוכן אַ וועג צו לייזן די פּאַלעסטינער־פראַגע וועלן מיר דאַרפן:

א) אויפקלערן די שטעלונג פון מדינת ישׂראל וואָס אָנערקענט די פּאַלעסטינער ווי אַן אינטעגראַלן טייל פונעם יידיש־אַראַבישן קאָנפליקט;

ב) דערקלערן אַז דער גורל פון די שטחים, וועלכע וועלן איבערגעגעבן ווערן אין רשות פון די פּאַלעסטינער ווי אַ זעלבסטשטענדיקע אײנהײט אין אַ פעדעראַטיווער ראַם מיט ירדן אָדער ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון דער ירדן־מלוכה, וועט באַשטימט ווערן דורך די פּאַלעסטינער גופא;

ג) געפינען וועגן צו אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן אונדז און דער ירדניש־פּאַלעסטינער פעדעראַציע אויף פּאַרשידענע געביטן לויט אַ הסכם פון ביידע צדדים.

אין דער לעצטער צייט זענען מיר אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר גורלדיקע עקזאַמענס. מיר מוזן מאָביליזירן אַלע רעסורסן און אַלע פעיִקייטן וואָס געפינען זיך אין פאָלק כּדי אַרויסצוגיין מיט הצלחה פון דעם שווערן פּרווו אין וועלכן מיר געפינען זיך איצט.

דעצעמבער 1975

ביים באַרג סיני

(רייזע פאַרצייכענונגען)

א

דער באַזוך ביים באַרג סיני, וועלכן מען רופט אויך משהס באַרג, איז געווען פאַר מיר אַ טיפע איבערלעבונג. שטייענדיק ביים באַרג סיני און קוקנדיק אויף דעם ריזיקן גראַניט־אויסגוס וואָס דאָס קלעטערן צו זיין שפּיץ איז אַזוי שווער און פאַרפלאָנטערט, האָב איך זיך געטראַכט, אַז אויף דעם פּלאַץ זענען, פריער מיט 3500 יאָר, פאָרגעקומען די ערשטע געבורטווייען פון דער ייִדישע אומה, ווען דער גרעסטער געזעצגעבער פון אַלע צייטן, משה רבנו, האָט געשאַפן פאַרן ייִדישן פאָלק די עטישע און הומאַניטאַרע נאָרמעס לויט וועלכע עס זאָל זיך פירן אין לעבן.

שטייסטו אַזוי און קלערסט: אויב משה רבנו וואָלט זיך הייַנט, אין כסלו תשל״ב, באַוויזן מיט זיינע לוחות הברית, צי וואָלטן זיי געבליבן גאַנץ?

*

אָנהייב נאָוועמבער 1972 האָט צה״ל פאַרבעטן אַ גרופּע פון 18 כנסת־מיטגלידער צו באַזוכן דעם סיני. מיר האָבן זיך געטראָפן אין די גאָר פריע שעהן, ווען דער טאָג פאַרטרייבט די נאַכט. בעת מיר זענען אַריין אין עראָפּלאַן אויפן פלי־פעלד אין לוד, האָט דער יונגער און סימפּאַטישער אָפיציר, אונדזער באַגלייטער, געמאָלדן אַז דער עראָפּלאַן וועט מיט אונדז דורכמאַכן דעם גאַנצן וועג און אַז די ערשטע סטאַציע וועט זיין בלוזא, אין דער מדבר. מיר זענען געפלויגן נאָענט צום ברעג און פון צייט צו צייט האָט אונדזער באַגלייטער אויסגערופן די נעמען פון די פּלעצער וואָס מיר זענען דורכגעפלויגן: אשדוד, אשקלון, עזה, חן־יונס, אל־עריש, נחל־ים. גענוי צו דער באַשטימטער צייט — אַ שעה מיט צוואַנציק מינוט נאָכן אָפּפליען פון לוד — זענען מיר אָנגעקומען קיין בלוזא (די געגנט וואָס הייסט אויך רומני). מיר זענען אַרויס פון עראָפּלאַן און פאַר אונדזערע אויגן האָבן זיך אַנטפּלעקט ריזיקע שטחים מדבר־זאַמדן. זאַמדן אָן אַן עק. דער פּלאַץ געפינט זיך בערך 25 קילאָמעטער פון מצרישן פּאָרט סאַיד.

ס׳האָט אויף אונדז געוואַרט אַן אויטאָבוס, וואָס האָט אונדז געבראַכט צו די בונקערס ביים סועץ־קאַנאַל.

מיר זענען אַהער געקומען אין אַ „שטילן" סעזאָן. ווען מען קען רויִק אַרויס אויפן ברעג פון סועץ און אַריבערקוקן אויפן צווייטן ברעג, ווו עס געפינען זיך די מצרים. אונדזער באַגלייטער גיט אויספירלעכע אויפקלערונגען וועגן דער

בונקער־ליניע. מען זעט די מצרים אין דער לענג פון גראַדליניקן קאַנאַל. די ברייט פון סועץ־קאַנאַל ווו מיר שטייען איז בערך 160 מעטער. מען הערט די אויס־געשרייען אויף דער מצרישער זייט, גלייך ווי זיי פאַרבעטן אונדז אויף אַ שמועס.

מיר פאָרן ווייטער און באַזוכן אַנדערע בונקערס אין דער קאַנאַל־געגנט. מיר פאָרן דורך דער ליידיק געבליבענער שטאָט קאַנטאַראַ, וועלכע איז שטאַרק באַשעדיקט געוואָרן. אַלע איינוווינער זענען אוועק, מ'זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. אָט זענען אייניקע חרוב געוואָרענע גאַסן און הייזער. פאַראַן אויך אַ סך קלויסטערס וואָס זענען נישט געשאַנעוועט געוואָרן און אָט זעט מען אַ באַמ־באַרדירטן קלויסטער. דער גאַנצער דאַך צעשעדיקט, דער צלם הענגט אַראָפּ און דער מדבר־ווינט מאַכט אים זיך הוידען אַהין און צוריק, גלייך ווי ער וואָלט זיך געקלאַפּט על חטא אויף אַלץ וואָס איז אין זיין נאָמען פאַרגעקומען.

די צווייטע ריי בונקערס געפינט זיך ווייטער פון סועץ־קאַנאַל, טיפער אין מדבר. דאָ פאָרט מען אין אַ ים פון מדבר־זאַמד. דער באַגלייטער דערציילט אַ ביסל וועגן די באַדינגונגען אין מדבר סיני. אין דער געגנט איז נישטאָ קיין וואַסער. וואַסער מוז מען ברענגען דורך ספּעציעלע רערן פון גאַר ווייט און די באַדינגונגען זענען שווערע. דאָך איז די מאָראַל ביים ישׂראל־סאָלדאַט וואָס געפינט זיך דאָ אַ הויכע. מען לעבט דאָ מיט אַ געפיל פון שליחות.

אין מיטן אונדזער שמועס טוט איינער אַ זאָג: „וואָס זאָגט איר אַז אין דער מדבר זענען נישט פאַראַן קיין וואַסער־קוואַלן? אָט אַ ביסל ווייטער, אין דער טיף, זעט מען פיל וואַסער, אַזוי ווי אַן אָזערע. פון וואַנען נעמט זיך דאָ וואַסער? דערויף שמייכלט דער באַגלייטער און ענטפערט: „דאָס איז אַ „פאַטאַ־מאָרגאַנאַ״, אַ מיראַזש. פון דער ווייטנס זעט עס אויס טאַקע ווי וואַסער, אָבער אַז מען דערנעענטערט זיך, ווייזט זיך אַרויס, אַז ס'איז נישט קיין וואַסער... אין פיל ווינקלען פון מדבר סיני קענט איר געפינען די פאַטאַ־מאָרגאַנאַ'ס אויף די ברייטע, ריזיקע זאַמד־סטעפּעס פונעם מדבר״.

ב

אינגאַנצן פאַרשטויבט קומען מיר צוריק פון דעם באַזוך אין די בונקערס. דער מדבר קלעפּט זיך אַ ביסל צו. ווען מיר קומען אַריין אין עראָפּלאַן גיט מען אונדז דערקלערונגען וועגן דעם וועג צו דער נייער סטאַציע, צום פּלי־פּלאַץ אופיר, לעבן שאַרם־אַ־שייך. דאָס הייסט אַ שפּאַציר! פון איין עק סיני צום צווייטן: פון סועץ־קאַנאַל צו שאַרם־אַ־שייך, וואָס ליגט ביים סאַמע סוף און איז דער סטראַטעגישער פּונקט וואָס קען קאָנטראָלירן דעם ים־פאַרקער פון דעם אילת־אויסגוס. אין די הענט פון די וואָס באַזיצן שאַרם־אַ־שייך געפינט זיך דער גורל פון פּאָרט אילת, וועלכער איז דער שליסל צו דער אַנטוויקלונג פון דער

דרום־געגנט אין ישראל. שאַרם־אַ־שייך איז דעריבער אַזוי וויכטיק פֿאַר ישראל. ווען דער עראָפּלאַן הויבט זיך אָן אַראָפּלאָזן, קען מען זייער קלאָר באַמערקן די צוויי קליינע אינדזלען טיראַן און סנפּיר וואָס געפֿינט זיך ביים אַריינגאַנג פֿון אילת־אויסגוס און זעען אויס ווי צוויי סאָלדאַטן וואָס היטן אָפּ דעם אַריינ־גאַנג. די אינדזלען געפֿינען זיך קעגנאיבער שאַרם־אַ־שייך.

פֿון דעם פֿלי־פֿעלד אופֿיר פֿאָרט מען אַ 10—15 מינוט קיין שאַרם־אַ־שייך. דאָ אַנטפּלעקט זיך דער געוואַלדיקער קאָנטראַסט פֿון דעם וואָס מיר האָבן געזען בעתן פֿליען אין עראָפּלאַן פֿון בלוזא קיין אופֿיר, ווו מען זעט נאָר זאַמדן, דיונעס, אוראַלטע בערגיקע שטחים, וואָס באַהערשן די לאַנדשאַפֿט אויף וועלכער קיין מענטשנס פֿוס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָטן. ווען מען דערנענטערט זיך צו דער געגנט פֿון שאַרם־אַ־שייך דערזעט מען נישט נאָר דאָס דערשיינען פֿון די שטילע וואַסערן פֿון ים־סוף, נאָר מען זעט אויך דעם געוואַלדיקן פֿאַרמעסט פֿון דעם מענטש צו פֿאַרטרייבן דעם מדבר און צו פּרוּוון דאָ אַריינברענגען אַ ביסל ציוויליזאַציע. דער גוטער קלימאַט ברענגט אַהער פֿיל באַזוכער. אָט איז דער אייגנאַרטיקער האָטעל „קאַראַוואַן”, ווו יעדעס צימער איז ווי אַ זעלבסט־שטענדיקע וווינונג מיט פֿאַרשידענע איינריכטונגען; אָט בויט זיך אַ צווייטער האָטעל, דאָס אַלץ לעבן ברעג ווו די זויבערע וואַסערן שווענקען אָפּ מיט רויִקייט די ברעגעס פֿון שאַרם־אַ־שייך; פֿון דער ווייטנס זעט מען רושטאָוואַניעס פֿון אַ נייער בוויונג. דאָס וועלן זיין הייזער פֿאַר די וואָס וועלן דאָ אַרבעטן; קעגנ־איבער — אַ ברייטער פּלאַץ מיט בנינים פֿאַר פֿאַרשידענע פֿאַרקער־אונטערנע־מונגען; אויך אַ בענזין־סטאַציע. און עטוואָס ווייטער — די געגנט פֿון צה״ל. אין שאַרם־אַ־שייך בויט זיך אַ ישוב. דערווייל זעען מיר נאָר די ערשטע שריט, נאָר סימנים ווייזן אַז דאָ ווערט פֿאַרפֿעסטיקט די אָנוועזנהייט פֿון ישראל ביים ים־סוף.

די קוקסט זיך אַרום און טראַכסט, אַז דער ים־סוף באַגלייט אין פֿאַרשידענע תּקופֿות דאָס ייִדישע פֿאָלק. ווען ייִדן זענען אַרויס פֿון מצרים, האָט דער ים־סוף געטאָן מיט זיי אַ חסד און זיך געשפּאָלטן, כּדי זיי צו דערמעגלעכן זיך צו ראַטעווען פֿון די מצרים, וואָס האָבן זיי נאָכגעיאָגט. איצט, נאָך אַזויפֿיל דורות, באַגעגענען זיך די ייִדן ווידער מיטן ים־סוף, דאָסמאָל קעגנאיבער מצרים. אָבער איצט אַנטלויפֿן זיי שוין נישט, נאָר בלייבן שטיין כּדי אָפּצוהיטן די דרום־טיילן פֿון ישראל — אילת און באר־שבע.

האָבן מיר אַ גורל־שותּפֿות מיטן ים־סוף.

ג

דער עראָפּלאַן ברענגט אונדז אויף אַן אָרט וואָס מען רופֿט דער לופֿט־פּלאַץ פֿון הר־סיני. אין די נאָכמיטאָג־שעהן פֿון אָנהויב נאָוועמבער בלאָזט דאָ אַן

אַנגענעם ווינטל און מען פילט, אַז דאָ איז גאָר אַן אַנדער געגנט פון סיני. מען פאָרט צום הר סיני און צום מאָנאַסטיר „סאַנטאַ קאַטערינאַ", וואָס געפינט זיך צופוסנס פון משהס באַרג. לעצטנס האָט מען צוגעגרייט אַ נייעם וועג צו די דאָזיקע פלעצער. דער אויטאָבוס „שפרינגט" ממש אויף דעם שטיינערדיקן וועג און דערנענטערט זיך שנעל צו דער געגנט פון די אור־אַלטע גרויסע בערג ווו ס'איז נישטאָ קיין סימן פון גרינס, פון דעם מענטשנס האַנט. די בערג שטייען אויסגעשטעלט פון ביידע זייטן וועג ווי קייטן. דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דאָס בילד פון דער אור־אַלטער נאַטור, וועלכע האָט דערקלערט אַ ברוגז דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. די נאַטור איז געבליבן נאַקעט און פרימיטיוו טויזנ־טער יאָרן און וויל נישט קיין שותפות מיטן מענטשן־גייסט. דו קוקסט אויף די בערג־קייטן און קענסט לייכט דערזען זייער טיפע אַלטקייט, די גרויקייט, די טונקלקייט זייערע. צופוסנס ביי אייניקע בערג ליגן ריזיקע שטיינער, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון די שפּיצן. פאַראַן פלעצער ווו פונעם באַרג הענגט אַראָפּ אַ ריזיקער שטיין. אָט פאַלט ער אַראָפּ אויף אונדז...

דער באַגלייטער גיט דערקלערונגען וועגן דער געגנט און באַמערקט, אַז אין דער בערגיקער סביבה געפינען זיך די בעדואינער־שבטים. פאַראַן דאָ אַ ביסל וואַסער אין דער געגנט. אַ טייל בערג ווערן „אויפגעפרעסן" פון דער נאַטור, דורכן פּראָצעס פון אָפּשווענקונג־עראָזיע. דערפון נעמט זיך וואָס די ריזיקע שטיינער קייקלען זיך אַראָפּ פון די בערג. דער וועג אויף וועלכן מיר פאָרן — זאָגט דער באַגלייטער — איז כמעט ענלעך צו די וועגן וואָס די ייִדן האָבן אַדורכגעמאַכט אין זייער גאַנג אין מדבר סיני מיט משה רבנו. דער אויטאָבוס שניידט איבער די ערשטע קייט בערג און פאָרט אַריין אין אַן אָפענעם פּלאַטאָ, אַ ברייטערן שטח וואָס איז נישט אַזוי בערגיק. געציילטע בעדואינער דרייען זיך דאָ אַרום. אַ ביסל ווייטער — אַ ווייס געקאַלכטע מצבה פון נביא צלח, וועלכן די בעדואינער האַלטן פאַר זייער הייליקן און קומען אויף זיין קבר.

דער אויטאָבוס פאַרקערעוועט זיך און גייט אַריין אין אַ נייער קייט בערג. ס'איז נישט ווייט — זאָגט דער באַגלייטער — צום הר סיני און צום מאָנאַסטיר „סאַנטאַ קאַטערינאַ", און גיט צו: אָט אויף דעם נידעריקן בערגל, זאָגט מען, האָבן די ייִדן געמאַכט דעם עגל־הזהב און דאָ האָט משה רבנו אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויף די ייִדן. אַלע קוקן זיך צו צום קליינעם בערגל ווו עס געפינט זיך אַ ווייסע מצבה. דער עולם איז פאַרטראַכט, ווער ווייסט וואָס די דאָזיקע באַמער־קונג מאַכט מענטשן טראַכטן אין מאָדערנע צייטן?

עטלעכע מינוט שפּעטער קומט מען צו צו אַ באַרגיקער סביבה, ווו מען זעט אַ ביסל גרינס. ס'איז דער המשך פון „סאַנטאַ קאַטערינע"־מאָנאַסטיר, צו־פוסנס פון הר סיני.

דער הר סיני זעט אויס בולטער אין פֿאַרגלייך מיט די אַנדערע בערג אין דער סביבה. כאָטש נישט אַזוי הויך, אײנגאַנצן 1.640 מעטער, זעט ער אויס מאַיעסטעטיש, הדרת־פּנימדיק. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז זיין גראַניט־שטיין איז שפּיציק. דער באַרג טראָגט יום־טובדיקע מלבושים, ער איז ריין און שטאָלץ. דאָ זעט מען נישט קיין סימנים פֿון עראָזיע און דאָס אויג באַגלייט דעם באַרג מיט דרך־ארץ. אַ ריזן־מאָנומענט פֿון טויזנטער יאָרן וואָס האָט אַ שייכות צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק. די ייִדישע רעליגיעזע וועלט האָט געפּסקנט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין הייליקייט אין באַרג סיני — אין קדושה בהר סיני. ס׳איז אָבער אין אים אָן ספק יאָ פֿאַראַן אַ גרויסע פֿאַרבינדונג מיט דער נאַציאָנאַלער ייִדישער געשיכטע.

צופֿוסנס פֿון הר סיני געפֿינט זיך דער מאָנאַסטיר „סאַנטאַ קאַטערינאַ״, אויס־געבויט אין 5־טן יאָרהונדערט. זינט דאַן, ד.ה. קרוב פֿון 1400 יאָר, היט אָפּ דעם פּלאַץ אַ קליינע גרופּע מאָנאַכן פֿון אַ קריסטלעכער אָרטאָדאָקסישער סעקטע און פֿלעגט יעדן ווינקל פֿון מאָנאַסטיר. אין דעם ריזן־מדבר פֿון גאַנצן אַרום זעט דער פּלאַץ אויס ווי אַן אָאַזיס. פֿאַראַן דאָ אַרום און אין מאָנאַסטיר אַ גאָרטן, ביימער. פֿאַראַן אויך וואַסער. כּדי אַריינצוקומען אין מאָנאַסטיר גייט מען אַראָפּ טרעפּ, און דאָ דערזעט מען געביידעס, וווּ די מאָנאַכן האָבן זייערע וווינונגען. אין מאָנאַסטיר — זייער אַ סך איקאָנעס, קונסט־בילדער, וועלכע דערמאָנען פֿיל פּרשיות פֿון דער תּנ״ך־תּקופֿה. פֿאַראַן דאָ אויך אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט יקר־המציאותדיקע ביכער, אַן אויסשטעלונג פֿון רעליגיעזע כּלים און קליידער.

ווען מיר גייען אַרויס פֿון קלויסטער, ווייזט אונדז דער ערשטער מאָנאַך אַ ווינקל, וווּ עס געפֿינט זיך דער סנה „וואָס ברענט און ווערט נישט פֿאַר־ברענט״. אין דער צווייטער זייט פֿון קלויסטער, אין אַ באַזונדערן פֿליגל פֿון הויז, קומט מען אַריין אין אַ ברייטן צימער וווּ מען קען זען הונדערטער מענטשן־שאַרבנס צונויפֿגעלייגטע אין פֿאָרם פֿון אַ פּיראַמידע. אין אַ צווייטער זייט זענען צונויפֿגעלייגט די ביינער פֿון די מתים. אַ שווידער כאַפּט דיך אַרום פֿון אַזאַ טראַדיציע. דער מאָנאַך דערקלערט, אַז ווי נאָר עס שטאַרבט איינער פֿון זיי, איז פֿאַראַן אַ ספּעציעלער פּלאַץ אין הויף וווּ דער מת ליגט פֿינף יאָר און דאַן נעמט מען דעם שאַרבן פֿון קאָפּ באַזונדער און מ׳לייגט אים צו צו דער פּיראַמידע פֿון די קעפּ. איך לויף אַרויס פֿון דאַנעט ווי פֿון אַ פֿאַרבאָטן פּלאַץ. דער ייִד אין מיר האָט אַרויסגעוויזן אַ ווידערגעפֿיל דערצו.

אָט זענען מיר ווידער אין ברייטן הויף פֿון מאָנאַסטיר, וואָס איז אַרומגע־צוימט מיט אַ שטיינערדיקן פּלויט. עס דרייען זיך דאָ אַרום און אַרבעטן בעדוי־אינער פֿון דער סביבה, וועלכע האַלטן אויף די ריינקייט פֿון גאַנצן מאָנאַסטיר.

ווען מיר פֿאַרלאָזן דעם מאָנאַסטיר פֿאַלט מיין בליק ווידער אויפֿן הר סיני, משהס באַרג. עפּעס קוק איך אויפֿן באַרג מיט אַ היימישקייט און אַ שמייכל.

יצחק קאָרן

אָט דערמאָן איך זיך אין מיינע קינדער־יאָרן און אין זכּרון דערוועקן זיך אַלע געשיכטעס פון יציאת מצרים. די וווּנדער אין מדבר סיני, משה רבנוס אַראָפּקומען פון באַרג, ווי ער טראָגט די מאַיעסטעטישע לוחות הברית. עס לעבן אויך אין מיין מח די אוראַלטע געשעענישן פון ייִדישן פאָלק.

מערקווערדיק, פון אַלץ וואָס איך האָב געזען אין דעם פאַרשידנאַרטיקן מדבר סיני האָט אויף מיר קיין זאַך נישט געמאַכט אַזאַ טיפן און צוציענדיקן איינדרוק ווי דער באַרג סיני.

נאָוועמבער 1972

30 יאָר מדינת ישׂראל

א

אויף דער שוועל פון אַ תּקופה

מדינת ישׂראל וועט ה׳ באייר תשל״ח זיך אָנטאָן אין פייערלעכע בגדים, כּדי אָפּצוצייכענען איר 30 יאָריקע עקזיסטענץ.

דער דאָזיקער טאָג איז אַ וויכטיקע דאַטע אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון ווידעראויפלעבן די נאַציאָנאַלע היים פאַרן צעשפּרייטן ייִדישן פאָלק און אים צוריקגעבן דעם שטאַטלעכן אויסזען. אמת, די 30 יאָר, פון 1948 ביז 1978, זענען אַ גאָר באַשיידענע תּקופה אין פאַרגלייך מיט דער געשיכטע פון גרויסע, איינגעזעסענע פעלקער, אָבער פאַר אונדז ייִדן, אין אונדזער גורלדיקן געראַנגל פון צוריק ווערן אַ פאָלק אויף אייגענעם באָדן, זענען זיי אַ זייער וויכטיקער צייט־אָפּשניט. ערנסט ביז גאָר זענען געווען די ערשטע 30 יאָר. זיי זענען געווען פול מיט גרויסע, אומפאַרגלייכלעכע דערגרייכונגען, אָבער אויך מיט בלוט און מיט מענטשלעכע קרבנות. די גאַנצע צייט איז פאַר די אַראַבער געשטאַנען איין צענטראַלער ציל, וועלכער האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע עטאַפּן. פון אָנהייב, אין 1947, נישט צו דערלאָזן דאָס אַנטשטיין פון דער מדינה. דאָס איז נישט געווען די אַרבעט בלויז פון די ישׂראלדיקע אַראַבער, נאָר אַ פראָנט פון פאַרשידענע אַראַבישע לענדער ווי: מצרים, סיריע, ירדן און איראַק. ווען די מדינה איז דאָך אַנטשטאַנען, האָט זיך תּיכּף אָנגעהויבן די גרויסע אָפענסיווע פון די אַראַבישע אַרמייען כּדי זי צו פאַרטיליקן. באָענטע פריינד פון ייִדישן פאָלק און פון דער ייִנגער מדינה האָבן אויסגעדריקט זייערע ספקות, צי אָט די שוואַכע שאַפונג, די ערשט אויפגעקומענע ייִדישע מדינה, וועט קענען זיך קעגנשטעלן די גוט באַוואָפנטע אַראַבישע אַרמייען. מיר האָבן טאַקע באַצאָלט מיט גרויסע און שווערע קרבנות — 6000 קרבנות אויף אַ בעפעלקערונג פון 60.000, אָבער דער קליינער דוד האָט מנצח געווען דעם גרויסן גלית. אויך אין דער ווייטערדיקער מלחמה, מבצע קדש, וועלכע האָט געדויערט עטלעכע טעג און אונדז געקאָסט 200 געפאַלענע, האָבן די אַראַבער נישט דערגרייכט קיין שום רעזולטאַטן. אין דער דריטער, דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, אין יאָר 1967, האָט די ישׂראל־אַרמיי דערגרייכט אַ גרויסן נצחון איבער די אַראַבישע לענדער (מצרים, סיריע, ירדן) און מיר האָבן באַצאָלט מיט 800 קרבנות. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די אַזוי גערופענע „אויסמאַטערונג־מלחמה”, וואָס האָט געדויערט פון 1968 ביז 1970 — מיט 400 קרבנות; און די לעצטע — די יום כּיפּור־מלחמה, וואָס האָט געגעבן

די אַראַבער געוויסע דערגרייכונגען, האָט זיך אין לעצטן סך הכל פּאַרענדיקט מיט אַ מיליטערישן נצחון פון ישׂראל, וועלכע האָט אירע הויפּט־פּאָזיציעס נישט פאַרלוירן.

אין משך פון די 5 מלחמות האָט ישׂראל געהאַט בערך 10.000 קרבנות און די אַראַבישע מדינות פילפאַכיק מער. דאָס האָט אַ טייל אַראַבישע מדינות, און ספּעציעל מצרים, איבערגעצייגט אַז ס'וועט זיי נישט געלונגען אָפּצושרעקן און צו פאַרניכטן די יידישע מדינה. דאָס האָט זיי אויך באַוויזן, אַז די אַלע בלוט־פאַרגיסונגען דערנענטערן זיי נישט צו זייער ציל און אַז מיט געווער וועלן זיי גאָרנישט דערגרייכן; דעריבער האָט זיך ביי זיי, און ספּעציעל ביי מצרים, גענומען שטאַרקן, אין די לעצטע יאָרן, די טענדענץ צו זוכן אַ פאַרשטענדיקונג מיט ישׂראל. דער קולמינאַציע־פּונקט פון דער דאָזיקער טענדענץ איז געקומען צום אויסדרוק דעם לעצטן נאָוועמבער 1977, מיט דעם אומדערוואַרטן באַזוך פון מצרישן פּרעזידענט אין ירושלים און מיט זיין דערקלערונג פון דער כּנסת־טריבונע וועגן זיין ווילן אָפּצושטעלן די מלחמות צווישן די אַראַבישע לענדער און ישׂראל, אָנערקענען מדינת ישׂראל און זאָרגן פאַר איר זיכערקייט. גלייכ־צייטיק האָט אָבער סאַדאַט געשטעלט זייער האַרבע באַדינגונגען: ישׂראל זאָל זיך צוריקציען פון אַלע דורך איר פאַרנומענע טעריטאָריעס אין יאָר 1967, זי זאָל אָנערקענען די אידענטיטעט פון די פּאַלעסטינער און דערמעגלעכן זיי אויפצו־שטעלן אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה אויף די שטחים, פון וועלכע ישׂראל וועט זיך צוריקציען.

אָן ספק האָט סאַדאַטס באַזוך געהאַט גרויסע ליכטזייטן, אָבער אויך נישט ווייניק שאָטנזייטן. די בעגין־רעגירונג איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערער דילעמע. נישט אַלץ וואָס סאַדאַט פאָדערט קען מען נאָכגעבן און נישט אַלץ וואָס בעגין שלאָגט פאָר אין זיין פּלאַן איז אָנגעמבאַר פאַר די מצרים. סאַדאַט געפינט זיך אין אַ קלעם: ס'איז אים נישט געלונגען אַריינצוציען אין זיין שלום־פּלאַן די אַנדערע אַראַבישע מדינות און בעיקר די הויפּט־שותּפים: די ישׂראלדיקע אַראַבער, סיריע און ירדן, שוין אָפּגערעדט פון די איבעריקע עקסטרעם קעגנערישע עלעמענטן צווישן די אַראַבישע לענדער, וואָס וואַרפן קאַטעגאָריש און פון פאַרויס אָפּ סאַדאַטס שלום־פּלענער.

ס'איז סימבאָליש, וואָס אַט די דרייסטע איניציאַטיוו פון סאַדאַטן, דעם צענטראַלן פירער פון די אַראַבישע לענדער, צו צעברעכן די אייזערנע וואַנט פון שׂנאה און אַרויספירן דעם ישׂראל־אַראַבישן קאָנפליקט אויף אַ וועג פון שלום־פאַרמעסטן, איז געקומען גראָד דאַן ווען ישׂראל דערנענטערט זיך צו דער סטאַציע פון איר 30 יאָריקער עקזיסטענץ.

מיר לעבן איצט איבער גרויסע טעג פון דראַמע און געראַנגל, וועלכע דער־מאָנען אונדז אַ ביסל אָן ענלעכע לאַגע, ווען גענוי מיט 60 יאָר צוריק, האָט ד״ר חיים ווייצמאַן גענומען די איניציאַטיוו צו זוכן אַ פאַרשטענדיקונג מיטן דעמאָלט־

דיקן אראַבישן קעניג פייסאַל און אים איבערצייגט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג שטרעבט צו שלום מיט די אַראַבער. אין נאָמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט ד"ר חיים ווייצמאַן דעמאָלט געחתמעט אַ זייער וויכטיקן אָפּמאַך מיט פיי־סאַלן וועגן אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די ייִדן און אַראַבערביים פּראָצעס פון צוריקקומען פון די ייִדן קיין ארץ ישראל. דער דאָזיקער אָפּמאַך איז בשעתו גע־פייערט געוואָרן ווי אַ גרויסע דערגרייכונג. ליידער האָבן די עקסטרעמע אַראַ־בישע עלעמענטן צונישט געמאַכט די שלום־פּרווון פון פייסאַל־ווייצמאַן. היינט, ווען מען זוכט אופנים צו פאַרזיכערן דעם שלום, מוזן געמאַכט ווערן גרויסע אָנשטרענגונגען, כּדי די האָפענונג וואָס איז אַנטשטאַנען אויף דער שוועל פון 30 יאָר מדינת ישראל זאָל רעאַליזירט ווערן און דער שלום זאָל מצליח זיין; סאַדאַטס איניציאַטיוו זאָל האָבן אַ בעסערן גורל ווי דער אָפּמאַך פון ווייצמאַנען מיט פייסאַלן. אויב דאָס וועט אַפילו טיילווייז געלינגען, וועט עס זיין אַ גרויסע מתנה צום 30 יאָריקן יובל פון מדינת ישראל.

ב

דער געראַנגל פאַר שאַפן די מדינה

ווען מען מאַכט היינט צו טאָג אַ סך הכל פון 30 יאָר מדינה, טאָר מען נישט פאַרגעסן ביי וואָס פאַר אַן איבערלעכע און אויסערלעכע באַדינגונגען ס'איז פאַר־געקומען דער גרויסער היסטאָרישער אַקט פון פּראָקלאַמירן די ייִדישע מדינה דעם 14טן מאַי 1948. זינט דעמאָלט האָט מען אַנטפּלעקט וויכטיקע דאָקומענטן וועלכע וואַרפן מער ליכט אויף די תּנאים אין וועלכע די ייִדישע מדינה איז געבוירן געוואָרן.

ראשית כּל דאַרף באַמערקט ווערן, אַז כּמעט די גאַנצע צייט פון בריטישן מאַנדאַט, וואָס זיין הויפּט־אויפגאַבע איז געווען צו העלפן און צו דערמוטיקן דאָס אויפשטעלן אין ארץ ישראל אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן ייִדישן פאָלק, האָט די בריטישע אַדמיניסטראַציע אַלץ געטאָן כּדי צו האַמעווען די אַנטוויקלונג פון ייִדישן יישוב. אין דער לעצטער סטאַדיע פון מאַנדאַט איז צוליבן דרוק פון די אַראַבער אַנטשטאַנען אַ גאָר שווערער קאָנפליקט צווישן דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע און דעם יישוב פון איין זייט און די ענגלענדער פון דער אַנדערער זייט. נישט צופעליק האָט דעמאָלט ווינסטאָן טשערטשיל געזאָגט: „ס'ווערט געפירט דורכן בריטישן מאַנדאַט אַ זייער מיאוסע מלחמה קעגן דער ייִדישער נאַציאָנאַלער היים", אויסדריקנדיק דערביי די שטימונג וואָס האָט געהערשט אין די ערנסטע קרייזן פון ענגלאַנד לגבי דעם חוב צו פאַרזיכערן דעם ייִדישן פאָלק אַ נאַציאָנאַלע היים, וואָס האָט געדאַרפט פירן צו אַ זעלבסטשטענדיקן מלוכה־לעבן.

ס'איז קיין ספק נישט, אַז די צווייטע וועלט־מלחמה האָט פֿאַרשאַרפֿט ביי דער בריטישער מאַכט איר אָריענטאַציע קעגן די ייִדן אין ארץ ישׂראל. אויב בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געקומען די באַלפֿור־דעקלאַראַציע וועגן אַ נאַציאָנאַלער היים, איז ענגלאַנד בעת און ספּעציעל נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אונטערן דרוק פֿון דער אַראַבישער מחנה, וואָס אַ מאָל אָפֿענער אַרויס קעגן די ציוניסטישע אַספּיראַציעס. דער קאָנפֿליקט צווישן ענגלאַנד און דעם ייִדישן ייִשוב האָט געבראַכט דערצו, אַז דער ציוניזם האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער געפֿינט זיך אין אַ היסטאָרישער תּקופֿה, ווען ער מוז פּראָקלאַמירן זיין ענדציל, דאָס הייסט גרינדן אַ ייִדישע מדינה אין ארץ ישׂראל. אַזאַ באַשלוס איז, אונטער דער השפּעה פֿון דעמאָלטדיקן פּאַרזיצער פֿון דער ייִדישער אַגענץ, דוד בן־גוריון, אָנגענומען געוואָרן אויף דער קאָנפֿערענץ אין ניו־יאָרק, אין מײַ 1942, אין האָטעל „בילטמאָר". דערמיט איז מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט אוועקגע־שטעלט געוואָרן די פֿאָדערונג פֿון אַ ייִדישער מדינה. אָט דער באַשלוס איז גע־ווען אַן ענטפֿער אויף דער האַנדלונג פֿון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע, ווי אויך אַן אָנזאָג, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג וועט נישט מוותּר זיין אויף איר יסודותדיקער שטרעבונג.

נאָכן סוף פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך געשאַפֿן אַ נייע פּאָליטישע קאָנסטעלאַציע. די ביז דעמאָלטדיקע גרויסמאַכטן פֿראַנקרייך און ענג־לאַנד האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלירן זייער השפּעה אין ראַיאָן פֿון מיטעלן־מזרח און צוויי נייע גרויסמאַכטן האָבן געשטרעבט זיי צו פֿאַרבייטן: די פֿאַראייניקטע שטאַטן און סאָוויעט־רוסלאַנד. אין די יאָרן 1945—1947 האָט ענגלאַנד אַרויסגע־וויזן זייער פֿיל נערוועזיטעט און נישט־זיכערקייט. זי האָט נאָך געגלייבט, אַז מיטן דערמוטיקן די אַראַבער אין ארץ ישׂראל וועט איר געלונגען אָפּצוהאַלטן איר צוריקטריט פֿון דער געגנט.

די דאָזיקע האַלטונג פֿון ענגלאַנד שפּיגלט זיך אָפּ, אין אַ גרויסער מאָס, אין דער אויפֿפֿירונג פֿון דער מאַנדאַט־אַדמיניסטראַציע אין ארץ ישׂראל. אַן אַנט־שיידנדיקער שריט איז געווען דער באַשלוס פֿון אַנטאָני אידען אין יאָר 1945, צו גרינדן די אַראַבישע ליגע, כּדי מקרב זיין צו ענגלאַנד די אַראַבישע לענדער. די אַראַבישע ליגע האָט געדינט ווי אַ געפֿערלעכער אינסטרומענט קעגן דעם ייִדישן ייִשוב אין ארץ־ישׂראל. זי האָט אָנגעצונדן קעגן אונדז אַ פֿייער פֿון שׂינאה און איז אַרויס מיט אַ לאָזונג אונדז צו פֿאַרניכטן.

היות די ייִדישע פּליטים, קרבנות פֿון נאַציזם אין די די.פּי.־לאַגערן פֿון אײ־ראָפּע, האָבן געדריקט צו געפֿינען אַ באַלדיקע לייזונג פֿאַר זייערע ליידן, איז אויפֿגעשווומען דער פֿאָרשלאָג צו פֿאָדערן מען זאָל דערלויבן די עליה פֿון 100.000 פּליטים, וואָס וואָלט כאָטש טיילווייז פֿאַרלייכטערט די לאַגע פֿון די אויס־געוואָרצלטע. די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג האָט בלית ברירה מסכּים געווען אויף דעם קאָמפּראָמיס. ענגלאַנד האָט זיך אָבער אַנטקעגנגעשטעלט דער דאָזיקער

פֿאָדערונג און דאָס האָט שטאַרק אויפֿגערודערט די עפֿנטלעכע מיינונג און בעיקר האָט עס רעוואָלטירט די ייִדישע מאַסן אין צפֿון אַמעריקע. דאָס האָט באַוויגן דעם פּרעזידענט הענרי טרומאַן צו באַשטימען, אַז אין דער געשאַפֿענער לאַגע מוז מען אָננעמען דעם ווייטגייענדיקן פֿאָרשלאַג פֿון שאַפֿן אַ ייִדישע מדינה. די האַלטונג פֿון די אַמעריקאַנער האָט דעם ציוניסטישן קאַמף פֿאַר אַ ייִדישער מדינה געגעבן אַ נייע דימענסיע. ערנסט בעווין, ענגלאַנדס אויסערן־מיניסטער, וועלכער האָט חוץ דער אָפֿיציעלער בריטישער אַנטי־ציוניסטישער ליניע, געהאַט אויך אַ פּערזענלעכן אַנטיסעמיטישן סענטימענט, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז אַריין אין קלעם דורך דער נייער אָריענטאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן ביי בעווינען דער פֿאָרשלאַג, ס׳זאָל געשאַפֿן ווערן אַן ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיסיע (13טער מײַ 1945), וועלכע זאָל אַנטשיידן אין דעם ענין. בעווין איז געווען איבערצייגט, אַז דערמיט וועט ער פֿאַרפּלאָנטערן די אַמעריקאַנער, וועלכע וועלן נישט וואַגן צו שטיצן די ציוניסטישע פֿאָדערונגען. אין משך פֿון אַ יאָר צייט האָט די ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיסיע געפֿאָרשט דעם ענין און סוף אַפּריל 1946 האָט דער רוב פֿון דער קאָמיסיע באַשלאָסן, אַז מ׳דאַרף דערלויבן אַ גרעסערע עליה קיין ארץ ישׂראל. דער באַשלוס האָט באַדייט אַ טויט־קלאַפּ פֿאַר דער גאַנצער פּאָליטיק פֿון בעווינען און זיין רעגירונג.

אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפֿן אַן אָנגעשטרענגטע לאַגע. בעווין האָט נישט געוואָלט אויספֿירן די באַשלוסן פֿון דער ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיסיע. פֿון דער צווייטער זייט האָבן די אַמעריקאַנער, אין שפּיץ מיטן פּרעזידענט טרומאַן, געפֿאָדערט תּיכּף צו דערלויבן די עליה פֿון 100.000 פּליטים פֿון די לאַגערן אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע פּלעצער, ווי אַ הומאַניטאַרן זשעסט פֿאַר די קרבנות פֿון נאַציזם. ס׳איז וואָס אַן אמת געווען נאָך אַ מאָטיוו צו פֿאָדערן די עליה פֿון 100 טויזנט פּליטים: דאָס פֿאַרבלייבן פֿונעם רוב פּליטים אין די דייטשע לאַגערן האָט, לויט דער מיינונג פֿון די מיליטערישע הויפּט־שטאַבן, אוממעגלעך געמאַכט פֿאַר אַמעריקע צו סאַנירן די לאַגע אין מערב־דייטשלאַנד. דאָס האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט די פֿאָדערונג פֿון עליה פֿאַר דער שארית הפּליטה.

דער אַמעריקאַנער דרוק אויף ענגלאַנד האָט נאָך מער צעטומלט די מאַנדאַטן־מאַכט, וועלכע האָט אַלס תּשובֿה אויף דער פֿאָדערונג פֿון עליה, אָנגענומען סאַנקציעס קעגן דעם גאַנצן ייִדישן ייִשובֿ אין ארץ ישׂראל. אין לאַנד איז דורכגעפֿירט געוואָרן דער טרויעריק באַקאַנטער „שוואַרצער שבת", דעם 24סטן יוני 1946, ווען דער רוב פֿון דער ציוניסטישער פֿירערשאַפֿט פֿון ייִשובֿ איז אַרעסטירט געוואָרן, צוזאַמען מיט טויזנטער פּאָליטיש־אַקטיווע ארץ ישׂראל־בירגער. דאָס אַלץ כּדי צו ברעכן דעם מוט פֿונעם ייִשובֿ און זיינע פֿאָדערונגען פֿאַר עליה און אַ ייִדישער מדינה.

דאָס האָט אָבער נישט געבראַכט די געווינטשטע רעזולטאַטן פאַר די ענג־לענדער. דער ייִדישער ייִשוב, די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, די גרויסע ייִדישע קהילות אין דער וועלט, בעיקר אין צפון־אַמעריקע, האָבן זיך מאָבי־ליזירט לטובת די ציוניסטישע פאָדערונגען.

בעווין האָט נאָך געפּרוּווט ברענגען אַ פּשרה: פאַרטיילן דאָס לאַנד אין דריי טיילן, אַ ייִדישן, אַן אַראַבישן און אַ בריטישן, וועלכער זאָל אַנטהאַלטן ירושלים און דעם גאַנצן נגב. אָבער דער דאָזיקער פּרוּוו איז אים נישט געלונגען. דאַן האָבן די ענגלענדער באַשלאָסן איבערצוגעבן די פאַראייניקטע נאַציעס צו אַנט־שיידן וועגן גורל פון ארץ ישראל און דערמיט צו פאַרענדיקן דעם בריטישן מאַנדאַט. די דראַמע אַרום ארץ ישראל אין יאָר 1947 איז געקומען צו אַ קולמי־נאַציע־פּונקט ווען די פאַראייניקטע נאַציעס האָבן דעם 29סטן נאָוועמבער 1947 אָנגענומען מיט אַ רוב קולות דעם פאָרשלאַג צו באַשטעטיקן די צעטיילונג פון ארץ ישראל אויף צוויי מדינות: אַ ייִדישע און אַן אַראַבישע. דער היסטאָרישער באַשלוס פונעם 29סטן נאָוועמבער איז געווען אַ ריזיקער דערפאָלג פון ציוניזם. ער האָט אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג פאַרן אַנטשטיין פון מדינת ישראל. אין דעם גורלדיקן באַשלוס האָט די צענטראַלע ראָל געשפּילט די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. מ׳דאַרף אָבער דערמאָנען, אַז אויך סאָוויעט־רוסלאַנד איז, צוליב איר אינטערעס אַרויסצושטופּן ענגלאַנד פון מיטעלן־מזרח, צוגעשטאַנען צו די וואָס פאָדערן אַ ייִדישע מדינה.

דער טאָג פון 29סטן נאָוועמבער 1947 איז אויפגענומען געוואָרן אין אַלע ייִדישע געצעלטן, אין ארץ ישראל און אין די גלות־לענדער, מיט אַ געוואַלדיקער התלהבות. די שריט פון גאולה האָבן זיך געלאָזט הערן אין די ייִדישע קהילות.

אָבער אין יענע דערהויבענע טעג האָבן זיך אינטענסיוו געוועבט אינטריגעס און דראָונגען קעגן דער צוקונפטיקער ייִדישער מדינה. די אַראַבישע מדינות האָבן זיך געגרייט מיט זייערע מיליטערישע כּוחות צו דערשטיקן דאָס אַנטשטיין פון דער ייִדישער מדינה.

ווען מ׳קוקט אין די פּאָליטישע אַנאַלן און דאָקומענטן פון צווישן דעם 29סטן נאָוועמבער 1947 און דעם 14טן מאַי 1948, דעם טאָג ווען די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, דערזעט מען, אַז שוין אויף מאָרגן נאָכן באַשלוס פון די פאַראייניקטע נאַציעס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער געראַנגל פון די אַראַ־בישע לענדער קעגן דער שאַפונג פון דער ייִדישער מדינה. גלייכצייטיק האָבן זיך פאַרשטאַרקט די בלוטיקע אָנפאַלן און טעראָר־אַקטן פון די אַראַבער אין ארץ ישראל.

אייניקע וואָכן נאָך דעם 29סטן נאָוועמבער 1947, האָט מען געהאַלטן אין די פּאָליטישע קרייזן אין וואַשינגטאָן, אַז מען וועט נישט קענען אויספירן דעם באַשלוס וועגן דער חלוקה פון ארץ ישראל און מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלן „מאַנדאַט־רעזשים״, וואָס וואָלט באַדייט אָפּהאַלטן דאָס

רעאַליזירן דעם באַשלוס פֿון 29סטן נאָוועמבער. ס'זענען געמאַכט געוואָרן אומ־גלייבלעכע אַנשטרענגונגען נישט צו דערלאָזן, אַז די פֿאַראייניקטע נאַציעס זאָלן פֿאַרשפּאַרן דעם וועג אויפֿצושטעלן אַ ייִדישע מדינה. די אַנשטרענגונג האָט זיך געצויגן כּמעט ביז דעם לעצטן טאָג פֿאַר דער פּראָקלאַמירונג פֿון דער מדינה.

ס'איז באַקאַנט דער דראַמאַטישער דיאַלאָג, דעם 12טן מײַ 1948, צווישן גענעראַל דזשאָרדזש מאַרשאַל, דעם דעמאָלטדיקן אויסערן־מיניסטער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, מיט משה שרת. דער לעצטער האָט מיט אַ ברוטאַלער שאַרפֿקייט דערקלערט, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט בשום אופֿן נישט מוותּר זײַן אויף דער היסטאָרישער געלעגנהייט צוריק אויפֿצושטעלן די ייִדישע מדינה אין ארץ־ישׂראל און יעדער שריט דאָס צו שטערן וועט שווער פֿאַראורטיילט ווערן פֿון דעם לײַדנדיקן און גערודפֿטן ייִדישן פֿאָלק. ווען גענעראַל מאַרשאַל האָט זיך איבערצײַגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו משה שרתן: „אויב איך וועט געלינגען אויפֿצושטעלן אַ ייִדישע מדינה, וועל איך זײַן גליקלעך. אָבער איר נעמט אויף זיך אַ זייער שווערע אחריות״.

די אַמעריקאַנער פֿירערשאַפֿט האָט זיך זייער געקווענקלט, ווײַל זי האָט נישט געגלייבט, אַז דער ייִדישער ישוב אין ארץ־ישׂראל האָט די נייטיקע מיליטערי־שע כּוחות, דאָס געוווער און די מיטלען זיך אַנטקעגנצושטעלן דער אַראַבישער אינוואַזיע, וואָס מען האָט געדאַרפֿט דערוואַרטן יעדן טאָג, כּדי צו פֿאַרניכטן דאָס וואָס האָט עקסיסטירט אין ארץ ישׂראל.

פּרעזידענט טרומאַן, וועלכער האָט זיך באַצויגן פּאָזיטיוו צו שאַפֿן די ייִדישע מדינה, האָט געוויגן יעדן שריט, אַזוי שווער איז אים געווען צו באַשליסן. דעם 13טן מײַ 1948, אין די דראַמאַטישע שעהען, איז געקומען צו אים די ווענדונג פֿון ד״ר חיים ווײַצמאַן, דעם אָנערקענטן, לאַנגיאָריקן ציוניסטישן פֿירער, און דאָס האָט אין לעצטן מאָמענט באַוויגן טרומאַנען צו מאַכן דעם אַנטשיידנדיקן שריט און דערמעגלעכן אַז צו מאָרגנס זאָל די ייִדישע מדינה אַנטשטיין.

הײַנט, ווען מען פּרוּווט נאָכגיין דעם לויף פֿון די געשעענישן פֿון מיט 30 יאָר צוריק, איז שווער זיך אויסצומאָלן וויפֿל ציטער און האָפֿענונג ס'האָבן באַ־גלייט יעדע שעה, ביז טרומאַן מיט זײַנע קאָמפּעטענטע מענטשן האָבן סוף כּל סוף באַשטימט פּאָזיטיוו זיך צו באַציִען צום פּראָקלאַמירן די ייִדישע מדינה.

מיט דעם זייגער אין דער האַנט האָט זיך די פֿירערשאַפֿט פֿון ייִשוב, פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין שפּיץ מיט דוד בן־גוריונען אין יענע טעג געגרייט צום היסטאָרישן מאָמענט. ה׳ אייר תש״ח (14טער מײַ 1948) איז אין תּל־אָביב אין מוזעאום, פּראָקלאַמירט געוואָרן די אַנטשטייונג פֿון דער מדינה און ס'איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן די מגילה פֿון דער זעלבסטשטענדיקייט (מגילת העצמאות) וועלכע האָט איר געדינט ווי אַ ווינקלשטיין. די דאָזיקע געשעעניש האָט עלעק־טריזירט דעם ייִדישן ייִשוב אין לאַנד און דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק אין דער וועלט.

די התלהבות און די פרייד זענען אָבער גאָר שנעל פאַרטויבט געוואָרן דורך די באָמבאַרדירונגען פון די אָנגרייפנדיקע אַראַבישע אַרמייען. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער טאָג פונעם געבורט פון דער מדינה. 30 יאָר, מיט קליינע אויסנאַמען פון רויִקע יאָרן, האָט די מדינה אויסגעטראָגן איר גורל און זיך נישט אונטערגעגעבן. 30 יאָר מדינת ישׂראל איז אָבער אויך און דער עיקר, אַ לאַנגע קייט פון גרויסע שאַפונגען און דערגרייכונגען. 30 יאָר אויפטועון און שוועריקייטן, אַנטוויקלונגען און מלחמות באַגלייטן מדינת ישׂראל אין איר גלויבן און אירע האָפענונגען צו דינען ווי אַ זיכערע און סטאַבילע היים פאַרן יידישן פאָלק אין אייגענעם לאַנד.

ג

אַן אייגנאַרטיקע יצירה

צוליב דעם לאַנגיאָריקן ישׂראל־אַראַבישן קאָנפליקט איז אָפט מאָל פאַרטונקלט געוואָרן די גרויסע שאַפונג, דער בוי און די אַנטוויקלונג פון מדינת ישׂראל. די אינטערנאַציאָנאַלע מיינונג איז געווען בעיקר פאַרכאַפּט פון דעם קאָנפליקט אין מיטעלן מזרח און האָט געשענקט ווייניק אויפמערקזאַמקייט דעם אינערלעכן לעבן פון דער יידישער מדינה.

נישט געקוקט אויף די מלחמות, די טעראָר־אַקטן און דער כּמעט כּסדרדיקער שפּאַנונג ביי די גרענעצן, איז דער שוווּנג פון בוי און שאַפונג אויף אַלע געביטן נישט פאַרקלענערט געוואָרן. דאָס איז איינע פון די סאַמע אייגנאַרטיקסטע דערשיינונגען במשך פון די 30 יאָר מדינת ישׂראל.

די יסודות פון דער ארץ ישׂראל־געזעלשאַפט ביזן אויפקום פון דער מדינה זענען געווען בעיקר אידעאַליסטישע. די איינשטעלונג פונעם יחיד ווי פון כּלל איז געווען צו שאַפן אַ בעסערע ווירקלעכקייט און זיך באַפרייען פון דער גלות־פּסיכאָלאָגיע. דער קולט פון אַרבעט, פון סאָציאַלער גערעכטיקייט איז געשטאַנען אין צענטער פון דער געזעלשאַפט.

די אַנטשטאַנענע מדינה האָט שוין געהאַט פאַר זיך אַ פיין־אַנטוויקלטע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, אַ גוט אָרגאַניזירטע לאַנדווירטשאַפט: די קיבוצים און מושבי־עובדים; די שטאָטישע קאָאָפּעראַציע, אַן אָנהייב פון אינדוסטריע און מסחר; די גרויסע הסתדרות העובדים, די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָט זיך פאַרנומען נישט נאָר מיט פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטס־אינטערעסן, נאָר גלייכצייטיק אויך איינגעפלאַנצט די טיפע אחריות פאַרן כּלל, פאַרן גאַנצן יידישן יישוב.

מיטן אַנטשטיין פון דער מדינה האָט זיך אָנגעהויבן אַ טענדענץ צו אַנטוויקלען די ווירטשאַפט און ס'האָט, פּאַראַלעל צום געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר (מיט אַ גרויסן איינפלוס פון דער אַרבעטערשאַפט), אָנגעהויבן וואַקסן, דערוויִיל

נאָך אין אַ קלענערן היקף ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן, דער פּריוואַטער סעק־טאָר. הן די לאַנדווירטשאַפט הן די אינדוסטריע האָבן אין זייער אַנטוויקלונג זיך באַנוצט מיט די טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען אין דער וועלט.

שוין אין די ערשטע יאָרן נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה זענען מיר עדות פון אַ ראַדיקאַלער, ממש רעוואָלוציאָנערער ענדערונג אינעם צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָט געהאַט אַ טיפע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער ישראלדיקער געזעלשאַפט און האָט אויך אַוועקגעשטעלט פאַר דער יונגער מדינה גורלדיקע פּראָבלעמען.

כּדי צו אילוסטרירן די נײַ געשאַפענע לאַגע, וועלן מיר ברענגען אייניקע ציפערן:

אין יאָר 1948 האָט די יִדישע באַפעלקערונג אין לאַנד געציילט 650.000 נפשות. אין יאָר 1977 דערגרייכט זי צו 3.020.000 נפשות (דערצו 555 טויזנט נישט־יִדן), וואָס מאַכן אויס 21% פון דער אַלגעמיינער צאָל יִדן אויף דער וועלט. אויב אין די יאָרן פון 1919 ביז 1948 זענען 90% עולים געקומען פון אייראָפּע און אַמעריקע און 10% פון אַזיע און אַפריקע, זענען הײַנט מער פון 50% פון דער יִדישער באַפעלקערונג אין לאַנד אָפּשטאַמיקע פון אַזיע און אַפריקע; און זינט 1976, צום ערשטן מאָל, מאַכן אויס די הי געבוירענע (סאַב־רעס) אַ מערהייט פון דער יִדישער באַפעלקערונג אין לאַנד (1,574,000 — הי געבוירענע און 1,445,000 געבוירענע אין חו״ל).

אָט די פונדאַמענטאַלע ענדערונג אין דער סטרוקטור פון דער באַפעלקערונג איז פאַר דער יונגער מדינה אין משך פון דער צײַט געוואָרן אַ שווערע געזעל־שאַפטלעכע און עקאָנאָמישע לאַסט.

ווען די טויערן פון לאַנד זענען מיטן אויפקום פון דער מדינה פרײַ געעפנט געוואָרן פאַר עולים, איז די מדינה ממש פאַרפלייצט געוואָרן דורך אַן עליה־שטראָם פון צוויי הויפּט־ריכטונגען: איין שטראָם — פון די געראַטעוועטע פונעם נאַצי־חורבן, פון די פּליטים־לאַגערן פון דײַטשלאַנד, פון עסטרייך און פון איטאַליע און נאָך זיי פון די קהילות פון פּוילן, רומעניע, יוגאָסלאַוויע, בול־גאַריע און טערקיי. פון דער צווייטער זײַט — דער גרויסער שטראָם עולים פון די מוסולמענישע און אַראַבישע לענדער: די 49.000 תימנער יִדן, דורך דער רעטונגס־אַקציע א.נ. „מרבד הקסמים״ („דער כּישוף־טעפּעך״); די 100.000 יִדן פון איראַק, דורך דער „עזרא ונחמיה״ אַקציע. שפּעטער זענען געקומען עולים פון די צפון־אַפריקאַנער קהילות: פון טוניס, מאַראָקאָ, אַלזשיריע און ליביע.

פאַר דער מדינה, וועלכע איז געווען ווי באַלאַגערט דורך די אַראַבישע מדינות, זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן שווערע פּראָבלעמען: אויפנעמען די עולים פון אַזיע, אַפריקע און אייראָפּע, געבן זיי אַ דאַך איבערן קאָפּ, אײַנ־פלאַנצן זיי אין דער שוין עקזיסטירנדיקער ישראל־געזעלשאַפט. די פירנדיקע

ישׂראל־קרייזן האָבן דעם פּרווו אויסגעהאַלטן. ביי קיין שום אַנדער פֿאָלק אין דער מאָדערנער געשיכטע איז נישטאָ קייןביישפּיל, אַז אַזאַ קליינע צאָל זאָל אויפֿנעמען אַ פֿירפֿאַכיקן עליה־שטראָם, זוכן און געפֿינען פֿאַר זיי אַ לייזונג.

דער צוזאַמענטרעף פֿון די עולים פֿון אַזיע, אַפֿריקע און אייראָפּע האָט נישט ווייניק געענדערט דעם גאַנג פֿון דער ישׂראלדיקער אַנטוויקלונג און געשאַפֿן דעם קנויל גרויסע פֿראַגן און פּראָבלעמען, וואָס האָבן אין משך פֿון די 30 יאָר באַשעפֿטיקט און באַשעפֿטיקן נאָך היינט די ישׂראלדיקע געזעלשאַפֿט.

אין דער ערשטער תּקופֿה זענען געווען קעגנזעצלעכע צוגאַנגען צו לייזן די פּראָבלעמען: פֿון איין זייט — די אויסגעהאַלטענע אידעיִשע שטעלונג פֿון בויען די ייִדישע מדינה פֿאַר יעדן ייִד, וואָס וויל זיך מצרף זיין צו דער גרויסער נאַציאָנאַלער שאַפֿונג. פֿון דער צווייטער זייט — די שטעלונג פֿון וואָס אַן אמת געצײַלטע קרייזן, אַז די יונגע מדינה אין איר דעמאָלטדיקן צושטאַנד קען נישט אויפֿנעמען אָן אַ סעלעקציע דעם עליה־שטראָם, וואָס פֿאַרמאָגט אַ סך שווער קראַנקע, אינוואַלידן און אַנדערע סאָציאַלע און פּסיכישע פֿאַלן, וועלכע בילדן אַ שווערע לאַסט אויף דער אַזוי שוואַכער פּלאַנץ וואָס מדינת ישׂראל איז דעמאָלט געווען. די דעמאָלטדיקע פֿירנדיקע קרייזן פֿון דער מדינה האָבן אָפּגעוואָרפֿן יעדע פֿאָרם פֿון סעלעקציע, האַלטנדיק, אַז מ׳קען נישט פֿאַרמאַכן די טויערן פֿאַר קיין שום ייִד (אויסער ערנסטע קרימינעלע פֿאַרברעכערס). אַפֿילו ווען ס׳זענען פֿאַראַן קראַנקע און אַנדערע פֿאַלן, קען מען נישט צעטיילן די משפּחה: אַריינלאָזן די שטאַרקע און געזונטע און מפֿקר זיין די קראַנקע און שוואַכע כאָטש מען האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס וועט זיך שווער אויסווירקן אויפֿן געזעלשאַפֿטלעכן און עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנד, האָט מען אָבער אָנגענומען, אַז דאָס איז אַ טייל פֿונעם נויטווענדיקן פּרייז פֿון קיבוץ גלויות, פֿון איינזאַמלען די ייִדן אין זייער היים. אַזאַ צוגאַנג, וואָס איז געווען דער אויסדרוק פֿון אַ גרויסן ייִדישן פּאַטריאָטיזם און נאַציאָנאַלער געטריישאַפֿט האָט אַרויסגערופֿן באַגייסטערונג ביי די ייִדן אין די גלות־לענדער און רעספּעקט ביי פֿיל פֿירנדיקע קרייזן אין דער מערב־וועלט.

מען דאַרף נישט אַריינדרינגען טיפֿער אין דער סטרוקטור פֿון דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפֿט, כּדי צו באַמערקן, אַז אָט דער ייִדישער פּאַטריאָטיזם האָט אין דער ערשטער תּקופֿה, אין אַ נישט קליינער מאָס, גורם געווען עס זאָלן זיך אין דער מדינה שאַפֿן נעסטן פֿון כראָנישער אָרעמקייט און אָפּגעשטאַנענקייט. אַפֿילו ווען מען זאָל אָננעמען, אַז אין משך פֿון די 30 יאָר איז נישט שטענדיק און נישט גענוג געטאָן געוואָרן צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון אָט די נעסטן, ליגט אָבער דער שורש פֿון דעם אַלעמען אין דעם שטאַרק פּאַטריאָטישן און שטאַרק הומאַניסטישן צוגאַנג פֿון דעם ערשטן עטאַפּ.

*

קוקן אויף ישׂראל מיט ניכטערע אויגן הייסט נישט פֿאַרמינערן דאָס ריזיקע ליכט וואָס דער עצם קיום פֿון אַ ייִדישער מדינה האָט באַטייט פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. שאַפֿן אַ געמיינזאַמע באַזע פֿאַר די פֿאַרשידענע מענטשן־טיפּן און מענטאַליטעטן פֿון אַזיע, פֿון אַפֿריקע, פֿון מזרח־ און מערבֿ־איירָאפּע און פֿון די אַמעריקעס, וואָס אין דעם איז געלעגן דער שליסל פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון מדינת ישׂראל, דאָס איז געווען אַ גראַנדיעזע אויפֿגאַבע, פֿאַרבונדן מיט די גרעסטע שוועריקייטן. דער תימנער, טוניסער אָדער איראַקער ייִד איז דאָך נישט געווען שולדיק וואָס ער האָט געלעבט אין באַזונדערע באַדינגונגען; אָבער ער האָט מיטגעבראַכט זיינע ייִדישע ווערטן, אַפֿילו ווען זיי זענען געווען אַנדערש אין דער פֿאָרם און אַ מאָל אויך אין זייער אינהאַלט ווי די פֿון מזרח־איירָאפּעיִשע ייִדן. איז דעריבער נישט געווען קיין סיבה מען זאָל נישט זוכן קיין אמתע גלייכהייט פֿאַר די צוויי מחנות, ווייל אַנדערש וואָלט דאָך זיכער געקומען צו אַ טיפֿער שפּאַלטונג, וואָס וואָלט צערודערט די מדינה. אַן איבערלעכער קאָנפֿליקט איז אַ מאָל געפֿערלעכער פֿון אַ דרויסנדיקן.

דערמיט איז געקומען צום אויסדרוק דער אידעאַליזם פֿון דעם טייל באַפֿעל־קערונג פֿון פֿאַר דער אַנטשטייונג פֿון דער מדינה, וואָס האָט אויפֿגענומען די גרויסע שליחות איינצופֿירן אין לאַנד אַ רעזשים פֿון דעמאָקראַטיע און דערמיט געהאָלפֿן דעם נייעם עולה, פֿון וועלכן לאַנד ער זאָל נישט האָבן געקומען, זיך איינצוגלידערן אין דער געזעלשאַפֿט ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער בירגער. אין אַנ־דערע ניי־אַנטשטאַנענע מדינות, וואָלט ביי אַזאַ פּילזייטיקער דעמאָגראַפֿיע און אַזעלכע ראַשיקע דעמאָגראַפֿישע ענדערונגען, געקומען צום אויפֿשטייג אַ טאָטאַ־ליטאַרער רעזשים, וואָס דאָס וואָלט זיכער געווען אַ טויטקלאַפּ פֿאַר דער גאַנצער אויפֿלעבונגס־באַוועגונג.

וועלכע זענען עס געווען די עלעמענטן, וואָס האָבן דערמעגלעכט דעם דע־מאָקראַטישן רעזשים און דאָס אַנטוויקלען זיך פֿון מדינת ישׂראל?

די פֿראַגע איז וויכטיק כּדי ריכטיק אָפּצושאַצן די אינערלעכע לאַגע פֿון דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפֿט.

צוויי הויפּט־מאָטיוון זענען פֿאַראַן, וואָס האָבן אויסגעמיטן די דיקטאַטור אין מדינת ישׂראל:

א) די לאַנג־יאָריקע ציוניסטישע טראַדיציע פֿון געוויילטע אינסטאַנצן ווי: דער ציוניסטישער וועלט־קאָנגרעס, אַקציאָנס־קאָמיטעט, וועלט־עקזעקוטיווע, וועלכע האָבן דורך זייער דעמאָקראַטיזם כּמעט ווי צוגעגרייט אַן ענלעכן סיסטעם פֿאַר די מדינה־אינסטאַנצן. ס'איז נישט געווען קיין שווערער איבערגאַנג פֿון דער דעמאָקראַטישער טראַדיציע פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט פֿאַרן אַנטשטיין פֿון דער מדינה געשפּילט אַ צענטראַלע ראָל אינעם ארץ ישׂראל־דיקן ייִשובֿ.

ב) די מזרח־אייראָפּעיִשע עולים און בעיקר די פּירנדיקע און אַקטיווע גרופּן, דווקא דערפאַר וואָס זיי זענען געקומען פון לענדער ווו ס׳איז נישט געווען קיין דעמאָקראַטישע טראַדיציע, זענען געווען באַפליגלט מיט אידעאַלן פון גלייכ־באַרעכטיקונג און דעמאָקראַטיע, ווייל זייער אַנגעהעריקייט צום ציוניזם איז גע־ווען אַ פּראָטעסט קעגן טאָטאַליטאַרן רעזשים אין זייערע אָפּשטאַם־לענדער. זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן פרייוויליק, באַוווסטזיניק, אַז דער נייער מדינה־רעזשים אין מדינת ישראל זאָל זיין פרייער. אָט די איינשטעלונג האָט געראַטעוועט די מדינה פון אַ פאַרקריפּלטן פּאָליטישן רעזשים. אַנדערש וואָלטן מיר זיכער געווען עדות פון אַ רעזשים, וואָס וואָלט פאַרטיפט דעם ריס צווישן די פאַרשידענע טיילן פון פאָלק און אויך פאַרטיפט די אָפּגעשטאַנענקייט פון פאַרשידענע שיכטן.

איינער פון די גורמים פון פאַרטיפן דאָס דעמאָקראַטישע לעבן אין ישׂראל איז אויך דער פאַקט, וואָס אין גרויסע טיילן פון מזרח־אייראָפּע האָט אין די ייִדישע קהילות געהערשט אַ סיסטעם, לויט וועלכן די לייטונג פון דער קהילה פלעגט ווערן פריי אויסגעוויילט.

די ניין מאָל וואַלן צו דער כּנסת אין משך פון די 30 יאָר עקזיסטענץ פון מדינת ישׂראל, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקער שול פון דערציִונג פאַר די אַלע פאַרשידענע שיכטן פון דער מדינה צו אַ פרייען דעמאָקראַטישן רע־זשים. דאָס האָט אויך אויסגעהיילט די יעניקע וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר „ווילד און הפקרדיק״ דאָס געבן אַזוי פיל פרייהייט דעם יחיד.

30 יאָר מדינת ישׂראל איז דעריבער אַ גרויסער דערפאָלג פון אַ דעמאָ־קראַטיש לעבן.

ד

ווו עס האָט זיך געשמידט די נשמה פון פאָלק...

ווער ס׳וויל דערגיין צו דער לאַבאָראַטאָריע וואָס האָט געפורעמט, קולטורעל און גייסטיק, מדינת ישׂראל, מוז זי זוכן אין דער ברייט־פאַרצווייגטער נעץ פון דער דערציִונג און קולטור־אַרבעט. טרוקענע ציפערן אַליין מאַכן אַן איינדרוק, אָבער זיי אַנטפּלעקן נישט פאַר אונדז די נשמה פון דער זאַך.

ווען די מדינה איז אַנטשטאַנען, האָט שוין עקזיסטירט אין לאַנד אַן ערנסטער אָנהייב אויפן געביט פון דערציִונג — אַ קליינע גרופּע פּעדאַגאָגן און לערערס, וועלכע האָבן געשמידט די נשמה פון פאָלק און דערצויגן אַ דור מיט אַן אידעאַ־ליסטישער אָנשוירונג.

אין יאָר 1947 זענען געווען אין לאַנד, אין אַלע שולן, אַריינגעשלאָסן די קינדער־גערטנער, בסך הכּל 100.000 תּלמידים און אַ 5000 לערערס און לערערינס. ווען מען פאַרגלייכט דאָס מיט די ציפערן פון יאָר 1977, מיט די 1,057,000 ייִדישע תּלמידים (און 158 טויזנט תּלמידים אין אַראַבישן סעקטאָר) מיט די 56,500

לערערס, ווערט מען איבערראַשט פֿון דעם ריזיקן וווקס. צו דעם דאַרף מען אויך צוגעבן די 52 טויזנט סטודענטן אין די אוניווערסיטעטן און אַנדערע אַנשטאַלטן פֿון העכער בילדונג, זיך ווי אויך די קרוב 40 טויזנט ישיבה־בחורים. דאָס אַלץ צוזאַמען מאַכט אויס אַרום 35% פֿון דער אַלגעמיינער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין לאַנד, וואָס געפֿינט זיך אין פֿאַרשידענע דערציִונג־ און בילדונג־אַנשטאַלטן ביים אָנהייב פֿון יאָר 1978.

היינט איז זיך שווער פֿאָרצושטעלן די באַזונדער האַרבע באַדינגונגען אין וועלכע מען האָט געדאַרפֿט געפֿינען אַ לייזונג פֿאַר די הונדערטער נייע תּלמידים, בעיקר צווישן די ניי אָנגעקומענע פֿון אַזיע און אַפֿריקע, וועלכע זענען געווען אַזוי ווייט פֿון דעם קולטורעלן קלימאַט פֿון די אָפּשטאַמיקע פֿון מזרח־אייראָפּע. אויף דער שוועל פֿון שולוועזן האָט געלויערט אַן אָפּגרונט. מען האָט געמוזט שנעל געפֿינען טויזנטער נייע, אַפֿילו אימפּראָוויזירטע לערערס, וואָס זאָלן כאָטש טיילווייז קענען אויספֿילן די אויפֿגאַבע. מען האָט דורכגעפֿירט קורץ־טערמיניקע לערער־סעמינאַרן. דעריבער זענען אין די ערשטע יאָרן די לערערס געווען נישט נאָר נישט קיין דיפּלאָמירטע נאָר אויך אָן שום דערפֿאַרונג. מען האָט אויך געבעטן די פּענסיאָנירטע לערערס זיך צוריקצוקערן צו דער אַרבעט, אָדער נישט אַרויסגיין אויף פּענסיע. די פֿאַסיקערע סטודענטן זענען אויפֿגעפֿאָדערט געוואָרן צו נעמען זיך צו לערעריי. פּאַראַלעל דערמיט האָט דאָס בילדונגס־מיניסטעריום אָנגענומען ערנסטע שריט אויסצובילדן נייע לערערס, אָבער דערווייל איז אויף דער קליינער גרופּע דערפֿאַרענע לערערס געלעגן די הויפּט־ראָל צו ראַטעווען דאָס שולוועזן און געבן אים אַ מינימום אינהאַלט. ס׳איז פּשוט שווער היינט זיך פֿאָרצושטעלן ווי אַזוי דאָס איז דערגרייכט געוואָרן און ווי אַזוי עס איז געלונגען צו פֿאַרזאָרגן די דערציִונג פֿון יעדן קינד.

מען דאַרף צוגעבן, אַז דער ריזיקער צופֿלוס פֿון קינדער אין די שולן איז אויך געקומען צוליבן געזעץ, וואָס די כּנסת האָט אָנגענומען אין יאָר 1949, לויט וועלכן יעדעס קינד פֿון 5 ביז 14 יאָר איז פֿאַרפֿליכטעט געוואָרן צו לערנען אין אַ שולע. ס׳איז כּדאַי אונטערצושטרייכן, אַז אין יענע טעג, ווען דאָס געזעץ איז אָנגענומען געוואָרן, איז עס געווען ממש ווי אַ קריגס־דערקלערונג, ווייל אַ סך עלטערן זענען געווען גענויטיקט בעסער צו שיקן די קינדער אַרבעטן, כּדי עפּעס צו פֿאַרדינען, אַנשטאָט צו באַקומען עלעמענטאַרע שול־בילדונג. און דאָך איז פּראָפּאָרציאָנעל די צאָל צוגעקומענע נייע קינדער אין די שולן, נאָכן געזעץ פֿון יאָר 1949, געווען גרעסער צווישן די געקומענע פֿון אַזיע און אַפֿריקע. דאָס האָט אַרויפֿגעלייגט נאָך מער לאַסט אויף דער נישט שטענדיק ווי געהעריק צוגעגרייטער און אויסגעשולטער לערערשאַפֿט פֿון יענער תּקופֿה.

דערציִונג אין טיפֿערן זין פֿון וואָרט איז נישט נאָר די צאָל שעהען, וואָס דאָס קינד פֿאַרברענגט אין דער שול, נאָר אויך די שעהען וואָס דאָס קינד געפֿינט זיך אויסער דער שול. דעם קינדס היים, דער קולטור־מצב, די עקאָנאָמישע

באַדינגונגען פון זייער עלטערן ווירקן נישט ווייניקער, אויב נישט מער, ווי די פאַרמעלע שול אויף זיין דערציונג. אין דעם פּרט איז די לאַגע געווען ממש קאַטאַסטראָפאַל, מחמת הונדערטער טויזנטער קינדער, איבערהויפּט פון די ניי־געקומענע פון אַזיע און אַפריקע, האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייטן אין זייערע היימען צוצוגרייטן די לעקציעס. די ענגע וווינונגס־באַדינגונגען, די גרויסע צאָל קינדער אין דער משפחה, די אָרעמקייט און דאָס דחקות, ווי אויך דאָס וואָס אַ טייל פון די עלטערן זענען אַליין געווען אַנאַלפאַבעטן און נישט געקענט צוהעלפן זייערע קינדער — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט נאָך מער באַשווערט די אַזוי אויך שווערע לאַגע.

פאַרן בילדונג־ און דערציונג־מיניסטעריום איז געשטאַנען די נויטווענדיקייט צו שאַפן געוויסע מעגלעכקייטן, אַז דער תלמיד וואָס קען נישט, צוליב פאַר־שידענע טעמים, צוגרייטן זיינע לעקציעס אין דער היים, זאָל זיי קענען מאַכן אין דער שול. אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן דער אַזוי גערופענער „לאַנגער לערנטאָג" (יום לימוד הארוך), וואָס דערמעגלעכט אַ טייל תלמידים באַקוועמער צוצוגרייטן זייערע לעקציעס און קענען זיך אויסגלייכן מיט די נאָרמאַלע תלמידים אין קלאַס.

אויסער דער גרויסער קולטור־דיפערענציאַציע צווישן די תלמידים, אויסער דעם פעלן פון דיפּלאָמירטע לערערס איז אויך געווען אַ גרויסער מאַנגל אין שול־בנינים, אין קלאַסן ווו די קינדער זאָלן קענען לערנען. ווען מען בלעטערט די אַנאַלן פון דערציונגס־מיניסטעריום און מ'פאָלגט נאָך די ריזיקע אַנטוויקלונג פון אויפבויען טויזנטער נייע קלאַסן, לאַבאָראַטאָריעס און אַנדערע בנינים, פון צונויפשטעלן און אַרויסגעבן נייע לערן־ביכער פאַר די תלמידים באַקומט מען אַ בילד פון דעם גיגאַנטישן פאַרמעסט, וואָס די מדינה האָט זיך אונטערגענומען כדי צו שאַפן פעסטע יסודות פאַר דער זיך פאַרמירנדיקער ישראל־געזעלשאַפט און פאַר אויסמיידן אַ צעשפּליטערונג אין איר.

ס'איז אויך געשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון דערנענטערן די עלטערן צו די קינדער וואָס לערנען אין די שולן, אַז ווען זיי קומען אַהיים, זאָלן די עלטערן זיי קענען פאַרשטיין. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע פון באַקעמפן דעם אַנאַלפאַבעטיזם און לערנען די עלטערן די העברעישע שפּראַך. די אַקציע האָט אַרומגענומען גרויסע קרייזן און האָט אויך אַריינגעצויגן פיל חיילות, וועלכע זענען געווען בכוח צו לערנען די עלטערן און אַ ביסל אַרויסנעמען זיי פון זייער אָפּגעשטאַנענקייט.

מען קען זאָגן אָן איבערטרייבונג, אַז די ערשטע צען יאָר פון דער מדינה־עקזיסטענץ זענען געווען געווידמעט דער אָפּענסיווע פאַר צוזאַמענשמעלצן די פאַרשידענע טיילן פונעם יידישן פאָלק וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין ישׂראל. מען האָט געדאַרפט געפינען וועגן ווי אַזוי אויפצוהויבן אַלע שיכטן צו אַ מינימום פון נאַציאָנאַלן סטאַנדאַרט, וואָס זאָל דינען אַלס יסוד פאַרן נייעם לעבן, וואָס מיר

האָבן געפּלאַנט צו בויען. אמת, נישט אַלץ איז שוין דערגרייכט געוואָרן. ס׳איז נאָך פאַראַן אַ סך צו טאָן. עס קען אָבער פאָר קיינעם נישט זיין קיין ספק, אַז די דערציונגס־אַרבעט איז געווען איינע פון די שווערסטע אויפגאַבעס, וואָס די מדינה האָט געהאַט אויסצופילן, כּדי צו פאַרפעסטיקן און פאַרזיכערן איר צוקונפט.

ס׳איז נישט אונדזער אויפגאַבע אַרומצונעמען אַלע פּרטים פון דער ריזיקער אַרבעט אויפן געביט פון דער דערציונג. מיר האָבן באַרירט בלויז אייניקע אַספּעקטן, וועלכע זענען די סאַמע כאַראַקטעריסטישע און אייגנאַרטיקע אויף דעם געביט. דאָס הייסט נישט אַז מען דאַרף אונטערשעצן פאַרשידענע אַנדערע דערציונגס־געביטן, ווי למשל די פאַכשולן, די אַגריקולטור־שולן און אַנדערע אַנשטאַלטן אין וועלכע ס׳ווערן אויסגעבילדעט באַלמעלאָכעס און ספּעציאַליסטן, וואָס האָבן אין דער טעכנישער אַנטוויקלונג פון לאַנד, פון דער אַרמיי געשפּילט אַ זייער גרויסע ראָלע.

מען טאָר אויך נישט פאַרגעסן, אַז אין פּרט פון דערציונג איז אויך נישט פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן די אַראַבישע באַפעלקערונג. דאָס געזעץ פון צוואַנגס־חינוך (1949) איז חל אויך אויף די אַראַבישע קינדער אין ישׂראל. דער וווּקס פון די אַראַבישע שולן און פון די אַנשטאַלטן צוצוגרייטן אַראַבישע לערערס, ווי אויך דאָס דערמוטיקן די דערציערישע טעטיקייט אין דעם אַראַבישן סעקטאָר האָט דערפירט דערצו, אַז דער דורכשניטלעכער ניוואָ פון דעם אַראַבישן חינוך אין ישׂראל איז פיל העכער און ערנסטער אין פאַרגלייך מיטן חינוך אין אַנדערע אַראַבישע לענדער.

מיר וועלן זיך אויך אָפּשטעלן באַזונדער אויף די הויכשולן מיט זייערע דערגרייכונגען אין משך פון 30 יאָר מדינה. זיי נעמען איצט אַרום: דעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, דעם טכניון אין חיפה, דעם אוניווער־סיטעט אין תל־אביב, דעם אוניווערסיטעט בר־אילן, דעם אוניווערסיטעט אין חיפה, דעם אוניווערסיטעט אין נגב (באר־שבע), דעם ווייצמאַן־אינסטיטוט פאַר וויסנשאַפט. די 52 טויזנט סטודענטן האָבן געשאַפן אַ פּילזייטיק פּראָבלעם.

דער ישׂראלדיקער אוניווערסיטעט־קאַמפּוס שטעלט מיט זיך פאָר אַ זייער שווער פּראָבלעם, ווייל עס פילט זיך אין אים אַ מאַנגל אין פאַרשטענדעניש פאַר די הויפּט־אויפגאַבן פון דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפט. דרייסיק יאָר נאָכן אַנשטיין פון דער מדינה איז שווער צו זאָגן, אַז דער איבערוויגנדיקער רוב פון ישׂראל־קאַמפּוס איז דורכגעדרונגען מיט די יסודותדיקע ווערטן, וועלכע האָבן געבראַכט צום אויפקום פון מדינת ישׂראל, אויך די גרויסע צאָל אוני־ווערסיטעט־פּראָפעסאָרן און לעקטאָרן פילן נישט אויס, אין צוגאָב צו זייער אַקאַדעמישער לערן־פונקציע, אויך אַן אידעאָלאָגישע פּאַרטיפּונג אין די גרויסע הומאַניסטישע אידעאַלן וואָס זענען דער סוד פון דער מדינה.

*

אַ קולטור־שעפערישע אַרבעט איז אָן ספק בכוח צו העלפן ביים אויספורעמען די נשמה פון אַ פאָלק. אין דעם פּרט האָט ישראל פאַר די 30 יאָר פון איר עקזיסטענץ צו פאַרצייכענען גרויסע דערגרייכונגען: אַ רייכע און פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט אויף די געביטן פון ליטעראַטור, פון מוזיק, פון קונסט, פון פאָלקלאָר א. אַז. וו.

לײדער האָבן זיך פאַר די לעצטע צען־פופצן יאָר געגומען מערקן דער־שיינונגען, וועלכע שטאַמען אפשר פון גוטע כוונות, אָבער וואָס זענען עלול צו פאַרקריפּלען אונדזער גייסטיק לעבן. די דאָזיקע דערשיינונגען זענען פאַרבונדן מיט דער קאָנצעפּציע, אַז מדינת ישראל שטייט פאַר גרויסע מלוכישע אויפגאָבן — ברענגען די עולים, זיי ווירטשאַפטלעך איינצוואָרצלען אין לאַנד, אויפשטעלן און פאַרזיכערן די פיזישע ראַמען פון דער מדינה א. אַז. וו. מיט איין וואָרט געבן די פּריאָריטעט דער פּראַגמאַטישער אַרבעט, דעם עקאָ־נאָמישן און פיזישן בוי און ווייניקער זיין געבונדן מיט די אידעאַלן און ווערטן פון די פריערדיקע דורות. אָט דער פּראַגמאַטיזם האָט דערוויטערט גרויסע טיילן פון דעם יונגן דור פון דעם אידעישן וועג און אים גאָר שנעל דערפירט צו קאַריעריזם, צו אַ געיעג פאַר אַ בעסערן עקאָנאָמישן סטאַנדאַרט פון לעבן. אין אונטערבאַוווסטזיין איז דאָ געווען אַ טענדענץ פון אַמעריקאַניזירן די ישראל געזעלשאַפט.

אַזאַ טענדענץ האָט — בעיקר אין די לעצטע יאָרן — געהאַט אַ נעגאַטיווע השפעה אויפן ישראל־לעבן. מען דאַרף די זאַך נישט פאַרטושן. אונדזער סוד פון קענען זיך ראַנגלען מיט די גרויסע פּראָבלעמען פון בויען די מדינה איז געלעגן אין דעם, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג בראָש מיט דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך כסדר באַמיט איינצופלאַנצן אין די מאַסן דעם גלויבן, אַז בלויז ווען מיר וועלן זיין באַפליגלט מיט טיפע אידעאישע ווערטן, וועלן מיר האָבן אָן אויסזיכט מצליח צו זיין.

אויספורמען אַ פּראָגרעסיווע און אַנטוויקלטע מדינה קען מען נאָר דאַן, ווען די לייטונג פון דער מדינה וועט זאָרגן אויך פאַר דעם קולטורעל־גייסטיקן אינהאַלט פון לעבן. אָבער פּראַגמאַטיזם אָן גרויסע אידעאַלן איז עלול צו שאַפן בירגערס־ראָבאָטן, וואָס וועלן מיט דער צייט אַוועק אויף פרעמדע וועגן, וועלכע זענען אין קעגנזאַץ צו דעם אַלעמען וועגן וואָס אונדזערע ערשטע פּיאָנערן האָבן געחלומט, בעת זיי האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פון דער מדינה.

כ׳בין ווייט פון אונטערשאַצן די דערגרייכונגען אויפן געביט פון קולטור־לעבן אין ישראל. ישראל איז היינט — נישט געקוקט אויף אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען — דער וויכטיקסטער צענטער פונעם גאַנצן יידישן פאָלק אין די תפוצות. ס׳וואָלט אָבער געווען אַ פעלער ווען מיר וועלן נישט האָבן דעם מוט צו זען אויך די נעגאַטיווע דערשיינונגען. אַ געזונטער קערפּער מוז אַרויסטרעטן קעגן די נעגאַטיווע דערשיינונגען אין אים. ווען מען שטיין אויף דער וואַך און

אַרויסרייסן די ווילדע גראָזן, וואָס זענען אָנגעוואַקסן אויפֿן ישׂראל-לעבן, וועט די גרויסע מיסיע וואָס די מדינה דאַרף אויספֿירן פֿאַר זיך און פֿאַר די קהילות אין די תּפֿוצות קענען געקרוינט ווערן מיט דערפֿאָלג.

אַ הויכער קולטור ניוואָ איז נישט נאָר לעבנסוויכטיק פֿאַר דער מדינה, פֿאַר איר עקזיסטענץ, פֿאַר איר פֿאַרשטאַרקונג; ער איז אויך אַן ערשטראַנגיקער באַדינג פֿאַר דער גרויסער שליחות וואָס די מדינה דאַרף אויספֿירן אין נאָענטער פֿאַרבינדונג מיטן ייִדישן פֿאָלק אין די גלות לענדער. אויב מיר שטרעבן מיט רעכט צו דער צענטראַליטעט פֿון מדינת ישׂראל פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק, מוזן מיר ערנסט טראַכטן, אַז ניט נאָר מאַטעריעלע דערגרייכונגען פֿון ישׂראל קענען צוציען צו איר ייִדן פֿון גלות. מער פֿון מאַטעריעלע דערגרייכונגען — וואָס אַזעלכע קענען די ייִדן האָבן בשפֿע אין דער ברייטער וועלט — זענען די ייִדן מסוגל צוצוציען גייסטיקע ווערטן פֿון דער מדינה.

ס'ליגט אין קעגנזייטיקן אינטערעס אי פֿון דער מדינה אי פֿון די תּפֿוצות, אַז אַזאַ פֿאַרבינדונג צווישן זיי זאָל ווערן אַ קאָנקרעטע זאַך. די לאַגע פֿון ייִדישן פֿאָלק אין די גלות-לענדער דאַרף אונדז זייער באַזאָרגן און אויב דאָס פֿאָלק זאָל פֿאַרלירן די פֿאַרבינדונג מיט ישׂראל, איז פֿאַראַן אַן ערנסטע געפֿאַר, אַז מיר זאָלן זיין עדות פֿון אַ פֿאַרשטאַרקטן אַסימילאַציע-שטראָם צווישן גרויסע טיילן פֿון פֿאָלק. ס'איז וויכטיק פֿאַר דער מדינה, אַז ייִדן אין די תּפֿוצות זאָלן נישט נאָר עולה זיין (און מיר ווייסן אַז לײַדער זענען זיי עולה אין זייער קליינע צאָלן), נאָר אויך אַז זיי זאָלן זיין פֿאַרבונדן מיט הונדערטער פֿעדעם מיט דעם אַלעם וואָס ווערט געשאַפֿן אין דער מדינה. דעריבער איז ביז גאָר וויכטיק, אַז דאָס קולטורעלע לעבן אין ישׂראל זאָל באַווירקן און דערמיט צעמענטירן דאָס פֿאָלק אין די תּפֿוצות.

נישט ווייניקער וויכטיק איז די פֿראַגע צי ס'איז אונדז געלונגען צו שאַפֿן אַן אייגענע ישׂראל-קולטור. אויב מיר ווילן פֿאַרפֿעסטיקן אונדזער גייסטיקע אייגנאַרט, קען מען נישט פֿלעגן קיין אימפּאָרטירטע קולטור-ווערטן. די ספּעציפֿישע ישׂראל-קולטור דאַרף זיך שפּייזן פֿון ייִדישע קוואַלן און פֿעלדער. ס'איז באַקאַנט, אַז אין מדינת ישׂראל האָבן זיך איינגעזאַמלט פֿיל ייִדישע שבֿטים מיט פֿאַרשידענע מנהגים, גייסטיקע ווערטן און זיי האָבן נאָך נישט געפֿונען דעם וועג צו שאַפֿן דעם געמיינזאַמען ישׂראל-נוסח, צו וועלכן יעדער שבֿט זאָל קענען צוטראָגן דאָס, וואָס איז אים אייגן און ספּעציפֿיש. געוועזן אין אָנהויב פֿון דער מדינה אַן אויפֿפֿאַסונג, אַז מיזוג-גלויות דאַרף באַדייטן אַז יעדער שבֿט זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון זיינע אייגנאַרטיקע מנהגים און ווערטן און זיך צוזאַמענשמעלצן אין אַלגעמיינעם שמעלצטאָפּ פֿון דער ישׂראל-קולטור.

דאָס איז נישט געלונגען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס אָפּווישן דאָס אייגנאַרטיקע פֿון די שבֿטים וועט נישט העלפֿן שאַפֿן עפּעס אייגנס, טיף ישׂראלדיקס. פֿאַרשטענדלעך פֿאַר וואָס אין די לעצטע יאָרן זוכט מען וועגן

ווי אַזוי צו אַרויסהייבן דאָס וויכטיקסטע פון די קולטור־ווערטן פון יעדן יידישן שבט און עס אַריינפּאַסן אין געמיינזאַמען קולטור־געוועב פון ישׂראל. דאָס דאַרף זיין אַ רעזולטאַט פון קבוץ גלויות און פון דער נויטווענדיקייט צו קומען צו אַ פולשטענדיקער האַרמאָניע פון פאַרשידענע ווערטן. פון אַזאַ קולטור־קאָאָפּעראַציע וועט אַנשטיין מיט דער צייט דאָס צו וואָס מיר אַלע שטרעבן — אַ ספּעציפישער ישׂראלדיקער קולטור־נוסח.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן זוכן די גייסטיקע און שעפערישע יידישע קוואַלן איז לעצטנס געקומען צום אויסדרוק ביי אַ טייל פון דער ישׂראלדיקער יוגנט און אינטעליגענץ דער ווילן ווידער אויפצולעבן די חסידישע מוזיק, מנהגים און שטייגער. די דאָזיקע קרייזן פילן, למשל, אַז אין חסידות פולסירט די יידישע אייגנאַרטיקייט פון גאַנצן פאָלק און מען וויל זיך טוליען צו דעם. אויב אין אָנהויב פון דער מדינה (און פאַר דער מדינה) איז געווען אַ טענדענץ צו אַנטלויפן פון די גלותדיקע יידישע ווערטן און מען האָט מער געשעפּט פון דער קונסט און מוזיק פון די סלאַווישע פעלקער (רוסישער נוסח), פילט זיך איצט אַ ווילן צוריקצוקערן זיך צו דער „נשמה יתרה" פונעם יידן אין גלות. דאָס איז נישט נאָר אַ נאָסטאַלגיע צום נעכטן, דאָס איז אַ בייגונג צו זען אין דעם נעכטן פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע יידישע ווערטן, וואָס זענען ראוי אַריינגעגלידערט צו ווערן אינעם גייסטיקן היינט.

אין דעם זינען קען מען אויך פאַרשטיין די בהדרגהדיקע פאַרבעסערונג פון דער באַציונג צו דער יידיש־קולטור. מיר זענען עדות, אַז די לעצטע עטלעכע יאָר פילט זיך אין געוויסע קרייזן אַ וואַרעמע באַציונג צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. אויף דעם קען מען זיך אַנשטויסן אין פיל קרייזן. דאָס איז ראשית אַ גוטער באַווייז, אַז די העברעישע קולטור איז שוין גענוג איינגעפונדעוועט און זעט נישט מער אין יידיש קיין קאָנקורענטין. פאַרקערט, אַלע אָנערקענען שוין היינט, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אַ גרויסער נאַציאָנאַלער ווערט און אַז עס איז פיל געשאַפן געוואָרן אין איר; דעריבער וויל מען זי לערנען, וויל מען זיך מיט איר נענטער באַקענען. דער פאַקט, וואָס דאָס ישׂראלדיקע בילדונגס־מיניסטעריום האָט אָנערקענט די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור אַלס אַ קעגנשטאַנד, וואָס מען קען אויסוויילן צו לערנען אין די מיטלשולן און וואָס אין אייניקע שולן עקזיסטירן שוין קלאַסן וווּ מען לערנט יידיש און יידישע ליטעראַטור זאָגט עדות וועגן אַן אָנהויב פון אַן אינטערעסאַנטן קולטור־פּראָצעס אין ישׂראל.

אין גייסטיקן לעבן פון ישׂראל זענען פאַראַן פאַרשידענע ריכטונגען און טענדענצן, פון שטאַרק אָרטאָדאָקסישן און טראַדיציאָנעלן שניט ביז דער וועלט־לעכער אויפפאַסונג. מ׳דאַרף צוגעבן, אַז די פראַגע פון דת אין דער מדינה האָט אַדורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג אויף וועלכן זי האָט אויסגעקעמפט מער השפּעה אין דער ישׂראל־געזעלשאַפט. טראָץ דעם, וואָס די רעליגיעזע אָרגאַניזירטע

מחנה איז אַ מינדערהייט, איז זי דאָך בולט געקומען צום אויסדרוק אין פֿאַר־שידענע קרייזן פֿון דער ישׂראלדיקע געזעלשאַפֿט. דער סוד פֿון זייער הצלחה ליגט אָן ספֿק אין דעם, וואָס אין דעם באַוווסטזיין פֿון די מאַסן זענען די ייִדישע טראַדיציעס און מנהגים טיף פֿאַרוואָרצלט און דאָס רופֿט אַרויס טיפֿע עמאָציאָ־נעלע און נאַציאָנאַלע אויפֿברויזן און ייִדישע אידענטיפֿיקאַציע.

ווען מען מאַכט אַ סך הכּל פֿון דער וועלטלעכער ישׂראל־קולטור איז שווער אָנצוצייכענען, אַז ס'האָט זיך איר איינגעגעבן אויסצופֿורעמען אַ ספּעציפֿישן קולטור־נוסח. דיווירקלעכקייט האָט אַלץ מער דערוויזן, אַז אויך די וועלטלעכע קולטור־פֿאַרמאַציעס דאַרפֿן אַריינגעמען אין זיך טראַדיציאָנעלע מנהגים און ייִדישע ווערטן, אויב זיי ווילן דערגרייכן אַ כּלל־נאַציאָנאַלן אָנזען אין ישׂראל. אין דער ישׂראל־געזעלשאַפֿט זוכט מען נאָך אַלץ אַן אַלגעמיין אָנערקענטן קולטור־נוסח, נישט עקסטרעם־רעליגיעזן און נישט עקסטרעם־וועלטלעכן. די נאָענטע צוקונפֿט וועט מוזן דערווייזן, אויב ס'וועט זיין מעגלעך צו שאַפֿן אַזאַ נוסח, וואָס וועט אַקצעפּטירט ווערן פֿון אַלע טיילן פֿון דער ישׂראל־געזעלשאַפֿט. אויב אַזאַ קולטור־נוסח וועט דערגרייכט ווערן, וועט ער צוגעבן פֿיל פּרעסטיזש און אָנזען דער מדינה און וועט אויך אַרויסרופֿן גרויס התלהבֿות אין די תּפֿוצות.

ה

די אייגנאַרטיקייט אין דער התישבֿות און אין דערווירטשאַפֿט

מיר וועלן נישט באַלאַסטן אונדזערע באַטראַכטונגען וועגן דער התישבֿות און ווירטשאַפֿט מיט ציפֿערן און טאַבעלעס, כּדי סטאַטיסטיש צו באַווייזן די אַנטוויקלונג אויף די דאָזיקע געביטן. 30 יאָר מדינה האָבן אין דעם פּרט אַ רייכן באַלאַנס. די הויפּט־פֿראַגע וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט איז אויסצוגעפֿינען אויף וויפֿל אייגנאַרטיק ס'איז געווען דער קאָלאָניזאַטאָרישער פּראָצעס, אָנהייבנ־דיק פֿון דער תּקופֿה פֿונעם אָנשטיין פֿון דער מדינה ד. ה. פֿון יאָר 1948.

ס'איז באַקאַנט, אַז די חלוצישע באַוועגונג פֿאַר דער מדינה האָט געלייגט די יסודות פֿאַר אַ פֿאַרצווייגטער התישבֿות, פֿאַר דער קבֿוצה, דעם קיבוץ, דעם מושבֿ־עובֿדים. ס'איז געטאָן געוואָרן מיט שטרענגע פּרינציפּן וועלכע האָבן אַרויסגערופֿן ביים ייִדישן פֿאָלק און ביי דער עפֿנטלעכער מיינונג אויף דער וועלט גרויס באַוווּנדערונג און אָנערקענונג. די פֿראַגע איז, צי היינט, 30 יאָר נאָכן אויפֿקום פֿון דער מדינה, זענען די פּרינציפּן פֿון דער אָרגאַניזירטער לאַנד־ווירטשאַפֿט געבליבן פֿעסט ווי זיי זענען געווען אין זייערע ערשטע יאָרן? דער ענטפֿער איז, אַז מ'האָט דורכגעמאַכט טיפֿע ענדערונגען און אָפּנויגן, אָבער מיט אַלע אָפּווייכונגען האָט די באַוועגונג פֿון די קיבוצים און מושבֿות אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעהיט איר אָריגינעלן פּרצוף.

די מאַסן־עליה, זינט 1948, האָט געבראַכט אַ גרויסע צאָל עולים פון די אַראַבישע און מוסולמענישע לענדער, ווי אויך מאַסן דעקלאַסירטע אָפּגעראַ־טעוועטע נאַצי־קרבנות. דער דאָזיקער מענטשן־מאַטעריאַל, וועלכער איז געווען קאָנצענטרירט אין צייטווייליקע געביידעס, די אַזוי גערופענע „מעברות", טייל־ווייז געצעלטן באַדעקטע מיט ברעזענט, ווו ס'איז אין די ווינטער־חדשים אַרייג־געדרונגען ווינט און רעגן, האָט געדינט אין יענער תקופה ווי דער וויכטיקסטער רעזערוואַר פאַר דער אָרגאַניזירטער לאַנדווירטשאַפט. די עולים זענען געווען ווייט פון פאַרשטיין די באַדייטונג פון אַזאַ התישבות און האָבן אויך נישט געהאַט דעם מינדעסטן באַגריף ווי אַזוי מ'פירט זי דורך. מען האָט געדאַרפט מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען, כדי כאָטש טיילווייז צו איבערצייגן די עולים, זיי זאָלן נישט בלייבן אין די געצעלטן, און זוכן פאַר זיי און פאַר זייערע משפחות אַ פּראָדוקטיווע צוקונפט. דער צוזאַמענטרעף מיט דער מאַסן־עליה האָט אַוועקגעשטעלט האַרבע פראַגן פאַר דער אָרגאַניזירטער לאַנדווירטשאַפט, וועלכע איז געווען דער הויפּט־קוואַל זייער אויפצונעמען און אַבסאָרבירן אין דער ניי־אַנטשטאַנענער מדינה. די איבערוויגנדיקע מערהייט פון די עולים פון אַזיע און אַפריקע ווי אויך פון די פּליטים־לאַגערן פון אייראָפּע, האָבן אַרויסגעוויזן אַ קעגנערשאַפט צו די קאָלעקטיווע פאָרמאַציעס פון דער התישבות, צו די קיבוצים און קבוצות. זיי האָבן נישט תופס געווען די טיפערע אידעען פון דער קאָלעקטיווער לאַנדווירטשאַפט און געווען מערער גענויגט צו אינדיווידועלער און קאָאָפּעראַטיווער לאַנדווירטשאַפט, ווי למשל די מושבי עובדים. אין יענער תקופה זענען 80% פון די נייע עולים געגאַנגען אין די מושבים און 20% אין די קיבוצים. אָבער אויך די גרויסע מאַסע עולים, וועלכע האָט מסכים געווען זיך אָנשליסן אין דער מושבים־באַוועגונג, האָט אַוועקגעשטעלט זייער קאָמפּלי־צירטע פראַגן פאַר דער אָנפירערשאַפט פון די מושבים, ווייל זיי האָבן זיך נישט געקאָנט צופּאַסן, ביים אָנהויב, צו די קלאַסישע פּרינציפּן, אויף וועלכע ס'זענען געווען געבויט די ערשטע מושבי־עובדים, איז שפּיץ מיט נהלל און כפר יחזקאל. אַלע קאָאָפּעראַטיווע מצוות־עשׂה פון די מושבים זענען געווען פרעמד זייער מענטאַליטעט און אויפפאַסונג. דעמאָלט איז אַנטשטאַנען אַ זייער לעבהאַפטע דעבאַטע אין דער אַלטער מושבים־באַוועגונג ווי אַזוי צו האַנדלען: פאַרמאַכן די טויערן פון די מושבים פאַר די נייע עולים, וועלכע זענען נישט בכוח פון ערשטן טריט אָן אָנצונעמען אַלע מצוות פון קלאַסישן מושב־עובדים, אָדער זוכן אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד, וועלכער זאָל לייכטער מאַכן די עולים זיך אַרייג־צופּאַסן אין די ראַמען פון דער מושבים־באַוועגונג אויך ווען דאָס באַדייט צייט־ווייליק אָפּצונייגן פון די יסודות פון מושב־עובדים. היינט, נאָך 30 יאָר, זעט די דעבאַטע אויס ווייניקער דראַמאַטיש און אויפרעגנדיק, ווי זי איז געווען אין די יאָרן 1948—1950, ווען די זאַכן זענען פאָרגעקומען. דער פאַקט איז, אַז די אָנהענגער פון בית־הלל־שניט, די מער נאָכגיביקע, האָבן געזיגט און ס'איז אַנט־

שטאַנען אַ ריזן־באַוועגונג פֿון הונדערטער מושבֿי־עולים, וועלכע האָבן פֿאַר־שריבן איינס פֿון די סאַמע אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלען פֿון דער נייער ישׂראל־לאַנדווירטשאַפֿט. אויב היינט זענען אין אַלע טיילן פֿון דער מדינה פֿאַרשפּרייט הונדערטער מושבֿים, וואָס פּראָדוצירן דעם גרעסטן טייל פֿון די לאַנדווירט־שאַפֿטלעכע פּראָדוקטן, איז עס אַ דאַנק יענע דראַמאַטישע דעבאַטן און באַשלוסן זיך צו רעכענען מיט די נויטן פֿון דער נייער מדינה און נישט צו בלייבן סעקטאַנטיש און פֿאַרשלאָסן. דעמאָלט איז געווען די גרויסע שעה פֿון דער מושבֿים־באַוועגונג, וואָס האָט אויסגעפֿילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָל אין דורכפֿירן אַן אָרגאַניזירטע התישבֿות מיט דער הילף פֿון דער מאַסן־עליה. דאָס קאַפּיטל וועט נאָך שטודירט און באַלויכטן ווערן, כּדי צו פֿאַרשטיין די גרויסע עפּאָפּעע פֿון דער דאָזיקער תּקופֿה. מיר ווילן דערמיט נישט פֿאַרשווייגן, אַז די קלאַסישע מושבֿים־באַוועגונגען האָט באַצאָלט אַ ווייטיקן פּרייז פֿאַר דעם ווילן אויפֿצונעמען גרויסע צאָלן נייע עולים אין די דערפֿער.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז די געזעלשאַפֿטלעך־ווירטשאַפֿטלעכע דער־שיינונג פֿון אַ טייל פֿון די מאַסן עולים אין די פּראָוויזאָרישע געצעלטן, וועלכע זענען אויפֿגעשטעלט געוואָרן אין כאַפּעניש, כּדי צו געבן אַ לייזונג דעם גרויסן עליה־שטראָם אין די ערשטע יאָרן פֿון דער מדינה. נאָך עטלעכע יאָר, ווען מען האָט פּלאַנירט צו ליקווידירן די געצעלטן־מעבֿרות און געבן די נייע עולים בעסערע וווינונגען און מעגלעכקייטן פֿאַר אַרבעט, האָט מען זיך געקענט אָנשטויסן דערויף, אַז אַ טייל פֿון זיי האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט צו פֿאַרלאָזן די נאַסע און קאַלטע געצעלטן און נישט מסכּים געווען אַריבערצוגיין אין די ניי־אויסגעבויטע הייזער. ס׳קלינגט היינט אויסטערליש און אומפֿאַרשטענדלעך, אָבער ס׳בלייבט אַ פֿאַקט, אַז צווישן דער באַפֿעלקערונג איז געווען אַ טייל, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו דער אָרעמקייט, צו דער אָפּגעלאָזנקייט, צו אַן עלנט לעבן. מיר זענען געשטאַנען דערשטוינטע פֿאַר דער דערשיינונג פֿון ווען בלייבן אין די פּרימיטיווע באַדינגונגען. ס׳האָט גענומען נישט ווייניק צייט ביז מען האָט אויך דערצו געפֿונען אַ לייזונג.

דאָס קאַפּיטל פֿון אויפֿלייזן די מעבֿרות וואַרפֿט אַ ליכט אויף אַ טיפֿערן פּראָבלעם וואָס איז אויסגעוואַקסן אין מדינת ישׂראל אין משך פֿון די 30 יאָר. דאָס איז די כראָנישע אָרעמקייט צווישן פֿאַרשידענע שיכטן, וואָס דינט אָפֿט מאָל ווי אַ פֿלאַץ וווּ עס כאַוועט זיך אויס נעגאַטיווע עלעמענטן אין דער ישׂראל־געזעלשאַפֿט. פֿאַר מדינת ישׂראל אין יאָר 1978 שטייט דאָס פּראָבלעם פֿון אָפּשאַפֿן ט״פּע דיפֿערענצן צווישן דער באַפֿעלקערונג, אַ פּראָבלעם וואָס געהערט צו די דרינגענדיקסטע אין דער מדינה. ווער עס פֿאַרטיפֿט זיך אין דעם, מוז אָנער־קענען, אַז אַזאַ פֿראַגע ווערט נישט געלייזט בלויז מיט געלטמיטלען. מען מוז דערין אינוועסטירן אַ סך דערציערישע אַרבעט און איניציאַטיוו, כּדי צו דער־הויבן די מענטשן צו אַ העכערן לעבנסטאַנדאַרט. עקאָנאָמישע און סאָציאַל־

דערציערישע טעטיקייט דאַרפן דאָ גיין האַנט ביי האַנט. דעריבער איז פּאַר־שטענדלעך, אַז ווען מען באַטראַכט די שריט, וואָס דאַרפן פאַרבעסערן דעם אויסזען פון דער ישׂראל־געזעלשאַפט, דערשיינט דאָס פּראָבלעם פון פאַרקלע־נערן די דיפערענציאַציע צווישן די שיכטן, ווי איינע פון די גרויסע אימפּעראַ־טיוון פון דער מדינה אויף דער שוועל פון פערטן צענדליק יאָר.

געווען נאָך אַ דראַמאַטיש קאַפּיטל אין דער מלוכישער סטרוקטור פון ישׂראל, וואָס איז נישט נאָר אַ ווירטשאַפטלעך פּראָבלעם, נאָר האָט געהאַט אויך אַן אַנטשיידנדיקע ראָל אינעם אויספאָרמירן די נייע בירגער אין דער מדינה. מיר מיינען דאָ די 27 אַנטוויקלונגס־שטעט, ערי פּיתוח, וועלכע זענען אויסגעבויט געוואָרן אין אַלע טיילן פון לאַנד. ס׳איז דעמאָלט געשטאַנען די פראַגע ווי אַזוי נעמט מען אויף די צענדליקער טויזנטער עולים, וועלכע זענען געבליבן נישט אַבסאָרבירט, נישט אין דער לאַנדווירטשאַפט און נישט אין די פאַרשידענע אַלטע שטעט, און אויך ווי אַזוי מיידט מען אויס, אַז די באַפעלקערונג זאָל זיך נישט צופיל קאָנצענטרירן אין די גרויסע שטעט. ס׳איז געווען אַ געוואַגטער פּרווו פון צעשפּרייטן די מאַסן־עליה איבער אַלע טיילן פון לאַנד און געבן די עולים אַ געפיל פון זעלבסטשטענדיקע מענטשן. בויען אַ שטאָט פון א׳ ביז ת׳ איז ווייט נישט קיין לייכטע זאַך. ס׳זענען אַוועק פון 15 ביז 20 יאָר ביז ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז 75%—80% פון די נייע שטעט האָבן באַוויזן אויסצוהאַלטן דעם גרויסן פּרווו און האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַנטוויקלטע באַפעלקערטע צענטערס. דאָס האָט פאַקטיש געהייסן נישט נאָר ברענגען אויף פאַרלאָזטע פעלדזן נייע מענטשן, נאָר אויך ברענגען צו זיי מיטלען, ווי צו בויען אונטערנעמונגען, פאַב־ריקן, געשעפטן, כדי צו געבן דער באַפעלקערונג אַ קוואַל פון קיום. דערצו איז נאָך צוגעקומען דאָס גרויסע פּראָבלעם פון קרייזן, וועלכע זאָלן זיין בכוח אַנצופירן מיט די ניי־אַנטשטאַנענע שטעט און שטעטלעך. אויך דאָ, פּונקט ווי אין די מושבי עולים, האָט דער יחיד געפילט, אַז ער איז אַ גלייכער שותף אין אויפבויען די נייע אָרטשאַפט. מען האָט דערפאַר באַצאָלט נישט קיין קליינעם לערן־פּרייז. ס׳זענען געווען נישט ווייניק פעלערן, נישט־צוגעפאַסטקייט. היינט, ווען מען מאַכט דעם סך הכל פון 30 יאָר מדינת ישׂראל, זענען די אַנטוויקלונגס־שטעט אַ געוואַלטיקע דערגרייכונג. אין דעם ליגט, אָן ספק, איינע פון די אייגנאַרטיקע אַספּעקטן פון דער יונגער מדינה.

ווער ס׳וויל שאַפן אַ טרוקענע טעאָריע וועגן די אינערלעכע ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונגען פון מדינת ישׂראל, וועט זיכער נישט באַווייזן אָפּצושאַצן די אמתע מאָטיוון פון דעם אַלעמען וואָס איז געשען אין די 30 יאָר מדינה. נישט תמיד גילטן דאָ די קלאַסישע ווירטשאַפט־פּרינציפּן. דער דערפאָלג פון ישׂראל איז אַ געמיש פון אידעאַליזם מיט אַ פּרווו צו דערגרייכן דאָס אוממעגלעכע. נאָר אַזאַ צוגאַנג האָט געקענט דערפירן צו דעם וואָס מיר האָבן דערגרייכט. ביים יסוד פון דער מדינה געפינען זיך צוויי הויפּטצילן וואָס שטויסן זיך אָן מיט דער קלאַסישער

ווירטשאַפֿט־טעאָריע. ערשטנס — אַ ריזיקע לאַסט פֿון אַ גרויסן זיכערקייט־בודזשעט, וואָס פֿרעסט אויף די בעסטע טיילן פֿונעם נאַציאָנאַלן בודזשעט, אַ בודזשעט וואָס אַפֿילו פּראָפּאָרציאָנעל האָט ער נישט כמעט קיין גלייכן לויט די בודזשעטן פֿון די סאַמע אַנטוויקלסטע מדינות; פֿון דער צווייטער זייט — די נויטיקייט פֿון אַ פֿאַרגרעסערטער עליה, וואָס איז די גרעסטע עקזיסטענץ־גאַראַנטיע פֿאַר דער מדינה. פֿאַרזיכערן די אַבסאָרבציע פֿון די עליה־שטראָמען (אויך היינט, ווען ס׳איז נישטאָ קיין גרויסע עליה) שטייט אין סתירה מיט די ווירטשאַפֿט־טעאָרעטיקער, וואָס האַלטן, אַז כּדי געזונט צו מאַכן די ווירטשאַפֿט, דאַרף מען משלים זיין מיט אַ געוויסער אַרבעטסלאָזיקייט. פֿאַר ישׂראל וואָלט דאָס געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ, נישט נאָר פֿון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך אַ גרויסער קלאַפּ פֿאַר דער עליה אין לאַנד אַריין. מען קען דורך אַרבעטסלאָזיקייט אָפּשטעלן די עליה, אויך דאַן, ווען די טויערן פֿון לאַנד זענען אָפֿענע. פֿון דעם אַלעם קומט אַרויס בולט, אַז נישט אַלע ווירטשאַפֿטלעכע תּרופֿות זענען אָנגעמבאַר פֿאַר ישׂראל. דערצו פֿרעסט די איבערגעטריבענע אינפֿלאַציע שטיקער פֿון דער ישׂראל־עקאָנאָמיק. מיר מוזן דאָ אָפּעלירן, אי צום אַרבעטער אי צום אַרבעטס־געבער, אַז זיי זאָלן זען דעם גלאָבאַלן צוגאַנג צו דער צוקונפֿט פֿון דער מדינה. ווער ס׳וויל אָפּלייקענען, אַז ישׂראל אין אַלע אירע אַספּעקטן, אַריינגערעכנט די ווירטשאַפֿט און די התּישבֿות, מוז געבויט ווערן אויף יסודות, וואָס קענען פֿאַרזיכערן איר סאָציאַלן און געזעלשאַפֿטלעכן אויסזען און זיין גרייט צו קרבנות — דער שטויסט די מדינה צום אָפּגרונט. מען דאַרף האָבן אַ שטאַרקע האַנט כּדי נישט צו דערלאָזן צו אַ פֿאַרקריפּלונג. פּונקט ווי מען דאַרף באַקעמפֿן טיפֿע אונטערשידן צווישן דער באַפֿעלקערונג, אַזוי קען ישׂראלס ווירטשאַפֿט נישט משלים זיין מיט אַ פֿאַרקערטער פּיראַמידע, אַז דער הויפּט מענטשן־כּוח זאָל גיין צו די פֿאַרמיטלונג־ און באַדינונגס־צווייגן (שרותים) און נישט צו ווירקלעכער פּראָדוקציע, וועלכע איז בכּוח אַריינצוברענגען אַ באַלאַנסירטע הכנסה אין שווערער מטבע. ווער ס׳מיינט מאַכן זיך אַ לייכט לעבן פֿון ממשיך זיין אַ גרויסן אימפּאָרט פֿון קאָנסום־פּראָדוקטן, וועלכער שטייגט איבער דעם עקספּאָרט — דער דאַרף וויסן, אַז אַזאַ פּאָליטיק איז עלול אונטערמינירן די צוקונפֿט פֿון דער מדינה.

די אַלגעמיינע מסקנה איז, אַז אויך 30 יאָר נאָכן אַנטשטיין פֿון דער מדינה איז נישט פֿאַרמינערט געוואָרן די נויטווענדיקייט פֿון די גרויסע אידעאַלן, וועלכע פֿאָדערן פֿון אונדז אַלעמען, פֿון אַלע טיילן פֿון פֿאָלק, גרויסע אָנשטרענגונגען און קרבנות, כּדי צו לאָזן נאָרמאַל וואַקסן די יונגע מדינה.

ווען דו הערסט אין לעצטן יאָר, אַז נייע עקאָנאָמיע־טעאָרעטיקער מיינען, אַז מ׳דאַרף אַריינפֿירן אַ בולטערע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפֿט־אָרדענונג אין ישׂראל, פֿילסטו, אַז מיר לעבן אין אַ גרויסער געזעלשאַפֿטלעכער פֿאַרנעפּלונג. דאָס באַדייט פּאַקטיש, אַז אונטער דעם מאַנטעלע פֿון פּרייער איניציאַטיוו ווערט

דער שטאַרקער ווערן נאָך שטאַרקער און דער שוואַכער נאָך שוואַכער. דאָס איז עלול גורם צו זיין צו אַ פולשטענדיקער דעפאַרמאַציע פון דער מדינה. אונדזערע באַטראַכטונגען גייען נישט אַרויס פון פאַרטיי־מאָטיוון, מיר זעען פאַר זיך די הויפּט־אויפגאַבע — די גאַנצקייט פון ישׂראל, וועלכע נויטיקט זיך אין אַ סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכן סיסטעם וואָס זאָל דערמעגלעכן אויפצונעמען נייע עולים, זיי אַבסאָרבירן, העלפן די שוואַכע דורך מעטאָדן פון אַ געזונטער ווירטשאַפט. מיר קענען נישט דערמוטיקן אַ פּראָצעס פון אַמעריקאַניזירן אַ טייל פון דער באַפעלקערונג און לאָזן פאַלן די אַנדערע טיילן, די שוואַכערע.

ווער ס'וועט פאַרשטיין די אייגנאַרטיקייט וואָס שטעקט אין אונדזער ווירט־שאַפט, דער וועט זיין אַ גוטער שותף צו פאַרזיכערן אַ געזונטע היים פאַרן ייִדישן פאָלק אין ישׂראל.

ו

מיטן פּנים צו דער צוקונפט

אויף דער שוועל פון דעם פערטן יאָרצענדליק קענען מיר זאָגן מיט שטאָלץ, אַז מדינת ישׂראל האָט צו פאַרצייכענען גרויסע דערגרייכונגען, מאַטעריעלע און גייסטיקע, וואָס האָבן נישט זייער גלייכן אין אַנדערע לענדער.

מען דאַרף נישט ווערן פאַרשיכורט פון די דערגרייכונגען. מען דאַרף זיין געגנוג ניכטער און זען אויך די שאָטן־זייטן. מען דאַרף אָבער אויך נישט אַריינפאַלן אין אַ פאַרצווייפלונג ווען מען שטויסט זיך אָן אויף די געמאַכטע פעלערן. מ'טאָר די שאָטן־זייטן נישט פאַרשווייגן. זיי זענען בעיקר אַ רעזולטאַט פון די אָפּנויגן פון דעם פּיאָנערישן וועג פון אונדזער באַפרייונג־באַוועגונג.

די תּקופה האָט באַוויזן, אַז טראָץ די מלחמות וואָס זי איז געווען געצוווּנגען צו פירן מיט די שכנותדיקע לענדער, האָט ישׂראל אייגעהאַלטן איר וויטאַליטעט און נישט אויפגעהערט זיך ווייטער צו אַנטוויקלען. נישט דער פּערמאַנענטער קריג מיט די אַראַבער און אויך נישט דער כסדרדיקער שווערער געראַנגל פאַר פאַרגרעסערן די עליה, האָבן אָפּגעשראָקן דעם ישׂראל־בירגער וועלכער האָט מיט פרייד זיך משתתף געווען אין בויען די מדינה. דאָס ברענגען ייִדן קיין ישׂראל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינער פון די סאַמע רירנדיקסטע אויפטוען אין דער געשיכטע פון פעלקער. קיין שום באַפרייונגס־באַוועגונג פון אַ פאָלק איז נישט געשטאַנען פאַר אַזאַ שווערן נסיון צו באַוועגן הונדערטער טויזנטער מענטשן צעשפּרייטע איבער צענדליקער לענדער אין דער וועלט זיך צו רירן פון די ערטער, צונויפצוזאַמלען זיי אין אַ באַנייטן פאָטערלאַנד, ווו זיי בויען אָן אייגענע זעלבסטשטענדיקע מלוכה און זענען שעפעריש אויף אַלע געביטן פון לעבן, מאַטעריעל און קולטורעל־גייסטיק. אין דעם ליגט דאָס גרויסע ליכט פון עצם־קיום פון מדינת ישׂראל.

קען זײַן, אַז דרײַסיק יאָר זענען נאָך װײַט נישט גענוג מ׳זאָל קענען מאַכן אַ היסטאָרישן סך הכל. אָבער שױן איצט איז קלאָר פֿאַר יעדן װאָס קוקט אויף אונדזער װירקלעכקײט מיט אָפֿענע אויגן, אַז נאָר מדינת ישׂראל קען פֿאַרזיכערן דעם נאַציאָנאַלן קיום און די נאַציאָנאַלע אײנהײט פֿון אונדזער פֿאָלק. און אַז אין די תּפֿוצות קענען ייִדן פֿאַרצײכענען בלויז אינדיװידועלע, פּערזענלעכע דערגרײכונגען, זײ קענען אָבער נישט גאַראַנטירן דעם קאָלעקטיװן נאַציאָנאַלן גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק. דאָס קען געטאָן װערן בלויז אין מדינת ישׂראל.

די צוקונפֿט פֿון דער מדינה איז גורלדיק פֿאַרבונדן מיט דער צוקונפֿט פֿון גאַנצן פֿאָלק. דאָס איז נישט מער דאָס פּראָבלעם בלויז פֿון ציוניזם, נאָר פֿון עצם פֿאָלקס־קיום. אויך אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער װעלט־אַרענע װערט שױן איצט ישׂראל אידענטיפֿיצירט מיטן ייִדישן פֿאָלק אין דער גאָרער װעלט. װען ס׳עקזיסטירן נאָך אַפֿילו הײַנט אין דער װעלט געװיסע ייִדן, װאָס נעמען נישט אָן דעם אמת, װאָס אידענטיפֿיצירן זיך נישט מיט דער מדינה, דערװײַטערן זיך פֿון איר און אַסימילירן זיך, איז אָבער דער פּסק דין פֿון דער װעלט־טריבונע אַן אַנדערער. ער שטעלט אַװעק פֿאַר אונדז גרויסע פּראָבלעמען אין פּרט פֿון אונדזער באַציִונג צו דער פֿעלקער־משפּחה. די 30 יאָר מדינה האָבן אַרײַנגע־בראַכט אַ נײַע דימענסיע אין דעם געאָפּאָליטישן צושטאַנד פֿון פֿאָלק. מען טאָר אָבער אויך נישט אָפּלײקענען, אַז דװקא צוליב אָט דער גרויסער ענדערונג אין דעם פּאָליטישן מעמד פֿון ייִדישן פֿאָלק, איז מדינת ישׂראל מחויב צו זאָרגן גאַנץ באַזונדערס פֿאַרן אינהאַלט פֿון דער ישׂראל־געזעלשאַפֿט, כּדי זי זאָל קענען דינען װי אַ בײַשפּיל און צוציִונגס־קראַפֿט.

דעריבער דאַרפֿן אונדז טאַקע שטאַרק באַאומרואיקן די שאָטן־זײַטן אין דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפֿט: דער שטאַרק איבערגעטריבענער קאַריעריזם, די אומ־געצױמטע תּאװה נאָך מאַטעריעלע גיטער, װעלכע װערן נישט דערגרײכט דורך אַרבעט און פּראַצע. דער אָפּגעשװאַכטער אידעישער יסוד אין דער ישׂראל־געזעלשאַפֿט מאַכט לײַכטער די פֿאַרברעכערישע אויפֿפֿירונג פֿון געװיסע עלע־מענטן אין לאַנד. מ׳טאָר בשום אופֿן נישט דערלאָזן, אַז אין אונדזער מדינה װאָס האָט אויף איר פֿאָן אויפֿגעשריבן סאָציאַלע גערעכטיקײט, קולט פֿאַר אַרבעט, קאָנסטרוקטיװע קאָלאָניזאַציע, זאָל עקזיסטירן אָרגאַניזירטע פֿאַרברע־כערישקײט און אָן אמתע „מאַפֿיע". דער פֿאַקט, אַז אַזאַ פֿאַרברעכערישקײט עקזיסטירט אויך אין דעם רובֿ מערבֿ־לענדער, טאָר פֿאַר אונדז נישט זײַן קײן טרײסט און קײן פֿאַרענטפֿערונג. אין ישׂראל טאָרן אַזעלכע דערשײַנונגען בשום אופֿן נישט טאָלערירט װערן.

װילן מיר בלײַבן אַן אײגנאַרטיקע ייִדישע מדינה, מיט אַ נאָרמאַל עקאָנאָמיש און קולטורעל לעבן אין גײַסט פֿון דער ייִדישער טראַדיציע און פֿון די אײביקע ייִדישע װערטן, מוזן מיר מיט דער גאַנצער קראַפֿט רעװאָלטירן קעגן דעם אַלעמען װאָס װערט, לײדער טאָלערירט אין דער הײַנטיקער װעלט. מיר מוזן

האָבן דעם מוט נישט צו פֿאַרטושן, נאָר מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט צו אַנט־פּלעקן און אויסצוראָטן דעם פֿאַרקריפּלטן אַנוווקס אין דער ישׂראל־געזעלשאַפֿט, באַקעמפֿן קאָרופּציע, צוריק אַריינברענגען די אידעישע זויבערקייט פֿון דער יידישער באַפֿרייונגס־באַוועגונג. דער רעוואָלט מוז פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נאַציאָנאַלער שליחות. מיר טאָרן נישט פֿאַרשווייגן. מיר מוזן איינהאַלטן אונדזער טיפֿן ווילן צו בלייבן אַ מאָראַליש פֿאָלק, וואָס זאָל דינען ווי אַ גרויס ליכט נישט נאָר פֿאַר זיך, נאָר אויך פֿאַר דער גאַנצער וועלט. דאָס קען געשען און ס'איז נאָך נישט שפּעט דאָס צו טאָן.

מיט שווערע באַמיונגען האָבן מיר אין משך פֿון קאַרגע 2 טויזנט יאָר איינגעהאַלטן דעם המשך פֿון אונדזער פֿאָלק. מיר האָבן זוכה געווען, אַז אין די לעצטע 100 יאָר זאָל זיך אָנהייבן אונדזער רענעסאַנס אין דער אייגענער היים. דאַרפֿן מיר די דערגרייכונג האַלטן הויך און הייליק. פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון דער מדינה און פֿאַר דער נאַציאָנאַלער צוקונפֿט פֿון יידישן פֿאָלק, זענען מלחמות און שכנים־שונאים ווייניקער שעדלעך ווי אַ צעפּוילטע געזעלשאַפֿט, ווי אַ געזעלשאַפֿט וואָס לעבט נישט מיט די ווערטן וועלכע האָבן דערפֿירט צו דער שאַפֿונג פֿון דער מדינה.

ד.

ייִדיש און ייִדישע קולטור

— אַ קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל
— קאָנסטרוקטיווע הילף פאַרן ייִדישן וואָרט
— זאָגט נישט קיין קדיש...
— אַ וועלט־באַראַטונג אין ישׂראל פאַר ייִדישער קולטור
— ווען דערפאָלג פאַר ייִדיש איז גורם עגמת נפש...
— וועלט־קאָנפערענץ אין ירושלים פאַר דער ייִדישער קולטור
— פרייד און האָפענונג (צו דער דערעפענונג פון דער וועלט־קאָנפערענץ)
— יום־טובדיקייט און וואָכעדיקייט (נאָך דער וועלט־קאָנפערענץ)
— ערשטע שריט נאָך דער ייִדיש וועלט־קאָנפערענץ
— ראַזוענטאַליאַ
— ייִדיש אין אָקספאָרד
— אַ יום־טוב פון ייִדיש

אַ קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל

כ׳וויל אָנהייבן מיט אַ טרוקענער אינפאָרמאַציע: שוין אַ פאָר יאָר ווי איך טראָג זיך אַרום מיטן געדאַנק, אַז אַנשטאָט צו באַוויינען די ייִדישע קולטור און שפּראַך און פאָרויסזען זייער גיכן אונטערגאַנג, אָדער אַריינגיין אין אַ „הייסער" פּאָלעמיק און באַווייזן, אַז זיי האָבן נאָך פיל וויטאַליטעט און וועלן מאריך ימים זיין — אַנשטאָט דעם אַלץ, דאַרף מען, לויט מיין מיינונג, עפּעס טאָן ממשותדיקס, כּדי צו פאַרשטאַרקן ייִדישע קולטור־טעטיקייטן, שאַפן פאַקטן, וועלכע זענען גורם צו אריכת־ימים.

דעריבער האָב איך געבראַכט פאַר דער ציוניסטישער אַרבעט־וועלט־באַוועגונג אַ פאָרשלאַג צו גרינדן אַ קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אונטערן פאָרזיץ פון פּראָפעסאָר דב סדן. די אויפגאַבע פון דעם קאָמיטעט דאַרף זיין צו שטיצן און דערמוטיקן פאַרשיידענע ייִדישע קולטור־טעטיקייטן אין מדינת ישׂראל און אין די תּפוצות.

ס׳האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן סתּם טומלען וועגן ייִדישער קולטור, וואַרפן ווערטער וועגן דעם מצב אירן, נאָר שאַפן פאַקטן, טאָן מעשׂים. אויב די שרייבערס גופא און די קולטור־עסקנים וועלן די זאַך נעמען צום האַרצן (מען דאַרף צו דער זאַך האָבן אַ ביסל... אַהבת־ציון, פּיעטעט און אויך זיין אַ ביסל פאַרליבט), זענען פאַראַן ערנסטע אויסזיכטן ס׳זאָלן דערגרייכט ווערן גוטע רעזולטאַטן. ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז קיינער קען נישט פאַרזיכערן אַ דערפאָלג פאָרויס, אָבער דורך איבערגעגעבנקייט און גלויבן אין דער זאַך קען מען אין מדינת ישׂראל, און דווקא דאָ, פיל דערגרייכן.

ווען די פאַראייניקטע ציוניסטישע אַרבעט־באַוועגונג האָט מיט אַ יאָר צוריק באַשלאָסן אַרויסצוגעבן איר ייִדישע אויסגאַבע, דעם חודשלעכן זשורנאַל „פאָלקסבלאַט", האָב איך דאַן געזאָגט צו מיינע נאָענטע פריינט, אַז די צייטשריפט דאַרף צווישן אַנדערע אויפגאַבן, אויך אויספילן אַ וויכטיקע שליחות לגבי דער ייִדישער ק״לטור און שפּראַך און דערמוטיקן טעטיקייטן און איניציאַטיוון אויף דעם געביט. מען האָט, פאַרשטייט זיך, געדאַרפט צווואַרטן און זען ווי „פאָלקסבלאַט" וועט אויפגענומען ווערן און צי די אויסגאַבע איז בכלל מסוגל צו ווערן אַן ערנסטע טריבונע. מוז איך זאָגן, אַז עס איז אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג, וואָס נישט געקוקט אויף אַלע קרעכצענישן אויף וועלכע דו שטויסט זיך אָן גראָד ביי טרייע קולטור־טוערס און שרייבערס, האָט „פאָלקסבלאַט" בהדרגהדיק אָנגעהויבן אָנערקענט צו ווערן אַלס אַן ערנסטע אויסגאַבע (נאַטירלעך, אַז צו פּולקאָמענקייט איז נישטאָ קיין שיעור) און ביסלעכווייז קומען אָן פיל פּאָזיטיווע אָפּקלאַנגען פון אַלע

טיילן פון דער וועלט. הונדערטער יחידים בעטן מען זאָל זיי שיקן די צייטונג. בעיקר איז אונטערצושטרייכן די טענדענץ פון דער רעדאַקציע, מיט איר רעדאַקטאָר שלמה שווייצער, צו גרופּירן אַרום דעם „פאָלקסבלאַט" אַ וויכטיקע גרופּע מיטאַרבעטער, וועלכע זאָלן פּילזייטיק און רייך באַהאַנדלען די פאַרשיידענע פראַגן, וואָס שטייען אויף אונדזער סדר־היום.

זאָל מען מיך נישט שלעכט פאַרשטיין, כ'מיין נישט איבערצוטרייבן דעם ווערט פון „פאָלקסבלאַט", ווייל „פאָלקסבלאַט" איז נאָר אַ רינגעלע אין דער גרויסער קייט פון וויכטיקע ייִדישע קולטור־אויפטוען אין מדינת ישראל. גענוג צו דערמאָנען די גאָר ערנסטע דריי־חודשלעכע אויסגאַבע „די גאָלדענע קייט", די גוט אַרויסגעגעבענע ייִדישע טאָגצייטונג „לעצטע נייעס" און בלויז צו דערמאָנען דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, „מנורה"־פאַרלאַג, און די וויכטיקסטע צוויי ליטעראַרישע פּרייזן: אויפן נאָמען פון יעקב פיכמאַן פאַר העברעיִשע און ייִדישע קינסטלערס (דער פּרייז איז געגרינדעט געוואָרן דורך דעם בעסאַראַבער וועלט־פאַראיין און זינט אַ פּאָר יאָר האָב איך פאָרגעשלאָגן, אַז דער פּרייז זאָל זיין געווידמעט נישט נאָר פאַר שרייבערס פון בעסאַראַבישן אָפּשטאַם, נאָר פאַר כלל ישראל, און אַ צווייטער וויכטיקער ליטעראַרישער פּרייז אויפן נאָמען פון איציק מאַנגער. מען דאַרף דערמאָנען דעם פאַקט, אַז אין דעם איניציאַטיוו־קאָמיטעט פון דעם מאַנגער־פּרייז געפינט זיך דער נשיא־המדינה ר' זלמן שזר. מיין כוונה ביי דער געלעגנהייט איז נישט צו באַצייכענען אויספירלעך די פאַרשיידענע ייִדישע קולטור־אויפטוען אין ישראל. מען טאָר אָבער אויך נישט פאַרגעסן די גרויסע צאָל ייִדישע טעאַטער־טרופּעס, וועלכע זענען טעטיק אין ישראל (און וואָס זענען ליידער נישט שטענדיק אויפן פאַסיקן ניוואָ), צו וועלכע עס קומען פיל צושויער. מען מוז אָבער אָנערקענען, אַז אין די פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד פילט זיך אַן ערנסטע און וואַרעמע באַציִונג צו דער ייִדישער קולטור.

דער וויכטיקסטער פאַקט אין די לעצטע 5—6 יאָר אין מדינת ישראל איז דאָס, וואָס אַ סך ייִנגערע קרייזן פון „סאַבּרעס" ווייזן אַרויס אַ ווילן צו אַנטדעקן די גייסטיקע קוואַלן נישט נאָר פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט פון די תּנ"ך־צייטן, וואָס ברענגט זיי צו דער עמאַציע פון דער ייִדישער שטאַטלעכקייט, נאָר אַ טייל דענקענדיקע „סאַבּרעס" האָט זיך אַ וואַרף געטאָן אַ ביסל נישטערן אין די גייסטיקע קוואַלן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט אין די גלות־לענדער, אין וועלכע ס'זענען געשאַפן געוואָרן גרויסע ייִדישע קולטור־ווערטן. דעריבער קען מען פאַרשטיין זייער טיפן אינטערעס צו פאַרשיידענע מאַניפעסטאַציעס וואָס ברענגען אַרויס די דאָזיקע גייסטיקע קוואַלן. דערפון נעמט זיך דער פּרוכטבאַרער באַדן וואָס עס האָט געפונען איציק מאַנגערס „מגילה", פּונקט ווי די מוזיקאַליש־חסידישע פאַרשטעלונג „איש חסיד היה", וואָס האָט דאָ באַגייסטערט טויזנטער יוגנטלעכע, וועלכע האָבן דערזען אין אַ נייעם ליכט דאָס לעבן אין גלות.

אָט די ווערטן וועלן זיך מיט דער צייט איינפֿלאַנצן אין אַ געוויסער פֿאָרעם אין גייסטיקן פּלוראַליזם פֿון דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפֿט.

פֿון דעם אַלעמען איז צו זען, אַז אין דער ייִדישער מדינה איז פֿאַראַן דער באָדן און דער פּאַסיקער קלימאַט, כּדי עס זאָל קאָנען געמאַכט ווערן אַן ערנסטער פּרווו פֿאַר דער ייִדישער קולטור. מדינת ישׂראל קאָן ווערן אַן ערשט־ראַנגיקער צענטער פֿאַר דער דערמוטיקונג און שטיצע פֿאַר ייִדישער קולטור־אַרבעט.

ווען איך וואָלט אָט די שורות געשריבן מיט 15—20 יאָר צוריק, וואָלט מען זיכער אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ פֿאַנטאַזיאָר און פֿאַרברענטע ייִדישיסטן וואָלטן זיכער אַלץ מבֿטל געמאַכט (אַגבֿ, עד היום איז פֿאַראַן אַ טיפֿער אָפּגרונט צווישן אַ פּאָליטישן ייִדישיסט און צווישן אַן אָנהענגער פֿון ייִדישער קולטור און ייִדישע ווערטן), אָבער היינט איז פֿלעגן ייִדישע קולטור אין ישׂראל אַ זאַך, וועלכע קען און דאַרף דערגרייכט ווערן. מדינת ישׂראל איז געוואָרן נישט נאָר אַ מקום מקלט פֿאַר ייִדן, וואָס מוזן פֿאַרלאָזן זייערע היימען, אָדער ווילן זיך אויסלעבן אין אַ ייִדישער אַטמאָספֿער און פֿאַרזיכערן אַ ייִדישע צוקונפֿט פֿאַר זייערע קינדער. די ייִדישע מדינה איז דאָס אָרט ווו עס דאַרפֿן איינגעזאַמלט ווערן די גייסטיקע ווערטן, וואָס זענען געשאַפֿן געוואָרן און ווערן נאָך געשאַפֿן אין דער גלות־תּקופֿה און צו וועלכע ישׂראל קען נישט בלייבן גלייכגילטיק. דערמיט טוט מען נישט קיין טובֿה נאָר דער ייִדישער קולטור, דערמיט העלפֿט מען אויך באַרייכערן די ישׂראל־געזעלשאַפֿט, וועלכע איז אין פֿולן גאַנג פֿון איר פֿאָרמירונג. גלייכצייטיק דאַרף אויך מדינת ישׂראל דינען אַלס שטיצע פֿאַר דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון דער ייִדישער קולטור אין די תּפֿוצות.

וועלכע זאָלן זיין די ערשטע שריט פֿאַר אַזאַ קאָמיטעט? איך וויל דאָ נאָר אָנמערקן אייניקע פֿאָרשלאָגן און גיין טאָקע לויטן סדר פֿון „תּפֿסת מרובה לא תּפֿסת״.

א) אַרויסגעבן אַ סעריע קלאַסישע ייִדישע ווערק אין עבֿרית. דאָס הייסט, אין דעם זעלביקן בוך זאָל זיין דער ייִדישער מקור מיט דער העברעיִשער איבער־זעצונג. אַזאַ סעריע ביכער וואָלטן געווען זייער ניצלעך פֿאַר פֿאַרשיידענע קרייזן פֿון ישׂראל־סטודענטן, וועלכע שטודירן ייִדישע קולטור, און אויך פֿאַר פֿיל אַנ־דערע קרייזן, וועלכע ווילן קענען און לערנען דעם ייִדישן מקור. אַזאַ בוך קאָן גלייכצייטיק געפֿינען אָפּקלאַנגען אין פֿאַרשיידענע קרייזן אין די גלות־לענדער.

ב) אַרויסגעבן אַ ספּעציעלע אויסגאַבע אין ייִדיש ווי אַ ביילאַגע צו דער „גאָלדענער קייט״, וועלכע זאָל איין מאָל אין דריי מאָנאַטן אינפֿאָרמירן דעם ייִדישן לייענער וואָס ס׳קומט פֿאָר אין דער העברעיִשער קולטור־וועלט, און אַ צווייטע אויסגאַבע אין עבֿרית ווי אַ ביילאַגע צו „מאזנים״, ווו מען וועט געבן דעם העברעיִשן לייענער אַן אויספֿירלעכע אינפֿאָרמאַציע וועגן דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור.

ג) זאָרגן ס׳זאָלן פאָרקומען פון צייט צו צייט בשותּפותדיקע קאָנפערענצן און פאַראַנשטאַלטונגען פון העברעיִשע און ייִדישע שרייבערס און קולטור־טוערס, כּדי צוזאַמען באַהאַנדלען די געמיינזאַמע ייִדישע טעמאַטיק.

ד) פאַרבעסערן דעם ניוואָ פון אַ צאָל ייִדישע צייטונגען און אויסגאַבעס דורך באַזאָרגן סעלעקציאָנירטע אַרטיקלען.

ה) נעמען די איניציאַטיוו צו שאַפן אַן ערנסטן ייִדישן קונסט־טעאַטער, מיט אַ זיץ־אָרט אין תּל־אָביב, וועלכער זאָל זיך געפינען 4—5 חדשים אין ישׂ־ראל און די איבעריקע צייט באַזוכן די גרויסע ייִדישע צענטערס. אַזאַ טעאַטער וועט אויך מוזן זאָרגן פאַר אַן ערנסטן רעפּערטואַר, אַריינשליסנדיק אויך די ביי־ישׂראלדיקע טעמאַטיק, טיילווייז אויך אַריינגעמען קורצע העברעיִשע פאָרשטע־לונגען.

אָט די פאָרשלאָגן זענען ווייט נישט קיין אויסשעפּנדיקע. מען קען ענדערן אָדער צוגעבן, אָבער קלאָר איז, אַז מען קען דאָס פאַרוואַנדלען אין אַ וויכטי־קער זאַך.

פאַראַן אַ תּנאַי פאַרן דערפאָלג פון דער זאַך, אַז אין די דריי ייִדישע צענ־טערס: צפון־אַמעריקע, דרום־אַמעריקע (בראש מיט אַרגענטינע) און מערב־איי־ראָפּע (בעיקר פראַנקרייך און ענגלאַנד) זאָלן זיך שאַפן גרופּעס, וועלכע זענען גרייט צו ווערן שותּפים צו אַזאַ איניציאַטיוו. דאָס שליסט נישט אויס, אַז אויך שוין־עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס זאָלן צוטרעטן צו אָט דער אַרבעט.

די אויפגאַבע פון דעם ישׂראלדיקן קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור וועט דאַרפן זיין צו סטימולירן דאָס שאַפן פון אַזעלכע גרופּעס אין די תּפוצות. צוזאַ־מען מיט זיי וועט די איניציאַטיוו קענען רעאַליזירט ווערן. די אָביעקטיווע באַ־דינגונגען כּדי די זאַך זאָל געלינגען זענען פאַראַן. מ׳דאַרף בלויז געפינען אין די לענדער די מענטשן מיטן גוטן ווילן און מיט דער גרייטקייט זיך אין דער דאָזי־קער, לויט אונדז, הייליקער אַרבעט איינצושפּאַנען.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ האַנדלט זיך אין דער ערשטער ריי וועגן די ייִדישע שרייבערס און קולטור־טוערס, וואָס זענען אָגב די ערשטע פאַראינטערעסירט אַז די דאָזיקע איניציאַטיוו זאָל געלינגען.

שטעלט זיך טאַקע די פראַגע: וואָס טראַכטן זיי וועגן דער דאָזיקער איני־ציאַטיוו?

אַפּריל 1969

קאָנסטרוקטיווע הילף פאַרן ייִדישן וואָרט

דאָס פּלוצעמדיקע פאַרמאַכן פון דעם „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", איינער פון די וויכטיקסטע ייִדישע טאָג־צייטונגען אין ניו־יאָרק, האָט אַרויסגערופן גרויס צער. הגם די צייטונג איז געווען אַ פּריוואַט־אייגנטום, איז זי אין די 57 יאָר וואָס זי איז דערשינען, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקע ייִדישע פּאָזיציע אין די גלות־לענדער. פאַר דער אָפּגעשוואַכטער מויער פון ייִדיש און פון דער ייִדישער קולטור פאַר די לעצטע צענדליק יאָרן, איז דער „טאָג־מאָרגן זשורנאַל" געווען אַ שטאַרקער אָנהאַלט־פּונקט. דעריבער זע איך אינעם פאַלן פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל אַן ערנסטן און שווערן אָנזאָג און אויך אַ וואָרענונג פאַר ייִדישע פּאָזיציעס אין די גלות־לענדער.

פון אַלע זייטן הערט מען לעצטנס אויסדרוקן פון באַדויער צוליבן אונטערגיין פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", אויך פון קרייזן וואָס האָבן זעלטן געזען די צייטונג און ווייסן קנאַפּ וואָס אַזאַ צייטונג באַדייט פאַר אַ גרויסן טייל פון דעם ייִדיש־רעדנדיקן עולם. פיל האָבן געזען אין דעם אַן אָפּשוואַכונג פון די ייִדיש־נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס אין גלות, ווייל אַזאַ צייטונג האָט געהאַט אירע פּאָזיטיווע אויס־ווירקונגען, נישט נאָר אויף די לייענער, נאָר אויך אין פאַרשיידענע געזעלשאַפט־לעכע קרייזן אין צפון־אַמעריקע בכלל.

מעג איך מאַכן אַ פּערזענלעכע באַמערקונג. יאָרנלאַנג ווי איך לייען די צייטונג און געפין אין איר אַן אָפּשפּיגלונג פון ייִדישן לעבן אין צפון־אַמעריקע און פון ייִדישן לעבן אין דער וועלט בכלל. דער צייטונג איז געלונגען צו קאָנ־צענטרירן אַרום זיך די פיינסטע פּלעיאַדע פון ייִדישע שרייבערס, עסעיִסטן און זשורנאַליסטן, וועמענס וואָרט האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין דער ייִדישער וועלט. מיט דער ייִדישער צפון־אַמעריקע קום איך אין באַרירונג קודם כל דורך דער ייִדישער פּרעסע: „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", „פאָרווערטס", „אידישער קעמ־פער", „סביבה". זיי זענען געווען און זענען פאַר מיר מיין טעגלעך ברויט. איך האָב שטענדיק געזוכט אַריינצוקוקן אין אָט דער פּרעסע, פילן אַ ביסל די נשמה יתרה פון די ייִדיש־רעדנדיקע. דער „טאָג־מאָרגן זשורנאַל" האָט געהאַט אַ באַ־זונדערן צייטונג־אַראָמאַט וועלכער האָט צו זיך צוגעצויגן דעם לייענער. אַפילו ווען נישט מיט אַלעמען איז מען מסכים געווען, האָט מען אָבער געוווסט, אַז דאָס איז אַן ערנסטע בינע פון ייִדישן וואָרט. פאַרשטענדלעך, אַז אויך די העברעיִשע אויסגאַבעס און אייניקע ענגלישע צייטשריפטן דינען אַלס וויכטיקע אַדרעסן פאַרן צפון־אַמעריקאַנער ייִדנטום, אָבער ווען מען האָט געוואָלט פילן, הערן, אַ ביסל אָטעמען מיטן ייִדיש־סעקטאָר, האָט מען עס אַמבעסטן געקענט טאָן דורך דער

יידישער פּרעסע און בעיקר דורך דעם „פאָרווערטס" און דעם „טאָג־מאָרגן זשור־נאַל".

כ'מוז זיך מודה זיין, אַז ווען איך קום קיין ניו־יאָרק זוך איך שטענדיק בעת מיין קורצן באַזוך, צו זען די יידישע צייטונגען אויף יעדער גאַס און אין יעדן קיאָסק. און דעריבער פלעג איך נישט איין מאָל זוכן אויף דער 42סטער גאַס די יידישע פּרעסע. ווען איך בין געווען לעצטנס אין אַמעריקע, פון 22סטן ביזן 26סטן דעצעמבער 1971, אויף דער פּאַראיייניקונג־קאָנפערענץ פון דער ציוניס־טישער אַרבעט־באַוועגונג אין אַמעריקע, איז מיר אויסגעקומען צו הערן אַ דער־מוטיקנדיק וואָרט פון פריינד א. אַלפּערין, איינעם פון די רעדאַקטאָרן פון „טאָג". ער האָט אויך אַרויפגעבראַכט אַ פּלאַן צו קאָנצענטרירן אַרום דעם „טאָג־מאָרגן זשורנאַל" אייניקע פון די פּירנדיקע מענטשן אין מדינת ישראל, כדי זיי זאָלן זיך מער באַטייליקן אין דער צייטונג. דאָס איז וויכטיק פאַרן לייענער, דאָס איז וויכטיק פאַר דער צייטונג, כדי זי זאָל טיפער און טיפער זיין פאַרבונדן מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון ישראל און אויך פאַרטיפן דעם נאַציאָנאַל־ציוניסטישן פּובלי־ציסטישן מאַטעריאַל. כ'האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז די צייטונג גרייט זיך צו פאַר־גרעסערן איר קרייז מענטשן וועלכע זאָלן מער צוהעלפן צו פאַרשטאַרקן איר אינהאַלט און אויסווירקונג.

גענוי דריי טעג שפּעטער, ווען איך בין אָנגעקומען קיין ישראל, האָב איך געלייענט די ידיעה וועגן דעם פאַרמאַכן דעם „טאָג־מאָרגן זשורנאַל". איז די ידיעה געווען פאַר מיר אַן אמתער שאָק. ס'האָט זיך קוים געגלייבט אַז דאָס זאָל זיין אמת. ס'האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט אַ בילד ווי אַ מענטש פאַלט אין מיטן גאַס, פאַלט פּלוצעם און הויכט אויס די נשמה.

מיר קענען נישט און דאַרפן נישט אַריבערגיין צום סדר היום נאָך דעם וואָס עס איז געשען מיטן „טאָג־מאָרגן זשורנאַל". ווי געזאָגט, איז עס אַ וואָרענונג פאַר דער גאַנצער יידישער פּרעסע אויף דער וועלט. מיט אייניקע חדשים צוריק בין איך געווען אין אַרגענטינע און האָב דאָרט באַזוכט ביידע רעדאַקציעס: „די יידישע צייטונג" און „די פּרעסע". דאָרט האָב איך באַקומען אַ באַריכט אָנגע־פילט מיט גרויס זאָרג וועגן דער צוקונפט פון די ביידע צייטונגען. מען דאַרף אומ־באַדינגט זוכן וועגן צו העלפן די צייטונגען זיי זאָלן נישט אונטערגיין, ווייל פאַר דער גאַנצער יידישער אַרגענטינע זענען די צייטונגען איינע פון אירע וויכ־טיקסטע אָנשפּאַרן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז אמת נישט נאָר פאַר די יידישע צייטונגען אין אַרגענטינע, נאָר פאַרן גאַנצן דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט און אויך פאַר אַלע אַנדערע טיילן פון דער וועלט. דער גורל פון דער יידישער פּרעסע אויף דער וועלט געפינט זיך אויף אַ וואָגשאָל און מען מוז זוכן מיטלען צו מאַכן אַזוי אַז די געפאַרן זאָלן פאַרשווינדן.

מיר דוכט זיך, אַז מ'וואָלט געדאַרפט ערנסט באַטראַכטן אַ קאָנסטרוקטיוון וועג און אַז דער וועלט־פאַרבאַנד פון יידישע זשורנאַליסטן דאַרף נעמען די איי־

ניציאַטיוו צו שאַפן אַ זיכערע פונדאַציע, לכל הפּחות פון 5 מיליאָן דאָלאַר, וואָס פון אירע יערלעכע הכנסות זאָל מען שטיצן די ייִדישע צייטונגען, ווי אויך די ייִדישע פאַרלאַגן, וועלכע געפינען זיך אין אַ פינאַנסיעלן קלעם. אַ ספּעציעלער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט דאַרף מיט דער זאַך אָנפירן, פעסטשטעלן די באַדינגונגען פון דער הילף און אויך אַריינציען צו דער דאָזיקער הילף די גרויסע ייִדישע וועלט־אינסטיטוציעס און פאַרשיידענע פאָנדן, וועלכע טאָרן נישט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם וואָס קומט פאָר אויפן געביט פון דער ייִדישער פרעסע און ייִדישן בוך. אויב די זאַך וועט ערנסט גענומען ווערן אין באַטראַכט, וועלן זיך געפינען נישט ווייניק ייִדישע מעצענאַטן ביי וועמען מען קען אַרויסרופן פיל פאַרשטענדעניש און וועלכע מען קען געווינען פאַר קאָנקרעטער הילף צו פאַרפעסטיקן די ייִדישע פרעסע און אויך נישט לאָזן פאַלן די געציילטע פאַרלאַגן פון ייִדישן בוך.

זאָל דער שווערער פאַל פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", וואָס באַדייט אַז ייִדיש איז פאַריתומט, אַז דער גאַנצער בנין פון דער ייִדישער פרעסע שטייט אויף הינער־פיסלעך, זאָל אָט דער טרויעריקער פאַל אונדז נישט אַריינוואַרפן אין ייִאוש, נאָר פאַרקערט, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טרייבקראַפט פאַר דער פאַרטיידיקונג און פאַרפעסטיקונג פון אונדזער ייִדיש־נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס וואָס דאָס ייִדישע וואָרט איז איינע פון די וויכטיקסטע.

יאַנואַר 1972

זאָגט נישט קיין קדיש...

בעת מיין לעצטן באַזוך אין ניו־יאָרק — בשייכות מיט דער סעסיע פונעם ראַט פון ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין צפון־אַמעריקע — האָב איך אויס־גענוצט די געלעגנהייט, בכדי צו טרעפן זיך מיט אַ צאָל עסקנים; בעיקר יענע, וועלכע האָבן נאָך אַ באַציִונג און סענטימענטן פאַר דער ייִדישער קולטור.

כ׳וויל חס־ושלום נישט פאַרלייקענען, אָדער פאַרמינערן דאָס וואָס דאָ ווערט יאָ געטאָן אויפן געביט פון ייִדישער קולטור־טעטיקייט. כ׳ווייס זייער גוט פון די אַלע קרייזן, וואָס רעדן און לייענען ייִדיש. אַז עס דערשיינט דאָ נאָך אַלץ אַ פּרעסע און פּעריאָדיק אויף ייִדיש; אַז פון צייט צו צייט דערשיינט אַ ייִדיש בוך; אַז ס׳זענען נאָך פאַראַן אינסטיטוציעס, וועלכע קעמפן פאַרן קיום און המשך פון ייִדיש־קולטורעלע ווערטן... פאַראַן נאָך און נאָך. אָבער נישט וועגן די פּרטים וויל איך דאָ איצט שמועסן.

דווקא ו י י ל איך ווייס, אַז דאָ זענען נאָך פאַראַן אַזויפיל כּוחות, טוט מיך מאַטערן די שאלה — אָן שום שטעכענישן און בייזע רמזים אויף עמעצנס אַדרעס — וואָס קומט כּסדר אויפן זין: אויב ס׳איז פ א ר א ן אַזאַ מחנה, בלי עין־הרע, פאַר וואָס איז אַזוי ביטער אויפן פראָנט פון ייִדישער קולטור? אָט די ביטערקייט לאָזט זיך נישט באַגרענעצן צו א י י ן לאַנד, אָדער גאָר בלויז צו א י י ן קרייז. דאָס איז אַן אַלגעמיינע דערשיינונג סיי אין צפון־אַמעריקע און סיי אין אַנדערע לענדער. דערפאַר מוז מען זאָגן: אויב ד אָ ס מיינט עקזיסטענץ איז עס אַן אומ־נאָרמאַלע דערשיינונג, וועלכע מ ו ז געענדערט ווערן. דאָס איז „אומנאָרמאַל״, ווייל אין אַלץ וואָס עקזיסטירט שפּירט מען נישט מער — זינט אַ לענגערע צייט — די נשמה־יתרה; דעם ענטוזיאַסטישן ברען; די גלייביקע התלהבות; דעם פריידיקן אימפּעט פון שאַפונגס־באַוווסטזיין. מיר פילן פשוט נישט מער יענעם פיבער און פלאַם, וואָס זאָל קענען באַגייסטערן און „אָנשטעקן״ אַנדערע.

כ׳האָב ליידער דעם איינדרוק, אַז אַלדאָס געטועבע ווערט באַגלייט פון אַפּאַ־טישער מידקייט; פון אַ בלויזן ווילן „יוצא־צו־זיין דעם חוב״; פון אַ רוטין, וואָס דריקט אויס אַנטוישונג און אָרגאַנישע אויסגעמאַטערקייט. ס׳זעט אויס, אַזוי ווי אויך די געטרייסטע טוערס האָבן שוין פאַקטיש שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז ייִדיש לעבן — ווי מיר האָבן דאָס געקענט און געפילט — איז באמת פאַרמשפּט צו אוונטערגאַנג. טוט מען אַלצדינג מיטן געדאַנק — באַוווסטזיניק אָדער אינטער־באַוווסטזיניק — אַז אייגנטלעך איז שוין לאחר־ייִאוש. קיין גרויסע זאַכן וועט מען דאָ שוין סיי ווי נישט באַווייזן.

אפילו אונדזערע בעסטע און געטרייסטע זענען שוין אזוי ווי איבערצייגט, אז מען קען דאָס ראָד פון געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען נישט דרייען אויף צוריק. דער פּראָצעס פון אויסלעשונג איז אַ נאַטירלעכער און קיינער וועט מער נישט זיין בכוח אים אָפּצושטעלן. במילא איז אויך נישטאָ דער מינדסטער גלויבן, אַז וואָס מיר טוען — איז נישט בלויז אַן ענין פון באַפרידיקן די לעצטע רעשטלעך פון אייגענער נאָסטאַלגיע, נאָר אויך אַן אויפטו פאַר דער צוקונפט; פאַר ווייטער־דיקע דורות... אָט דאָ דוכט זיך מיר, שטעקט דער געפערלעכער קריזיס־פונקט.

אונדזערע עסקנים פאַר יידישער קולטור מאַכן אָפּטמאָל דעם איינדרוק, אַזוי ווי זיי וואָלטן געלעבט אויף דער אַטלאַנטידאַ — דער קאָנטינענט, וואָס אָט ווערט ער פאַרשווּנדן אונטער די ברויזיקע כוואַליעס, אויף אייביק. זיי טוען עפּעס — אָבער ווערן כסדר באַגלייט פונעם יאושדיקן טרויער, אַז ס'איז אומ־זיסטע אָנשטרענגונג.

יעדער שמועס מיט אונדזערע עסקנים האָט ביי מיר בלויז געשטאַרקט אָט דעם איינדרוק. די מידקייט און דער אומגלויבן שטאַרצן אַרויס, הגם דאָ און דאָרט קהלט מען זיך נאָך; רעשט מען זיך נאָך אונטער אַלע פאַרצווייפלטע צודעקן.

כ'וויל נישט מאַכן קיין נאַיִוון אָנשטעל און פאַרמאַכן די אויגן אויף אַלע אָביעקטיווע אַנטוויקלונגען און אומשטענדן. זיכער איז די ביטערע לאַגע נישט בלויז אַ פּראָדוקט פון מאַנגל אין נשמה־יתרה. ס'וואָלט זיך בלויז קעמפן קעגן די שטימונגען, גלייך ווי מיר וואָלטן זיך — אויפן יידישן קולטור־שטח — גע־פונען אין אַן אונטערגייענדיקער שיף פון טיפּ „טיטאַניק"; גלייך ווי אַלע אונדזע־רע באַמיִונגען און פּלענער וואָלטן געמאַכט געוואָרן אין אַ פאַרשלאָסענעם קאַסטן פון טויט.

אוודאי האַלטן מיר ביי גאָר אַ שווערן מצב אין די גלות־לענדער. וואָס שייך דעם יידישן אויסדרוק, מערקט זיך אַ האַרבער צוריקטריט. שוין אַ סך יאָרן גע־פינט זיך די יידישע קולטור אין אַ דעפענסיוון צושטאַנד. ס'האַלט אַפילו נישט ביים אָנזאָגן אַ דאָן־קישאָטישן קאַמף קעגן דעם „אומפאַרמיידלעכן". ס'האַנדלט זיך אָבער אינעם נישט באַגיין קיין פריִערדיקן זעלבסטמאָרד, מחמת גרויס פּחד פאַר דער אַזוי שטאַרקער אַסימילאַציע.

כ'באַצייכן דאָס ווי „זעלבסטמאָרד", הגם די אַליין־אָפּטויטונג קומט נישט מיט אַ מאָל — נאָר זי ציט זיך צו ביסלעך, מיט גאָר לאַנגע גסיסה־סימנים. כ'פאַרשטיי, הלמאי יידן ווילן וואָס שנעלער היימיש ווערן מיט דער אַרומי־קער קולטור און שפּראַך, צי איז דאָס אָבער מחייב, אַז יידישע קולטור זאָל ווערן איבעריק? איז זי טאַקע אַזאַ האַרבע שטערונג? מוז מען זיך טאַקע אומ־קערן צו יענער „טראַדיציע", ווען אונדזער טלית־און־תפילין דאַרפן די ערשטע געוואָרפן ווערן אין ים אַריין? אויב אַזוי וועט דאָס אפשר בכלל ווערן אונדזער לעצטע נסיעה...

דער צווייטער און דריטער דור ייִדן אין אַמעריקע האָבן פון זיך אינסטינקטיוו אָפּגעטרייסלט אַ סך פון יענעם ביטול, וואָס טייל אַמאָליקע אימיגראַנטן האָבן געהאַט צו זיך און זייער קולטור־ירושה. דאָס האָט אויך אַ שייכות צו דער באַציִונג וואָס זיי ווייזן אַרויס צו ייִדיש. אָבער די מערהייט האָט זיך פּאָרט אַ לאָז געטאָן מיט אימפּעט אויף יענער זייט פון דער „איסט סייד״; זיך געוואָרפן צו די רייכע עוועניוס און בולוואַרן. נישט ווייניק פון „אונדזערע״ ייִדן האָבן יוצא געווען מיטן דערוואָרבענעם אימיטאַציע־ענגליש און געבליבן אויסגעהוילט פון ייִדישן נוסח און קולטור. גלייך ווי זיי וואָלטן גענוג געהאַט דאָס זיין ס י נ ט ע ט י ש ע ייִדן.

אויב זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז אויף אַזאַ שטייגער אַנטלויפן זיי פון דער ייִדישער „אַרעמקייט״, איז דאָס געווען אַ טראַגישער טעות. וואָס שייך אייגענעם אינהאַלט — דער סימן־מובהק פון אַן עכט לעבן — זענען מיר מיט 40—50 יאָר צוריק געווען אַ סך רייכער, טראָץ דעם איצטיקן וווילזיין און מאַטעריעלער מאַכט. פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט גייען מיר איצט אין צילינדערס און פראַקן, אָבער מיט באָרוועסע טריט. גייסטיקע קבצנים.

אַ סך פאַקטאָרן האָבן דערצו גורם געווען. קודם־כּל איז פאַרשוווּנדן — אין אַ גרויסער מאָס — דאָס ייִדיש־טראַדיציאָנעלע לעבן; דאָס ייִדישלעכע געמיט. רעליגיע איז ביי אַ סך ייִדן געוואָרן אַ בלויזע און פּוסטע פאָרמאַליטעט פון „אָנגעהעריקייט״. זי קערט זיך ווייניק אָן מיט אינערלעך־אויפריכטיקער איבערלעבונג. דערפאַר שפּילט זי אויך נישט קיין אַנטשיידנדיקע ראָל אין אונדזער געזעלשאַפטלעכער געשטאַלטונג.

אויב ס׳זענען געבליבן עכט רעליגיעזע גרופּירונגען, וועלכע האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון חורבן, האָבן זיך טייל פון זיי אָפּגעשלאָסן אין זייערע עקסטרעמע ראַמען; געבליבן אין די דלת אמות פון זייער שטרענגקייט — און זיי קענען באַין־אופן נישט ווירקן סטימולירנדיק אויף אַנדערע. איזאָלאַציע איז באַין־אופן נישט די געהעריקע רפואה פאַר אַ מאָדערן פאָלק מיט אַזוי פיל שאַטירונגען. אָבער מ י ר האָבן גאָרנישט געוווּנען דערפון, וואָס די עכט רעליגיעזע מחנה האָט פאַרלוירן. דאָס האָט בלויז פאַרשנעלערט דעם אַנטלויף־פּראָצעס אין אונדזער מחנה.

אמת: אין פּרינציפּ האָט דער ציוניזם געהאַט גאָר אַ סך, מיט וואָס פול צו מאַכן אונדזערע אויסגעליידיקטע שופלאָדן. די שאַפונג פון מדינת ישראל האָט באַנייט אויף אַ סך אופנים דאָס נאַציאָנאַל־שטאָלצע געפיל פון אָנגעהעריקייט צום פאָלק. איצט, ביים אָפּשליסן 25 יאָר מדינה־עקזיסטענץ, זעט מען דאָס אויף שריט און טריט אומעטום. ס׳איז זיך גאָרנישט פאַרצושטעלן וועלכע „איינשפּרייצונג״ זי האָט געגעבן דעם וועלט־ייִדנטום. אָבער זי איז פּאָרט נישט געוואָרן דער הויפּט־פאַקטאָר אין קאַמף קעגן ברוטאַלער אַסימילאַציע, אין שטויסן דאָס ייִדיש פאָלק אין די תּפוצות צו ל ע ב ן ייִדישלעכער אויך אין דער כּסדרדיקער טאָג טעגלעכקייט.

ס'איז געווען אַ היסטאָריש אומגליק, וואָס די ייִדיש־רעדנדיקע זענען — מיט נישט ווייניק אומרעכט — אַזוי ווי אידענטיפֿיצירט געוואָרן מיט אַנטי־ציוניזם ביי אונדזערע נאַציאָנאַלע קרייזן. אַ סך פֿון די אָפֿיציעלע ייִדישיסטן האָבן אָבער געהאָלפֿן פֿאַרשטאַרקן אַזאַ איינדרוק, ווייל אויך זיי האָבן געקוקט אויפֿן ציוניזם ווי אויף אַ פּסולער זאַך. דער געדאַנק פֿון מדינת ישׂראל האָט אַפֿילו ביי טייל פֿון די בעסטע צווישן זיי אויסגעזען ווי אַן אוטאָפּיע.

צוליב דעם איז ביי טייל נאַציאָנאַלע ייִדן ייִדיש בכלל געוואָרן אַ מין שׂונא, וואָס דאַרף באַקעמפֿט ווערן! און ייִדישע קולטור איז ביי אונדז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטענדיקן סלע־המחלוקת. מיר האָבן איבערגעלאָזט וווּנדערלעכע ייִדיש־פּאָזיציעס אין די הענט פֿון שׂונא־ציון און דערנאָך האָבן מיר זיך געקלאָגט, אַז זיי האָבן דאָס פֿאַרכאַפּט... דאָס איז געוואָרן אַ שטרויכל־שטיין פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישער קולטור. דוכט זיך, אַז דאָס איז אויך געווען איינער פֿון די הויפּט־פֿאַקטאָרן אינעם אָפּשוואַכן ייִדישע קולטור אין אַמעריקע — כאָטש זי איז, לויט איר גאַנצן וועזן און אינהאַלט אַזוי ווי באַשאַפֿן געוואָרן צום קאַמף לטובת נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע אַספּיראַציעס.

הלוואַי וואָלט די פֿאַרשטענדעניש צווישן ביידע הויפּט־פֿאַקטאָרן, אין נאַציאָנאַל־ייִדישן באַנעם, געוואָרן אַ פֿאַקט מיט אַ סך יאָרן צוריק. ביים גיין האַנט ביי האַנט, וואָלטן די טעטיקייטן אויפֿן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט — סיי פֿאַר ייִדיש און סיי פֿאַר העברעיִש — געהאַט אַ סך מער דערפֿאָלג און דערגרייכונג. ליידער האָבן די אַנטי־ציוניסטישע ייִדישיסטן געהאַט אַ געוואַלטיקן חלק אין אָט דער רי־וואַליזאַציע, וואָס האָט קיינעם נישט געשטאַרקט די הענט. זיי האָבן בלויז באַוויזן צו דערווייטערן גאָר אַ סך פֿון די ייִדיש־נאַציאָנאַלע קרייזן. די ייִדישע קולטור איז דערביי געווען דער הויפּט־קרבן.

ווי אַ ציוניסטישער אַרבעטער־טוער וויל איך צוגעבן: דאָס איינפֿירן העב־רעיִש אינעם לעבן — און אין שולוועזן — פֿון די גלות־לענדער איז געווען מער ווי באַרעכטיקט. דאָס קען און דאַרף ווערן די בריק צווישן גלות און מדינת ישׂראל. ס'איז אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דאָרט ווו ייִדיש־קולטור ווערט פֿאַרשווונדן, וואַקסן אויטאָמאַטיש די מעגלעכקייטן פֿאַר העברעיִש. איך האַלט, אַז ייִדיש קען אויך להבא האָבן אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבע ווי אַ קאַמפּס־מיטל קעגן דער אַסימילאַציע, וואָס פֿרעסט אויף דאָס בעסטע אינעם ייִדיש לעבן.

אַוודאי ווייס איך, אַז אין 1973 קען מען נישט ענדערן דעם גאַנצן פּראָצעס און אויפֿלעבן אַ היפּשע צאָל פֿאַרלוירענע פּאָזיציעס; אָדער גאָר זיך אומקערן צו דער „איסט־סייד" אידיליע (אויב זי איז דאָס געווען) ביים אָנהייב יאָרהונדערט אָבער דאָס מיינט אויך נישט, אַז מ'דאַרף אויפֿגעבן אויך דאָס פֿאַראַנענע און זיין פֿאַטאַליסטיש — ביז דער אונטערגאַנג וועט קומען און אָפּהאַלטן זיין ענדגילטיקן נצחון.

קודם כּל דאַרף מען פֿון זיך אָפּטרייסלען אַלע אַמאָליקע פֿאַראורטיילן און

דערנעגטערןביידע מחנות, פון יידיש און העברעיִש. ס'דאַרף קלאָר ווערן, אַז מיר האָבן אַ סך מגזם געווען ביים רעדן וועגן די אַנטי־ציוניסטישע זייטן פון ייִדיש־חסידים. למען האמת האָט יידיש ממש באַגלייט דעם אויפלעבונג־פּראָצעס פון ציוניזם זינט זיין בראשית; און מיט אונדזער פאָלקס־לשון האָבן מיר שטענ־דיק דערגרייכט די יידישע פאָלקס־מאַסן פאַר אונדזער ציל.

טאָקע דאָ קומט אַריין די ספּעציעלע אַחריות פון די יידיש־רעדנדיקע אין אונדזער ציוניסטישן לאַגער בכלל און פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג בפרט. מיר מוזן אויפהערן לעבן אויף קריטישע שטימונגען און זיך באַמיִען צו ראַטעווען אַלדאָס מעגלעכע. כ'בין לגמרי איבערצייגט, אַז דערמיט לאָזט זיך נאָך אַ סך דערגרייכן אויך אין אַמעריקע; דאַקעגן קען אַ ווייטערדיקע צעשפּליטערונג פירן צום פריצייטיקן קבר פון אַלדס טייערסטע.

כ'וויל דערפאַר זאָגן מיט דער גאַנצער פשטות: יידיש רעדנדיקע אין אַמע־ריקע, הערט אויף צו זיין מידע קעמפערס! דערווייטערט זיך פון דער ראַל, וואָס געהערט צו פּראָפעסיאָנעלע קדיש־זאָגערס. דאָס שטאַרקן יידישע קולטור איז נישט בלויז נייטיק פאַר די תפוצות. אויך פאַר ישׂראל איז וויכטיק, אַז יידישע קולטור זאָל לעבן און געדייען. קאָנקרעטעביישפּילן וועגן דעם זענען שוין אַ טעמע פאַר זיך.

כ'מוז אָבער מודה זיין, אַז מיר האַלטן ביי אַ שפּעטער שעה — אויב נישט ביי צוועלף אַזייגער ביי נאַכט. כ'האַלט נישט ביים יוצא־זיין מיט פאָרשלאָגן און גוטע עצות, הגם כ'בין זיכער: ווען מיר קומט אויס צו לעבן אין צפון־אַמעריקע, וואָלט איך געווידמעט מער כוח פאַר דער יידישער קולטור. דערביי פאַרגעס איך נישט חלילה, אַז יידישע קולטור איז בלויז די נחלה פון איין טייל אינעם זעקס־מיליאָניקן ייִשוב, וואָס שטעקט אין אַ לאַבירינט פון פאַרשיידענע און האַר־בע פּראָבלעמען. כ'האָב זיך אָבער קאָנצענטרירט אויפן שוואַכסטן געביט, וואָס ווערט אַזוי פאַרשעמט און געטריבן פון אַלע זייטן. דאָס איז אויך אַ פראַגע פון אינערלעכן יושר...

איצט וועלן מיר שמועסן קאָנקרעט: אין אַנבליק פון דער פריִער גע־שילדערטער לאַגע — נישט בלויז אין צפון־אַמעריקע, נאָר אויך אין מערב־איי־ראָפּע, דרום־אַמעריקע, דרום־אַפריקע ובפרט אין קלענערע ייִשובים — איז שוין עפּעס געטאָן געוואָרן אויף אַ ממשותדיקן אופן. אַ גרופּע שרייבערס, געזעלשאַפט־לעכע עסקנים און אינטעלעקטואַלן — סיי פון דער יידישער און סיי פון דער העברעיִשער מחנה — האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ „קאָמיטעט פאַר יידישער קול־טור אין ישׂראל". אָבער די איניציאַטיוו טאָר נישט איבערגעלאָזט ווערן בלויז צו די טוערס אין ישׂראל גופא. אויך די יידישע קולטור־עסקנים אומעטום, אויסער ישׂראל, דאַרפן ווערן אַקטיווע שותפים.

מיר דוכט זיך, אַז במשך פון די פאַר חדשים — זינט דער קאָמיטעט האָט זיך אָרגאַניזירט — איז שוין געטאָן געוואָרן נישט ווייניק און ס'איז געלייגט

געוואָרן דער יסוד פֿאַר נאָך מער. מיר זענען, לויט מיין איבערצייגונג, אַרויף אויפֿן ריכטיקן וועג. דער קאָמיטעט, וואָס איז מסוגל צו ווערן אַ פּראָדוקטיווער פֿאַקטאָר, האָט חלילה נישט בדעה צו פֿירן אַ קאָנקורענץ מיט אַנדערע. אַדרבה: זיין ציל איז צו שטאַרקן און מיטהעלפֿן יעדן אַקטיוון כוח אויף אָט דעם שטח.

מיר ווילן בפֿירוש העלפֿן דערהייבן דעם פּרעסטיזש פֿון ייִדישער קולטור אין ישׂראל אויך מיט דער הילף פֿון אָפֿיציעלע רעגירונגס־קרייזן מיר וועלן בקרוב פֿאַרצייכענען אַ צאָל דערפֿרייענדיקע דערגרייכונגען און דאָס וועט, האָף איך, אוועקנעמען אַ סך פֿון דער פֿאַרביטערונג ביי טייל ייִדיש־רעדנדיקע קרייזן. דערווייל וועל איך בלויז פֿאַרצייכענען די אויפֿטוען און איניציאַטיוו וועלכע האָבן שוין געהאַט אַן אָפּקלאַנג סיי אין ישׂראל און סיי אין אַ צאָל ייִדישע ייִשובים:

1) מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ חודשלעכע אויסגאַבע מיטן נאָמען „פֿאָלק און מדינה", וווּ עס זענען פֿאַראַן וויכטיקע אַרטיקלען פֿאַר דער ייִדישער פּרעסע אין דער גאָרער וועלט. זיי שפּיגלען אָפּ פּראָבלעמען און גיבן אינפֿאָרמאַציע וועגן ייִדישן לעבן אין פֿאַרשיידענע לענדער ווי אויך אין מדינת ישׂראל. ס'זענען פֿאַראַן אַ סך צענדליקער אויסגאַבעס אין ייִדיש וועלכע בויטיקן זיך אין אַן ערנסטן אַרטיקלען־דינסט. אונדזער אויסגאַבע וועט זיי, בכן, העלפֿן הויבן זייער ניוואָ. גלייכצייטיק דערמיט ווערן געמאַכט שריט — צוזאַמען מיטן אַלוועלטלעכן פֿאַרבאַנד פֿון ייִדישע זשורנאַליסטן — בכדי צו פֿאַרזיכערן מאַטעריעל די ייִדישע צייטונגען און זשורנאַלן אויף דער גאָרער וועלט. לויט אונדזערע אינפֿאָרמאַציעס געפֿינען זיך מינימום 60 פּראָצענט פֿון אַלע עקזיסטירנדיקע אויסגאַבעס אין אַ נישט־סטאַבילער לאַגע פֿון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט. מיר זענען בכן איבערצייגט, אַז טאָמער וועט מען נישט גלאָבאַל זאָרגן פֿאַר זייער עקזיסטענץ, דערנעענטערן זיך ס'רוב פֿון זיי צו אַ פּריצייטיקן סוף.

2) נישט בלויז די ייִדישע פּרעסע געפֿינט זיך אין אַ שווערן מצב, נאָר אויך דאָס ייִדישע פֿאַרלאַגס־וועזן. דאָס ייִדישע בוך איז דערגאַנגען צו אַן אומבכבֿודיקן מצב. מיר זעען אַ געוואַלטיקע הילפֿלאָזיקייט און כּוחות־פֿאַרשווענדונג אויפֿן געביט פֿון אַרויסגעבן ביכער, וואָס מוזן אויפֿטרייסלען. ס'איז נישט קיין סוד, אַז די מערהייט פֿאַרלאַגן — וואָס האָבן אַרויסגעגעבן ייִדישע ביכער — זענען ליקווידירט געוואָרן אינעם רובֿ ייִדישע קהילות. אַ ייִדיש בוך ווערט בדרך־כּלל אַרויסגעגעבן ספּאָראַדיש; און כּמעט אַלע מאָל איז דער שרייבער זיין אייגענער „מעצענאַט". אויך דאָ ווו ס'זוכט זיך באמת אָפּ אַ מעצענאַט, וואָס שטיצט דאָס אַרויסגעבן אַ בוך, איז שפּעטער נישטאָ ווער ס'זאָל דאָס בוך פֿאַרקויפֿן ווי געהעריק.

לויט אָפּטימיסטישע שאַצונגען, ווערן היינט ייִדישע ביכער פֿאַרקויפֿט — אין דורכשניט — נישט מער ווי אין 300—200 עקזעמפּלאַרן. אויב מ'דרוקט מער, ליגן די אַנדערע קאָפּיעס אין אַ קעלער און וואַרטן אומזיסט אויף אַ גואל, ביז זיי ווערן פֿאַרשימלט...

דער ישׂראַלדיקער קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור האָט דערפאַר באַשלאָסן צו גרינדן אַן אַלוועלטלעך־יידישן „ביכער־קלוב", פון צוויי טויזנט סטאַבילע אַבאָנאַמענטן פאַרן ייִדישן בוך, וואָס דער קאָמיטעט וועט רעקאָמענדירן. מיר גלייבן, אַז אָט די צאָל איז נישט קיין „פאַנטאַסטישע". ביי אַביסל גוטן ווילן, לאָזט זיך דאָס דערגרייכן. דערמיט קען מען אויסלייזן דאָס ייִדישע בוך, פון בעסטער קוואַליטעט נאַטירלעך, פון דער עלנטקייט און פאַרשעמטקייט.

מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַ צאָל פאַרשטייערס אין עטלעכע לענדער און ס'זענען פאַראַן ערנסטע האָפענונגען אויף דערפאָלג. דער ישׂראַלדיקער קאָמיטעט האָט באַשטימט אַ שרייבער־קאָמיסיע, וועלכע דאַרף רעקאָמענדירן 15 ביכער דער אָנפירערשאַפט פונעם בוך־קלוב. ס'וועט אויך געשאַפן אַ קאָמיסיע, בשותּפות מיט די פאַרלעגערס אין ישׂראל, וועלכע וועט אויסאַרבעטן אַ סיסטעם ווי אַזוי אַדורכצופירן די אַקציע פון זאַמלען אַבאָנענטן. די קלוב־מיטגלידער וועלן באַקומען די אַרויסגעגעבענע ביכער פאַר גאַר־מעסיקע פרייזן.

מיר אַפּעלירן בכן צו אַלע קולטור־עסקנים זיי זאָלן ווערן אונדזערע שותּפים אויף דעם געביט. ס'איז אונדזער אַלעמענס חוב אויסצולייזן דאָס ייִדישע בוך פון אַזאַ קלעם, וואָס גייט געפּאָרט מיט חרפּה. אויף דעם יסוד האָב איך זיך געוואָנדן צו אַמעריקאַנער חברים און פאַרגעלייגט: אין דער צאָל פון 2000 אַבאָנענטן זאָל זייער קוואָטע באַשטיין פון 25 פּראָצענט (500 אַבאָנענטן). כ'מיין, אַז אָט־די צאָל אַבאָנענטן פאַרן ביכער־קלוב איז באין־אופן נישט איבער־געטריבן — ווען ס'גייט אין גאַנץ צפון־אַמעריקע. אויב דאָס זאָל אונדז, חלילה, נישט געראָטן — וועלן מיר דאָס מעגן באַטראַכטן ווי אונדזערס אַ מאָראַלישע מפּלה. דאָס דערגרייכן בקרוב אַזאַ צאָל אַבאָנענטן איז דאָס געבאָט פון דער שעה.

3) מיר האָבן זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אַרויסצוגעבן אין ישׂראל די ווערק פון ייִדיש־סאָוועטישע שרייבערס, וועלכע זענען געקומען צוזאַמען מיט דער געבענטשטער עליה. ס'זענען געקומען העכער 20 ייִדיש־שרייבער און מיר האַלטן דאָס פאַר אונדזער מאָראַלישן חוב. מיר טאָרן נישט יוצא־זיין מיט עקאָנאָמישער הילף אַליין, נאָר אויך זאָרגן, אַז זייער נשמהדיקער אויסדרוק זאָל נישט פאַרשטומט ווערן דווקא נאָכן קומען אין דער ייִדישער מדינה ווי פרייע מענטשן.

אַ צאָל פון זיי האָבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל נישט זוכה־געווען, אַז זייערע ווערק זאָלן געדרוקט ווערן; אַנדערע זענען מוראַדיק צענזורירט געוואָרן און די פאַרקריפּלונגען האָבן שטאַרק פאַרביטערט זייער געמיט. איז זיכער אַן עלעמענטאַרער חוב, אַז זייער אָנקומען אין לאַנד פון גאולה זאָל אויך ענדערן דעם פּרט אין זייער לעבן. דער „קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל" וויל בכן דערמעגלעכן דאָס אַרויסגעבן אַ סעריע פון 12—14 ביכער, אין וועלכע ס'וועט זיך אָפּשפּיגלען די ליטעראַרישע שאַפונג פון אָט־דעם ייִדישן שבט — וואָס זיין וואָרט איז אַזוי לאַנג געווען געבונדן, אָפּגעזונדערט און פאַרשטומט.

אַ ספּעציעלער שרייבער־קאָמיטעט וועט לייענען די כּתבֿי־יד און באַשטימען וועלכע פון זיי ס'זענען ראוי פֿאַרעפֿנטלעכט צו ווערן. מיר פּלאַנירן אויך די אויסגאַבע פון אַ גרויסער אַנטאָלאָגיע — אין עבֿרית — וואָס זאָל אַרייננעמען די שאַפונגען פון די ייִדיש־סאָוועטישע שרייבער־עולים. מיר ווילן שאַפן אַ ספּעציעלן פֿאָנד פֿאַרן אַרויסגעבן די ביכער און אַנטאָלאָגיע. ס'איז פֿאַר אונדז וויכטיק, אַז די ישׂראלדיקע אינטעלעקטואַלן — ווי אויך די יוגנט — זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט אַריינצובליקן אין דער גייסטיקער וועלט פון אָט דער שרייבער־גרופּע.

4) מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דריי־מאָנאַטלעכע העפטן אונטערן נאָמען „ביי זיך" — ספּעציעל פֿאַר די שאַפֿונגען פון נייע עולים, וועלכע זענען געקומען פון פֿאַרשיידענע לענדער; און בעיקר פונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. ס'איז ממש שווער צו שילדערן די וויכטיקייט פון אַזאַ היים־טריבונע פֿאַר שאַפֿנדיקע מענטשן, וועלכע מוזן קומען צום אויסדרוק. דאָס איז וויכטיק סיי פֿאַר זיי און סיי פֿאַר אונדז אַלעמען. „ביי זיך" מוז פֿאַרשפּרייט ווערן איבער דער גאַנצער ייִדישער וועלט.

5) ס'ווערט צוגעגרייט אַ ביולעטין אין ייִדיש, וווּ ס'וועט געגעבן ווערן לויפֿנדיקע אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם העברעיִשן און ייִדישן קולטור־לעבן אין ישׂראל און אין דער וועלט. דאָס איז אַ וויכטיקע אויפֿגאַבע, ווייל דערמיט וועלן מיר פּראַקטיש דערנענטערן אונדזערע קולטור־מחנות און אויך פֿאַרוואַרפֿן אַ קולטור־בריק צו אַלע ייִדישע קהילות. די אויפֿמערקזאַמקייט צו זייערע אויפֿטוען וועט זיי, האָפֿנטלעך, דערמוטיקן צו נייע פֿאַרמעסטן.

6) מיר ווילן שאַפֿן אַ לעקטאָרן־קרייז, וואָס זיינע מיטגלידער זאָלן יערלעך באַזוכן ייִדישע צענטערן און דאָרט געבן לעקציעס פון העכערן ניוואָ וועגן אַלע אַספּעקטן פון דער ספּעציפֿיש־ייִדישער קולטור־פּראָבלעמאַטיק.

מיט דעם אַלעם זענען מיר אויסן אַרויסצורייסן די ייִדישע קולטור־משפּחה פון איר פֿאַרפּרוווירענעם גליוועער. מיר ווילן בשום אופֿן נישט פֿאַרזיכערן זיך מיט אַ מין „מאָנאָפּאָל", נאָר געבן דעם ענין נייעם שווונג און גלויבן. מיר זענען איבערצייגט, אַז דער פֿאַקט וואָס אַזויפֿיל וויכטיקע ישׂראלים האָבן זיך אָנגאַזשירט — בכדי צו געבן ז י י ע ר ביישטייער לטובֿת דער ייִדישער קולטור — וועט האָבן אַ פּאָזיטיווע אויסווירקונג אויף אַלע תּפֿוצות ישׂראל.

כ'בין נישט קיין נאַיִווער אָפּטימיסט, אָבער כ'פּרוביר זיך דערווייטערן דאָס גאַנצע לעבן פון סטערילן און פֿאַרפֿאַלענעם פּעסימיזם. אונדזער גרעסטע סכּנה באַשטייט אין דער אָפּגעלאָזנקייט און פּאַסיווקייט אויפֿן קולטור־פֿראָנט. כ'בין צופֿרידן, וואָס מיר איז געראָטן צו באַקומען אַ גרויסן קרייז שותּפֿים און כ'וועל זיך פֿילן גליקלעך מיט יעדער ממשותדיקער דערגרייכונג. ווי שטייט ביי אונדז? וברכתיך בכל אשר ת ע ש ה — די ברכה קומט צוזאַמען מיט פּראַקטישע און גלויביקע מ ע ש י ם.

מערץ־אַפּריל 1973

אַ וועלט־באַראַטונג אין ישׂראל פֿאַר ייִדישער קולטור

מדינת ישׂראל האָט אָן אייגנאַרטיקע געזעלשאַפֿט. גלייכצייטיק מיט די שטורמישע פּאָליטיש־מיליטערישע פּראָגן, מיט אַ גורלדיקן געראַנגל וועגן דער צוקונפֿט פֿון דער מדינה, איז מען אויך אַקטיוו און דינאַמיש אויף פֿאַרשידענע געביטן פֿון קולטורעלן לעבן. מיר האָבן זיך אין ישׂראל אַזוי צוגעוווינט צו אַ תּקופֿה פֿון אויסנאַם־צושטאַנד, אַז די קולטור־מוזע הערט נישט אויף צו ווירקן. פּאַראַלעל מיט די אָנגעלאָדענע מיליטערישע פּראָבלעמען עקזיסטירן אויך קולטור־פּראָבלעמען וועלכע זענען פֿאַר זייער כּמעט נאָרמאַל לעבן.

כ׳וועל נישט אַרייַנגיין אין קיין פּרטים, כ׳וויל נאָר באַמערקן, אַז דער אויבנדערמאָנטער פּראָצעס שפּיגלט זיך אָפּ אויפֿן פּראָנט פֿון ייִדישן קולטור־וועזן. ס׳איז אויך אַ פֿאַקט, אַז ווען מ׳פֿאַרגלייכט דאָס היגע ייִדישע קולטור־לעבן מיט דעם לעבן פֿון ייִדישער קולטור אין פֿאַרשיידענע לענדער אין גלות, איז מדינת ישׂראל אָן ספֿק דער סאַמע פֿולסירנדיקסטער צענטער און האָט צו פֿאַררעגיסטרירן באַדייטנדיקע דערגרייכונגען אויף דעם געביט. מדינת ישׂראל איז בהדרגהדיק פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם פּילזייטיקן מקור פֿאַרן ייִדישן בוך, צייטונג־וועזן, טעאַטער און פֿאַרשיידענע קולטור־פֿאַראַנשטאַלטונגען. ווו אין דער ייִדישער וועלט איז קאָנצענטרירט אַזאַ גרויסע ייִדישע שרייבער־משפּחה, אייַנשליסנדיק די מער פֿון 20 שרייבער־עולים, וועלכע זענען די לעצטע יאָרן געקומען פֿון סאָוויעטרוסלאַנד? אַוודאי איז נישט אַלץ פֿולקאָם, ס׳פֿעלט נאָך פֿיל. אָבער אין פֿאַרשיידענע קרייזן אין ישׂראל קומט צום אויסדרוק די פּאָזיטיווע באַציִונג צו ייִדישקולטור, צו אירע נאַציאָנאַלע ווערטן. דענקנדיקע קרייזן אין ישׂראל הייבן אָן אַנדערש אָפּצושאַצן די ייִדיש־קולטור אין פֿאַרגלייך מיט דעם ווי ס׳איז געווען אין פֿריערדיקע תּקופֿות.

ס׳איז אָן ספֿק, אַז די געשאַפֿענע פּאָזיטיווע באַציִונג צו ייִדישער קולטור אין ישׂראל האָט צוגעגרייט דעם גינסטיקן באָדן צו שאַפֿן, צום ערשטן מאָל, אַ קאָמיטעט פֿאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל. די דעקלאַרירטע אויפֿגאַבע פֿון דעם ישׂראל־קאָמיטעט איז געווען צו שטאַרקן דעם פּרעסטיזש פֿון דער ייִדישער קולטור סיי אין ישׂראל און סיי אין די גלות־לענדער. כ׳וויל נישט זיין דער, וועלכער ברענגט שבחים פֿאַר דעם קאָמיטעט אין שפּיץ מיט העברעיִשע און ייִדישע שרייבערס, געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור־עסקנים. כ׳וויל נאָר באַמערקן, אַז דאָס אַנטשטיין פֿונעם קאָמיטעט פֿאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסן אָפּקלאַנג און אָפּשאַצונג אין פֿאַרשיידענע לענדער. די לייטונג פֿונעם קאָמיטעט האָט זיך אָפּגעהאַלטן פֿון מאַכן גרויסע הבטחות און דעקלאַראַציעס און האָט זיך

באַנוגנט בלויז מיט פֿעסטשטעלן אירע צילן און תּיכּף אָנגעהויבן מיט פּראַקטישע מעשׂים. די עטלעכע שריט וואָס דער ישׂראל־קאָמיטעט האָט רעאַליזירט, ווי: די חודש־אויסגאַבע „פֿאָלק און מדינה" (שוין דערשינען 18 נומערן), די פּעריאָדישע אויסגאַבע פֿון שרייבער־עולים „ביי זיך", דאָס אַרויסגעבן אַ סעריע ביכער פֿון ייִדישע קלאַסיקער צוזאַמען מיט דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, אויף אַ הויכן אַקאַדעמישן ניוואָ, דאָס גרינדן אַ ביכער־קלוב פֿאַר פֿאַרשפּרייטן דאָס בעסטע ייִדישע בוך; און אחרון אחרון חביב — דאָס איניציִרן די גרינדונג פֿון אַ פּרייז פֿון ראש הממשלה פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַרישער שאַפֿונג.

דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופֿן אַ געוויסן צוטרוי צו דער לייטונג פֿונעם קאָמיטעט און מ׳גלייבט, אַז ער וועט אויספֿילן די אויפֿגאַבן וואָס ער האָט זיך געשטעלט. צו דער פּאָזיטיווער באַציִונג איז אויך גורם די באַזונדערע סיבה: דער רוף פֿונעם קאָמיטעט איז געקומען גראָד פֿון ישׂראל און דאָס איז אויך געווען אַ וויכטיקער באַווייז, אַז ס׳זענען פֿאַראַן אין דער מדינה קרייזן וועלכע ווילן אויסשטרעקן אַ האַנט צו הילף און דערמוטיקונג צו דעם אַלעמען וואָס איז היינט די ייִדיש־קולטור אין דער גאַרער וועלט.

דאָ שטעלט זיך טאַקע די פֿראַגע: צי איז דאָס וואָס ווערט געטאָן דורכן ייִדישן קאָמיטעט, און וואָס מ׳דאַרף נאָך אַ סך פֿאַרפֿעסטיקן, גענוג? אָדער צי דאַרף דער קאָמיטעט אונטערנעמען נאָך שריט, נעמען די איניציאַטיוו צו מוטיקן און העלפֿן אויף די פֿאַרשיידענע געביטן די ייִדישע קולטור־אַרבעטן אין די לענדער?

מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן די לעצטע יאָרן זייער פֿיל ייִדישע קהילות אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דער ייִדישער צעשפּרייטקייט. דער איינדרוק מיינער איז, אַז דאָ און דאָרטן איז נאָך פֿאַראַן אַ „יש" פֿון ייִדישער קולטור־אַרבעט, אָבער אין אַלגעמיין איז עס אַ פּראָצעס פֿון אַ באַרג־אַראָפּ. אַ סך חורבות זעט מען אויף די גאַסן פֿון דער יידישער קולטור אין גלות. ס׳איז ממש אַ חוב אָפּצוהאַלטן דאָס קייקלען זיך באַרג־אַראָפּ, נישט דערלאָזן דעם געפֿיל פֿון משלים זיין מיט דעם פּראָצעס פֿון פֿאַנאַנדערפֿאַל, וואָס האָט באַהערשט פֿיל קרייזן און צווישן זיי די געטרייע קולטור־עסקנים פֿון דער ייִדישער קולטור, אַרויסרייסן זיי פֿון דער אומבאַהאָלפֿנקייט. ס׳פֿעלט אַ שטאַרקע האַנט וואָס זאָל דערמוטיקן און קאָאָרדינירן דאָס וואָס איז נאָך געבליבן אויפֿן געביט פֿון דער ייִדישער קולטור. לויט מיין מיינונג קען מען פֿיל אויפֿטאָן. מען קען עס אָבער נישט טאָן אָן דעם גוטן ווילן און פֿאַרשטענדיקונג פֿון די אָרטיקע שרייבער און קולטור־עסקנים. קום איך טאַקע צום אויספֿיר, אַז ס׳דאַרף זיין די אויפֿגאַבע פֿונעם קאָמיטעט פֿאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל צו רופֿן אַ וועלט־באַראַטונג אין ישׂראל פֿון פֿאַרשטייער פֿון אומגעפֿער אַ 10 לענדער, כּדי צו זוכן אַ וועג ווי אַזוי צו פֿאַרבעסערן די מערכה. די באַראַטונג דאַרף אַרומנעמען די סאַמע אויטאָריטעטע פֿאַקטאָרן, אָרגאַניזאַציעס און טיילווייז פּראָמינענטע קולטור־טרעגער פֿון די לענדער. די באַראַטונג דאַרף נישט קומען אַלס אַ קאָנקורענץ צו אַן אַנדער עקזיסטירנדיקער ייִדישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

די אויפגאַבע פון דער קולטור־באַראַטונג דאַרף זיין אַן אויפריכטיקער אויסטויש פון מיינונגען און ברענגען עטלעכע קאָנקרעטע פלענער וועגן דעם וואָס קען געמאַכט ווערן אין ישׂראל כּדי צו שטאַרקן די יידישע קולטור אין די לענדער.

כּדי די וועלט־באַראַטונג זאָל זיין דערפאָלגרייך איז נייטיק, אַז די געהעריקע פאַקטאָרן פון דער יידישער קולטור אין די פאַרשיידענע לענדער זאָלן אַרויסזאָגן זייער פּרינציפּיעלע שטעלונג צום פאָרשלאָג וועגן רופן די קולטור־באַראַטונג אין מדינת ישׂראל.

ווען דער פאָרשלאָג וועט אַקצעפּטירט ווערן, וועט דאַן אַרויפגעלייגט ווערן אויפן קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישׂראל אַ גרויסע אחריותפולע אויפ־גאַבע. ס'איז אַ שווערע און קאָמפּליצירטע אויפגאַבע, אָבער זי איז כּדאי צום גונסטן פון דער יידישער קולטור.

ווען דערפֿאַלג פֿאַר ייִדיש איז גורם עגמת־נפש...

אין אייניקע צייטשריפֿטן אין ישׂראל און אין חוץ־לארץ זענען לעצטנס דער־שינען עטלעכע אַרטיקלען וועגן דעם קאָמיטעט פֿאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל און וועגן דער איניציאַטיוו צו רופֿן אַ וועלט־קאָנפֿערענץ אין ישׂראל פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור. פֿאַראַן זייער וואַרעמע אָפּשאַצונגען וועגן דער וויכטיקייט פֿון דעם קאָמיטעט, וואָס איז אַ דערפֿרייענדיקע דערשיינונג גראָד אין אַ צייט ווען די ייִדישע קולטור אין דער וועלט געפֿינט זיך אין אַ שווערער לאַגע און ס'איז גוט וואָס ס'איז געקומען די איניציאַטיוו פֿון העברעישע און ייִדישע שרייבער און ייִדישע קולטור־טוער, כּדי איר אויסצושטרעקן אַ האַנט. פֿאַראַן אויך פּאָזיטיווע אָפּקלאַנגען וועגן דער וויכטיקייט פֿון רופֿן אין ישׂראל אַ וועלט־קאָנפֿערענץ, וואָס זאָל זוכן וועגן ווי צו פֿאַרפֿעסטיקן די פּאָזיציעס פֿון דער ייִדישער קולטור. ס'וועלן מיר מוחל זיין די מחברים פֿון די אַרטיקלען און די רעדאַקציעס, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פּאָזיטיוו צו דער איניציאַטיוו, וואָס איך וועל נישט ברענגען קיין אויספֿירלעכע ציטאַטעס פֿון זייער שטעלונג. איך וויל זיך דאָ מער אָפּשטעלן אויף די אַרטיקלען אין וועלכע ס'זענען אויסגעדריקט געוואָרן ספֿקות לגבי דעם עצם גרינדן דעם קאָמיטעט, ווי אויך לגבי דעם צונויפֿרופֿן אַ וועלט־קאָנפֿערענץ און ס'איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער חשד צי די כּוונות פֿון די איניציאַטאָרן זענען אויפֿריכטיקע און צי מיינען זיי באמת גוטס פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור.

ווען מ'לייענט למשל די תּל־אָביבער „לעבנס־פֿראַגן" אָדער די ניו־יאָרקער „אונדזער צייט", קומט מען צו דער איבערצייגונג, אַז אין די בונדישע קרייזן הערשט נאָך ליידער גרויס אומצוטרוי צו יעדער איניציאַטיוו וואָס קומט פֿון דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער מחנה וואָס איז געבונדן מיט ציוניזם און מדינת ישׂראל. פֿאַראַן וואָס אַן אמת ביי זיי אַן ערנסטע ענדערונג אין דער באַציִונג צו מדינת ישׂראל, אָבער ווען עס קומט צו שאַפֿן אַ געמיינזאַמען פֿראָנט פֿאַר ייִדיש, וועקן זיך ביי זיי אויף אַלטע חשבונות און ס'ווערן געמאַכט פּרוּוון צו באַנייען דעם שוין אָפּגעלעבטן קולטור־ און שפּראַך־סיכסוך, וואָס קען בלויז פֿאַרסמען די אַטמאָספֿער און נישט פֿירן צו קיין שום פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

כ'וויל צוגעבן, אַז אין דער ציוניסטיש־נאַציאָנאַלער מחנה איז פֿאַרגעקומען אַ וועזנטלעכע ענדערונג לגבי דער ייִדישער קולטור אין ישׂראל און אין חוץ־לארץ, אַ גינסטיקערע באַציִונג צו ייִדיש ווי אין אַלע פֿריִערדיקע יאָרן. אין די מערסטע ציוניסטיש־נאַציאָנאַלע קרייזן איז רייף געוואָרן די איינשטעלונג אַז ייִדיש איז אַ גרויסער נאַציאָנאַלער פֿאַרמעג און נישט קיין פֿרעמדע שפּראַך, אַז מ'דאַרף איר ווידמען מער אויפֿמערקזאַמקייט און געבן וואָס מער שטיצע. אָט די דאָזיקע

איינשטעלונג האָט עס געבראַכט דערצו, אַז די איניציאַטיוו צו גרינדן אין ישׂראל אַ בשותפותדיקן קאָמיטעט (פון יידיש- און עברית-עסקנים) פאַר יידישער קולטור איז דאָ וואָרעם אויפגענומען געוואָרן.

ביי די ערשטע שריט פון דעם קאָמיטעט האָבן מיך גוטע פריינד געוואָרנט כ׳זאָל זיין זייער פאָרזיכטיק לגבי דעם פאַרנעם פון זיין טעטיקייט. אויב דער פרוּוו וועט דורכפאַלן — האָבן זיי מיר געזאָגט — וועלן זיין אַזעלכע וואָס וועלן עס באַדויערן און אַנדערע וואָס וועלן זיין צופרידן. דער גאַנצער ענין וועט אַדורך אָן אויפרעגונג. אָבער אויב דער קאָמיטעט וועט מצליח זיין, וועט זיך אַנטוויקלען אַ טעטיקייט אין ישׂראל און אין חוץ־לארץ, דאַן וועט זיך — האָבן מיך מיינע פריינד געוואָרנט — אָנהייבן אַ שדים-טאַנץ און נישט משלים זיין מיט דער הצלחה וועלן דווקא די געשווירענע יידישיסטן, די פון די בונדישע קרייזן, ווייל זיי וועלן נישט וועלן מוחל זיין, אַז אַן ערנסטער צושטייער פאַרן נאַציאָנאַלן פּערספּעקטיקן פון דער יידיש-קולטור זאָל קומען פון ציוניסטישן לאַגער. אַ דערפאָלג פון קאָמי־טעט וועט אַרויסרופן עגמת נפש ביי יענע קרייזן און זיי וועלן נעמען זוכן פעלערן אָדער שטעלן פאָדערונגען וואָס האָבן מיטן גאַנצן ענין נישט קיין אמתע שייכות. אַזוי האָבן מיך פריינד געוואָרנט. כ׳בין זיך מודה, אַז כ׳האָב די דאָזיקע וואָרענונג נישט גענומען ערנסט. כ׳האָב געגלויבט און געהאָפט, אַז ביי דעם אָביעקטיוון באַרג־אַראָפּ פון דער יידישער קולטור היינט צו טאָג, וועט קיינער נישט מאַכן קיין פּראָווינציעלע חשבונות און אַז ס׳וועט געשאַפן ווערן אַ פּאַראייניקטער פראָנט פון אַלע וואָס ווילן העלפן. אין די אינערלעכע דיסקוסיעס אַרום דעם ענין האָב איך אַפילו צוגעגעבן, אַז ס׳איז מעגלעך, אַז געוויסע נעכטיקע פאַרברענטע העברעיסטן זאָלן זיך צו דער זאַך באַציען מיט רעזערוו, אָבער פאַרזיכערט אַז די אַקטיווע יידיש-קרייזן אין דער וועלט וועלן אַזאַ רעזערוו נישט אַרויסווייזן.

ס׳זענען אַוועק מער ווי צוויי יאָר. דער קאָמיטעט, וואָס האָט שוין צו פאַר־צייכענען אויף זיין חשבון אַ ריי באַדייטנדיקע אויפטוען, איז אַרויס מיט דער איניציאַטיוו צו פאַררופן אַ וועלט-צוזאַמענקום פאַר יידישער קולטור. דאָס איז שוין, זעט אויס, פאַר די בונדישע יידיש-ליבהאָבערס געווען צופיל און זיי זענען אַרויס מיט אַ ריי קלאָץ-קשיות און פאָדערונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איניציאַטיוו און דערביי פאַרגעסן זיי נישט אָנצוגרייפן דעם קאָמיטעט בכלל און קריטיקירן אָדער חוזק מאַכן פון זיינע ביזאַיצטיקע דערגרייכונגען. מיט איין וואָרט — פונקט ווי מיינע גוטע פריינד האָבן פאָרויסגעזען און אין וואָס איך, אין מיין גרויסער נאַיווקייט, האָב נישט געוואָלט גלויבן.

קומט פריינד מ. געלער אין זיין אַרטיקל „אַן אומעטיקע חתונה" אין „לעבנס־פראַגן" (סעפטעמבער 1974) און באַשולדיקט „די עסקנים פון דעם ישׂראלדיקן קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור", אַז זיי „ווילן זיך נישט באַגרענעצן בלויז מיט ישׂראל, זיי ווילן אויך באַהערשן די גאַנצע יידישע וועלט און ווערן די אַפּוטרופּסים פון אַלע יידישע קולטור-אינסטיטוציעס, כדי זיי איינצושפּאַנען פאַר די פּאָליטישע

צוועקן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג". און עטלעכע שורות פריער שרייבט ער פשוט, אַז „ס'איז נישט צו דערוואַרטן פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט מער ווי — דאָס איבערנעמען די פּאַרטייאישע קאָנטראָל איבער דער... ליקווידאַציע פון יידיש אין ישראל".

און וואָס שייך דער געפּלאַנטער קאָנפערענץ האָט ער דעם „חשד, אַז דאָס וועט נישט זיין קיין קולטור־קאָנפערענץ, וואָס זאָל זיך ערנסט באַשעפטיקן מיט דער לאַגע און מיטן גורל פון יידיש אין ישראל און אין די תפוצות, נאָר — נאָך אַן אימפּרעזע פון מיניסטעריום פאַר טוריסטיק, ווי עס באַצייכנט דאָס ריכטיק דער רעדאַקטאָר מ. צאַנין".

און דער מחבר פונעם אַרטיקל כאַפּט זיך אָן אין דער דאָזיקער „גייסטרייכער" באַמערקונג פונעם רעדאַקטאָר מ. צאַנין און וווּנדערט זיך „וואָס מיט דער איני־ציאַטיוו און אָרגאַניזירונג פון דער קאָנפערענץ פאַרנעמט זיך נישט (דערווייל) דאָס מיניסטעריום פאַר טוריסטיק, וואָס האָט שוין אַ גרעסערע פּראַקטיק אין די זאַכן". און ער פאַרענדיקט זיין אַרטיקל דערמיט, אַז עס דוכט זיך אים, אַז „עס ווערט צוגעגרייט אַ טרויעריקער קאַרנאַוואַל, וואָס וועט דער מערכה פאַר יידיש קיין צו גרויסן כבוד נישט ברענגען".

ווילט זיך פרעגן דעם חשובן מחבר צי זיין אופן פּאָלעמיזירן מיטן קאָמיטעט פאַר יידיש אין ישראל, זיין חוזק־באַציִונג צו די אַקטיוויטעטן און איניציאַטיוון פון דעם קאָמיטעט גיבן יאָ צו גרויס כבוד דער מערכה פאַר יידיש ?

די אייגנטלעכע פראַגע דאַרף זיין: צי זענען די טעטיקייטן און איניציאַטיוון פונעם קאָמיטעט גוט פאַר יידיש און דער יידישער קולטור אָדער נישט ? פונעם ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע דאַרף אַרויסדרינגען די באַציִונג צום דאָזיקן קאָמיטעט פון יעדן איינעם פאַר וועמען די יידישע שפּראַך און קולטור זענען טייער און וואָס זעט אין זיי גרויסע נאַציאָנאַלע ווערטן וואָס דאַרפן אויפגעהאַלטן ווערן. קיין שום אַנדערע חשבונות טאָרן דאָ נישט געמאַכט ווערן, און אַוודאי נישט אַזעלכע וואָס שטאַמען פון דעם אַמאָל ווען ס'איז אויף דער יידישער גאַס אָנגעגאַנגען אַ קולטור־ און שפּראַך־קאַמף.

מיר ווייסן אַלע ווי טיף ס'איז היינט צו טאָג די ירידה אויפן יידישן קולטור־געביט אין דער גאַנצער וועלט. וועל איך זיך נישט אַריינלאָזן אין אַ פאָרשונג ווער ס'איז שולדיק פאַר דעם מצב. איינס איז זיכער, אַז אכזריותדיקע אָביעקטיווע סיבות האָבן געבראַכט צום איצטיקן מצב: דאָס אויסראָטן פון מיליאָנען יידן אין דער נאַצישער תקופה און שפּעטער דער גרויסער באַנקראָט פון יידישע קולטור־פּאָזיציעס אין דער ברייטער וועלט, ווו מ'האָט אויפגעהערט צו רעדן יידיש, ווער רעדט נאָך פון לערנען יידיש. כ'וויל נישט פּרווון אַפילו ריינוואַשן געוויסע שליחים נאַראָנים, וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס פאַרקלענערן די השפּעה פון יידיש איז נישט קיין רעצעפּט פאַרן פאַרשטאַרקן עברית. לאָמיר זיך אָבער נישט מאַכן תמעוואַטע און אָנערקענען, אַז די גרויסע פּאַטריאָטן פון יידיש אין פאַר־

שיידענע לענדער האָבן אַליין אין זייערע היימען קיין יידיש מיט זייערע קינדער נישט גערעדט. ווו זענען די הונדערטער און טויזנטער געשוווירענע יידישיסטן וואָס זאָלן פאַרקאַטשען די אַרבל און באמת טאָן עפּעס ממשותדיק פאַר יידיש־אינסטיטוציעס? מען וויל אָפּקומען מיטן שלאָגן על חטא אויף דער ברוסט פון עטלעכע שליחים־שוטים און זיך אַליין אַרויסדרייען פון אחריות. מ׳האָט נישט קיין מוט צו זאָגן אָפן דעם ביטערן אמת און מ׳זוכט פאַלשע אַליביס.

ווען איך, וואָס האָב נישט קיין פאַרדינסטן פאַר דער יידישער קולטור, בין מיט עטלעכע יאָר צוריק געקומען מיט דער איניציאַטיוו צו גרינדן אַ קאָמיטעט פאַר יידיש אין ישׂראל, האָב איך עס געטאָן דערפאַר ווייל כ׳בין דערשיטערט געוואָרן צוקוקנדיק זיך צו דער מערכה פון יידיש אין דער גאַנצער וועלט און האָב געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף העלפן פאַרפעסטיקן די פּאָזיציעס פון דער יידישער קולטור.

דער קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישׂראל וויל קיינעם נישט ירשנען און וויל קיינעם נישט מאַכן קיין קאָנקורענץ. מיר זענען אָבער טיף און אויפריכטיק איבערצייגט, אַז דער פראָנט פון יידיש קען נישט פאַרבלייבן בלויז אין די הענט פון די יידישיסטן פון „בונד", ווייל די מערהייט פון דער יידישער עפנטלעכקייט איז אָריענטירט נאַציאָנאַל, אויף מדינת ישׂראל. מוז דעריבער געשאַפן ווערן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל אָנפירן מיטן קאַמף פאַר יידיש און פאַר יידישער קולטור אין ישׂראל און אין די תפוצות; אַ קערפּערשאַפט אין וועלכער דער אָנטייל פון ציוניסטישע פאַקטאָרן וועט זיין לטובת דער זאַך.

קלינגט דעריבער לעכערלעך און נישט ערנסט דער בונדישער אַרגומענט, אַז די עסקנים פונעם געשאַפענעם קאָמיטעט ווילן מיט זייער איניציאַטיוו צו רופן דעם וועלט־צוזאַמענקום פאַר יידישער קולטור „איינשפּאַנען אַלע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס פאַר די פּאָליטישע צוועקן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג" (פון דער פריער געבראַכטער ציטאַטע). פון אַזעלכע מ׳שטיינס געזאָגטע אַרגומענטן פון וועלכער עס שלאָגט אַ היפש ביסל שׂנאה קען מען בלויז פאַרערגערן די מערכה פון דער יידישער קולטור און פאַרשאַרפן די דראַמע אינעם יידישן קולטור־לעבן.

ווי איינער פון די איניציאַטאָרן פון דעם געפּלאַנטן וועלט־צוזאַמענפאָר וויל איך דערקלערן מיטן פולן ערנסט און מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט, אַז אונדזער כוונה מיט דעם צוזאַמענפאָר איז געווען און איז פאַרבליבן אַ זויבערע. ס׳האַנדלט זיך אין צונויפרופן אַן ערנסטע וועלט־קאָנפערענץ, וואָס זאָל באַהאַנדלען אייניקע יסודותדיקע פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור, באַטראַכטן פּלענער ווי אַזוי צו פאַרזיכערן דאָס בכבודיקע דערשיינען און פאַרשפּרייטן פונעם יידישן בוך (כדי עס זאָל זיך מער נישט וואַלגערן אין די קעלערס), ווי אַזוי צו שאַפן אַ צענטראַלן פאַרלאַג, וואָס זאָל ענטפערן אויף די פאָדערונגען פון יידישן שרייבער, ווי אַזוי אַוועקצושטעלן אַן ערנסטן פאָנד צו שטיצן יידישע שרייבערס אין זייערע שאַפונגען, העלפן איבערזעצן פון יידיש אין עברית און פון עברית אין יידיש. דער צוזאַמענפאָר וועט אויך דאַרפן זאָרגן עס זאָלן פאַרמערט ווערן די קאַטעדרעס

פֿאַר ייִדיש אין די אוניווערסיטעטן און קאָלעדזשעס און וועט זוכן וועגן ווי צו פֿאַרזיכערן דאָס לערנען ייִדיש און ייִדישע ליטעראַטור אין די שולן אין ישׂראל און אין חוץ־לאָרץ. דאָס קען נישט דערגרייכט ווערן דורך דעמאַגאָגישע געשרייען. דאָ מוזן געזוכט ווערן ערנסטע וועגן אין ישׂראל און אין די תּפֿוצות.

מיין כּוונה איז נישט אויסצושעפּן דעם פּראַקטישן פּראָגראַם פֿון אַזאַ וועלט־קאָנפֿערענץ, נאָר דער עיקר אָנווייזן, אַז מיר מיינען דאָ נישט אָפּצוקומען מיט נאָך אַ קולטור־דעמאָנסטראַציע, ווי גרויס זי זאָל נישט זיין. די אַרבעט וואָס ווערט דאָ אָנגעצייכנט און וואָס שטייט אונדז פֿאַר איז אַ גענוג ווי־כטיקע און שווערע און זי איז ראוי ס׳זאָלן זיך אין איר איינשפּאַנען קרייזן פֿון אַלע שאַטירונגען וועמען דער ענין איז טייער און ליב. דעריבער האָבן מיר זיך באַלד אין אָנהייב געוואָנדן צו פֿאַרשיידענע ייִדישע קולטור־פֿאַקטאָרן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן כּדי זיי צו דער איניציאַטיוו צוציען און כ׳מוז זאָגן, אַז מיר האָבן ביי זיי אָנגעטראָפֿן אַ פֿאַרשטענדעניש, גוטן ווילן און אַ גרייטקייט מיטצואַרבעטן. ליידער האָט אויך אין ניו־יאָרק זיך דערהערט פֿאַר דער לעצטער צייט אַ גרילץ מצד דער בונדישער מחנה. „אונדזער צייט״ האָט אין זיין נומער פֿון אָקטאָבער 1974 איבערגעדרוקט דאָס אַרטיקל פֿון מ. געלער אין די „לעבנס־פֿראַגן״ און עס באַגלייט מיט ציטאַטן פֿון אַ מאמר וועגן ציוניזם אינעם אָרגאַן פֿון דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג אין אַמעריקע, פֿון וועלכן ס׳דאַרף כּלומרשט אויסקומען, אַז איך בין פּסול זיך צו פֿאַרנעמען מיט ענינים פֿון ייִדישער קולטור. פּונקט ווי כ׳וואָלט ביים איניצירן און גרינדן דעם קאָמיטעט פֿאַר ייִדישער קולטור ווען עס איז פֿאַרהוילן מיין ציוניסטישן אני מאמין.

און אָט האָט איר נאָך אַ באַווייז דערפֿון אַז אַן אויסגעשפּראָכן ציוניסטישע און ישׂראלדיקע איינשטעלונג קען נישט שטיין אין קעגנזאַץ צו אַ פּאָזיטיווער באַציאונג צו ייִדיש ווי אַ שפּראַך און צו דער ייִדישער קולטור. דער באַווייז קומט פֿונעם ישׂראלדיקן בילדונג־ און קולטור־מיניסטער אהרן ידלין, מיט וועלכן איך האָב געהאַט אַ לענגערן שמועס מכּוח דער געפּלאַנטער קאָנפֿערענץ און וועלכער האָט מיר אין רעזולטאַט פֿון דעם שמועס צוגעשיקט אַ זייער דערמוטיקנדיקן בריוו וועגן דער ייִדישער קולטור.

צווישן אַנדערן שרייבט דער מיניסטער: „איך בין זיכער, אַז אַן די גייסטיקע און ליטעראַרישע אוצרות וואָס זענען געשאַפֿן געוואָרן אין דער ייִדישער שפּראַך, וואָלט אונדזער קולטור געווען אַן אָרעמע און נישט קיין פֿולע. אַלץ וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט געשאַפֿן וועגן ייִדישן לעבן און אינעם גייסט פֿון דער ייִדישער קולטור־ירושה אין אַלע אירע אומוואַנדלונגען און פֿאַרשידנפֿאַרביקייטן — איז אונדזערס, נישט געקוקט אויף וועלכער שפּראַך דאָס איז געשאַפֿן געוואָרן. און דעריבער איז אונדזער חוב צו טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך אָפּצוהיטן די אוצרות פֿון דער ליטעראַרישער יצירה אין ייִדיש. אין קעגנזאַץ צו עבֿרית פֿירט הײַנט ייִדיש אַ שווערן קאַמף, צו וועלכן מיר דאַרפֿן זיין שותּפֿים, היות ווי די ייִדישע

קולטור איז איינע פון די שטאַרקע דאַמבעס קעגן דעם אַסימילאַציע־שטראָם וואָס פאַרפלייצט גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק".

„און אויב דער וועלט־צוזאַמענפאָר פאַר יידישער קולטור וועט קענען דינען ווי אַ שוווּנג פאַר אָט די אַנשטרענגונגען איז אין דעם פאַראַן אַ ברכה. און דערפאַר קומט אַ יישר כוח".

יעדער אויפריכטיקער ליבהאָבער פון יידיש און פון יידישער קולטור וועט זיכער אויפנעמען די ווערטער פון ישׂראלדיקן בילדונג־מיניסטער מיט גרויס סאַטיספאַקציע. זיי באַווייזן בולט ווי ווייט די אַטמאָספער לגבי יידיש האָט זיך אין ישׂראל פאַר די לעצטע יאָרן געביטן צום בעסערן. ס'איז בלויז צום באַדויערן וואָס ס'זענען נאָך פאַראַן קרייזן, וועמען אַזאַ דערקלערונג פון אַ ישׂראל־מיניסטער קען גורם זיין עגמת נפש...

ס'איז אַ ווּנדער וואָס אונדזערע פריינד פון דער יידישיסטישער און בונדישער מחנה הייבן נישט אָן צו צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון זייער איינשטעלונג, זעענדיק ווי זיי שפּילן מיט איר אַריין אין די הענט פון אַזאַ אויסגעפּרוּווטן „אוהב־יידיש" ווי ס'איז אהרן וואַרגעליס. זענען זיי דאָך געוואָרן דער הויפּט־קוואַל פון אינפאָרמאַציע און אַרגומענטאַציע קעגן דעם קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישׂראל און קעגן דער געפּלאַנטער וועלט־קאָנפערענץ, פאַר זיין אַרטיקל אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פון נאָוועמבער 1974.

צי רופט דער פאַקט וואָס זיי געפינען זיך דאָסמאָל אין איין געמיינזאַמען פראָנט מיט אָט דעם עקלדיקן פאַרשוין, נישט אַרויס ביי זיי קיין געדאַנקען, אַז אפשר האָבן זיי אַ טעות אין זייער צוגאַנג און אָפּשאַצונג?

צי העלפט דאָס ליפערן אַרגומענטן דעם „צדיק" פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אונדזער געמיינזאַמען ציל צו שטאַרקן די יידישע קולטור?

איך האָב זיך שווער אַנטשידן אַנצושרייבן מיינע באַמערקונגען צו דער בייסיקער פּאָלעמיק אַרום דער וועלט־קאָנפערענץ. איך האָף, אַז די קאָנפערענץ קען זיין אַ היסטאָרישע געשעעניש און ווענדפּונקט לטובת דער יידישער קולטור. מען קען אָבער נישט גיין צו דעם וועלט־צוזאַמענטרעף אין ירושלים מיט פאַרכמורעטע פּנימער, מיט אַ פאַרויסיקן עגמת־נפש וואָס די זאַך וועט מצליח זיין.

קיין ירושלים דאַרף מען קומען מיט צוטרוי און ווילן אויפריכטיק צו קאָאָפּערירן. אַוודאי מעגן און אַוודאי דאַרפן זיין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן. מיר זענען אַ פרייע דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט. אָבער דער תּנאי פאַרן דערפאָלג פון דער קאָנפערענץ איז צו שאַפן אַ קלימאַט פון קעגנזייטיקן צוטרוי.

מען דאַרף גאַרנישט וועלן אַריינכאַפּן. דעריבער האָב איך פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן פאַר דער ירושלימער וועלט־קאָנפערענץ האָבן אַ פאָר־באַראַטונג, אויף וועלכער ס'זאָלן אויפריכטיק אויפגעקלערט ווערן די אַלע אויפגעשווומענע פראַגן און ס'זאָל דערגרייכט ווערן אַ פולע פאַרשטענדיקונג.

פעברואַר 1975

וועלט־קאָנפערענץ אין ירושלים פאַר דער יידישער קולטור

א

די צוגרייטונגען צו רעאַליזירן דעם באַשלוס וועגן דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור אין ירושלים זענען נישט קיין לייכטע און קיין גלאַטע. ווי באַוווּסט איז צום ערשט די קאָנפערענץ באַשטימט געוואָרן אויפן יאָר 1975, דער־נאָך איז זי אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אויגוסט 1976.

זאָל באַלד ביים אָנהייב באַטאָנט ווערן, אַז די איניציאַטיוו וועגן דער וועלט־קאָנפערענץ, וואָס איז געקומען פון קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישׂראל, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס אין פאַרשיידענע יידישע קולטור־קרייזן אין דער וועלט. עס זענען דערביי געשטעלט געוואָרן פאַרשיידענע זאַכלעכע פראַגן, אָבער ס'האָט זיך אויך געלאָזט הערן אַ טענדענציעזע קריטיק, אַ בייסיקע חשדנות וואָס שייך די אמתדיקע כּוונות פון די איניציאַטאָרן לגבי דער יידישער שפּראַך און קולטור.

ס'איז איצט נישט נייטיק באַנייס אַריינצוגיין אין אַ פּאָלעמיק וועגן דעם אַלעמען. פיל וויכטיקער איז אָנצומערקן די הויפּט־צילן פון דער וועלט־קאָנפע־רענץ און אַרומצורעדן די וועגן וואָס שפּרייטן זיך פאַר דער יידישער קולטור אין דער צוקונפט. לאָמיר דערביי אויך פעסטשטעלן, זייער אַלגעמיין, די באַדינגונגען אין וועלכע די דאָזיקע וועלט־קאָנפערענץ ווערט גערופן, פאַרגלייכנדיק זי מיט די באַדינגונגען פון דער יידישער קולטור אין אַ פריערדיקער תּקופה.

דאָס וואָס די וועלט־קאָנפערענץ ווערט גערופן אין יאָר 1976 אין ירושלים דורך שרייבערס און קולטור־עסקנים פון ביידע יידישע שפּראַך־מחנות, זאָגט עדות, אַז ס'איז רייף געוואָרן דער געדאַנק צו שטיצן די יידיש־קולטור וואָס גע־פינט זיך אין אַ שווערער פּאָזיציע. דערביי וואַרפט זיך אין די אויגן דער פאַקט וואָס להיפוך צו דער ערשטער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ אין יאָר 1908, איז די איצטיקע וועלט־קאָנפערענץ נישט קיין רעזולטאַט פון דער מחלוקה צווישן יידיש און עברית, פאַרקערט, זי ווערט אין אַ גרויסער מאָס צו־נויפגערופן ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אַלגעמיינער אָנערקענונג, אַז יידיש איז אַ גרויסער נאַציאָנאַלער קנין אינעם לעבן פון יידישן פאָלק און דאַרף געשטיצט און דערמוטיקט ווערן אין אַלע ערטער און אויף אַלע געביטן ווו זי קומט צום אויסדרוק.

די פּאָזיטיווע איינשטעלונג צו יידיש און דער פּלאַץ פון יידיש אין אונדזער לעבן און אין אונדזער מזרח־אייראָפּעישער געשיכטע זענען די מאָטיוון וואָס

דאַרפֿן ברענגען די ייִדישע שרייבערס און קולטור־מענטשן פֿון אַלע עקן וועלט, זיי זאָלן אין ירושלים שאַפֿן די אינסטרומענטן צו שטאַרקן די ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור, פֿאַרמערן און פֿאַרשפּרייטן די קולטור־שאַפֿונגען אין ייִדיש.

ב

דער קריזיס פֿון ייִדיש אין אונדזערע ציַיטן איז אַ רעזולטאַט פֿון דער אַלגעמיינער לאַגע אינעם ייִדישן לעבן פֿאַר די לעצטע 40—50 יאָר, עס זענען פֿיזיש פֿאַרניכטעט געוואָרן מיליאָנען מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, וועלכע זענען געווען די שעפּער און די געברויכער פֿון די ייִדיש־ווערטן. די צעבושעוועטע אַסימילאַציע האָט אויך נישט ווייניק שאָדן געבראַכט דעם מעמד פֿון ייִדיש, קודם־כּל אין די גלות־לענדער.

ליידער איז די אַסימילאַציע אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין אונדזער לעבן, אַז אַפֿילו די וואָס פֿרעדיקן וועגן אויפֿהאַלטן ייִדיש, רעדן אַליין נישט קיין ייִדיש, נאָר באַנוצן זיך אין די גלות־לענדער מיט לאָקאַלע שפּראַכן, אַפֿילו ווען זיי אַרבעטן אין ריין ייִדיש־אינסטיטוציעס. ווען ס'קומט די באַאַמטע אין די דאָזיקע אינסטיטוציעס אויס זיך צו באַנוצן מיט דער ייִדישער שפּראַך, ווערן זיי שטאַרק „הומאַניטאַר" און ווילן נישט „דערקוטשען" די צוהערערס, וועלכע קענען נישט גענוג ייִדיש און מען רעדט צו זיי וועגן דער וויכטיקייט פֿון ייִדיש אין דער לאַנד־שפּראַך. דאָס איז אפֿשר דער כאַראַקטעריסטישער סימן וואָס ווייזט ווי ווייט מיר האַלטן מיט דער ייִדישער שפּראַך: אַפֿילו אין סאַמע אַמעריקאַנער ייִדישן קדשי קדשים נוצט מען שוין אויך ווייניק ייִדיש און מען רעדט ענגליש. כ'מיין נישט צו טאַדלען עמעצן, כ'וויל בלויז אונטערשטרייכן אַז די שפּראַך־אַסימילאַציע איז אַריינגעדרונגען טיף, טיף אין די סאַמע אינטימסטע קרייזן פֿון דער ייִדיש־פֿעסטונג.

ג

די וועלט־קאָנפֿערענץ פֿאַר ייִדישער קולטור וועט דאַרפֿן מאַכן אַ סך הכּל פֿון די דערגרייכונגען פֿון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור פֿאַר די לעצטע צוויי דורות, אָנצייכענען זייער פּלאַץ אינעם קולטור־לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק און אין אונדזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. עס דאַרף פֿאַרענדיקט ווערן דאָס קאַפּיטל פֿון אַלטע חשבונות מיט די מחלוקתן צווישן העברעיִזם און ייִדישיזם. אַלע מאָטיוון וואָס זענען אפֿשר געווען גילטיק אין אָנהייב פֿון 20סטן יאָרהונדערט, זענען היינט, אין די 70ער יאָרן, שוין נישט מער אַקטועל. מיר שטייען היינט פֿאַר אַ גאָר נייער ייִדישער ווירקלעכקייט אין גלות און אין מדינת ישׂראל. נישטאָ היינט מער קיין אָרט פֿאַר אַ שפּראַכן־קאַמף. ס'מוז זיין קאָאָפּעראַציע און פֿאַרשטענדיקונג.

ייִדיש איז נישט קיין פֿרעמדע שפּראַך ביי ייִדן און זי דאַרף זיך נישט פֿילן נעבעכדיק אָדער מינדערוויכטיק. איצט, אין יאָר 1975, וועט אַ וואַרעמע באַציִונג

צו ייִדיש מצד דער העברעיִשער מחנה קענען, אָן ספק, ברענגען פֿיל נוצן און שטאַרקן די חובבי ייִדיש. אויב העברעיִש איז אין די לעצטע 50 יאָר אַרויס אַ זי־גערין אין איר שפּראַכלעכן און אידעיִשן קאַמף, בעיקר אין ישראל און אויך טייל־ווייז אין גלות, טאָרן אָבער די עברית־אָנהענגערס נישט זיין קיין קעגנערס פֿון ייִדיש. ייִדיש איז נישט מער קיין קאָנקורענט. ייִדיש קען זייער פֿיל צוהעלפֿן ביים שאַפֿן אַ גוטן ייִדיש־נאַציאָנאַלן גרונט אין די גלות־לענדער.

ייִדיש איז אַ וויכטיקע כּלי אין וועלכער עס זענען איינגעזאַמלט אונדזערע קולטור־גייסטיקע ווערטן, און ווי אַזאַ דאַרף מען זי שאַצן.

מיט אַ צוויי־דריי דורות צוריק איז ייִדיש, אין געוויסע קרייזן, נאָך באַ־טראַכט געוואָרן ווי אַ זשאַרגאָן. אין אָנהייב פֿון היינטיקן יאָרהונדערט איז נאָך געפֿירט געוואָרן אַ שווערער געראַנגל פֿאַר אָנערקענען ייִדיש אַלס קולטורעלע, אַנטוויקלטע שפּראַך. מען האָט נאָך דעמאָלט פֿיל געזאָרגט וועגן פֿיקסירן פֿאַר ייִדיש אַן ענדגילטיקע גראַמאַטיק און אָרטאָגראַפֿיע, וועגן איבערזעצן אין ייִדיש וויכטיקע ווערק פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. זינט דעמאָלט איז אויף די געביטן פֿון דער שפּראַך און פֿון דער ליטעראַטור זייער אַ סך דערגרייכט געוואָרן. די גראַמאַטיק פֿון דער שפּראַך איז פֿעסטגעשטעלט, זי האָט באַקומען פֿעסטע אָר־טאָגראַפֿישע תּקנות. די ייִדישע ליטעראַטור האָט צו פֿאַרצייכענען גאָר גרויסע דערגרייכונגען אין פּאָעזיע און אין פּראָזע. די שפּראַך גופֿא איז קאָלאָסאַל באַ־רייכערט און פֿאַרפֿיינערט געוואָרן.

ס'איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז ווען שלום אַש האָט אויף דער טשער־נאָוויצער קאָנפֿערענץ פֿאָרגעשלאָגן איבערצוזעצן דעם תּנ"ך אויף ייִדיש, האָט מען זיך באַצויגן צו דעם מיט צוריקגעהאַלטנקייט און אַפֿילו מיט אַ מין זילזול, הגם שוין דעמאָלט זענען געמאַכט געוואָרן ערנסטע פּרוּוון אין דער ריכטונג. ס'זענען אָבער אַריבער נישט קיין סך יאָרן און ס'איז געקומען די וווּנדערלעכע תּנ"ך־איבערזעצונג פֿון יהואָש וואָס איז געווען דער בעסטער באַווייז וועגן דער גרויסער וויטאַליטעט פֿון דער ייִדישער שפּראַך. ס'זענען פֿאַרשוווּנדן אַלע ספֿיקות וועגן דער ליטעראַרישער רייכקייט פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. די פּלעיאַדע גרויסע שרייבערס וועלכע זענען דערשינען אין דער ייִדישער שפּראַך אין דער ערשטער העלפֿט פֿון אונדזער יאָרהונדערט, האָבן דערהויבן די ייִדישע ליטעראַטור צום ראַנג פֿון אַ גרויסער גייסטיקער שאַפֿונג. גראַד אין דער צייט ווען די חורבן־שווערד איז שוין געהאַנגען איבער די קעפּ פֿון די אייראָפּעיִשע ייִדן, האָט די ליטעראַרישע שאַפֿונג אין ייִדיש דערגרייכט אירע העכסטע הייכן מיט איר טיפֿן אינהאַלט און שלימותדיקע אויסדרוק־פֿאָרמען.

סוף 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט האָבן די קלאַסיקערס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור: מענדעלע, שלום־עליכם און י. ל. פּרץ נישט נאָר געשאַפֿן גרויסע ווערק, נאָר זיי האָבן אויך אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג פֿאַר אַ גאַנצער פּלעיאַדע גרויסע און וויכטיקע שרייבערס, וועלכע האָבן ווייטער געשמידט די

גאָלדענע קייט פון די אָנהייבער. די קלאַסיקערס, וועלכע האָבן געשאַפן אין ביידע שפּראַכן, העברעיִש און יידיש, האָבן דערצויגן אַ המשך־דור מיט שרייבערס ווי שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, דוד פּינסקי, י. מ. ווייסענבערג און פיל אַנדערע וואָס האָבן אויסגעברייטערט און פאַרטיפערט די יידישע ליטעראַטור; ס׳האָט גענומען וויניקער ווי צוויי דורות און די יידישע ליטעראַטור האָט צעשפּרייט אירע פליג־לען און וואָגיקע ווערק פון טאַלאַנטפולע שרייבערס און דיכטערס האָבן באַ־רייכערט און פאַרטיפט דאָס יידישע קולטור־לעבן און צוגעטראָגן אַ גאַר וויכטיקן צושטייער צום אָנגעזעענעם דורותדיקן קולטור־צענטער פון אונדזער פאָלק.

נישט דאָ איז דער פּלאַץ אָפּצושטעלן זיך אויספירלעכער אויף די פאַרשיי־דענע שטראָמען און טענדענצן אין דער יידישער ליטעראַטור. מיין כוונה איז נאָר צו באַמערקן, אַז זינט די דריי קלאַסיקערס (מענדעלע, שלום־עליכם און י. ל. פּרץ) האָט די יידישע שאַפונג געמאַכט אַ ריזיקן פאַרשריט און קען פאַרשריבן ווערן ווי די גאָלדענע ליטעראַרישע תקופה. מיר וועלן דאָ נישט אויסרעכענען קיין נעמען פון די גרויסע און קלענערע שעפערס אויף אַלע געביטן און אין אַלע זשאַנערן פון ליטעראַרישער יצירה. גענוג צו דערמאָנען, אַז זיי ציילן זיך אין אַ סך צענדליקער און אפשר אַפילו אין די הונדערטער אין אַלע גרעסערע — און אויך קלענערע — יידישע קיבוצים אין דער וועלט, אין אייראָפּע, אין די אַמע־ריקעס, אין ארץ ישׂראל ביזן ווייטן אויסטראַליע, אונטער אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע רעזשימען אונטער וועלכע יידן האָבן געוווינט, אַריינגערעכנט דעם ראַטנפאַרבאַנד ביז די אַכזריותדיקע האַק פון תליון האָט דעם דאָרטיקן שעפע־רישן צענטער פאַרניכטעט. דערצו דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן די גרויסע צאָל וויכטיקע פאָרשערס פון דער יידישער שפּראַך און יידישן פאָלקלאָר, ליטעראַ־טור־קריטיקערס, פּובליציסטן, רעדאַקטאָרן וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט אַ ברייט־פאַרצווייגטער יידישער פּרעסע, גרויסע יידישע שוישפּילערס, רעזשיסאָרן און מאָ־לערס, וועלכע האָבן דערגרייכט די העכסטע שטופע פון יידישער קונסט און טעאַטער. אַזוי קענען מיר ממשיך זיין וועגן דער פאַרצווייגטקייט פון דער שאַ־פונג אויף אַלע געביטן פון יידישן קולטור־לעבן.

אָט די יידיש־שאַפונג איז נישט געווען קיין קול קורא במדבר. זי האָט זיך אויסגעווירקט זייער טיף אויף די יידישע מאַסן, בעיקר אין מזרח־אייראָפּע און אַמעריקע, זי האָט זיך איינגעפונדעוועט אינעם לעבן פון יידישן פאָלק און האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אויספאָרמירונג פון די פאַרשיידענע שטרע־מונגען און שטרעבונגען אין דער יידישער נאַציאָנאַלער באַפרייונג־באַוועגונג.

פאַראַלעל צו די צוויי באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס — דעם ציוניזם און בונדיזם — האָבן זיך אויך געשאַפן די שטראָמען פון העברעיִזם און יידישיזם, וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק באַקעמפט, אַנשטאָט צו זוכן וועגן און מיטלען צו אַנטוויקלען אַ קאָאָפּעראַציע צווישן ביידע שפּראַכן. אמת איז אַז די שיבת־ציון־באַוועגונג האָט זינט איר אַנטשטיין פּראָקלאַמירט די פּריאָריטעט פון עברית. ס׳איז

אָבער געווען אַ פֿעלער מצד גרויסע טיילן פֿון חובבי ייִדיש, וואָס האָבן נישט פֿאַרשטאַנען דעם היסטאָרישן פּראָצעס און האָבן מחמת זייער ליבשאַפֿט צו דער שפּראַך פֿון די פֿאָלקסמאַסן מאַניפֿעסטירט אַ קעגנערשאַפֿט צו דער נאַציאָנאַלער באַפֿרייונגס־באַוועגונג און אַזוי אַרום אַוועקגעשטעלט ייִדיש ווי אַ קעגנזאַץ צו די נאַציאָנאַלע טענדענצן פֿון ייִדישן פֿאָלק. אמת איז, אַז די טענדענץ איז געווען אין דער מינדערהייט צווישן די ייִדיש־רעדנדיקע, אָבער די קעמפֿערישע האַלטונג פֿון דער דאָזיקער מינדערהייט האָט געשאַפֿן דעם איינדרוק, אַז דאָס איז די שטעלונג פֿון דער גאַנצער ייִדיש־מחנה.

ביי אַזאַ לאַגע האָט אויך דער העברעיִזם זיך פֿאַרפֿאַנצערט אין אַ שטרענג־קעגנערישער שטעלונג צו ייִדיש. ציוניזם ווי אַזאַ איז נישט געווען פּרינציפּיעל קעגן ייִדיש. בלויז עקסטרעמיסטן האָבן באַקעמפֿט ייִדיש. פֿיל פֿון די פּראָמינענטע ציוניסטישע מנהיגים האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף נישט פֿירן קיין שפּראַכן־קאַמף און האָבן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פֿון ייִדיש פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק און אַפֿילו פֿאַרן ציוניזם גופֿא.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך דעם ווי ס׳איז אויסגעראָטן געוואָרן, ספּעציעל אין מזרח־אייראָפּע, דער הויפּט־מקור פֿון ייִדיש, איז אַנזעעוודיק געוואָרן די אַנאַכראָנישקייט פֿון שפּראַכן־קאַמף אויף דער ייִדישער גאַס. די ערד־ציטער־ניש האָט מיט איר פֿייער־לאַווע נישט נאָר פֿאַרברענט אַ דריטל פֿון אונדזער פֿאָלק, נאָר האָט אויך פֿאַרניכט גרויסע טיילן פֿון די ייִדיש־קולטור־פֿעלדער און אַ בייע ווירקלעכקייט איז אויפֿגעקומען.

דאָס אַנטשטיין פֿון דער מדינה, וואָס איז געקומען נישט ווייניק אַלס רעזולטאַט פֿון אָט דער פֿאָלקישער ערד־ציטערניש, האָט פֿאַרשנעלערט דעם פּראָצעס פֿון בויען דעם צענטער פֿון ייִדישן לעבן אין ישׂראל. מען מוז אָבער צוגעבן אַז לגבי דעם שפּראַכן־קאַמף איז קיין ענדערונג נישט פֿאָרגעקומען.

אין דער ישׂראל־געזעלשאַפֿט איז מיט דער צייט פֿאָרגעקומען אַן ענדערונג און עס פֿילט זיך אַ געמעסיקטע האַלטונג לגבי דער ייִדישער שפּראַך און איר שאַפֿונג. דער געדאַנק אַז ייִדיש איז אַ וויכטיקער, פּאָזיטיווער און נאַציאָנאַלער ווערט, אַז דאָס פֿירן דעם קאַמף קעגן ייִדיש און איר אָפּשוואַכונג איז אויך אַ גרויסער פֿאַרלוסט פֿאַר דער העברעיִשער קולטור דרינגט אַלץ מער און מער אַריין אין די ערנסטע קרייזן פֿון לאַנד. דאָס הייסט נאָך אָבער נישט אַז עס זענען שוין בכלל נישט פֿאַראַן קיין קעגנערישע, אַנטי־ייִדיש קרייזן, אָבער דאָס איז נישט די שטימונג און האַלטונג פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג אין ישׂראל. די מערהייט אַנערקענט אַז ייִדיש און העברעיִש קענען צווישן זיך קאָאָפּערירן און נישט נאָר אויספֿילן שפּראַכלעכע פֿונקציעס, נאָר אויך פֿיל ביישטייערן צו די אייגנאַרטיקע גייסטיקע אייגנשאַפֿטן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק.

דאָ ליגן טאַקע די קערנדלעך פֿון דער נייער באַטראַכטונג אין ישׂראל לגבי דער ייִדישער שאַפֿונג.

ד

וי האַלטן מיר מיט דער ייִדיש־קולטור אין יאָר 1975 ?

ס'איז שווער אויסצוטיילן די ייִדיש־קולטור פון דער אַלגעמיינער ייִדישער קולטור און פונעם גייסטיקן לעבן פון ייִדישן פאָלק אויף דער וועלט. דער ייִדישער לעבנס־נוסח פון מזרח־אייראָפּע, ווי מיר האָבן אים געקענט, ווערט פולשטענדיק אַטראָפּירט, אויסגעליידיקט פון גייסטיקן אינהאַלט און אַסימילירט זיך אין דער אַרומיקער סביבה. קוקט זיך צו נעענטער צום ייִדישן לעבן אין גלות, וועט איר באַמערקן דעם גרויסן קריזיס פון דער ייִדישער ציוויליזאַציע, וועלכע האָט ערשט מיט עטלעכע צענדליק יאָר פריִער אַזוי לעבהאַפטיק פולסירט און געהאַט אַזאַ טיפע השפעה אויפן גאַנצן פאָלק.

היינט, אין די 70ער יאָרן, איז דאָס ייִדיש־לעבן אויפן שייד־וועג. ס'ווייזט זיך אַלץ מער און מער אַרויס אַז מיט אונדזער עמאַנציפּאַציע, מיטן אַריינדרינגען אין דער ציוויליזירטער נישט־ייִדישער וועלט, האָבן מיר אַלס ייִדן, אַלס ייִדישער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר פאַרלוירן אונדזער קאַמפּס־פעיִקייט. מיר זענען שוואַך אין באַצוג צו דער אַרומיקער קולטור. אמת, יחידים, דורך זייערע פערזענלעכע פעיִקייטן, דערגרייכן דאָ און דאָרט אין דער פרייער וועלט צו גאָר הויכע שטופּעס, אָבער די רעזולטאַטן פונעם ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן אַלס גאַנצן — זענען שווערע און באַדראָענדיקע. מען דאַרף אויך צוגעבן, אַז פּונקט ווי ייִדיש געפינט זיך אין דעפּרעסיע אין די גלות לענדער, אַזוי איז אויך, אין אַ גרויסער מאָס, די לאַגע פון עברית אין דער ייִדישער צעשפּרייטונג.

די תשובה אויף דער פראַגע: ווי האַלטן מיר מיט דער ייִדיש־קולטור אין יאָר 1975 — איז אַז זי געפינט זיך אין אַ דראָענדיקער דעפּענסיווע אויף פיל פראָנטן.

מיין כּוונה איז דאָ נישט צו געבן קיין אויספירלעכן באַריכט, נאָר צו מאַכן אייניקע אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן דער לאַגע פון ייִדיש אין גלות און אין ישׂראל.

א י ן ג ל ו ת: צוליב דער אויבנדערמאָנטער לאַגע נוצט מען זיך אַלץ ווייניקער און ווייניקער מיט ייִדיש ווי מיט אַ פאַרבינדונג־שפּראַך. ייִדיש ווערט אַלץ ווייניקער געברויכט אַפילו אין פּריוואַטן לעבן, שוין אָפּגערעדט אין די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. אויך די וואָס קענען ייִדיש און האָבן ליב ייִדיש — נוצן זיך מיט דער לאַנד־שפּראַך. דאָס ברענגט דערצו אַז פיל וויכטיקע אינסטרומענטן פון דער ייִדיש־קולטור ווערן אָפּגעשוואַכט און צווייטראַנגיק, טראָץ דעם וואָס עס איז נאָך ביז היינט פאַראַן אַ וויכטיקער יש פון דער ייִדיש־קולטור אין אייניקע שליסל־פּאָזיציעס. דעריבער, אַנשטאָט צו קרעכצן און פאַרגיסן טרערן אויף דער „אויסגעגאָסענער מילך", דאַרף מען נעמען זוכן מיטלען ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די לאַגע אויף די דאָזיקע געביטן, ווו עס קען עפּעס פאַרבעסערט ווערן.

אָט נעמט, למשל, דעם געביט פֿון ערנסטן ייִדישן טעאַטער, וועלכער האָט אויסגעפּילט אַן ערשט־ראַנגיקע ראָל אין דער נאַציאָנאַלער דערציִונג פֿון ייִדישן פֿאָלק. היינט זענען פֿאַראַן, דאָ און דאָרט, „טרופּעס", נישט שטענדיק פֿון וויכ־טיקער קוואַליטעט. שטעלט זיך טאַקע די הארבע פֿראַגע: פֿאַר וואָס זאָל נישט געגרינדעט ווערן אַן ערשט־ראַנגיק ייִדיש קונסט־טעאַטער, וועלכער זאָל אַרומ־פֿאָרן איבער די וויכטיקסטע ייִדישע צענטערן? עס דאַרף אונדז נישט אַנטוישן דאָס וואָס מען האָט עפּעס אָנגעהויבן אויף דעם געביט אין ישׂראל און ס'איז נישט געלונגען. דאָס איז נישט דערפֿאַר וואָס די אידעע איז געווען אַ שלעכטע, נאָר ווייזט אויס, אַז איר רעאַליזירונג האָט זיך געפֿונען אין נישט קיין ריכטיקע הענט. טראָץ דעם קריזיס אין ייִדישן טעאַטער — קען מען נאָך געפֿינען אַן ערנ־סטע גרופּע קינסטלערס וועלכע זאָלן זיין דער יסוד פֿון אַ קינסטלערישן טעאַטער.

אַ צווייטער לעבנס־וויכטיקער געביט אויפֿצוהאַלטן ייִדיש איז, אָן ספֿק, די ייִדישע פּרעסע. די ייִדישע פּרעסע לעבט איבער אין די לעצטע צען יאָר אַ טיפֿן קריזיס וועלכער רירט ממש אָן די צענטראַלע וואָרצלען פֿון איר עקסיסטענץ. גענוג צו דערמאָנען, אַז מיר האָבן לעצטנס פֿאַרלוירן אַזעלכע וויכטיקע פּאָזי־ציעס ווי דעם ניו־יאָרקער „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", די בוענאָס־איירעסער „ייִדישע צייטונג" און ס'הערט זיך אַ דראָענדיקע שמועה, אַז אויך דער „פֿאָרווערטס" איז אין געפֿאַר אויב מען וועט זיך נישט מאָביליזירן אים צו העלפֿן און ראַטעווען. שוין אָפּגערעדט פֿון די פֿאַרשיידענע קלענערע צייטונגען, וועלכע פֿאַרשווינדן ממש און מען הערט זייער קרעכץ. זאָלן מיר משלים זיין דערמיט? אָדער זאָל מען זיך אויף אַ געזעלשאַפֿטלעכן אופֿן באַראָטן ווי אַזוי צו פֿאַרזיכערן אַז, איבערהויפּט אין די גרעסערע ייִדישע צענטערן, זאָלן קענען דערשיינען אַ צאָל טאָג־צייטונגען, וואָכנשריפֿטן און דערצו זאָל אויך פֿאַרזיכערט ווערן זייער ערנס־טער ניווֹאָ. מען דאַרף אויך טראַכטן וועגן דעם, אַז די צייטונגען זאָלן נישט בלייבן אין פּריוואַטן באַזיץ, ווייל אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן קען דער בעל הבית באַשליסן אַז עס לוינט אים נישט אַרויסצוגעבן די צייטונג, ווי עס איז שוין איין מאָל געשען. איך האַלט אַז מען טאָר נישט וואַרטן ביז די צייטונגען וועלן פֿאַלן, נאָר ס'מוז אויסגעאַרבעט ווערן אַ געניויער פּלאַן ווי אַזוי זיי צו ראַטעווען.

אַ מער קאָמפּליצירטע פֿראַגע איז דאָס ייִדישע שולוועזן און די לאַגע פֿון ייִדיש אין די עקסיסטירנדיקע ייִדישע שולן אין פֿאַרשיידענע לענדער. אין יאָר 1975 ווערט ייִדיש געלערנט נאָר אין טייל לענדער (אויב כ'בין מיך נישט טועה איז אין די פֿאָלגנדיקע לענדער: אַרגענטינע, מעקסיקאָ, אורוגווייַ, קאַנאַדע [דריי שטעט], אויסטראַליע, דרום־אַפֿריקע און אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן). אין רוב פֿון די דאָזיקע לענדער וווּ מען לערנט אין די שולן ייִדיש — לערנט מען אויך העברעיִש, אַזוי אַרום אַז דער רוב זענען העברעיִש־ייִדישע שולן. די טענדענץ איז נישט צו פֿאַרגרעסערן די צאָל שעהען פֿון ייִדיש לערנען, מען דאַרף לערנען עפּעס פֿונעם קריזיס אין ייִדישן שולוועזן, אַז אין די לעצטע 10—15 יאָר ווילן

די עלטערן, אַז די קינדער זאָלן גלייכצייטיק מיט יידיש אויך באַקומען אַ קענטעניש פון עברית. איך גלייב אַז מען קען לערנען דערפון, אַז די באַגעגעניש פון יידיש און עברית אין די שולן איז אַ געבענטשטע, ווייל אין די אויסשליסלעך יידיש־שולן איז די צאָל קינדער אַ באַגרענעצטע, דאַקעגן דאָס צונויפּפּאָרן יידיש און עברית וועט זיין אַ ברכה פאַר די קינדער. מדינת ישׂראל און די באַציִונג פון יידישן פאָלק צו מדינת ישׂראל האָט פּסיכאָלאָגיש אַן אַנטשיידנדיקע ראָל, דאַרף די שותּפות אין די שולן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַקטועלן ציל פון דער יידישער מחנה.

אַגב, נישט ווייניק דרינגענדיק און שאַרף ווערט לעצטנס די פראַגע פון לערערס פאַר יידיש. דער באַגאַבטער דור פון לערערס און לערערינס פון מזרח־אייראָפּע ווערט אַלץ וויינקער און ווייניקער, און קאַנדידאַטן פונעם יונגן דור פאַר די סעמינאַרן פון לערערס — איז אַוודאי זייער ווייניק, ווייל דעם איצטיקן יונגן מענטש ציט נישט אין די לערער־סעמינאַרן און דערצו נאָך אַלס לערער פון יידיש. קומט טאַקע דאָ די מסקנה, אַז אויב מען וויל צוגרייטן ערנסטע קרייזן פון יונגע לערערס — דאַרף מען זיי גרייטן סיי פאַר יידיש און סיי פאַר עברית, ווייל נאָר אַזוי וועט מען קענען צוציִען קאַנדידאַטן. פאַרשטענדלעך, אויב ס'זענען פאַראַן סעמינאַרן וואָס האָבן געענוג שילערס און שולן צו לערנען נאָר יידיש — זענען זיי פריי צו לערנען נאָר יידיש. מען דאַרף אָבער קוקן מיט ניכטערע אויגן: ווילן מיר פאַרשפּרייטן צווישן דעם יונגן דור יידיש — וועט דאָס געמאַכט ווערן מיט מער דערפאָלג בשותּפות מיט עברית. כ'גיי נאָך ווייטער, אין די אַלע לענדער און אין די אַלע שולן ווו מען לערנט עברית און יידיש (און דאָס איז דער רוב), וועלכע זענען פאַרבונדן מיטן חינוך־דעפּאַרטאַמענט פון דער יידישער אַגענץ, דערמוטיקן און אַנטוויקלען דאָס יידיש לערנען אין די שולן. ס'איז אַ חוב פון דער יידישער אַגענץ אַזאַ אָפּטיילונג צו גרינדן און האָבן ביי זיך אַ קליינעם ראַט אַרומצורעדן און אויסצופאָרשן די לויפנדיקע פּראָבלעמען פון יידיש אין די שולן. כ'ווייס אַז מיט מיין פאָרשלאָג קען זיך נאָך, חס ושלום, אָנצינדן אַ נייע מחלוקת, וואָרום פאַראַן קרייזן וועלכע וועלן זען אין אַ ספּעציעלער יידיש־אָפּטיילונג ביי דער אַגענץ אַ מין פּרווו צו באַאיינפלוסן דאָס יידיש לערנען אין די שולן. איז כּדי צו באַרויִקן אָט די אַלע וויל איך צוגעבן אַז די שולן וואָס וועלן זיין קעגן דעם צו באַקומען אַזאַ הילף, וועלן זיך פון איר קענען אָפּזאָגן, ווייל די אָנגעהעריקייט צו דער דערמאָנטער אָפּטיילונג דאַרף זיין אַ פרייוויליקע. ווער ס'וועט נישט וועלן — זאָל בלייבן אין דרויסן. עס דאַרף דאָ נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז יעדע שול באַזונדער קען נישט זאָרגן פאַר אַן ערנסטן סילאַבוס פאַר יידיש אין די שולן, פאַר באַזאָרגן מיט לערנביכער די שילערס און דאָס איז אַן ערנסטע פראַגע, ווייל אָן אַן ערנסטן פּעדאַגאָגישן ראַט קען מען אַזאַ זאַך נישט צוגרייטן.

כ'וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויפן יידישן בוך. אַלע ווייסן אַז די גרעסטע צאָל

יידיש־פאַרלאַגן זענען געשלאָסן אין די גלות לענדער, אויסער דעם „ציקאָ" קול־טור־קאָנגרעס־פאַרלאַג אין ניו־יאָרק, און דער פאַרלאַג וואָס גיט אַרויס די "מוס־טער ווערק" פון דער יידישער ליטעראַטור אין בוענאָס איירעס — איז כמעט נישט פאַראַן קיין רעגלמעסיקע פאַרלעגער. דאָ און דאַרט דערשיינט אַ בוך. דאָס נעמט נישט אַריין ישראל ווו ס'זענען פאַראַן נאָך 3 פאַרלאַגן (י. ל. פרץ, מנורה און ישראל־בוך). ווען ס'דערשיינט שוין אַ בוך, און פיל מאָל אַ גוט בוך — איז נישטאָ ווער ס'זאָל עס פאַרקויפן. מוז מען די דאָזיקע פראַגע לייזן און זען אין דעם אַ וויכטיקע קולטור אַרבעט, נישט ווייניקער וויכטיק ווי דאָס עצם אָפּ־דרוקן דאָס בוך. ווייל וואָס פאַר אַ זין האָט עס, אַז די גרעסטע צאָל אָפּגעדרוקטע יידישע ביכער געפינען זייער רו אין „ליטעראַרישע קעלערס". דער קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל האָט גענומען, צווישן אַנדערן, אַ גוטע איני־ציאַטיוו צו גרינדן אַ „ביכער־קלוב", וועמענס אויפגאַבע איז צו פאַרשפרייטן דעם גוטן יידישן בוך. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, ווען מען וואָלט זיך גענומען ערנסט צו דעם פראָבלעם פון ברענגען דאָס יידישע בוך אין די יידישע הייזער — וואָלט מען נאָך אויך היינט געפונען טויזנטער יידיש־לייענערס וואָס וואָלטן גאַנץ גערן זיך איינגעהאַנדלט אַ יידיש בוך.

פאַכמענער האָבן מיר געזאָגט, אַז יעדעס יאָר דערשיינען אומגעפער אַ 50—60 ערנסטע ביכער אין יידיש, אין ישראל און אין די תפוצות. דאַקעגן זענען פאַראַן מער ווי אַ 10—12 טויזנט פּאָטענציעלע קויפערס פון אַ יידישן בוך אויף דער וועלט, אַזוי אַז דורך אַן ערנסטער אַקציע קען מען צוקומען צו דער מערהייט. וויל איך זיין אַ מינימאַליסט און זאָגן, אַז נאָר עטלעכע טויזנט קויפערס קענען מאָביליזירט ווערן אין דער וועלט פאַר אַ גוטן יידישן בוך. אויב מען זאָל די זאַך גוט און ערנסט צוגרייטן — קען מען פאַרשפרייטן אַ 700—800 ביכער אין יעדן לאַנד און אַזוי אַרום וועט מען אין אַ גרויסער מאָס קענען סאַנירן די פראַגע פון יידישן בוך.

כ'האָב זיך דערלויבט אָפּצוגייגן פון אַבסטראַקטע אַספּעקטן פון די יידישע קולטור־פּראָבלעמען און אָנמערקן איניקע פּראַקטישע שריט, וואָס דאַרפן געטאָן ווערן. מען דאַרף זיך נישט באַגרענעצן נאָר צו פּרינציפּן פון וועלכע איך האַלט שטאַרק, אָבער אָן טאָטן, אָן אַ זאַכלעכער אַרבעט וועט גאָרנישט אויפגעטאָן ווערן אויפן פראָנט פון יידיש־קולטור. איך האַלט, אַז נאָר די שותפות פון אַ פּרינציפּיעלער שטעלונג מיט קאָנקרעטע אויפטוען קען אַרויסרופן אַן ערנסטן אינ־טערעס ביי די וועלכע שטייען פעסט אויפן באָדן פון יידיש.

ה

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז יידיש אין מדינת ישראל. כ'וויל אַ ביסל אויס־פירלעכער זיך אָפּשטעלן דערויף, ווייל פיל פון אונדזערע אָפּאָנענטן האַלטן אַז

„מען וויל פאַרשווייגן דעם ענין פון ייִדיש אין ישׂראל" און דאָס איז קעגן דעם ווילן צו שטאַרקן ייִדיש.

ווי איך האָב שוין פריִער באַמערקט איז לעצטנס פאַראַן אַ פאַרבעסערטער קלימאַט אין ישׂראל לגבי ייִדיש. די שאַרפע קעגנערשאַפט צו ייִדיש איז אין אַ גאַר גרויסער מאָס אָפּגעשוואַכט געוואָרן מיט דער אַנטשטייונג פון מדינת ישׂראל. די ערשטע סימנים דערצו זענען געווען די גרינדונג אין יאָר 1949 פון „די גאָלדענע קייט", אונטער דער רעדאַקציע פון אַברהם סוצקעווער, ווי אויך די גרינדונג פון דער קאַטעדרע פאַר ייִדיש ביי דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, אין יאָר 1951. דאָס זענען געווען די ערשטע וויכטיקע אויסדרוקן פון אַ געענדערטער שטימונג לגבי ייִדיש. יוסף שפּרינצאַק, פון די פּראָמינענטע פיגורן פון ישוב און פון דער הסתּדרות העובדים, וואָס איז געווען צווישן די הויפּט־איניציאַטאָרס פון „די גאָלדענע קייט", האָט בולט אונטערגעשטראָכן, אַז עס דאַרף נעמען אַן עק צו דער מחלוקת צווישן ייִדיש און עברית און מען דאַרף אָפּשאַצן די גרויסע ווערטן פון דער ייִדיש־קולטור. אַוודאי האָבן די איינציקע ביישפּילן אין די אָנהייב 50ער יאָרן נאָך נישט געבראַכט קיין פרילינג, אָבער ווער עס רעזומירט דאָס וואָס עס איז געשען די לעצטע 25 יאָר (1950—1975) אין מדינת ישׂראל, קען אָן שום איבערטרייבונג פאַרצייכענען אַ גאַר גרויסן פאָרשריט פאַר ייִדיש וואָס מען זעט כּמעט נישט אין קיין שום גלות־לאַנד.

אַוודאי זענען נאָך פאַראַן גערעכטע טענות צו וועלכע מען דאַרף זיך צוהערן און ס'איז דער חוב פון די ייִדיש־טרייע צו קעמפן דערפאַר אַז די עוולות זאָלן פאַרריכט ווערן. ס'זענען אָבער פאַראַן עקסטרעמע קרייזן, וואָס ווילן יוצא זיין פאַר זיך מיט זייער פּאַטעטישן ייִדיש־געוויסן און זיי בויען גאַנצע שטאָקן פון טענות אויף דער לאַגע פון ייִדיש אין מדינת ישׂראל. ווער ס'מיינט אַז מען קען אויסנוצן די מדינה־מאַכט, כּדי צו מאַכן פאַרפליכטנדיק ייִדיש אין שולוועזן, שעדיקט מער ייִדיש ווי ער איז מקדים ייִדיש. ס'איז נישט קיין סוד, אַז דער רוב פון דער ישׂראל באַפעלקערונג באַשטייט פון ספרדישע און אַנדערע מזרח־עדות. מיט דער פאָדערונג צו מאַכן פאַרפליכטנדיק ייִדיש וועלן מיר זיך אַנשטויסן אויף אַ וואַנט פון קעגנערשאַפט און דאָס וועט נאָר צערייצן די געמיטער. דאַקעגן איז פאַראַן אַ לענגערער וועג, אַ שווערערער, אָבער רעאַליסטישער, אַ וועג וואָס מען קען זיכערער דערגרייכן. ווען אַ טייל פון דעם אַשכּנזישן שבט זאָל וועלן, אַז די קינדער זייערע זאָלן לערנען ייִדיש אין די שולן, דאַרף דאָס בפירוש געפאָדערט ווערן לויטן סטאַטוס פון די ישׂראל־שולן, לויט וועלכן ס'איז פאַרפליכטנדיק צו לערנען ייִדיש ווען אַ געוויסע צאָל שילערס פאָדערט עס. ס'איז שוין פאַראַן אַ גוטער ביישפּיל אין ישׂראל — די קלאַסן אין ייִדיש אין קרית־חיים. פאַר וואָס זאָל זיין אין ישׂראל נאָר איין קרית־חיים און נישט אַ 10 אָדער 20 ? דאָס ליגט אין די הענט פון די חובבי ייִדיש און דאָס קען מען נישט אָפּקומען בלויז מיט אַ טעאָרעטישער פאָדערונג.

מען קאָן אויך דערגרייכן דאָס לערנען ייִדיש אין די מיטלשולן דורך דעם וואָס ייִדיש זאָל לכתחילה אָנערקענט ווערן ווי איינע פֿון די צוויי אָדער דריי אַלטערנאַטיוו־שפּראַכן, בעיקר אין די הויכע קלאַסן, צוגלייך מיט ענגליש און אַראַביש. אין דעם זין דאַרפֿן געמאַכט ווערן די מאַקסימאַלסטע אָנשטרענגונגען.

ס׳איז אָן ספֿק אַ פּעלערהאַפֿטער צוגאַנג צו גלייבן, אַז די לאַגע פֿון ייִדיש איז אָפּהענגיק פֿון דעם, אויב מען וועט איר תּיכּף פֿאַרזיכערן אַ צענטראַלן פּלאַץ אינעם עפֿנטלעכן, אָפֿיציעלן לעבן אין דער ישׂראל־געזעלשאַפֿט. איך מיין אַז אויב ייִדיש וועט זיך פֿריִער נישט איינפֿעדעמען אין אַ פֿאַרצווייגטער טעטיקייט אין פּריוואַטן סעקטאָר — וועלן מיר קיין מאָל נישט דערגרייכן מיט ייִדיש צום עפֿנטלעכן סעקטאָר. אויב מיר וועלן מצליח זיין אַריינצוברענגען אַ סך איכות און כּמות אין פּריוואַטן סעקטאָר פֿון ייִדיש אין ישׂראל וועט עס האָבן אַ ווירק־זאַמען אָפּקלאַנג אין פֿיל קרייזן אויסער דעם ייִדיש־תּחום. וואָלטן מיר, למשל, געגרינדעט אין ישׂראל אַן ערנסטע קונסט־בינע (און טאַקע קאָנצענטרירן אין איר עטלעכע פֿון די בעסטע ייִדישע אַקטיאָרן), וואָלט עס נישט געבליבן נאָר אין אַן ענגן תּחום פֿון ייִדיש רעדנדיקע. פֿאַראַן אַן אָנהייב, אמת אַ באַשיידענער, אין דער ראַדיאָ און טעלעוויזיע, ווו מען האָט לעצטנס אָנגעהויבן אַריינפֿירן, דער־ווייל זייער באַשיידענע פּראָגראַמען מיט אייניקע ייִדישע קינסטלערס. דער אָנ־הייב האָט געהאַט אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג נישט נאָר צווישן די חובֿבֿי ייִדיש, נאָר אויך די סאַבּרעס האָבן דאָס ערשטע מאָל „דערקענט" די אייגנאַרטיקייט פֿון דער ייִדיש־קולטור. דזשיגאַנס דערשיינען לעצטנס אין דער טעלעוויזיע האָט גורם געווען אַ לעבהאַפֿטע דיסקוסיע, וועלכע האָט געהאָלפֿן מער פֿון די פֿיל טענות און מענות לטובֿת ייִדיש אין ישׂראל. דעריבער שטייט טאַקע פֿאַרן ייִדישן פּריוואַטן סעקטאָר אַן ערנסטע פֿראַגע, ווי אַזוי צו האַנדלען אַז אַ טיפֿער און רייכער אינהאַלט פֿון ייִדיש־קולטור זאָל זיין איר אמתע פּאָן.

כ׳וואָלט זיך נישט געאײַלט מיט די פֿאַרשיידענע פּלוראַליסטישע פֿאָרמולן, נישט וויסנדיק צו וואָס עס פּירט אין מדינת ישׂראל. אַוודאי דאַרף מען איינהאַלטן אין די ראַמען פֿון דער ייִדישער קולטור אַלע גייסטיקע ייִדישע ווערטן אין יעדער שפּראַך ווו זיי ווערן געשאַפֿן. אָבער צו אַלעם ערשטן וואָלט איך געוואָלט בולט מאַכן די זאַמלונג פֿון די ווערטן פֿון עבֿרית און ייִדיש. דאָס זענען אונדזערע צוויי נאַענטסטע שפּראַכן. יאַרהונדערטער זענען עבֿרית און ייִדיש געגאַנגען צוזאַמען און אויסגעפֿילט יעדע וויכטיקע פֿונקציע פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. געווען אַ גוטער שידוך צווישן דער צוויי־שפּראַכיקייט, דאָס איז געווען אַ פּרוכטבאַרע האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט. מיר האָבן היסטאָריש נאָך נישט אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פֿון דעם גיין צוזאַמען. ס׳איז דעריבער נישט קיין צופֿעליקייט וואָס מען פֿאַרגלייכט פֿון צייט־צו־צייט די תּקופֿה פֿון אַראַמיש און עבֿרית מיט דער תּקופֿה פֿון עבֿרית און ייִדיש. ס׳איז געווען אַ גרויסע ברכה פֿון דעם וואָס אַראַמיש און ייִדיש האָבן באַגלייט די עבֿרית־קולטור. ליידער האָט זיך די לעצטע 75 יאָר אָנגעהויבן דער

שאַרפער שפּראַכן־קאַמף, מיט דער אַנטשטייונג פון יידישיזם און העברעיִזם אַלס רעזולטאַט פון די פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, ציוניזם און בונדיזם. אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו פון דעם שפּראַכן־קאַמף, האָט מען אַריינגעצויגן אַנטי־נאַציאָנאַלע טענדענצן וואָס האָבן שווער געטראָפן דעם יידישן ענין. מיר ווילן דאָ נישט צעוויקלען אָט דעם גאַנצן פּרק, כאָטש אויך נישט פאַרשווייגן, אָבער זיכער נישט פאַרוואַנדלען אים אין אַן אַקטועלער טעמע פאַר דיסקוסיע. איין זאַך איז אָבער קלאָר, אַז דער שפּראַכן־קאַמף האָט נישט ווייניק געשעדיקט דער צוויי־שפּראַכיקייט. דאָס שפּיגלט זיך איצט אָפּ אין מדינת ישׂראל.

ווען מיר וועלן האָבן אַ גרעסערע דערנעענטערונג צווישן עברית און יידיש, מער קאָאָפּעראַציע צווישן די שפּראַכן — וועט עס זיין לטובתביידע. דער שפּראַכן־קאַמף האָט זיך טאַקע אָפּגעשטעלט נאָך דעם טראַגישן גורל וואָס עס האָט געטראָפן דעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום, אָבער ס׳זענען געבליבן די טיפע ווונדן. היינט אין די 70ער יאָרן האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט צוויי מחנות, וואָס יעדע מחנה שאַפט זיך אין איר שפּראַך נישט קענענדיק די צווייטע שפּראַך. דער איבערוויגנדיקער רוב פון די העברעיִשע שרייבערס קען נישט קיין יידיש, חוץ קליינע אויסנאַמען, און דער איבערוויגנדיקער רוב פון די יידישע שרייבערס קען נישט קיין העברעיִש. אָט די געשאַפענע לאַגע אין דער איצטיקער צייט אין ישׂראל, ברענגט צו פאַרפרעמדונג אויפן שוועל פון דער צוויי־שפּראַכיקייט. אַמאָל זענען געווען פיל שרייבערס אין ביידע מחנות וועלכע האָבן געשאַפן אין ביידע שפּראַכן, היינט איז קאָנגזייטיקע קענטעניש אין עברית און יידיש אַ זעלטנ־הייט. דאָס שאַפט גרויסע שוועריקייטן אויפן וועג פון אַ טרעפונג צווישן די ביידע שפּראַכן אין מדינת ישׂראל. ווער ס׳האָט אויפמערקזאַם געלייענט די עסיי פון שמואל ניגער וועגן „די צווייִשפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור״ (דעטרויט, 1941) קען פאַרשטיין די ערנסטקייט פון דער פראַגע אינעם יידישן גייסטיקן לעבן. אין דער עסיי איז באַשריבן דאָס געוווּנטשענע, דאָס וואָס קען ברענגען צו האַר־מאָניע און פאַרשטענדיקונג. אָדער ווען מען לייענט אויפמערקזאַם די ערנסטע עסיי פון פראָפ. דב סדן „וועגן צווייִשפּראַכיקייט״ („היימישע כתבים״, א״א, 1972) טרעפט מען אָן אויף דער נייער רעאַליטעט פון די צוויי שפּראַכן אין מדינת ישׂראל און די באַציִונגען צווישן עברית און יידיש, דאַן קען מען שנעל פאַרשטיין, אַז מיר שטייען פאַר אַן ערנסטער אַנטוויקלונג וועלכע פאָדערט פיל באַמיִונגען, כדי צו גע־פינען וועגן און מעטאָדן צוריקצוברענגען צו אַ האַרמאָניע צווישן עברית און יידיש.

כ׳האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף נאָך פיל פון די קאָנקרעטע דערגרייכונ־גען פון דער יידיש־קולטור אין מדינת ישׂראל. מיין כוונה איז, אַז מיר זאָלן צוגיין צו דעם פּראָבלעם מיט באַטראַכטקייט. די מאַטעריע איז אַ זייער קאָמפּליצירטע. מיר וועלן קענען רעדן וועגן אַ פאַרשטענדיקונג ווען די מחנה חובבי יידיש וועט זיין רעאַליסטיש און נישט צעפּלאַמט. אין היכל פון עברית־יידיש דאַרף מען אַריינגיין מיט פיל דרך ארץ.

ו

דאָס גרינדן אין ישׂראל דעם קאָמיטעט פֿאַר ייִדישער קולטור אין וועלכן ס'זענען פֿאַרטרעטן שרייבערס און קולטור־עסקנים פֿון ביידע מחנות — עברית און ייִדיש, האָט געצילט צו פֿאַרפֿעסטיקן ייִדיש אין ישׂראל, הייבן איר פּרעסטיזש, אויסקעמפֿן בעסערע באַדינגונגען פֿאַר ייִדיש. אין די לעצטע דריי יאָר זענען גע־מאַכט געוואָרן אייניקע שריט דורכן דאָזיקן קאָמיטעט, וועלכע זאָגן עדות, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט עפּעס אויפֿצוטאָן. דער קאָמיטעט קומט נישט אויפֿן אָרט פֿון אַנדערע ייִדיש־אינסטיטוציעס, ער איז נישט קיין קאָנקורענט, נאָר באַ־טייט אַ שטערבונג מיטצוהעלפֿן, געבן מער וואָג ייִדיש אין ישׂראל.

די ערשטע שריט זענען געווען אַרויסצוגעבן אַ צאָל פּעריאָדישע אויסגאַבן: „ביי זיך", „פֿאָלק, וועלט און מדינה"; די סעריע ביכער פֿון די ייִדיש־שרייבערס פֿון סאָוויעטנפֿאַרבאַנד, ווי אויך די סעריע אַקאַדעמישע אויסגאַבן בשותּפֿות מיטן ירושלימער אוניווערסיטעט; איניצירן די גרינדונג פֿון אַ ראַט פֿון די ייִדיש־קולטור אָרגאַניזאַציעס אין ישׂראל, כּדי צו קאָאָרדינירן אַלע זייערע טעטיקייטן; דעס־גלייכן דאָס דערמוטיקן אין אַ צאָל לענדער די גרינדונג פֿון ענלעכע קאָמיטעטן פֿאַר ייִדישער קולטור און אויך דאָס שאַפֿן אַ ראַט פֿון ייִדישע קולטור־פֿאַקטאָרן אין יעדן לאַנד. דער קאָמיטעט האָט אויך געלייגט דעם יסוד פֿאַר אַ "ביכער־קלוב" צו פֿאַרשפּרייטן דעם גוטן ייִדישן בוך; דעסגלייכן האָט ער אינטערווענירט מען זאָל אַריינבנעמען אין די ראַדיאָ און טעלעוויזיע פּראָגראַמען פֿון ייִדישע ליטע־ראַרישע שאַפֿונגען און ייִדיש־קינסטלערס.

ווען ס'איז אויף דער איניציאַטיוו פֿון דעם קאָמיטעט פֿאַר ייִדישער קולטור עטאַבלירט געוואָרן אַ פּרייז פֿון ראש הממשלה פֿאַר ייִדישער שאַפֿונג איז עס געווען אַ גרויסער יום טוב אין פֿיל קרייזן פֿון חובֿבֿי ייִדיש, די שפּראַך און איר ליטעראַטור. אַלס פּועל יוצא פֿון אָט דעם אַלעמען איז אויפֿגעקומען דער פֿאַר־שלאָג, אַז צוליב דער איצטיקער לאַגע פֿון דער ייִדיש־קולטור איז זייער וויכטיק, אַז ס'זאָל גערופֿן ווערן קיין ירושלים אַ וועלט־קאָנפֿערענץ פֿון ייִדישע שרייבערס און קולטור־טוערס.

די פּלאַנירטע וועלט־קאָנפֿערענץ דאַרף אַרומנעמען דעלעגאַטן און געסט פֿון צפֿון־אַמעריקע און קאַנאַדע, פֿון דרום אַמעריקע, אייראָפּע, אויסטראַליע און דרום־אַפֿריקע און פֿאַרשטענדלעך — פֿון ישׂראל. פֿאַר דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פֿון דער וועלט־קאָנפֿערענץ איז געשטאַנען די פֿראַגע לויט וועלכן קריטעריום זאָלן באַשטימט ווערן די דעלעגאַטן. ביים ערשטן קוק האָט עס אויסגעזען צו זיין אַ גאָר איינפֿאַכע זאַך, אָבער כּדי אויסצומיידן מיספֿאַרשטענדענישן און רייסערייען איז באַשטימט געוואָרן אַז יעדעס לאַנד וועט דורך אַ ספּעציעלן קאָמיטעט באַ־שטימען וועלכע אַנשטאַלטן ס'ווערן צוגעצויגן זיך צו באַטייליקן אין דער קאָנ־פֿערענץ. דער לאַנד־קאָמיטעט קען איינלאַדן קולטור־קערפּערשאַפֿטן און אויך יחידים. דער סיסטעם קען אַוודאי אַ מאָל, צוליב לאָקאַלע טעמים, אויסשליסן

איינע פון די אָרגאַניזאַציעס זיך צו באַטייליקן, אָבער פון דער צווייטער זייט וואָלט די שיטה, אַז יעדע גרופּע פון יעדן לאַנד זאָל דירעקט זיך ווענדן צום וועלט־קאָמיטעט, וועלכע אָרגאַניזירט די קאָנפערענץ, געקענט אַריינברענגען מיספאַרשטענדענישן אין די לענדער. דעריבער איז באַשטימט געוואָרן אַז יעדעס לאַנד זאָל האָבן איין אַדרעס פאַר די לאַנד־דעלעגאַציעס.

ביי די צוגרייטונגען צו דער וועלט־קאָנפערענץ איז אויפגעשווומען אַ גוטער פאָרשלאָג אַז אין רוב לענדער זאָלן פאָרקומען פאָרבאַראַטונגען, וועלכע זאָלן באַטראַכטן די ספּעציפישע יידישע קולטור פּראָבלעמען אין געגעבענעם לאַנד און גלייכצייטיק באַטראַכטן ווי צו שטאַרקן זייער טעטיקייט אויפן אָרט, ווי אויך שאַפן אַ קאָאָרדינירקאָמיטעט פון אַלע קולטור אָרגאַניזאַציעס, שאַפן תּנאים פון קעגנזייטיקער הילף. אַלע טעטיקייטן דאַרפן שאַפן אַ פּאַסיקן קלימאַט צווישן די ייִדיש־רעדנדיקע קרייזן פון פאַרשיידענע שאַטירונגען און אַזוי אַרויסרופן מער אינטערעס פאַר דער קולטור־ארבעט. אַזאַ צוגרייטונג צו דער וועלט־קאָנפערענץ וועט זיכער מיטהעלפן צו דעם אויסוויילן פון די דעלעגאַטן, אַז די סאַמע פּאַסנ־דיקסטע און צוגעגרייטע זאָלן זיך באַטייליקן אין דער וועלט־קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ וועט באַשטיין פון דריי טיילן: דער פייערלעכער טייל, אויף וועלכן ס'וועט קומען צום אויסדרוק די וואַרעמע באַציִונג צו ייִדיש ווי צו אַ גרויסן נאַציאָנאַלן ווערט וואָס פאָרדינט מען זאָל דערמוטיקן און פאַרפעסטיקן אירע פּאָ־זיציעס אין גלות, ווי אויך אין מדינת ישׂראל. פון ירושלים וועט, בכן, געהערט ווערן דאָס וואָרט פון דער קאָנפערענץ וועגן שטאַרקן דעם מעמד פון ייִדיש; דער צווייטער טייל וועט מאַכן אַ סך הכּל פונעם צושטייער פון ייִדיש צום נאַציאָנאַלן לעבן פון ייִדישן פאָלק, אָפּשאַצן די שפּראַך און ליטעראַטור פאַר די לעצטע דורות, יסודותדיק באַטראַכטן די איצטיקע לאַגע פון ייִדיש אין די תּפוצות און אין ישׂראל, זוכן מיטלען ווי אַזוי צו פאַרגרעסערן די פאַרשטענדעניש צווישן דער ייִדישער און העברעיִשער קולטור אויף פיל געביטן; דער דריטער טייל וועט באַשליסן וועגן עטלעכע ייִדישע קולטור פּראָיעקטן וועלכע מען וועט דאַרפן נאָך דער קאָנפערענץ דורכפירן.

כ'ווייס אַז ס'איז נישטאָ קיין אידיליע אַרום אַזאַ געוואַגטן שריט, ווי דאָס רופן פאַרשיידענע שאַטירונגען פון ייִדישן לעבן, זיי אָוועקזעצן צוזאַמען און זוכן גע־מיינזאַמע וועגן לטובת דער ייִדישער קולטור.

גוטער ווילן, טיפע און וואַרעמע באַציִונג קען דערנענטערן און העלפן שאַפן אַ קלימאַט פון פאַרשטענדיקונג אָן חשדים. אויב דער אינטערעס פאַר ייִדיש וועט געשטעלט ווערן העכער פון די זייטיקע רייסערייען וועט די פּלאַנירטע קאָנפערענץ צושרייבן אַ בכבודיק קאַפּיטל צום קאַמף פאַר פאַרפעסטיקן די ייִדיש־קולטור.

זאָלן די אַלע פון גוטן געוויסן, גוטן ווילן און ערלעכן צוגאַנג ווערן גלייכע שותּפים צו דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר ייִדישער קולטור אין ירושלים.

יאַנואַר 1976

פרייד און האָפענונג

(צו דער דערעפענונג פון דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור)

ווען הונדערטער דעלעגאַטן פון 16 לענדער וועלן זיך צוזאַמענטרעפן אין ירושלים ביי דער דערעפענונג פון דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, וועט ביי דער גרויסער מערהייט זייערער זיכער הערשן אַ געפיל פון פרייד און פון האָפענונג. פרייד — פונעם עצם פאַקט, אַז די קאָנפערענץ איז זיך צונויפגעקומען, מחמת ביי געוויסע קרייזן האָט געהערשט די מיינונג, אַז ס׳וועט זיך נישט איינגעבן צוזאַמענצוברענגען אויף אַ וועלט־אַסיפה ייִדיש־אָנהענגערס פון פאַרשיידענע שאַטירונגען און אויפפאַסונגען און דערמיט אויפהייבן דעם פרעסטיזש פון ייִדיש אין דער וועלט. האָפענונג — אַז די קאָנפערענץ וועט נישט נאָר זיין אַ געלונגענע מאַניפעסטאַציע פאַר ייִדיש, נאָר אַז זי וועט אויך ברענגען דערצו, עס זאָלן נאָך איר קומען וויכטיקע מעשׂים פאַר ייִדיש.

דאָס וואָס די וועלט־קאָנפערענץ קומט פאָר גראָד אין ירושלים איז ממש אַ סימבאָל, וואָס באַטייט, אַז ביידע קולטורן, די העברעיִשע און די ייִדישע, וועלן זיך מער צוטוליען איינע צו דער אַנדערער און ענגער מיטאַרבעטן צווישן זיך לטובת דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. די אין אונדזער תּקופה נישט פריווי־לעגירטע ייִדישע שפּראַך און ייִדישע קולטור וועלן אַרויס מאָראַליש און פאַקטיש געשטאַרקט. דאָס ליכט וואָס שטראַלט אַרויס פון ירושלים וועט וואַרעם אַרומנעמען ייִדיש. העברעיִש דאַרף און קען זיך דערלויבן וואַרעם אויפצונעמען איר ייִנגערע שוועסטער — ייִדיש.

*

כ׳ווייס נישט צי אין די טעג פון די לעצטע צוגרייטונגען צו דער וועלט־קאָנ־פערענץ איז בייטיק אונטערצושטרייכן אין אַ מער קלאָרער פאָרעם די וויכטיקייט פון דער היסטאָרישער באַגעגעניש פון עברית מיט ייִדיש אין זומער 1976, אין ירושלים. דאָס וואָס ווילט זיך אָבער יאָ אַרויסברענגען אין איצטיקן מאָמענט איז דער שטאַרקער באַגער, וועלכער איז אָן שום ספק דער באַגער פון אונדז אַלע, אַז די קאָנפערענץ זאָל ברענגען כאָטש אַ טייל פון יענער צוזאַמענאַרבעט צווישן עברית און ייִדיש אַזוי ווי זי האָט געהערשט אין אונדזער קולטור־לעבן מיט אַן ערך 80 יאָר צוריק, ווען די גרעסטע פון אונדזערע שריפטשטעלערס האָבן נאַ־טירלעכערהייט געשאַפן אין ביידע שפּראַכן און די לייענערס האָבן גענאָסן גלייכ־

צייטיק פון ביידע ליטעראַטורן. וועט מען זיך היינט פון ביידע צדדים קענען דערהייבן צו טיפער און אויפריכטיקער מיטאַרבעט, וועט מען דערמיט אַ סך העלפן צו שטאַרקן ייִדיש אויף דער וועלט און אין מדינת ישׂראל.

כדי די יומטובדיקע שטימונג זאָל אונדז נישט פאַרשיכורן דאַרפן מיר אויסמיידן אויף אונדזער קאָנפערענץ סופּערלאַטיוועס, נישט רעאַליסטישע פּראָזן, תפסת מרובה, לא תפסת. פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען אָבער נישט אָפּקומען בלויז מיט ווונטשן אָן דער באַגלייטונג פון קאָנקרעטע שריט צו שטאַרקן ייִדיש־קולטור אויף אַלע געביטן, נישט נאָר מיט אויסברייטערן דאָס ייִדישע שולוועזן, אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן ייִדישע ביכער און צייטשריפטן, שטאַרקן דאָס גוטע ייִדישע טעאַטער, נאָר אויך מיט צוריקברענגען, אין צוגעפּאַסטע פאָרמען, דעם ייִדישן פאָלקסטימלעכן לעבנס־נוסח, וואָס ער איז איינער פון די הויפּט־זיילן פון אונדזער ייִדיש־קולטור, און דערמיט שטאַרקן ייִדיש לעבן.

וועלן מיר אויף דער ירושלימער קאָנפערענץ מצליח זיין צונויפצופּאָרן וויזיע מיט פּראַקטישקייט, וועלן מיר זיכער דערגרייכן אונדזער ציל.

*

מ׳דאַרף נישט צומאַכן די אויגן און פאַרשטאָפּן זיך די אויערן, כדי צו לעבן אין אַן אילוזיע, אַז אַלץ וואָס איז שייך צו דער קאָנפערענץ אונדזערער קלאַפּט, אַז אַלץ ווערט אויסגעפּילט פּונקאָם. פאַראַן זיכער פעלערן, פאַראַן גערעכטע און אויך נישט גערעכטע טענות פון אינעווייניק און פון דרויסן. אָבער דאָס אַלץ קאָן נישט מינערן דעם פאַקט, אַז מיר וועלן זיין עדות, אַז דאָס ערשטע מאָל זינט דעם אָנהייב פון דער ארץ ישׂראלדיקער רענעסאַנס־תּקופה אין אונדזער געשיכטע ווערט גערופן דווקא אין ירושלים, אין דער ייִדישער מדינה, אַ קאָנפערענץ אין גרויסן פאַרנעם צו שטאַרקן ייִדיש און זי נאָך מער פאַרבינדן און פאַרקניפּן מיטן גרויסן יש וואָס ווערט געשאַפן דאָ אין ישׂראל פאַרן גאַנצן ייִדישן פאָלק. גראָד אַ רעאַליסטישער צוגאַנג וועט אונדז לייכטער מאַכן צו געפינען דעם וועג פון קאָאָרדינאַציע צווישן אַלע באַטייליקטע צדדים. ווייל ס׳איז נישט לייכט צונויפצורופן ייִדן פון אַזוי פיל שאַטירונגען, נאַציאָנאַלע, ציוניסטן, בונדיסטן און עקסטרעםלינקע און געפינען ביי זיי אַלע אַ געמיינזאַמען אינטערעס און אַ געמיינזאַמען ציל. נאָר די טיפע אחריות פאַר ייִדיש האָט געקענט צונויפברענגען די דאָזיקע פאַרשיידנאַרטיקע מחנות צו גיין צו אַ געמיינזאַמען וועג. און זאָל ביי דער געלעגנהייט געזאָגט ווערן צו די וואָס פילן זיך באַוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך — צוליב ייִדיש וואָס איז זיי אַזוי טייער און הייליק — דערהייבן צו יענער הייך צו וועלכער ס׳האָט זיך דערהויבן די אמתע מאַמע פונעם קינד אין שלמה המלכס משפט און זאָלן פּונקט ווי זי מוותר זיין, כדי ייִדיש זאָל קיין שלעכטס נישט געשען. און אויב ס׳וועט אונדז געלינגען אַרויסצוגיין געאייניקט אַרום ייִדיש, אין דער פּאַסיקער פאָרעם, וועט עס

באַטייטן אַ גרויסער דערפֿאָלג נישט נאָר פֿאַר אונדזער מאַמע־לשון, נאָר אויך פֿאַר אונדזער נאַציאָנאַל לעבן בכלל.

*

ווי אַ ישׂראלדיקער ייִד האַלט איך אויך, אַז מ׳דאַרף נאָך אַ סך דערגרייכן אין מדינת ישׂראל פֿאַר ייִדיש. אָבער זאָלן מיר נישט מאַכן קיין פֿאַטאַלן פֿעלער און פֿאַרגעסן אַז פֿאַר אונדז שטייט אַ גרויסע אויפֿגאַבע צו שטאַרקן ייִדיש אין די צעשפּרייטע ייִדישע קהילות אין די גלות־לענדער. זאָלן מיר נישט קלאַפּן על חטא נאָר אויף דער ברוסט פֿון ישׂראל. יעדער איינער פֿון די דעלעגאַטן ווייס ווי ערנסט ס׳איז די לאַגע פֿון ייִדיש און דער ייִדיש־קולטור אין די פֿאַרשיידענע לענדער און אַז כּדי צו ברענגען צו אַ פֿאַרבעסערונג זענען נייטיק קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונגען.

דאָס ווערט געפֿאָדערט פֿון יעדן איינעם פֿון אונדז. זאָל די וועלט־קאָנפֿערענץ גורם זיין צו אַן אמתן און אויפֿריכטיקן חשבון הנפש פֿון דער מחנה ייִדיש־ליבהאָבערס און ייִדיש־אָנהענגערס. דאָס אַליין וועט ווערן אָנשטעקנדיק אי אין די תּפֿוצות אי אין ישׂראל, וואָס וועט אונדז קלאָרער מאַכן די אויפֿגאַבעס וואָס שטייען פֿאַר אונדז און דאָס וואָס מיר קענען און דאַרפֿן טאָן כּדי זיי צו דערגרייכן.

מיט אָט די געפֿילן וואַרטן מיר אויף דער שעה ווען ס׳וועט דערעפֿנט ווערן די וועלט־קאָנפֿערענץ פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין ירושלים.

אויגוסט 1976

יום־טובדיקייט און וואָכעדיקייט

(נאָך דער וועלט־קאָנפערענץ)

די אימפּאָזאַנטקייט און די פייערלעכע אַטמאָספער וואָס האָט געהערשט אויף דער קאָנפערענץ פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, האָט געמאַכט אַ טיפן רושם אויף די הונדערטער דעלעגאַטן און געסט. דער ערנסטער אָפּרוף פון דער קאָנ־פערענץ, דער ניוואָ פון די אַרויסטרעטונגען אויפן פּלענום און אין די קאָמיסיעס און די גרויסע אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס וואָס די באַטייליקטע האָבן צו זיי אַרויסגעוויזן — דאָס אַלץ באַרעכטיקט צו זאָגן, אַז די קאָנפערענץ איז געווען אַ געלונגענע.

די אידעיִשע מאָזאַיִק האָט דער וועלט־אַסיפה צוגעגעבן חן און קאָליר. נישט געקוקט אויף די חילוקי־דעות וואָס האָבן, אָן ספק, עקזיסטירט און זענען אויך פון צייט צו צייט געקומען צום אויסדרוק, האָט מען זיך באַמיט צו האַנדלען לויט דעם וואָס פאַראייניקט אונדז אַלע.

סימבאָליש איז אויך געווען דאָס וואָס די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין ירושלים. דער רוב דעלעגאַטן האָבן פאַרשטאַנען און פיל האָבן עס בולט אַרויס־געזאָגט, אַז ישׂראל איז דער צענטער פון ייִדישן פאָלק, אין וועלכן ס'ווערן אַקו־מילירט אַלע קולטורעלע און גייסטיקע ווערטן פון פאָלק, און אַז דאָ זענען אויך פאַראַן אויסזיכטן פאַר גרויסע פאַרמעסטן אויפן קולטור־געביט. דאָס פאַרפליכטעט אַלע ניוואָען און שאַטירונגען צו אַ צוגאַנג צו דער העברעיִשער און ישׂראלדיקער אַטמאָספער מיט אַ געפיל פון סימפּאַטיע און קאָאָפּעראַציע. די קאָנפערענץ האָט טאַקע אין אַ גרויסער מאָס פאַרלייגט דעם יסוד פאַר מער פאַרשטענדיקונג צווישן ישׂראל און דער ייִדיש־וועלט און דער גייסטיקער שאַפונג אין ייִדיש. גלייכצייטיק האָט זי אויך געהאַט אַ פּאָזיטיוון איינפלוס אויף פיל ישׂראלדיקע קרייזן, וועלכע האָבן נאָך נישט געהאַט באַנומען אין פולן פאַרנעם דעם פּלאַץ און דעם ווערט פון דער ייִדיש־קולטור און פאַר וועלכע די קאָנפערענץ איז געווען ממש אַן אַנט־פּלעקונג. אַוודאי זענען אויך געווען קרייזן, וועלכע זענען פאַרבליבן רעזערווירט לגבי דער „ייִדיש־אָפּענסיווע״. אָבער דאָס וואָס ס'האָט זיך אָפּגעשפּיגלט כמעט אין דער גאַנצער ישׂראל־פּרעסע, באַווייזט, אַז דער וועלט־קאָנפערענץ איז געלונ־גען אַרויסצונעמען די ייִדיש־קולטור פון די ראַמען פון פּאַסיווער באַציִונג צו איר מצד פאַרשיידענע קרייזן.

נאָך דעם ווי ס'איז אין דער גרעסטער מאָס געלונגען אַ סוף צו מאַכן צום „ריב הלשונות״, איז קלאָר געוואָרן ווי וויכטיק ס'איז צו פּלעגן וואָס מער די

קאָאָפּעראַציע צווישן העברעיִש און ייִדיש און קומען צום אויספֿיר אַז מען מוז פֿאַרשטאַרקן די ייִדיש־קולטור. אויף דעם וועג קען די קאָנפֿערענץ באַטראַכט ווערן ווי אַ וויכטיקער מיילשטיין.

די הונדערטער דעלעגאַטן וועלן צוריקברענגען אין זייערע לענדער דעם באַשלוס, אַז מ׳דאַרף פֿאַרפֿעסטיקן די ייִדישע קולטור אויף די ערטער, זי אַרויסנעמען פֿון די שמאָלע געסלעך און איר געבן מער חשיבות. ייִדיש אין קאָאָפּעראַציע מיט עברית אין די תּפֿוצות קען ווערן אַ וויכטיקער אינסטרומענט קעגן דער אַסימילאַציע און פֿאַרפֿרעמדונג.

די געלונגענסטע קאָנפֿערענץ וועלן נישט העלפֿן, אויב אין די לענדער גופֿא וועט נישט קומען אַן ערנסטע אויפֿלעבונג פֿון ייִדיש און ייִדישע קולטור. מ׳דאַרף זוכן נייע וועגן, נייע קרייזן וואָס האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט אויף פֿרעמדע פֿעלדער און מען דאַרף אַלץ טאָן, כּדי זיי צוריקברענגען אין דער ייִדישער נאַציאָנאַלער מחנה. דאָס דאַרף זיין די אויפֿגאַבע פֿון אַלע דעלעגאַטן, ווען זיי וועלן זיך אומקערן אויף זייערע ערטער און מיטברענגען מיט זיך די אינספּירירנדיקע אַטמאָספֿער פֿון דער קאָנפֿערענץ.

אַ באַזונדער דערפֿרייענדיקע דערשיינונג איז אויף דער קאָנפֿערענץ געווען די גרופּע פֿון 30 יוגנטלעכע דעלעגאַטן. דאָס דערשיינען פֿון דער יוגנט זאָגט עדות, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ המשך פֿאַר קאַדרען, וואָס ווילן זיך איינשפּאַנען אין דער וויכטיקער אַרבעט פֿון ייִדישער קולטור. אוודאי רעדט יוגנט אָפֿט אין אַ ביסל אַ גרילצנדיקן טאָן. דאָס קומט אפֿשר צוליבן מאַנגל אין דערפֿאַרונג. אָבער מיר דאַרפֿן אויפֿנעמען מיט צופֿרידנקייט די דערשיינונג פֿון יונגן דור און העלפֿן אים זיך איינגלידערן אין דער וויכטיקער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, צו וועלכער ער קען אַ סך צוטראָגן מיט זיין ענטוזיאַזם און אויפֿריכטיקייט.

צווישן די דעלעגאַטן איז אויך געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל פּראָפֿעסאָרן, לעקטאָרס פֿון ייִדיש און ייִדיש־ליטעראַטור אין פֿאַרשיידענע אוניווערסיטעטן און קאָלעדזשעס. פֿאַר זיי איז די וועלט־קאָנפֿערענץ, אָן ספֿק, געווען אַ סטימול צו פֿאַרשטאַרקן און פֿאַרטיפֿן דעם ייִדיש־לימוד און די ייִדיש־פֿאָרשונג אין די הויכשולן.

מען קען זאָגן אָן איבערטרייבונג, אַז די וועלט־קאָנפֿערענץ אין ירושלים איז געווען אַ גרויסער יום־טוב פֿאַר ייִדיש־קולטור, פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק, פֿאַר מדינת ישׂראל, פֿאַר מער קאָאָפּעראַציע צווישן די ייִדיש־ און עברית־מחנות.

די פֿייערלעכע דעקלאַראַציע מיט אַ רוף פֿון ירושלים צו די ייִדן אין דער גאַנצער וועלט צו שטאַרקן און קרעפֿטיקן די ייִדישע שפּראַך און קולטור — איז דורך דער וועלט־קאָנפֿערענץ אויסגעהערט געוואָרן מיט טיפֿער אחריות און טיפֿן גלויבן, אַז מיר שטייען פֿאַר אַ נײַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדיש־קולטור.

*

די וועלט־קאָנפערענץ האָט זיך נישט באַגרענעצט מיט יום־טובדיקייט, זי האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט די וואָכעדיקע ענינים, ערנסט באַהאַנדלט די פאָרשלאָגן און פּראָיעקטן ווי אַזוי צו שטאַרקן די יידיש־קולטור.

מ'האָט שטאַרק מקפּיד געווען, אַז אַ גרויסער טייל פון די דעלעגאַטן זאָלן קומען צום אויסדרוק. אויף די פּלענאַרע זיצונגען האָבן גענומען דאָס וואָרט 52 דעלעגאַטן און אין די 5 קאָמיסיעס — אַרום 146 דעלעגאַטן, דאָס הייסט, אַז 50% פון אַלע דעלעגאַטן האָבן אויסגעדריקט זייערע מיינונגען. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע וועלט־קאָנפערענצן איז די פּרעקווענץ געווען אַ גאַר גרויסע. דער רוב פון די דעלעגאַטן האָט געווידמעט זייער גאַנצע צייט די זיצונגען און אַלץ אויפ־מערקזאַם אויפגענומען.

דעם גאַנצן טאָג, וועלכער איז געווען געווידמעט די פינף אַרבעטס־קאָמיסיעס (דערציִונג, פּרעסע, טעאַטער, איבערזעצונגען און פּלענער, פּראָיעקטן צו שטאַרקן די יידישע קולטור), זענען אָנגעגאַנגען ערנסטע מיינונגס־אויסטוישן וועגן פּראַק־טישע מעשׂים אויף די אַלע געביטן. אַלץ האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט אויס־געשעפּט ווערן אין איין טאָג. אַלע באַטייליקטע האָבן אַרויסגעוויזן אין זייערע רייד און פאָרשלאָגן גרויס אחריות און ס'איז צו האָפן, אַז די דאָזיקע אחריות וועט זיי באַגלייטן ביי זייער טאָג־טעגלעכער אַרבעט אויף די ערטער, ביים דורכפירן אין לעבן די אָנגענומענע רעקאָמענדאַציעס.

אַלע אָנוועזנדיקע האָבן געפילט, אַז די וועלט־קאָנפערענץ קען באַטראַכט ווערן ווי אַ היסטאָרישע געשעעניש און ס'איז צו האָפן, אַז זי וועט ברענגען מיט זיך אַ קער צום בעסערן אין דער מערכה פון יידיש און פון דער יידישער קולטור אין דער גאָרער וועלט.

סעפּטעמבער 1976

ערשטע שריט נאָך דער ייִדיש וועלט־קאָנפערענץ

א

מ׳דאַרף נישט איבערטרייבן און אויך נישט אונטערשאַצן דאָס וואָס געשעט נאָך דער ייִדיש וועלט־קאָנפערענץ, פאַרגאַנגענעם אויגוסט, אין ירושלים. מ׳האָט וועגן דער קאָנפערענץ זייער אַ סך געשריבן און נישט דאָ איז דאָס אָרט אויפסניי צו אַנאַליזירן איר באַדייטונג. ס׳מוז אָבער ראשית כּל זיין קלאָר, אַז די רעזולטאַטן פון דער קאָנפערענץ קען מען נישט מעסטן מיט קיין מיילן וואָס מען איז אַדורך. די וואָס פאַרלאַנגען פון דער קאָנפערענץ באַלדיקע רעזולטאַטן פאַרן אויפבלי פון ייִדיש אין אַלע לענדער און אויף אַלע געביטן, מאַכן זיך פאַרגעסן אין וואָסער באַזונדערס שווערער לאַגע אונדזער ייִדיש־פראָנט געפינט זיך היינט אין דער וועלט און ווי פאַרנאַכלעסיקט ער איז דורך די ייִדיש־ריידנדיקע גופא, וואָס אַ סך פון זיי גייט כּלל נישט אין לעבן, אַז זאָכן זאָלן זיך ענדערן, אַז ייִדיש זאָל גע־שטאַרקט ווערן. דאָס אַרויסקומען מיט טענות צו אַנדערע שאַפט נאָר אַן איבעריקן טומל און דערוויטערט ריכטיקע און קאָנסטרוקטיווע לייזונגען.

אפשר האָט מען וויניק אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז די ייִדיש וועלט־קאָנפערענץ האָט בפירוש געבראַכט צום אויסדרוק דעם ווילן נישט משלים צו זיין דערמיט, אַז ייִדיש זאָל זיין נאָר אַ שטודיום און פאָרש־שפּראַך, וואָס בלייבט פאַרגליווערט צווישן די אַקאַדעמישע ד׳ אמות. מ׳האָט מיט רעכט געטענהט, אַז ייִדיש און ייִדישע קולטור דאַרף אויסדריקן די גאַנצע רייכע גאַמע פון ייִדישן פולסירנדיקן לעבן. אויך ווען מיר געפינען זיך אין אַ קריזיס, דאַרף מען נישט מבטל זיין די גרויסע ראָלע פון דער ייִדיש קולטור אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. מיר דאַרפן זוכן וועגן ווי צו באַנייען די לעבהאַפטיקייט פון דער ייִדישער קולטור, און איינס פון די הויפּט־פּראָבלעמען וואָס שטייען היינט פאַר אונדז איז אַזוי פאַרוואַנדלען אין קאָנקרעטע אַקטיוויטעטן דעם ווונטש פון דער וועלט־קאָנפערענץ אָט די לעבהאַפטיקייט צו פאַרזיכערן.

די וועלט־קאָנפערענץ האָט נישט נאָר אונטערגעשטראָכן די לעבנס־נויטיקייט פון דער ייִדיש־קולטור פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן המשך. זי האָט אויך בולט באַ־טאָנט, אַז דער ייִדיש־רענעסאַנס דאַרף גיין האַנט ביי האַנט מיט דער העברעיִשער שפּראַך און דער ישׂראל־קולטור, וועלכע דאַרף אַרויסהעלפן ייִדיש אין איר גע־ראַנגל. דאָס איז בולט געקומען צום אויסדרוק אין די דעבאַטן פון דער קאָנפערענץ אין ירושלים: נישט קיין שפּראַכן־קאַמף, נאָר קאָאָפּעראַציע און קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג צווישן ייִדיש און עברית. אפילו מענטשן פון פאַרשיידענע קאָנ־טראָווערסאַלע אויפפאַסונגען לגבי ייִדיש און עברית האָבן געקענט לייכט באַ־

נעמען, אַז דער אינטערעס פון יידיש איז נישט צו גיין מיט רוגזה און מיט אַלע חשבונות לגבי עברית און מדינת ישראל. אין דער יידישער קולטור־געשיכטע וועט די באַגעגעניש צווישן ביידע מחנות: יידיש און עברית, אויף דער ירושלימער קאָנפערענץ פאַרשריבן ווערן ווי אַ וויכטיק קאַפּיטל.

ב

מיר וועלן דאָ נישט געבן קיין אויספירלעכן באַריכט וועגן דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען אין די עטלעכע חדשים נאָך דער וועלט־קאָנפערענץ. ווען מען וועט רופן די ערשטע זיצונג פון וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור וועט זיין פּלאַץ פאַר אַ גענויער באַטראַכטונג פון די מעשים אויפן געביט פון יידיש־קולטור.

די רעזאָלוציעס, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן אויף דער וועלט־קאָנ־פערענץ, קען מען איינטיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס: די ערשטע זענען בעיקר געווידמעט ענינים פון לאָקאַלן כאַראַקטער. די כוונה איז געווען, אַז מען זאָל זיך נישט באַגרענעצן נאָר מיט אַן אימפּאָזאַנטער מאַניפעסטאַציע און מיט פעסט־שטעלן פּרינציפּן, נאָר מ׳זאָל אויך אַקטיוויזירן פאַרשיידענע יידיש־קרייזן אין די לענדער, פּראָווינצן און שטעט, וועלכע זאָלן אַרומנעמען וואָס גרעסערע קרייזן און ווו מען זאָל זאָרגן פאַר אַ רייכער יידישער קולטור־טעטיקייט. אין יעדן לאַנד זאָל געשאַפן ווערן אַ קאָאָרדינירקאָמיטעט, וואָס זאָל דערמוטיקן די טעטיקייטן אין לאָקאַלן און לאַנד־מאַסשטאַב, וואָס דאָס איז דער יסוד פון יעדער דער־פאָלגרייכער אַרבעט פאַר יידיש.

די צווייטע קאַטעגאָריע רעזאָלוציעס איז געווידמעט קולטור־פּראָיעקטן אין וועלט־מאַסשטאַב, פּלענער און טעטיקייטן, וואָס זאָלן דינען דעם רוב קאָמיטעטן און קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין די לענדער.

ווי אַ ביישפּיל צו דער ערשטער קאַטעגאָריע וויל איך נעמען צוויי לענדער, ווו די וועלט־קאָנפערענץ האָט אָנגעהויבן אויסווירקן איר איינפלוס: פראַנקרייך און ישראל.

אין פראַנקרייך איז געשען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער פאָרם פון דער יידישער קולטור־טעטיקייט. פאַרשטייער פון פאַרשיידענע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס האָבן אויסגעוויילט אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור אין פראַנקרייך און מען האָט צוגעגרייט אַ פּילזייטיקן פּראָגראַם, וועלכער נעמט אַרום פאַרשיידנאַרטיקע טעטיקייטן: טעאַטער־אונטערנעמונגען, דערין אויך דערמוטיקן יונגע טעאַטראַלן; לעקציעס און סימפּאָזיומס וועגן יידישער ליטע־ראַטור, יידישע טעמאַטיק, יידישע מוזיק. מען איניצירט צוזאַמען מיט דער וועלט־ביוראָ פאַר יידיש און יידישער קולטור אַ רונדן טיש מיט דער באַטייליקונג פון באַקאַנטע פּראָפעסאָרן פון פראַנקרייך און ישראל וועגן דער יידישער קולטור; מען זאָרגט אַז אין גרעסטן יידישן קולטור־צענטער אין פּאַריז זאָלן געגעבן ווערן לעקציעס וועגן יידיש. לערנען יידיש איז אַביסל אַריין אין דער מאָדע, און כאָטש

מען וויל זיך האַלטן ביים טרוקענעם באַריכט פֿון פֿאַקטן, מוז מען ציטירן די מיינונג פֿון די ייִדישע עסקנים אין פֿראַנקרייך, אַז נאָך דער ייִדיש־קאָנפֿערענץ אין ירושלים איז געקומען צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין פֿאַרשיידענע קרייזן צו ייִדיש. און דערביי מוז מען צוגעבן, אַז צו ייִדיש־אונטערנעמונגען קומען איצט הונדערטער מענטשן. אוודאי איז דאָס נאָר אַן אָנהייב. מ׳דאַרף נאָך פֿיל פֿאַר־גרעסערן און פֿאַרפֿולקאָמען, אָבער יעדער פֿילט, אַז עפּעס איז געשען צום גוטן אין ייִדישן פֿראַנקרייך.

עס איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ גינסטיקער אַטמאָספֿער צו ייִדיש אין פֿראַנקרייך, געפֿינט אַן אָפּקלאַנג דער פֿאָרשלאָג פֿון דעם וועלט־ביוראָ צו רופֿן קיין פּאַריז אַ רעגיאָנאַלע אייראָפּעישע ייִדיש־קאָנפֿערענץ צום ענדע יאָר. דאָס וועט זיין אַ פּועל־יוצא פֿון דער וועלט־קאָנפֿערענץ און אַ פּרווו צו שטאַרקן די ייִדיש־קולטור אין אייראָפּע.

אויך אין ישׂראל פֿילט זיך אַ מער לעבהאַפֿטע ייִדיש־טעטיקייט. געוועזן וויכטיקע באַמיִונגען נאָך פֿאַר דער וועלט־קאָנפֿערענץ, ס׳איז אָבער אָן ספֿק, אַז אויף עטלעכע געביטן האָט די קאָנפֿערענץ דערמוטיקט פֿיל קרייזן אַנדערש זיך צו באַציִען צו ייִדיש און אָנערקענען איר ראָל אין דעם קולטור־לעבן פֿון ישׂראל. ס׳עקזיסטירן און זענען טעטיק 26 ייִדישע קולטור־קלובן, פֿאַרשפּרייט איבער אַלע טיילן פֿון לאַנד. זיי נעמען אַרום עטלעכע טויזנט ייִדן, וואָס קומען רעגולער און באַטייליקן זיך אין דער קולטור־טעטיקייט. ס׳פֿילט זיך ביי זיי אַן אינטימע באַציִונג צו דער ייִדישער קולטור. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַטייליקן אין אַ קולטור־פֿאַראַנשטאַלטונג אין גבעתיים. געווען דאָרט אַ גרויסער עולם. די הסתדרות־פֿאַרשטייער זענען געקומען ספּעציעל באַגריסן די דערפֿרייענדיקע דערשיינונג און מען האָט דאָרט געפֿירט אַ דיסקוסיע אויף אַ הויכן ניוואָ. אָט די באַדייטנדיקע נעץ פֿון ייִדישע קלובן איז אַ געוואַלדיקע דערגרייכונג. אויב מיר ווילן אַרויספֿירן ייִדיש־קולטור אויף די שליאַכן פֿון פֿאָלקס־טימלעכקייט, זענען די קולטור־קלובן דער וויכטיקסטער מיטל דערצו. מען פּלאַ־נירט צו רופֿן אין חודש יוני אַ לאַנד־באַראַטונג, וועלכע זאָל באַשטימען אַ מער סטאַבילע פֿאָרם פֿון די קולטור־טעטיקייטן פֿון די קלובן.

ס׳איז אויך צו באַגריסן די איניציאַטיוו פֿון דעם וועלט־ביוראָ צוזאַמען מיטן פֿאַרלאַג „ביבלוס" צו אַרויסגעבן פֿאַר די קלובן אַ סעריע געדרוקטע בראָשורן וועגן די וויכטיקסטע ייִדישע שרייבער און דיכטער, וואָס זאָלן דינען ווי מאַטעריאַל פֿאַר רעפֿעראַטן. ווען כ׳ברענג אָט די עטלעכע דערפֿרייענדיקע סימנים פֿון פֿאַרטיפֿונג פֿון דער ייִדיש־קולטור אין ישׂראל אויף פֿיל געביטן, איז מיין כוונה, מיר זאָלן אויפֿנעמען זאַכן אין זייער ריכטיקער דימענסיע. ס׳איז פֿאַרשטענדלעך, אַז ס׳זיינען נאָך פֿאַראַן אין ישׂראל אַ סך געביטן אויף וועלכע מיר זענען אין פּרט פֿון ייִדיש אונטערשטעליק און דאָס איז נישט נאָר ייִדיש אין ראַדיאָ און טעלעוויזיע. איך האַלט אָבער פֿאַר וויכטיק צו געפֿינען מערער און וואָס אַמאָל מערער געלעגנהייטן

צו מאַניפעסטירן יידיש־פאָלקסטימלעכקייט אין די פאַרשיידנסטע פאָרמען און אויף די פאַרשיידענע געביטן.

מ׳קען זאָגן אָן איבערטרייבונג, אַז יידיש־קולטור אין ישראל איז אַ וויכטיקער יש. ס׳פעלט נאָך טאַקע אַ סך. ווען מען מעסט אָבער די ליכט און שאָטנס פון דער לעצטער צייט אויפן געביט פון יידיש, זעט מען אַז די שאָטנזייטן זענען געוואָרן אַביסל קלענער.

יידיש קולטור פאַרנעמט היינט אין ישראל אַ מער בכבודיק פּלאַץ. כ׳וועל געבן אַ גאָר זייטיקן ביישפּיל: די טעג איז פאָרגעקומען אין העברעיִשן שרייבער־קלוב „מילוא״ אַ געמיינזאַמער אָוונט פון העברעיִשע און יידישע דיכטער. מיר שיינט, אַז אַזאַ אָוונט איז ביז איצט נישט פאָרגעקומען אין דעם דאָזיקן ליטעראַ־רישן קלוב. ווער ס׳האָט געהערט די געלונגענע לידער פון עטלעכע יידישע דיכטער און באַלד דערנאָך די העברעיִשע איבערזעצונג און פאַרקערט — האָט געפילט, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ גרויסער פאָרשריט אין די באַציִונגען צווישן די ביידע מחנות, עברית און יידיש. פון די פּנימער האָט געשטראַלט צופרידנקייט. ביי אייניקע אַ גרויסע הנאה. דאָס וואָס יידישע און העברעיִשע דיכטונג האָט זיך גע־פונען גלייכצייטיק אין דער זעלבער אכסניה איז געווען אַ כּבוד פאַר ביידע ליטע־ראַטורן. ווילט איר, זעט עס אויס ווי אַן עפּיזאָד. ווילט איר זיך טיפער פאַרטראַכטן, איז עס אַ דערפרייענדיקער צייטסימפּטאָם. איך וויל נישט אויסבאַהאַלטן, אַז ווען כ׳האָב אַזוי געשמאַק זיך איינגעהערט אין די דיכטערישע פערזן איז פאַר מיר אויפגעשווומען דאָס פייערלעכע בילד פון דער דערעפענונגס־זיצונג פון דער יידיש־קאָנפערענץ. ס׳איז אַ געהויבענער מאָמענט, ווען ביידע שפּראַכן באַגעגענען זיך מיט אַ שמייכל אויף זייערע פּנימער.

פאַראַן נאָך אייניקע מאָמענטן און טאַטן, וואָס קענען עדות זאָגן וועגן בעסערן קלימאַט פאַר דער יידיש־קולטור.

און איצט אַ פּאָר ביישפּילן וועגן די פּראָיעקטן וועלכע זאָלן דינען פאַר פיל לענדער ווי אַן אויפברויז פאַר דעם אינטערעס צו יידיש־קולטור. איינער פון די פּראָיעקטן וואָס האָט אָנגעהויבן רעאַליזירט צו ווערן איז די אויסשטעלונג וועגן יידישער און העברעיִשער שאַפונג אין דער נאַצי־תּקופה, ד.ה. אין די סאַמע שווידערלעכסטע מאָמענטן אינעם לעבן פון יידישן פאָלק. דער פּראָיעקט וועט דורכגעפירט ווערן צוזאַמען מיט דער לייטונג פון „יד ושם״. די אויסשטעלונג וועט זיין באַגלייט מיט אַ סימפּאָזיום וועגן דער יידיש־קולטור אין דער תּקופה פון דער שואה. לויטן פאָרויסגעזעענעם פּלאַן וועט די אויסשטעלונג דערעפנט ווערן אין ישראל אין פּסח־צייט 1978 און וועט שפּעטער דורכגעפירט ווערן אין 8—10 לענדער מיט גרעסערע יידישע קהילות. אַרום דער אויסשטעלונג דאַרף קאָנצענטרירט ווערן די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג. מ׳וועט זאָרגן, אַז אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג זאָל באַזוכן די אויסשטעלונג און זען די דער־שיטערנדיקע מאַטעריאַלן, וואָס באַווייזן, אַז אין די סאַמע טונקעלע מאָמענטן פון

אונדזער געשיכטע איז נישט פֿאַרלאָשן געוואָרן דער ניצוץ פֿון ייִדישער שאַפֿונג. אַזאַ אויסשטעלונג וועגן ייִדיש אין שואה איז אַ געוואַלדיק מיטל צו פֿאַרטיפֿן אונדזער צוגעבונדנקייט צו דער ייִדישער קולטור.

נאָך איין ביישפּיל: דאָס וועלט־ביוראָ האָט אונטערגענומען אַן איניציאַטיוו צוצוגרייטן אָדער פֿאַרפּולקאָמען ייִדישע לערער. ס'וועט געשאַפֿן ווערן אַ סעמינאַר אין וועלכן ס'וועלן זיך אין משך פֿון אייניקע חדשים פֿאַרפּולקאָמען פֿיל לערער וואָס בויטיקן זיך אין אַ צוגאָב־שטודיום. גלייכצייטיק מיטן סעמינאַר ווערט אויך צוגעגרייט אַ פּראָיעקט פֿאַר צוגרייטן ייִדיש־לערער. דער פּראָבלעם פֿון גוט צו־געגרייטע לערערס איז איינע פֿון די הויפּט־פּראָגן פֿון דער ייִדיש־דערציִונג אין די שולן, ווו ס'איז פֿאַראַן אַ מאַנגל אין גוטע לערער פֿאַר ייִדיש. ווען דער פּרוּוו וועט געלונגען, וועט עס זיין אַן אָנהויב פֿון אַ ריכטיקער לייזונג פֿאַר די פּראָב־לעמען פֿון ייִדישער דערציִונג, וועלכע איז אין מיינע אויגן איינע פֿון די וויכטיקסטע זיילן פֿון דער ייִדיש־קולטור.

מיר האָבן דאָ געבראַכט נאָר אַ פּאָר ביישפּילן פֿון אַלגעמיינע פּראָיעקטן. אַנדערע פֿאָרשלאָגן זענען נאָך אין עמבריאָנאַלן צושטאַנד. אַזוי למשל די שריט צו שאַפֿן אַ ייִדיש קונסט־טעאַטער. דער פֿאָרשלאַג וועלכער האָט אַרויסגערופֿן פֿיל ענטוזיאַזם ביי דער לייטונג פֿון „הבימה" אַ גוטער ווילן צו העלפֿן, אָבער מען שטויסט זיך אָן אויף שוועריקייטן.

אויך דער פּראָיעקט צו שאַפֿן דעם ביכער־קלוב פֿאַרן בעסטן ייִדישן בוך האָט געמאַכט זיינע ערשטע שריט צו דער פֿאַרווירקלעכונג. אָבער די זאַך בייטיקט זיך אין פֿיל באַמיאונגען צו דערגרייכן אַז אַ גוטער כתב־יד פֿון אַ ייִדישן שרייבער זאָל געדרוקט ווערן און פֿאַרשפּרייט ווערן. דער וועלטראַט וואָס וועט אַנטשטיין וועט מוזן זאָרגן פֿאַר דער אויספֿירונג פֿון דעם וויכטיקן פּראָיעקט.

מ'דאַרף נאָך דערמאָנען, אַז דאָס רעאַליזירן די אַלגעמיינע פּראָיעקטן פֿון דער ייִדישער קולטור־טעטיקייט איז ענג געבונדן מיט דער פֿראַגע פֿון פֿינאַנסירונג. מען טאָר נישט לייקענען, אַז איינע פֿון אונדזערע שוואַכקייטן — פֿון דער ייִדיש־מחנה — איז איר קבצנסטווע און די גאָר מאָגערע מיטלען. מיר האַלטן פֿאַר גאָר וויכטיק אַרויסצורופֿן אינטערעס אין פֿאַרשיידענע קרייזן ביי די ייִדישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, פֿונדאַציעס און אויך ביי די לייטונגען פֿון די ייִדישע קהילות, אַז זיי זאָלן זיך באַציִען צו דער ייִדיש־קולטור ערנסט און מיט רעספּעקט. דאָס קען געשען, ווען מיר וועלן פֿאַר די דאָזיקע פֿאַקטאָרן ברענגען פּלענער און פּראָיעקטן, וועלכע וועלן באַווייזן, אַז די ייִדישע קולטור־אַרבעט איז פֿון גרויסער נאַציאָנאַלער וויכטיקייט און נישט קיין ווינקל־זאַך וועלכער מען דאַרף צוואַרפֿן אַ ביינדל. מען מוז זאָגן, אַז די לייטונג פֿון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס איז געווען די ערשטע נאָך דער וועלט־קאָנפֿערענץ פֿאַר ייִדיש, וואָס האָט וואַרעם אָפּגעשאַצט די אויספֿירונגען פֿון דער קאָנפֿערענץ און באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע מיט־צואַרבעטן און באַטייליקן זיך אין פֿינאַנסירן פֿאַרשיידענע ייִדיש־פּראָיעקטן. דער

קולטור־דעפּאַרטמענט פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון דעם וועלט־ביוראָ פון ייִדיש און ייִדיש־קולטור האָבן אויסגעאַרבעט אויס־פירלעכע אַרבעט־פּלענער פון אַ בודזשעט. דאָס אָבער איז בלויז דער ערשטער שריט. מיר מוזן געפינען נאָך וויכטיקע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זאָלן ווערן שותּפים און פינאַנסירן אַ גרויס פּאַרמאַסטענע טעטיקייט פון ייִדיש־קולטור. דערצו דאַרפן אויך זיין גרייט פירנדיקע פריינד פון ייִדישער קולטור אין פאַרשיידענע לענדער.

דער ציל פון מיינע באַמערקונגען איז נישט צו באַרויִקן, אָדער שאַפן דעם איינדרוק, אַז מיר דאַרפן זיין צופרידן. פאַרקערט, דער עיקר איז ביי מיר די איינ־שטעלונג, אַז ווען מע טוט איז פאַראַן אַ רעזולטאַט. מען דאַרף טאָן, מען דאַרף זאַמלען פון אַלע טיילן פון דער וועלט, פון יעדן ווינקעלע די יעניקע וואָס ס'אַרט זיי דער גורל פון דער ייִדיש־קולטור. טראָץ אַלע שוועריקייטן קען מען דערגרייכן, אַז פון אַ ניצוץ זאָל זיך צעפלאַקערן אַ פלאַם אויף די פעלדער פון דער ייִדישער קולטור, אַ פלאַם וואָס זאָל צעוואַרעמען די ייִדישע נשמה, שטאַרקן דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן שטאַם, וועלכער געפינט זיך די לעצטע יאָרן אין אַ באַדראָענדיקער און צעבושעוועטער וועלט.

יולי 1977

ראָזענטאַליאַנאַ

(רייזע־איינדרוקן פון אַמסטערדאַם)

מיין באַזוך אין דער באַקאַנטער אַמסטערדאַמער ביבליאָטעק „ראָזענטאַליאַנאַ", איז פאַרבונדן מיט דעם פאַרשלאַג צונויפצורופן אין פאַריז סוף יאָר אַ רעגיאָ־נאַלע קאָנפערענץ פון ייִדישע קולטור־פאַקטאָרן. כ'האָב געהאַלטן אַז ס'איז ראוי, אַז אויף אַזאַ קאָנפערענץ זאָל געהערט ווערן עפּעס וועגן דעם גרויסן ייִדישן קולטור־אוצר, וואָס געפינט זיך אין דער אַמסטערדאַמער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק, ווי אַ זעלבסטשטענדיקע איינהייט אונטערן נאָמען „ראָזענטאַליאַנאַ".

כ'האָב קיין מאָל נישט באַזוכט די דאָזיקע ביבליאָטעק, געהערט אָבער וועגן איר אַ סך שבחים. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז זייענדיק אין אַמסטערדאַם, האָט מיך געצויגן צו פאַרברענגען אַ ביסל צייט אין דער ביבליאָטעק.

ביי אַן אָנגענעמען וועטער, אָנהייב מערץ, בין איך מיטאָגצייט אַריינגעקו־מען אין בנין און גלייך געוואָרן איבערראַשט פון גרויסן טומל פון די הונדערטער סטודענטן, וועלכע האָבן זיך דאָ געזאַמלט אַרום דער סטודענטן־קאַנטינע. תּחילת בין איך געווען זיכער, אַז כ'האָב פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ פרעמדן אַדרעס. נאָר ווען כ'האָב געפרעגט דעם וועכטער ווו ס'געפינט זיך די „ראָזענטאַליאַנאַ", האָט ער מיר געענטפערט: אויפן צווייטן שטאָק. ער האָט זיך פאַרבונדן מיטן לייטער פון דער ביבליאָטעק און אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז אַראָפּגעקומען אַ יונגערמאַן, האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען א. אָפּענבערג און זייער העפלעך מיך איינגעלאַדן אין זאַל פון דער ביבליאָטעק. געמיינט האָב איך, אַז דער הויפּט־לייטער ד"ר ל. פוקס געפינט זיך אויבן. אַריינקומענדיק אין גרויסן לייען־ און שטודיר־זאַל האָב איך אָנגעטראָפן אַ צווייטן באַאַמטן פּ. האַגעוואָרט. ביידע האָבן זיך פאָרגעשטעלט ווי די לייטערס פון דער ביבליאָטעק. כ'בין געווען אַ ביסל אין אַ פאַרלעגנהייט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ד"ר ל. פוקס איז שוין 3 יאָר פּענסיאָנירט און אַז די ביידע, זיינע געוועזענע אַסיסטענטן, טראָגן איצט די אחריות פאַר דער לייטונג פון דער „ראָזענטאַליאַ". ביידע זענען זיי קריסטן. ס'איז אויסטערליש, אַז פאַרן גרעסטן ייִדישן קולטור־צענטער אין אייראָפּע האָט מען לײדער נישט געקענט געפינען קיין קאָמפּעטענטן ייִדישן לייטער. דאָס זאָגט עדות וואָס ס'קומט פאָר אין די קליינע ייִדישע קהילות אין מערב־אייראָפּע.

אין זייער שמועס מיט מיר האָבן די קריסטלעכע לייטערס פון „ראָזענטאַליאַ" אַרויסגעוויזן אַ סך בקיאות אין די גרויסע אוצרות, וואָס זענען אָנגעזאַמלט אין דער ביבליאָטעק. זיי האָבן מיר געוויזן וויכטיקע ווערק און געלייענט ייִדישע און העברעיִשע טעקסטן. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען צוויי זייער ערנסטע

יונגעלייט, וועלכע היטן אָפּ מיט רעספּעקט די ייִדישע און העברעיִשע קולטור־אוצרות. זיי זענען אויך אינפאָרמירט וועגן די לויפנדיקע ייִדישע קולטור־פּראָבּלעמען. זיי האָבן געוווּסט אויספירלעך וועגן דער ייִדיש־קאָנפערענץ אין ירושלים און געבעטן צו באַקומען אַלע מאַטעריאַלן אַרום איר.

און אַט זענען עטלעכע ממש פּאַרכאַפּנדיקע פּרטים וועגן דעם אַנטשטיין פון דער ביבליאָטעק, אַזוי ווי זיי זענען מיר איבערגעגעבן געוואָרן דורך דעם לייטער אָפּענבערג.

דער גרינדער פון דער ייִדישער ביכער־ און דאָקומענטן־זאַמלונג איז געווען לייזער ראָזענטאַל (1794—1868), אַ באַקאַנטער ביבליאָפיל און ביבליאָגראַף, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל נאַשעלסק (פוילן), געלערנט אין דייטשלאַנד און דערנאָך געוואָרן רב אין האַנאָווער. גאָר פרי האָט ער אָנגעהויבן צו זאַמלען ווערטפולע ביכער אין העברעיִש, אין ייִדיש און אין אַנדערע שפּראַכן אויף ייִדישע טעמעס, אַזוי איז ער דערגאַנגען צו אַן ערך 6000 ביכער, 32 ייִדישע כּתבֿי יד, אַ ריי אינקונאַבעלן ווי אויך אַ סעריע זעלטענע ייִדישע ביכער. אין יאָר 1857 האָט לייזער ראָזענטאַל אַליין צוגעגרייט אַ קאַטאַלאָג פון זיינע קאָלעקציעס אונטערן נאָמען „יודע ספר", וואָס האָט אַרומגענומען 2.500 איינסן. נאָכן טויט פון לייזער ראָזענטאַל אין יאָר 1868 האָט זיין זון זשאָרזש באַשטעלט ביים באַקאַנטן אַמסטערדאַמער ביבליאָגראַף מ. ראָסט אַן אויספירלעכן קאַטאַלאָג פון זיין פאָטערס קאָלעקציע, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1875 צוזאַמען מיטן קאַטאַלאָג („יודע ספר").

אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט דער זון זשאָרזש ראָזענטאַל געהאַלטן, אַז אַזאַ ייִדישער קולטור־אוצר דאַרף זיך געפינען אונטער אַ געזעלשאַפטלעכער אָנפירונג. ער האָט זיך געוואָנדן צום דייטשן קאַנצלער ביסמאַרק און אים פאָרגעשלאָגן, אַז ער וויל שענקען די גרויסע ייִדישע ביבליאָטעק דער קייזערלעכער ביבליאָטעק אין בערלין בתנאַי מ'זאָל אָפּהיטן די קאָלעקציע ווי אַ זעלבסטשטענדיקע איינהייט אויפן נאָמען פון ראָזענטאַלן. ביסמאַרק האָט דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן, ווייל די קייזערלעכע ביבליאָטעק אין בערלין קען נישט אָננעמען די באַדינגונגען פון זשאָרזש ראָזענטאַל. ס'איז איבעריק צוצוגעבן וואָסערע מאָטיוון ס'האָבן געשטעקט הינטער דער דאָזיקער תּשובֿה.

אין יאָר 1880 האָט זיך זשאָרזש ראָזענטאַל געוואָנדן מיט אַן ענלעכן פאָרשלאָג צו דער מוניציפּאַליטעט און צו דער אוניווערסיטעט פון אַמסטערדאַם. זיין פאָרשלאָג איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס צופרידנהייט און די ביבליאָטעק „ראָזענטאַליאַנאַ" געפינט זיך ביז היינט אין אַ באַזונדערן טייל פון דער אַמסטערדאַמער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק ווי אַ זעלבסטשטענדיקע איינהייט.

מיטן אַריינטריט אין דער אַמסטערדאַמער מוניציפּאַליטעט און אין אוניווערסיטעט, איז די ביבליאָטעק פאַרזאָרגט געוואָרן מיט אַן ערנסטער לייטונג פון ערשטראַנגיקע ביבליאָגראַפן און קענערס פון ייִדישע קולטור־ווערטן. צווישן די

פּראָמינענטע ליטעראַטן פֿון דעם „ראָזענטאַליאַנאַ" זענען געווען: מאיר ראָסט, י.מ. היללעזום, ל. הירשל, ד"ר י.ל. זעליגמאַן און דערנאָך ד"ר ל. פוקס. די דאָזיקע אָנגעזעענע ביבליאָגראַפֿן האָבן די „ראָזענטאַליאַנאַ" שטאַרק אַנטוויקלט.

ליידער דאַרף מען דערמאָנען, אַז די נאַצי־אָקופּאַנטן האָבן אין יאָר 1940 געפּרוווט פֿאַרניכטן די ביבליאָטעק און נאָר דורך אַ נס איז זי אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. אַ גרויסער טייל פֿון איר איז שוין טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין דייטש־לאַנד לויטן באַפֿעל פֿון ראָזענבערגן, כּדי איבערגעשיקט צו ווערן צום אינסטיטוט פֿאַר פֿאָרשונג פֿון דער ייִדן־פֿראַגע. אָבער צום גליק איז דער טראַנספּאָרט קיין מאָל נישט אָנגעקומען אין נאַצישן אינסטיטוט. נאָך דער מפּלה פֿון די נאַציס איז אַ גרויסער טייל פֿון די ביכער צוריקגעבראַכט געוואָרן אין דער „ראָזענטאַליאַנאַ" און אין נאָוועמבער 1946 איז דאָס פֿונקציאָנירן פֿון דער ביבליאָטעק באַנייט געוואָרן. זינט דעמאָלט האָט זיך די „ראָזענטאַליאַנאַ" שטאַרק אַנטוויקלט און איז געוואָרן אַ וויכטיקער קולטור־צענטער פֿאַר דער העברעיִשער און ייִדישער שפּראַך, וווּ ס׳קומען לייענען און אַרבעטן אַ סך פֿאָרשערס און קענערס.

פֿון די פּאָליצעס קוקן אַראָפּ זעלטענע ביכער און כּתבֿי יד אין העברעיִש און ייִדיש פֿון מיט אַ פֿיר־פֿינף יאָרהונדערט צוריק. פֿון יעדן ווינקעלע ווינקען אַרויס דערמאָנונגען און גרוסן פֿון פֿאַרגאַנגענע גרויסע קולטור־תּקופֿות אין ייִדישן לעבן. אָט איז אַ גרויסער כּתב יד — אַן איבערזעצונג פֿון תּנ"ך אין ייִדיש פֿון פֿריִער מיט 400 יאָר און מ׳דערפֿילט, קוקנדיק אויף אים, דעם גייסט פֿונעם עם הספר. עטלעכע ייִדישע כּתבֿי־יד זענען אויף ס׳ניי אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ דאַנק ד"ר ל. פוקס.

איך קוק און באַוווּנדער אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט און כ׳פֿרעג זיך צי די ברייטע קרייזן פֿון די היינטיקע ייִדישע אינטעלעקטואַלן ווייסן עפּעס פֿון דער „ראָזענטאַליאַנאַ", וואָס איז דאָך אויך זייער אוצר און כ׳פֿרעג זיך ווי אַזוי ברענגט מען צו זיי אונדזער ייִחוס־בריוו, אונדזער העברעיִשע און ייִדישע גייסט־ירושה?

ווען דער מדינה־פּרעזידענט יצחק בן־צבֿי ע"ה האָט דעם 16טן יולי 1958 באַזוכט אַמסטערדאַם, האָט ער געבעטן אײַנצואָרדענען פֿאַר אים אַ לענגערן באַזוך אין דער „ראָזענטאַליאַנאַ". די ביבליאָטעק האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע פּראַכטפֿולע בראָשור לכּבֿוד דעם באַזוך, וועלכע אַנטהאַלט צווישן אַנדערע אַ ליסטע פֿון די זעלטענע ביכער וואָס מען האָט פֿאַרגעשטעלט דעם חשובֿן גאַסט. ס׳איז געווען סימבאָליש, וואָס דער פּרעזידענט פֿון מדינת ישׂראל האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די צעוואָרפֿענע אוצרות ביכער און כּתבֿי יד וואָס געפֿינען זיך אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דער וועלט. איינער פֿון די ביבליאָטעק־ליטעראַטן דערציילט מיר וועגן דעם באַזוך און גיט צו, אַז דערמיט האָט די באַ־נייטע ייִדישער מדינה אויסגעדריקט אָנערקענונג די גרויסע גייסטיקע אוצרות וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט געשאַפֿן אויף זיין לאַנגן וואַנדערוועג. ער, דער נישט־ייִד, רעדט מיט ייִדישע געפֿילן וועגן דעם וואָס די „ראָזענטאַליאַנאַ" באַטייט

פֿאַר אונדז ייִדן און ער דערציילט מיט אַ באַזונדערן אינטערעס וועגן די צו־גרייטונגען וואָס ווערן געמאַכט צום 100־יעריקן יובילײ פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער „ראַזענטאַליאַנאַ" וואָס וועט פֿאָרקומען אין יאָר 1980, און וואָס וועט זיכער זײַן אַ גרויסער יום טוב פֿאַר דער ייִדישער קולטור אויף דער גאָרער וועלט.

פֿאַרן פֿאַרענדיקן מײַן אַנגענעמען און באַלערנדיקן באַזוך, זאָגט מיר דער לייטער, אַז ער וויל מיר אויך ווײַזן אויפֿן ערשטן שטאָק פֿון בנין אַן אײגנאַרטיקע אויסשטעלונג צו די 300 יאָר זינט דעם טויט פֿון ברוך שפּינאָזאַ. אין צוויי גרויסע צימערן זענען אויסגעשטעלט ביכער, כּתבֿי־יד און בילדער, וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן און דעם געראַנגל פֿון שפּינאָזאַ. דער גאַנצער מאַטעריאַל איז גענומען פֿון דער „ראַזענטאַליאַנאַ". כ'האָב מיך אַרומגעדרייט און זיך צוגעקוקט צו אַלע פּאַזן פֿון ברוך שפּינאָזאַס לעבן און שאַפֿן, באַקומען פֿון מײַן באַגלייטער פֿיל אויפֿקלערונגען, ווײַל אַ גרויסער טייל פֿון די אויסגעשטעלטע מאַטעריאַלן איז בלויז אין האָלענדיש. אָט איז אַ בילד פֿון גרויסן ייִדישן דענקער און גײַסטיקן רעוואָלוציאָנער, אָט זענען אַלע פּרטים פֿון דער פּאָרטוגעזישער שול, ווו מ'האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין חרם אַרײַן. אויף אַ טיש (אונטער גלאָז) — אַ העברעיִש־האָלענדיש בוך. דאָס איז אַ העברעיִשע גראַמאַטיק, וועלכע שפּינאָזאַ האָט גע־שריבן אין עבֿרית מיט אויסטײַטשונגען אין האָלענדיש. פֿון דעם איז צו דרינגען, אַז שפּינאָזאַ האָט געקענט גוט עבֿרית טראָץ דעם וואָס זײַנע ווערק האָט ער נישט געשריבן אין דער שפּראַך.

אַ סך מענטשן קומען באַזוכן די אויסשטעלונג און פֿאַראַן אויך אַ סך וואָס מאַכן זיך נאָטיצן פֿון די אויסגעשטעלטע ביכער. דאָס זאָגט עדות, אַז 300 יאָר נאָך זײַן טויט איז נאָך פֿאַראַן אַ טיפֿע פּיעטעט צום גרויסן ייִדישן דענקער פֿון אַמסטערדאַם.

ווען כ'בין אַרויס אויף דער גאַס און זיך צונויפֿגעמישט מיטן רעשנדיקן עולם גייערס, האָב איך מיר געטראַכט וויפֿל ייִדישע גײַסטיקע ווערטן געפֿינען זיך אין אָט דער שטאָט און ווי ווייניק מענטשן ביי אונדז ווייסן פּרטים דערפֿון. דעריבער איז געווען אַזוי פּאַסיק דער פֿאָרשלאַג, אַז ווען ס'וועט פֿאָרקומען אין פּאַריז די רעגיאָנאַלע ייִדיש־קולטור קאָנפֿערענץ פֿון אייראָפּע, זאָל "ראַזענ־טאַליאַנאַ" ווי געהעריק פֿאַרטרעטן און אָפּגעשאַצט ווערן.

אַפּריל 1977

ייִדיש אין אָקספאָרד

קיין לאָנדאָן בין איך אָנגעקומען אין מיטן נאָוועמבער. די טעג זענען געווען רעגנדיקע און נאַסע, אַפילו ווען דער רעגן האָט אַ ביסל אויפגעהערט, האָט אַלץ געראַסעט. אַן אומהיימלעך וועטער. אַזוי לעבן די לאָנדאָנער דאָס רוב חדשים אין יאָר און זיי האָבן זיך שוין דערצו צוגעוווינט און לייגן גאָרנישט אָפּ צוליבן רעגן.

אויך דער ייִדיש־פּאָליטישער קלימאַט איז נישט געווען קיין זוניקער. עס איז גראָד געווען אין די טעג ווען די צייטונגען זענען פול געווען מיט באַריכטן וועגן דער באַליידיקנדיקער און פאַררעטערישער האַלטונג פון די פיל פאָרשטייערס פון די פאַרשיידענע דעלעגאַציעס אויף דער „אונעסקאָ"־קאָנפערענץ, ווו די איבער־וויגנדיקע מערהייט, וואָס באַשטייט פון פאַנאַטישע, צוריקגעשטאַנענע אָדער צביעותדיקע לענדער, האָט באַשלאָסן אַרויסצוטרייבן מדינת ישׂראל, דעם עם הספר, פון דעם קולטור־צענטער פון די פאַראייניקטע פעלקער. איז טאַקע געווען קאַלעמוטנע אויפן הארצן. אפשר נישט אַזוי צוליבן בלייבן אויסער דער „אונעס־קאָ", ווי צוליבן געפיל פון בזיון און בושה פון דער מיאוסער וועלט אין וועלכער דעם ייִדישן פאָלק און מדינת ישׂראל קומט אויס צו לעבן.

גראָד אין איינעם פון אָט די קאַלעמוטנע טעג האָט צו מיר געקלונגען יעקב זאָנטאַג, דער רעדאַקטאָר פון „דזשואיש קוואָרטערלי", וואָס דערשיינט אין לאָנדאָן, און האָט צוזאַמען מיט ד"ר מאיר גערטנער מיר מיטגעטיילט, אַז כ'בין איינגע־לאַדן געוואָרן דורך פּראָפ. דוד פּעטערסאָן, דעם לייטער פון דעם העברעיִשן צענטער ביים אָקספאָרד־אוניווערסיטעט, אויף אַ וויזיט אין דעם צענטער, כּדי מיך צו באַקענען מיט דעם ייִדיש־לערנען אין אים.

ווען מיר האָבן זיך אויף צו מאָרגנס געלאָזן אין וועג אַריין, האָט זיך דער וועטער אַ ביסל אויסגעלייטערט, כאָטש ס'איז נאָך אומעטום געווען נאַסלעך. דער וועג פון לאָנדאָן קיין אָקספאָרד דויערט מיט אַן אויטאָ אַ ביסל מער פון אַ שעה. ווען מיר זענען אַרויס פון דער שטאָט, האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט אַ פּאַנאָראַמע פון גרינע פעלדער, אַלייען פוןביימער, בריקן און שאָסייען. כ'קוק זיך צו אויפמערקזאַם צו דעם גרויסן רייכטום פון דעם לאַנד און ס'באַגלייטן מיך פאַרשיידענע מחשבות: איך בין אַ זון פון אַ קליינער מדינה, איך טראַכט, אַז אויך אין דער נאַטור איז קיין יושר נישטאָ, ווייל די נאַטור־אוצרות האָבן גע־דאַרפט פאַרטיילט ווערן מיט מער גערעכטיקייט צווישן אַלע לענדער... און דערביי דערמאָן איך זיך, אַז טראָץ איר שפע, שטייט ענגלאַנד פאַר דער סכנה פון אַ שרעקלעכן עקאָנאָמישן קריזיס.

אונדזער שמועס בעת דער נסיעה איז טיילווייז געווידמעט די פראַגן פון דער ייִדישער קולטור אין די גלות־לענדער. ד"ר מאיר גערטנער, וועלכער האַלט זײַנע לעקציעס אין העברעיִשן צענטער פון אָקספאָרד אויף דער טעמע: „די מאָדערנע העברעיִשע פּאָעזיע", באַמערקט, אַז מען דאַרף זוכן נײַע מעטאָדן ווי איבערצוגעבן דעם יונגן דור דעם אינהאַלט פון דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור און אַרויסברענגען בעיקר די אוניווערסאַלע ווערטן פון די שאַפונגען פון די דאָזיקע ליטעראַטורן. מען דאַרף זיך היטן, זאָגט גערטנער, נישט פאַר־וואַנדלען דאָס לערנען פון דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך אין אַ פּראָווינציעלן שטייגער. פאַראַן בײַ אונדז גרויסע אוצרות גײַסטיקע און ליטעראַרישע, וועלכע קענען צוציִען דעם יונגן אינטעלעקטועלן ייִדן אויב מיר וועלן געפינען דעם ריכטיקן וועג דערצו.

ווען מען קומט צו קיין אָקספאָרד, דערפילט מען גלייך דעם אוניווערסיטעט, ווו סטודענטן פון דער גאַרער וועלט פאַרברענגען זייער צײַט. יאָרהונדערטער אַלטע שטיינערנע געביידעס, אינעווייניק גרויסע הייף גרין באַגראָזטע און בײַ די זײַטיקע אײַנגאַנג — ריזיקע פלעצער פאַר סטודענטן. אין די געביידעס — גרויסע לערן־צימערן, צימערן פאַר דער קאַנצעלאַריע, ביבליאָטעקן ווי אויך צימערן פאַרן פּענסיאָן פון די תּלמידים. דער אויסזען פון די וווינונגען, חוץ זייער אַלט־קייט, איז אַ זייער באַשיידענער. דעם רוב געביידעס האָט אַמאָל אויסגעבויט די קירכע און דאָ האָט די עליטע פון דער געזעלשאַפט באַקומען איר דערציִונג. הײַנט איז עס אַן אינטערנאַציאָנאַלע פעסטונג פון אוניווערסיטעט־בילדונג.

אין איינער פון די געביידעס געפינט זיך די קאַנצעלאַריע פון „היברו סענ־טער". פּראָפ. דוד פּעטערסאָן, וועלכער פירט אָן מיט דעם „היברו סענטער" איז אַ מענטש אין די פופציקער יאָרן. ער נעמט אונדז אויף זייער פרײַנדלעך. ער איז צופרידן, זאָגט ער, זיך צו טרעפן מיט אונדז און איז זיכער, אַז מיר, אַלס פאַר־שטייערס פונעם קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל, וועלן אַרויסווייזן פיל אינטערעס פאַר דעם נײַעם פּרוו וואָס מען האָט אָנגעהויבן די לעצטע פאַר יאָר: אַרײַנפירן בײַם „היברו סענטער" אין אָקספאָרד אויך אַ קורס פאַר דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. פּראָפ. פּעטערסאָן שטרײַכט אונטער, אַז די לייטונג פון דעם „היברו סענטער" איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויב מען וויל געבן אַן ערנסטן קורס וועגן יודאַיִזם מוז מען אַרײַננעמען אויך דאָס שטודירן די ייִדישע קולטור. מיט צופרידנקייט זאָגט ער, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן אין פאַרגאַנגענעם יאָר און האָבן אײַנגעלאַדן פּראָפ. חנא שמערוק פון ירושלימער אוניווערסיטעט, ער זאָל עפענען מיט אַ קורס וועגן ייִדישער ליטעראַטור. הײַנטיקס יאָר, 1974, האָבן זיי באַשטימט מען זאָל אויך לערנען די ייִדישע שפּראַך און דערצו איז אײַנגעלאַדן געוואָרן אויף אַ יערלעכן קורס ד"ר חוה טורניאַנסקי פון ירושלימער אוניווערסיטעט. דערציילט ד"ר טורניאַנסקי וועגן גרויסן אינטערעס וואָס די שי־לערס, 18 אין צאָל, ווייזן אַרויס בײַם לערנען די ייִדישע שפּראַך, וואָס איז דער

יסוד, אַז די שילערס וועלן אַרויסווייזן אינטערעס צו לערנען ייִדישע ליטעראַטור. די ייִדיש־קורסן ווערן דורכגעפֿירט אין די ראַמען פֿון העברעיִשן צענטער, וועלכער איז אַ טייל פֿון דעם פֿאַקולטעט פֿאַר אָריענטאַלישע שטודיעס ביים אָקספֿאָרד אוניווערסיטעט.

אין דער געביידע קומען פֿאָר די קורסן פֿאַר ייִדיש ווי אויך פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור. מען גיט אונדז דעם פּראָגראַם פֿון דעם פֿאַקולטעט פֿאַרן יאָר 1974 מיט אַלע פּאַרויסגעזועצנע לעקציעס, לעקטאָרן און שעהען. אין דער רובריק פֿון „נאָענטן מזרח און יודאַיִזם" זענען באַצייכנט דאָס לערנען אַקאַדיש (באַבילאָנישע כראָנאָלאָגיע און טעקסטן), עגיפּטיש און קאָפּטיש; העברעיִש (אין דער רובריק זענען אָנגעמערקט לעקציעס וועגן איוב, תּהלים, רש"י, ח. נ. ביאַליקס הלכה ואגדה, מאָדערנע העברעיִשע פּאָעזיע א.אַז.וו. און צום סוף ייִדיש פֿאַר אָנפֿאַנגערס). נאָך אַ קורצער אויפֿקלערונג איז פֿאָרגעשלאָגן געוואָרן מיר זאָלן צופֿאָרן אין ספּעציעלע בנין פֿון „היברו סענטער", וועלכער איז לעצטנס פֿאַרזיכערט געוואָרן דורך אַ פֿונדאַציע. מיר זענען געפֿאָרן אַן ערך 20 מינוט און נאָך דעם ווי מיר זענען דורכגעפֿאָרן אַ לאַנגע אַלעע מיט הויכעביימער פֿון ביידע זייטן, האָבן מיר דערזען אַ גרויסע אַלטע שטיינערנע געביידע. די באַגלייטערס זאָגן מיר, אַז דאָס איז אַ ווילע וואָס האָט מיט 300 יאָר צוריק געהערט צו דער טשערטשילמשפּחה. אין גרויסן הויז זעט אַלץ אויס אַזוי רחבותדיק און ברייט, אַז דאָס אַליין רופֿט אַרויס רעספּעקט. אינעווייניק איז אַלץ לויטן אַלטן סטיל. ס'הענגען פֿיל בילדער אויף די ווענט. די טרעפּ צום צווייטן שטאָק זענען אַ האַלצפּאַרקעט פֿון נוסהאָלץ. אין יעדן ווינקל און אין יעדן שטול דערקענט מען די פּראַכט פֿון אַמאָל.

נאָך דעם מיטאָג ווערן מיר פֿאַרבעטן אין אויפֿנאַמזאַל פֿון „היברו־סענטער", וועלכער קען לייכט אַריינגעמען 100—120 פּערזאָן. מיר זעצן זיך אַלע אויס אין דער פֿאָרעם פֿון אַ רינג אין די טשערטשילאַנישע שטולן און הייבן אָן אַן אויסטויש פֿון מיינונגען וועגן דער לאַגע פֿון דער ייִדישער קולטור, וועגן דעם פּראָיעקט צו פֿאַרשטאַרקן דעם שטודיום פֿון ייִדיש אין אָקספֿאָרד. מען שטעלט אויך פֿראַגן וועגן דער טעטיקייט פֿונעם קאָמיטעט פֿאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל. פּראָפֿ. פּעטערסאָן באַמערקט, אַז אויב מ'וועט מצליח זיין מיט די ייִדישע קורסן אינעם „היברו־סענטער", איז עס אַ גרויסער אויפֿטו פֿאַר דער ייִדיש־קולטור אין אַלגעמיין, ווייל דער אָקספֿאָרד־אוניווערסיטעט האָט אַ צענטראַלן מעמד אין קולטור־גייסטיקן לעבן אין ענגלאַנד. ווען אָקספֿאָרד הייבט עפּעס אָן, דינט עס פֿאַר אַנדערע ווי אַ סטימול. דאָס לערנען אין אָקספֿאָרד יודאַיִזם און העברעיִש האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין 16טן יאָרהונדערט און האָט פֿאַרצייכנט וויכטיקע רעזולטאַטן. אין משך פֿון 300 יאָר זענען געשטאַנען אין שפּיץ פֿון דעם לערנען גרויסע געלערנטע.

די לייטונג פֿונעם „היברו־סענטער", וועלכע האָט מיט צוויי יאָר צוריק איינגעפֿירט דאָס שטודירן ייִדיש און די ייִדישע ליטעראַטור, וויל אויך פֿאַרזיכערן אַ

המשך, ד.ה. אַז יעדעס יאָר זאָלן די יידישע לעקציעס פאָרקומען. דערצו בייטיקן זיי זיך אין אַ צוגאָב־בודזשעט, נישט קיין גרויסן. אָבער ס׳דאַרפן זיך געפינען דרויסנדיקע יידישע פאַקטאָרן, וואָס זאָלן דעם דאָזיקן פּרווו אין אָקספאָרד־אוני־ווערסיטעט שטיצן. דאָס גלייכן נייטיקן זיי זיך אין אויפשטעלן ביי די יידישע קורסן אַ ספּעציעלע סעלעקציאָנירטע ביבליאָטעק פון די וויכטיקסטע יידישע ביכער וואָס זענען די לעצטע צענדליק יאָר דערשינען. פּראָפ. פּעטערסאָן האַלט, אַז דער קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישׂראל וואָלט געקענט דערביי העלפן. דאָס פאַרפעסטיקן די אָנגעהויבענע זאַך אין אָקספאָרד וועט זיין אַ וויכ־טיקער צושטייער פאַרן פּרעסטיזש פון דער יידישער קולטור.

כ׳וויל נישט לייקענען, אַז דער גאַנצער ענין האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, וואָס עס קומט פאַר אין די איצטיקע בייזע טעג אַרום מדינת ישׂראל, האַלט מען דאָ, אַז אַ ישׂראלדיקער פאַקטאָר, וואָס שטיצט יידישע קולטור, קען פיל בייטראָגן אין פאַרשיידענע קרייזן, אַז מען זאָל העלפן פאַרטיפן דאָס לערנען פון יידיש אין דעם גרויסן אוניווערסיטעט־צענטער פון אָקספאָרד.

ווען מיר פאַרענדיקן אונדזער שמועס זאָגט צו מיר ד״ר מ. גערטנער, אַז זייענדיק אין אָקספאָרד וואָלט גוט געווען, כ׳זאָל באַזוכן די באָדלעיאַנאַ ביבליאָ־טעק, ווו ס׳געפינען זיך גרויסע העברעיִשע און יידישע קולטור־אוצרות פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער. מען דאַרף דערצו באַקומען אַ באַזונדערע דערלוי־בעניש. כ׳בין גערן געפאָרן זען די באָדלעיאַנאַ ביבליאָטעק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1602. פאַרנדיק אַהין, ווער איך געוויר, אַז דער גרינדער פון אָט דער ביבליאָטעק איז געווען סער טאָמאָס באָדלע, אַן ענגלישער דיפּלאָמאַט און גרויסער ביבליאָפיל. ער האָט געלערנט העברעיִש אין דער צייט פון זיינע שטו־דיום־יאָרן און געהאַט אַ וואַרעמע באַציִונג צו די יידישע קולטור־ווערטן. ער האָט געזאַמלט די וויכטיקסטע העברעיִשע ביכער און כתב־ידן און האָט אַריינ־געלייגט אין זיין העברעיִשער קאָלעקציע אַלע זיינע מיטלען. ווען ער האָט חתונה געהאַט דאָס צווייטע מאָל מיט אַ רייכער אַלמנה, האָט ער זי איבערצייגט ממשיך צו זיין די ביבליאָפילישע ליבע פון די יידישע אוצרות. ער האָט געלייגט דעם יסוד פון אַ גרויסער קולטור־זאַמלונג און צוליב דעם טאַקע הייסט די ביבליאָ־טעק באָדלעיִאַנאַ.

נאָך קורצע פאָרמאַליטעטן באַגלייט אונדז ד״ר מאַי, דער איצטיקער דירעק־טאָר פון דער באָדלעיאַנאַ־ביבליאָטעק. ער איז זייער העפלעך און צוגענגלעך אין געבן זיינע אויפקלערונגען וועגן די אוצרות וואָס געפינען זיך אין דער וויכטיקער ביבליאָטעק. מיר גייען אַראָפּ טרעפּ און עס עפענען זיך פאַר אונדז איינע נאָך די אַנדערע אייזערנע געשלאָסענע טירן ביז מיר קומען צו צו אַ ריי אייזערנע שאַפעס אין וועלכע ס׳געפינען זיך ספּעציעלע ביכער פון באַזונדערע זאַמלונגען,

כתב־ידן, אַלע געבונדן, אַלע קאַטאַלאָגירט, אַלץ לויט אַ קפּדנישע שיטה. אַט שטעלט זיך אָפּ דער באַגלייטער און זאָגט אונדז: „דאָ געפֿינען זיך וויכטיקע כּתבי יד פֿון דער גניזה פֿון קאַהיראָ". מיר נעמען אַרויס אַ בוך פֿון דער ריי און ווען מען עפֿנט אויף דעם באַנד, זעען עס טיילן פֿון פֿאַרשיידענע כּתבי יד. דו בלע־טערסט, לייענסט אייניקע שורות און עס באַגלייט דיך אַ רעספּעקט פֿאַר די יצירות פֿון עם הספר. און אַט גייען מיר איבער צו אַנדערע שענק. דאָ געפֿינט זיך די זאַמלונג פֿון ביכער און כּתבי יד פֿון באַקאַנטן רב דוד בן אברהם אָפּענ־היינער פֿון מערן (מאָראַוויע), וועלכער האָט שוין פֿון ענדע 17טן יאָרהונדערט ביזן מיטן 18טן יאָרהונדערט געזאַמלט העברעיִשע און יידישע כּתבי־יד. ער פֿלעגט אַרומפֿאָרן איבער ווייטע שטעט, כּדי צו זוכן קולטור־אוצרות. זיין ביכער־זאַמלונג איז געווען באַוווּסט און נאָך זיין טויט איז זי אָפּגעהיט געוואָרן. זיינע יורשים האָבן די זאַמלונג פֿאַרקויפֿט צו דער באָדלעיאַנאַ־ביבליאָטעק און דאָס האָט געגעבן דעם העברעיִש־יידישן טייל אַן אַנטשיידנדיקן ווענדפּונקט.

כ'שטיי באַצויבערט פֿאַר די אוצרות וואָס מען באַווייזט מיר פֿון דער דאָזיקער זאַמלונג. דער יידישער געניוס באַהאַלט זיך אויס צווישן טאָוולען פֿון די אַלע קאַטאַלאָגירטע ביכער און כּתב ידן. אַזוי שפּאַצירן מיר צווישן די רייען וואָס אַנט־האַלטן די גייסטיקע שאַפֿונגען פֿון לאַנגע דורות. אַט שטעלט זיך אָפּ ד"ר מאַי און זאָגט: „כ'וויל אייך ווייזן אַן אייגנאַרטיקן מחזור". ער גייט צו צו אַ שראַנק און נעמט אַרויס מיט שוועריקייט אַ זייער גרויסן און דיקן ספר. דאָס איז דער מחזור פֿון אַרכיבישאָף וויליאַם לאַאוד'ס זאַמלונג, ס'איז אַן אייגנאַרטיקער מחזור. יעדער עמוד איז פֿול מיט קאָלירטע צייכענונגען, יעדע תּפֿילה אייגנאַרטיק געשריבן און געצייכנט. ס'איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן אַזאַ מחזור אין די הענט פֿון אַן אַרכי־בישאָף. פֿון די עקן פֿון די בלעטער אין מחזור זעט מען, אַז ס'איז אַ גענוצטער מחזור און נישט נאָר אַ ספר פֿאַר באַפּוצונג. דו בלעטערסט דעם מחזור פֿון מיט 500 יאָר צוריק און דיין עמאָציאָנעלן צושטאַנד באַגלייטן פֿאַרשיידענע פֿראַגעס אָן ענטפֿערס.

מיר זעצן פֿאָר און וואַרפֿן אַ בליק אין די סודות פֿון די פֿאַרגאַנגענע דורות. ס'איז אַוודאי אַ פּריווילעגיע אָנצוקוקן פֿון דער נאָענט אַזעלכע נאַציאָנאַלע אוצרות פֿון יידישן פֿאָלק, אָבער דאָס פֿאָדערט אַ גרויסע פֿאַרטיפֿונג, פֿאָרשונג, עפּעס לערנען פֿון דעם אַלעמען וואָס עס איז אין די פֿאַרגאַנגענע דורות געשאַפֿן גע־וואָרן.

ווען מיר פֿאַרלאָזן דעם קעלער פֿון דער ביבליאָטעק און גייען אַרויס אין דרויסן אויף דער לופֿט, פֿילן מיר זיך ווי מיר וואָלטן אַרויס אויף אַן אַנדער וועלט. אָבער אין גרונד, כּדי צו קענען נאָכגיין די לויפֿנדיקע ענינים פֿון דער אַקטועלער וועלט, איז אומבאַדינגט נייטיק צו וויסן און פֿאַרשטיין דאָס וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן און פֿאַרשטאַנען געוואָרן אין די פֿריערדיקע דורות. גייסטיקע פֿעדעם

ציִען זיך אומבאַמערקבאַר ווי בריקן צווישן די דורות כּדי צו פאַרזיכערן דעם המשך און דערמעגלעכן דעם פאָרשריט.

ווען אונזער אויטאָ פֿירט אונדז צוריק קיין לאָנדאָן, געפֿין איך זיך נאָך אַלץ אונטערן איינדרוק פֿון יִידיש אין אָקספאָרד און פֿון דעם אַלעמען וואָס כ׳האָב געהערט און געזען. אַ משונהדיק פאָלק אונדזערס. נישט געקוקט אויף די עוולות וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען און האָבן נאָך היינט אויסצושטיין מצד דער דרויסנדיקער וועלט, טליִעט אין אונדז דער אייביקער פונק פֿון נצח ישׂראל לא ישקר.

דעצעמבער 1974

אַ יום־טוב פאַר ייִדיש

אין די געצעלטן פון דער ייִדישער קולטור מעג אויפגיין אַ יום־טוב־שטימונג. דער טאָג י״ב אייר תשל״ו (12טער מאַי 1976), ווען דער בילדונגס־מיניסטער פון ישׂראל, אהרן ידלין, האָט צונויפגערופן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, זי זאָל באַשליסן צו אָנערקענען ייִדיש אַלס אויסוואַל־קעגנשטאַנד ביי די מאַטורע־עקזאַמענס אין די מיטל־שולן פון מדינת ישׂראל. וועט זיכער פאַרשריבן ווערן אַלס אַ געהויבענער טאָג פאַר ייִדיש און פאַר אירע גרויסע שאַפונגען, וואָס האָבן פאַר אונדז אַן אומגעהויערן נאַציאָנאַלן ווערט.

כ׳מוז זיך מודה זיין, אַז אויף דער דאָזיקער זיצונג האָט מיך באַהערשט אַ געפיל פון פרייד און שטאָלץ, וואָס מיר האָבן דערלעבט אַז אין ישׂראל זאָל ייִדיש באַקומען אַ בכבודיקן סטאַטוס, וואָס דאָס וועט אויך זיין אַ דערמוטיקונג פאַר די אַלע, וועלכע קעמפן פאַרן המשך פון אונדזער מאַמע־לשון. אין אַזאַ מאָמענט איז דערלויבט צו זיין אַ ביסל סענטימענטאַל, מחמת דעם וואָס גראָד אין ישׂראל ווערט געפּעסטיקט די שפּראַך וואָס האָט אַזוי פיל צוגעטראָגן צום גייסטיקן אוצר פון ייִדישן פאָלק.

ס׳מוז איצט געזאָגט ווערן, אַז מיט אַ יאָר צוריק, ווען דער קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל האָט זיך געוואַנדן צום בילדונגס־מיניסטער וועגן אָנערקענען ייִדיש אַלס אויסוואַל־קעגנשטאַנד, בין איך ווייט נישט געווען זיכער, צי דאָס וועט דערגרייכט ווערן נאָך פאַר דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר דער ייִדישער קולטור, וועלכע וועט פאָרקומען אין ירושלים. אמת, כ׳האָב געוווּסט, אַז זייט אַ געוויסער צייט קומען פאָר אונטערהאַנדלונגען אין בילדונגס־מיניסטעריום וועגן דעם ענין און אַז ס׳זענען וועגן דעם ענין פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען. ס׳האָט זיך אָבער נישט געגלויבט, אַז גראָד דאַן ווען ישׂראל לעבט איבער, אינערלעך און אויסערלעך, אַזעלכע שווערע טעג, וועט מען זיך קענען פאַרנעמען מיט דעם ענין. כ׳האָב אָבער דעם בטחון נישט פאַרלוירן און כסדר געשטויסן, אַז די זאַך זאָל קומען צו דער באַהאַנדלונג און צו אַ באַשלוס, ווייל די פראַגע פון צייט האָט דווקא אין דעם ענין געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. פיל האָבן צו מיר געטענהט: היתּכן, ווי אַזוי קען מען קומען מיט „ליידיקע הענט״ צו דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר ייִדישער קולטור, ווען מען פאַרבעסערט נישט די מערכה פון ייִדיש אין ישׂראל? אין מיינע אויגן איז עס טאַקע געווען אַן ערנסטע טענה, ווייל דער באַשלוס צו געבן ייִדיש אַן אָנגעזען פּלאַץ אין די ישׂראל־שולן איז נישט נאָר אַ דערגרייכונג פאַר אונדז דאָ אין ישׂראל, נאָר וועט אויך דינען ווי אַ סיגנאַל צו דערמוטיקן ייִדישע קהילות אין די תּפוצות ווו ייִדיש ווערט גערעדט און געלערנט.

ווען כ'בין אַרויס פון דער זיצונג האָב איך געהאַט דאָס געפיל אַז מען האָט היינט צוגעטראָגן דער יידישער שפּראַך אַ גרויסע אויסצייכענונג און מען האָט זי אָוועקגעזעצט ביים הויפּט־טיש, נישט נעבעכדיק נאָר בכבודיק ווי עס קומט איר. כ'באַדויער וואָס כ'פאַרמאָג נישט קיין דיכטערישן טאַלאַנט, כדי אַרויסצוברענגען די פרייד פון דער גאַנצער יידיש־משפחה מיטן צוטיילן די שוין לאַנג פאַרדינטע אָנערקענונג פאַר דער שפּראַך פון יידישן פאָלק. דאָס איז אין מיינע אויגן געגליכן צו אַ שטאָלצער מאַמע, וועלכע איז יאָרן לאַנג געווען פאַרנאַכלעסיקט דורך אירע קינדער וואָס האָבן זיך פון איר אָפּגעפרעמדט און האָט איצט צוריק באַקומען די אָנערקענונג און די וואַרעמקייט פון די אייגענע, באַגלייט מיט אַ גרויסן בוקעט בלומען. אין דעם פאַל איז דער בוקעט ישׂראלדיקע בלומען און די וואַרעמקייט גראַד געקומען פון אַ טייל „סאַברעס", ישׂראל געבוירענע, וואָס קענען נישט קיין יידיש, וואָס האָבן אָבער נשמהדיק געפילט, אַז ס'איז אַ נויטווענדיקייט צו דער־מוטיקן די שפּראַך און די וואָס רעדן און שאַפן אויף דער שפּראַך. דער באַשלוס צו אָנערקענען יידיש איז אויך דער סימבאָל פון היסטאָרישער פאַרשטענדיקונג צווישן עברית און יידיש, ער האָט אין אַ גרויסער מאָס אַ סוף געמאַכט צו אונ־דזער אַלטער שפּראַכן־מחלוקת.

אין די שעהן פון צופרידנקייט דאַרף געזאָגט ווערן אַ וואָרט צו אונדזערע אייגענע פריינד אין ישׂראל און אין די תּפוצות: די אָנערקענונג פון יידיש אַלס אויסוואַל־מאַטעריע אין די מיטלשולן אין ישׂראל לייגט אַרויף אויף די יידיש־אָנהענגערס אַ גרויסע פליכט. מען דאַרף אויסנוצן די רעכט און זאָרגן, אַז קודם כּל זאָלן זייערע אייגענע קינדער זיך פאַרשרייבן אין די יידיש־קלאַסן. אין ישׂראל זענען פאַראַן טויזנטער עלטערן, וועלכע ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן רעדן נישט נאָר עברית נאָר אויך יידיש. פאַראַן אין ישׂראל מער פון 20 יידישע קולטור־פאַראיינען, וועלכע פאָדערן מען זאָל דערלויבן צו לערנען יידיש אין די שולן. איצט איז געקומען די שעה פאַר טאָטן. זאָלן מיר אַלע באַווייזן, אַז מיר מיינען ערנסט און טוען עס ערנסט. איצט איז די גרויסע פּרווו־שעה פאַר יידיש.

אויך אין די תּפוצות דאַרף דער באַשלוס אַרויסרופן אַ טיפע עמאָציאָנעלע באַפרידיקונג. אומעטום דאַרף זיך אויפהויבן אַ באַנייטער שטראָם פון טעטיקייט פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון דער יידישער קולטור אין אַלע אירע פאָרמען און אויסדרוקן. זאָל מען אויך אין די תּפוצות שאַפן מעגלעכקייטן פאַר יידישע שול־קינדער זיי זאָלן לערנען יידיש און יידישע ליטעראַטור און זאָלן אויך אין די תּפוצות עלטערן חובבי־יידיש דערמוטיקן זייערע קינדער צום יידיש־לימוד.

כ'וויל נישט איבערטרייבן, כ'מיין אָבער אַז אויף דעם באַשלוס פון בילדונגס־מיניסטעריום אין ישׂראל קען מען זאָגן, אַז מציון תצא טיפע אָנערקענונג פאַר יידיש. זאָל דאָס טאַקע דינען פאַר אַ סטימול צו שטאַרקן די יידיש־קולטור אומעטום, זאָל אויך אין די יידיש־געצעלטן הערשן אַ יום־טוב.

ה.

פערזענלעכקייטן

— יוסף שפרינצאַק
— לוי אשכול — דער מאַן פון גרויסער שליחות
— אַ באַגעגעניש מיט האַרי טרומאַן
— פּראָפ. א. י. העשל — אַ גרויסער מזרח־איירּאָפּעיִשער ייִד
— זלמן שזר — דער פּרעזידענט פון מדינת ישׂראל און פון ייִדישן פאָלק
— אַריה פינקוס
— נחמן סירקינס דרך
— פנחס ספיר (שטריכן)
— באַגעגענישן מיט יעקב פיכמאַן
— אונדזער ווירקלעכקייט אין ליכט פון יעקב פיכמאַנס שאַפונג
— דב סדן (שטריכן)
א) צו זיין 70 יאָריקן יובל
ב) צו דער פייערונג פון 75 יאָר

יוסף שפּרינצאַק

(אַ ביסל זכרונות)

מיטוואָך נאָכמיטאָג, י״ט שבט תשי״ט (28סטער יאַנואַר 1959) איז אין ירושלים נפטר געוואָרן דער פאָרזיצער פון דער כּנסת יוסף שפּרינצאַק. דער פאַרשטאָרבענער איז געווען צווישן די באַליבטסטע און אָנערקענטסטע פּאָליטישע פיגורן אין דער מדינה; דער בויער פון ישׂראלדיקן פּאַרלאַמענטאַריזם און איינער פון די גע־טרייסטע זין פון דער ישׂראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז געווען באַשאַנ־קען מיט אַ טיפער חכמה און אַ שפּרודלדיקן הומאָר, דורך און דורך אויסגעבונדן מיטן יידישן לעבן. פאַר אַ סך פון די וואָס האָבן אים, פאַריתומטע און דערשיטערטע, באַגלייט צו זיין אייביקער רו, איז ער געווען אַ וועגווייזער, ווי אויך אַן אינטימער פריינד אין שווערע מאָמענטן. ער האָט אויך געקענט פאַרשטיין דאָס וואָס עס טוט ווי דעם צווייטן. ער איז באמת געווען אַ גרויסער מנהיג און אַ גרויסער מענטש.

ס׳וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז מחמת זיין אָנגעזעענעם מעמד און זיין אָפּטער צעשמייכלטקייט, האָט ער זיך נישט אָנגעשטויסן אויף קיין עגמת נפשן און אויף געזעלשאַפטלעכע שוועריקייטן. ער האָט אָבער געוווּסט ווי אַזוי אויס־צומיידן די דרויסנדיקע מאַניפעסטאַציע פונעם אויפברויז קעגן די עוולות וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן אים.

ער האָט געהאַט זיין אייגענעם וועג פון וועלכן ער האָט זיך נישט געלאָזט אַראָפּפירן אַפילו דורך די סאַמע גרעסטע תּקיפים. מיט זיינע ווערטן און מיט זיין מענטשלעכער זויבערקייט איז ער שטענדיק געבליבן יוסף שפּרינצאַק.

גייענדיק נאָך זיין אָרון, אין יענעם ווינטער־טאָג, האָבן אויפגעלעבט אין מיר אינטערעסאַנטע בילדער און זכרונות פון די פיל יאָרן פון אונדזער באַקאַנטשאַפט. נישט אַלץ קען מען שוין דערציילן, אָבער אַ בינטל זכרונות פון מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים איז כּדאַי איבערצוגעבן.

*

מיינע ערשטע באַגעגענישן מיט יוסף שפּרינצאַקן זענען פאָרגעקומען אין קע־שענעוו אין די יאָרן 1935—1936. אין יאָר 1935 איז ער געקומען קיין קעשענעוו נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון קרוב 30 יאָר. כאָטש ער איז געבוירן געוואָרן אין מאָסק־ווע און קיין קעשענעוו איז ער געקומען אַלס יונגער בחור מיט זיין משפּחה, האָבן אים די בעסאַראַבער יידן „אַדאָפּטירט״. דאָ איז ער אויסגעוואַקסן אין זיין געזעל־שאַפטלעכער קאַריערע און זיך דערוואָרבן אמתע אָנערקענונג אין גאַנץ בעסאַראַביע. דאָ האָט ער געלייגט דעם יסוד פון „צעירי ציון״ און צוזאַמען מיט חיים גרינבערגן

פאָרמולירט די פּלאַטפאָרם פון דער נייער באַוועגונג, ווי אויך אָנגעצייכנט דעם אידעיִשן וועג אירן. ער אַליין האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דער פאַרווירקלעכונג־אַרבעט און גאַר שנעל געוואָרן דער פירער פון דער ציוניסטישער יוגנט. ער איז חוץ לזה געווען באַליבט ביי דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג. די בעסאַראַבער ייִדן און בעיקר די „צעירי ציון" זענען געווען שטאָלץ מיט זייער פאָרשטייער אין דער צווייטער עליה, וואָס האָט מיט דער צייט פאַרנומען אַ צענטראַלן פּלאַץ אין דער ארץ ישׂראלדיקער פירערשאַפט.

איז טאַקע זיין באַזוך אין קעשענעוו מיט 30 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1935 פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן יום טוב פאַר דער ייִדישער און ציוניסטישער סביבה. מען האָט אים אויפגענומען מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט, אַז ער האָט דאָס יאָרן־לאַנג דערמאָנט פאַר זיינע פריינד אין ארץ ישׂראל.

זיין שליחות קיין בעסאַראַביע איז געווען פאַרבונדן מיט אָרגאַניזירן די איינ־הייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך אָבער אויך נאָענט פאַראינטע־רעסירט מיט דער לאַגע פון דער „צעירי ציון"־פּאַרטיי און אירע באַציִונגען מיט דער „פּועלי ציון"־פּאַרטיי. גראַד אין דער צייט ווען ער איז געקומען קיין בעסאַ־ראַביע איז פאָרגעקומען אַן ערנסטער סיכסוך צווישן דעם סניף פון „צעירי ציון" אין בעלץ מיטן מרכז אין קעשענעוו, אַ קאָנפליקט, וועלכער האָט געקענט צע־רודערן די בליִענדיקע באַוועגונג, וואָס איז געווען דער הויפּטזייל פון ציוניזם אין בעסאַראַביע.ביידע צדדים זענען געווען שטייף און עקסטרעם. שפּרינצאַק האָט באַשלאָסן זיך אַריינצומישן. ער איז אַראָפּגעפאָרן קיין בעלצי, כדי זיך דורכצו־צושמועסן מיט די דאָרטיקע חברים. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער געווען זייער צערודערט און ער האָט נישט געקענט משלים זיין מיט דעם, אַז בעת עס ווערן געמאַכט אַזעלכע גרויסע אָנשטרענגונגען אויפן ארץ ישׂראלדיקן פראָנט, גיט זיך די אָרטיקע ציוניסטישע אַרבעטס־פּאַרטיי אָפּ מיט זייטיקע שטרייטי־קייטן. נאָך אַ פּאָר באַראַטונגען מיט די קעשענעווער צעירי ציון־חברים איז אים סוף כּל סוף געלונגען צו דערפירן צו אַ פאַרשטענדיקונג.

ווען די אַלע ענינים האָבן זיך אַ ביסל אָפּגעקילט, האָט זיך יוסף שפּרינצאַק אָפּגעגעבן בעיקר מיט דער אַלגעמיינער לאַגע אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַ־ציע אין בעסאַראַביע.

נאָענט ביים פאַרענדיקן זיין באַזוך, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וויל מיט מיר רעדן. מיר האָבן באַשטימט אַז מיר טרעפן זיך אויף צו מאָרגנס צו מיטאָג אינעם באַקאַנטן ייִדישן רעסטאָראַן אויף שמידטאַוועסקי גאַס. דער מיטאָג איז גע־בליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון ביזן היינטיקן טאָג. די ערשטע טייל פונעם מיטאָג איז אַ דורך נאָרמאַל, ווייל אונדזער ביידנס באַציִונג צו גאַסטראָנאָמישער קונסט פונעם רעסטאָראַן זענען געווען פּאָזיטיווע, בעיקר צו די פּופּיקלעך און לעבערלעך וואָס האָבן געהערט צו דער „ספּעציאַליטעט" פון דעם מקום. שפּרינצאַק איז געווען זייער אויפגעלייגט און איך אַוודאי. ביים סוף פונעם מיטאָג האָט זיך

אָבער פּלוצים געענדערט די שטימונג. שפּרינצאַק האָט אַ זאָג געטאָן מיט פּאַרבי־טערונג: „כ'בין אַוודאי צופֿרידן, וואָס אומעטום איז פֿאַראַן אַ גוטע מיינונג וועגן מיין באַזוך, אָבער ווען איך קוק אַריין טיפֿער אין דעם וואָס עס קומט פֿאָר צווישן די חברים אין אונדזער באַוועגונג, ווען כ'זע די אַלע פֿערזענלעכע סיכסוכים, דאָס פֿאַרטושן די אידעע און ווי אַזוי מען טרעט מיט די פֿיס די גרויסע גייסטיקע „צעירי ציון"־ירושה — ווערט מיר קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן. וואָס מיינט איר, אַז בלויז מיט אַ ביסל וויטרינע קען מען פֿירן אַ פּאַרטיי? אַ באַוועגונג וועלכע פֿאַרנאַכ־לעסיקט דעם גייסט, די ווערטן און דעם וועג פֿון אירע גרינדערס, קען נישט מצליח זיין און קען נישט צוציִען קיין נייע מענטשן. דאָס נישט צוציִען קיין נייע מענטשן קען ברענגען דעם אָנהייב פֿון סוף".

שפּרינצאַק האָט געמאַכט אַ קליינע הפסקה, ווי ער וואָלט נאָכגעטראַכט וואָס ווייטער צו זאָגן. זיין געמיט איז געווען אָנגעשטרענגט. ער האָט אָבער גלייך ווײַ־טער געצומען ציִען דעם פֿאָדעם: „כ'בין געקומען דאָ אַהער קיין קעשענעוו, נאָך 30 יאָר. דאָ האָב איך געאַרבעט מיט חיים גרינבערג און מיר האָבן דאָ געלייגט דעם יסוד פֿון דער „צעירי ציון"־באַוועגונג, וועלכע האָט געדינט אַלס וועגווייזער פֿאַר דער ייִדישער יוגנט. אָט דאָ, נישט ווייט פֿון דאַנען, אין דער „מאַלאַטשנאַיאַ" (דעם מילכיקן רעסטאָראַן) האָבן מיר פֿאַרבראַכט צוזאַמען מיט חיים גרינבערגן טעג און נעכט, כּדי צו פֿאָרמולירן די „צעירי ציון"־פּלאַטפֿאָרם. דאָס איז געווען אַן ערנסטער פּרוּוו צו געבן אונדזער באַוועגונג אַן אידעיִשן יסוד. מיר האָבן גע־וווּסט, אַז כּדי אַרויסצוברענגען די וויכטיקייט פֿון „צעירי ציון" מוז מען האָבן אַ וויזיע, ווייל אָן איר וועלן מיר האָבן צווישן זיך ראַבאָטן און נישט קיין לעבע־דיקע מענטשן... און די ערשטע תּקופֿה האָט טאַקע געגעבן גוטע רעזולטאַטן. אונדזער „צעירי ציון"־טעטיקייט האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג. דאָ אין בעסאַראַביע איז דערצויגן געוואָרן איינע פֿון די וויכטיקסטע פּלעיאַדעס פֿון דער צווייטער עליה, חברים וואָס האָבן שפּעטער פֿאַרנומען צענטראַלע פּאָזיציעס אינעם בוי פֿון אַרבעטנדיקן ארץ ישׂראל, צווישן זיי: יוסף באַראַץ, עדה מיימון, יעקב עפּטער, נחום טווערסקי, יוסף ראַבינאָוויטש, ישׂראל גורפֿינקל (גורין) און פֿיל אַנדערע. מען דאַרף אויך געדענקען א. ל. יפֿה מיט זיין אייגענעם וועג, וועלכער איז געוואָרן דער גרינדער פֿון דער באַוועגונג פֿון די מושבֿי עובֿדים, אַ וויכטיקע גרופּע יוגנט־לעכע האָט זיך באַטייליקט אינעם בויען די ערשטע זידלונגען פֿון דער התישבֿות און פֿאַרלייגט דעם יסוד פֿאַר צענטראַלע אינסטיטוציעס פֿון דער הסתּדרות העובֿדים. דאָס ציוניסטישע בעסאַראַביע, האָט שפּרינצאַק ווייטער גערעדט, האָט אויך אויפֿ־געצויגן די ערשטע פּיאָנערן פֿון „השומר", וועלכע היטן דאָס לעבן און דאָס שאַפֿן אין ארץ ישׂראל. צווישן זיי ישׂראל גלעדי און מענדל פּאָרטוגאַל און אַנ־דערע. דאָ איז אויך אויסגעוואַקסן אַ וויכטיקע גרופּע שרייבערס, וואָס פֿאַרנעמען דעם אויבן אָן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור ווי: בן־ציון, יעקב פֿיכמאַן א. אַנד.".

„ווען כ׳קוק זיך צו צו דעם וואָס עס קומט פאָר היינט, האָב איך דעם איינ־דרוק אַז די היגע חברים מיינע פאַרזעען די גייסטיקע ירושה וואָס דער אַרבעטער־ציוניזם האָט דאָ פאַרפלאַנצט, אַז דער נייער דור פון די „צעירי ציון" קען צע־טרענצלען די גאַנצע ירושה. ווי וועלן מיר דאַן אויסזען אין דער פאַראייניקונג מיט די „פועלי ציון"? אפשר וועט די חלוצישע יוגנט נאָך עפּעס פאַרריכטן? אָבער ווען איך קוק מיך צו צום דור וואָס פירט היינט אָן מיט די ענינים, האָב איך אַ זייער שווערע שטימונג, דאָס זאָגט אָן אַ שווערע ווענדונג אין אונדזער באַוועגונג".

ווען שפּרינצאַק האָט פאַרענדיקט זיינע רייד, האָב איך געשוויגן. כ׳האָב נישט געוואָלט פּרוּוון אָפּוועגן זיינע גערעכטע טענות וואָס שייך די יסודותדיקע פראַגן פון אונדזער באַוועגונג אין בעסאַראַביע.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט דעם רעסטאָראַן און זענען נאָך אַ לאַנגן וועג גע־גאַנגען צוזאַמען, האָב איך נישט געמאַכט קיין באַמערקונגען. אויף דעם געוויסן פון אַ מענטשן וואָס איז נאָך יונג אין דער באַוועגונג, האָבן שפּרינצאַקס שטראָף־רייד שווער געדריקט. מיין דור דאַרף וויסן, האָב איך געפילט, אַז מיר טראָגן אַ גרויסע אַחריות פאַר דער גרויסער ירושה, וואָס די פריִערדיקע האָבן אונדז איבער־געלאָזט און וואָס דאַרף אונדז ווייטער פירן. כ׳וויים נישט צי אין יענע שעהען זענען נישט פאַרפלאַנצט געוואָרן אין מיר די סטימולן וואָס האָבן מיך געפירט אין מיין געזעלשאַפטלעך לעבן, אַ פאַקט איז אַז זינט דאַן איז פאַר מיינע אויגן תּמיד געשטאַנען די אַחריות פאַר דער ירושה פון אַרבעטנדיקן ציוניזם.

אַזאַ באַגעגעניש פאַרגעסט מען נישט. דאַן איז געבוירן געוואָרן מיין טיפע פריינדשאַפט צו שפּרינצאַקן.

*

יוסף שפּרינצאַקס פּאָליטיש לעבן איז גוט באַקאַנט, עס איז אַזוי ווי אַן אָפן בוך. זינט זיין קומען קיין ארץ ישראל מיט דער צווייטער עליה ביז זיין אָמט אַלס פאַרזיצער פון דער כנסת, האָט ער דורכגעמאַכט אַ פּילזייטיקן וועג. אין „הפּועל הצעיר", אַזוי ווי אין דער הסתדרות העובדים און אין ארץ ישראלדיקן ייִשוב בכלל איז ער געווען איינע פון די פירנדיקע פערזענלעכקייטן. ער איז געשטאַנען גאָר נאָענט צום גלות־ייִדנטום, געווען געקניפּט און געבונדן מיט אַלע זיינע פּראָב־לעמען און ראַנגלענישן, מיט דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און אויך מיט דער ליטעראַרישער שאַפונג אין גלות. ער איז געווען איינער פון די געטרייסטע לייע־נערס און בעסטע קענערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע ער האָט גע־שאַצט פּאַראַלעל מיט דער העברעִישער ליטעראַרישער שאַפונג.

נאָך דער פאַראייניקונג פון „הפּועל הצעיר" מיט „אחדות העבודה", האָט ער געשפּילט אַ צענטראַלע ראָל אין דער מפא״י. ביי יעדער וויכטיקער געשעעניש אין לאַנד איז זיין ראָל געווען די אָנגעזעענסטע. זיין לעבן איז געווען כּולו געווידמעט

דער טובה פון כלל. צו אים, דעם צוגעלאָזטן און איבערגעגעבנעם אַרבעטער־מנהיג, האָבן די מאַסן־חברים געהאַט באַציִונג און טיפן דרך ארץ.

די אָפיציעלע ביאָגראַפן וועלן זיכער נישט אָפּגעבן קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דער דערשיינונג וואָס האָט געהייסן „בית שפּרינצאַק", שפּרינצאַקס היים, וואָס איז געווען ממש ווי אַן אינסטיטוציע. דאָס איז געווען אַן אָפן ציוניסטיש הויז, אַ הויז פאַר פריינד און חברים, פאַר נאָענטע און ווייטע. דאָ האָבן זיך געוועבט אַ גרויסער טייל פון שפּרינצאַקס עסקי ציבור, דאָ איז אַרויסגעוויזן געוואָרן פיל אינטערעס פאַר פּראָבלעמען פון יחיד און פון כלל, דאָ האָט געהערשט אַ קלימאַט פון גרויסע אידעען און דאָ האָט געקאָנט אַ פריינד געפינען אַ פּלאַץ זיך דורכצושמועסן און אויך געפינען אַן ענטפער.

פאַר מיר איז דער „בית שפּרינצאַק" געווען דאָס וואַרעמסטע ווינקל נאָך מיין עליה קיין ארץ ישראל אין חודש מאַי 1940. שפּרינצאַקס פרוי, חנה, האָט צוגעגעבן זייער הויז אַ באַזונדערן חן און וואַרעמקייט. יוסף שפּרינצאַק האָט געוווסט דעם סוד פון פּליסיקן שמועס, וואָס די פראַנצויזן רופן „קאַזערי", דעריבער האָט ער ווי אַ דיריזשאָר שטענדיק באַהערשט דעם שמועס, פאַר יעדן געהאַט אַ וואָרט, אַ באַמערקונג, אַן אויספּירלעכן אַרגומענט. נישט לייכט איז געווען אַריינצורייסן זיך אין זיין פליסיקן שמועס, דאַן פלעגט חנה אין אַ גוטמוטיקן טאָן זאָגן: „יוסף, לאָז דיינע געסט אויך עפּעס זאָגן". דאָס האָט אָבער נישט געשטערט צו דער אינטימיטעט פון דער באַגעגעניש.

כ'געדענק אַ רירנדיקן עפּיזאָד. אין אַ געוויסן נאָך מיטאָג פון יאָר 1949, ווען כ'בין אַריין צו יוסף שפּרינצאַקן, איז ער געווען אַליין און כ'האָב גלייך דערקענט, אַז ער איז פאַרביטערט און דערצאָרנט. כ'האָב געמיינט אַז עס איז עפּעס געשען אין דער משפּחה און האָב אים געפרעגט, וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט? ער האָט אויסגעמיטן צו געבן אַ תשובה. נאָך אַ שטיקל צייט האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיר: „ס'איז באַגאַנגען געוואָרן אַ גרויסע עוולה, נישט קיין פּאָליטישע, נאָר אַ ריין מענטשלעכע און פריינדלעכע. די טעג זענען דערשינען אין בוכפאָרעם ד"ר וויצמאַנס זכרונות. ער דערציילט אין זיי די וויכטיקסטע געשעענישן און דערמאָנט דאָרט זיינע נאָענטסטע און אינטימע פריינד אין חוץ לארץ און אין ארץ ישראל. וווייזט זיך אַרויס, זאָגט שפּרינצאַק, אַז מיך האָט ער אין גאַנצן פאַרגעסן. כ'בין יאָרן לאַנג געווען דער סאַמע נאָענטסטער פריינד זיינער צווישן דער ישׂראלדיקער אַרבעטערשאַפט, כ'בין געווען אַ געטרייער וויצמאַניסט, און איצט ווען וויצמאַן דערמאָנט אַלעמען, פאַרגעסט ער מיך אין גאַנצן. איז עס פאַר מיר אַ טיפע באַליידיקונג. דאָס איז נישט נאָר אַ פּערזענלעכער ענין, ס'איז אויך אַ געזעלשאַפטלעכער. כ'האָב זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז וויצמאַן זאָל אַזוינס אָפּטאָן אַ גוטן פריינד".

וויצמאַנס בוך „מסה ומעש" איז געלעגן אויפן טיש. איך האָב גענומען בלעטערן. און שפּרינצאַק האָט צוגעגעבן: „דאָס זאָגט עדות, אַז אַן איבערגעגעבענער

פרײַנד װערט נישט געשאַצט. אין מדינת ישׂראל טאָר עס נישט פֿאָרקומען. װײצמאַ־נען האָב איך שטענדיק געגלייבט און געװען זיכער אין זײַן קעגנזײַטיקער פרײַנד־שאַפֿט".

שפּרינצאַק, דער לאָיאַלער מענטש, איז געװען דערשיטערט פֿונעם מאַנגל אין פרײַנדשאַפֿט און אין ברוך פֿון לאָיאַליטעט. דאָס איז בײַ אים געװען ערגער פֿון די פּאָליטישע אַטאַקעס און שיקאַנעס קעגן אים. זײַן קאָרעקטקייט און מענטשלעכ־קייט האָבן אין אים שאַרף רעאַגירט.

אַן אַנדער עפּיזאָד, װאָס װאַרפֿט אַ ליכט אויף שפּרינצאַקס פֿירונג אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן:

נאָך דער פּטירה פֿון ד"ר חיים װײצמאַן אין יאָר 1952, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ראַנגלעניש אין מפּא"י אַרום דעם קאַנדידאַט אויף אַ פּרעזידענט. ס'זענען אַרויס־גערוקט געװאָרן צװײ קאַנדידאַטן: יוסף שפּרינצאַק און יצחק בן־צבי. אין דעם פֿאָרמעסט איז די שטיצע פֿון בן־גוריונען פֿאַר י. בן־צבי געװען אַנטשיידנדיק. ס'איז געװען באַװוּסט, אַז צװישן בן־גוריונען און שפּרינצאַקן האָבן געהערשט אָנגעשטרענגטע באַציִונגען נאָך פֿון דער תּקופֿה פֿון „הפּועל הצעיר" און שפּעטער אויף דעם לאַנגן פּאָליטישן װעג, װוּ שפּרינצאַק האָט געהאַט זײַן מעסיקן צוגאַנג. די לאַגע איז געװען קלאָר פֿאַר שפּרינצאַקן און טראָץ דעם פּרוּװ פֿון זײַנע פרײַנד, די געװעזענע „הפּועל הצעיר", װאָס האָבן אים צוגערעדט זיך צוזושטעלן צו די פּרעזידענט־װאַלן, האָט ער זיך דערפֿון צוריקגעהאַלטן. אָבער אין לעצטן מאָמענט איז צו אים געקומען אַ גרופּע פֿון „אחדות העבודה"־חברים און אים אײַנגערעדט, אַז אַלע טײלן פֿון דער באַװעגונג װעלן שטיצן זײַן קאַנדידאַטור און אין אַ מינוט פֿון שװאַכקייט האָט ער מסכּים געװען אַרויסצושטעלן זײַן קאַנדידאַטור, אויף דער זיצונג פֿון צענטראַל קאָמיטעט פֿון מפּא"י.

דער רעזולטאַט איז באַקאַנט. מיט אַ קלײנער דיפֿערענץ שטימען איז אויס־געװײלט געװאָרן יצחק בן־צבי.

ס'זענען אַריבער עטלעכע טעג און איך האָב זיך נישט געטראָפֿן מיט שפּרינ־צאַקן. װען מיר האָבן זיך געטראָפֿן, איז זײַן ערשטע באַמערקונג געװען: „דו מײנסט, אַז מײַן װילן איז געװען נאָר צו זײַן פּרעזידענט, כ'האָב געװוּסט, אַז אויב בן־גוריון איז קעגן, איז עס אַ פֿאַרלוירענע זאַך, װײַל חברים, אַפֿילו פֿון די בעסטע, האַנדלען לויט אַ דיקטאַט. איך בין נאָר ברוגז אויף זיך אַלײן, פֿאַר װאָס איך האָב מיך געלאָזט אײַנרעדן אין לעצטן מאָמענט אויף אַן אוממעגלעכער זאַך. מען דאַרף לערנען פֿונעם פֿעלער".

*

יוסף שפּרינצאַק, װעלכער איז, װי באַקאַנט, געװען אײנער פֿון די גרינדערס פֿון „הפּועל הצעיר" און האָט אַזױ פֿיל בײַגעטראָגן צו דערמוטיקן די שװעסטער־אָרגאַניזאַציעס אין די גלות־לענדער, האָט בײַ פֿאַרשײדענע געלעגנהײטן אויפֿגע־

הויבן די פראַגע וועגן אַרויסגעבן אַ סעריע ביכער געווידמעט דער געשיכטע פון „הפועל הצעיר" און דעם אידעיִשן און פּראַקטישן בייטראַג זיינעם צום בנין הארץ, ווי אויך וועגן אַרויסגעבן די ווערק און מאָנאָגראַפיעס פון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן פון „הפועל הצעיר-התאחדות", כדי צו באַקענען דעם ייִנגערן דור אין דער מדינה און אין חוץ לארץ מיט אָט דעם וויכטיקן שבט אינעם אַרבעטס-ציוניזם.

אין איינעם אַ טאָג, אָנהייב 1953, האָט מיר שפּרינצאַק געגעבן אַ ליסטע פון 17 צענטראַלע חברים, געוועזענע מיטגלידער פון „הפועל הצעיר-התאחדות" און מיך געבעטן כ'זאָל זיי איינלאַדן צו אַ טרעפונג, אַרומצורעדן דעם פּאָרשלאָג וועגן אַרויסגעבן די אויבנדערמאָנטע סעריע ביכער. שפּרינצאַק האָט פּאָרגעשלאָגן, אַז די טרעפונג זאָל פּאָרקומען ביי מיר אין וווינונג. איך האָב דאַן געוווינט אויף אַלכסנדר ינאַי אין תל-אָביב. אַלע פּאַרבעטענע חברים זענען געקומען. ס'האָט געהערשט זייער אַ האַרציקע אַטמאָספער און אַוודאי איז שפּרינצאַק געווען אין צענטער פון דער באַגעגעניש.

אין אָנהייב איז דער שמועס אָנגעגאַנגען וועגן די עניני דיומא. די טעג זענען דעמאָלט געווען אָנגעשטרענגטע צוליב די כסדרדיקע אָנפאַלן פון די פּעדאַיִנען אויף די גרענעצן פון לאַנד. מען האָט גערעדט וועגן די מעטאָדן פון רעאַגירן אויף די אָנפאַלן. שפּרינצאַק, מיט זיין לאַנגן ציגאַר, וואָס ער האָט זיך פון אים קיין מאָל נישט געשיידט, האָט אין אַ געמיטלעכן טאָן באַמערקט, אַז מ'דאַרף גוט באַטראַכטן די וועגן ווי אַזוי צו רעאַגירן קעגן די אַראַבישע באַנדעס. נישט אַלע האָבן מסכים געווען מיט זיין מעסיקער שטעלונג, אָבער היות ווי מ'האָט זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס רעספּעקט האָט מען זיך אָפּגעהיט אַרויסצוברענגען רעזערוואַציעס לגבי זיינע באַמערקונגען. פּלוצעם איז פּנחס לבון אַרויס קעגן שפּרינצאַקן אין אַ שטאַרק אַגרעסיוון און באַליידיקנדיקן טאָן, אַזוי אַז אַלע אָנוועזנדיקע זענען געבליבן ווי פּאַרגליווערט. אַרויסטרעטן אויף אַזאַ אופן קעגן שפּרינצאַקן האָט ביז דעמאָלט קיין שום חבר זיך נישט דערלויבט. לבון האָט אָנגעגריפן שפּרינצאַקן פּאַר זיין מילדן איינשטעל אויפן פּאָליטישן געביט. „מען קען מער נישט אָנגיין— האָט ער געטענהט — מיט אָפּגעלעבטע און פּאַרשימלטע מעטאָדן וועלכע שפּרינצאַק פּרעדיקט. מ'דאַרף זיך באַפרייען פון אַזאַ איינשטעלונג". לבונס רייד זענען געווען אַן אויפברויז פון שׂינאה וואָס האָט זיך ווייט נישט געפּאַסט אין אַ שמועס צווישן חברים. שפּרינצאַק אַליין האָט כמעט נישט רעאַגירט. ער איז געזעסן אַ שטאַרק אָנגעשטרענגטער און בלויז געוואָרפן אויף די אַרומיקע סאַרקאַסטישע בליקן, פון וועלכע מ'האָט געקענט אַרויסלייענען: „זעט וועמען מיר האָבן אויפגעצויגן אין „הפועל הצעיר", איינעם פון די גרינדערס פון ,גורדוניה'". פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ ווייטיק פון אַ פּאָטער, וועלכער מורמלט „בנים גידלתי". אַלע אָנוועזנדיקע זענען אָפּגעקומען מיט זייטיקע באַמערקונגען און בעיקר געטאַדלט

לבונס וווּלגאַרן טאָן. דער קורצער דיאַלאָג האָט געדויערט בלויז עטלעכע מינוט. ער האָט אָבער געווירקט ווי אַן אויפרייס־באָמבע.

שפּרינצאַק האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרענדיקן די באַגעגעניש אין אַזאַ שטימונג. האָט ער אָנגעהויבן צו רעפערירן זיין פאָרשלאָג און אויפווייזן אַז אויף אונדזער גרופּע ליגט דער חוב צו פאַראייביקן דעם „הפועל הצעיר״, כדי זיין גרויסער צושטייער זאָל נישט גיין לאיבוד.

ס׳האָט זיך דערנאָך אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע און ס׳זענען געמאַכט געוואָרן באַמערקונגען און פאָרשלאָגן, אָבער אין דער לופט איז נאָך געהאָנגען דער פּיינלעכער רושם פון דעם אינצידענט צווישן פּנחס לבונען און שפּרינצאַקן, וואָס האָט זיך געלייגט ווי בליי אויף אַלעמענס געמיטער. מען איז זיך צעגאַנגען אין גאָר אַן אַנדער שטימונג אין וועלכער מען האָט די באַגעגעניש אָנגעהויבן.

וואָכן לאַנג האָט דער ענין פאַרנומען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם קרייז חברים, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם צוזאַמענטרעף. אַ גאָר קורצע צייט שפּעטער איז באַוווּסט געוואָרן, אַז בן־גוריון האָט באַשטימט פּנחס לבונען אַלס שׂר הבטחון, און ער האָט אָנגעהויבן מיט זיינע שאַרפע רעוואַנש אַטאַקעס קעגן די אַראַבישע לענדער, פון וועלכע עס זענען געקומען די פעדאַיִנישע טעראָר־באַנדעס. געווען מיינונגען אַז דאָס ווערט געמאַכט אין אַן איבערגעטריבענער פּראַפּאָרץ, ווי מען האָט אויך בייסיק באַמערקט „דער גורדוניסט לבון וויל דער־שיינען ווי אַ שאַרפער מיליטאַריסט״...

יוסף שפּרינצאַק האָט חדשים לאַנג נישט געקענט פאַרגעסן דעם אינצידענט. אַ לאַנגע צייט האָט ער נאָך אין זיך געטראָגן אַ נישט פאַרהיילטע וווּנד.

*

דער גורל האָט געוואָלט, אַז בערך 10 יאָר שפּעטער — אַ צייט נאָך דער פּטירה פון שפּרינצאַקן — זאָל אַרויסשפּרינגען די „לבון־פּרשה״, וועלכע האָט שטאַרק אויפגערודערט די מדינה און צעטרייסלט די מפא״י. זיין איבערגעטריבענער אַק־טיוויזם איז פּנחס לבונען נישט בייגעשטאַנען.

איך האָב געטראַכט אין זיך: וואָס וואָלט היינט געפילט יוסף שפּרינצאַק?

לוי אשכול — דער מאַן פון דער גרויסער שליחות

לוי אשכול סימבאַליזירט אַ פּרעכטיקע תקופה פון וויזיע, פון שאַפן, פון שווונג, פון טאַט, פאַרן יידישן פאָלק, פאַר מדינת ישראל און פאַר דער ישראל־דיקער אַרבעט־באַוועגונג.

ער איז דערצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג און איז געווען איר דערציִער. געווען אין די סטודענטן־קרייזן פון „צעירי ציון" אין ווילנע און מיטגליד פונעם קאָמיטעט פון „צעירי ציון"־פאַרבאַנד; איינע פון די בולטסטע געשטאַלטן אין „הפועל הצעיר". פון די אָנפירערס פון דער ארץ ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי (מפא"י) און פון דער אַרבעט־פּאַרטיי (מפלגת העבודה). ווי אַ מענטש פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, פון דער פּאַרטיי, ווי איינער פון די אָנ־פירערס פון דער יידישער אַגענץ און ווי דער שעף פון דער ישראל רעגירונג ביז זיין לעצטן טאָג, האָט ער קודם כל געזען פאַר זיך די שליחות פון פאָלק און פון דער באַוועגונג און איר האָט ער געווידמעט דאָס בעסטע פון זיין ענערגיע, פון זיין לעבן און פון זיינע שטרעבונגען.

ער האָט אַרויסגעשפּראָצט און איז אויסגעוואָקסן פון פאָלק אַרויס, האָט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס בעסטע פון די אייגנשאַפטן פונעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום. באַלאָדן מיט אָט דעם גייסטיקן באַגאַזש און מיט אַ סך איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט איז ער געשטיגן אויף די שטאַפּלען פונעם לייטער פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, פריִער אינעם יישוב און שפּעטער אין דער מדינה. און ווען ער איז שוין געשטאַנען אויפן שפּיץ פונעם לייטער, איז זיין פּנים אַלץ געווען געווענדט צו די פאָלקס־מאַסן, וועלכע ער האָט געדינט און פון וועלכע ער האָט כסדר באַקומען אינספּיראַציע פאַר זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אויך דאַן, ווען ער האָט געהאַלטן אין האַנט דעם סצעפּטער פון דער ישראלדיקער שטאַט־לעכקייט, האָט ער געוווּסט ווי אַזוי צונויפצופּאָרן די חכמה פון די פאָלקס־מאַסן מיט דער לעבנס־דערפאַרונג פונעם פּרט און פונעם כלל.

לוי אשכול איז געווען אַן אויסנאַמלעכע פּערזענלעכקייט מיט אַ סך שווונג, ער האָט ליב געהאַט דעם מענטש און איז געווען אַן אוהב־ישראל. דער סינטעז פון וויזיע און פון ליבשאַפט, וואָס האָט אים כאַראַקטעריזירט, האָט אים געבראַכט ליב־שאַפט און צוטרוי צווישן די ברייטסטע שיכטן אין לאַנד און אין די תפוצות. ער איז נישט נאָר געווען דער אַרכיטעקט פון דער התישבות אין דער מדינה און פון די מושבי־עולים, נאָר האָט אויך אָנגעהאַלטן אַ פּערזענלעכע פאַרבינדונג מיט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער, וואָס זענען באַזעצט געוואָרן אין די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פּונקטן. אַזוי איז ער געווען דער פאָטער זייערער, דער נאָענ־

טער מענטש, מיט וועמען מ׳האָט געקענט זיך דורכשמועסן, דער, וואָס דרינגט אַריין אין אייביקע ווי אויך אין לויפנדיקע פּראָבלעמען.

פון דעם טאָג, זינט זיין קומען אין לאַנד אַריין און פון זיין איינוואָרצלען זיך אין דער אַרבעט און אין דער באַוועגונג, האָט לוי אשכול אַרויסגעוויזן אַן אויסער־געוויינלעכע איבערגעגעבנקייט צו דער ישׂראלדיקער אַרבעט־באַוועגונג. אַ סך האָט ער אויפגעטאָן, כּדי זי צו צעמענטירן און מאַכן פון איר איין גרויסע און פעסטע מחנה. געטריי דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז ער געוואָרן פאַר איר אַ גרונטזייל, נישט נאָר דאַן ווען ער איז געווען אַ מיטגליד אין איר אָנפירונג, נאָר אויך ווען ער איז געשטאַנען אויף דער שטאַטלעכער פּאָזיציע, האָט ער די ציוניסטישע באַוועגונג נישט פאַרלאָזן און האָט געזאָרגט, אַז איר פּרעסטיזש זאָל געשטאַרקט ווערן.

לוי אשכול איז פון זיין שטאַטלעכער פּאָזיציע נישט פאַרבלענדט געוואָרן. ער האָט ווייטער געזען אונדזער וועלט־באַוועגונג אין גלות ווי אַ וויכטיקן מענטשן־קוואַל, ווי אַ וויכטיקע פּאָליטישע אַרענע און אַ וויכטיקע מאַטעריעלע פּאָזיציע פאַר דער מדינה. אין תּחום פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט ער געהאָלפן דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג און געזען אין איר איינעם פון די צענטראַלע פאַקטאָרן אין ציוניזם. דעריבער האָט ער פאַרלאַנגט פון איר איניציאַטיוו און שווונג אויף אַלע געביטן. פון דער בינע פון דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג האָט ער אַרויסגעבראַכט אַ סך פון זיינע פּלענער, כּדי צו שטאַרקן און פאָרויסצושטויסן דעם ציוניזם און די אַרבעט־באַוועגונג צוזאַמען.

אַ דאַנק זיין איבערגעגעבנקייט האָט מדינת ישׂראל איינגעזאַמלט כּוח, כּדי צו קענען זיך קעגנשטעלן אירע פיינט אין דער זעקסטאָגיקער מלחמה און ברענגען דעם פאָלק און דער מדינה אַ גלענצנדיקן נצחון. אַ דאַנק זיינע שטרעבונגען צו דער אייניקייט פון פאָלק און זיינע פאַרדינסטן אויף דעם געביט האָט ער זוכה געווען זיך צו שטעלן אין דער שפּיץ פון אַ רעגירונג פון קאָנסאָלידאַציע.

ער האָט געגלייבט אין יידישן זשעני און האָט געשטרעבט דערצו, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פעיִקייט, וואָס איז צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט, זאָל צוגעשטראָמט ווערן צו די פעלדער פון ישׂראל, כּדי עס זאָל דערמיט געשטאַרקט און געשטאַלטיקט ווערן די מדינה.

דער באַוועגונג, דער מדינה, דעם פאָלק, האָט ער איבערגעלאָזן אַ גרויסע ירושה פון מעשׂים טובים, פון אייביקער געטריישאַפט און פון ליבשאַפט צום פאָלק.

אַ געטרייער שליח איז ער געווען, אַ באַשאַנקענער מיט אַ סך פעיִקייטן. ער האָט געטראָגן דעם שווערן עול פון דער גרויסער שליחות אין משך פון פינף און פופציק יאָר, געווען איז עס אַ געבענטשטע שליחות, וואָס האָט געצייטיקט פּרעכטיקע פרוכט און געבענטשטע מעשׂים.

פעברואַר 1969

אַ באַגעגעניש מיט האַרי טרומאַן

ווען ס׳איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן טויט פון האַרי טרומאַן, האָב איך זיך דערמאָנט אין אַ באַגעגעניש מיטן פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט גענוי מיט 20 יאָר צוריק, אין ווינטער 1952.

כ׳בין דעמאָלט געווען דער סעקרעטאַר פון תּנועת המושבים און מיר האָבן אין יאָר 1949 אויסגעבויט, אין ראַם פון דער פאַרצווייגטער טעטיקייט פון דער מושבים־באַוועגונג, אַ מושב עובדים, אַ קאָאָפּעראַטיוו דאָרף, כפר טרומאַן, נישט ווייט פון פלי־פּלאַץ לוד. די כּוונה איז געווען אָפּצושאַצן די וואַרעמע באַציִונג פון האַרי טרומאַן ביים אַנטשטיין פון דער ייִדישער מדינה.

אין ווינטער 1952 האָב איך זיך געגרייט צו באַזוכן די פאַראייניקטע שטאַטן כּדי צו אָרגאַניזירן קאַנדידאַטן פאַר אַ מושב פון אַמעריקאַנער ייִדן לעבן דעם גרויסן דרומדיקן מושב עובדים באר־טוביה. צו דעם צוועק האָבן מיר געגרינדעט אין אַמעריקע אַן אָרגאַניזאַציע א. נ. „האיכּר העובד״, וועמענס אויפגאַבע איז געווען צו מאָביליזירן די פּאַסיקע קאַנדידאַטן פאַרן נייעם מושב.

נאָענט פאַר מיין אָפּפליען האָב איך באַקומען אַ בקשה פון אַמעריקע, אַז ווייל איך וועל קומען קיין צפון־אַמעריקע גראָד ווען פּרעזידענט טרומאַן האָט פאַרענדיקט זיין קאַדענץ, וואָלט גוט געווען ווען איך ברענג מיט מיט מיר אַ פּאַסיקן אַלבום פון כפר טרומאַן, אין וועלכן ס׳זאָלן זיך אָפּשפּיגלען אַלע צווייגן פונעם מושב. מען האָט פאַרשטענדלעך צוגעגרייט אַזאַ אַלבום אין איילעניש, אָבער ס׳איז געווען געמאַכט מיט פיל פּיעטעט און ס׳איז געלונגען אָפּצושפּיגלען פון טרומאַן־דאָרף אַלץ, סיי פון די מענטשן סיי פון דער ווירטשאַפט.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק און געוואָלט איבערגעבן דעם אַלבום פון מושב־טרומאַן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז האַרי טרומאַן וועט נישט זיין אין ניו־יאָרק די נאָענטסטע צייט. שיקן דאָס צו אים אַהיים דורך לופט־פּאָסט, קיין קענזאַס סיטי, איז נישט פּאַסיק, און מען מוז צופליען צו אים, כאָטש ס׳איז נישט נאָענט. ווען מען האָט זיך געטראָפן און ס׳איז געקומען דער פאָרשלאָג כ׳זאָל פליען קיין קענזאַס סיטי, בין איך ווייט נישט געווען באַגייסטערט און געבליבן אין פאַרלעגנהייט. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן, ווייל די טענה איז געווען, אַז ס׳איז מער פּאַסיק מען זאָל איבערגעבן דעם אַלבום דורך אַ מענטשן וואָס קען דעם מושב, איז נאָענט צו דער גאַנצער מושבים־באַוועגונג און קען אויך ענטפערן אויף פאַרשיידענע פראַגן, וועלכע קענען פאַראינטערעסירן טרומאַנען וועגן לעבן אין דאָרף. ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז מען דאַרף די זאַך טאָן און ווייל דער כּפר־

טרומאַן געהערט צו הסתדרות העובדים, וועט מיך באַגלייטן אייזיק העמלין ז״ל. וועלכער איז דאַן געווען דער לייטער פון דעם הסתדרות־קאַמפּיין.

מען האָט מיר געגעבן פּרטים וועגן דעם באַזוך, מען האָט מיר אויך געראָטן איך זאָל צוגרייטן אַ קורצע באַגריסונג, שריפטלעך, און זי פאַרלייענען באַלד ביים אַריינקומען. מ׳האָט אויך צוגעגעבן, אַז כ׳זאָל נישט פאַרגעסן די גאַנצע צייט צו נוצן דעם אויסדרוק „פּרעזידענט״, ווייל, איינמאָל פּרעזידענט, בלייבט דער נאָמען אויפן גאַנצן לעבן.

די זאַכן זענען געגאַנגען שנעל. מען האָט זיך פאַרבונדן מיט דער ביוראָ פון האַרי טרומאַן אין קענזאַס סיטי און די באַגעגעניש איז באַשטימט געוואָרן אויפן צווייטן טאָג, 10 אַזייגער פרי. איינדערפרי איז נישט געווען קיין עראָפּלאַן כדי מיר זאָלן באַווייזן אָנצוקומען פאַר 10 אַזייגער פון ניו־יאָרק. דעריבער זענען מיר אָפּגעפלויגן דעם זעלבן נאָכמיטאָג, דורך שיקאַגאָ, און אָנגעקומען אין אָוונט קיין קענזאַס סיטי, איבערגענעכטיקט אין אַ האָטעל, און גענוי 10 אַזייגער פרי געווען אין טרומאַנס ביוראָ. די סעקרעטאַרין, וועלכע האָט אונדז אויפגענומען מיט אַ וואַרעמען שמייכל, האָט געוווּסט ווער מיר זענען. דער גרויסער אַלבום אין דער האַנט האָט עדות געזאָגט. ס׳זענען אַדורך אַ פּאָר מינוט און מען האָט אונדז איינ־געלאַדן צום פּרעזידענט אין ביוראָ אַריין.

ווי נאָר די טיר האָט זיך געעפנט, איז געשטאַנען פאַר אונדז האַרי טרומאַן, אַזוי פריילעך און גאַסטפריינדלעך, און דערמיט פאַרטריבן מיין עמאָציאָנעלע שטימונג. איך נעם אַרויס מיין באַגריסונג און הייב אָן פאַרצולייענען:

— זייער חשובער פּרעזידענט, איך ברענג אייך די וואַרעמסטע באַגריסונג... דאָ גייט צו צו מיר טרומאַן, נעמט מיך אַרום און גיט אַ זאָג פריינדלעך:

— אויב דו האָסט נישט קיין פאַראיבל דאַרפסטו זיך נישט פירן אָפיציעל, פיל זיך היימישער. גיב מיר דיין שריפטלעכע באַגריסונג, כ׳וועל זי איבערשיקן אין אונדזער היגער ביבליאָטעק און מיר וועלן שמועסן צווישן אונדז. פאַרשטענד־לעך, אַז די רעדע האָב איך אים תיכף געגעבן און דערצו באַמערקט:

— פּרעזידענט, איך דאַנק דיר פאַר דער פריינדלעכער באַציִונג, כ׳וויל צוגעבן, אַז מיין שריפטלעכע באַגריסונג דערמעגלעכט מיר זיך אויסצודריקן לייכטער אין ענגליש, ווייל איך בין אַ ביסל צעקריגט מיט דער ענגלישער גראַמאַטיק...

— אַה, זאָלסט דערפון גאָרנישט זאָרגן. כ׳קען בכבודיקע סענאַטאָרן פון דער געגנט, וועלכע רעדן נאָך עד היום מיט גרייזן... דערצו פאַרגעס נישט, אַז די אַמעריקאַנער זענען נישט מקפיד מיט נישט־בירגער וועגן לינגוויסטישע פעלערן.

דעם פּרעזידענטס פּאַטערלעכער ענטפער האָט מיך טאַקע דערמוטיקט און כ׳מוז צוגעבן, אַז זיינע ווערטער האָבן געהאַט אַ השפעה אויף מיין ענגלישער אויסשפּראַך, ווייל זינט יענער באַגעגעניש האָב איך גרינגגעשעצט די ענגלישע

גראַמאַטיק און אויב איך מאַך נאָך היינט געוויסע פעלערן, איז עס נאָך פון דער „טרומאַנישער עפּאָכע".

ווען איך האָב איבערגעגעבן דעם פּרעזידענט דעם אַלבום פון מושב, האָט ער אים מיט פיל אינטערעס געבלעטערט און כמעט ביי יעדן בילד געשטעלט פראַגן און אויך זיך פאַראינטערעסירט צו וויסן צי די איינוווינער האָבן געהאַט פון פריער לאַנדווירטשאַפטלעכע דערפאַרונג. ווען מיין ענטפער איז געווען אַ נעגאַטיווער, האָט ער באַמערקט: דאָס מאַכט נאָך שווערער זיך איינצוגלידערן אין נייעם לעבן פון ישׂראל. ער האָט זיך אַ סך אינטערעסירט מיט דעם צווייטן דור, זיך אָנגעפרעגט ווי האָט ישׂראל געלייזט אין אַלגעמיין די פראַגע פון אַבסאָרבירונג פון די עולים, וועלכע קומען אָן אין מאַסן. איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר אין ישׂראל (ווינטער 1952) שטייען אין סאַמע ברען פון אַ ברייטן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן, באַזעצן די מאַסן עולים אין הונדערטער נייע קאָאָפּעראַטיווע דערפער, מושבים, כּדי צו דערגרייכן, אַז די נייע עולים זאָלן לעבן נישט פון קיצבה, נאָר פון ערד־אַרבעט און נישט דעמאָראַליזירט ווערן. אויף זיין פראַגע צי דאָס איז די שטעלונג פון דער ישׂראל־רעגירונג, איז מיין ענטפער געווען: פאַרשטענדלעך, און אַז דער מענטש וואָס שטייט אין שפּיץ פון דעם גרויסן קאָלאָניזאַטאָרישן פּלאַן איז לוי אשכּול, דער מיניסטער פון לאַנדווירטשאַפט, און ער פירט עס מיט גרויס פאַרמעסט און געפינט פאַרשטענדיקונג ביי די נייע עולים, וועלכע ווילן, נאָך יאָרן פון פאַרפאָלגונגען, צוריק אויסבויען זייער היים און ווירטשאַפט. אויך דער מושב כּפר־טרומאַן איז אַ טייל פון דעם קאָלאָניזאַטאָרישן פּלאַן.

טרומאַן האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש און איז געווען צופרידן וואָס דאָס דאָרף וואָס טראָגט זיין נאָמען שליסט זיך איין אין דער גרויסער עפּאָפּעע פון אויפנעמען נייע עולים פאַר ערד־אַרבעט.

און דאָ פּלוצעם, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט איבעררייסן דעם געשפּרעך. כּדי אַריבערצוגיין צו אַ נייער טעמע, ווענדט ער זיך צו מיר:

— כ'וויל אייך וויזן אַ פיגור וואָס איז, לויט מיין מיינונג, איינע פון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין 20סטן יאָרהונדערט.

ער נעמט מיך אָן ביי דער האַנט און פירט מיך אַריין אין אַ צווייטן צימער. אין צענטער פון צימער שטייט אויף אַ טיש אַ ביוסט פון פּראָפ. חיים ווייצמאַן. לעבן דער ביוסט געפינט זיך אַ קליינע ספר־תּורה אין אַ גלעזערנער שאַפקעלע און האַרי טרומאַן זאָגט, אַז אָט די דאָזיקע ספר־תּורה האָט ער אַמאָל באַקומען פון פּראָפ. חיים ווייצמאַן, און ער היט זי אָפּ מיט גרויס פּיעטעט, ווייל דאָס דריקט אויס זיין טיפע פריינדשאַפט מיט פּראָפ. ווייצמאַן, וועלכן ער שעצט אַזויפיל. דאָ הויבט ער אָן אונטערצושטרייכן די גרויסקייט פון ווייצמאַנס פּערזענלעכקייט. האַרי טרומאַן האָט מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט און פאָלקסטימלעכקייט גערעדט וועגן

ווייצמאַנען, אַז דער איינדרוק איז געווען אַז ס'שטייט פאַר מיר אַן „אונדזעריקער", אַ געשוואוירענער ווייצמאַניסט...

ווען מיר קומען צוריק אין ערשטן צימער, גיט ער אַ זאָג: „כ'וויל איר זאָלט וויסן, אַז עטלעכע מינוט נאָך דער פּאָזיטיווער אָפּשטימונג אין די פאַראייניקטע נאַציאָנס וועגן שאַפן אַ יידישע מדינה, האָב איך באַשלאָסן צו אָנערקענען גלייך, ווייל עס קומט דעם יידישן פאָלק אָנערקענען די רעכט אויף אַן אייגענער מדינה. דערצו מוז איך צוגעבן, אַז די גרויסע מערהייט פון די באַאַמטע אין סטייט־דעפּאַרטמענט זענען געווען קעגן דער אָנערקענונג פון דער מדינה. וואָלט איך אָפּגעלייגט, וואָלט עס געבראַכט אָן ספק צו פיל קאָמפּליקאַציעס".

כ'האָב געענטפערט, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט תמיד געדענקען זיין נאָבעלע האַנדלונג. יידן און ציוניסטן האָבן אַ וווּנדערבאַרן זכרון צו די וועלכע העלפן זיי אין אַ שווערער צייט. טרומאַנס פּנים האָט געשטראַלט פון צופרידנקייט. געווען פיל פּשטות אין זיין באַנעמונג. בשעת דעם געשפּרעך האָט מען געפילט, אַז אָט דער פאָלקסטימלעכער מענטש, וועלכער האָט געהאַלטן אין זיינע הענט דעם גורל פון אַ גרויסן טייל פון דער וועלט, גיט זיך אַ חשבון־הנפש פון אַ זון פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק לגבי דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט דורות לאַנג געקעמפט צו דערגרייכן אַ שטאָטלעכע נאַציאָנאַלע לייזונג פאַר זיך.

דאָס איז געווען אַ רירנדיקער מאָמענט, אַ מאָמענט פון אמת פאַרן יידישן פאָלק. האַרי טרומאַן האָט געוואָלט איבעררייסן די געשאַפענע שטילקייט און האָט געשטעלט פראַגן וועגן פאַרשיידענע געביטן פון דעם לעבן אין דער נייער מדינה. אין מיטן פון דעם שמועס האָט ער אַ פרעג געטאָן, ווי ער וואָלט זיך פּלוצעם דערמאָנט: צי איז דער פּרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון אויך דער מלחמה־מיניסטער? איך האָב געענטפערט, אַז אין ישראל איז נישטאָ קיין מיניס־טעריום פאַר מלחמה, נאָר אַ פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום און אַז דוד בן־גוריון איז אויך דער פאַרטיידיקונגס־מיניסטער, און איך האָב צוגעגעבן, אַז די ניי־פאָרמירטע אַרמיי, צה"ל, איז אַ פאַרטיידיקונגס־אַרמיי און אַז דאָס סימבאָליזירט אויך די טענדענץ און די אויפגאַבע פון דער ישראל־אַרמיי.

טרומאַן האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס אין דער פראַגע און באַמערקט, אַז ס'איז זייער וויכטיק וואָס ישראל האָט אָנגעהויבן נישט מיט קיין מלחמה־מיניסטעריום נאָר מיט פאַרטיידיקונג. דאָס זאָגט פאַר דער גאַנצער וועלט וווּהין עס שטרעבט די נייע מדינה, דאָס איז אַ וועג צו ברענגען שנעלער דעם שלום אין דער גאַנצער געגנט. די צוקונפט פון ישראל איז ענג פאַרבונדן מיטן דערגרייכן אַ פעסטן שלום מיט דער אַראַבישער וועלט.

דער שמועס איז אָנגעגאַנגען געמיטלעך און טרומאַן האָט אַרויסגעוויזן גרויס נייגעריקייט פאַר פיל פּראָבלעמען פון דער מדינה; ער האָט אויך אויסגעדריקט

זיין צופרידנקייט, וואָס ס'איז אויך געשאַפֿן געוואָרן אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע זיד־לונג אויף זיין נאָמען: כפר טרומאַן.

ווען מיר האָבן געהאַלטן ביים אוועקגיין, האָב איך אים געזאָגט, אַז די גרויסע פֿריינדשאַפֿט צו אים אין ישׂראל דאַרף אים איבערצייגן ער זאָל קומען באַזוכן די נייע מדינה, דאַן וועט ער אַליין זען דעם כפר־טרומאַן.

זיין ענטפֿער איז געווען: „ס'איז אין מיינע פּלענער צו באַזוכן ישׂראל, ווען די באַדינגונגען וועלן דערלויבן, וועל איך עס זיכער טאָן. גיט איבער אַ פֿריינד־לעכן גרוס די זידלער פֿון כפר־טרומאַן".

ווען מיר זענען אַרויס פֿון ה. טרומאַנס ביוראָ, האָב איך געפֿילט, אַז אָט דאָ אין קענזאַס סיטי האָבן מיר אַ גרויסן פֿריינד פֿון ייִדישן פֿאָלק און פֿון מדינת ישׂראל.

דעצעמבער 1972

אַוועק אַ גרויסער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִד

(נאָך דער פּטירה פון הרב פּראָפ. אברהם יהושע העשל)

דער טויט פון גרויסן דענקער, שרייבער און רעליגיעזן פילאָסאָף ר׳ אַברהם יהושע העשל ז״ל האָט אין דער ייִדישער וועלט אַרויסגערופן אַ געפיל פון טרויער און צער. ס׳איז אַוועק אין דער אייביקייט איינער פון די באַגאַבטסטע זין פון אונדזער דור און ס׳נעמט אַרום אַ שוידער ווען מ׳גיט אַ טראַכט, אַז ער איז פון אונדז אַוועקגענומען געוואָרן אין סאַמע מיטן פון זיין שפּרודלדיקן גייסטיקן שאַפן — ער איז אַלט געוועזן סך הכל 65 יאָר.

געוועזן איז ער אַ פילזייטיקע און פולסירנדיקע פיגור אין דער ייִדישער גייסטיקער וועלט. איך בין נישט בכוח אַרומצונעמען זיין טיפע לערע און גרינטלעך זי פאָרמולירן. איך וויל נאָר באַמערקן, אַז ס׳איז מיר אויסגעקומען אייניקע מאָל זיך צו טרעפן מיט א. י. העשל און שמועסן מיט אים וועגן פאַרשיידענע ייִדישע פּראָבלעמען און ס׳איז שטענדיק געווען אַן אויסערגעוויינלעכער גענוס מיט אים צו שמועסן. מיט 8 יאָר צוריק האָב איך אים פאַרגעלייגט זיך צו טרעפן מיט די אַקטיוויסטן פון דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט און פאַר זיי רעפערירן וועגן פּראָבלעמען פון גלות־ייִדנטום און מדינת ישׂראל. הגם ער האָט געוווּסט אַז דער רוב אונדזערע מענטשן זענען נישט פון זיין וועלט־אויפפאַסונג און וועלן נישט זיין בכוח אַריינצודרינגען אין זיין גייסטיקער וועלט, האָט אָבער א. י. העשל גערן אָנגענומען מיין פאָרשלאָג און איז געקומען אויף אַ באַגעגעניש אין לאָקאַל פון דער ישׂראל־דיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, אויף רחוב הירקון אין תּל־אָביב און האָט מיט זיין נוסח רעפערירט, גלייך ווי ער וואָלט פאַר זיך געהאַט זיינע תּלמידים פון טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק. ער האָט די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט געזען ווי אַ גרויסן שותּף אין בויען מדינת ישׂראל, ער האָט זי געוואָלט אַריינציִען אין דער פאַרצווייגטער גייסטיקער וועלט פון זיין אַ ייִד, פון פאַרשטיין די שליחות פון אונדזער דור.

געוועזן איז עס אַן אָוונט פון טיפער גייסטיקער איבערלעבעניש. ווייס איך נישט צי ער האָט באַוויזן צו דערגענטערן פיל פון די אָנוועזנדיקע צו זיין אויפפאַסונג. אָבער די ערשטע רעאַקציע פון אַ סך איז געווען: „מען דאַרף זען, אַז ער זאָל נאָך קומען אויף אייניקע רעפעראַטן״.

געוועזן בעת יענער באַגעגעניש אַ נישט תּכליתדיקער שמועס. העשל האָט נישט געשטעלט פאַר די אָנוועזנדיקע קיין פּראַגמאַטישע צילן, ער האָט נאָר געוואָלט אַז מענטשן זאָלן דענקען וועגן די באַרירטע פּראָבלעמען אין אַנדערע קאַטעגאָריעס ווי די וועלכע זיי הערן יעדן טאָג. דאָס האָט א. י. העשל זיכער דערגרייכט.

אַ פּאָר יאָר נאָך יענער באַגעגעניש האָב איך באַזוכט ניו־יאָרק און זיך גע־טראָפֿן מיט א. י. העשל אין טעאָלאָגישן סעמינאַר אין זיין באַזונדערער אַרבעטס־ביוראָ, וועלכע איז געווען פול מיט ביכער, דאָסיעס און דאָקומענטן. מיט זיין הדרת־פּנים האָט ער אַרויסגערופֿן פיל דרך ארץ און אַכטונג. כ׳האָב אים גלייך געזאָגט, אַז כ׳וואָלט געוואָלט מיר זאָלן האָבן אַ שמועס וועגן גורל פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום אין די היינטיקע צייטן און צוגעגעבן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ חשש, אַז די גרויסע השפּעה פון די גייסטיקע ווערטן פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, וואָס האָט זיך אויסגעווירקט אויף דער ייִדישער וועלט בכלל, האָט אָנ־געהויבן פאַלן, אַז דאָס וואָס האָט נעכטן משפּיע געווען ווערט היינט שמאָלער און נישט זיכער. פרעגט זיך טאַקע: וווהין גייט מען?

א. י. העשל האָט זיך פאַרטראַכט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו אַן איי־זערנער שראַנק, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ דינע בראָשור אין ייִדיש און, אַוועק־זעצנדיק זיך צוריק, האָט ער זיך געווענדט צו מיר:

— אָט איז מיינע אַ בראָשור „דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִד", דערשינען אין יאָר 1946. פאַראַן דאָ מיינע געדאַנקען און אָפּשאַצונגען וועגן דעם מזרח־אייראָ־פּעיִשן ייִדן.

און ער האָט אין זיין פליסיקן ייִדיש גענומען רעדן וועגן דער אייגנאַרטיקייט פון דעם גרויסן גייסטיקן ייִדישן צענטער אין מזרח־אייראָפּע, וועלכער איז געווען אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר במשך הונדערטער יאָרן, אונטערשטרייכנדיק דעם וועזנטלעכן אונטערשייד וואָס איז געווען צווישן דער שפּאַניש־ייִדישער תּקופֿה און דער תּקופֿה פון דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישקייט.

אין דער לופֿט איז געהאַנגען די פראַגע: ווער וועט זיין דער יורש פון דער רומפולער גייסטיקער ירושה וואָס די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן האָבן געלאָזן? צי וועט די מזרח־אייראָפּעיִשע תּקופֿה פאַרבלייבן אַן אָפּגעשלאָסענע, אָדער וועט זי האָבן אַ המשך? מדינת ישׂראל און אירע גייסטיקע כּוחות דאַרפֿן זיך טיפער און טיפער פאַרטראַכטן וועגן אָט דער תּקופֿה.

דער שמועס איז אָנגעגאַנגען אַ היפּשע צייט און כ׳האָב כּסדר געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן. צו דעם שמועס האָט געמוזט קומען אַ המשך. אָט האַלט איך אין האַנט א. י. העשלס בראָשור און בלעטער זי. זי דער־מאָנט מיר גענוי דעם פאַרכאַפּנדיקן שמועס וואָס מיר האָבן געהאַט דאַן, ווען ער האָט מיר די בראָשור געגעבן. אָט זענען אייניקע ציטאַטן פון איר:

„...די גייסטיקע העגעמאָניע ביי ייִדן איז אין די לעצטע טויזנט יאָר איינגעשטאַנען ביי צוויי קיבוצים: אין דער עלטערער תּקופֿה — זענען שפּאַ־ניש־ספרדישע ייִדן, אין דער שפּעטערדיקער תּקופֿה — זענען די אַשכּנזישע ייִדן געווען דער דאָמינירנדיקער קיבוץ אין ייִדישן פאָלק. ביז דעם 19טן יאָרהונדערט שטעלן צונויף אַלע אַשכּנזישע ייִדן וואָס ווינען אין דעם שטח צווישן דעם ריין און דניעסטער, צווישן באַלטישן און שוואַרצן ים, ווי אויך

עטלעכע שכנותדיקע מדינות — אַ קולטורעל איינהייטלעכע גרופּע, ביים וויגעלע פון דער דאָזיקער קולטור־ספערע שטייען רש״י און דער קרייז אַרום ר׳ יהודה החסיד״.

„...כדי אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון דער מזרח־אייראָפּעיִשער תּקופה אין דער ייִדישער געשיכטע, דאַרפן מיר נישט אָפּשטעלן זיך אויפן צושטייער צו ליטעראַטור, וויסנשאַפט און קונסט, נאָר אויף דעם לעבנס־געפיל און לעבנס־סטיל, דעמאָלט געפינען מיר אַז אין איר האָט אונדזער פאָלק דער־גרייכט די העכסטע מדרגה פון פּנימיות. פון דעם שטאַנדפּונקט קענען מיר זאָגן, אַז זי איז געווען די גאָלדענע עפּאָכע אין דער ייִדישער געשיכטע, אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער נשמה״.

און ווען א. י. העשל וויל בולט מאַכן די אונטערשיידן צווישן ספרדישע און אַשכּנזישע ייִדן שרייבט ער:

„...דעם שפּאַניש־ספרדישן ייִדנטום האָט אָפּט געפעלט פאָלקסטימלעכ־קייט. די קולטור ביי די ספרדים איז געקומען „פון אויבן״. די ייִדישע חכמים נעמען איבער פּראָבלעמען פון אַראַבער. ייִדישע חכמים זענען פאַרטאָן בעיקר אין וויסנשאַפט, זייערע ספרים זענען אָפּט באַשטימט פאַר יחידים. זייער ייִדישקייט איז אַריסטאָקראַטיש. זיי שרייבן אָפּט שירים אין אַן עברית וואָס איז אַזוי געקניפּט און געבונדן, אַז נאָר לומדים קענען זיי פאַרשטיין״.

„...די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן באַשאַפן אַן אייגן לשון. געבוירן פון אַ רצון מסביר צו זיין, צו פאַראיינפאַכן און פאַרטייטשן די געוואַלדיקע קאָמ־פּלעקסן פון לשון הקודש, פון תּנ״ך און גמרא — אַנטשטייט ווי פון זיך אַליין מאַמע־לשון אַ „שוה לכל נפש״, אַ שפּראַך אַן צערעמאָניעס און אַן קונצן, אַ שפּראַך אויף וועלכער „עס רעדט זיך״. זי איז פול מיט צערטלעכ־קייט און חכמה, מיט פּשטות און האַרציקייט פון גוטע מאַמעס״.

„...דער חן פון מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן קומט פון זייער אינעווייניק־סטער רייכקייט, פון דער פּאָלאַריטעט פון שׂכל און געפיל, פון פרייד און אומעט. אַלצדינג אין זייער לעבן איז געווען פיקסירט לויט אַ נוסח... נישט געווען קיין זאַך, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט אויף הפקר. גלייכצייטיק אָבער איז געווען אין זיי געגנוג וויטאַליטעט וואָס האָט געקענט כּסדר מאָדי־פיצירן דעם אָנגענומענעם נוסח״.

„די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן זענען געווען אַ פאָלק וואָס האָט געהאַט אַ שותּפותדיקן רצון און אַ שותּפותדיקן גורל. דאָס איז נישט געווען סתּם אַן איינפאָרמיקע און גלייכמעסיקע געזעלשאַפט, אַ שבט פון איין שטיק, נאָר אַ פילפאָרמיקער ציבור, פול מיט פאַרבן און קאָנטראַסטן. גייסטיק און פּסי־כיש זענען ייִדן געווען ווי אַ לאַנד מיט אַ סך פּראָווינצן: ליטוואַקעס, בע־סאַראַבער, רוסישע, גאַליציאַנער, אַגודהניקעס, ציוניסטן, חב״דניקעס, בונ־

דיסטן. אייגהייטלעך אין זיין פֿאַרשיידנאַרטיקייט, איין לשון און אַ סך דיאַלעקטן.

אַט אַזוי וועבט העשל די גרויסע און רומפֿולע עפּאָפּעע פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִד. ער שטייט אין מזרח־וואַנט פֿון די פּראָמינענטע פֿיגורן אין דער ייִדישער געשיכטע וואָס דער שבט פֿון מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן האָבן צוגעטראָגן כּלל ישׂראל.

די פֿראַגע עגבערט: צי וועלן מיר דאָ, אין מדינת ישׂראל קענען פֿאַר־זיכערן אַ ווירדיקן המשך דער גרויסער נאַציאָנאַלער און גייסטיקער תּקופֿה?

*

געדענק איך נאָך אַ גייסטיק־געהויבענעם שמועס מיט אברהם יהושע העשל ז״ל, אין יענע ערשטע טעג, ווען ס׳האָבן זיך געהערט פֿאָדערונגען אויפֿצוהויבן די שטים פֿון מדינת ישׂראל און פֿונעם וועלט־ייִדנטום אין דער פֿראַגע פֿון די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. ער האָט מיט גרויס התלהבות געפֿאָדערט מיר זאָלן שטיצן און אויפֿבלאָזן דעם ניצוץ וואָס האָט דאַן אויפֿגעפֿלאַמט צווישן די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. געווען איז עס אין די יאָרן 66—1965, ווען מ׳האָט נאָך נישט געזען קיין קאָנקרעטע רעזולטאַטן פֿון דעם קאַמף פֿאַר עליה פֿון די סאָוויע־טישע ייִדן. ער האָט אָבער געפֿאָדערט, אַז דאָס גאַנצע וועלט־ייִדנטום זאָל זיך איינשפּאַנען אין דעם קאַמף פֿאַר די רוסישע ייִדן און פֿאָדערן, אַז זיי זאָלן קענען אַרויס פֿון דאָרטן. ער האָט געזען אין דעם קאַמף נישט נאָר אַ פּראָבלעם פֿון די ייִדן אין רוסלאַנד, נאָר אַ זאַך וואָס האָט אַ שייכות מיטן עצם קיום פֿון אונדזער פֿאָלק, מיט אונדזער נאַציאָנאַלער גאַנצקייט. ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז דער חוב פֿון יעדן ייִד אין דער וועלט זיך צו סאָלידאַריזירן מיט די סאָוויעטישע ייִדן, אַז דער דאָזיקער קאַמף וועט אויך דינען ווי אַ צעמענט פֿון טיפֿער פֿאַרבינדונג פֿון כּלל ישׂראל. די פֿראַגע פֿון סאָוויעטישן ייִדנטום איז, לויט אים, אַ פּראָבלעם וואָס קען נישט אַראָפּ פֿון אונדזער סדר־היום, און ער האָט זייער אָפּגעשאַצט דעם פֿאַקט, וואָס מדינת ישׂראל, טראָץ אַלע אירע ברענענדיקע פּראָבלעמען, פּאָליטישע און מיליטערישע, האָט נישט פֿאַרנאַכלעסיקט אויף קיין איין מינוט איר גורלדיקע אחריות פֿאַר די רוסישע ייִדן.

אין מיין שמועס מיט אים אויפֿן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים האָט ער געזאָגט וועגן דער עליה פֿון די ייִדן פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד: „ס׳איז נאָר אַן אָנהייב, מען דאַרף מיט נאָך מער התלהבות ממשיך זיין דעם קאַמף פֿאַר די סאָוויעטישע ייִדן״.

אַ גרויסער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִד, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ פּלאַץ אויבן אָן אין אונדזער גייסטיקער נאַציאָנאַלער גאַלעריע, האָט אונדז פֿאַרלאָזט. זיין פּטירה איז אַ גרויסע אבֿדה פֿאַר אונדז אַלע.

יאַנואַר 1973

זלמן שזר — דער פּרעזידענט פון מדינת ישׂראל און פון ייִדישן פֿאָלק

דעם 24סטן מאַי 1973, ווען ר׳ זלמן שזר האָט פֿאַרענדיקט זיין קאַדענץ אַלס פּרעזידענט פון מדינת ישׂראל, האָט זיך געשלאָסן נאָך איין קאַפּיטל אין זיין שטורמישן און גייסטיק־רייכן לעבן. אָן ספק איז דאָס דאָזיקע קאַפּיטל נישט דער סוף פון זיין וועג, ווייל פֿאַר אים שטייען נאָך אַ סך טאָטן און גייסטיקע שאַפֿונגען, וועלכע וועלן נאָך האָבן זייער רעזאָנאַנס. די אַקטיוויטעט־עפּאָפּעע פון זלמן שזר איז נאָך נישט פֿאַרענדיקט.

גראָד איצט, אין די טעג פון זיין ווערן צוריק אַ פּריוואַטער בירגער, קאָן זיך ר׳ זלמן שזר אַרומקוקן אויף די פֿאַרגאַנגענע 80 יאָר פון זיין לעבן. אַלס יונגער בחור פון מינסקער ראַיאָן האָט ער פון די ייִנגסטע יאָרן אָן איינגעזאַפּט אין זיך ייִדישן נוסח, ייִדישער גורל פון כלל־צוגעבונדנקייט. זיין לעבנסוועג איז געווען פֿאַרקניפּט מיטן גורל פון כלל, פון עם ישׂראל. ער האָט געדינט דעם פֿאָלק מיט זיין גאַנצן וועזן און טאַלאַנט. זינט ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון דער „פּועלי־ציון״־באַוועגונג, אין 1905 אין רוסלאַנד, איז ער זיין גאַנץ לעבן געבליבן טריי צום אַרבעטער־ציוניזם, אָבער ער האָט אויפגעהיט אין זיך זיין אייגנאַרטיקייט. זיין פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט האָט נישט געליטן פון קיין שמאָל־קעפּלדיקייט, פון קיין באַגרענעצטקייט. ער האָט געקעמפּט פֿאַרן פּועלי־ציוניסטישן אידעאַל, אָבער גלייכצייטיק האָט ער מיטן האַרץ און מיטן מוח אַרומגענומען אַלע גרויסע ווערטן און שאַפֿונגען פון ייִדישן גייסט; געווען אַריינגעטאָן אין שטודירן די געשיכטע פון משיחיזם ביי ייִדן, זיך אָפּגעגעבן מיטן פֿאָרשן דאָס ייִדישע לעבן פון די פֿריערדיקע דורות. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געפֿילט פֿרעמד צו קיין שום זאַך וואָס איז ייִדיש. זיין פּאַרטיי־פֿילאָזאָפֿיע האָט אים געבראַכט צו די סאַמע טיפֿסטע אידעען פון ייִדישן וועזן און פון ייִדישער גייסטיקער שאַפֿונג. אין דעם איז געלעגן איינע פון די אויסדרוקן פון זיין פֿילזייטיקער פּערזענלעכקייט.

אהבת ישׂראל און אַנאַליז פון דער ייִדישער גלות־אַנאָמאַליע, ליבשאַפֿט צו דער ייִדישער טראַדיציע און טיפֿער גלויבן אין די אוניווערסאַלע אַלמענטשלעכע ווערטן, דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז ביי אים זאָל נישט זיין קיין סתּירה צווישן למדנות און חב״ד, צווישן באַנעמען די געשיכטלעכע ראָל פון דער רעליגיע אין ייִדישן לעבן און זיין טיפֿער איבערצייגונג אַז דאָס ייִדישע פּראָבלעם קען און דאַרף געלייזט ווערן אין ליכט פון דער ציוניסטישער אויפֿפֿאַסונג. ר׳ זלמן שזר געהערט כּולו צום אַרבעטער־ציוניזם, אָבער אין דעם דאָזיקן ציוניזם טראָגט ער אַריין דעם ניואַנס פון אייגענעם גלויבן, זיין אייגענעם אמת.

אויך ווען ער שפּרייזט דערפֿאָלגרייך אויף די באַרג־שפּיצן פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכער אַקטיוויטעט, אין דער הסתּדרות־באַוועגונג, אין דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט, מיט זיינע איינדרוקספֿולע אַרויסטרעטונגען אין די ייִדישע קהי־לות אויף דער וועלט, אין דער ייִדישער אַגענץ, אין דער ישׂראל־רעגירונג, אויפֿן שטח פֿון דערציִונג און קולטור, און אויך ווען ער דערגרייכט זיין העכסטן מעמד אין דער מדינה — נשׂיא מדינת ישׂראל — בלייבט ר׳ זלמן שזר טריי זיין אינער־לעכער גייסטיקער וועלט, די בכּבֿודיקע עפּאָלעטן און אויסצייכענונגען מאַכן אים נישט שיכּור. ער בלייבט דער גרויסער זון פֿון ייִדישן פֿאָלק, דער גרויסער יחיד וואָס מיט זיין אייגנקייט און באַזונדערקייט רעפּרעזענטירט ער דאָס פֿאָלק.

צום בולטסטן איז דאָס געקומען צום אויסדרוק ביי זיין שטעלונג צו פּאַר־שיידענע פֿראַגן אין דער צייט פֿון זיין פּרעזידענטשאַפֿט. אויך די מדינה־קרוין האָט נישט געענדערט זיין לעבנס־באַנעם און זיין באַציִונג צו מענטשן. ער איז געבליבן טריי זיך אַליין און דערמיט אַרויסגערופֿן פֿיל מאָל שטוינונג ביי אַלערליי אַנדערע עפּאָלעטן־טרעגערס. ער האָט אָבער נישט מוותּר געווען אויף זיין וועג.

מיט גרויס שטאָלץ און ערע האָט ער געטראָגן דעם כּתר המלוכה, אַרויסגערופֿן רעספּעקט ביי די וועלכע זענען געקומען אין באַרירונג מיט דעם העכסטן סימבאָל פֿון ייִדישער שטאַטלעכקייט. גלייכצייטיק מיט דער אָפֿיציעלער הימן־מוזיק וואָס האָט אָפּט אָפּגעהילכט צווישן די מויערן פֿון פּרעזידענט־פּאַלאַץ האָט זיך אויך געהערט דער חסידישער ניגון, דער קול תּורה. ער האָט געזאָרגט דערפֿאַר אַז ייִדישע שרייבער זאָלן מיט זייערע שאַפֿונגען קענען קומען צום אויסדרוק און ער האָט זיי סטימולירט דורך דעם וואָס זיי האָבן ביי אים געקראָגן אַ וואַרעמע נעסט פֿון דערמוטיקונג. אַלץ וואָס ער האָט געפֿילט אַז ס׳איז ייִדיש, אַ טייל פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער נשמה, האָט ער געוואַרעמט און געמוטיקט אַפֿילו ווען דאָס האָט אַמאָל דענערווירט געוויסע קרייזן.

ער האָט געגרינדעט ביים פּרעזידענטן־הויז אַ קרייז צו לערנען און שטודירן דאָס לעבן פֿון די ייִדישע קהילות אין די תּפֿוצות. דער דאָזיקער קרייז האָט צוגע־צויגן די פּראָמינענטסטע פֿיגורן פֿון ייִדישן לעבן און געשאַפֿן אַזוי אַרום אַ גייס־טיקן צענטער פֿון ייִדישן פֿאָלק. דאָ האָט ר׳ זלמן שזר באַוויזן זיינע גרויסע פֿעיִקייטן און זיין כּתר התּורה.

ער האָט געהאַנדלט ווי אַ גרויסער ייִד, ווי איינער וואָס האָט געפֿילט, אַז אַ פּרעזידענט פֿון מדינת ישׂראל דאַרף אַריינזאַפּן אין זיך די אַלע גוטע און ליכ־טיקע שטראַלן פֿון דער ייִדישער גייסטיקער זון. נאָר דאָן איז די שליחות פֿון אַ פּרעזידענט אַ שליחות פֿון שלמות, פֿון דערהויבנקייט. דאָרט ווו אייניקע האָבן געזען שוואַכקייטן, האָט ער געזען אַ חלק פֿון דער נשמה יתירה. דערפֿאַר טאַקע האָט זיין אייגנאַרטיקע ייִדישע פּערזענלעכקייט אַרויסגערופֿן אַזויפֿיל ליבע, רעס־

פּעקט און אָנערקענונג. ער האָט טאַלאַנטפול געקייטלט דעם המשך פון דער גאָל־דענער קייט און געזוכט דעם וועג צו דער צוקונפט פון יידישן פאָלק, צו דער צוקונפט פון מדינת ישראל.

מיט רעכט טאַקע האָבן די יידן אין די תפוצות געזען אין אים נישט נאָר דעם פּרעזידענט פון מדינת ישראל, נאָר אויך דעם ראש וראשון פון גאַנצן יידישן פאָלק.

מיר זענען טיף איבערצייגט אַז אויך איצט, ווען ער האָט אויסגעטאָן די טאָגע פון פּרעזידענט און וועט טראָגן דעם מלבוש פון אַ פּריוואַטן בירגער, וועט דאָס ליכט פון זיין פּערזענלעכקייט באַלייכטן און באַשיינען מדינת ישראל און דאָס יידנטום אין גלות.

יוני־יולי 1973

אריה פינקוס

ער איז געווען א גאַנץ באַזונדערע, אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט און וועד ווייס צי מיר זענען שוין איצט מסוגל אָפּצושאַצן זיין אָרט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער איז געקומען אין דער באַוועגונג און קיין ישׂראל בקול דממה דקה און איז אין אַ פּאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט דערגאַנגען ביז די העכסטע שפּיצן, דער עיקר אַ דאַנק דעם גרויסן צוטרוי וואָס ער האָט צו זיך אַרויסגע־רופן, אַ דאַנק דעם גרויסן אָנשטרענג וואָס ער האָט געמאַכט און פאַר וועלכן ער האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן.

ער איז אויסגעוואַקסן אין אַן אַנגלאָ־זאַקסישער אַטמאָספער. די ייִדישע אַנגלאָ־זאַקסישע וועלט האָט אים דעריבער געהאַלטן פאַר אירן אַן אייגענעם און איז געווען שטאָלץ מיט זיינע דערגרייכונגען און מיט דעם מעמד צו וועלכן ער איז דערגאַנגען. פּינקוס האָט זיך אָבער נישט באַגרענעצט צו די אַנגלאָ־זאַקסישע ייִדישע קהילות אין דער וועלט און אין די לעצטע יאָרן האָט ער געשאָנקען זיין גרעסטע אויפמערקזאַמקייט דווקא דעם ייִדנטום אין דרום־אַמעריקע, שוין נישט רעדנדיק וועגן דער גאָר ספּעציעלער זאָרג און אָנשטרענג וואָס ער האָט געוויד־מעט דעם סאָוויעטישן ייִדנטום.

און ס'איז קיין וווּנדער נישט וואָס אַזוי איז געשען. איז ער דאָך אַליין גע־ווען אַן אַרויסשפּראָץ פון אַ געלונגענעם מיזוג פון דער אַנגלאָ־זאַקסישער ייִדישער וועלט מיט דעם איינגעוואָרצלטן ייִדנטום פון מזרח־אייראָפּע. זיינע עלטערן זענען געקומען פון ליטע און זיין ייִדיש־ליטווישע ירושה האָט ער געטראָגן טיף אין זיך. ער איז געווען אַזוי שטאָלץ מיט זיין ליטווישן ייִחוס. ער, דער ענגליש־רעד־נער, וועלכער האָט זיך דאָ אין לאַנד אַלץ אָפּטער באַנוצט אין זיינע אַרויסטריטן מיט עברית האָט געפילט אַ נאָענטקייט צו דער ייִדיש־ייִדישער וועלט, צו ייִדיש, וויסנדיק ווי וויכטיק דאָס דאָזיקע לשון איז בעת מע וויל צוקומען און זיך דער־נענטערן צו די ברייטע שיכטן פונעם פאָלק אין דער וועלט. האָט ער טאַקע פאַר דער לעצטער צייט גענומען לערנען ייִדיש און האָט אין דעם לימוד געמאַכט גאַנץ באַדייטנדיקע פאָרשריט.

וואָס מער ער איז אַריינגעדרונגען אין דער ציוניסטישער טעטיקייט, אַלץ מער לעבעדיקע קוואַלן האָט ער אַנטדעקט אין פאָלק און אַלץ בעסער האָט ער פאַרשטאַנען אַלע טיילן פונעם פאָלק מיט וועלכע ער איז געקומען אין קאָנטאַקט. און שטייענדיק שוין אין דער שפּיץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט ער ווי זיין הויפּט־אויפגאַבע געזען וואָס מער צוזויפצובינדן דאָס פאָלק מיט דער מדינה און די מדינה מיטן פאָלק, צוצוציִען צו עפעקטיווער ציוניסטישער און

ישׂראל־טעטיקייט אַלץ נייע שיכטן פונעם גאַנצן פאָלק אין דער וועלט און אויך צו שטאַרקן די זאָרג פון דער מדינה פאַרן ווייטערדיקן קיום פון די ייִדן ווי ייִדן אין דער וועלט. אַזוי איז ער געקומען צום געדאַנק פון דער אויסגעברייטערטער ייִדישער אַגענץ, וואָס זאָל אַריינבנעמען ציוניסטן און נישט־ציוניסטן, מענטשן פון די געלט־זאַמלונגען און פון אַנדערע שיכטן. אַזאַ פּרוּוו איז שוין בשעתּו געמאַכט געוואָרן דורך פּראָפ. ווייצמאַן, ווען ער האָט אין יאָר 1929 געשאַפן די ייִדישע אַגענץ. דער דאָזיקער פּרוּוו איז דאַן נישט געלונגען. די אַגענץ איז פאַרבליבן אַ ריין ציוניסטישע. האָבן אויך דאָס מאָל די מערסטע חברים וועלכע זענען מיטגעגאַנגען מיט פּינקוסן אפשר נישט געגלייבט, אַז זיין פּלאַן וועט אים געלינגען. ס׳איז געווען אַ חשש אַז די נישט־ציוניסטן אין דער אויסגעברייטערטער אַגענץ זאָלן אַריינשלינגען די ציוניסטן און ווערן דער דעצידירנדיקער כּוח אויף דער ייִדישער גאַס.

אָבער דער פּלאַן איז יאָ געלונגען. נישט ווייניק צוגעטראָגן דערצו האָט זיין גלויבן, זיין שטאַרקער ווילן, זיין עקשנות און זיין איבערגעגעבנקייט. ער האָט זוכה געווען, אַז די אויסגעברייטערטע ייִדישע אַגענץ איז נישט פאַרבליבן בלויז אַן אינסטרומענט אויף צו זאַמלען געלטער, נאָר איז געוואָרן — דווקא אַ דאַנק איר אויסגעברייטערטער ראַם — אַ קערפּערשאַפט וואָס דערנענטערט, וואָס וועקט אויף נייע שיכטן ייִדן אין דער וועלט פאַר די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער ייִדישער מדינה און פון ייִדישן פאָלק. בעת דער קאָ־פּרעזידענט מאַקס פישער האָט אויף דער קאָנסטיטויִרנדיקער זיצונג פון דער אויסגעברייטערטער ייִדישער אַגענץ גערעדט, אַ שטאַרק געריררטער, וועגן דעם ייִדישן חינוך, האָט זיך אַ טרער אַראָפּגעקייקלט פון זיינע אויגן. אָט די דאָזיקע טרער איז געווען איינער פון פּינקוסעס גרעסטע נצחונות. און די צוגעצויגענע נישט־ציוניסטישע ייִדן האָבן זיך אויך אָנגעהויבן גאָר נאָענט צו אינטערעסירן מיט די אינערלעכע שווערע פּראָבלעמען פון דער מדינה, ספּעציעל אויפן סאָציאַלן געביט און אַרויסגעוויזן דערביי נישט ווייניק איניציאַטיוו און פאַרשטענדעניש.

פּינקוס האָט געשטרעבט צו ברענגען די נישט־ציוניסטן צו אַ פולן אידענטיפיצירן זיך מיט דער מדינה נישט נאָר דורך געלט, דורך פילאַנטראָפּיע, נאָר דורך אַ טיפן געפיל, דורך אַ טיפן באַוווסטזיין. ווייל פאַר זיינע אויגן זענען געשטאַנען די גרויסע אויפגאַבן אין זייער גאַנצן פאַרנעם, וואָס כּדי זיי צו דערגרייכן איז נייטיק איינצושפּאַנען דאָס גאַנצע פאָלק. דעריבער האָט ער אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן ממש געפלאַטערט פאַרן ענין פון ייִדישן חינוך אין די תּפוצות. ער האָט געזען פאַר זיך די גרויסע געפאַר וואָס לויערט אויפן פאָלק: אַסימילאַציע, געמישטע חתונות. און ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער זיך נישט באַנוגנט מיטן בלויזן קלאָגן, נאָר געזוכט פּאָסיקע מיטלען, ממשותדיקע מעשׂים וואָס זאָלן דער דאָזיקער געפאַר קענען קעגנווירקן. און ס׳איז אים געלונגען צונויפצוברענגען — צום ערשטן מאָל — אַרום איין טיש אין ירושלים, אַלע

פֿאַקטאָרן אין דער ייִדישער וועלט וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט חינוך, נישט נאָר פֿון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך ייִדישע קהילה־אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט, אויך אָרגאַנזאַציעס וועלכע זענען ווייט פֿון ציוניזם. דאָס איז געווען ממש אַ רעוואָלוציע אין ייִדישן לעבן און געמאַכט האָט זי פּינקוס. און נישט בחינם איז ער, געציילטע טעג פֿאַר זיין פּטירה, אויסגעוויילט געוואָרן ווי דער פּרעזידענט פֿון „קאָדזשאַ", דער דאַך־אָרגאַניזאַציע פֿון די גרויסע ייִדישע קערפּערשאַפֿטן אין דער וועלט.

אָבער אויך די אויסגעברייטערטע ייִדישע אַגענץ איז ביי פּינקוסן נישט געווען אַלץ. ווי שטאַרק די ייִדישע אַגענץ זאָל נישט זיין, — האָט ער געהאַלטן, אַז צוזאַמען מיט איר דאַרף אויך עקסיסטירן און ווירקן אַ שטאַרקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. ער האָט געגלייבט, אַז אַ פּרוכפּערדיקער צונויפֿטרעף צווישן נישט־ציוניסטן און ציוניסטן קען געמאָלט זיין בלויז דאַן ווען צווישן ביידע וועט געשאַפֿן ווערן אַ גלייכגעוויכט, ווען ביידע צדדים וועלן קענען אַרויסווייזן זייער שטאַרקייט.

*

שטייענדיק מיט ביידע פֿיס אין ציוניסטישן לאַגער, האָט זיך פּינקוס געפֿילט טיף פֿאַרוואָרצלט אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז געקומען אין אונדזער מחנה דורך דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הבונים" אין דרום־אַפֿריקע, וועלכע ער האָט געהאָלפֿן אויפֿבויען און אין זיין גאַנצן באַוווסטזיניקן לעבן און אין אַלע זיינע געבענטשטע טעטיקייטן געווען מיט לייב און לעבן פֿאַרבונדן מיטן אַרבעט־ציוניזם.

געקומען צו אונדז איז ער שטילערהייט און שטילערהייט — אין שלאָף — איז ער פֿון אונדז אַוועק. מיט זיין אַוועקגיין האָט ער אין אַרבעט־ציוניזם, אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין ייִדישן פֿאָלק געלאָזט אַ בלויז וועלכן ס'וועט זיין זייער שווער אויסצופֿילן. ער האָט געלאָזט נאָך זיך נישט בלויז אַ גרויסן נאָמען, נאָר דער עיקר, גרויסע מעשׂים און נאָך לאַנגע יאָרן וועט זיין פּערזענלעכקייט דינען ווי אַ ביישפּיל און ווי אַ וועגווייזער פֿאַר די וואָס וועלן קומען נאָך אים.

אויגוסט 1973

נחמן סירקינס דרך

...משה העס האָט נאָך מיט 38 יאָר פריִער פאַר סירקינען (אין יאָר 1862), אין זיין „רוים און ירושלים" געזוכט אַ וועג צו פאַראייניקן דעם ציוניזם מיטן סאָציאַליזם. אָבער סירקין איז געווען דער, וועלכער האָט אין זיין „דאָס יידישע פּראָבלעם און די יידישע סאָציאַליסטישע מדינה" אָנגעוויזן דעם פּראַקטישן וועג צו רעאַליזירן די ביידע אידעאַלן. און בערל קאַצענעלסאָן, דער געטרייער תּלמיד פון ביידן, האָט פאַרגעזעצט זייער וועג און געווידמעט זיינע כּוחות צו פאַרווירקלעכן בפועל די וויזיע פונעם סאָציאַליסטישן ציוניזם, באַזירט אויף אַן איי־דעאַליסטישער היסטאָריאָזאָפיע און אַ מאָראַלישן צוגאַנג אין גייסט פון די נביאים...

סירקינס גרויסקייט איז געקומען צום אויסדרוק נישט נאָר מיט זיין וויזיע און זיינע אינטעלעקטועלע פעיִקייטן, נאָר אויך מיט זיין גייסטיקער שטאַרקייט זיך צו האַלטן פעסט ביי זיין מיינונג אַנטקעגן די אָנשוויונגען וואָס זענען געווען אָנגענומען אין זיין צייט. זינט זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען געוווינט צו פאַר־טיידיקן מיט באַגייסטערונג זיינע געדאַנקען און צו ווידערשפעניקן קעגן קאָנ־ווענציאָנעלע אמתן. נישט געקוקט אויף דער שאַרפער קריטיק און אויפן שפּאָט וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין, האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיינע איי־גענע שטעלונגען. ס'האָט אים נישט געאַרט וואָס מ'לאַכט פון אים.

אין קעגנזאַץ צו אַ סך פון זיינע חברים האָט זיך סירקין נישט געלאָזט באַ־צויבערן דורך דער מערב־קולטור. ער האָט געוווּסט ווי זי אָפּצושאַצן. האָט אָבער נישט געזען אין איר קיין סיבה ער זאָל זיך אָפּקערן פון יידישן פאָלק; ער האָט אָפּגעשטויסן די קאָסמאָפּאָליטישע אויפפאַסונג, וואָס וויל נישט אָנערקענען דאָס יידישע פאָלק און האָט זי באַצייכנט ווי גייסטיקע פאַרשקלאַפונג.

אין יענע יאָרן איז דער סאָציאַליזם געווען קאָסמאָפּאָליטיש. און דער ציוניזם איז געווען ווייט פון סאָציאַליזם. סירקין, דער סאָציאַליסט און דער ציוניסט, האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען. ער איז זיכער געווען, אַז גערעכט איז ע ר און נישט די אָפיציעלע דאָקטרינע און האָט געטענהט: „כּל זמן דער סאָציאַליזם קעמפט נישט פאַר דער לייזונג פון דער יידן־פראַגע, איז זיין וויזיע נישט קיין פולע. און כּל זמן די ציוניסטן שטרעבן נישט צו סאָציאַלן יושר, איז זייער וועג נישט קיין קאָנסעקווענטער".

סירקין האָט געוויטיקט, וואָס די וועלכע זענען געשטאַנען בראש פון ציו־ניזם האָבן אַרויסגעוויזן אַ נייגונג אָנצונעמען די אויבערמאַכט פון די גבירים, און נישט פאַרשטאַנען, אַז דער אמתער טרעגער פונעם ציוניזם איז דער יידישער

המון, די אָרעמקייט און די יוגנט. סירקין האָט זיין לעבן געווידמעט, כּדי צו ברענגען צום ציוניזם די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן און דעם יונגן דור. ער האָט געזען דעם ציוניזם ווי אַ פּראָגרעסיווע באַפֿרייונג־באַוועגונג, וואָס דאַרף דורכפֿירן די ייִדישע רעוואָלוציע און מאַכן דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿאַרן טרעגער פֿון דער סאָציאַליסטישער פֿאַרווירקלעכונג אין ארץ ישׂראל.

בעת מיר זענען זיך מתייחד מיטן אָנדענק פֿון סירקינען, 50 יאָר נאָך זיין טויט, און מיטן אָנדענק פֿון בערלען, 30 יאָר נאָך זיין טויט, דאַרפֿן מיר מאַכן אַ שטיקל ציוניסטישן און סאָציאַליסטישן חשבון הנפש: צי טוען מיר אַלץ כּדי צו באַקעמפֿן די אַסימילאַציע, כּדי צו פֿלעגן דעם ציוניסטישן אידעאַל און כּדי צו פֿאַרזיכערן אַ גרעסערע מאָס סאָציאַלע גערעכטיקייט אין ישׂראל? די בלויזן אין דער ישׂראל־געזעלשאַפֿט און אין די ייִדישע תּפֿוצות דאַרפֿן מיר ווידמען אונדזער הויפּט זאָרג. און מיר טאָרן נישט מורא האָבן פֿאַר זעלבסטקריטיק, וועלכע איז געזונט און איז בלויז אַ באַווייז פֿון דער גייסטיקער קראַפֿט פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכער באַוועגונג.

אויגוסט־סעפּטעמבער 1974

פנחס ספיר

(שטריכן)

א

פנחס ספיר שטייט היינט אויפן ערשטן פּראַנט פון דעם ווירטשאַפטלעכן בוי פון דער מדינה און ס'איז נישט קיין גוזמא צו באַטאָנען, אַז ער האָט אויף דעם געביט אויפגעטאָן גאָר גרויסע זאַכן. אויף יעדן שריט און טריט פילט מען, אַז ער איז דער שליח פון גאַנצן פאָלק צו פאַרשטאַרקן און צו פאַרפעסטיקן די מדינה, אַז ער פילט אויס אַ נאַציאָנאַלע שליחות — פון בויען אַ מדינה, אַ נייע יידישע געזעלשאַפט, פון אַנטוויקלען איר לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע און אַלע געביטן וואָס זאָלן גאַראַנטירן אונדזער המשך און קיום.

פון מזרח־אייראָפּע, פון סוף פון די 20־ער יאָרן פון דעם יאָרהונדערט, האָט פנחס ספיר מיטגעבראַכט מיט זיך דעם גלויבן און ענטוזיאַזם פון אַ יונגן בחור, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפטלעכן וועג אין „החלוץ" פון פוילן. מיט אָט דעם גלויבן און איבערגעגעבנקייט איז ער געגאַנגען זיין גאַנצן לעבנסוועג, ביז ער האָט דערגרייכט די העכסטע שטאַפּלען פון דער גרויסער און מעכטיקער קאָלאָניזאַטאָרישער שאַפונג אין מדינת ישׂראל. דער חלוצישער גייסט וואָס באַ־גלייט אים אין זיין שטורמישער שאַפונגס־אַרבעט האָט אים נישט אָפּגעלאָזן אויף קיין איין שריט פון זיין לעבן. זיינע מיניסטאָרישע עפּאָלעטן האָבן ביי אים נישט געהאַט קיין שום ווירקונג צו ענדערן זיין חלוצישע און קאָלאָניזאַטאָרישע שליחות. ער איז געבליבן אַ זויבערער חלוץ אין העכסטן זין פון וואָרט. מיט דעם כוח פון זיין שווערער אַרבעט און ענערגיע, מיטן זכות פון זיין כסדרדיקן שאַפן, האָט ער פאַרנומען אַ צענטראַלן פּלאַץ אין בנין פון דער מדינה.

דער חלוצישער גייסט האָט ביי אים אָפט אַרויסגערופן אַ ווידערגעפיל פאַר אַ סך ביוראָקראַטישע פאָרמאַליטעטן, וועלכע האָבן איינגעהאַלטן דעם שטורמישן טעמפּאָ פון אַנטוויקלונג, אין וועלכן אַ יונגע דינאַמישע מדינה האָט זיך געגויטיקט אין איר בוי־פּראָצעס. ספיר, וועלכער איז אין זיין פּערזענלעכער באַנעמונג אַ באַשיידענער, גוטער מענטש, זעט דעם יחיד, פאַרשטייט אים, איז אָבער קאַמ־פּראָמיסלאָז ווען ס'האַנדלט זיך צו פאַרזיכערן דעם דערפאָלג פון דעם ציל וואָס ער שטעלט זיך כדי צו שטאַרקן די מדינה. נישטאָ קיין גלייכער צו אים, מיט זיין אומדערשעפּלעכער ענערגיע און איניציאַטיוו כדי זיך אַליין און יענעם מאָבי־ליזירן פאַר די נויטן פון מדינת ישׂראל. מענטשן און פריינד שטוינען: „ווו נעמט ער כוח אַזויפיל זאַכן צו טאָן און אַלץ האַלטן אין זכרון ?" זיין אינערלעכע טרייב־

קראַפֿט איז באַגייסטערט פֿון גרויסן גלויבן, אַז זיין שליחות איז אַן אויסדרוק פֿון אַ נאַציאָנאַלער בויט און ס'איז נישטאָ קיין וועג אויף צוריק. ער האָט אַמאָל געזאָגט: „מיר טאָרן גאָרנישט פֿאַרנאַכלעסיקן ווייל ס'קען זיין, אַז מיט דעם וואָס אונדזער דור וועט פֿאַרלירן וועלן מיר מאַכן שווערער דעם המשך פֿאַר אַנדערע".

אָן ספֿק איז ער איינער פֿון די געטרייסטע חברים פֿון דער ציוניסטישער אַרבעט־משפּחה. ער שטייט נישט אָפּ פֿון די ווערטן און אידעאַלן פֿון דער אַרבעטער־מחנה אין מדינת ישׂראל, אָבער ער זעט נישט די מחנה ווי אַן איזאָלירטע גרופּע. פֿאַרקערט, ער פֿאָדערט פֿון דער ישׂראלדיקער אַרבעטערשאַפֿט און דער עיקר פֿון זיין אייגענער פּאַרטיי, זיי זאָלן שטיין אין שפּיץ מיט אחריות און קרבנות־גרייטקייט פֿאַרן פֿאַרפֿעסטיקן די מדינה. אויב די אינטערעסן פֿון דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפֿט און ווירטשאַפֿט פֿאָדערן עס, האָט ער מוט צו מאָנען פֿון די ישׂראל־אַרבעטער זיי זאָלן נאָכלאָזן פֿון זייערע פֿאָדערונגען. אויך ווען ער קלערט, אַז אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט ער אַנדערש רעאַגירט, נאָר אויב די געזונטמאַכונג פֿון דער ווירטשאַפֿט מאָנט אַ קרבן פֿון די אַרבעטער, זאָגט ער עס מיט שטייפֿקייט, ווייל ער זעט זיי ווי די הויפּט־שותּפֿים אינעם בוי פֿון דער מדינה, ווייל וואָס ס'איז געזונט פֿאַר דער מדינה וועט מיט דער צייט אויך ברענגען ברכה דער אַרבעטערשאַפֿט. זיינע שטאַנדפּונקטן פֿירט ער דורך מיט טעמפּעראַמענט און שטאַרקייט, אויך ווען ער ווערט באַגלייט מיט שטורמישע דעבאַטעס.

ב

פּנחס ספּיר'ס אייגנאַרטיקער שאַפֿונג־גייסט באַנוגנט זיך נישט נאָר מיט דער טעאָרעטישער זייט. ער טענהט, אַז אַ פּ ר אַ ק ט י ש ע ר וועג מוז ליגן אין אין יסוד פֿון יעדער גרויסער שאַפֿונג. אוודאי מוז אויך אין דער פּראַקטישער אויספֿירונג זיין אַ סיסטעם, אַ טעאָרעטישע מעטאָדע, אָבער ספּיר גיט צו פֿון שטענדיק אַן גרויס אויפֿמערקזאַמקייט דעם כּוח פֿון רעאַליזירן, פֿון אויספּרווון זאַכן אין ליכט פֿון דער ווירקלעכקייט. די נייע ישׂראל־מדינה וואָלט זיך נישט געקענט אַנטוויקלען ווען זי וואָלט נישט געהאַט דעם פֿיאַנערישן פֿאַרמעסט. אין דעם זין האָט ספּיר זיך אָראָפּגענומען אַ ביישפּיל ביי זיין גרויסן לערער לוי אשכּול ז"ל, וועלכער איז פֿאַר אים געווען פֿיל יאָרן ווי אַ וועגווייזער און מיט־אַרבעטער. אויך ווען ספּיר איז אַרויף אויף אַ זעלבסטשטענדיקן שניט מיט זיין אייגענעם פֿאַרנעם, האָט ער זיך צוגעהערט צו לוי אשכּול'ס מיינונג און שטעלונג. לוי אשכּול האָט אויך געוווסט ווי צו דערמוטיקן ספּיר'ן — זיין בעסטן נאָכפֿאָלגער אין זיין קאָלאָניזאַטאָרישער פֿאַרצווייגטער אַרבעט — ווייל ער האָט געגלייבט אין אים. פּונקט ווי לוי אשכּול ז"ל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער לערע פֿון ד"ר אַרטור רופּין אין דער לאַנדווירטשאַפֿט, אַזוי האָט ספּיר געטריי נאָכ־געפֿאָלגט לוי אשכּול'ס וועג און סיסטעם. אָט דער זיווג האָט געבראַכט אַ גרויסע

ברכה דעם בוי און דער אַנטוויקלונג פון מדינת ישׂראל און פון דער ישׂראלדיקער אַרבעטערשאַפט. און זינט לוי אשכּול ז״ל איז נפטר געוואָרן, טראָגט פּנחס ספּיר אַליין די גרויסע און שווערע אחריות און לאַסט פון דער ישׂראל־ווירטשאַפט.

מען דאַרף צוגעבן, אַז שוין פון די פריסטע עטאַפּן ווען פּ. ספּיר איז געוואָרן בולט אין דעם קאָלאָניזאַטאָרישן ווערק פון דער מדינה, האָט ער אָפּגעגעבן פיל צייט און איניציאַטיוו צו שאַפן די באַזע און שפּעטער שטויסן צו דער אַנטוויקלונג פון דער ישׂראלדיקער אינדוסטריע. אויב אשכּול׳ס פּרימאַט אין זיין גרויסן שאַפונג־ווערק איז געקומען צום אויסדרוק אין דער ישׂראלדיקער לאַנדווירטשאַפט, וואָס ער איז שוין פון זיינע פריסטע יאָרן געווען פון אירע בויערס, אַנהויבנדיק פון זיין חברשאַפט אין דער קבוצה דגניה ב׳, האָט פּ. ספּיר, נישט אָפּלאָזנדיק זיין אינטערעס און הילף פאַר ישׂראלס לאַנדווירטשאַפט, דעם דגש גדול געשטעלט אויף דער צווייטער זייט פון דער ישׂראלדיקער ווירטשאַפט, אויף דער אינדוסטריע און מסחר אין דער מדינה.

ער האָט געוווּסט, אַז דער סוד פון קענען אַבסאָרבירן מיליאָנען ייִדן אין ישׂראל ליגט אין איר אויפנעמפעיִקייט צו געבן ייִדן אַ קיום אין דער מדינה. לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע זענען די צוויי הויפּט־זיילן אויף וועלכע עס שטייט אונדזער צוקונפט אין דער מדינה. אויב מ׳וועט אַמאָל צוטיילן עמעצן דעם טיטל אַרכיטעקט און בויער פון דער ישׂראלדיקער אינדוסטריע, וועט עס זיין פּנחס ספּירן. מיר שיינט, אַז ער קען אַלע פּרטים פון יעדער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג, געדענקט אויפן קאָפּ יעדן פּרט, ווי אַ פאָטער וואָס זאָרגט פאַר זיינע קינדער, פאַר גוטע אָדער שלעכטע קינדער, אַזוי זאָרגט ספּיר פאַר יעדן ערנסטן פּרוּוו אין דער אינדוסטריע. אויך ווען ער איז נישט געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פון דעם אינדוסטריע־מיניסטעריום, האָט ער געלעבט מיט יעדער אונטערנעמונג. ער האָט געזאָרגט גלייכצייטיק פאַר די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אינעם הסתדרותישן, אין פּריוואַטן ווי אויך אין געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר. ער האָט אין דעם אַריינגעלייגט פיל ליבע, טריישאַפט און נישט נאָר מאַטעריעלע הילף. ווען ס׳טרעפט זיך, אַז „ס׳גייט נישט״ אין אַן אונטערנעמונג, אָדער עס זענען פאַראַן פעלערן אָדער שטרויכלונגען — און עס פאַסירן אַזעלכע פאַלן — לעבט ער עס איבער ווי אַ פּערזענלעכע שווערקייט, שטענדיק גרייט צו העלפן אָדער ענדערן, אפשר וועט די זאַך זיך פאַרבעסערן. אין זיין קליין שוואַרץ ביכעלע פאַרשרייבט ער יעדע וויכטיקע געשעעניש אויף די געביטן וואָס אינטערעסירן אים, און פאַרגעסט נישט צו דערשיינען ווען מען דאַרף.

אויב אין דער ישׂראלדיקער אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ע ר ל אַ נ ד ו ו י ר ט ש אַ פ ט איז געווען אַ גרויסע פּליעאַדע פון בויער און ראָמאַנטיקער, איז אָבער היינט פאַראַן אין דער נאַציאָנאַלער א י נ ד ו ס ט ר י ע איין גרויסער טרוימער און בויער, דאָס איז פּנחס ספּיר.

ג

ווען ער האָט היינט ווי דער פֿינאַנס־מיניסטער אין זיינע הענט די פֿינאַנ־סיעלע אוןווירטשאַפֿטלעכע שליסלען פֿון דער מדינה, קען ער זיך נישט באַ־גרענעצן נאָר מיט לאַנדווירטשאַפֿט און אינדוסטריע, ווייל ווירטשאַפֿט איז אַ שליסל צו אַלץ וואָס קומט פֿאָר אין דער ישׂראלדיקער געזעלשאַפֿט, צו אַלץ וואָס דאַרף פֿאַרזיכערן אַ נאָרמאַל לעבן, און אונדז קענען פֿאַרטיידיקן אין פֿאַל פֿון נויט. ווען פּ. ספּיר האָט ביים צונויפֿשטעלן זיין יערלעכן פֿינאַנס־בודזשעט, ווייזט ער אַרויס זאָרג און איניציאַטיוו אויף אַלע געביטן: געוווער פֿאַר דער אַרמיי, שול־וועזן, מעדיצינישע הילף, סאָציאַלע פּראָבלעמען, אויפֿנאַם־פֿעיקייט פֿאַר נייע עולים — בקיצור, אַלע געביטן וואָס מאַכן מעגלעך אונדזער נאָרמאַל לעבן אין מדינת ישׂראל. ער האָט אַרויסגעוויזן פֿיל עלאַסטישקייט פֿאַר אַלץ וואָס איז דרינ־גענדיק פֿאַר דער מדינה און האָט גרויס מוט צו געבן אַ נעגאַטיוון ענטפֿער ווען ער קומט צו דער איבערצייגונג, אַז אויף דעם פּריאָריטעט־לייטער פֿון די ברע־נענדיקע פּראָבלעמען פֿון דער מדינה דאַרף אַ געוויסער געביט צווואַרטן. און אויב אַ געוויסער געביט האָט דרינגענדיקע נויטן, לייגט ער אַרויף נאָך מער אויף די פּלייצעס פֿון דער מדינה און האָפֿט אַז געלט און מיטלען וועט מען מוזן געפֿינען. אין די סאַמע קאָמפּליצירסטע סיטואַציעס אַנטוויקלט זיך ביי אים דער טיפֿער ווילן צו זוכן נייע מיטלען, נייע מעטאָדן, ווי צו געפֿינען נייע געלט־קוואַלן, כּדי אויף די נויטן צו ענטפֿערן.

זיין שטייפֿקייט און גלויבן האָט דערצויגן דעם ישׂראלדיקן בירגער ווי אויך די ייִדן אין די גלות־לענדער מיטצוגיין מיט זיין אָפּטימיזם, אַז מ׳מוז זיך יעדעס מאָל איינשפּאַנען און געפֿינען מיטלען כּדי צו ענטפֿערן אויף די גרויסע אויפֿ־גאַבעס פֿאַר וועלכע מדינת ישׂראל מאָנט אַ דרינגענדיקע תּשובֿה.

ד

אין מיינע געציילטע שטריכן וועגן פּנחס ספּיר האָב איך זיך נישט געשטעלט פֿאַר אַן אויפֿגאַבע אַרומצונעמען זיין פּילזייטיקע פּערזענלעכקייט, אָבער איך מיין אַז איך קען נישט פֿאַרענדיקן מיינע באַמערקונגען אָן דעם איך זאָל ברענגען צום אויסדרוק פּנחס ספּירס גרויסע ליבע צום ייִדישן פֿאָלק אין דער ברייטער און צעשפּרייטער גלות־וועלט. מיט טויזנטער פֿעדעם בינדט אים די ליבע צו די ייִדישע מאַסן אין די גלות־לענדער. ספּיר אַליין איז דורכויס אַ ייִדישער ייִד, געקניפּט און געבונדן מיטן ייִדישן פֿאָלקס־מענטש, צו וועמען ער האָט אַ וואָרצל־דיקע און גייסטיקע צוגעבונדנקייט. הגם ער קומט צו זיי אָפֿטער וועגן געלט־זאַמלונגען, איז אָבער זיין באַציִונג וואַרעם און רירנדיק ביי יעדער באַגעגעניש מיט זיי. ווער זאָגט עס אַז דאָס וועלט־ייִדנטום וועט נישט אַנטוישן און אונדז

געבן וואָס די מדינה דאַרף האָבן. ער זעט אין די גלות־ייִדן דעם בעסטן שותּף פון מדינת ישׂראל. ער גלייבט דעם ייִדישן פאָלק און פילט זיך אַליין ווי זיין געטרייער זון.

יעדעס מאָל ווען ער באַזוכט אַ לאַנד, קומט ער אין באַריִרונג מיט די דאָר־טיקע ייִדישע פירנדיקע קרייזן און מיטן פאָלק. ער טוט עס מיט טיפער באַגייס־טערונג, ווי אַן ערשטמאָליקער פאַרליבטער. און דאָס געפיל איז אַ קעגנזייטיקס, ווען מ'הערט אָפט מאָל איינדרוקן פון ייִדן וועלכע זענען גערופן צו אַ זיצונג מיט ספּירן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, צו פאַרטאָפּלען זייערע ביי־שטייערונגען פאַר ישׂראל — רעדן זיי אַלע מיט אַכטונג און טיפער אָפּשאַצונג פאַר דער ריזיקער קראַפט און ייִדישער ליבע וואָס ספּיר ווייזט אַרויס בשעת זיינע אָפטע באַזוכן. זעלטן ווען איז מען עדות, אַז אַ זאַמלער פון אַזויפיל מיליאָנען דאָלאַר זאָל אַרויסרופן אויך אַזויפיל דאַנקבאַרקייט און טיפע פאַרערונג. עס האָט זיך געשאַפן אַ וווּנדערלעכע פאַרבינדונג פון גלותדיקן וועלט־ייִדנטום מיטן טרעגער און באַזאָרגער פון די דרינגענדיקע נויטן פון מדינת ישׂראל.

די קעגנזייטיקע געפילן צווישן פּנחס ספּירן מיט די ייִדן אין גלות האָבן גע־בראַכט אויך דערצו, אַז ווען ס'איז עפּעס שלעכט אין אַ ייִדישן ייִשוב אָדער אין אַ קאָנטינענט, דאַן מאָביליזירט זיך ספּיר פאַר הילף צו געפינען וועגן מען זאָל נישט פאַלן — זאַכן וואָס מען דערציילט נישט זייער אָפט, זאַכן וואָס ס'איז געזונטער וועגן זיי צו שווייגן. אָבער די וואָס שטייען נאָענטער, ווייסן פּנחס ספּירס הילף און איניציאַטיוו וואָס דערגרייכט צו יעדן ווינקל אויף דער ייִדישער וועלט־מאַפּע.

די דאָזיקע קעגנזייטיקע באַציִונגען זענען געוואָרן אַ חשובער אָנשפּאַר פאַר דער מדינה און פאַר דעם ייִדישן מענטש אין גלות.

כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגנדיקער פאַל: אין חודש יאַנואַר 1972, ווען ס'איז פאָרגעקומען די פאָר־קאָנפערענץ פון דער ציוניסטישער אַרבעט־פּראַקציע פאַרן 28סטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט פּנחס ספּיר זיך אין איר באַטייליקט. איינער אַ חבר האָט געפרעגט צי מיר וועלן זיך קענען געבן אַן עצה אין פאַל ווען די סאָוויעטישע רעגירונג וועט וועלן — צוליב פּאָליטישע טעמים — פאַרפלייצן מדינת ישׂראל מיט הונדערטער טויזנטער עולים. פּ. ספּיר האָט אויפגענומען מיט צופרידנקייט די פראַגע, גלייך ווי ער וואָלט געוואַרט אויף איר און האָט אויפן פלאַץ געענטפערט: „זאָלן נאָר די סאָוויעטן שיקן וואָס מער עולים צו אונדז. די געקומענע עולים וועלן געפינען פּלאַץ ביי אונדז, מיר וועלן פאַר זיי זאָרגן. מיר האָבן אַ גרויס ייִדיש פאָלק אין גלות וואָס וועט צוהעלפן לייזן דעם דאָזיקן גרויסן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם". און שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן, אין אָנהויב פעב־רואַר 1972, ווען פּ. ספּיר איז אָפּגעפלויגן קיין צפון־אַמעריקע און געקומען דאָרט אין באַריִרונג מיט די ייִדישע קרייזן, האָט ער ווידער דערמאָנט, אַז מיר שטייען

פאַר אַ גרויסער נאַציאָנאַלער שליחות: העלפן אַבסאָרבירן פיל פיל עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד אין מדינת ישראל. „מיר אַליין — האָט ספיר באַטאָנט — קענען נישט מאַכן די זאַך. איר דאַרפט אונדז העלפן, ס׳איז אונדזער ביידנס אויפגאַבע״. דער אָפּרוף איז געווען גרויס און ברייטהאַרציק און צוזאַמען מיט די שטורמישע אָוואַציעס איז געקומען דער גרויסער צושטייער.

פּנחס ספיר האָט געפּילט ווידער און ווידער זיין טיפע פאַרבינדונג מיט די יידן אויף וועלכע ער לייגט גרויסע האָפענונגען.

פעברואַר 1972

באַגעגענישן מיט יעקב פיכמאַן

(צו זיין 15טער יאָרצייט)

א

אין דער צייט צווישןביידע וועלט־מלחמות האָבן זיך די תּלמידים פון די העכערע גימנאַזיע־קלאַסן, די סטודענטן אין קישענעוו און אין בעסאַראַביע בכלל, דערצויגן אין אַן אַטמאָספער פון אַן עקאָנאָמישן באַרג־אַראָפּ אין דער לאַגע פון די ייִדן, אָבער צוגלייך אין אַ קלימאַט פון טיף־איינגעוואָרצלטער ייִדישקייט, ווען ס'האָבן זיך אין אַלע ווינקעלעך געלאָזט הערן די קלאַנגען פון העברעיִש און ייִדיש.

אַ טייל פון זיי איז אַוועק צום ציוניסטישן לאַגער, אַן אַנדער טייל איז דערגאַנגען צום עקסטרעם־לינקן לאַגער, ביידע לאַגערן האָבן אין די 20ער יאָרן געווירקט אין דער ייִדישער נאַציאָנאַלער, אָדער אין דער קאָמוניסטיש־בונדיסטישער סביבה. אָבער דער דאָמינירנדיקער און בולטער איז אָן ספק געווען דער ייִדיש־ציוניסטישער לאַגער, וואָס האָט געגעבן אַ ליכט, אָנגעוויזן אַ ריכטונג דער ייִדישער יוגנט, וועלכע האָט געזוכט פאַר זיך אַ לייזונג. די דאָזיקע יוגנט האָט געזען פאַר זיך אַ רעאַליזירנדיקן ציוניזם, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך די ווערטן פון אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג וואָס באַפרייט פון דער דערדריקנדיקער ווירקלעכקייט און האָט פאַר אַ ציל ווידער אויפצולעבן דאָס פאָטערלאַנד אין ארץ ישׂראל. צו אָט דער ייִדיש־ציוניסטישער מחנה האָט געהערט אַ גרופּע שרייבערס אין עברית און אין ייִדיש מיט אַ נאָמען און אַ השפּעה — אַ טייל וואָס איז נאָך אויפגעוואַקסן אין פריִערדיקן דור. אַ טייל וואָס איז אויפגעקומען אין דער ציוניסטישער מחנה גופא. צווישן זיי האָט אַרויסגעשיינט די געשטאַלט פון יעקב פיכמאַן, אַ גאָר אָנגעזעענער שרייבער וואָס האָט מיט זיינע שאַפונגען טיף באַווירקט די נשמה פון דעם יונגן בעסאַראַבער ייִד און אויפגעוועקט אין אים שטרעבונגען צו דעם באַנייטן פאָטערלאַנד, וואָס ער האָט אַזוי מייסטערהאַפט געשילדערט. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז יעדער ציוניסטישער יונגערמאַן איז באַצויבערט געוואָרן דורך דער פערזענלעכקייט פון יעקב פיכמאַן.

ווען כ'בין געווען אַ יונגערמאַן איז מיר אויסגעקומען צו זען פיכמאַנען בלויז צופעליק און פון דער ווייטנס, בעת ער פלעגט זיך באַווייזן אין קעשענעוו, ספּעציעל ווען ער האָט מיטגעאַרבעט אין „אונדזער צייט". נישט געקוקט אויף דעם, ווען כ'האָב זיך מיט אים געטראָפן צום ערשטן מאָל נאָך מיין קומען אין לאַנד אַריין אין אָנהייב האַרבסט 1940, האָט ער זיך צו מיר באַצויגן מיט אַ וואַרעמקייט און אַרויסגעוויזן צו מיר אַ גרויסע נאָענטקייט, פּונקט ווי מיר וואָלטן זיך

שוין געקאַנט שיינע עטלעכע יאָר. כ׳בין דאַן געקומען צו אים אַ היים אין תּל־אָביב אויף דיזענגאָף ראַג ר׳ שמריהו לעווין. איך האָב געטראָגן אין זיך אַ געפיל פון גרויס פאַרערונג און בין געוועזן שטאָלץ דערויף וואָס דער אַנגעזעענער בעסאַ־ראַבער דיכטער יעקב פיכמאַן געהערט צו די מקורבים פון חיים נחמן ביאַליק און פון אַלע גרויסע אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. דאָס געפיל פון פאַרערונג צו אים איז נישט ווייניק אַרויסגעדרונגען ביי מיר דערפון, וואָס ער האָט געהערט צום בעסאַראַבער שבט, וואָס איז אַזוי באַשיידן און וואָס אַזוי ווייניק איז וועגן אים באַקאַנט. איך געדענק פון יענער תּקופה ווי פיכמאַן האָט זיך געפרייט ביי זיין באַגעגעניש מיט מיר, דעם נאָר וואָס געקומענעם עולה פון קעשענעוו. ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם וואָס דאָרט קומט פאָר, מיט אַ סך פּער־זענלעכקייטן און מיטן מצב פון די יידן אין בעסאַראַביע. בעת דער דאָזיקער באַגעגעניש איז אויפגעשווומען די פראַגע, פאַר וואָס ס׳איז אין ארץ ישׂראל אַזוי ווייניק פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן דעם אָנטייל פון די בעסאַראַבער יידן אינעם אויפבוי פון ארץ ישׂראל, וועגן די חלוצים געקומענע פון בעסאַראַביע, וועגן די בעסאַראַבער שרייבערס און וועגן זייער אויפטו אויף אַלע געביטן? געקומען בין איך צו אים ווי צום פאַראַנטוואָרטלעכן פאַרן דאָזיקן מצב און ווי צום בולטסטן פאָרשטייער פון בעסאַראַבער שבט אין דער גייסטיקער און ליטעראַרישער וועלט. כ׳בין אָבער כּלל נישט געווען זיכער צי ער וועט אָננעמען מיין פאָרשלאָג אַז מיר זאָלן אַרויסגעבן אַן ערשטן זאַמלבוך וואָס זאָל מאַכן דעם סך הכּל פון דעם, וואָס דער שבט בעסאַראַביע האָט צוגעטראָגן צו דער התישבות און צום גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד. וויסנדיק וואָסער הויכע פּאָזיציע פיכמאַן האָט שוין דאַן פאַרנומען אין דער העברעיִשער ליטעראַטור און אינעם אַלגעמיינעם לעבן, האָב איך געהאַט אַ חשש צי ער וועט מסכּים זיין זיך צו פאַרנעמען מיט אונדזער אייגנאַרטיקן שבט. בין איך דעריבער אַנגענעם איבערראַשט געוואָרן פון זיין פּאָזיטיוון ענטפער, פון דער באַגייסטערונג וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן פאַר מיין פאָרשלאָג אַרויסצוגעבן דעם זאַמלבוך געווידמעט די יידן אין בעסאַראַביע.

אין יענעם שמועס האָט פיכמאַן צווישן אַנדערן אָנגעוויזן, אַז דער בעסאַראַ־בער שבט איז טאַקע ראוי מ׳זאָל אים ווידמען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט און אַז ער פאַרמאָגט אַ כאַראַקטעריסטישן נוסח וואָס מ׳דאַרף ספּעציעל אַרויסהייבן. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרבעטן דעם חבר שורער ז״ל, ער זאָל זיך באַטייליקן אינעם רעדאַקטירן דאָס זאַמלבוך. פיכמאַן אַליין האָט גענומען אויף זיך דאָס רעדאַקטירן דעם ליטעראַרישן טייל פון זאַמלבוך, וואָס ער האָט ספּעציעל אָפּ־געקליבן.

די דאָזיקע טרעפונג האָט מיך שטאַרק דערמוטיקט. אין אַ יאָר שפּעטער, אין יאָר תש״א—1941, איז די זאַמלונג „בעסאַראַביע״ (דאָס זאַמלבוך האָט צום ערשטן מאָל אויף אַ פיינעם אופן געבראַכט דאָס אייגנאַרטיקע בילד פון דעם דאָזיקן שבט) טאַקע דערשינען.

כ׳דערמאָן זיך אַז אין פאַרלויף פון איינעם פון די שפּעטערדיקע שמועסן בעת מ׳האָט אַרומגערעדט דעם אינהאַלט פון זאַמלבוך האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרבעטן יוסף שפּרינצאַקן ער זאָל אָנשרייבן צום בוך אַן אַלגעמיינעם אַריינפיר. צוליב דעם צוועק האָבן מיר זיך געטראָפן אין קאַפע „קעטע־דן" אויף רחוב הירקון. ס׳איז פאַר מיר געווען אַ באַזונדערע איבערלעבעניש צו הערן שפּרינצאַקן און פיכמאַנען. איידער מ׳איז צוגעטראָטן צום ענין האָבן זיי דערמאָנט עפּיזאָדן פון דער צייט בעת זיי האָבן ביידע אין זייער שטעטל געהערט צום אַרבעטנדיקן ציוניזם. דער ערשטער איז געווען טעטיק אויפן פּאָליטישן געביט; דער צווייטער — אויפן געביט פון דיכטונג און קריטיק.

יוסף שפּרינצאַק האָט מסכּים געווען אָנצושרייבן דעם אַריינפיר צום זאַמל־בוך. ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן: „אם אשכחך גולה" (אַ כראָניק פון יסורים). געווען איז דאָס אין יאַר 1940, טעג פון מלחמה און רדיפות קעגן ייִדן. דאָס האָט געפונען אַן אויסדרוק אין אָנהייב פון זיין אַרטיקל: „אַלע גלות לענדער גייען אָפּ מיט בלוט און אונדזער לאַנד, דער ייִדישער ישוב, נעמט אַריין אין זיך דאָס בלוט פון אַלע גלותן...". רעדנדיק וועגן דעם אומגליק וואָס האָט געטראָפן דעם בעסאַראַבער שבט צוזאַמען מיטן גאַנצן אייראָפּעיִשן ייִדנטום, שרייבט שפּרינצאַק: „...די דאָזיקע בעסאַראַביע, וואָס צווישן אירע טאַבאַק־ייִדן, ווייַנטרעטערס, איז אויך געווען אַ פאָטערלאַנד פון העברעיִשע דיכטערס און שרייבערס. פון אים זענען אַרויס וואָרטזאָגערס, מנהיגים פאַר חיבת ציון, פאַרן פּאָליטישן ציוניזם און פאַרן ישוב, פון אים איז אַרויס די פּראַכט פון די נעמען וואָס האָבן געבויט דאָס לאַנד, וואָס האָבן געגרינדעט די נייע העברעיִשע שטאָט, וואָס האָבן געבויט די מושבה און פאַרווירקלעכט די קבוצה און דעם מושב".

שפּרינצאַקס אָפּשאַצונג איז זיך צונויפגעפאַלן מיט יעקב פיכמאַנס צוגאַנג, וואָס דער דיכטער האָט אויסגעדריקט אין דעם ליטעראַרישן אָפּטייל פון דעם זאַמלבוך. כ׳געדענק זיינע אַריינפיר־ווערטער צום דאָזיקן אָפּטייל: „הצמיחה הבסרבית" (בעסאַראַבישע שפּראָצונג), ווו ער האָט זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויפן נוסח בעסאַראַביע: „...וואָס איז דער כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן „בעסאַ־ראַבער נוסח" וואָס ציט אַרויף אַ באַזונדערע שנור אויף דער גרופּע דיכטערס און דערציילערס, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אויף דער דאָזיקער ערד?" פרעגט פיכמאַן און ענטפערט: „ס׳דאַכט זיך מיר אַז דער עיקר איז עס: אַ לאַנד־געפיל, עפּעס דאָרפישס, תמימותדיקס און דורכזיכטיקס צוזאַמען, אַן אַרט פון וועלכן ס׳שפּייזן זיך ווירקלעכקייט און ראָמאַנטיק. מיר זענען אין אונדזער מערהייט דאָרפסלייט און ס׳איז אויף אונדז דער פּחד פון דער שטאָט. פאַראַן צווישן אונדז אַזעלכע וואָס די „דאָרפישקייט" באַגלייט זיי לאַנג, לאַנג און פאַראַן אַזעלכע וואָס באַפרייען זיך קיין מאָל נישט פון איר...".

דער וואָס האָט פיכמאַנען געקענט פון דער נאָענט האָט געקענט עדות זאָגן, אַז ער האָט געהערט צו די דאָזיקע בעסאַראַבער „דאָרפסלייט", וואָס האָבן זיך

פון זייער „דאָרפישקייט״ נישט באַפרייט אַ גאַנץ לעבן. דערפון האָט מסתּם גע־שטאַמט זיין רויִקייט, זיין געמעסיקט אויסדריקן זיך וואָס איז געווען זייער ווייט פון דער שטאָטישער צעשריגנקייט.

אין יענע טעג ווען מ׳האָט געגרייט און געדרוקט דעם זאַמלבוך „בעסאַראַ־ביע״ איז פאַרלייגט געוואָרן אַ פעסטער יסוד פאַר אַן אמתן בונד צווישן פיכ־מאַנען און די וואָס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די טעטיקייטן פונעם פאַר־באַנד פון די אָפּשטאַמיקע פון בעסאַראַביע.

ב

נאָך דעם ווי די מדינה איז אַנטשטאַנען זענען פאַרשטאַרקט געוואָרן די באַ־ציִונגען צווישן די בעסאַראַבער פאַרבאַנדן אין צפון און דרום אַמעריקע מיטן איגוד יוצאי בסרביה אין ישׂראל ס׳איז פאָרגעקומען די ערשטע וועלט־קאָנפֿע־רענץ פון די אָפּשטאַמיקע פון בעסאַראַביע אויף וועלכער ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ סעריע ביכער אין עברית אין ישׂראל און אין ייִדיש אין בוענאָס איירעס, וואָס זאָל פאַראייביקן די געשיכטע פונעם בעסאַראַבער שבט. אין שפּיץ פון דער אונטערנעמונג איז אָװעקגעשטעלט געוואָרן דער דיכטער אפרים אויער־באַך אין ניו־יאָרק, יעקב באַטאַשאַנסקי און י. ל. גרוזמאַן אין בוענאָס איירעס און לייב קופּערשטיין און יצחק קאָרן אין ישׂראל.

די סעריע וואָס האָט געדאַרפט דערשיינען אין בוענאָס איירעס איז אָנגע־רופן געוואָרן „בעסאַראַבער ייִדן״. די ערשטע ביכער אין דער סעריע האָבן גע־דאַרפט זיין די „משלים״ פון אליעזר שטיינבאַרג, „טראַנסניסטריע״ פון מ. קאַרפּ, „די ייִדן פון קעשענעוו״ פון יצחק קאָרן און אַ באַנד זכרונות און לידער אין ייִדיש פון יעקב פיכמאַן.

ל. קופּערשטיין און איך האָבן געדאַרפט איבערצייגן פיכמאַנען ער זאָל אַרויס־געבן אַן אָפּקלייב פון זיינע שאַפונגען אין ייִדיש. דאָס איז אונדז אָנגעקומען נישט שווער. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שוין לאַנג טראָגט ער זיך אַרום מיטן געדאַנק עס צו טאָן, היות ווי ער האָט תּמיד אָפּגעשאַצט דאָס וויכטיקע אָרט וואָס די ייִדישע ליטעראַטור פאַרנעמט אין דער ייִדישער קולטור, און כאָטש ער אַליין איז געווען שטאַרק פאַרוואָרצלט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור האָט ער נישט געוואָלט מקפּח זיין די ייִדישע שפּראַך אויף וועלכער ער איז דערצויגן געוואָרן.

ווען פיכמאַן האָט גערעדט וועגן דעם, האָט זיין פּנים געשטראַלט פון פאַר־גענינגן. ס׳איז אים שווער געווען צו מאַכן דעם אָפּקלייב פון זיינע שאַפונגען מחמת זיי זענען געווען צעוואָרפן איבער פאַרשיידנע אויסגאַבעס און אַלץ איז געלעגן ביי אים אין אַן אָרדענונג פאַרפּאַקט אין זעק אין זיין קעלער. מיר האָבן אים שטאַרק צוגעהאָלפן אין דער אַרבעט און געאַרבעט צוזאַמען מיט אים עטלעכע וואָכן ביז ער האָט אָפּגעקליבן די בייטיקע זאַכן.

פּיכמאַן האָט לאַנג געטראַכט וועגן אַ נאָמען פאַר דעם בוך און האָט צום סוף באַשטימט אַז ער וועט הייסן „רעגן בויגן". דער אַריינגענומענער מאַטעריאַל האָט טאַקע פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ רעגן בויגן פון אַ סך קאָלירן און זשאַנערן. געווען דאָרט אַן אויטאָביאָגראַפישער טייל, אַן אָפּטיילונג געווידמעט בעסאַראַבער געשטאַלטן, ווי למשל: יהודה שטיינבערג, שלמה הללס, א. ד. ראָזענטאַל, שבתי לערנער. געווען דאָרט אויך לידער, רייזע־פאַרצייכענונגען פון ישראל און פון חוץ לארץ, נאַטור־באַשרייבונגען, ליטעראַריש־קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע און העברעיִשע שרייבערס און אַן אָריגינעלע עסיי איבער דער יידישער ליריק. ס'איז דאָרט אויך אַריין זיין אַרטיקל דערשינען אין 1951 אין „די גאָלדענע קייט" וועגן דער באַציִונג צווישן העברעיִש און יידיש, אין וועלכן ער האָט אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַן אַטמאָספער פון צונויפפרעדן זיך צווישן די שרייבערס פוןביידע שפּראַכן.

דער גרויסער העברעיִשער שרייבער האָט זיך באַצויגן מיט גרויס פאַרערונג און ליבשאַפט צו דער ליטעראַרישער שאַפונג אין יידיש. און ווען ס'איז צו אונדז אַ יאָר שפּעטער דערגאַנגען די ערשטע עקזעמפּליאַרן פון זיין בוך „רעגן בויגן" פון בוענאָס איירעס, ווו יעקב באַטאַשאַנסקי האָט עס רעדאַקטירט, איז נישט געווען קיין גרענעץ צו יעקב פּיכמאַנס גליק און שימחה.

*

עטלעכע יאָר נאָך דער פּטירה פון י. פּיכמאַן האָט דער וועלט־פאַרבאַנד פון די בעסאַראַבער יידן באַשלאָסן צו שאַפן אַ פּרייז אויף זיין נאָמען וואָס דאַרף געגעבן ווערן צו שעפערס אין ביידע שפּראַכן: העברעיִש און יידיש.

אמת איז, אַז אַ סך מענטשן האָבן אין אָנהייב נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס דער פּרייז דאַרף זיין פאַר שאַפונגען אין ביידע שפּראַכן, אָבער דער וואָס האָט געקענט פון דער נאָענט פּיכמאַנס באַציִונג צו יידיש האָט פאַרשטאַנען אַז מיר דריקן דערמיט אויס זיין ווילן און זיין אָפּשאַצונג פאַר ביידע לשונות.

ווען מען האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן דעם 14טן יוני 1964 אין בית הסופר אין תּל־אָביב צו דער ערשטער פאַרטיילונג פון פּיכמאַן־פּרייז פאַר ליטעראַרישע און קונסט־שאַפונגען אין ביידע שפּראַכן, העברעיִש און יידיש, האָב איך געפילט אַז מיר פילן אויס די גייסטיקע צוואָה פון איינעם פון אונדזערע גרעסטע ליטעראַרישע שאַפערס, יעקב פּיכמאַן.

דעצעמבער 1975

אונדזער ווירקלעכקייט אין ליכט פון
יעקב פיכמאַנס שאַפונג

מיטן דערשיינען פון דער צווייטער זאַמלונג „ערוגות" (בייטן) קומען צום אויסדרוק די געפילן צום גרויסן דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער יעקב פיכמאַן ז"ל מצד זיינע צאַלרייכע פאַרערערס, און גאַר ספּעציעל די ליבשאַפט מצד דעם בעסאַראַבער שבט, פון וועלכן דער איידעלער און חנעוודיקער פּאָעט איז אַרויס־געוואַקסן. מען דאַרף נישט פאַרמינערן זיין גייסטיקע און ליטעראַרישע געשטאַלט און אים איינשפּאַרן אין ענגע געאָגראַפישע גרענעצן, מחמת זיין רייכע יצירה האָט אים פאַרשאַפט אַ צענטראַל אָרט אין דעם ליטעראַרישן היכל פון גאַנצן ייִדישן פאָלק, וואָס ער האָט באַרייכערט מיט זיינע צאָלרייכע שאַפונגען.

בעת מ׳וויל אָבער אַרויסגעפינען דעם מקור פון וועלכן ער האָט זיך גענערט און דעם באָדן אויף וועלכן ער האָט אויפגעשטעלט זיין געבענטשטן ליטעראַרישן בנין, קען מען נישט איבערהיפּערן דעם בעסאַראַבער שבט. פון דעם דאָזיקן שבט האָט ער איינגעזאַפּט אַ סך פון זיינע אייגנשאַפטן: דעם ליריזם, דעם אומעט, דאָס ליב האָבן די נאַטור, דעם פּייזאַזש און די נאָענטקייט צום יחיד, צום מענטשן. מיט זיין עולה זיין קיין ישראל האָבן זיך אָט די אייגנשאַפטן זיינע נאָך מער אויסקריסטאַליזירט און פאַרפעסטיקט.

די ליטעראַרישע פּרעמיע אויפן נאָמען פון יעקב פיכמאַן פאַר העברעיִשע און ייִדישע שאַפונגען, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורכן וועלט־פאַרבאַנד פון בעסאַראַבער ייִדן, דריקט אויס די באַזונדערע באַציִונג פון די בעסאַראַבער צו זייער באַליבטן דיכטער. פּאַראַלעל צו דער ליטעראַרישער פּרעמיע האָט דער וועלט־פאַרבאַנד אויך באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ סעריע זאַמלונגען „ערוגות" גע־ווידמעט דעם אָנדענק פונעם דיכטער.

אין דער דאָזיקער באַציִונג צו יעקב פיכמאַנען האָט אָפּגעקלונגען די טראַ־דיציע פון די בעסאַראַבער ייִדן, וואָס האָבן דורות לאַנג באַשאַנקען מיטן כתר תורה די וויכטיקסטע מיטגלידער פון זייער שבט — צולעצט אויך מיטן כתר פון ליטעראַטור און געדאַנק.

אויף די דאָזיקע געפילן האָט יעקב פיכמאַן געענטפערט מיט אַ סך פאַר־שטענדעניש און נאָסטאַלגיע.

ווען ס׳איז אין די טעג פון דער שואה אומגעבראַכט געוואָרן דער רוב פון די בעסאַראַבער ייִדן האָט פיכמאַן אויסגעדריקט זיין ווייטיק אין דעם באַוווּסטן סאָנעט „בעסאַראַביע" (פון „פאת שדה").

„דאָרט האָבן ייִדן פּשוטע, שווייגנדיק, ווי די גרודעס ערד
וויין־פּרעסערס, קעז־פּאַרקאָכערס, געשפּאַנט
אין זומער־היצן און וועסנע־בלאָטעס.
ווו זענען זיי אַצינד? עס טראָגט אַ נאַכט־שטורעם
דאָס אַש זייערס צעזייט אין פרעמדע קעלטן
און ס'וועט נאָך אָפּקלינגען ווי זאַמד פון פעלדער זייער בלוט".

און ווען ער האָט רעדאַקטירט די ליטעראַרישע זאַמלונג „בסרביה" (תש"א), האָט ער אין דער הקדמה, ווו ער האָט אונטערגעשטראָכן דעם „נוסח בעסאַראַביע", צווישן אַנדערן באַמערקט: „אָט אָ די דאָרפס־מענטשן האָבן טאַקע מיט־געבראַכט מיט זיך אומעטום אַ געזונטן חוש פאַר נאַטור, פאַר בילדונג, פאַר פרייהייט, פאַר פאָטערלאַנד. עפּעס איז דאָ באַפרייט געוואָרן נאָך איידער ס'איז פאַרלוירן געגאַנגען, איידער ס'איז אויפגעפרעסן געוואָרן דורך דער פינצטערער אָרעמקייט, דורכן לאַנגן באַנק־קוועטשן אין בית המדרש". נאָך דעם ווי פיכמאַן שילדערט ווי אַזוי עס זענען אויפגעקומען די ערשטע שפּראָצן פון העברעיִשער ליטעראַטור און דיכטונג אין „צווישן דניעסטער און פּרוט", גיט ער צו: „בעסאַ־ראַביע שטעלט מיט זיך פאָר עפּעס לעבעדיקס אין דער בלוט־צירקולאַציע פון פאָלק. אַ לאַנגע צייט האָבן צווישן זיך געקעמפט שעפערישע כּוחות אין אַ לייי־דיקן חלל, אָבער ווען עס זענען אויפגעקומען די ערשטע צייכנס פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס האָט זיך די אַטמאָספער אָנגעפילט מיט אַ לעבנסוויכטיקער וואַרעמקייט. דער סאַמע דרומדיקסטער טייל פון ייִדישן רוסלאַנד איז געווען, נאָך פוילן, נאָך אַ בייט אינעם גאָרטן פון אונדזער שאַפן".

...דאָס ייִדישע בעסאַראַביע איז, נישט געקוקט אויף די שווערע אויסערלעכע באַדינגונגען, געשטאַנען אין גאַנצן אונטערן סימן פון וואַקסן. די צעוואָרפענע טענער האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענגעמען און זענען געוואָרן איין ניגון. צי איז דער ניגון איצט אָפּגעהאַקט געוואָרן?

*

כ'געדענק ווי אומעטיק און טרויעריק יעקב פיכמאַן איז געוואָרן, ווען מיר האָבן געשמועסט וועגן ביטערן גורל פון בעסאַראַבער ייִדנטום, וואָס איז פאַר־שניטן געוואָרן. ווער עס איז געשטאַנען נאָענט צו פיכמאַנען ביים סוף פון זיין לעבן האָט געפילט ווי ער גייט אַרום מיט אַן איינגעהאַלטענער פאַרביטערונג. נישט געקוקט אויף זיין שווערער קרענק, האָט ער געפילט אַז אַן אָנגעזעענער טייל פונעם ליטעראַרישן עסטאַבלישמענט איז נישט גוט געשטימט צו אים און ער פלעג אַרומגיין מיט אַ טיפן געפיל פון איינזאַמקייט. ער פלעג זיך באַמיִען אויס־מיידן צו רעדן וועגן דעם, נאָר פון אַ פליטת פּה זיינער האָט מען זיך געקענט אָנשטויסן אויף זיין מצב רוח.

אין יענעם טאָג האָט יעקב פיכמאַן זיך זיכער דערמאָנט, וואָס ביאַליק האָט

אים געשריבן אין אַ בריוו „דיינע וויניקע און גוטע רייד פון צייט צו צייט גיסן אַריין טרייסט אין מיין האַרץ אַריין. איך זע אַז כ'האָב נאָך אין דער וועלט אַ געטרייען פריינד, וואָס האָט מיר אָפּגעגעבן אין זיין האַרץ אַ פּאָר־באַהאַלטן ווינקעלע ווען כ'האָב זיך שוין מייאש געווען פון געטריישאַפט און פריינד. מיר דאַכט זיך, אַז כ'האָב דיר אַמאָל געזאָגט, אַז ווען די עלטער דער־נענטערט זיך איז די איינציקע טרייסט פאַר אַ מענטשן אַ ביסל פריינדשאַפט".

איך צווייפל צי יעקב פיכמאַן האָט אויף זיין עלטער געקענט אָנווייזן אויף אַ געפיל פון אמתער פריינדשאַפט, וואָס ער האָט אַזוי באַדאַרפט האָבן.

יענעם כאַמסין־טאָג אין אייר תשי"ח, ווען מיר האָבן אים באַגלייט אויף זיין לעצטן וועג האָבן מיר געפילט אַז אַרום זיין אָרון הערשט אַן אַטמאָספער פון קאַלטקייט און איינזאַמקייט.

נתן אַלטערמאַן האָט אויסגעדריקט דאָס דאָזיקע געפיל אין זיין ליד „אחרי יעקב פיכמן".

„...און נאָך דער דעמערונג געקומען איז דער סוף און ס'זענען אָפּגעפאַלן
דיינע אַרבעטס־כלים — די בלעטער, דער טינט און די פען.
געקומען איז אַ ליכטיקער און טומלדיקער טאָג
און ס'האָט מיט אונדז, מיט די באַגלייטערס דיינע,
געשפּאַנט, בעתן שיידן זיך פון דיר,
דאָס פּרעכטיקע עברית וואָס האָסט געשריבן —
און ס'האָט נאָך דיר אַ לידער־קראַנץ געטראָגן,
אַ סימן אַז געקומען איז די צייט".

*

העברעיִשע שרייבערס און קריטיקערס צייכענען אָן מיט צופרידנקייט, אַז אין די לעצטע יאָרן פילט זיך אַן אויפוואַכונג אַרום דער שאַפונג פון יעקב פיכמאַן. אַ סך פון די פאָרשערס פון דער העברעיִשער ליטעראַטור האָבן אַ נייגונג זיך צו פאַרטיפן אין זיין שאַפן. ס'זענען פאַראַן ליטעראַרישע און גייסטיקע מאָטיוון, וואָס האָבן אין אונדזערע טעג אַרויסגעהויבן די פיינע לירישע שאַפונג פון פיכ־מאַנען.

וואָס זענען די מאָטיוון, וואָס האָבן געבראַכט צום פיכמאַנישן רענעסאַנס און וואָס לאָזן נישט, אַז פיכמאַנס שאַפונג זאָל פאַרגעסן ווערן?

איך בין קיין בר סמכא אויפן ליטעראַרישן געביט כדי כ'זאָל קענען דערקלערן די דערשיינונג פון ליטעראַרישן אַספּעקט. כ'מיין אָבער אַז עס איז פאַראַן אַ קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן ליטעראַטור און נאַציאָנאַלער געזעלשאַפטלעכקייט. אַ טייל פון די מאָטיוון פאַר דעם באַנייטן אינטערעס אין פיכמאַנס שאַפונגען שטעקן, מיין איך, אין דער ישראלדיקער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט אין וועלכער עס וואַקלען זיך די פונדאַמענטן פון דער געזעלשאַפט. דער יחיד אין

ישׂראל לעבט מיט אַ געפיל פון אַ גייסטיקער ערדציטערניש. נישט ווייניק שפּליטערס פון צעבראָכענע לוחות פון פאַרהייליקטע ווערטן וואַלגערן זיך איבער די פעלדער. אין פאַרשיידענע ווינקלען פון אונדזער לעבן הערשט אַ געזעל־שאַפטלעכע צערודערונג. נישט קיין מיליטערישער כּוח און נישט קיין מאַניפעס־טאַציע־דעקלאַראַציע קענען ברענגען דעם אינערלעכן גלייכגעוויכט. אָט אין דעם תּחום איז צו געפינען דעם פּיכמאַנישן רענעסאַנס.

איך דערמאָן זיך אַ שמועס, וואָס כ׳האָב געהאַט מיטן פּאָעט אַן ערך אַ יאָר פאַר זיין פּטירה אין הויז פון זיין טאָכטער עדה. זיין שלעכטער געזונט־צושטאַנד האָט אויף אים שווער געווירקט, אָבער ער האָט מיט פאַרגעניגן געשמועסט. צווישן אַנדערן האָבן מיר דערמאָנט אייגעם אַ באַוווסטן געזעלשאַפטלעכן מענטשן, וואָס האָט אַ סך צוגעטראָגן צום אויפבוי פון לאַנד. עס איז נישט אַוועק קיין סך צייט און דער מענטש איז פאַרגעסן געוואָרן און גאָר ווייניקע האָבן אים דערמאָנט. דאָ האָב איך צוגעגעבן: מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אויך דער גורל פון אַ סך שריי־בערס און דיכטערס, וואָס ווערן פאַרגעסן נאָך זייער שטאַרבן. דאָס פאָלק — האָב איך צוגעגעבן — איז בכלל אומדאַנקבאַר און פאַרגעסט געזעלשאַפטלעכע פירערס און ליטעראַרישע שעפערס. דאָ האָט פּיכמאַן געוואָנדן זיין בליק צו מיר. כאָטש זיין ראיה איז שוין געווען אַ שוואַכע, האָט מיך גוט אָנגעקוקט און גע־שוויגן. איך האָב שוין אָנגעהויבן חרטה האָבן וואָס כ׳האָב אויפגעהויבן די דאָזיקע טעמע בעת זיין געזונט־צושטאַנד איז אַזאַ שלעכטער.

און נאָך אַ צייט שווייגן האָט זיך פּיכמאַן אָנגערופן: גוט וואָס דו האָסט דעם ענין באַרירט. דאָס פאַרגעסן איז ביי אַ פאָלק אַ געזונטער פּראָצעס, ווייל דאָס פאָלק פאַרגעסט בדרך כּלל דאָס פּסולת, דאָס איבעריקע, דאָס וואָס שטערט. דערריי־בער קען דאָס וואָס קען עמעצן אויסזען ווי אַ פּערזענלעכע עוולה, פון נאַציאָ־נאַלן שטאַנדפּונקט דווקא זיין געזונט און גוט. דאַרפסט אָבער וויסן, אַז אויב אַ שרייבער לאָזט איבער אַ וויכטיקע, וואָגיקע שאַפונג און זי ווערט פאַרגעסן, אַוועקגעלייגט אין אַ זייט, וועט די דאָזיקע שאַפונג מיט דער צייט צוריק אויפ־שווימען. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז ביי אונדז און אויך אין די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער, קערן זיך אַמאָל, נאָך אַ לאַנגער צייט, די פעלקער צוריק צו וויכטיקע שאַפונגען פון שרייבערס און האָבן אויף סניי אָן אָפּצושאַצן דעם מהות פון זייער יצירה.

*

דער וואָס פאַרבינדט דעם נייעם אינטערעס פאַר פּיכמאַנס שאַפונג מיט דער מאָראַל, וואָס הערשט אין דער היינטיקער ישׂראל־געזעלשאַפט, וועט זיך אָנשטויסן אין דער מיינונג פון שרייבערס, אַז פּיכמאַנס שאַפונג איז נישט פאַרבונדן מיט די פּראָגעס פון דור און קוקט אַוועק פון אַלעם, וואָס איז געשען אין דער גע־זעלשאַפט. דאָס איז געווען די דיכטונג פון אַ יחיד, אַ ליריק, וואָס פאַרשליסט זיך פאַר די געזעלשאַפטלעכע געפילן. דאָס איז אָבער איין מיינונג. פאַראַן אָבער

אַנדערע, וואָס האַלטן פּאַרקערט, אַז פּיכמאַן האָט יאָ געוווּסט ווי אַזוי אויס־צודריקן אויף אַן אָריגינעלן אופן דאָס וואָס איז געשען אין דער געזעלשאַפט אין זיין דור. די דאָזיקע מיינונג ווערט געגעבן אויפגעקלערט אינעם אַריינפיר פון דער ליטעראַטור־קריטיקערין נורית גוברין, אינעם בוך „יעקב פּיכמן" (מאמרים על יצירתו תשל"א). די לאָגיק איז אויך נוטה צו דער דאָזיקער מיינונג וואָס האַלט, אז עס איז דאָ אַ קשר צווישן פּיכמאַנס דיכטונג און די פּראָבלעמען פון דור. און אויב אין דער הייִנטצייטיקער ישׂראל־געזעלשאַפט איז פאַראַן אַ זוכן נאָכן כאַראַקטער פון דער סביבה, נאָך דער ריינקייט פון דער אַטמאָספער און אָפּגרענעצן זיך פון דער שעדלעכער נישט פאַרגינערײַ וואָס פאַרפּלייצט די גע־זעלשאַפט, קען דער דאָזיקער דור געפינען אַ תשובה אויף זיינע פאַרלאַנגען ביים איידעלן ליריקער, דעם אויסגעשפּראָכענעם הומאַניסט אין שירה און פּראָזע — יעקב פּיכמאַן.

די פּראָבלעמען פון דור שפּיגלען זיך אָפּ זייער בולט און קלאָר ספּעציעל אין זיינע פּראָזע־שאַפונגען, וואָס זענען גלייכצייטיק פּאָעטישע. אין זיין בוך „בית היוצר" שרייבט פּיכמאַן אין אַן עסיי וועגן „קנאות ויצירה" צווישן אַנ־דערן: „„פאַר דעם, וואָס קוקט זיך צו צום געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אונדזער תקופה איז קלאָר, אַז די קנאות איז געוואָרן די מכה פון דער צייט. ס'איז שוין מער נישט קיין ענין פון „רעכטס און לינקס", צווישן פאַרשריטלעכע און צוריק־געשטאַנענע געזעלשאַפטן, — עס מאַכט קאַליע, דער עיקר, די יוגנט אין יעדן לאַנד און אין יעדער מדינה.

„דאָס קנאות, אין זיינע דערשרעקנדיקע פאָרמען, אַנטפּלעקט זיך כמעט תמיד אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איר כוח און איר שאַפונג זענען אָרעמע. אַ געזונטע שאַפנדיקע געזעלשאַפט, אַזאַ וואָס טוט איר לעבנס־מלאכה, האָט נישט קיין צייט אויף קנאות און דאַרף נישט קיין קנאות".

אָבער פּיכמאַן גיט גלייך צו, אַז דער זאָג: „אַן קנאות איז נאָך קיין מאָל גאָרנישט געשאַפן געוואָרן" מיינט נישט דאָס גראָבע קנאות, וואָס פאַרפּלייצט די געזעלשאַפט מיט שאָדנדיקע געשרייען. עס איז פאַראַן אַ קנאות אַ פּאָזיטיווע, אין וועלכער עס איז דאָ אַ גרויסער אידעאַל און אַן איבערגעגעבנקייט צו רעאַליזירן גרויסע ווערק, ווי, למשל, דאָס קנאות פון א. ד. גאָרדאָן אָדער פון אליעזר בן יהודה, וואָס האָבן געשטרעבט צו דערגרייכן דערהויבענע צילן.

דער דאָזיקער צוגאַנג אַנטשפּרעכט די געפילן פון דור, וועלכער זוכט גע־זעלשאַפטלעכע ריינקייט און וויל זיך באַפרייען פון דער פאַרנעפּלונג און פון דער צערודערונג.

דאָס העפט ב' פון „ערוגות" וועט אָן שום ספק קלאָר מאַכן די דאָזיקע פּראָבלעם.

דב סדן

(שטריכן געזען מן הצד)

א

דער מנהג העולם איז, אַז ווען ס׳קומט צו אַ יובל פון אַ גרויסן שרייבער, שטייען ביי דער מזרח־וואַנט, און מיט רעכט, די פאַך־קאָלעגן און דריקן אויס אַנערקענונג דעם בעל יובל, שאַצן אָפּ ווי געהעריק זיין שאַפן.

ווען מען פייערט איצט דעם 70־יעריקן יובל פון פּראָפ. דב סדן, דעם גרויסן שרייבער, קריטיקער, דעם מענטש פון אַזאַ פילזייטיקער יצירה אויפן שטח פון קולטור, ווילט זיך מיר עפּעס זאָגן גראָד נישט וועגן זיין גראַנדיעזער ליטעראַרישער שאַפונג, אַזוי ווי פיל אַנדערע וועלן עס מאַכן מיט אויטאָריטעט און קענטשאַפט, נאָר עפּעס וואָס האָט מער אַ שייכות צום מענטשן דב סדן.

זיכער בין איך נישט אָביעקטיוו אין מיינע באַמערקונגען. זינט יאָרן איז ביי מיר אין האַרצן איינגעפלאַנצט אַ געפיל פון גרויס פאַרערונג פאַר דב סדנען. וויסנדיק וועגן זיין ממש פענאָמענאַלער ליטעראַרישער שאַפונג, האָב איך געהאַט אין אָנהייב אַ פאַרשטעלונג, אַז זיין גרויסער טאַלאַנט און זיינע אויפטוען וועלן אים מאַכן אַ ביסל פאַרפאַנצערט. אַ ביסל אָפּגעזונדערט, אַ ביסל פאַרמאַכט פאַר עסקנים ווי איך. פאַראַן גרויסע שרייבערס, וואָס באַצויבערן דעם לייענער און רופן אַרויס ביי אים גרויס התלהבות. אָבער ווען ס׳קומט אויס זיך צו טרעפן מיט אַזאַ שאַפער, זיך אָנשטויסן מיט זיין פּערזאָן, מיט זיינע מידות, מיט זיין שטעל און אַמביציעס — ווערט עפּעס קיל אויפן האַרצן, מ׳טראַכט זיך: איז דאָס טאַקע דער מחבר פון דעם וואָס האָט אַרויסגערופן ביי דיר אַזאַ באַגייסטערונג? די התלהבות הייבט זיך אָן אָפּצוקילן און נישט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו טראַכטן אַז ס׳איז אַמאָל אַ מעלה זיך נישט צו טרעפן פּערזענלעך מיט אַ מחבר, כדי נישט צו האָבן אַן אַנטוישונג. זעלטן ווען טרעפט מען אַ האַרמאָניע צווישן דער ליטעראַרישער שאַפונג און דער מענטשלעכער באַנעמונג פון אַזאַ געשעצטן ליטעראַט.

צו די געציילטע גרויסע שרייבערס, וואָס זענען געבענטשט מיט גרויס טאַלאַנט און אויך מיט פיל מענטשלעכקייט געהערט אָן ספק דב סדן. אַזאַ איז געווען מיין איינדרוק שוין ביי מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים. ס׳איז ממש אַ מתנת אלוקים. דב סדן, דער קליין־געוויקסיקער איז אַ גרויסע מענטשלעכע פיגור. אָפט מאָל דערמאָן איך זיך אין אַ וואָרט פון יוסף שפּרינצאַק ז״ל וועלכער פלעגט זאָגן אויף עמעצנס אַדרעס: „ער איז אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט, אָבער

נישט קיין מענטש". אויף אונדזער יובילאַר קען מען זאָגן, אַז ער איז אי אַ גרוי־סע פּערזענלעכקייט אי אַ גרויסער מענטש. דאָס איז אַ זעלטענע מידה, וואָס זייער ווייניק זענען צו איר זוכה.

ב

אַ גרויס גייסטיק רייכטום און טיפֿע פֿאָלקסטימלעכקייט פּאָרן זיך ביי פּראָפֿ. דב סדן. אָט די פֿאָלקסטימלעכקייט זייגע האָט אים נאָענט געבראַכט צום יחיד. ער האָט אַ געוואַלדיקן אינטערעס פֿאַרן יחיד, מיט וועלכן ער שטויסט זיך אָן. ער וויל נישט בלייבן בלויז אין די הויכע גייסטיקע ספֿערן, נאָר לאָזט זיך זייער אָפּט אַראָפּ צום אַנאָנימען מענטשן, וואָס זוכט ביי אים אַ מאָראַלישע שטיצע, אַן עצה, אַ דערמוטיקונג־וואָרט. דב סדן איז דאָ מקיים אַ שליחות פֿון אַן אוהב ישׂראל.

אינטעלעקטועלע נייגעריקייט און אהבת ישׂראל זענען ביי דב סדן אַ סיאַ־מער צווילינג. מיט אַ ברייטער האַנט, ממש מיט פּזרנות, צעשפּרייט ער אומעטום זיין הילף, זיין עצה, זיין הדרכה. און אין דער זעלביקער צייט נוצט ער זיין געניאַלן זכּרון אי פֿאַר געבן, אי פֿאַר נעמען. ווייל ווען ער שטויסט זיך אָן אין עמעצן, וויל ער וויסן אַלע פּרטים פֿון זיין אָפּשטאַם, פֿון זיין סביבה און לעבנס־וועג. און יעדער קלענער פּרט ווערט ביי אים אַזוי אָפּגעהיט, אַז פֿיל מאָל שטוינט מען: ווי איז דאָס מעגלעך דאָס אַלץ צו האַלטן אין זכּרון? דב סדן קען נישט נאָר יעדן וויכטיקן קוואַל פֿון דער העברעיִשער און ייִדישער קולטור, ער פֿאַר־מאָגט אויך אַ געוואַלטיק גרויסע מענטשן־ביבליאָטעק. אין זיין מוח איז פֿאַראַן אַ דאָסיע פֿאַר יעדן יחיד און ער ווייסט ווי אַזוי זיך מיט אים צו באַנוצן.

ג

אין זיין ליטעראַרישן שאַפֿן האָט ער, ווי באַקאַנט, זיין אייגנאַרטיקע שטע־לונג צו דער היסטאָריאָזאָפֿיע פֿון אונדזער ליטעראַטור. ער האַלט, אַז ווער עס וויל ריכטיק פֿאַרשטיין דעם וועג און אינהאַלט פֿון אונדזער ליטעראַטור מוז אַריינבעמען אין איר די שאַפֿונגען אין העברעיִש און אין ייִדיש. ווער עס טיילט זיי אָפּ, צעשפּליטערט די פֿאַרבינדונג, באַקומט אַן איינזייטיק בילד וואָס שפּיגלט נישט אָפּ די געשיכטע פֿון אונדזער ליטעראַטור.

אָט דער צוגאַנג זיינער איז ביי אים נישט בלויז טעאָריע. סדן שטרעבט ביי יעדער געלעגנהייט צו דערנענטערן די העברעיִשע און די ייִדישע ליטעראַרישע שאַפֿונגען. אין מדינת ישׂראל איז ער אָן ספֿק דער בולטסטער אָנהענגער דערפֿון, אַז די ייִדישע ליטעראַטור און שפּראַך זאָלן זיך נישט פֿילן ווי שטיפֿקינדער. ביי אים איז די ייִדישע קולטור אָנערקענט „דע יורע" און נישט נאָר „דע פֿאַקטאָ". ער וויל, אַז דער יונגער דור פֿון אונדזער מדינה, דער סאַברע, זאָל קענען אַלע

גייסטיקע קוואַלן פון ייִדישער שאַפונג. זיין קאַטעדרע אין דער ירושלימער אוניווערסיטעט איז געווען מער ווי לערנען און פאַרשפּרייטן וויסן וועגן ייִדישער ליטעראַטור. דערמיט האָט ער אויסגעפילט אַ גרויסע שליחות צווישן אונדזער ישׂראלדיקן יונגן דור, כּדי ער זאָל נישט זיין גייסטיק אָרעמער, כּדי ס׳זאָלן פאַר אים נישט בלייבן פאַרמאַכט די רייכע קוואַלן פון ייִדישער יצירה.

מיט זיין שטרעבן אַריינצוברענגען מער האַרמאָניע צווישן די צוויי שוועסטער־ליטעראַטורן דערמוטיקט ער יעדע איניציאַטיוו פון פאַרשטאַרקן קאָנטאַקטן און באַציִונגען צווישןביידע גייסטיקע וועלטן, וואָס דער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַם זייערער איז דער זעלביקער.

וויל איך דאָ ברענגען אַ פּאָר עפּיזאָדן וועלכע אילוסטרירן, פון מיין אייגענער דערפאַרונג, פּראָפ. סדנס האַלטונג.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער וועלט־פאַרבאַנד פון די בעסאַראַבער ייִדן אין ישׂראל באַשלאָסן צו גרינדן אַ ליטעראַרישע פּרעמיע אויפן נאָמען פון יעקב פיכמאַן, ז״ל, פאַר ייִדישע און העברעיִשע שרייבערס. דער פּרייז זאָל אויסגעטיילט ווערן אַלע יאָר נישט נאָר פאַר שרייבערס פון בעסאַראַבער אָפּשטאַם, נאָר פאַר יעדן פעיִקן און פאַסיקן שרייבער פון יעדן טייל פון דער וועלט.

האָב איך געקלערט, אַז אויב מען וויל, אַז דער פּלאַן פון דער פּרעמיע זאָל מצליח זיין, דאַרף מען געפינען אַ וויכטיקע ליטעראַרישע פיגור, וועלכע זאָל געבן דערצו איר זשירע. איז באַשלאָסן געוואָרן צו בעטן פּראָפ. סדן, ער זאָל נעמען אויף זיך אָט די ראָל. בין איך אַוועק צו פּראָפ. סדן מיט אומזיכערקייט, ווייל כ׳האָב געוווּסט ווי ער איז פאַרפלייצט מיט פאַרשלאָגן און ווי ער איז איבערמענטשלעך פאַרנומען. מיינע טריט צו זיין הויז אין בית הכּרם אין ירושלים זענען געווען נישט קיין זיכערע און כ׳האָב אין מיין קאָפּ געזוכט וואָגיקע אַרגומענטן כּדי נישט דורכצופאַלן... מוז איך זאָגן, אַז די ערשטע באַגעגעניש אין זיין הויז איז געווען מיט זיין פרוי, גוסטאַ, וועלכע האָט מיך באַגעגנט מיט אַזאַ וואַרעמקייט און חנעוודיקייט, אַז דאָס איז געווען אַן אַריינפיר פאַר דער וואַרעמער באַציִונג פון פּראָפ. דב סדן צו מיין פאַרשלאַג. ער האָט אָן באַוואָרענישן געשטיצט די זאַך און אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס וועט זיין דער ערשטע ליטעראַרישער פּרייז פאַר העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור אין ישׂראל. דער שמועס איז געווען אַ פריינדלעכער און דב סדן האָט גאָר מיך געמונטערט זיך צו האַלטן שטאַרק כּדי דער פּלאַן זאָל מצליח זיין. ווייס איך נישט ווען זענען געווען ענלעכע באַגעגענישן צווישן גאַליציע און בעסאַראַביע, כ׳ווייס נאָר, אַז פון דעמאָלט אָן איז פאַרקניפּט געוואָרן צווישן דער בעסאַראַבער משפּחה מיט דב סדנען אַ טיפע פריינדשאַפט. נישט נאָר באַטייליקט ער זיך יעדעס יאָר, ווי דער פאַרזיצער פון דער זשורי, אין פאַרטיילן די פּרעמיעס, נאָר ס׳איז אויך איינגעפירט געוואָרן אַ שיינער מנהג, אַז נאָך דער פאַרטיילונג רעפערירט ער אויף פאַרשיידענע ליטעראַרישע און קולטורעלע טעמעס.

אויב דער ליטעראַרישער פּיכמאַן־פּרייז ווערט איצט געהעריק אָפּגעשאַצט, איז עס זיכער אַ דאַנק פּראָפּ דב סדן. ער האָט עס געטאָן נישט נאָר צוליב זיין וואַרעמער באַציִונג צום בעסאַראַבער שבט, נאָר דער עיקר, כּדי מיטצוהעלפֿן צו דערנעענטערן ייִדישע און העברעיִשע שרייבערס אין דער זעלביקער אַכסניה.

און נאָך אַ פּאַל. שוין אַ פּאָר יאָר ווי איך טראָג זיך אַרום מיט אַ פֿאָרשלאָג, אַז אין ישׂראל זאָל געגרינדעט ווערן אַ קאָמיטעט פֿאַר ייִדישער קולטור. צוליב דער שווערער לאַגע פֿון דער ייִדישער קולטור אין די גלות־לענדער און דער נויטווענדיקייט אָפּצוראַטעווען די גרויסע קולטורעלע ווערטן פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, וואָס פֿאַרשווינדן פֿון יאָר צו יאָר אַלץ מער אין לעבן פֿון די ייִדישע קהילות אין גלות, דאַרף קומען אַ הילף, אַ וואַרעמע אויסגעשטרעקטע האַנט, גראָד פֿון מדינת ישׂראל.

פּראָפּ. דב סדן האָט אויפֿגענומען דעם פֿאָרשלאָג און כ'וויל האָפֿן, אַז פֿון דער איניציאַטיוו וועט אַרויסקומען אַן ערנסטע הילף פֿאַר דער ייִדישער קולטור.

פּראָפּ. דב סדן איז מיט אַ צייט צוריק צוריקגעקומען פֿון אַ לענגערן באַזוך אין דרום־ און צפֿון־אַמעריקע און האָט דערציילט וועגן דער לאַגע פֿון דער ייִדישער קולטור אין די דאָרטיקע ייִדישע קהילות. זיין גרוס איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט אַ סך זאָרג און באַדויער. ער האָט געפֿונען אין פֿיל פּלעצער חורבות, צעפֿאַלנקייט אין די געצעלטן פֿון דער ייִדישער קולטור. נישטאָ דאָרט קיין ערנסטער פֿאַרזאָרגער פֿאַר ייִדישע גייסטיקע ווערטן. אויסהערנדיק דב סדנס גרוס, בין איך געזעסן ווי צוגעשמידט צו מיין פּלאַץ. כ'האָב געהערט די שטים פֿון אַ וואַרעמען ייִדן, וואָס קומט נישט אָפּ מיט איוב־גרוסן, נאָר טראַכט ווי צו ראַטעווען. ער האָט מיך געשטאַרקט אין מיין ווילן עפּעס אונטערצונעמען אין דער ריכטונג.

ד

היינט, ווען די ישׂראלדיקע עפֿנטלעכקייט טראָגט צו קרענץ פֿון ליב און אָפּשאַצונג צו דב סדנס 70־יעריקן יובל פֿאַר זיינע ליטעראַרישע אויפֿטוען, וויל איך צוגעבן מיינס אַ באַשיידן בלימעלע פֿאַר זיין מענטשלעכער און וואַרעמער באַנעמונג, פֿאַר זיין אהבת־ישׂראל — פֿאַר אָט די שיינע מידות זיינע וואָס באַגלייטן זיין פֿענאָמענאַלע ליטעראַרישע שאַפֿונג.

מערץ 1972

דב סדן

(צו זיין 75־יאָריקן יובל)

ווען כ׳האָב מיך דערוווּסט, אַז פּראָפעסאָר דב סדן ווערט 75 יאָר, עד מאה ועשׂרים, האָט די ידיעה אַרויסגערופן ביי מיר אַ וואַרעם געפיל פון פרייד. דב סדן איז פאַר זייער פיל פון מיין דור אַ הויך געשעצטע פערזענלעכקייט, וואָס האָט אַרום זיך תּלמידים פון אַ חסידישן שניט אין אַ מאָדערנער פאָרעם.

די טיפע באַציִונג צו אים איז נישט נאָר אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר זיין פענאָמענאַלער ערודיציע. דב סדן אַלס דענקער און שרייבער איןביידע שפּראַכן, עברית און יידיש, פאַרנעמט אַ גאָר בולטן פּלאַץ אין פיל ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע שטחים און איז געוואָרן ווי אַ פעלדזטייל פון דער ישׂראל־דיקער און כּלל־יידישער גייסטיקער שאַפונג.

כ׳וויל גלייך באַמערקן, אַז איך קלייב מיך נישט צו שרייבן וועגן זיינע גרויסע ליטעראַרישע און קינסטלערישע דערגרייכונגען. אויף זיינע הויך־באַרגיקע גייסטיקע שאַפונגען קוק איך מער ווי אַ דרויסנדיקער באַוווּנדערער און נישט ווי אַ קענער פון די פאַרשיידענע סוגיות וואָס ער האָט פאַראייביקט אין זיינע שריפטן. דאַקעגן פיל איך מיך אַזוי נאָענט און היימיש אין דער באַרירונג מיט זיין פערזענלעכקייט, מיט זיין אויפפירונג און באַנעמונג. יעדעס מאָל ווען כ׳טרעף מיך מיט דב סדן, האָב איך דאָס געפיל פון אַ תּלמיד וואָס וויל גערן הערן די מיינונגען פונעם לערער. און נאָך איינע פון זיינע מעלות איז נישט נאָר דאָס וואָס ער ווייזט אַרויס אַזוי פיל בקיאות און קענטעניש אין יעדער פראַגע וואָס דו באַרירסט מיט אים, נאָר דו פילסט אַז זאָגנדיק זיין מיינונג צווינגט ער דיך נישט אָנצונעמען זיין שטעלונג. ער איז טאַקע ווייט נישט קיין ותּרן אויף יסודותדיקע זאַכן, אָבער ער ווייזט נישט אַרויס — אין פריינדלעכע שמועסן — קיין תּקיפות.

אין דב סדנס שמועסן, אין זיין פערלדיקער „קאָזעריי״, אַנטפּלעקט זיך נישט ווייניק פון זיין שפּרודלדיקן גייסטיקן קוואַל. ער איז אָפט מאָל אַזוי קאָנטראַ־ווערסאַל און אייגנאַרטיק אין זיין באַציִונג צו פאַרשיידענע פערזענלעכקייטן, געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, ליטעראַרישע און גייסטיקע פיגורן, אַז ער איז מסוגל צו צערודערן זיינעם אַ צוהערער, אויב ער האָט נישט קיין פעסטע אינער־לעכע דיסציפּלין פון אַן אייגענער האַלטונג. דב סדנס מעלה ביים אַרויסזאָגן זיינע אַ מיינונג איז, אַז ער האָט דערביי די גרויסע געדולד אויפצונעמען אויך דעם אַנדערנס מיינונג, ווי אַנדערש זי זאָל נישט זיין פון זיין אייגענער. דאָס הייסט נישט, אַז ער איז מוותּר אויף זיין שטעלונג, ער קומט צוריק צו איר, אָבער

אין אַן אינטימען שמועס האָסטו דאָס געפּיל, אַז ער דולדעט יענעמס שטעלונג און דערמיט רופט ער אַרויס צו זיך געפילן פון אָנערקענונג.

יעדעס מאָל ווען איך באַזוך אים אין זיין באַשיידענער דירה אין בית הכּרם אין ירושלים, ווער איך גלייך באַהערשט פון די טויזנטער ביכער, פּובליקאַציעס, כּתבֿי־יד, וואָס פילן אויס יעדעס ווינקעלע פון די צימערן. די עם־הספר־אויפפאַסונג קומט דאָ בולט צום אויסדרוק. און מ׳דאַרף צוגעבן, אַז זיין לעבנס־באַגלייטערין, די איידעלע גוסטאַ, דערגאַנצט די וואַרעמקייט פון הכנסת־אורחים ביי דעם גרויסן תּלמיד חכם. כ׳וויל האָפן, אַז דב סדן וועט נישט האָבן קיין פאַראיבל אויף מיר אויב כ׳וועל דאָ באַמערקן, אַז ער האָט אַ מאָל אַן איבערגעטריבענעם געדולד צו די פיל, פיל מענטשן וואָס דערקוטשען אים, נעמען ביי אים צו אַ סך צייט און רייסן אים אָפּ פון זיין אַרבעט. איך שטרייך דאָס אונטער נישט ווי אַן אויסדרוק פון באַדויערן צוליב דער פאַרטאָכליעוועטער צייט זיינער, נאָר כּדי אָנצווייזן, אַז אין זיין טיפן וועזן, טראָגט ער מיט שטאָלץ נישט נאָר דעם כּתר פון תּורה, נאָר אויך דעם כּתר פון עכטער פאָלקסטימלעכקייט. דאָס דערנענטערט די מענטשן צו אים, דערמיט דערמוטיקט ער יחידים. צווישן אָט די ביידע כּתרים איז ביי סדנען נישטאָ קיין סתּירה: תּורה און פאָלקסטימלעכקייט לעבן ביי אים צוזאַמען אין גרויסער האַרמאָניע. ווען עמעצער וועט זוכן די סיבות וואָס האָבן אים געבראַכט אַרויסצווייזן אַזוי פיל וואַרעמקייט דער ייִדיש־קולטור און גלייכצייטיק צו זיין דער גרויסער קענער פון דער עבֿרית־קולטור, וועט ער זיכער קומען צום אויספיר, אַז דאָס איז זיין פאָלקסטימלעכקייט און טיפע פאַרוואָרצלטקייט אין ייִדישן לעבן.

זיין פאָלקסטימלעכקייט האָט אים אויך אָפּגעהיט ווען ער איז געוואָרן פּראָפעסאָר פון דער ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלימער אוניווערסיטעט. ער איז נישט געוואָרן דער דאָגמאַטיש־טרוקענער פאָרשער, זיך נישט פאַרזיגלט אין העלפאַנטביין־טורעם. ער איז געווען און געבליבן תּמיד גרייט צו העלפן און דערמוטיקן פאַרשיידענע קולטור־איניציאַטיוון, אויב ער זעט נאָר אין זיי געזונטע וואָרצלען. ער באַנוגנט זיך נישט מיט דער אַבסטראַקטער אידעע, ער שטרעבט דערצו אַז גרויסע אידעאַלן זאָלן באַגלייט ווערן מיט גרויסע אויפטוען. פון זיין ביאָגראַפיע איז באַקאַנט אַז זיינע געזעלשאַפטלעכע ערשטע שריט האָט ער אָנגעהויבן אין אַ חלוציִשער ראַם. חלוציזם איז געווען ביי אים אַן אויפפאַסונג, אַ לעבנס־וועג און ער איז אויך פאַרבליבן דער חלוץ וואָס טראָגט אַזוי שטאָלץ דעם כּתר תּורה.

פּראָפ. דב סדן, וועלכער איז אַזוי רייך מיט זיין פאַרצווייגטער גייסטיקער אַרבעט, קען אויך מאַכן אַ זייער רייכן בילאַנס פון קאָנסטרוקטיווע טאַטן און אויפטוען אין זיין לעבן. דער סך הכּל פון אָט די אויפטוען וועט נאָך זיכער געמאַכט ווערן.

איך וויל דאָ אונטערשטרייכן בלויז אַ פּאָר פאַקטן, פון וועלכע מ׳וועט אפשר קענען אָפּלערנען וועגן פּראָפ. סדנס גרויסן קאָנסטרוקטיוון צושטייער צום יידישן קולטור לעבן. מיט 12 יאָר צוריק האָב איך זיך געווענדט צו אים, ער זאָל נעמען אונטער זיין פּאַטראָנאַט דעם ליטעראַרישן פּרייז אויפן נאָמען פון יעקב פּיכמאַן, פאַר שאַפונגען איןביידע שפּראַכן: עברית און יידיש. דעם פּרייז האָט געגרינ־דעט דער בעסאַראַבער פאַרבאַנד. ווען מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן אַ קולטור־פיגור וואָס זאָל אונטערשטיצן דעם פּיכמאַן־פּרייז און אים געבן דעם נייטיקן אויסזען און אָנזען, כדי ער זאָל נישט בלייבן אַ ווינקלדיקע פּראָווינציע־לע דערשיינונג, איז דער אויסוואַל געפאַלן אויף פּראָפ. דב סדן. און איך מוז זאָגן, אַז איך בין געווען אַנטציקט פון דער פאַרשטענדעניש, פון דער וואַרעמקייט, וואָס דב סדן האָט אַרויסגעוויזן מיט זיין באַציִונג און מיטהילף צו דעם פּיכ־מאַן־פּרייז. אויב דער יעקב פּיכמאַן ליטעראַרישער פּרייז האָט דערגרייכט אַ שטופּע פון אָנערקענונג אינעם קולטורעלן לעבן אין ישׂראל האָט אין דעם אַ גרויסן חלק דב סדן. איך געדענק אייניקע שמועסן מיט אים נאָך דעם ווי דער פּרייז איז שוין געוואָרן מער אַנטוויקלט. ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יעקב פּיכמאַן געהערט נישט נאָר צו די בעסאַראַבער, נאָר צו כלל ישׂראל, האָב איך געפּרווט פּרעגן, אַז אפשר איז כדאַי איבערצוווייזן דעם פּרייז צו אַן אָפיציעלער אינסטיטוציע, האָט זיך דב סדן אַרויסגעזאָגט קעגן דעם. זיין תּכליתדיקער צוגאַנג איז געווען בשום אופן נישט מוותּר צו זיין אויף דער באַזונדערער וואַרעמקייט און פּיעטעט וואָס די בעסאַראַבער יידן האָבן צו יעקב פּיכמאַנען וואָס דאָס איז אַזוי וויכטיק פאַרן דערפאָלג פון דעם פּרייז.

אַ גאָר אינטערעסאַנט קאַפּיטל איז דב סדנס באַציִונג צו דער גרינדונג און צו דער אַקטיוויטעט פונעם קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור אין ישׂראל.

דער קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שטאַרקן דעם פּרעסטיזש פון יידיש אין ישׂראל און אין די תּפוצות, דערנענטערן ביידע מחנות, עברית און יידיש און זוכן נייע וועגן פון טעטיקייט. דב סדנס באַציִונג צו דער אַרבעט פון קאָמיטעט איז פון אָנהייב אָן געווען אַ פּאָזיטיווע און וואַרעמע. ער איז גע־שטאַנען אויף דער זייט פון יעדער טאַט וואָס איז געווען קאָנסטרוקטיוו. מען מוז אָבער צוגעבן אַז סדנס שטיין נאָענט צום קאָמיטעט האָט נישט געהייסן, אַז ער איז מסכים צו אַלץ וואָס ווערט דורכן קאָמיטעט געטאָן. פון צייט צו צייט האָט ער געהאַט רעזערוואַציעס און פּלעגט אָנווייזן, אַז ער האַלט געוויסע איני־ציאַטיוון פאַר נישט פּאַסיק.

צום כבוד פון סדנען זאָל אָבער געזאָגט ווערן, אַז ער האָט זיינע רעזערוואַ־ציעס געהאַלטן אויף אַ „קליינעם פייער״ און נישט געוואָלט מאַכן קיין שריט וואָס וואָלט געקענט שטערן דער זאַך, מחמת אין אַלגעמיין האָט ער אָפּגעשאַצט די אַרבעט פון קאָמיטעט און זיך באַצויגן צו איר מיט אחריות. דער גאַנצער ענין איז אים נאָענט. מיר, פון אונדזער זייט, האָבן אים די גאַנצע צייט באַגלייט מיט

ייִדן אויפֿן שיידוועג

אַ געפיל פון טיפער דאַנקבאַרקייט פאַר זיין קאָנסטרוקטיווער קריטיק און פאַר דער וואַרעמקייט צום גאַנצן ענין.

דערווייל איז נאָך צו פרי צו מאַכן אַ סך הכל פון די 4 יאָר אַרבעט פונעם קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל, אָבער ס'איז זיכער, אַז סדנס ביי־טראָג איז געווען אַ באַדייטנדיקער.

צו זיינע 75 יאָר ווינטשן מיר אים פון פולן האַרצן אַ סך געזונט און אַריכת ימים צוזאַמען מיט זיין ליבער לעבנסבאַגלייטערין גוסטאַ און זאָל ער ווייטער אָנגיין מיט זיינע גייסטיקע שאַפונגען וואָס זענען אַ כבוד פאַר אים און פאַר אונדז אַלע.

פעברואַר 1977

אינהאַלט

א. ייִדישע פּראָבלעמען

צי ענדיקט זיך די השפּעה פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום ? 11
ייִדן אָן ייִדישקייט 25
תשעה־באב קען נישט פאַרבייטן דעם אָנדענק־טאָג פון דער נאַצי־שחיטה . 35
דער געראַנגל פון סאָוויעטישן ייִדנטום :
א. נאָך דער ערשטער בריסעלער קאָנפערענץ 38
ב. מדינת ישׂראל און דאָס סאָוויעטישע ייִדנטום 42
ג. ייִדן פון סאָוויעט־רוסלאַנד אין ישׂראל 46
ד. עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד שטעלן פראַגן 50
ה. פאַר אַן אידעאָלאָגישער קליטה פון די עולים פון ראַטנפאַרבאַנד . 53
ו. מיט שותּפותדיקע כּוחות אַפּראַטעווען די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד . 57
ז. אין קאַמף מיט גליתן האָט ווידער געזיגט דער קליינער דוד . . 60
ח. פאַר אַ דיאַלאָג מיט די ייִדישע אַקאַדעמיקער פון סאָוויעט־רוסלאַנד 67
ט. מיר זענען מיט אייך אין אייער קאַמף (נאָך דער צווייטער
בריסעלער קאָנפערענץ) 70
י. אונדזער באַציִונג צו די „נושרים" 74
די גורל־שותּפות צווישן ישׂראל און דעם וועלט־ייִדנטום 80
ישׂראל און די תּפוצות 84
אַ דין־תּורה מיט דער פרייער וועלט 94
פאַר דער אייניקייט פון ייִדישן פאָלק 97
אַ ווענדפּונקט אינעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס 103
אויפגאַבן פאַר דער צוקונפט (40 יאָר ייִדישער וועלט־קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן) 107
מאַניפעסטאַציע און עיקר (דער ראַט פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס
אין וואַשינגטאָן) 113
בית לוחמי הגיטאות — אַ הויז וואָס יעדער דאַרף באַזוכן 119

ב. מיט ייִדן אין פאַרשידענע גלותן

אויף די וועגן פונעם מערב־אייראָפּעיִשן ייִדנטום 125
אַ ייִדישע פייערונג אין בוקאַרעשט (סעפּט. 1972) 130
מיט ייִדן אין יאַס 135
אויף די שליאַכן פון ייִדישן גלות 145
מיט ייִדן אין טעהעראַן 152
מיט ייִדן אין שוועדן 157
מיט ייִדן אין בועאָנס־איירעס 166
וואָלקנס איבער ייִדישע קהילות (מיט ייִדן אין יאָהאַנעסבורג) 174
מיט ייִדן אין בוקאַרעשט 179
מיט ייִדן אין מעקסיקאָ 185
70 יאָר זינט דעם קעשענעווער פּאָגראָם 192

ג. אויפן ציוניסטישן פראָנט

צענטראַלקייט פון ישׂראל — אַ נאַציאָנאַלע נויטווענדיקייט 199
אונדזער ענטפער 213
שווער צו זיין אַ ציוניסט 218
ציוניזם, מדינת ישׂראל און די אַראַבישע מינדערהייט 225
באַציִונג פון דער ישׂראל־באַפעלקערונג צום יידישן פאָלק און צום ציוניזם . 234
ציוניסטן אָן ציוניזם 240
סימפאַטיע פאַר מדינת ישׂראל קען נישט פאַרבייטן דעם ציוניזם . . . 258
צי דאַרף מען אַ ציוניסטישע באַוועגונג אין ישׂראל ? 264
עליה — דער גרויסער חשבון־הנפש פון אונדזער תּקופה 269
זוכן פאַרשטענדיקונג מיט פּאַלעסטינער איז נישט קיין סתּירה צום ציוניזם . 273
ביים באַרג סיני 277
30 יאָר מדינת ישׂראל 283

ד. יידיש און יידישע קולטור

אַ קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישׂראל 311
קאָנסטרוקטיווע הילף פאַרן יידישן וואָרט 315
זאָגט נישט קיין קדיש... 318
אַ וועלט־באַראַטונג אין ישׂראל פאַר יידישער קולטור 326
ווען דערפאָלג פאַר יידיש איז גורם עגמת נפש... 329
וועלט־קאָנפערענץ אין ירושלים פאַר דער יידישער קולטור 335
פרייד און האָפענונג (צו דער דערעפענונג פון דער וועלט־קאָנפערענץ) . 349
יום־טובדיקייט און וואָכעדיקייט (נאָך דער וועלט־קאָנפערענץ) 352
ערשטע שריט נאָך דער יידיש וועלט־קאָנפערענץ 355
ראָזענטאַליאַנאַ 361
יידיש אין אָקספאָרד 365
אַ יום־טוב פון יידיש 371

ה. פּערזענלעכקייטן

יוסף שפּרינצאַק 375
לוי אשכּול — דער מאַן פון גרויסער שליחות 383
אַ באַגעגעניש מיט האַרי טרומאַן 385
פּראָפ. א. י. העשל — אַ גרויסער מזרח־אייראָפּעישער ייִד 390
זלמן שזר — דער פּרעזידענט פון מדינת ישׂראל און פון יידישן פאָלק . 394
אריה פינקוס 397
נחמן סירקינס דרך 400
פּנחס ספּיר (שטריכן) 402
באַגעגענישן מיט יעקב פיכמאַן 408
אונדזער ווירקלעכקייט אין ליכט פון יעקב פיכמאַנס שאַפונג 413
דב סדן (שטריכן)
א) צו זיין 70 יאָריקן יובל 418
ב) צו דער פייערונג פון 75 יאָר 442